STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10726

SOVETISH

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראָלעטאריער פונ אלע לענדער,
פאראייניקט זיכ!

סאָוועטיש

ליטעראַרישער אלמאנאכ

2

פאראייניקונג פונ די מאָסקווער יידישע סאָוועטישע
שרייבער באַם פארבאנד סאָוועטישע שרייבער

פארלאג „עמעס", מאָסקווע 1935

ד. בערגעלסאָן

באַם דניעפּער

(פונעם צווייטן בוך)

קאַפּיטל איינס

1

באַרג־אַראָפּ האָבן צו פאַרטאָג־צו נאָך געצאַנקט שיטערע גאַז־לאַמטערנס.
מיטן פריקרע־טיפן „איוואַנאָווסקי ספּוסק”, וואָס פאַרקירצט דעם וועג צווישן דער היכער פּאַריזן־שיינער שטאָט און דער נידעריקער גרעקאָווקע, איז איין־אַליין געגאַנגען דער נאַכט־קאָרעקטער מאָט־מאַגידאָוויטש (מאָטי מאַגידאָוויטש) — אַן אָפּגעלאָזן־לאַנגער, אַ רויטלעכער מיט אַ האַרט צוגע־בונדן בערדל, מיט עפּעס ווי אַן אויסשיט אין גרויסן קרעפּטיקן פּאָנעם און אַפילע אין די אויגן, וואָס לאָזן ניט דערגיין, פון וואָס פאַר אַ פאַרב זיי זיינען. ווי טרי אַף שטרוי פון אַ דאַך איז אַף אים געפאַלן פאַרטאָ־געדיקע פייכטקייט, זיך געקלעפּט צו זיינע וואָנצעס, צו דער נאָז, צו די ברעמס אַרום זיינע פאַרזשמורעטע אויגן.

די היכע פּאַריזן־שיינע שטאָט, פונוואַנען מאַגידאָוויטש איז געגאַנגען:

איינגעשלאָפענע ענג־פאַרבויטע באַרג־אַראָפּן, באַרג־אַרופן, געדרייטע און שנור־גלייכע גאַסן מיט בענק, מיט באַנקיר־הייזער, מיט מאַגנאַטישע קאָנ־טאָרן, מיט האָטעלן און פאַרפּוצטע געשעפטן אַרום די טעאַטערס — פיל־גאָרנדיקייט פון דעכער, דעכער העכער פון פילגאָרנדיקייט, דורכגעמישט דאָ און דאָרט מיט געפלעכט פון דראָטן, מיט פרום־אַרויסשטעקנדיקע קלויסטער־שפּיצן.

די נידעריקע גרעקאָוקע, וווּהין מאַגידאָוויטש איז געגאַנגען:

גאַסן און געסלעך אַף איינגעשלאָפענער ברוקירטער און ניט־ברוקירטער זאַמדיקייט — זיי שפּאַרן זיך איינע צו די אַנדערע, קריכן אויך אַרויף איינע אַף די אַנדערע, האָבן דאָרט אויך מאַרקן מיט אַרויסשטעקנדיקער פיל־גאָרנדיקייט, מיט אַרויסקוקנדיקע קלויסטער־שפּיצן, ווי אומיסטן ניט אַלע שפּיצן גלייך, ווי אין לייכט־פאַרוואָלקנטן אויסגעבלייכטן הימל וואָלטן אָט די שפּיצן פון באַנאַכט נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט אַרומצוזוכן די פאַרגאַנ־גענע לעוואָנע. די גרעקאָווקע וואָלט עפּשער גאָרניט אויסגעזען אַזוי ני־דעריק, ווען באַ די פאַבריקן, וואָס רינגלען זי אַרום, וואָלטן די געמויערטע קוימענס ניט געווען אַזוי הויך.

ווי אַלעמאָל באַ שאַריען אַף טאָג, ווען קיין טראַמוויען גייען ניט, זיינען מאַגידאָוויטשעס לאַנגע גיך־שפּאַנענדיקע פיס אַליין געווען אַ שטיק

טראַמוויי. דאָס האָט ער זיך אומגעקערט פונ דער טיפּאָגראַפיע — א צעמענטענער קעלער אונטערנ נײַעמ פּילגאָרנדיקנ רעדאַקציע-הויז, וואָס לעבנ צענטער. ווי אלעמאָל נאָכ זײַנ באנאכטיקער קאָרעקטור־ארבעט איז אימ דער קאָפּ צו פארטאָג-צו געווענ לײַדיקגייעריש-לויטער, דער געדאנק — פּוסטלעכ־קלאָר, זײַנע אויגנ — שארפּ, אלציינס הונגעריק אפּ אלע זאכעניש, וואָס זיי וועלנ האָבנ צו זענ. אינ עק „איוואנאָווסקי ספּוסק” זײַנענ אימ געוואָרנ איבעריק די ניט־אויסגעלאָשענע גאז-לאמטערנס — ס'האָט אָנגעהויבנ טאָגנ. לינקס — פונעמ גאָרטנ, וואָס ארומ האלב־טורמעדיקנ מעשוגאָימ־הויז — האָט געשמעקט מיט טריקענ אפּרעל־גרעזל, מיט פאראיאָריק-צעפוילטע בלעטער. באָרג־ארופ האָט זיך דורכגעשלעפּט אנ ארויסגעפאָרענער איזוואָשטשיק, פארשלאָפענערהייט געמאכט דעמ נײַעמ טאָג „אינ דער מאמענ ארײַנ”. אינ דער באָז האָט א שלאָג געטאָנ מיט פרישנ פּערדישנ קיזיק, וואָס איז נאָכ אימ געבליבנ אפּ שלעכט-ברוקירטנ פּלאכטער. פונ אקעגנ האָט געצויגנ מיט שלעכטע גאזנ פונ באָיארסקיס כימישער פאבריק. ס'האָט קורצ אָפּגערעוועט די סירענע אינ ראכליסעס דערבײַיקנ צעמענט־זאוואָד. ס'האָבנ זיך מיטאמאָל א קנויל געטאָנ אלע רייכעס פונ דער גרעקאָווקע — מאגידאָוויטש האָט זיך דערפילט אינ דער היימ. דאָ זײַנענ אימ פונ קינדווײַז אָנ געווענ באקאנט אלע הײַזער, אלע מענטשנ, יעדער שטיינ אינ גאס.

אפּנ ראָג פונ זשוקאָווסקי־ אונ קלימענטיעוו-געסל האָט ער דערזענ, ווי דער האלב-נאקעטער הענטשקע־מאכער שימל פּאָלטאָראַק — א האָריקצעבראָסטעטער מיט שוואכע אקסלענ, וואָס באוועגנ זיך שטענדיק אפּ צו געבנ שטארקע קלעפּ — האָט צוליב א געוויסער באדערפעניש געעפנט זײַנ טיר אינ האלב־אָפענעמ ברודיקנ הויפ ארײַנ, נאָר געבליבנ אינ טיר א פארציפּיניעטער: פונקט אקעגנ האָט א יונגער כעווערמאנ געקלעפּט צו דער וואנט א פּראָקלאמאציע. די פּראָקלאמאציעס האָט דער כעווערמאנ קענטיק געקלעפּט דאָ אינ גאס נאָכ פונ באנאכט אָנ. מאגידאָוויטש האָט פארבײַגייענדיק געכאפּט א קוק. די פּראָקלאמאציעס האָבנ געהאט אנ אופשריפט מיט א ווענדונג צו די ייִדישע ארבעטער דאָ אינ שטאָט:

„ייִדישע ארבעטער! ענטפערט אפּ קעשעניעווער פּאָגראָמ מיט ארויסטרעטנ אונטער דער פאָנ פונ דער רסדאפּ.

מאגידאָוויטש האָט דערהערט, ווי פּאָלטאָראַק האָט בייז א געשריי געטאָנ:

— „שוואַרציאָרניק”... קיינ אנדער אָרט האָסטו שוינ גאָר ניט געפונענ!..

מאגידאָוויטש איז געבליבנ שטיינ.

פּאָלטאָראַק האָט, ווײַזט אויס, אזש פארגעסנ אינ דער באדערפעניש, וואָס האָט אימ סאָפּ שטילער נאכט אופגעריסנ פונ שלאָפ — אזוי שטארק האָט אימ די מײַסע פארדראָסנ. מאגידאָוויטש האָט א מאכ געטאָנ וועגנ דעמ הענטשקע-מאכער צו זיך אינ רויטלעכנ בערדל ארײַנ:

ער וויל, הייסט עס, ניט ליידנ...

פאָלטאָראק, אפ וויפל מע האָט אימ אפ דער גרעקאָווקע געקאָנט, האָט ליב געהאט א כאזנ, דער רועכ האָט אימ אזש גענומענ, געווענ צוליב דעמ אונטערשטופּער אינ דער גרויסער העקעשער שול, געזעסנ דאָרט אלע שאבעס אינ שפּיגל־באנק, געטראָגנ א שווערנ סיגנעט מיט א פאלשנ שטיינ, געבליצט מיט די אויגנ, געפּאָנפעט אונ געכריפּעט באמ ריידנ, קעדיי מע זאָל הערנ, אז דאָס רעדט ער אונ ניט קיינ אנדערער. זיינ קליינע הענטשקעקראָמ האָט ער געהאט אינ אָנהייב הויכע שטאָט, אפ אלעקסאנדראָווסקע, אליינ האָט ער דאָ געוווינט לעבנ זיינ ווארשטאט. געהאלטנ פינפ—זעקס ארבעטער, קיינ כילעק צווישנ פארשיידענע סאָציאליסטנ איז בא אימ ניט געווענ, אלע האָט ער אפצייכנט גערופנ „די שווארצע העמדלעכ". אונ דאָ קלעפּט אימ איינער פונ זיי א פּראָקלאמאציע פונקט פאר דער גאָז. ער האָט בייז א כריפּע געטאָנ:

— שווארציאָרניק, איז דאָס ביסטו?! — כאָטש דעמ שווארציאָרניק האָט ער, ווי ס'האָט זיכ נאָכדעמ ארויסגעוויזנ, נאָכ קיינמאָל אינ לעבנ ניט געזענ, — ביסטו, הייסט עס, דער גאנצער „צאריזמ שאטאיעטסיא"? מאמזער איינער! — אונ באלד מיט אָנגעצונדענע אויגנ זיכ א לאָז געטאָנ דעמ כעוורעמאנ כאפּנ.

דער פּראָקלאמאציע-קלעפּער האָט אויסגעזענ פונ א יאָר זיבעצנ, ניט מער — א טונקעלער אינ א שווארצ רעקעלע פארשפּיליעט ביזנ האלדז, יאָ א יידישער, צי ניט קיינ יידישער. אינ אימ איז געווענ עפּעס באנאכטיקס, ווי אינ א גאז־פלעמל פונ א נאכט־לאמטערנ, וואָס מע האָט בא טאָג ווערנ פארגעסנ אויסצולעשנ. מאגידאָוויטשנ איז געוואָרנ טשיקאווע צוצוגיינ. דער יונגער כעוורעמאנ האָט זיכ ניט דערשראָקנ, זיכ געהאלטנ קאלט אונ ווי א צוכט דערקלעפּט די פּראָקלאמאציע. אָט קוקט ער זיכ אומ קימאט מיט א שמייכל צומ שטיינ־געבליבענעמ מאגידאָוויטשנ, צו פאָלטאָראקנ: ער גלייבט, אפּאָנעמ ניט, אז מיט זיינ ארבעט פארדינט ער, מע זאָל אימ שלעכטס טאָנ. מאגידאָוויטש וואָלט זיכ געקאָנט וועטנ:

— דער יאט האָט אקאָרשט הייניטיקע נאכט אָנגעהויבנ זיינ „רעוואָליוציאָנערע קאריערע" — נאָכ א פריצ! דאָס האָט דערמאָנט מאגידאָוויטשנ אָנ זיינע אייגענע יונגע יאָרנ: נאָרוואָס ארויסגעפלויגנ פונ דער יעשיווע, זיכ ארופגעוואָרפנ אפ סאָציאליסטישע בראָשורנ, באקומענ כיישעק איינס אונ צוויי „אונטערקראָטעווענ די וועלט"... איז ט'האָסטו דיר: פונקט אזא „כאָכעמל", ווי אמאָל איז געווענ ער, מאגידאָוויטש — גיי וויס, וואָס איז עס פאר א יאטל — א טיפּעשל?.. נארישער פונ אלע מענטשנ אפ דער וועלט?.. צי עפּשער ווער ווייס אימ? — עפּשער קליגער פונ אלע...

פאָלטאָראק אינ אונטערשטנ וועש האָט דערווייל ניט אופגעהערט כריפּענ. ער האָט מיט ביידע הענט שוינ געהאט ארומגעכאפּט דעמ פּראָקלאמאציע-קלעפּער, ווענ יענער — א שטייפּער, א יונג־דראָטיקער האָט זיכ פלוצלינג

געגעבן א קונציקן דריי, פלוצלינג מיט א באפרײַטער האנט דערלאנגט פּאָל־טאָראקן א הארטן באָקסער, אים געטראָפן פונקט אינמיטן פּאָנעם. פּאָל־טאָראק האָט זיך אזש א וואקל געטאָן, א מאַך געגעבן מיטביידע הענט, ווי אף צו טאַפּן אין דער פינצטער — פון זײַן נאָז, פון ביידע נאָזלעכער מיטאמאָל האָבן צוויי שמאָלע און ווארעמע שטראָמעלעך בלוט גיך א רינ געטאָן אין זײַן אָפענעם מויל אַרײַן. ערשט איצט האָט ער דערזען: דער „שוּוארציאָרניק" איז נאָך אַלץ ניט אנטלאָפן — ער שטייט דאָ אין געסל, ווײַטער מיט א קלאפּטער צען, שטשערעט די ווײַסע ציין און קײַכט פון געלעכטער:

— פעטער! — שרײַט ער צו פּאָלטאָראקן אף יִידיש, — עס פאלן אײַך אראָפּ די גאטקעס. דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן פּאָלטאָראקס גוואלדן: „לאָ־וויטיע!" „גאָראָדאָווי!" „פּאָליציא!" דאָ האָט זיך אָנגעהויבן א געיעג. יונגע ארבעטער, וואָס גייען גאנצפרי אין די נאָענטע ווארשטאטלעך, האָבן זיך א לאָז געטאָן אָפּשלאָגן פון פּאָלטאָראקן א זייעריקן. כעוורע האָט דערשמעקט: עס טוט זיך — עפּעס וויכטיקס, א רײַע — פון עק גאס לויפן אהער פײַפנדיקע גאָראָדאָווויען. פון אלע זײַטן האָט געיאָגט שוידער.

2

אין געלויף פון מענטשן, וואָס האָבן באלד אויסגעשאָטן פון די הויפן, האָט מיט זײַן גאנצער אָפּגעלאָזענער לענג אויך א יאָג געגעבן מאט־מא־גידאָוויטש. זײַן ארויסשטעקנדיקער קאָפּ — ווי בא אָפּשאָקלען פון זיך נאסע טראָפּן נאָך א באָד — האָט זיך א טרייסל געטאָן אין דער לופט, זיך פאר־וואָרפן אף צוריק. נעשרייען, הויך־פאריסענע גאָראָדאָווי־פײַפעלעך האָבן געקלונגען אין אויער. דער מענטשן־געלויף איז אוועק ווײַטער, זיך א פלאָנטער געטאָן אין אָנהייב פייגעריוקע, ווו עס ווינען גאנאָווים, אופ־געוועקט דאָרט אלע גאנצפריענדיק־פארשלאָפענע ווינקלען, אָנגעוויקלט ארום זיך נײַעם אוילעם, א שלעפּ געגעבן צו זיך פון אלע זײַטן לויפנדיקע קינ־דער. מער האָט מען ניט געקאָנט וויסן, ווער וועמען יאָגט נאָך, ווער וועמען וועט מאזיקן. מאגידאָוויטש איז קווענקלענדיק געבליבן שטיין:

— נאָכלויפן ווײַטער?

אין דער רוסישער ליבעראלער צײַטונג, ווו ער איז געווען נאכט־קאָרעקטער, האָט מען אלע כוידעש געדרוקט זײַנע א צוויי הונדערט שורעס כראָניק — ס'האָט אויסגעמאכט בא א פערטל פון זײַן גאנצן פארדינסט. ער האָט בא קיינעם ניט געפרעגט קיין דייע, צי פאר אים, א מענטשן מיט גרויסע אווטאָדידאקטישע, מאטעמאטישע, פילאָלאָגישע און יידיש־פאָלקלאָ־ריסטישע קענטענישן, פאסט צו שרײַבן כראָניק, פונקט ווי ער האָט בא קיינעם ניט געפרעגט קיין דייע, צי עס פאסט פאר אים צו זײַן א נאכט־קאָרעקטער. ווי א גוואלדאָווונע קענער פון אלערליי אָרטיקע עלנט־און

נויט-לעכער האָט ער געוווסט: א כאָפּטע פּייגעריווקער גאנאָווימ אונ דער יינגערער נאדזיראטעל פונ גרעקאָווקער אוטשאסטאָק נאָוויצקי זײַנענ צווישנ זיכ שטארק צעפּאָרנ — נאָוויצקי פלעגט נעמענ בא די גאנאָווימ גרויסע כוידעש-געלטער, איצט גיט ער זיי אויס איינציקווײַז — ער האלט אלע נאכט ארומ דער פּייגעריווקע זײַנע פארשטעקטע גאָראָדאָוויעס. געווענ קלאנגענ:

— אפּ דער פּייגעריווקע האָט מענ געשווירנ אוועקלייגנ נאָוויצקינ.

— מע לויערט אפּ אימ.

איצט בא זונ-אופגאנג, ווי נאָר צווישנ לויפנדיקער אונ פּײַפנדיקער פּאָליציי האָט א שווינדל געטאָנ נאָוויצקיס יונגע אָפּיצעריש-אויסגעפּוצטע פיגור, אזוי באלד האָט מאגידאָוויטש באשלאָסנ:

— דאָ קאָנ רינענ בלוט.

ס'האָט געשמעקט מיט פּופּציק שורעס כראָניק אויב ניט מער. כוצדעם — ווי כויל מאגידאָוויטש איז אינ לעבנ ניט געווענ, האָבנ אימ, ווי אנ אנארכיסטישע נאטור, שטענדיק פארכאפּט גאסנ-געשלעגנ, וואָס גיסנ זיכ אריבער אלע צוימענ פונ געזעצ אונ פונ אײַנגעשטעלטע גרענעצנ. אפּ דער פּייגעריווקע האָט ער געקאָנט אינ פּאָנעמ ניט ווייניק גאנאָווימ, וואָס האָבנ אינ זייער לעבנ אונטערגעשטאָכנ מענטשנ. איצטיקס מאָל אָבער האָט ער מיט די אייגענע אויגנ געזענ, ווי א פּיצעלע געשעעניש הייבט אָנ, ווי א קליינ קנוילעכל, אריבערגעוואָרפנ ווערנ פונ הענט צו הענט, ווערט אלצגרעסער אונ גרעסער, ברענגט צו בלוט, צו א וויסטנ אָנדענק פאר יידנ אינ דער גאנצער האלב-קריסטלעכער גרויסער שטאָט, אונ דאָס אלצ איז נאָכ ווײַט ניט דער סאָפּ — ס'איז ערשט אנ אָנהייב צו אנ אָנהייב.

3

מאגידאָוויטש, בא אלע זײַנע ערנסטע קענטענישנ, האלט פונדעסטוועגנ, אז כראָניק איז דיר א וואזשנע זאכ — א מינ גרונטשטאָק פונ לעבנ. — דערפאר אינטערעסירט כראָניק מענטשנ פונ אלערליי מאדרייגעס:

— ס'איז דער סקעלעט פונ געשעענישנ.

פונוויַיטנס האָט ער געזענ, ווי די פּייגעריווקע שטויסט אָפּ פונ זיכ דעמ מענטשנ-געלויפּ צוריק צו דער גרעקאָווקע. די פּייגעריווקע דארפּ ניט האָבנ דאָס געשלעג בא זיכ אינ דער היימ, נאָר אָפּזאָגנ זיכ פונ אימ וויל זי אויכ ניט. אינ פּלאָנטערדיקנ געווירבל טוט זיכ אלצ באנײַס א דריי. קלאָר — דאָס געשלעג האָבנ איבערגענומענ צו זיכ אינ די הענט פּייגעריווקער גאנאָווימ. אנדערע טראָגנ זיכ פונ דאָרט אָפּ, רוקנ זיכ אָפּ געשווינד מיט צעשראָקענע צוריק-טריט. מאגידאָוויטש האָט זיכ גראָד פארטראכט — ווי א מענטש מיט פילאָלאָגישע אונ יידיש-פאָלקלאָריסטישע קענטענישנ געפינט ער דערווײַל אויס:

— אפּ יידיש דארפּ מענ זאָגנ ניט „כראָניק”, נאָר „קראָניק”. דערבײַ-

איז ער אי קאָנטעט אי אופגערעגט. ער פילט זיכ ווי א פעלד־מארשאל, וואָס קוקט צו די שלאַכט פונ דער זייַט. עס שלאָגנ זיכ שוינ בלויז פאָליציי מיט גאנאָווים. ער קוקט זיכ ארומ מיט וווּנדער — טיפשים זעענ ניט, וואָס דאָ קומט פאָר: עס שלאָגנ זיכ צוויי געזעצנ אונ צוויי מאָראלנ: די געזעצנ אונ די מאָראל פונעם נאדזיראטעל נאָוויצקי שלאָגנ זיכ מיט די געזעצנ אונ מיט דער מאָראל פונ די פייגעריוועקער גאנאָווים. „גראָד דאָס" — כויזעקט ער פונ זיכ אליינ, — „וואָלט מיר מייַנ ליבעראלע רעדאקציע גלייַכ ארויסגעמעקט פונ דער כראָניק". פונ מיטנ געשלעג דערהערנ זיכ עטלעכע שאָס. זיי מישנ אויס בא מאגידאָוויטשנ די געדאנקענ, זיי מישנ אויס די געדאנקענ בא אלע אינ גאס. מע צעלויפט זיכ — אכ, ווי געשווינד מע צעלויפט זיכ! אפנ אָרט, ווו דער געשלעג איז פאָרגעקומענ, איז איינער געלעגנ מיטנ פּאָנעם אראָפּ — עפּעס זייער לעפיש, אָנ א היטל, אונ אָנ אנ אָפיצערישנ שינעל. אונטער דער זונ האָבנ דאָרט, ווי אפ א לעבעדיקנ, געגלאנצט זייַנע לאקירענע שטיוול. מאגידאָוויטשעס שארפ אויג זעט פאר א מייַל. ער ווייסט גוט ווער וועמענ האָט דערהארגעט, פונדעסטוועגנ האָט ער אומיסטנ בא איינעמ פונ די פארבייַלויפנדיקע א פרעג געטאָנ:

— נאָוויצקינ?!.. ווער האָט אימ דערהארגעט?

ער כאפּט פונעמ פארבייַלויפנדיקנ דעמ ענטפער:

— איינער פונ די גאנאָווים.

אינ יענער רעגע:

צופרידענע געדעכטעניש ארומ אלע ייִדישע ווארשטאטלעכ אינ אָנהייב גרעקאָווקע:

— געווענ א רעכטער צוידער, נאָוויצקי.

א ביסל שפּעטער:

בא געדעכטעניש ארומ ייִדישע ווארטשאטלעכ קלאפּט א צאָנ אָנ א צאָנ:

— גראָד איצט... בא די פרישע קעשעניעווער געשעענישנ.

— עס קאָנ זיכ ענדיקנ מיט א פּאָגראָמ.

פונ דער רוסישער „באָנאדעלנע", וואָס אינ עק יאוואָרסקע-גאס, איז, ווי אלע פרימאָרגנ, ארויסגעגאנגענ אפ א שפאציר דער בלינדער פענסיאָנער סקאָבעליעוו — א לאנג-אויסגעצויגענער, א יונג־גראָוער, א פינקטלעכ פאר־שפּילעטער אינ זייַנ גרויענ שינעל, וואָס מיט שווארצע קנעפּלעכ. איידער ער איז בלינד געוואָרנ, איז ער געווענ א קאפּעלמייַסטער אינ א מיליטער-אָרקעסטער. בלינדערהייט איז ער שטענדיק געגאנגענ אינ גאס ארייַנ אָנ א שטעקנ, זיכ פארלאָזט אפ זייַנ זעלטענעמ געהער, וואָס בינדט אימ צונויפ מיט שפּאַנענדיקע מענטשנ — מיט די קלעפּ פונ זייערע אָפּצאַסנ. איצט, בייס ער האָט פארקערעוועט אפ זשוקאָווסקי, זייַנענ פאר זייַנ אָנגעשטרענגטנ געהער פלוצלינג אָפּגעשטאָרבנ די קלעפּ פונ די לעצטע פּאָר אָפּצאַסנ. ער האָט א פּינטל געטאָנ מיט ביידע בלינדע אויגנ, א זוכ געגעבנ מיט ביידע הענט אונ איז שיר ניט ארופ אפנ שטייענדיקנ מאגידאָוויטש:

— וואָס איז? — האָט ער געפרעגט, — וואָס האָס איר שטאָט געכראָפּן?..

אינמיטן דער פּוסט-געוואָרענער זשוקאָווסקע זײַנען געשטאַנען אַפּן שליטן פלאַכטער עטלעכע דוואָרניקעס, אײנײנעם מיט זײערע ווײַבער באַרעדט די „שולדיקע" — דאָס האָבן זײ צוגעקוקט, ווי אַפּ איזוואָשטשיקעס לויפן אָן דער פּאָליצמײַסטער, זשאַנדאַרמען, פּריסטאַווס, פּאָליצײ אַפּ פערד: געזען פונווײַטנס, ווי פּאָליצײ מיט אַרויסגעריסענע פײַערלעשער צוימט אָפּ די גאַס אין אײן זײַט, אין אַ צווײטער. מע נעמט אַרום עטלעכע קוואַרטאַלן מיט אַ קײט — מע ווערט, זעט אויס, זוכן אין אַלע אָפּגעקײַטלטע הויפן.

מאַגידאָוויטש האָט פון ראָג געזען פאַר זיך, וואָס עס טוט זיך אָפּ צווײ גאַסן. אומעטום שליסט מען צו די הויפן. פון די פיל מענטשן, וואָס דער איבערשרעק האָט פאַרכאַפּט אין גאַס, זײַנען שוין געבליבן בלויז אײנציקע פאַרשפּעטיקטע — אי זײ אײַלן זיך אַרײַנכאַפּן אין די הויפן אי זײ באַמיען זיך, קײנער פון דער זײַט זאָל ניט באַמערקן, אַז זײ אײַלן. אין אַנדערע הויפן לאָזט מען שוין קײן פרעמדע ניט אַרײַן. דער איקער, ווי עס זעט זיך שוין אַרויס, וועט מען זוכן ניט אַזוי אין די פײַגעריוועקער גאַנאָווים-נעסטן, ווי אין די אָרעמיקע וואַרשטאַטלעך. מאַגידאָוויטש, כאָטש ער האָט באַ זיך באַוויזן, אַז ער איז אַ נאַכט-קאָרעקטער און אַ רעפּאָרטיאָר אין דער גרויסער רוסישער ליבעראַלער צײַטונג, פונדעסטוועגן האָט פאַר אים אַ זין פאַמעלעך זיך אָפּטראָגן צו זיך אַהײם. ער זעט: דאָ און דאָרט באַווײַזן זיך שוין אײנציקע מאָדנע פאַרשוינען — אַפּאָנעם, שפּיקעס. נו, יאָ — מאַגידאָוויטשן איז שוין קלאָר, — פאַר פּאָליצײ לוינט בעסער, נאָכוויצקין זאָלן האָבן דערהאַרגעט „סאָציאַליסטלעך" פון אָרעמיקע וואַרשטאַטלעך, אײדער די פײַגעריוועקער גאַנאָווים — זײ דאַרפן אַ שענערן שידעך, זײ וועלן געוויס אויסניצן, וואָס די „כאַסענע" האָט זיך אָנגעהויבן מיט אָפּשלאָגן אַ פּאָקלאַמאַציע-קלעפּעד, טאַקע וועגן דעם האָט געטראַכט מאַגידאָוויטש, בײַס ער האָט גענומען שפּאַנען צום הויף, ווו ער וווינט: „ס'איז אַנטיק"... אויב אַזוי באַקומט שוין גאָר אַן אַנדער וואָג די כראָניק, וואָס ער, מאַגידאָוויטש, האָט איצט צוזשטעלן דער ליבעראַלער צײַטונג. שוין אַ שאָד, וואָס ער האָט זיך אונטערגעפּוילט און דורכגעלאָזט די מעגלעכקײַט צו זען מאַמעש מיט די אײגענע אויגן, ווער פון די פײַגעריוועקער גאַנאָווים האָט אַרײַנגעזעצט נאָוויצקין די קויל.

ווי מאַגידאָוויטש האָט זיך ניט באַמיט, אַז מיט זײַן אונטערײַלן אַהײם זאָל ער אַפּ דער פּוסט-געוואָרענער גאַס ניט אַרויסרופן צו זיך קײן כשאַד, האָבן אים דאָך זײַנע שפּאַנענדיקע פיס געקאָנט פאַרמאַסערן דאַפּקע מיט דעם, וואָס אַלײן זײַנען זײ מעסוקן לאַנגע און טריט שטעלן זײ צו קורצע. זײַן שאַרפּ אויג האָט געזען ווי אויך אַקעגן — אַ ביסל ווײַטער פון עם הויף, ווו ער וווינט — איז די גאַס שוין אָפּגעצוימט. אין דער נאָענט זעט מען שוין נאָר אײן אײנציקן פאַרשפּעטיקטן — ער גײט ניט געײַלט מיט אַ קלאַפּטער צען פאַר מאַגידאָוויטשן. מע זעט אים ניט מער, ווי אין די

פלייצעס, ווער זאָל עס זײַנ? — עפּעס צו יונג פאַר א שפּיק. נאָכ עטלעכע טריט אונ מאגידאָוויטש האָט זיכ שוינ מיט יענעמ קימאַט אויסגעגלײַכט, א זײַטל געטאָנ די אויגנ אונ דערקענט: ס'איז דער כעוורעמאנ אינעמ שווארצנ, ביזנ האַלדז פארשפּיליעטנ רעקל, וואָס האָט בא שאריענ אפּ טאָג געקלעפּט די פּראָקלאַמאציע. ווי קומט ער אהערצו? ער איז שוינ אפּאָנעמ א פּאָר מאָל ארומגעגאנגענ דאָ דעמ קווארטאל פונ אלע זײַטנ אונ האָט זיכ ניט ווו אהינצוטאָנ — ווער ווייס אימ, ווו ער וווינט ערגעצ. מיטנ כעוורעמאנ איז שלעכט — ער וועט זיכ פאקנ... מאגידאָוויטש האָט אליינ ניט געוווסט, פונ וואָס האָט בא אימ מיטאמאָל א קלאַפּ געטאָנ אינ הארצנ, מאגידאָוויטשעס הארצ איז א קאלטלעכ הארצ, שוינ לאנג אָפּגעוווינט פונ אלערליי טיאָכעניש. עס פילט זיכ אונטער — פונ וואָס זשע האָט פּאָרט מיטאמאָל א קלאַפּ געטאָנ? — פונ דעמ, וואָס ער האָט דעמ יאָט דערקענט, צי פונ דעמ, וואָס ער האָט אינ דער אייגענער רעגע א טראכט געטאָנ: „דער כעוורעמאנ האָט זיכער געזענ פינקטלעכ, ווער האָט נאָוויצקינ געשאָסנ — בא אימ וואָלט מענ עס געקאָנט זיכ דערוויסנ“. א ווײַלע האָבנ זיי געשפּאנט אינ איינ ריי, זיכ קימאַט אָנגעריררט מיט די זײַטנ איינעמ אָנעמ אנדערנ. איצט האָט מאגידאָוויטש שוינ מאמעש אפּ אנ עמעס געגלויבט, אז אימ איז א שאָד, וואָס דאָס יאָטל וועט זיכ פאקנ. זײַטלענדיק די אויגנ אינ אלע זײַטנ, האָט מאגידאָוויטש א זאָג געטאָנ קימאַט ניט עפענענדיק זײַנ מויל:

— גיי מיר נאָכ... וועסט ארײַנ גלײַכ נאָכ מיר אינ טויער...

מיטנ אייגענעמ געזײַטלטנ בליק האָט ער געזענ: דער טונקעלער יאָט כוט קוימ א שמייכל, גאנצ קאלטלעכ טרעפט ער מיט א שעמעוודיקנ בליק אינ מאגידאָוויטשעס רויטלעכ צוגעצופּט בערדל, ערשט נאָכדעמ באקומט ער ברייטגעוואָרענע אזעסדיקע אויגנ אונ טוט מיט זיי א שפּיצל גלײַכ. אינ מאגידאָוויטשעס שווארצאפּל, ווי ער וואָלט אינ מינוטנ פונ סאמע גרעסטער געפאַר ניט פארגעסנ א טראכט צו טאָנ: „שפּיקעס קאָנענ אפּ זיכ ארופּצינענ אלערליי מאסקעס“. מאגידאָוויטש האָט עס פארשטאנענ, זיכ אויש דערפילט באליידיקט:

— וואָס זשע? — האָט ער געפרעגט זייער שטיל, קימאַט שעמעוודיק, — איכ זע דענ אויס?...

די לעצטע ווערטער האָבנ אפּאָנעמ אפּנ כעוורעמאנ א קאַפּעלע געווירקט. ער האָט נאָכאמאָל זייער געהיט זיכ ארומגעקוקט אפּ מאגידאָוויטשנ.

— ווו וווינט איר?

מאגידאָוויטש האָט א ווונק געטאָנ:

— רעכטס... דאָ באַלד, אינ צווייטנ הויפּ.

4

דעם הויף, ווי מאגידאָוויטש האָט געווינט, האָבן הויכגאָרנדיקע מויערן ארומגערינגלט פון דריי זייטן, אים געקוועטשט מיט זייערע בלינדע ווענט, זיך אפ אים אָנגעוואַלגערט, אים ווי צונויפגעפלעטשט, אים אָנגעפילט מיט שאָטן. אין גאס האָט מען אים גערופן פון אמאָל:

— מאהילעווערס מויער.

ווי א קוואל אפ האכנאָסע איז ער אָפט איבערגעגאנגען פון באַלעבאָס צו באַלעבאָס.

דער הויף איז געווען שמאָל און זייער טיף — א צוויי־האלב־גאָרנדיקער מיט עטלעכע און פערציק צעקרימטע אָרעמ־פארברודיקטע קווארטירעס, מיט געדרייטע זשאווערנדיקע טרעפ צו די העכערע פון זיי, מיט א רויכיקטשאדענדיקער קוזניע אין ווינקל, מיט שטאלן פאר א איזוואָשטשיק און פאר א בינדיוזשניק אין דער טיף, מיט א וועשעריי און מיט א בייגל־בעקעריי צווישן די קעלערדיקע ווינונגען — קימאט אליין א גאנצע שטאָט, א צעקרימטע, פארויכטע און טומלדיק־פארטויבטע. אלע קווארטירעס האָבן געקוקט מיט טיר און פענצטער בלויז אין הויף אריין. אלע האָבן שטענדיק געהאט שמאטעס ארויסצוהענגען. אלע האָבן געטאָטעמט איינע אפ דער אנדערער מיטן רייעך פון אויסגייענדיקע ליכט, מיט קעראָסין פון ערגעצוו אן אופגעשטעלטן סאמאָוואר, מיט קאפצאָנישן איפעש, מיט גרויס־שטאָטישער פארטשאדעטער יענגשאפט. אין הויף האלט א גאנצע ווינטער אין איינטאָג־ווערן; אין די ווינונגען — אייביקער פארנאכט, נאָר איצט איז סאָפּ פרילינג — עס גייט צו זומער־צייט.

בא איר פריִען אופגאנג טוט די זון קוים־קוים א לעק דעם זשאווערפן אלטן בלעכענעם דאך, שפארט אָן מיט שוואכע גאָלדענע פלעקן אין ווייטן ווינקל, לעבן צעלעכצטע און פייכטע טירן פון פארדאָסטע אָפּטרעטן און רינשטאָקן. פון דאָרט הערט זיך צו יעדער צייט א קרעכצן פון מענטשן, וואָס ליידן אפ אצירעס אָדער אפ דורכפאַל. ווי א נעקאָמע אין ארומיקן רייכן שטאָט־לעבן קוקן פון דאָרט די פּאָרנאָגראפישע אופשריפטן, וואָס שענדן דעם פראָצעס פון מענטשן־געבורט. נידעריק בא דער ערד ארום דער קוזניע טוט באלד א שמעק מיט רויעך פון שטיינקוילן. טופעריי פון פערד אין פארבויגענעם ווינקל מישן זיך אויס מיט גאנצפריִענדיקע קלאָלעס פון יענע, וואָס שפאנען זיי. דער איזוואָשטשיק מיטן בינדיוזשניק פאָרן ארויס, וועקן אופ די וועשעריי און די בייגל־בעקעריי. די זון אנטלויפט. אינמיטן הויף שטייט איינער אליין דער נאָרוואָס אופגעשטאנענער הויז־פארוואלטער פייסי ברוידע. ער הוסט און כראקעט מיט זייער א פארקרימט פּאָנעם, אקוראט, ווי אפ זיין קאכיקן ענטפערן מיט שטעכעניש סיי די געהויקערטע פלייצעס סיי די קריזשעס. עס גייט ניט אוועק קיין מינוט, ווי ער רעדט שוין דאָרט מיט עמעצן — דאָס דערווייסט ער זיך וועגן

אלץ, וואָס אינ הויף האָט באַנאַכט פּאַסירט. כאָרכלט אומצופרידנ אינמיט־כראקענ אונ הוסטנ:

— געשטאָרבנ ?..

— ווו ?

— בא וועמענ ?

נישטאָ גאָר די נאַכט, אז דער הויף מיט זײַנע פּארקאַפּצנטע מעובעדעס־צעוואַקסענע געזינדנ זאָל נית אריַינוואַרפנ זײַנע א פּאָר טראָפּנ אינ די אומגליקנ פונ דער אָרומיקער גרויסער שטאָט: עמעצער ווערט קראַנק, עמעצער שטאַרבט, עמעצער ווערט דאָ אינ פלאָג געבוירנ, עמעצער האָט פונ נויט געגאַנוועט, עמעצער בא עמעצנ האָט מעואַנע געווענ, — וועגנ אלץ דערוויסט זיך דער ערשטער גאַנצפרי פּייסי ברוידע, כאַפּט זיך אריַינ צו זיך אינ דער האלב־קעלערדיקער וווינונג דע־צײַלנ וועגנ דעם זײַנ ווײַבל — ער האָט נית לאַנג צום צווייטנ מאָל כאַסענע געהאַט, געגנומענ א מויד — נאָר יענע שלאָפט נאָך. מיט ציטעריקע פינגער פּאודרייט פּייסי לעבנ איר בעט א ציגאַר אונ ווערט ווידער פאַרפאַלנ אינ הויף; ער דראַפּעט זיך מיט זשאַווערדיקע דרויסנ־טרעפּ, ער לאָזט זיך אראָפּ מיט זײַנ הוסטנ אונ כראַקענ אינ קעלערס, נישטערט אונ פּאָרפּלט אינ דער אָרומיקער אָרעמקײַט, ווי א הונ פּאָרפּלט אינ מיסט, וואָרטשעט מיט דערעטענעם מיטגעפיל:

— א בראָכ צו זייער לעבנ!

אזוי קלאָגט ער סײַ, ווענ אינ הויף גיסט מענ אָפּ א שיקערנ שאָכנ מיט קאַלט וואַסער, סײַ ווענ עמעצער גויסעסט, אונ ער, דער הויז־פאַרוואַלטער, מוז באַצײַטנס זאָרגנ וועגנ אנ אומזיסטיק באַגרעבעניש:

— ארוכנ זייער קאַפּצאָנישער קישקע אריַינ!

וואָס פאַר אנ אומגליק אינ הויף זאָל נית געשענ, הייבט אָנ די קוזניע פינקטלעכ צו דער צײַט רויכערנ אונ קלאַפּנ, די קעלערדיקע וועשערײַ לאָזט פונ זיך שטעגדיק ארויס א שטינקענדיקנ דאַמפּ, אויסגעמישט מיט א רייעכ פונ כלאָר אונ פונ ווײַבערשנ שווייס, פונ דער אָנגעהייצטער בעקערײַ טראָגנ זיך די געזאַנגענ פונעם האלב־נאַקעטנ בעקער־יונג, ווײַבער אינ הויף זײַנענ קימאַט אלע פּרוכפּערדיקע, — אָדער זיי זײַנענ טיפ מעוברעס, אָדער זיי זײַנענ אָקאָרשט געווענ מעוברעס. באַם אוועקגיינ צו דער אַרבעט פאַרשליסנ אייניקע פונ זיי אפ א גאַנצנ טאָג די וויינענדיקע קינדער אינ דער וווינונג; מע מעג אהינ קלאַפּנ אינ טיר — קיינער וועט נית עפענענ. סע וועט אזוי אוועקגיינ א שאָ נאָך א שאָ, קיינ נײַס אינ הויף וועט נית פּאָרקומענ. בלויז אינ נאָענטנ שכייניש הויכ־גאָרנדיקנ הויז, ערגעצ אינ דריטנ צי אינ פערטנ שטאָק, וועט, ווי אלע טרימאָרגנ, עפּעס אייגעמס א מיידל זיך אוועקזעצנ קלאַפּנ א גאַנצנ טאָג אפ דער פּיאַנע — זייער אנ אײַנגעשפּאַרט מיידל, אזא, וואָס האָט זיך פירגענומענ: אָדער ווערנ א באַרימטע שפּילערנ, אָדער גייג פונ דער וועלט — שוינ דרײַ צי פיר זומערס, אז זי שפּילט, דאַכט זיך, אייגעמ אינ דעמ זעלבנ עטיוד.

אזא איז געווענ דער הויפ אינ יענעמ פרימאָרגנ:

דער איזוואָשטשיק מיטנ בינדיוזשניק זײַנענ שוינ געווענ לאַנג אוועקגעפאָרנ. אינ ווײַטנ ווינקל האָט געקלאַפט אונ געדריכערט די קוזניע, פונ דער בייגל־בעקערײַ האָט זיכ געטראָגנ א געזאנג, די וועשערײַ האָט געזאָטנ מיט שטינקענדיקנ דאמפ. אינמיטנ הויפ האָט זיכ ארומגעדרייט אנ אומבאקאנט אונטערוואקסנדיק יינגל, זײַנע באקנ מאט־פארפלאמט, די פולע ליפנ — שווערלעכ צוגעמאכט, א גאנצ פעסט יינגל, ניט גאָר קיינ הויכער, ניט גאָר קיינ שיינער, אָנגעטאָנ ניט וואזשנע, א ביסל קליינשטעטלדיק. ביילעכ, פונ אונטער ארויפגעלאָזטע ברעמענ, האָט ער געקוקט צו איינער אנ אומריינער, פארפינצטערטער קיכ, פונוואנענ עס הערנ זיכ קלעפ פונ א האקמעסער אפ א פיש־ברעטל. דערזענ דעמ יאס אינעמ שווארצנ רעקעלע, וואָס קומט ארײַנ אינ טויער איביינעמ מיט מאגידאָוויטשנ, האָט דאָס יינגל אינמיטנ הויפ גלײַכ א געשריי געטאָנ:

— יאָסל!

טאקע דאָס דאָזיקע יינגל האָט ווי פונ אונטער די הענט ארויסגעכאפט בא מאגידאָוויטשנ דער כעוורעמאנ אינ שווארצנ רעקעלע, זיכ אפגיכ מיט אימ א קער געטאָנ אונ גיכ מיט אימ פארשוווּנדנ.

אינ שכײַנישנ הויז האָט דאָס פאראקשנטע מיידל שוינ געהאט פארשאדעט דעמ צעווארעמטנ פרימאָרגנ מיט די טענער פונ איר געדרייטנ עטיוד, געקלאַפט אפ דער פיאנע זייער גיכ, זייער שטארק, ווי אומיסטנ אפ צו פארקלאַפנ אלערליי געדאנקענ וועגנ דער ארומיקער גרויסער שטאָט, וועגנ נאָענטע קווארטאלנ, וואָס פאָליעיי צוימט אָפ מיט א קייט.

5

אפ פיר איזוואָשטשיקעס איז די דעפוטאציע — צוויי ראבינערס אונ צוויי ראבאָנימ — דורכגעפאָרנ א לאַנגע שטיל־פארפוצטע גאס, געלאָזט אָנ א זײַט א פלאצ מיט א קלויסטער אינמיטנ אונ פארקערעוועט לינקס. יאָנטעוודיק, ווי בא פאָרנ צו א גרויסשטאָטישער כופע, האָבנ די איזוואָשטשיקעס זיכ א ציי געגעבנ אינ א ריי אונ אייגער נאָכ איינעמ שטיינ געבליבנ באמ דריטנ ארײַנגאנג פונעמ גובערנאטערס הויז — אנ ארײַנגאנג פאר מיטעלע טשינאָווניקעס אונ פאר מענטשנ, וואָס קומענ מיט פארשיידענע באקאָשעס. די דעפוטאציע איז ארײַנ אינ די צעעפנטע טירנ. פונ אקעגנ, פונ די שווערע טורעמ אונ ברייטע קאָרידאָרנ, האָט א שמעק געגעבנ מיט צוגעברענטנ טריוואקס אונ מיט גאָראָדאָוויישער שינעל.

ס׳איז געווענ ארומ צענ אזייגער אינדערפרי, עטלעכע טעג נאָכ דעמ, ווי מע האָט אפ דער גרעקאָווקע דערהארגעט דעמ נאדזיראטעל נאָוויצקינ.

דער טיפ-באיאָרטער שטאָטישער הויפט־ראבינער גאָלישער — דער סאמע יאָנטעוודיקער אינ דער דעפוטאציע — האָט באשעפטיקט־צעטראָגנ געוואָרפנ

גליקנ אינ אלע זײַטנ. זײַנ אונטערשטע ליפּ איז געווענ ארויסגערוקט, ווי ער וואָלט מיט איר אונטער די וואָנצעס פאַרביסנ די אויבערשטע. זײַנ בריל איז ווי אינאיינעמ מיט אימ געווענ מעשוגעוואטע־איבערגעמעריש. אינעמ שווארצנ סורדוט אונ אינ גלאנציקנ צילינדער האָט ער באַלד באמ אריינקומענ, ווי בא צעשענקענ מאטאָנעס, גענומענ באטײלנ מיט זײַנ פרײַנטלעכנ נייגנ זיכ קימאט אלע פארבײַיקע אײַלנדיקע טשינאָווניקעס, אקוראט, ווי ער וואָלט זײַנ זיכער, אז יענע קענענ אימ — זיי מוזנ אימ קענענ. אינ די קריזשעס איז ער שוינ געווענ א ביסל געליימט. זײַנ צעקנייטשט פּאָנעמ — באזעצט מיט געלע פלעקנ; זײַנ אלטע קורצע באָרד — געפארבט אפ רויטלעכ־בלאָנד. ווי א גרויסער אקשנ אונ גרויסער גאדלענ איז ער אָפּשטענדיק פארבליבנ ראבינערש־געהויבנ, ווײַט פונ אלערליי מײַסעס, וואָס מע דערציילט אינ שטאָט וועגנ זײַנ טיפּשעס, אָפּטמאָל, שפּאצירנדיק אינ גאס, זיכ געוווּנדערט, פארוואָס אימ גריסנ זיכ אזוי ווייניק מענטשנ. אָפּטמאָל — קימאט א שאבעס איבער א שאבעס — געהאלטנ אינ קאָרשול זײַנ דראָשע:

— דאָראָגיִע בראטיא אי דאָראָגיִע סיאָסטרי! טשעמ טיעמניִעיע נאָטש, טיעמ יארטשע זוויאָזדי, קאק נאמ טאָלקאָ־טשטאָ טשיטאלי וו סוויאטוי מעגירע: וואיוימאר אדענוי על מוישע, אי טאק דאליִעיע אי טאק דאליִעיע...

טאקע ער האָט דעריקער פארטראכט די דעפּוטאציע:

ערשטנס — באגריסנ דעמ נײַעמ גובערנאטער אינ נאָמענ פונ די ייִדנ אינ שטאָט.

צווייטנס — זיכ קלאָגנ אפ דער אָרטיקער שווארצמייעדיקער צײַטונג, וואָס ניצט אויס דעמ פאל מיטנ דערהארגעטנ נאָוויצקינ, ווי א העצע קעגנ ייִדנ.

די שטאָט איז געווענ פול מיט קלאנגענ, אז אפ דער גרעקאָווקע גרייט זיכ א פּאָגראָמ, אונ דאָ איז נאָכ ערשט צוריק מיט עטלעכע טעג געווענ דער פּאָגראָמ אינ קעשעניעוו. ייִדנ אפ דער גרעקאָווקע ווייסנ: נאָוויצקינ האָבנ דערהארגעט די פייגעריוקער גאנאָווימ. אויכ די ליבעראלע ייִדנ־פרײַנטלעכע רוסישע צײַטונג האָט אינ א פּאָר קורצע שורעס געגעבנ א רעמעז, אז נאָוויצקינ האָט מענ דערהארגעט הארט לעבנ דער פייגעריוקע, ווו עס וווינענ גאנאָווימ אונ ווו נאָוויצקי האָט די לעצטע צײַט אָנ א שמירע מער גאָראָדאָוואָיענ זיכ ניט באוויזנ, דערפאר האָט די צווייטע אָרטיקע צײַטונג, די שווארצמייעדיקע, געשריבנ גאנצ קלאָר: „ייִדנ אפ דער גרעקאָווקע האָבנ געהאָלפנ זייערע סאָציאליסטנ הארגענענ נאָוויצקינ, ווײַל נאָוויצקי אינאיינעמ מיט דרײַ — פיר גאָראָדאָוואָיענ האָט געהאלטנ בא כאפּנ אינ עק גרעקאָווקע א פּראָקלאמאציע־קלעפּער".

דעמ ראבינער גאָלישערנ האָט מענ געוואָרנט:

— דער נײַער גובערנאטער איז זייער א שטרענגער.

דער ראבינער האָט דערויפ געענטפערט:

— יאָ, א שטרענגער, דערפאר אָבער — זייער א פּינקטלעכער, זייער א לײַטישער. א סימען — אין זײַן קאַנצעליאַריע האָט מען געענטפערט, אז א דעפּוטאַציע פון ייִדן וועט מען אופנעמען.

דעם ראבינער האָט מען דערמאָנט אינעם גובערנאַטערס געשטאָרבע־נעם פאָטער:

— א מיניסטער אין די אכציקער יאָרן... א רעכטער צוויער געווען — אײַנגעפירט זייער פיל באַגרענעצונגען פאַר ייִדן.

דער ראבינער האָט דערויף געזאָגט:

— איינס מיטן צווייטן קער זיך ניט אָן — כ'האָב זיכערע ידיעות.

דער עמעס איז געווען, אז דעם ראבינער גאָלישער איז ניט לאַנג אָנגעקומען א בריוו פון איינעם אַן עלטערן פּראָווינציעלן ראבינער טשע־מערינסקי. יענער האָט געשריבן, אז אין זײַן ראבינערשן אויעזד האָט דער גובערנאַטער גרויסע גיטער און איז דאָרט געווען „פּרעדוואָדיטעל דוואָ־ריאַנסטוואַ" — ס'איז געווען צוריק מיט א יאָר צען, ווען דער איצטיקער גובערנאַטער האָט זיך נאָרוואָס געהאַט אומגעקערט צו זײַנע גיטער מיטן ערשטן אויסגעדינטן „טשין" אין דער גוואַרדיע. דענסטמאָל פלעגט דער ראבינער טשעמערינסקי טאָמער גיין צו אים, דעם איצטיקן גובערנאַטער, אין שפּיץ מיט אַלערליי ייִדישע דעפּוטאַציעס און טאָמער בא אים אַלץ פּויעלן. דער גובערנאַטער מוז עס אַלץ געדענקען, ווײַל ער, דער ראבינער טשעמערינסקי, פלעגט אים דענסטמאָל בענטשן, ער זאָל דערוואַקסן נאָך צו העכערע טשינעס ווי זײַן געשטאָרבענער פאָטער. דער ראבינער טשעמע־רינסקי האָט דעריבער פאָרגעלייגט: אויב מע וועט דאַרפן עפּעס פּויעלן באַם נײַעם גובערנאַטער, זאָל מען אים, דעם ראבינער טשעמערינסקי, גלײַך אָרויסרופן דורכן א דעפּעש, וואָרן דער גובערנאַטער איז געווען מיט אים זייער היימיש. נאָר גראָד דאָס האָט דער שטאָטישער הויפּט-ראבינער גאָלי־שער פאַרשוויגן, גראָד דאָס גערעכנט פאַר איבעריק — ווי א פרומער ייִד איז זיכער, אז ער איז בא גאָט מער כאָשעוו, איידער אַלע אַנדערע פרומע ייִדן, אזוי איז דער ראבינער גאָלישער טיף אין זיך געווען זיכער, אז בא פאַרשיידענע גובערנאַטערס, זיי מעגן אים קיינמאָל ניט האָבן געזען, איז ער, ווי א ראבינער, פיל מער כאָשעוו איידער אַנדערע אַלערליי ראבינערס.

וועגן דעם האָט דער הויפּט-ראבינער גאָלישער זייער גוט געדענקט די גאַנצע צײַט. וועגן דעם אַלעם האָט ער מיטאמאָל פאַרגעסן, ווי נאָר מע האָט אים אײַנגעמען מיט דער דעפּוטאַציע צום גובערנאַטער אַרײַנ־געלאָזט.

6

דער גרויסער זאַל — לײדיקלעך, גאַרנישט אזוי דײַכן, ווי די ראבינערס און ראבאָנים האָבן געוואַרט. דאָס רייַנסטע איז זאַל איז דער גלאַנציק אָפּגעוואַקסטער פּאַרקעט — א פּאַרקעט אַפ וועלכן זיך טאַנצן. פון

לינקס בייזערנ זיכ אפ דער דעפּוטאציע די אויגנ פונ ניקאָלײַ דעם ערשטנ, זייער א גרויס בילד — אויגנ, וואָס וואָרענענ מיט טליִע. רעכטס — וויינִיק פענצטער. אינ סאמע ווײַטנ עק — א גרינ-פארשפּרייטער גרויסער טיש, אונ קעגניבער דעם טיש, טיפ אינ א ווייכנ שטול — אנ עטלעכע־אונ־דרײַסיקיאָריקער בלאָנדלעכער פולבלוטיקער מענטש, פעסט אײַנגעשפּיליעט אינ א גאלונירטנ מונדיר מיט א פּאָר אָרדענס אונ מיט א ציילעם אפ דער לינקער זײַט ברוסט. דעריקער איז דאָרט, דאכט זיכ, ניט דער מענטש אונ ניט דער מונדיר מיט די אָרדענס, וואָס אפ אימ, נאָר די פארהעלטעניש צווישנ אימ אונ צווישנ מונדיר, וואָרנ בלויז דאָס געפיל, וואָס באקומט זיכ, בײַם מע באגרײַפט די דאָזיקע פארהעלטעניש, איז אָקאָרשט גלײַכ צומ געפיל, וואָס מע האָט פונעמ באגריפ „גובערנאטער".

א בלאָנדער פולבלוטיקער מענטש אינ א גאלונירטנ מונדיר קוקט מיט קוימ־קוימ צוזאמענגעצויגענע אויגנ אפ דער ארײַנגעקומענער דעפּוטאציע — צוויי ראבינערס מיט צילינדערס אינ די הענט, צוויי ראבאָנימ אינ יאר־מעלקעס. דער אײַנדרוק קומט נאָכ אלצ ניט פונעמ מענטשנ אינ גאלונירטנ מונדיר, נאָר פונ דער פארהעלטעניש צווישנ אימ אונ צווישנ מונדיר. סע קומט דעריבער אויס, ווי אפ דער דעפּוטאציע וואָלט א קוק געגעבנ דער באגריפ „גובערנאטער" — זײַנ בליק האָט צו זאָגנ:

— כאָטש איכ ווייס „ווער" ייִדנ זײַנענ, מיִעס איכ מיכ ניט פונ־דעסטוועגנ זיי אופצונעמענ.

ס'איז שטיל.

דער ראבינער גאָלישער זאָגט אפ רוסיש די בראָכע „יעוואָרעכעכאָ". די פארהעלטעניש צווישנ אימ אונ צווישנ זײַנ צילינדער איז צו קליינ אפ ארויסצורופנ א געפיל פונ עפּעס געטלעכ־ראבינערשעס. דעמ פולבלוטיקנ מענטשנ אינ גאלונירטנ מונדיר איז לאנגווײַליק — מעגלעכ ער פילט, אז די בראָכע ווערט געזאָגט ניט צו אימ, נאָר צומ באגריפ „גובערנאטער", דעריבער וויל ער דערמאָנענ די דעפּוטאציע אָנ זיכ אליינ, דעמ בלאָנדנ פולבלוטיקנ מענטשנ, וואָס זיצט דאָ טיפ אינ שטול. זײַנע קוימ-קוימ צוזאמענגעצויגענע אויגנ ווערנ אלצ מער אונ מער שפּאָטיש.

די צאָרע פאר דער דעפּוטאציע איז, וואָס באלד נאָכנ ראבינערס בראָכע הייבט אָנ דער גובערנאטער צו ריידנ. דערצו נאָכ — עפּעס ווי צו זייער אונ זייער היימישע מענטשנ, קימאט ווי צו יענע ייִדנ, וואָס פלעגנ אינ שפּיצ מיטנ ראבינער טשעמערינסקי קומענ צו אימ נאָכ טויווע, ווי צו א גוטבאזיצער. די צאָרע איז, וואָס אזוינע ייִדנ, ווי די צוויי ראבינערס אונ צוויי ראבאָנימ, האָט גראָד דער-אָ גובערנאטער שוינ ניט איינ מאָל גע-זענ אינ די שטעטלעכ, וואָס געפינענ זיכ אפ זײַנע גיטער. טאקע וועגנ דעמ רעדט ער, בײַם זײַנע אײַנקוקנדיקע אויגנ הייבנ שיר ניט אָנ שמייכ־לענ — ער דערמאָנט זיכ, אז איינמאָל איז אימ דאָרט אויסגעקומענ צוקוקנ א ייִדישע כאסענע:

— יאָ, — פרעגט ער בא די ראַבאָנים און ראַבינערס, — געשיקט זיך? יעדער ייִדיש מיידל בלייבט א בסולע ביז דער כאַסענע?.. Похвально!

נאָר דאָ שטעלט זיך ארויס: דער גובערנאַטער מיינט גאָר עפּעס מיט דעם אָנצורירן די „סטרונע“ פון ייִדישער מישפּאָכע־ריינקייט, וואָרעם ער ווערט פלוצלינג ערנסט, ער זאָגט, אז ער קאָן ייִדן פון די שטעטלעך, וואָס געפינען זיך אפ זיינע גיטער — אויך דאָרט טרעפן שוין אָפט ארעסטן צווישן ייִדישער יוגנט. עפּעס צוויי זיינען דאָרט ניט לאַנג געווען פארמישט בא א בונט אין א דאָרף.

— יאָ, יאָ, ס'איז ניט אויסגעטראַכט...

ווער ווייס? — מעגלעך, אז טאַקע דערפאַר, וואָס ער קאָן ייִדן פון די שטעטלעך, וואָס געפינען זיך אפ זיינע גיטער, האָט מען אים איצט אוועקגעזעצט פאַר גובערנאַטער דאָ, אין איינער פון די גובערניעס, ווו עס וווינען א סאַך ייִדן. ער רעדט זייער קורץ וועגן דעם, וואָס רעליגיעזע ייִדן אליין וואָלטן באַדאַרפט העלפן „אויסראַמען און אויסוואָרצלען“. מער וויל ער, אפאַנעם, דעם שמועס ניט פירן. ער טוט זיך קוים־קוים א שאָקל צו דער דעפּוטאַציע און ענדיקט מיט א פּאַסעק — ווי אין ביבל ווערט געזאָגט:

„און אויסוואָרצלען זאָלסטו דאָס שלעכטס צווישן דיינע־קע“.

7

די ראַבאָנים און די ראַבינערס זיינען ארויס פונעם אופנעם געגוג צעשראָקן. דער גובערנאַטער האָט אפילע ניט אויסגעהערט, צוליב וואָס זיי זיינען געקומען, קיין באַזונדער דערעכערעץ ניט ארויסגעוויזן. נו יאָ: דער גובערנאַטער איז, אזוי צו זאָגן, א גאַנצע גובערניע, און זיי — סאַכאַקל פיר ייִדן: צוויי אין צילינדערס, צוויי אין יאַרמעלקעס. אין לעצטן קאָרידאָר, פאַרן ארויסגיין, האָבן אלע פיר זיך א טוּדיע געטאָן:

— זאָל עס בלייבן צווישן אונדז... סע טאָר ניט צעפּויקט ווערן...

געמיינט האָט מען מיט דעם גובערנאַטערס ווערטער: „געשיקט זיך?.. יעדער ייִדיש מיידל בלייבט א בסולע ביז דער כאַסענע?“

דער גרעסטער טאַם אין דער דעלעגאַציע איז געווען דער זייער אַלטער ליטווישער ראַוו — א שטענדיקער פאַסטער און שטענדיקער לערנער, א נידעריקער מיט א זקייניש־אָפּגעפליקט געלעגערט פּאָנעם, מיט א מויל און מיט א נאָז, וואָס זיינען טאַמעד ביידזלעך פארשלאָפן, ווי בא א גע־וויסן סאָרט קעמלען, שוין אויסגעדרייט א ביסל אָן א זיים. דערצו נאָך האָט ער שלעכט פאַרשטאַנען רוסיש.

— א? — האָט ער טאַמעוואַטע־ביידזלעך זיך דערפרעגט, — וואָס דאַרף בלייבן בעסאָד?..

מע האָט אים ביידזלעך געענטפערט:

— אלץ!.. אלץ דאַרף בלייבן בעסאָד.

די איבעריקע דרײַ, ווי נאָר די שרעק האָט אָנגעהויבן אויסוועפּן, האָבן דאָך יעדערער באַזונדער דערפילט בײַ זיך אַ שטיקל טרייסט — פון אַ גאַנצער שטאָט מיט ייִדן, איז בלויז ער מיט נאָך דרײַ געווען בײַם גובערנאַטער — אַ סימן, אַז ער איז עפּעס ווערט.

ביידע ראַבינערס — דער הויפּט־שטאָטישער און דער גרעקאָווקער — צעקריגט צווישן זיך, זײַנען, ווי בײַ־געזאַלבטע, אַוועק אַהיים צו זייערע קאַנצעליאַריעס, וווּ זיי גיבן אַרויס מעטריקעס, פאַרשרײַבן כאַסענעס, געטן און בריסן. דער גרעקאָווקער ראַבינער — אַ יונגער אַדוואָקאַט, ניט לאַנג כאַסענע געהאַט, האָט באַנײַס דערפילט, ווי שטאַרק ער קאָן ניט לײַדן דעם הויפּט־שטאָטישן ראַבינער, געהאַט אין אים אַ נעקאָמע:

— קוק אים אָן... אַ שטיקל „אַלטוואַרג“ נאָך פון דער אַמאָליקער ראַבינער־שול... אַפילו אין אוניווערסיטעט ניט אַרײַנגעשמעקט... אויך אים האָט דער גובערנאַטער די האַנט ניט געגעבן... אַ פײַג!

ביידע ראַבאָנים, אויך אַ ביסל צעקריגט — ניט אַזוי זיי אַליין, ווי זייערע ווײַבער — זײַנען פונעם גובערנאַטער אַוועק פאַרשיידן.

דער מיטל־פרומער און מיטל־ווילקענעוודיקער ראָוו מייערסאָן האָט זיך געלאָזט צײַט אַ טראַכט צו טאָן. דאָ אין שטאָט איז ער געווען נאָך אַ נײַער, געגאַנגען אַלע שאַבעס דאַווענען אין אַן אַנדער שול, אויסגענומען מיט זײַן בעקאָוועדיקן אויסזען און בעקאָוועדיק שווערלעכער פיגור. פינקטלעך מיט וואָס געפעלט ער די היגע ייִדישע מאַגנאַטן, וואָס האָבן אים ניט לאַנג אַהער אַראָפּגעבראַכט, איז אים נאָך דערווײַל ניט געווען קלאָר. באַמערקט האָט ער: זיי פילן אין אים עפּעס אַ וואַזשנעקײַט. טאַקע דערפאַר האָט ער אַליין אויך פון טאָג־צו־טאָג זיך דערפילט אַלץ מער וואַזשנע, זיך געהיט פון צו זאָגן אַן איבעריק וואָרט און מאַכן אַן איבעריקן שריט, ווײַל טאָמער וועט עס זײַן ניט דאָס, מיט וואָס ער איז דאָ אָפּן ערשטן בליק געפעלן. פון אַלץ, וואָס ער האָט די לעצטע טעג געהערט וועגן נאָך יוזעקי־מאָרד, געלייענט אין די אָרטיקע צוויי רוסישע צײַטונגען — אין דער ליבעראַלער און יוואַרצמייעדיקער — איז ער געקומען צום אויספיר: כאָטש עס לייגט זיך ניט אויפן סייכל, אַז ייִדן זאָלן העלפן סאָציאַליסטן האַרגענען באָוויצקין — ס'איז אַ מין אַלילעס־דאַם — פונדעסטוועגן איז דערבײַ, מאַשמאָעס, אַ מײַסע מיט קלעפּן פּראָקלאַמאַציעס דאָך געווען, און טאַקע דאָס פאַרשווערט און פאַרפלאָנטערט דעם גאַנצן איניען. אויב אַזוי מוז מען דאָך אַוודע גוט אַ טראַכט געבן, וואָס מע האָט דאָ צו טאָן.

גאָר מיט אַנדערע געדאַנקען איז אַוועק פונעם גובערנאַטער דער אַלטשטאָטישער אַלטיטשקער ליטווישער ראָוו. ווי שלעכט ער האָט ניט רוסיש פאַרשטאַנען, איז בײַ אים אין האַרצן דאָך געבליבן אַ שטיקל באַליידיקונג, פּשוט ווײַל דער גובערנאַטער, כאָטש ער האָט אויסגעלאָזט מיט אַ פּאָסעק פון דער טוירע, האַלט, אַפּאָנעם, לויט אַלע אויסזיכטן, אַז דער ייִדישער גאָט איז אַ ביסל אַ געמיינערער פון זײַנעט, דעםטמאָל, ווען ער, דער

ראָוו, ווייסט טיפ בא זיכ אינ הארצנ, אז ס׳איז פונקט דער הייפעכ—ט׳איז גאָר קיינ גלייַכנ ניט... צו זיכ אינ שול איז דער ליטווישער ראָוו געקומענ אינ יענעמ פרימאָרגנ זייער א פארקרימטער, ווי איינער, וועמענ סע וואָלט פלוצלינג געכאפּט דער מאָגנ און ער האָט מוירע, אז סע פילט זיכ אוש פונ אימ. ס׳איז שוינ געווענ נאָכ צוועלפ אזייגער, קימאט שפּעט צו דאווענענ מיט א מיניענ. פארקרימטערהייט האָט ער בלויז באוויזנ זיכ א קלאָג צו טאָנ פאר די נאָענטע אינ שול:

— אבי מ׳איז געגאנגענ... האלעווייַ מע זאָל מיט דעמ אָפּקומענ.

— סע זאָל כאָטש ניט קומענ צו אנ אומגליק, ווי אינ קעשעניעוו...

— צעקראָכנ געוואָרנ דערווייַל א פרימאָרגנ... זיכ אָפּגעריסנ פונ לער־נענ...

געהייטנ האָט עס:

— אפ גאָט קאָנ מענ, פארשטייט זיכ, זיכ גיכער פארלאָזנ, ווי אפנ גובערנאטער.

מאקע דערפאר, אפּאָנעמ, סייַ קעדיי ארויסצושלאָגנ בא זיכ פונעמ זיקאָרנ די ווערטער, וואָס דער גובערנאטער האָט דאָרט געזאָגט עפּעס וועגנ יידישע בסולעס סייַ קעדיי יידנ אינ שטאָט זאָלנ ניט פארבייַטנ גאָט אפנ גובערנאטער, האָט ער צוגערופנ דעמ שאמעס, אימ אָנגעזאָגט נאָכ הייַנט ארויסהענגענ צעטלענ לעבנ אלע שולנ, אז שאבעס וועט מענ מאכנ אנ אזקאָרע די קעשעניעווער הארוגימ.

דער אלטער ליטווישער ראָוו האָט געהאט זייַנע וועגנ און זייַנע מיט־לענ אפ אויסצומישנ אייגנ צאָרע מיט אנדערע צאָרעס—אלטע וועגנ. אויס־געפּרוּווטע בא אָנ שיר אומגליקנ דורכ אָנ שיר יידישע דוירעס.

אָט האָט אינ שטאָט זיכ גענומענ אויסמישנ די שרעק, וואָס איז גע־בונדנ מיטנ דערהארגעטנ נאדזיראטעל,״ מיט דער שרעק, וואָס ציט זיכ אהער צו יידנ פונ קעשעניעווער פּאָגראָמ.

אונטערנ צייכנ פונ גאָט דעמ יידישנ, אייַנגעטונקענ אינ קאפּצנ און אינ אלטע זאָרגנ, זייַנענ אינ יענעמ טאָג, צו פארנאכט־צו, שוינ אינ אלע טיילנ שטאָט געהאנגענ צעקלעפּט די צעטלענ:

„אזקאָרע נאָכ די הארוגימ פונ קעשעניעווער פּאָגראָמ... שאבעס... פּארשע״... און אזוי ווייַטער—געהאנגענ דאָרט לעבנ די שולנ און באָטע־מעדראָשימ—שטומע צעטלענ, פרומע לויט אלע דייעס, געראָטנ אינ ראָוו, וואָס האָט זיי געהייסנ ארויסהענגענ, געראָטנ אינ שאמעס, וואָס האָט זיי דאָ אינ דער האלב־יידישער, האלב־קריסטלעכער שטאָט מיט שלעכטע אויסלייגעכצ געשריבנ, געראָטנ אינ אנדערע אלט־יידישע הייליקייטנ, וואָס זאָגנ ניט אויס, ווער דארפ זיי, פונוואנענ קומענ זיי און וואָס קאָנ פונ זיי ווערנ.

קאַפּיטל צוויי

1

מיט א פּאָר טעג שפּעטער האָט זשעניע אָסטראָווסקי שולדיק אָנגעקלונגענ אינ טעלעפאָנ צו עלכאָנאָנ קאַדיסאָנ, שולדיק איבערגעגעבנ:

— כ'האָב צוגעזאָגט צוויי פונ דער היגער שטודירנדיקער יוגנט עפּעס טאָנ... יענע האָבנ זיכ געקלאָגט: זיי זיינענ זיכער, אז די אוקאָרע וועט דורכגיינ סקאַנדאַל־אומבאַמערקט — טאַקע איבער דער געשיכטע מיט נאָווּיצקינ. סע וועט ארויסקומענ, מיינענ זיי, ניט קיינ קאָוועד, שוינ גיכער אנ אומקאָוועד פאַר די קעשעניעווער הארוגים...

זי, זשעניע אָסטראָווסקי, גיט אלייננ צו: זי פאַרשטייט זייער ווייניק אינ אזוינע זאַכנ, זי וויל נאָר זאָגנ:

— א גרויסער שאָד, אזעלכע יונגע, אזעלכע ווילע...

זי האָט אינ טעלעפאָנ דערהערט קאַדיסאָנס קאָל:

— איר האָט אייניקע פונ זיי געקאָנט?

זי האָט דעריבער נאָכ מער שולדיק צוגעגעבנ:

— ניינ... איכ מיינ די צוויי, וואָס האָבנ זיכ פאַר מיר געקלאָגט — עס צערייסט מיר דאָס הארצ: ערשט די וואָכ האָבנ זיי ביידע געענדיקט די גימנאַזיע אונ האָבנ זייער ווייניק שאַנסנ, מע זאָל זיי צונעמענ אינ אוניווערסיטעט. טאַקע פונ זיי ווייס איכ, אז איר, עלכאָנאָנ גאַוורילאָוויטש, וועט שאַבעס באַ דער אוקאָרע ריידנ אפּ דער גרעקאָווקע אינ דער גרויסער העקעשער שול. איר וועט גאָרניש ניט האָבנ, אויב איכ וועל קומענ אהינ אייכ הערנ?.. א דאַנק, א גרויסנ, גרויסנ דאַנק, עלכאָנאָנ גאַוורילאָוויטש...

זשעניע אָסטראָווסקי האָט גיכ אָפּגעקלונגענ אינ טעלעפאָנ — א פּלוידערזאַק אונ שוינ. איר גלוסטעניש צו פירנ קענטשאַפט מיט אלערליי וואָגיקע מענטשנ האָט ניט געהאַט קיינ ברעג. איר האָט קוים געקאָנט איינפאַלנ, אז מיט אָנקלינגענ וועגנ דער אוקאָרע צו קאַדיסאָנענ וועט זי אויפרודערנ א היפּש ביסל טעלעפאָנענ דאָ אינ שטאָט.

דער טאָג אינ יענעמ מיטנ אפּרעל — א זוניקער, א געננוג הייסער, צו וואָכעדיק פאַר אלערליי אוקאָרעס. פאַבריקנ אינ דער שטאָט עקנ אונ ארומ זיי — אינ שטענדיקנ גאַנג. גאַסנ דאָ, אינ האלב־קריסטלעכנ, האלב־ייִדישנ וואָרוואַר, אז זיי האלטנ אינמיטנ קוליענ זייער טומל באַרג־ארופּ צומ צענטער־צו, זיינענ זיי פול מיט געקאָוועטנ ליכאַטש־געלויפּ, מיט קלאַגענ פונ יאָנדיקע טראַמוויַענ ענטפערנ זיי אפּ אלע טראַכטענישנ וועגנ ייִדישע פּאָגראָמ־הארוגים:

— ניט געשטיגנ, ניט געפלויגנ...

2

עלכאַנאַן גאָווריל־אָוויטש קאַדיסאָן — אַ געוועזענער „נאַראָדאָוואָלעצ״ מיט פּאַרשיקונג אין אָוואַר — איז אַ פאַרצײַטיק גרויסער, מיט עטלעכע פאַרצײַטיק גרויסע שטאַפּלען אין דער פלײשיקער פיר־און־פופציק־יאָריקער נאָז, מיט אַ צעשוווּמענעם בליק אונטער ברילן, מיט אַ צעקנייטשטע גראָ־ווערנדיק בערדל, וואָס אַנטפּלעקט ערטערווײַז סימאָנים פון אויספאַלנדיקער שיטערקײַט. דאָ אין שטאָט איז ער אַ „ווײַלע״ איבערגעקומען אַף אַ בעקאָוועדיקן הויפּט־בוכהאַלטער אין דער רײַכער יוועליר־פאַבריק „מ. ב. כאַרשאַק״, און די „ווײַלע״ ציט זיך שוין אַזוי אַ יאָר זעקס און מער. ער איז אַ הויפּט־בוכהאַלטער, וואָס קומט אין צענטראַל־קאָנטאָר אַף שאָען און וואָס די פירמע יִכעסט זיך מיט אים, ווי מיט אַ געהויבענעם אײדעם — אַ שלימאזל, אַ זעלטענער קאָפּ, אַ שטיק פּראָפעסער, אַ טויגנישט. דאָס שטערט ניט דער פירמע צו ווערן וואָס אַ יאָר רײַכער, דאָס שטערט ניט קאַדיסאָנען צו פאַרגלייבן בעסאָד זײַנע נאָענטסטע פרײַנט:

— איינער אַ רײַכער קאָן נאָך האָבן עפּעס פון אַ מענטשן, פון אַלע אײנייגעם שטינקס.

דאָס שטערט ניט, אַז רײַכע ייִדן — פרומע און ניט־פרומע — זאָלן באַ זיך אין דער היים אופנעמען קאַדיסאָנען צו יעדער צײַט, ווי אַ מין געהויבענעם גער און באַלטשוווע, וואָס וויל מאַכן ייִדן נאָך פײַנער, ווי זיי זײַנען, זיי דרוקן פאַר זייער געלט זײַנע בראָשורן קעגן אַנטיסעמיטיזם און קעגן ציוניזם, הערן צו מיט דרײַ אויערן, ווי ער זאָגט:

— דעם ייִדיש בלוט איז ניט קיין קוואַס אַף צו פאַרקויפן פאַר אַ גראָשן אַ גלאָז, אַפילע ווען דער גראָשן גייט אַף ציוניזם.

קאַדיסאָן, ווי נאָר ער האָט אין יענעם פרימאָרגן דערהערט, ווער עס קלינגט צו אים אין טעלעפאָן, האָט ער זיך פאַרקרימט, ווי עס פאַרקרימט זיך אַ גרויסער מאַטעמאַטיק, ווען ער בלײַבט אַליין אין שטוב און מע קומט אים דולן אַ קאָפּ וועגן קיכ־זאַכן. ער האָט שיר ניט אַ טראַכט געטאָן:

— די מויד וועט גודיען.

זשעניען האָט ער אין פּאָנעם קימאַט ניט געקענט, בלויז געדענקט איר אונטערגעהויבענע נאָז — אירע צוויי נאָזלעכער, ווי צוויי שיידלעך פאַר פלוימען־קערלעך, באַווײַזן אַלעמען זייער אינווייניקסטע פלוימען־קערלעך־פאַרב. עפּעס האָט ער געהערט:

— אַ מויד אין דער מאָדע... מע זאָגט: אַ שטיקל נאָכגעקרימטער סאַלאָן באַ איר.

וועגן זשעניען האָט אים ניט אײן מאָל בעדולט אַ קאָפּ זײַן ווײַב, בוסיע אַבראַמאָווגע — אַ נידעריק־גראָבלעכע אַקושערקע מיט אַ שטענדיק רויט־פאַרקאַטערט נעזל און מיט ווייניק מאזל צו פּראַקטיק. דעם ווײַב האָט קאַדיסאָן שוין ניט אײן מאָל אויסגעוואָרפן.

— כאנפענענדיק אַלערליי גווירישע קימפעטאָרנס, כאנפעסטו שוינ פאר איינוועגס אזוינע, וואָס וועלנ קיינמאָל קיינ קינדער ניט האָבנ. איז מיילע טו, ווי דו ווילסט זיכ — מיכ מיש ניט.

אזא האָט אינ קאדיסאָנס פאָרשטעלונג געדאורפט זײַנ אָט די זשעניע — א מיידל נאָכ קיינ פולע דרײַסיק ניט אלט, פונדעסטוועגנ גלייבט זיכ שוינ קוים, אז זי וועט נאָכ כאסענע האָבנ, ווײַבלעכ פארגלייבנ איר דעריבער זייערע קימפעט־סוידעס, ווי איינער, וואָס האָט שוינ איר כיילעק קינדער אָפגעהאַט.

ערשט שפעטער האָט ער א טראכט געגעבנ וועגנ דער עצעם זאכ, דערפילט אינ וואָס פאר א מאָס די אזקאָרע האָט א שײַכעס צו דער רעדע, וואָס ער וועט שאבעס האלטנ אינ דער העקעשער שול, צו זײַנע בראָשורנ, צו דעמ, וואָס ער — א געוועזענער רעוואָליוציאָנער — פארצייכנט בא זיכ די לעצטע צײַט זײַנע „געדאנקענ צו דער פילאָסאָפיע פונ דער ייִדישער געשיכטע”, שרײַבט ליריש, ווי א מינ טאלמעד פונ מורישע העס, מיט אנ אָפנייג צו שארפע אפאָריזמענ אונ, דעריקער, צו פאָעטיזירטער פראָזע, פאָלעמיזירט אָפט אינ דער אָרטיקער ליבעראלער רוסישער צײַטונג „וועגנ דער ייִדנ־פראגע” מיט דער צווייטער צײַטונג דער שווארצמייעדי־קער, שרײַבט פעט, שווארצערדיק, אָנגעפונדעוועט מיט וויסנ, ווי א מינ ייִדישער מיכײַלאָווסקי. אָט איז ער אונ אָט איז די זאכ מיט דער אזקאָרע, וואָס קאָנ דורכגיינ דאָ אינ שטאָט אומבאמערקט — ניט ווי א קאָוועד, גי־כער שוינ אנ אומקאָוועד — פאראנ א שײַכעס.

ער האָט באנײַס אָנגערופנ זשעניענ אינ טעלעפאָנ:

— פארוואָס מיינט איר, אז פאר די קעשעניעווער הארוגימ קאָנ ארויס אנ אומקאָוועד?

זשעניעס קאָל איז געווענ פול מיט דערהייבענער גערירטקײַט, וואָס קאדיסאָנ אליינ קלינגט צו איר.

— בא מיר אינ דער היימ, געוויס ווייסט איר, נעמט זיכ אָפט צו־נויפ יוגנט. איכ הער, ווי זיי ריידנ. איר שטעלט זיכ ניט פאָר, ווי די מײַסע מיטנ קעשעניעווער פאָגראָמ האָט אפ אייניקע געווירקט. באזונדערס אפ די צוויי, וואָס האָבנ זיכ פאר איר געקלאָגט. זיי זײַנענ פונעמ „קרײַז אפ צו דערלערנענ די ייִדישע געשיכטע” — גרישע פיישער אונ בעני גור־ליאנד. זיי האָבנ אָקאָרשט די טעג געענדיקט די גימנאזיע. זיי זײַנענ פייִק פירצונעמענ עפעס אזוינס, וואָס קאָנ אומגליקלעכ זיכ אָפרופנ אפ זייער גאנצ לעבנ, אונ עפשער ניט נאָר אפ זייער לעבנ אליינ. דאָס וואָס דאָ אינ שטאָט ווילנ אייניקע אויסשפילנ א כאָגראָמ פונעמ פאל מיטנ דערהאר־געטנ נאדזיראטעל נאָוויצקינ, רופט זיכ אפ זיי אָפ באזונדערס שטארק. זיי גרייטנ זיכ ביידע פאָרנ קיינ קעשעניעוו. איכ פרעג זיי: „צוליב וואָס?” ענטפערנ זיי: „אזוי... כאָטש נעכטיקנ א פאָר מאָל אינײַנעמ מיט די קעשע־ניעווער הארוגימ אפנ בעסוילעמ”. זיי קענענ אײַכ — דאָס האָבנ, דעמ עמעס געזאָגט, טאקע זיי מיכ אָפגעשיקט צו אײַכ...

קאדיסאָנ האָט דערופּ א מאכ געגעבנ, ווי אפּ א זאכ, וואָס הייבט אָנ ווערנ פארשטענדלעכ:

— אהא!

אינ שטאָט האָבנ אנדערע געהאלטנ: „א ביסל קאָוועד האָט קאדיסאָנ ניט פיינט צו יעדער צייט; אפילע ניט אפנ ניכטערנ הארצנ“.

אינ דרויסנ האָט דער ראשיקער פרימאָרגנ גרויסשטאָטיש־וואָכעדיק גערוקט זיינ זונ אונ זיינע שאָטנס צו דער עלפ־אזייגערדיקער שאָ, גרויס־שטאָטיש־וואָכעדיק אָפּגעבריט פונ דאָרט מיט ליכט א גאנצע באביכערטע וואנט בא קאדיסאָנענ אינ צימער. בא קאדיסאָנענ אינ אויער האָבנ נאָכ ניט באוויזנ אָפּצושטארבנ זשעניעס ווערטער: „מאקע זיי האָבנ מיכ אָפּ־געשיקט צו אייכ — זיי קענענ אייכ“.

— הייסט עס: מע ווייסט... פאראנ אָנהענגער צווישנ דער יוגנט.

קאדיסאָנ האָט ניט באוויזנ א שפּאנ געבנ מיט אָט דעם געדאנק אי־בערנ צימער, ווי ער האָט א גלי געטאָנ מיט א סאכ בענקשאפטנ צו די פּאָר זאכנ, וואָס ער האָט אינ זיינ לעבנ אָפּגעדרוקט. פול געוואָרנ מיט פארשפּארטע געבורט-ווייענ צו אלערליי זאכנ, וואָס ער וועט ערשט שרייבנ. שטענדיק, אז מע פרעגט אימ, פארוואָס ער שרייבט אזוי ווייניק, ענטפערט ער מיט א האלב-מויל: „א בוכהאלטער... ווענדט זיכ, זייט מויכל, צו דער פירמע מ. ב. כארשאק“. אינעמעסנ ווייסט ער וועגנ זיכ טיפ אינ הארצנ: א פוילער. ווי אלע פרימאָרגנ אינ דער צייט איז ער מיט פארשפּעטיקונג גרייט געווענ אוועקצוגיינ צו זיינ בוכהאלטערישער ארבעט אינ הויפּט־קאָנ־טאָר פונ כארשאקס גרויסנ יוועליר־מאגאזינ, וואָס אפ ניקאָלייעווסקער פּלאצ אונ ווי אלע פרימאָרגנ זיכ שטארק געפוילט, געזוכט א טערעצ אפ ניט צו גיינ. ער האָט אָנגערופנ אינ טעלעפאָנ די פירמע כארשאק, זיכ דערוווּסט, אז מארק באָריסאָוויטש כארשאק איז בא זיכ אינ קאבינעט אונ, ווי א גלייכער צו א גלייכנ, אימ אָנגעקלונגענ:

— ס'האנדלט זיכ וועגנ דער שאבעסדיקער אזקאָרע נאָכ די קעשער־ביעווער הארוגימ... אינ פארבינדונג מיטנ דערהארגעטנ באדזיראטעל אפ דער גרעקאָווקע אונ מיט די קלאנגענ, וואָס מע פארשפּרייט, קאָנ די אזקאָרע דורכגיינ אומבאמערקט. אויב אזוי שטייט די פראגע, צי דארפ מענ זי גאָר איינגאנצנ? וואָס איז ארויס פונ דער דעפּוטאציע צומ גובערנאטער?.. אכ, אזוי גאָר?.. נו, איז דאָכ שוינ אוואדע קלאָר. די מייסטע איז, וואָס צווישנ דער היגער יידישער יוגנט באמערקט זיכ איבערנ צונויפפאלנ פונעמ פאל באָוויצקי מיט קעשעניעוו צופיל אופרעגונג... פאראנ קלאנגענ, אז אייניקע טראָגנ זיכ ארומ מיט געדאנקענ וועגנ נעקאָמע-אקטנ... איבערגעזאלצנ? יאָ, מעגלעכ...

אזא געדאנק דערלאָזט אויכ קאדיסאָנ. דאָכ, קעדיי אָפּצוהאלטנ די אופרעגונג אינ געוויסע ראמענ, וואָלט ער באלד אָנגעשריבנ אנ ארטיקל פאר דער אָרטיקער רוסישער ליבעראלער צייטונג. א זינ, פארשטייט זיכ,

קאָן עס האָבן נאָר אין פאַל אויב דער ארטיקל וועט נאָך אַריַין אין שאַ־בעסדיקן נומער, און וועגן דעם מוז מען זאָרגן פון דער זייט. ציַיט איז געבליבן ווייניק.

קאַדיסאָן האָט אומיסטנע גערעדט אזוי, אז יענעם זאָל קלאָר זיַין: ניט איך וויל עפּעס בעטלען בא דיר, ניט איך וויל דיך כאַנפענען, נאָר פלור־צלינג מיט אַן שיר פאַרהוילענע כושים באַנומען, אז יענער אין טעלעפאָן איז אומגעדולדיק און זיך דעריבער אַן אייל געגעבן:

— כ׳האָב פּאָשעט, מאַרק באָריסאָוויטש, געוואָלט אויסהערן אייַער מיינונג... איך פרעג בא איַיך, ווי באַם איינציקן ייִדישן „גלאַסנע״ אין דער שטאָט־דומע... איר ווייסט א מראַכט טאָן? גום... וואַרט איך.

ער האָט דערהערט, ווי קורץ יענער אין טעלעפאָן קלינגט אָפּ און איז גלייַך טיף אין זיך געקומען צום באַשלוס:

— ס׳איז געווען אי געכאַנפעט אי געבעטלט...

3

באַם באַלעבאָס פון יוועליר־פאבריק, מאַרק באָריסאָוויטש כאַרשאַקאָ, העננגען אין רעמלעך אונטערן גלאָז די דאַנק־ברִיוו פונעם יעסוימים־הויז אף דער גרעקאָווקע. — ער האָט אַמאָל צוגענומען פון דאָרט קינדער צו זיך אין פאבריק און זיי געמאַכט פאַר שטיקלעך מענטשן.

ער איז א העל־בלאָנדער, פולבלעכער מיט א געצערטלט שעמעוודיק פּאָנעם פון א מענטשן, וואָס טוט אין לעבן רייַן גוטס. זײַנע פּיס זײַנען גראָבלעכע, ווי בא א יאַם־קאַפּיטאַן, וואָס באַטרעט זעלטן די יאַבאָשע, זײַנע ליפּן — פולע, ווײַבערשע, זייער נאַקעטע, העליש־רויטע, ווי פון אָפטן קושן זיך מיט די גוטע פרייַנט, וואָס ער האָט אף דער גאָרער וועלט — גוטע פרייַנט צווישן ייִדן, צווישן קריסטן, גוטע פרייַנט אָן א ברעג און אָן א צאָל.

אין הויפּט־קאָנטאָר פון גרויסן יוועליר־מאַגאַזין, וואָס לעבן זײַן פאבריק אף ניקאָלײַעווסקי פּלאַץ, קומט ער שטענדיק ניט אַנדערש, ווי אין א שווארצן סורדוט — אפילע אין די הייסטע זומערדיקע טעג. שטענדיק א ביסל א פאַרשפּעטיקטער — ווי ער וואָלט נאָרוואָס געקומען פון א געהויבן דאַווענען, פון א וויכטיקן יאָרצײַט, צי פון א פאַרזאַמלונג אין דער שטאָטישער וועגעטאַרישער קיך, וואָס ער איז איר גרינדער, אָדער פון דער העברייישער שול, וואָס ער האַלט אויס אף דער גרעקאָווקע, כאָטש קיין וועגעטאַריער איז ער ניט, קיין העברייִש קאָן ער ניט און אף דער גרעקאָווקע אין דער העברייִשער שול איז קיינמאָל זײַן פוס ניט געווען. אין קאָנטאָר באַם אַרײַנקומענע קוקט ער אף אַלע מיט א שעמעוודיק־גוטער מינע, ווײַל ער איז זיכער, אז אלצ אין לעבן איז א מאַזל־זאַך, אפילע דאָס, וואָס מע האָט אים ליב, און מיט מאַזל־זאַכן וואַרפט מען

זיכ ניט. איבער זײַנ װײַבעריש װײכ־זיטער מינע דערפילנ זיכ אינ קאָנטאָר מאָדנע אלע, װעמענ ער גיט די האנט, — מע װייסט ניט צי אָט־אָט װעט ער זיכ נעמענ מיט זיי קושנ, צי נײנ. זיינע אויגנ — בלאָװלעכ־גרינע — זיצנ דערבײַ פארשלאָפנ טיפ. די קנאפע סימאָנימ פונ זײַנע העל־בלאָנדע ברעמענ זײַנענ נאקעטלעכ־קרומ, זעענ אויס פלעקיק־רויט, װי עמעצער װאָלט זיי נאָרװאָס לײַדנשאפטלעכ אָנגעקושט אָדער ליבלעכ אָנגעקנײַפט. עס קומט אויס, װי ער װאָלט זיכ שטענדיק װונדערנ: װי קומט צו מיר אזא גוט הארצ? ער איז ניט פרומ, ער איז אָבערגלויביק אונ ביז גאָר זיכער, אז מענטשנ אָנ אָבערגלויבנ זײַנענ גאָר אפ דער װעלט נישטאָ. אפ דעמ איז געבויט זײַנ הויפט־פירעכצ אינ לעבנ. ער טוט אָפ א סאכ מינהאָגימ אינ דער שטיל, קיינער זאָל ניט װיסנ. איינער פונ זײַנע מינהאָגימ: יעדנ נײַ־אראָפגעקומענעמ גרויסנ שטאָט־נאטשאלניק שיקט ער גלײַכ צו פונ זײַנ פאבריק א גאָלדענע אָדער שװער זילבערנע מאטאָנע, אײַנגײנעמ מיט דער מאטאָנע — א בריװ מיט געדרוקטע גאָלדענע אויסיעס אפ טײַערנ גלאנצ־פאפיר. אינ בריװ גיט ער צו װיסנ, אז ער דערװעגט זיכ צו שיקנ די מאטאָנע גאָר דערפאר, װײַל ער האָט א מאזלדיקע האנט — ס׳איז ניט געװענ דער פאל, מע זאָל באװיליקנ זײַנ מאטאָנע אונ גיכ ניט באקומענ א העכערנ ראנג. די בריװ ליגנ בא אימ פארטיקע אינ א באזונדערער שופלאָד — א שטיק הונדערט גרייט אָפגעדרוקטע בלאנקענ — מע דארפ נאָר פונ אויבנ צודרוקנ דעמ נאָמענ אונ דעמ טיטל. א סימענ האָט ער, אז ער גייט אפנ ריכטיקנ װעג — נאָכ ניט געװענ דער נאטשאלניק, װי געהויבנ ער זאָל ניט זײַנ, װאָס זאָל זיכ פונ זײַנ מאטאָנע אָפזאָגנ. דערפאר איז ער דער איינציקער דאָ אינ שטאָט, װאָס קאָנ, װעמענ ער װיל, באפרײַענ פונ סאָלדאטנ, באװאָרענענ פונ א פאָגראָמ, צונעמענ א נײַעמ שטיק בעסוילעמ, פארגרעסערנ דעמ יידישנ שפיטאָל, ארויסקריגנ א דערלויבעניש אפ א העברײַישער שול אונ, אינ באזונדערע פאלנ, ארויסנעמענ א פאָליטישנ פונ זשאנדארמישע הענט — אויב דער ארעסטירטער שטאמט פונ רײַכע עלטערנ אונ עס האנדלט זיכ װעגנ פארבײַטנ סיביר מיט ארויסשיקנ קיינ אויסלאנד. אפ אזוינע פאלנ גייט ער זייער געהיט, אָנ כײַשעק, פוילט זיכ דערבײַ אונטער, װי א פראָפעסער פונ מעדיצינ, װענ עס קומט אימ אויס אײַנצוגיינ אפ באבסקי רעפועס — װאָרעמ װי די זאכ געלינגט ניט, איז צו װאָס דארפ ער עס — מע מאכט זיכ מיט דעמ מיִעס בא נאטשאלסטװע. צו אזוינע פאלנ האָט ער גלײַכ פארעכנט אויכ די זאכ מיט דער אזקאָרע, װײַל אָט זאָגט קאדיסאָג אליינ: „פאראנ קלאנגענ, אז איינִיקע טראָגנ זיכ ארומ מיט געדאנקענ װעגנ נעקאָמע־אַקטנ", אונ װער װייס צי אָט די „איינִיקע" האָבנ ניט צו טאָנ מיט די װארשטאטלעכ אפ דער גרעקאָװקע, װו עס קומענ אָפט פאָר ארעסטנ. װער װייס, צי אָט די „איינִיקע" האָבנ ניט צו טאָנ מיט יענעמ, װאָס האָט געקלעפט פראָקלאמאציעס אינ יענעמ פרימאָרגנ, װענ מע האָט דערהארגעט דעמ גאדזידאָמעל נאָװיצקינ.

קאדיסאָנס ווערטער האָט ער גלײַכ איבערגעקלונגענ אינ טעלעפאָנ דעמ נײַ־אראָפגעבראכטנ ראָוו מײַערסאָנענ — ערשטנס, ווײַל ער איז בא זיכ אינ הויפט-קאָנטאָר געווענ פארנומענ מיט בילכערס; צווייטנס — אז מע טוט עפעס אָפ ניט פאר איינ מענטשנ, נאָר פאר א סאכ, ווערט עס צעשווומענ גלײַכ ווי גאָרנישט. אזא זאכ איז ער מויכל אנ אנדערנ... זאָל עס טאָנ דער ראָוו... דריטנס, ער, כארשאק, איז געווענ איינער פונ יענע רײַכע לײַט, וואָס האָבנ דעמ נײַעמ ראָוו אהער אראָפגעבראכט, זיכ ברייט געשטעלט צומ צעטל אפנ ראָווס אויסהאלט, נאָר ניט געווענ זיכער, אז יענער געדענקט עס און איצט געוואָלט סײַ דערמאָנענ אימ אָנ דעמ סײַ אראָפנעמענ פונ זיכ אלע זאָרגנ וועגנ דער זאכ מיט דער אוקאָרע, זיי אפנ ראָוו ארופלייגנ.

4

א מענטש אינ א גראמענ שווארצנ מאנטל און אינ אנ אופגעשטעלטנ סאמעט-שווארצנ קאפעליוש־הוט פאָרט איבער דער שטאָט אפ אנ איזוואָשטשיק; זײַנע הענט זײַנענ רויִק-אָנגעשפארט אפנ שטעקנ, דער קאָפ מיט דער באָרד רוענ אפ זײַנ ברוסט — דאָס פאָרט פונ ערגעצ דער ראָוו מײַערסאָנ צוריק צו זיכ אהיימ. מיט אלע כושימ פילט ער, אז ער טוט פונקט, ווי מע דארפ: פארנ זײַטיקנ אויג זעט ער אויס יענוועלטיק צעטראָגנ, אינ זיכ איז ער קאלטלעכ, ניכטער, אפ דער וואכ. מע וואָלט בא אימ געפועלט, דער איזוואָשטשיק זאָל פאָרנ פיל גיכער און ניט דורכ די הויפט־גאסנ, דעריקער — וואָס ווײַטער פונעמ ניקאָלײַעווסקי פלאצ, ווו ארומ טעאטער געפינענ זיכ בענק, מאגנאטישע קאָנטאָרנ, באנקיר־הײַזער, פארפוצטע געשעפטנ, רײַכע ראָג־האָטעלנ מיט מארקיזנ אפ אלע פילגאָרנדיקע באלקאָנעס און פענצטער און ווו צוויי קאפע־וועראנדעס מיט ווײַס־ברעזענטענע וועראנדעס (די „גרויסע” און די „קליינע” בירזשע) זײַנענ ארומגעקלעפט מיט מענטשנ, ווי נאסע שטיקער צוקער מיט זשומענדיקע שווארצע פליגנ. פונ דאָרט קאָנ עמעצער פונ די אָרטיקע מאגנאטנ דערזענ דעמ ראָוו, און דער ראָוו ווייסט: מאגנאטנ האָבנ ניט קיינ באזונדער דערעכערעצ סײַ פאר מענטשנ, וואָס גייענ צופוס, סײַ פאר אזוינע, וואָס האָבנ ניט קיינ אייגענעמ שפאנ מיט געבלאָזענע גומענע רייפנ און פאָרנ אפ געדונגענע איזוואָשטשיקעס.

זינט מע האָט דעמ ראָוו אהער אראָפגעבראכט, זײַנענ נאָכ ניט אריבער קיינ פולע פיר כאדאָשימ — ניט אלע קענענ אימ נאָכ. א סאמעט שווארצער, אָנגעטאָנ דורכויס אינ שווארצנ, א ברייטלעכער מיט ניט גאָר קיינ גרויסער באָרד, וואָס דערמאָנט אָנ אנ אפאָסטאָלישער, נישקאָשעדיק פויל פונ יוגנט אָנ, אפילע באמ בלעטערנ ראבאָניש-אלטע באָרופ-ספאָרימ, זיכער אינ זײַנ גוטנ קאָפ, — האָט ער דאָ, אינ דער האלב־ייִדישער, האלב־קריסטלעכער גרויסער שטאָט, זיכ דערפילט אזוי, ווי ער אליינ וואָלט זײַנ

א שטיק הייליקע טוירע. פונ גאָרנישט ניט טאָנ האָט ער באַקומענ א שטיקל בײַכל, א שטענדיק־מאטע פארב אינ פּאָנעמ, אנ אויסגערוטנ גלאנצ אינ די אויגנ, זיכ פארלאָזט א האלב־הייליקע קוטשמע, געהאלטנ די פּאָמפּעשקעוואטע הענט אינ די זשיליעט־טאשלעכ — אָט־אָט הייבט ער אָנ אויסצוזענ, ווי א מינ ייִדישער ארכיערײ, ווי א שטיק אינטערנאציאָנאלע הייליקייט. הייליק אָפּגעשיידט פונ געוויינלעכ־וואָכעדיקע מענטשנ, דעריקער — פונ פרומע כניאָקעס, וואָס קריכנ צו גרויס־שטאָטישע ראבאָנימ אינ די פּערעדניעס, האָט ער גאנצע באטאָגנ ארומגעשפּאנט אינ זײַנ פײַנעמ אָפּגעזונדערטנ הויז, וואָס מע האָט פונזײַנעטוועגנ אָפּגעדונגענ אפ א שטילער בוימערדיקער זײַט־גאס, מוירע געהאט זיכ צופיל באווײַזנ, ווײַל מע ווערט דערפונ בא יענעמ וואָכעדיק.

פארוואָס די היגע מאגנאטנ האָבנ אימ אהער ארויסגענומענ, איז אימ נאָכ אלצ ניט געווענ אינגאנצנ קלאָר. געקלערט האָט ער: מיסטאָמע ניט פארנ שיינעמ פּאָנעמ, ניט פארנ היטנ זיכ צו מאכנ גרײַזנ באמ ריידנ רוסיש, אפילע ניט דערפאר, וואָס זײַנ ראבאָנישע פאמיליע מייערסאָנ האָט א געוויסע צײַט זיכ געלאָזט צווישנ ייִדנ הערנ. אָנגעשטויסנ האָט ער זיכ: עס מוז דאָ ליגנ עפּעס א פּאָליטיקע, אונ אויב א פּאָליטיקע איז א גרויסע, ווײַל די מאגנאטנ, וואָס האלטנ אימ דאָ אויס, זײַנענ גרויסע. צווישנ זיי געפינט זיכ דער גליקלעכ־רײַכווערנדיקער צוקער־פאבריקאנט שאוול, וועמענ מע וועט אינגיכנ, זאָגט מענ, געבנ אינ פּעטערבורג דעמ טיטל „קאָמערטשעסקי סאָוועטניק”. אימ, דעמ ראָוו, האָט מענ דאָ ארײַנגעפירט א טעלעפאָנ. „שײַלעס” וועגנ מילכיקס אונ פליישיקס, זאָגט זיכ דער ראָוו, פּאסקנט מענ געוויס ניט. מע האָט אימ געגעבנ אָנצוהערנ, ער זאָל האלטנ א לאקיי, מעג זײַנ א ייִדישנ — אפּאָנעמ, מע וויל ס'זאָל כאפּנ פונ עפּעס דעמ אומבליק. זאָל עס זײַנ דערפאר, וואָס רוסישע מאגנאטנ פאָרנ אונטער א כאָגע מיט וויזיטנ צומ ארכיערײ, אונ די ייִדישע האָבנ ניט וועמענ צו פאָרנ? (דעמ אלטנ ליטווישנ ראָוו רינט דאָ פונ דער נאָז.) איז, ערשטנס, אויב נאָר צוליב דעמ, וואָלט מענ זיכ ניט געלאָזט אזויפיל קאָסטנ, צווייטנס, צוליב וואָס דארפנ רוסישע מאגנאטנ דעמ ארכיערײ?

— איינ זאכ זעט זיכ קלאָר ארויס, — אזוי האָט דער ראָוו זיכ איינמאָל ארויסגעזאָגט פאר מיטל־רײַכע אונ מיטל־פרומע מעקוראָווימ, — אפּאָנעמ, רעליגיע איז טאקע א זאכ, אויב מע דארפ זי אי דאָ אי דאָרט.

איצט, דערהערט, ווער עס רעדט צו אימ אינ טעלעפאָנ אונ וועגנ וואָס מע גייט, איז דער ראָוו מיטאמאָל פול געוואָרנ מיט אזויפיל כשיוועס, אז זײַנ ברייטלעכער קערפּער איז געבליבנ צו קליינ, אפ האלטנ זי אינ זיכ. די אויגנ מיט זייער שטענדיק־מאטנ גלאנצ האָבנ זיכ האלב צוגעמאכט, זײַנ ברייטלעכע נאָז האָט שטארק צעשפּרייט די נאָזלעכער, ווי אינ מינוטנ פונ גרויס פײַדנשאפט צו א פרוי. אלע אינווייניקסטע כושימ האָבנ געהאָלפנ

דעמ פאַרשטאַנד זיכ אויסלעשנ אונ בלײַבנ באַמ איצטיקנ צעשוווּמענעמ געדאַנק:

„דאָס וויכטיקע, צו וואָס מע האָט מיכ אהער אַראָפּגעבראַכט, הייבט זיכ אָנ".

אימ האָט זיכ פאַרוואָלט אי בעטנ צו גאָט, אי דאַנקענ אימ, אי טאַקע אָפּ אַנ עמעס גלייבנ אינ אימ. אינ דער זעלבער צײַט האָט ער דערפילט, אַז ער וואָלט זײַנ לאַגע דאָ אינ שטאָט מיטאַמאָל אומגעבראַכט, ווענ ער זאָל איצטער־אָ זיכ אַנ אײַל טאָנ אונ גיכ אָפּקלאַפּנ דעמ ענטפער. אויב ער, ווי אַ ראָוו, איז דאָ וויכטיק — מאַגנאַטנ לאָזנ זיכ אָפּ אימ קאָסטנ — איז בעמײַלע וויכטיק איטלעכ וואָרט זײַנס. אָנפרעגנ ווענגנ עפּעס באַ אימ, הייסט אינ אַ געוויסער מאָס — אָנפרעגנ באַ גאָט אונ עס מוז אַ ביסל געווערנ ביז מע באַקומט תּשובֿה — מע מוז זיכ פריִער מעיאַשעוו זײַנ.

מעיאַשעוו געווענ האָט זיכ דער ראָוו דאָ אָפּנ אָרט מיטנ יוּוועליר־פאַבריקאַנט כאַרשאַקנ. דעמ ראָווס געדאַנק — „דורכנ טעלעפאָנ פּאַסקנט מענ ניט קיינ שײַלעס" — איז פונ אַ קלוגנ אופטו גלײַכ געוואָרנ ווירקלעכקײַט. אַז אַנ אַרטיקל ווענגנ קעשעניעוו, צי ווענגנ דער אוקאָרע זאָל נאָכ אַרײַנ אינ שאַבעסדיקנ נומער פונ דער גרויסער רוסישער לינק־ליבעראַלער צײַטונג איז געגנוג איינ קלונג פונ שאַווּלס קאַבינעט אינ דער רעדאַקציע. שאַוול גיט אָפּ דער צײַטונג פײַנע טויזנטער — אויב ניט אָפּנ, איז דורכ דרוקנ דאָרט יערלעכע אונ האַלב־יערלעכע באַריכטנ פונ זײַנע פאַרשיידענע אַק־ציאָנער־געזעלשאַפטנ, — אָט וואָס דער ראָוו האָט פונ כאַרשאַקנ זיכ דער־וווּסט. דער שמועס אינ טעלעפאָנ האָט זיכ היפּש פאַרצויגנ. ביידנ — כאַר־שאַקנ אונ דעמ ראָוו — איז געווענ אַ גרויסער ספק, צי ווענגנ דעמ אינ־יענ איז קעדײַ דעמ צוקער־פאַבריקאַנט שאַוולענ אָנצוקלינגענ: מע ווייסט ניט צי שאַוול וועט זיכ בכלל מיט דעמ אינטערעסירנ. פונ איינ זײַט, וואָלט אינ דער אוקאָרע געקאָנט זײַנ אַ געוויסער פּראָטעסט קעגנ יענע, וואָס ווילנ צעבלאָזנ די מײַסע מיטנ דערהאַרגעטנ נאַדזיראַטעל באָוויצקינ ביז אַ פּאָגראָמ. נאָר, פונ דער אַנדערער זײַט: מע ווייסט ניט, וויאַזוי וועט מענ אָפּ דער אוקאָרע קוקנ אינ „געוויסע" ניט־ייִדישע קרײַזנ — מע זאָל עס דאָרט ניט פלאָנטערנ מיט די אָפּטע אַרעסטנ אָפּ דער גרעקאָווקע, ווו די וואַרשטאַטלעכ קערנ מערסטנטייל צו ייִדנ אונ עס אַרבעטנ דאָרט ייִדנ, ווי ניט ייִדנ. געבליבנ: דער ראָוו מייערסאָנ, אינ זײַנ אייגענעמ נאָמענ, וועט צוערשט פּרוּוונ אָנקלינגענ שאַווּלס געוועזענעמ הויפּט־„אופּראַווליאַ־יעשטשע" דעמ רויטנ האָרנבערגנ. דאָ האָט דער ראָוו זיכ דערוווּסט: אַכוץ דעמ, וואָס מיט אייניקע שאַווּלס געשעפטנ פאַרוואַלטעט דער רויטער האָרנבערג נאָכ אַדאַיאָמ, איז ער דער הויפּט־דירעקטער פונ דער אָרטיקער אָפּטייל־לונג פונ דער פּעטערבורגער אונ פונ דער אַזיאַטישער באַנק, אַנ אייצע־געבער אינ אַנדערע קלענערע בענק — אַליינ אַ שטיק שאַוול.

5

א געוועזענער הויפּט־„אופּראווליאיעשטשע“ פונעם אַלטן שניט, אויסגע־וואַקסן בא שאולס פאָטער פון א קאַנטאָר־יינגל, האָט דאָך דער רויטער האָרנבערג אויך איצט געהאט עפּעס מעשאָרעסדיקס און סאָלדאטישעס סײַ אין פּאָנעם סײַ אין אויסגעפּראַוועטן שטעל, געטראָגן קליינע געקרײַזלטע באַקנבערד (די מיט־באָרד — ריין אויסגעגאָלט), געזײַטלט ביידלעך די אַלונ־אויגן בא דרייען די הארטע וואָנצעך, גערעדט קורץ, הילכיק־אָפּגעהאַקט, ליב געהאט, מע זאָל אים אויך אזוי קורץ און הילכיק ענטפערן — אפן שטייגער פון „טאַק־טאָטשנאָ, ניקאַק ניעט“.

שאולען איז ער נאָך אַלץ מיט לײַב און לעבן געווען איבערגעגעבן. פונדאַנען די איבערגעגעבנקײַט צו שאולס קאָרשול (שאול, וואָס גייט קימאַט קיינמאָל ניט דאַווענען, האָט אים געהייסן זײַן אין קאָרשול שטענדיקער גאַבע). אַלע שאַבעס אינדערפרי, פּינקטלעך צו דער מינוט, איז האָרנבערג אין שאולס קאָרשול געקומען. געשטאַנען דאָרט אין דער הייכ לעבן קאַנטער מיטן טאַלעס־שאַרפעלע אף די אַקסלען, מיטן צוגעמאַכטן סידער אין ביידע שטײַפע הענט, ווי אף צו פאָטאָגראַפירן זיך, ביידלעך מיט דרעמל־דיקע אויגן אָנגעקוקט דעם אוילעם און געהיט די אָרדענונג.

ס׳האָט דאָרט איינמאָל אין א שאַבעס געטראָפן:

דער טוירע־לייענער פון קאָרשול האָט א טאָעס געהאט און געזאָגט אן איבעריק מאָל „אדוינוי“. א פרומער ייד, וואָס איז דערבײַ צופעליק אין קאָרשול געווען, האָט, ווי דער יידישער דין הייסט, אָנגעהויבן הילכיק פּאַטשן איבער זײַן סידער, קעדיי דער טוירע־לייענער זאָל איבערכאַזערן נאָכאַמאָל. דער רויטער, סאָלדאטיש־אויסגעפּראַוועטער האָרנבערג מיטן טאַלעס־שאַרפעלע אף די אַקסלען, איז דענסטמאָל אראָפּגעגאַנגען פון די באַלעמער־טרעפּלעך, פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צום פרומען ייִדן און איינגע־האַלטן בייז אף אים א קוק געטאָן:

— ו טשיאָם דיעלאָ? — האָט ער באַם יידן א פרעגן געטאָן, — זדיעס פּאָזשאַר, טשטאָ־לי?

דערשראָקן האָט דער פרומער ייד אָנגעוויזן אפן טוירע־לייענער:

— מע טאָר ניט, — ער האָט געזאָגט אן איבעריק מאָל „אדוינוי“...

— ניטשעוואָ׳ס — האָט האָרנבערג אים איבערגעשלאָגן, — פּראַווליעניע בע־ריאָט נא סעביאַ.

אזוי האָט ער געענטפערט אף אַלע שײַלעס, וואָס האָבן א שײַכעס צו דער קאָרשול; דעם אייגענעם ענטפער וואָלט ער, מעגלעך, געווען געגעבן אויך איצט, ווען ער האָט אין טעלעפאָן דערהערט דאָס וואָרט „אזקאָרע“. נאָר דער ראָוו האָט דערבײַ א פּאָר מאָל דערמאָנט שאולס נאָמען און אפן רויטן האָרנבערגן האָט עס געווירקט ניט ווייניקער, ווי אפן פרומען יידן — אן איבעריק מאָל „אדוינוי“.

6

דער גליקלעכ־דערכווערנדיקער צוקער־פאבריקאנט סאול נאטאנאָוויטש שאוול איז נאָכ קיינ פופציק יאָר ניט אלט, א וווקסיקער, מיט א פרי־אויס־געפאלענעם, קײַלעכיק־אויסגעגאָלטנ שטערנ, מיט א פראנצויזיש־געשוירענער ריטער באָרד (א הארטע ווי א צוגעקלעפטע) — זייער ווייניק געראָטנ איינ א ייִדנ, צי א ניט־ייִדנ. געדראָטנ אָנ רעווער פונ די פיל צוקער־פאבריקנ, וואָס ער קויפט זיי אָפ גרייטע אונ בויט זיי אפ דער רעכט־ברעגיקער אוקראַינע נײַע, געראָטנ אינ זיכ אליינ — א באזונדער ראסע.

אפ האָרנבערגס קלונג פונ טעלעפאָנ האָט מענ פונ שאוולס באזונדערנ קאבינעט געענטפערט דרײַ ווערטער:

— קטאָ?.. טשטאָ?... פאָזשע.

פארנ רויטנ האָרנבערגנ האָט עס אויסגעמאכט, ווי שאוול וואָלט פונ דאָרטנ הייסנ אימ ענטפערנ: „אנ אידיאָט! כ׳האלט דאָכ פונ אימ... וואָס זשע דולט ער מיט אזעלכע נארישקײַטנ?״ — אונ ט׳האָסטו דעמ לויב פאר דערלאָזנ, אז צו דיר אינ טעלעפאָנ זאָלנ קלינגענ פרומע ראבאָנימ, ניט גע־דאכט זאָלנ זיי ווערנ! האָרנבערג האָט איבעראנײַס דערפילט, ווי שטארק ער האָט פײַנט אלערליי ראבאָנישע ייִדנ, מיט זייערע פרומע אזקאָרעס אונ ווי שטארק מע דארפ זיי ערשט פײַנט האָבנ, אפילע ווענ מע דארפ זיי צו עפעס אונ מע צאָלט זיי דערפאר געלט:

— זיי ניט צולאָזנ צו זיכ פאר א מײַל!

נאָר אינ א פאָר שאָ ארומ האָט מענ פונ שאוולס קאבינעט אָנגעקלונ־גענ צו האָרנבערגנ איבער אנ אנדער איניענ: די זאכ באשטייט אינ דעמ, וואָס אינ „גאָסטיניצא יעוראָפייסקאיא״ געפינט זיכ שוינ ווידעראמאָל א טאָג דרײַ דער אלטער גראפ קאלימענ — געגעבנ צו ויסנ אינ שאוולס קאָנ־טאָר, אז ער איז דאָ אונ ווארט אפ קאָוועד... צי וואָלט האָרנבערג איצט ניט געפונענ קיינ צײַט ארײַנגיינ צו אימ, אויסהערנ, וואָס ער וויל אונ אימ פאָשעט לאָזנ הערנ:

— ס׳האָט דערעסנ.

נו יאָ, דערעסנ האָט שוינ די זאכ אינ געוויסער מאָס אויכ האָרנ־בערגנ — דעמ אלטנ קאלימענענ ווּעט אופעסנ זײַנ פויליש־גראפישע גײַווע, ווי אנ אנדערנ עסנ אופ לײַז אָדער וואנצנ. ער זיצט אינ דער רעכטברע־גיקער אוקראַינע אפ קנאפע צענ טויזנט דעסיאטינ שווארצערד, ווי א הונ — אפ פרעמדע קאטשקע־אייער: די ערד איז פארזעצט, איבערפארזעצט, איבער־פארמאשקנט, אונ אפ צו צאָלנ יעדנ טערמינ די פראָצענטנ מוז מענ זי אלע יאָר אָקאָרשט באנײַס פארזעצנ. ראטעווענ קאָנ איינ שאוול — ער וועט אי אויסקויפנ אלע היפאָטעקעס אי צאָלנ דעמ אלטנ קאלימענענ אלע יאָר א קליינע, ניט־פאריסענע סומע. אינ דרײַסיק יאָר ארומ קערט ער אומ דער פאמיליע קאלימענ די צענ טויזנט דעסיאטינ שווארצערד — ריינע אָנ א

גראָשנ כויוו. אַפ דער ערד וועט שאול דרײַסיק מאָל זעצנ צוקער-בורעקעס, אוועקשטעלנ א גרויסע צוקער-פאבריק אָדער צוויי קלענערע — דאָס איז שאולס זאכ. דער אלטער קאלימענ וווינט מיט זײַנ פאמיליע אינ ניצע. צו זײַנע צענ טויזנט דעסיאטינ קומט ער אראָפ נאָר אַפ א פּאָר זומערדיקע כאדאָשימ. ווי א גרויסער האָנערניק, ווײַל ער דאָ אינ שטאָט ניט ארויסגייענ פונ זײַנע צימערנ אינ גאָסטיניצע. שאול לאכט דערפונ. אויב אזוי קאָנ שאול קומענ מיט א וויזיט צומ אלטנ קאלימענ — ניט דאָ אינ גאָסטיניצע, פארשטייט מענ, נאָר אינ ניצע, מעג זײַנ אינ זײַנ הויפ, וואָס אַפ זײַנע „אייגענע״ פארזעצטע אונ פארמאשקנטע צענ טויזנט דעסיאטינ שווארצערד — אזוי זאָל אימ האָרנבערג זאָגנ. אונ נאָכ וואָס:

— וועגנ דער אזקאָרע... ווער האָט געקלונגענ? א ראָוו? האָרנבערג קאָנ אימ?.. יאָ. וואָס איז עס פאר א מײַסע מיט א דערהארגעטנ נאדזיראטעל אַפ דער גרעקאָווקע? האָרנבערג וואָלט ניט געקאָנט צושטעלנ וועגנ דעמ שאולענ וועלכע־ניט־איז ידיעס?

שאול וועט ניט דערלאָזנ, אז האָרנבערג, וועמענ ער הייסט בלײַבנ שטענדיקער גאבע אינ זײַנ קאָרשול, זאָל מיינענ, אז אפילע די מינדסטע קלייניקײַט אינ קאָרשול, קאָנ אויסזענ בא אימ שמאכטעוואטע. די מײַסע מיטנ דערהארגעטנ נאדזיראטעל ווערט בא שאולענ אויכ ווי צוגערעכנט צו זײַנ קאָרשול.

שפּעטער האָט האָרנבערג צוגעקלונגענ צומ ראָוו:

— די אזקאָרע מאכנ אינ קאָרשול?.. בעסער אַפ דער גרעקאָווקע אינ דער אלטער... ווי הייסט זי? — אינ דער העקעשער שול. דורכלאָזנ אנ ארטיקל אינ דער רוסישער צײַטונג קאָנ מענ, נאָר פריער דעמ ארטיקל צושיקנ צו מיר. קיינ אפישנ אַפ רוסיש אינ שטאָט ניט קלעפּנ. שאולס קאָנטאָרנ וועלנ שאבעס אַפ דער צײַט פונ דער אזקאָרע זײַנ געשלאָסנ. אנדערע קאָנענ עס אויכ טאָנ. קיינ גרויסנ טאראראמ ניט מאכנ — ס׳איז אלצ.

דער ראָוו האָט וועגנ דעמ באלד אָנגעקלונגענ אינ טעלעפאָנ צומ יוועליר־פאבריקאנט כארשאק. כארשאק האָט אָנגעקלונגענ קאדיסאָנענ, קאדיסאָנ האָט אָנגעקלונגענ וועגנ דעמ צו זשעני אָסטראָווסקי, זשעני אָסטראָווסקי האָט עטלעכע מאָל געקלונגענ אי צו גרישע פליישער אי צו בעניע גורליאנד אונ קיינעמ פונ זיי אינ דער היימ ניט געטראָפנ — ביידע זײַנענ אינ יענעמ טאָג אוועק ארויסנעמענ זייערע גימנאזיע־אטעסטאטנ. די שטוב באמ רײַכווערנדיקנ צוקער-מעקלער יאָסל גורליאנד — בעניס פאָטער — איז געווענ א יארידעוודיק-צעדרייטע. פול אונ פול מיט אונטערוואָקסענע קינדער, וואָס זײַנענ איינ פוס מיט זייער טאטנ אונ זײַנענ טאָמעד גרייט אָפּצוטרעטנ זייערע געלעגערס פאר דורכפאָרנדיקע געסט — קרויווימ אונ ניט קיינ קרויווימ אונ באקאנטע פונ קרויווימ פונ באקאנטע. אינ צימער, ווו דער טעלעפאָנ האָט איבער זשעני אָסטראָווסקיס אומגעדולד אלײַ-

מאָל באַנײַס געקלונגען, איז צוערשט געשלאָפן עמעצער פֿון די אָרכים־קרוויוים, שפּעטער האָבן זיך דאָרט געשפּילט קינדער — אַזוינע, וואָס מע טרײַבט צונויף אַם אײַן אָרט, קעדיי זיי זאָלן נאָך האַלבן טאָג נים שטערן כאָטש ווי־ניט־איז צוקלײַבן די גרויסשטאָטיש־צעטראָגענע שטוב. אַפ זשעניס קלונג אין טעלעפֿאָן־טרײַבל האָבן צוערשט פּריילעך עפּעס אַרײַנגעפּלאַפּלט עטלעכע יונגע שטימעלעך מיטאַמאָל, דערנאָך לויט דער ריי גענומען אַרײַנשרײַען אײַנציקווײַז:

— וועמען דאַרפֿט איר?

זשעניע האָט געבעטן צורופֿן עמעצן פֿון די עלטערע. אין טרײַבל האָט זיך דערהערט אַ שטימע, וואָס האַלט אין סאַמע רעדטן בײַטן זיך — מיט דער צײַט וועט זי ווערן עפּשער אַ טענאָר, עפּשער אַ באַס. די שטימע האָט זשעניען געענטפֿערט:

— רעדט בעסער צו מיר ייִדיש.

זשעניע האָט געפֿרעגט:

— פֿאַרוואָס?

די שטימע האָט געענטפֿערט:

— וואָרן איך בין פֿון אַ קליין שטעטל.

די שטימע האָט פֿון איר זײַט געפֿרעגט:

— און ווער זײַנט איר?

זשעניע האָט געענטפֿערט:

— איך בין זשעניע.

די שטימע, וואָס האַלט אין בײַטן זיך, האָט דערויף קליינשטעטלדיק אַ מאַך געטאָן:

— זייער אָנגעלייגט.

זשעניע האָט זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט. זי האָט געבעטן איבערגעבן בעניען, ווי נאָר ער וועט קומען: מיט דער אַזקאָרע גייט אַפ אַ לאַד. בעני און גרישע פֿליישער זאָלן אָן אַ טערעץ זײַן בײַ איר אײַנאָוונט — גוט?

— גוט.

די ייִנגלשע שטימע, וואָס האַלט אין בײַטן זיך, קלינגט ווי אַ גאַנץ אָרנטלעכע — זי, אַז זי זאָגט צו איבערגעבן, איז עס אַ זיכערע זאַך. אינדרויסן האָט דער ראַשיקער באַטאָג גרויסשטאָטיש־וואָכעדיק געטריבן די זון מיט אירע שאָטנס — זי געטריבן קימאַט ווי מיט קנאַקנדיקע בײַטשן, ווי מע פֿאַרטרײַבט אַ טשערעדע. אונטער שווער־שרײַענדיקע שטיקער אײַזן האָבן צעטרייסלטע בינדיוגעס פֿאַרטראַכקעט אַלץ, וואָס אין אַזוינע הײַזער, ווי גורליאַנדס, רופֿט מען „שאַבעס” און „ערעוו־שאַבעס”. זשעניע האָט זיך געדיכט, אַז אײַנאָוונט וועט בײַ איר צום ערשטן מאָל זײַן צוגאַסט קאַדיסאָן — זי האָט וועגן דעם גערעדט אין טעלעפֿאָן מיט קאַדיסאָנס ווײַב גוטע אַבראַמאָוונע. אַפ דער גרעקאָווקע לעבן דער העקעשער שול, לעבן די שטעכלעך, וואָס זײַנען אַרומגערינגלט מיט אָן אַ שיר האָוועדיקע וואַרשטאַטלעך

(העַנטשקע־מאַכער, היטל־מאַכער, בײַטל־מאַכער, קאַמאַשנ־מאַכער), זײַנענ געהאַנגענ צעקלעפּט די צעטלענ, וואָס רופנ צו דער אוקראַינע אינעמ קומענדיקנ שאַבעס — שטומע צעטלענ, פרומע לויט אַלע דײעס; זײ האָבנ דערמאָנט אָנ גאָנטענ, אָנ כמעלניצקינ אונ אָנ גזײרעס „טאַכ".

7

דער פּאַרצײַטיק־גרויסער קאַדיסאָנ, אַז ער דאַרפ עפּעס אָנשרײַבנ, גײט ער פריִער אַוועק צו אַ פאַבריקמאַכער אונ לאָזט זיכ אַרומשערנ דעמ קאָפּ, דאָס גראָוערנדיקע בערדל אונ כאָטש וויפל־ניט־איז אָפּקירצנ די וואָנצעס — קימאַט טאָמער אַזוי. בײַס מע שערט אימ, האַלט ער האַלב צוגעמאַכט די אויגנ, ווי ער וואָלט געדרעמלט — דאָס טראַכט ער, ער איז פול מיט קענטענישנ אונ מוז זיכ היטנ — געגליכנ צו אַ טרוקענער רײַפער זאַנג, וואָס באַ יעדנ מינדסטנ ריר קאָנענ אירע קערנער זיכ פאַנאַנדערשיטנ אַפנ ווינט. פונעמ פאַבריקמאַכער קומט ער אַרויס קאָנטעט־פאַרוויטלט. אונטער די אָפּגעקירצטע וואָנצעס זײַנענ ליפּנ צופיל אַנטפּלעקט אונ טאָנעדיק בלאַס. זײַנ מויל איז צוגעמאַכט אַפ ניט אויסצורײדנ קײנ אײנ אונ אײנציק וואָרט. אַפנ וועג אַהײמ דערקאָנט ער ניט קײנעמ פונ אַנטקעגנקומענדיקע באַקאַנטע — אַ סימענ, אַז ער ווײסט שוינ קימאַט אַלצ, וואָס ער וועט אָנשרײַבנ. זײַנע פײַיקײַטנ וואָלט ער דענסטמאָל ניט פאַרביטנ אַפ קײנעמס רײַכקײַט, אַפילע ניט אַפ שאָוולס אַלע צוקער־פאַבריקנ. שאָוולענ קאָנ ער ביכלאַל ניט לײַדנ, ווי ער אַלײנ זאָגט:

— כ'בינ אַ דעמאָקראַט. כ'האָב פײַנט אַלערלײ קיניגנ פונ מאַכט, פונ געלט, פונ צוקער (קעדײ עס זאָל קלינגענ, גיט ער צו), אַפילע דעמ קיניג פונ קאָרטנ.

דאָכ האָט אימ איצט וואָס אַ רעגע אַלצ מער גערײצט, וואָס זײַנ אַרטיקל וועגנ דער אוקראַינע וועט איצט, מעגלעכ, לײענענ שאָוול. דער רויטער האָרנבערג וויל נאָכ דערצו פריִער זענ, וואָס אינ אַרטיקל שטײט. אײַלעכנע אָנגעשריבענע שורע האָט ער ווי געפרעגט:

— ווי וועט מיכ אויפנעמענ שאָוול?

אונ כאַפּט דער רועכ שאָוולענ — ווי ער וואָלט אימ, קאַדיסאָנענ, די גאַנצע צײַט געשטאַנענ דאָ הינטער די פּלײצעס אונ וואָלט אונטערגעקוקט, וואָס שרײַבט ער מיט דער פּענ. שווער־געוויכטיק, ווי אַ מינ ייִדישער מיכײַלאָווסקי, שרײַבט קאַדיסאָנ אַרײַנ די שורעס: „מיר פאָדערנ פונ דער רוסישער בעסערער געזעלשאַפט אַ מענטשלעכע באַציִונג. מיר זײַנענ אַ נאַציע, מיט אַלע אַטריבוטנ פונ אַ נאַציע אונ אַלע עלעמענטאַרסטע רעכט פונ אַ נאַציע". שטעלט זיכ די פראַגע:

— צו וואָס דאַרפ שאָוול אַ נאַציע?

באַ קאַדיסאָנענ אינ קאָפּ בליצט:

„שאוּל האָט איבערגעשטײַגט די גרענעצן פֿון א נאציע, מאַרקס האָט איבערגעשטײַגט די גרענעצן פֿון א נאציע — צוויי פּאָליוסן. ניט עמעס, אַז אויך היינע האָט איבערגעשטײַגט — היינע האָט אנטפּלעקט דעם ייִדן דער וועלט“.

דאָס קער שוין צו קאַדיסאָנס געדאַנקען צו דער פֿילאָסאָפֿיע פֿון דער ייִדישער געשיכטע. ער גרייט כוץ דעם צוויי בראָשורן, ווו ער פּאָלעמיזירט מיט מענשיקאָוון — פֿון איין זײַט, מיט אכאדהאָמען — פֿון דער אַנדערער זײַט, און דערווײַזט זיי, אַז ערגעץ טיף אין גרונט גייען זיי זיך צונויף: ביידע גלייבן ניט אין דער נוצלעכער קראַפֿט פֿון ייִדן — איינער גלייבט בכלל ניט, דער אַנדערער גיט נאָך: „עפּשער אין פּאַלעסטינע“. קאַדיסאָן, אַז ער שטייט פֿאַר „ייִדן, ווי זיי זײַנען“, הייסט עס: ווי זיי וואָלטן געקאָנט זײַן, ווען מע גיט זיי רעכט. אין זײַן אַרטיקל צו דער אוקראַרע רופֿט ער „צו הומאַניזם, קעגן שענדלעכן אומיוישער“, קעגן אַזעלכע בילבולים, ווי די אַרטיקע שוואַרצמייעדיקע צײַטונג וויל אַרויסציִען פֿון דער מײַסע מיטן דערהאַרגעטן נאַדזיראַטעל נאָוויצקין. ער ענדיקט מיט ציטאַטן פֿון סאָלאָוויאָוון, שיקט אָפּ די אָנגעשריבענע זײַטלעך צו האַרנבערגן, קעדיי יענער זאָל זיי איבערגעבן אין רעדאַקציע און שפּאַנט אַרום אַן אופּגערעגטער בא זיך אין צימער. ער וועט אין הייפֿטן צו „אַלט-נײַלאַנד“ אָנשרײַבן א פֿאַנטאַזיע-בוך — „ייִדן אין הונדערט יאָר אַרום“. ייִדן זײַנען א נאציע, וואָס נעמט אום דאָס בעסטע בא יעדן פֿאָלק און צעטראָגט עס איבער דער וועלט. שמאַלציק-פֿעטע גאַלאָכים, באַלעבאַטים פֿון מײַרעוו-אייראָפּע האָבן אַמאָל געשיקט נאָך ייִדן — זיי געדאַרפֿט בא זיך פֿאַר וווּכערניקעס, נאָר יענע האָבן געענטפֿערט די גאַלאָכים אָפּ אָט דער גרויסער באַליידיקונג מיט דעם, וואָס זיי האָבן דאָרט געגעבן שפּינאָזען. ער וועט אין א בראָשור דערווײַזן דעם זשורנאַליסט פֿון ווינער „נײַער פֿרײַער פּרעסע“, אַז ער איז רענעגאַט — פֿאַר אַזויפֿיל בלוט צוריק א שטיקל פּאַלעסטינע און שוין? פֿון אים, קאַדיסאָנען, שפּאַרט מיט בראָשורן און מיט ניט-אָנגעשריבענע ביכער. זײַן אומגליק איז — איבערגעלאָדנקײַט מיט וויסן, ווי א בער מיט קויעך און צופֿיל באַפֿרוכפּערונג אין געדאַנק. ער ווייסט עס אַליין: ער איז פֿעטע שוואַרצע ערד אונטער שטענדיקן רעגן — פֿון צופֿיל שעפֿע פֿוילן אין אים די גערעטעניש. דאָ שטייט צו אים צו זײַן ווײַב — זי וויל ער זאָל אינאָוונט אַרײַנגיין מיט איר צו זשעביען, זי האָט עס זשעביען צוגעזאָגט.

— נישקאָשע, — טײַנעט זי, — יענע האָט עס קאָשער פֿאַרדינט, זי איז מיר, ווי א שוועסטער.

קאַדיסאָן פֿילט, אַז ער איז אָרנטלעך אַפֿילע ווען ער קריגט זיך מיטן ווײַב:

— האָסט צופֿיל שוועסטער, — ענטפֿערט ער איר, — איך וועל פֿון זיי אויסגיין.

טיף בא זיך אין האַרצן האַלט אָבער זײַן ווײַב, אַז זי איז אין דער פּיאַ־

טע אָרנטלעכער פון אים. זי ווייסט איין זאך: דעם לעצטן קאָסטיום, וואָס ער קאָן נאָך טראָגן (ער פארפלעקט און רײַסט מעסוקן קאָסטיומען), האָט זי אים געמאכט פון איינער א פראקטיק, וואָס זשעניע האָט איר צוגעשאַרט. זי קוקט אַף אים מיט א בליק, וואָס וואָרנט:

— זאָגסט „ניין״ — טו איך גלײַך א געשריי „גוואלד״.

— אן עק, — בעט ער זיך, — זאָל זײַן געגוג.

ער קלינגט אָן אין רעדאקציע פון דער רוסישער ליבעראלער צײַטונג און פרעגט זיך נאָך צי האָט מען פון האָרנבערגן געבראכט זײַנעם אַן ארטיקל. ער דערוויסט זיך, אז יאָ, מע האָט געבראכט, נאָר אין זייער א מעשונע־דיקן אויסזען, קימאט דורכויס איבערגעשטראָכן, אכוץ עטלעכע געלאָזטע שורעס — א שטיקל כראָניק וועגן דער אזקאָרע די קעשעניעווער הארוגים און שוין...

— וואָס?.. א שטיקל כראָניק?!

ער פילט זיך ביז גאָר מיד און לייגט אוועק דאָס טרײַבל — ער וועט זיך צולייגן. מיט אים איז שטענדיק אזוי, ווי נאָר עס דערלאנגען אים שטארק וואָסערע־ניט־איז יעסורים, אזוי באַלד מוז ער זיך אויסטאָן, זיך ארײַנוואלגערן אין בעט און כאָטש א פּאָר שאָ פעסט אָפּשלאָפן. אזוי איז גע־חען אויך איצטיקס מאָל. אופכאפנדיק זיך פארנאכט נאָך אָט דעם שלאָף, האָט ער, ווי זײַן געוווינהײַט, גלײַך א גלי געטאָן מיט פארשלאָפענע גע־בורט־ווייען צו אלע זײַנע ניט־אָנגעשריבענע זאכן, נאָר זיך דערמאָנט, וואָס מיט זײַן ארטיקל איז פאָרגעקומען, און געבליבן זיצן א ליידיק-אויס-געמאָלקענער.

אין אונטערוועש, מיט שלעפעריק-פארגלאָצטע אויגן, וואָס דארפן א בריל, מיטן צעקנייטשטן ערשט־הײַנט ארומגעשוירענעם בערדל, האָט ער זיך אליין אויסגעזען איבעריק הויך און איבעריק ברייט, קערפערלעך פול מיט קרעפטן און אין לעבן — שיר ניט אן אָקאָר. לעבן בעט אַף א שטול איז געלעגן זײַן אָנצוג פריש אויסגעבערשט, נאסלעך אין די ערטער, וווּ עס האָבן זיך פריער געפונען גרעסערע פלעקן. פון צווייטן צימער האָט זיך גע־הערט ווי זײַן ווײַב וועקסלט אים זײַנע שיך, דאָס גרייט זי אים צו אַף צו גיין מיט א וויזיט צו זשעניע אָסטראָווסקי — פוצערײַ פון א בערשטל געוועלטיקט סײַ אַף דער שטילקײַט אין דער גאנצער שטוב סײַ אַף אים דעם אויסגעפוסטעוועטן קאַדיסאָנען. איצט וועט קאַדיסאָן אין ערגעץ אַף וויזיטן ניט גיין. ער מוז עטלעכע טעג נים ארויסגיין פון שטוב און שרײַבן, שרײַבן, שרײַבן — אין שרײַבן וועט ער אַף וועלכן־ניט־איז אופן ארויסזאָגן, אז דאָס, וואָס הײַנט האָט געטראָפן, איז גראָב, מיִעס און דורך־און-דורך שענדלעך — שענדלעך אָן א ברעג.

א. קושניראָוו

דער אורטייל קומט

צווייטער טייל[1]

פערזאָנען:

שענקער	פלאָריאַנ מאַטיש
פאַלקע	פראָקוראָר
מײַער	קאַרל פופקע
קלערכען	אָפיצער
סאַבינאַ	זשאַנדאַרמען

עסטרײַך. פעוורַאל 1934. א שענק אפן וועג צו דער יוגאָסלאַ־ווישער גרענעץ. נאַכט. בא צווײ שכײנישע טישלעך זיצנ פאַל־קע און מײַער. דער שענקער שטייט פארנ שענק־טיש. קוקט ארײַנ אינ א צײַטונג. רעאגירט אקטיוו אפ די איבערגעלייענטע קעפלעך פונ די מיטײלונגען.

שענקער.

נו, הייסט עס, אָפגעדונערט די קאַנאָנען...
מע שרײַבט: דער אופשטאַנד אומעטום דערשטיקט.
דער קאַנצלער דאָלפוס גראַטולירט מיט זיג
די היימווער - באַטאַליאָנען...
אַך, האָט געדונערט און געקנאַלט!
אינ ביך, אינ לעבער, אינ די באַריקאַדנ!
פיר טעג, פיר נעכט אזא מינ קאַנאָנאַדע,
אז גאָט אינ הימל האָט געמוזט זײַנ קאַלט.
האָ, האָ! דערפאַר איז הייס געווענ די רויטע.
אינ ווינ האָט מענ מיט זיי אזוינס געטאָנ...
גאַנצ פלאָרידסדאָרף באַדעקט מיט טויטע...
דער שוצבונד איז צעקלאַפט...

פאַלקע (דערלאַנגט זײַנ קופל).

גיס אָנ!

---

[1] דאָס רעכט צו שטעלנ אפ דער בינע געהערט דעמ מאָסקווער יידישנ מעלוכע־טעאַטער.

ש ע נ ק ע ר (גייט אָנ, זעצט פאָר).

אינ לינצ האָט מענ זיכ אויכ מיט זיי צערעכנט.
געשניטנ פעקלעכווייַז אונ איינציקווייַז...
זיי זייַנענ זיכ צעלאָפנ, ווי די מייַז,
פארשאָלטענע פארברעכער!
דאָכ איינֹיקע געפאקט זיכ אפנ צאָנ.
זיי בויטענ מיט די שטיוול אינ דער לופט שוינ...

מ ײַ ע ר (צו פאלקענ).

א שוידערלעכע זאכ אינ אופשטאנד!
גענאָסע, וואָס זאָגט איר?

פ א ל ק ע (צום שענקער).

גיס אָנ!

מ ײַ ע ר.

כ'בינ אָנגעשטעלט באם טעלעגראף אינ באנהויפ.
אפ דער דעפעשנ-סטענגע האָט פאר מיר
זיכ דורכגעטראָגנ שוידערלעכ אונ שפאנענד
די גאנצע שרעק פונ אָט די טעג די פיר.
מיר איז געווענ דערווידער
דער אומזינ, וואָס האָט אלעמענ פארכאפט.
איכ האָב געדענקט: ס'איז א געשלעג פונ ברידער,
א קלוגער מענטש, ווי גייט דערופ, ווי וואגט?
אונ איכ בינ העכסט געוועזנ קאָנטעס,
וואָס דאָס מאָל ניט אינ אופשטאנד, ניט אינ שטרייַט —
מיר, אייַזנבאנער, נעמענ ניט קיינ אָנטייל...

פ א ל ק ע.

דאָס איז געווענ פאראט פונ אייַער זייַט.

מ ײַ ע ר:

פאראט?.. פארוואָס? ווו נעמט איר עס? פונ וואנענ?
האָט מייַער דענ זייַנ פליכט ניט אויסגעפילט,
ווענ איכ האָב מאָל צו מאָל געקליבנ אינ פארלאמענט
די סאָציאל-דעמאָקראטיע...

פ א ל ק ע.

פוסטע שפיל!

מ ײַ ע ר (אופגעבראכט).

גענאָסע...

שענקער (קרימט איבער).

גענאָסע... אָ, ווען דער גענאָסע קאָן,
וואָלט ער נאָך גערן צוגענאָסן
בוימל אפּן פּלאַמ...

פּאַלקע.

גיס אָן!

שענקער (נעמט ניט דעם קופל).

גיס אָן! גיס אָן! וואָס ברענט אין דיר? וואָס לעשסטו?
דו טו א טאפּ בא זיך אין טאַש אפּריער,
צי וועלן דאָרט דיר סטײַע. דײַנע רעשטן
צעצאָלן זיך מיט מיר...

פּאַלקע.

נו, דײַנס וועט ניט פאַרפאַלן,
איך זאָג דיר אלטער, ערלעכ, דו ניט זאָרג.
מיר וועלן אָפּצאָלן... אי דיר אי אַלע...

שענקער (ניט דערהערט).

ניין, ניין, צעצאָל זיך גלײַך. איך האנדל ניט אפּ באָרג.

פּאַלקע (נעמט ארויס זײַן זייגער).

נא, נעם, גענוג דיר זײַן, צי ווייניק?

שענקער.

אפּ ברוכווארג טויג דײַן זייגער און דײַן קייט.

פּאַלקע.

פּארוואָס? באטראכט אים גוט. דו אלטער, מיין ניט,
מײַן זייגער גייט פּאמעלעכ, נאָר ער גייט.
וועסט אים ניט אָפּשטעלן מיט קיין קאנאָנע,
ווען ער וועט דארפן ווײַזן דיר די רעכטע צײַט.

שענקער.

עי, לומפּ! דו ווילסט מיט דעם זשאנדארם זיך באקאָנען...
איך קאָן א רופּ טאָן אים, ער איז ניט ווײַט.

(ער וויל נעמען דאָס טרײַבל פון טעלעפאָן. אין מיר גייט ארײַן א זשאנדארם).

זשאנדארם.

גוט אָוונט, פרײַנט! גוט אָוונט, מײַנע הערן!

שענקער.

גוט אָונט, דאנק אײַך פאר א גוטן וואָרט...
א קופל ביר...

זשאנדארם.

האָ, האָ! דאָס קאָן ניט שטערן...
(ער טרינקט אויס און באקוקט מעיושעוודיק די ווענט)
ווו איז דאָ אַפּ דער וואנט דאָס בעסטע אָרט?
ווו הענגט מען דאָ ארויס אָט דעם אָ פויגל?

שענקער.

אוועלכן פויגל?

זשאנדארם.

נו, אָט דעם פּאפיר.
אז ער זאָל גלײַך זיך ווארפן אין די אויגן...

שענקער.

אָט דאָ, אנטקעגן טיר.
קלאפּט צו כאָטש נידעריקער, כאָטש העכער.

זשאנדארם.

יאָ, דאָ איז גוט.
(ער שפּרינגט ארויף אַפּ א בענקל, הייבט אָן צוקלאפּן א פּלאקאט, אַפּ וועלכן עס איז אָנגעמאָלט א קאָפּ מיט אן אונטשריפט).

שענקער.

וואָס איז דאָ פאר א שילד?

זשאנדארם.

האָ! האָ! דאָס איז א הייליק בילד!
ס'איז פלאָריאן מאַטיש! דער מערדער, דער פארברעכער!
דער אויסוואורף, דער פארעטער, דער שווארציאָד!
דער רויבער, דער באנדיט! דער אונטערצינדער!
דער פירער פונעם אופשטאנד דאָרט...

שענקער.

א, דאָס איז ער?..

זשאנדארם (פּייַערלעך).

פארשטייען זיי אצינדער?
יאָ, פלאָריאן מאַטיש! דער באָלשעוויק!

ס'האָט ער... די ארבעטער באוואָפנט,
זיי אופגעהעצט צו שטרײַק און בירגערקריג.
ווען ניט די היימווער, איז דאָרט קאטאסטראָפע!
האָ! האָ! ניט גרינג געווען צו אָפּקילן דאָס בלוט
בא זײַנע גאָרגל-שנײַדער און לײַדאקעס.
נאָר איצטער זײַנען זיי... קאפוט...
א שאָד נאָר, אים האָט זיך ניט אײַנגעגעבן פּאקן.
אנטלאָפן. לייענט. דאָ ווערט באפוילן שטרענג
אים צושטעלן פון אונטער דר'ערד אפילע.
איך ראָט אײַך: קוקט זיך אײַן און פארגעדענקט —
זײַן קאָפּ איז אָפּגעשאצט אין פינעף טויזנט שילינג!

שענקער.

א פײַנער פּרײַז!

זשאנדארם.

האָ! האָ! א גאנצ פארמעג

שענקער.

ווען מיר גליקט אָפּ אים צו דערקענען...

זשאנדארם.

דאָס קאָן גראָד זײַן. דורך דאנען ליגט זײַן וועג,
אויב ער וועט וועלן לויפן צו דער גרענעצ.
נאָר זעט, פארשלאָפט אים ניט דעם יונג.
פאר פינעף טויזנט שילינג לוינט שויב זײַן זײַן וועכטער.
אדיע. צום ווידערזען. גיט א קלונג,
אויב ערגעצ עפעס ווײַזט אײַך אויס פארדעכטיק.

(ער גייט ארויס).

שענקער.

יאָ, פינעף טויזנט... ס'איז א פעטע שטיק.
א גאנצ בײַטל געלט איז פאר דיר אָפּן...
ע-ע... אונדז וועט דען אויספאלן אזא מין גליק.
גיי כאפּ... ווער ווייסט וווהין ער איז אנטלאָפן.

(ער עפנט די טיר אין הינטערשטן צימער).

עי, קנערכען! קום ארויס! זיצ דאָ, באם טיש
און איך וועל גיין דאָרט דורכשלאָפן א שטונדע...

(ער בענעצט).

ע-ע... ווען ער זאָל וועלן וואַרטן דער מאַטיש,
אַז איך זאָל דיר אים צושטעלן געבונדן...

(ער גייט אַרויס אין הינטערשטן צימער. פון דאָרט נייט אַדויס קלערכען — אַ מיידעלע פון אַ יאָר צען און פאַרנעמט דאָס אָרט באַם טיש).

פּאַלקע.

פאַרדאַמטער הונט! כ'וואָלט בעסער דיך דערשטיקט,
נאָר פריִער אָנשפּײַען אין פּאָנעם דיר כ'וואָלט וועלן.
פאַר דרײַסיק, צי פאַר פינעף טויזנט זילבערשטיק
אַזעלכער וועט פאַרקויפן דיר די זעלע.
דאָס רופט זיך מענטש. דאָס לעבט. דאָס טרעט די ערד.
מאַטיש! אויב דו האָסט ניט באַוויזן נאָך
די גרענעץ דורכצומאַכן,
אַנטלויף דורך ווילדע שטעגן אין די בערג,
נאָר ניט באַווײַז זיך דאָ, אַף די באַמעגטשטע שליאַכן.
באַהיט זײַ, באַ אַזעלכן בעטן ברויט,
איך חינטש דיר ניט, ער זאָל דײַן דאָרשט דיר שטילן.
שוין גיכער וועט אַ וואָלף דיר בײַשטײַן אין אַ נויט,
אויב ניט, וועט ער כאָטש ניט פאַרקויפן דיך
פאַר פינעף טויזנט גילדן.
איך קוק. איך שווײַג. איך הער אים, ווי ער רעדט.
ווי האַלט מען דעם פאַרדראָס אײַן...
אײַך ווילט זיך דען ניט געבן אים אַ פּלעט —
דער שאַרבן זאָל אים פּלאַצן?

מײַער.

ניין, געגאָסע...

מיך לאָזט צורו. פון בלוטיקן געמיש
איך וואָלט אַנטלאָפן כאָטש אַף קוליעס.
מיר איז אליין דערווידער דער מאַטיש,
וואָס וויל פאַרוואַנדלען עסטרײַך אין אַ דולהויז.
די הײמווער האָט די מאַכט, די רײַכע האָבן גוטס —
זיי וועלן אײַך דאָס צו די פיס ניט לייגן.
און איך פאַרשטיי זיי זייער גוט,
ווער וויל עס אָפּגעבן זײַן אייגנס.
אָט איך אליין — דער סאַמע מיטלשטאַנד —
איך האָב אַ שטוב, אַ פּיצל ערד דערנעבן,
זאָל עמעצער דאָס פּרוּוון נעמען מיר פון האַנט,
וועל איך דען געבן?..

ס'איז מײַנס. ס'איז בלוטיק אייגנס, ווי די זעל.
ס'איז ווילשטאַנד, ס'איז געזעצ. איך האָב דאָ שוויס פאַרגאָסנ.
ווענ יעדערער קערט אויס זיך בא זײַנ שוועל,
וואָלט רייג געווענ די גאַנצע גאַס, געגאָסע!

(פאַלקע הייבט זיך שווײַגנדיק אוֹפ)

ווארט אויס, וואָס אײַלט איר זיך? נאָך פרי אוועקצוגייג.
מע קאָנ דאָ נאָך פאַרברענגענ.
באַפוילנ עפּשער אָנגיסנ אײַך?..

פאַלקע (בייז).

ניינ...

מײַער.

איך קאָנ פאַר אײַך באַצאָלנ...

פאַלקע (נאָך בייזער).

דאַנק אײַך, צײַט אַהיים גייג!..

(ער גייט צו דער טיר. עס דערהערט זיך א פּיפּ פונ א צוגעפאָרענעמ אויטאָמאָביל. עס גייט אַרײַנ סאַבינאַ. זי קוקט זיך אומרויִק אַרום).

סאַבינאַ.

ניטאָ דאָ ווער... פאַריכטנ א מאַשינ?..
איג מיטנ וועג פאַרסטאָפּערט.. און כונ אָרט גיט.

פאַלקע.

פאַראַנ אַזאַ וואַרשטאַט...

סאַבינאַ.

אָ, ווײַזט מיר אָנ אַהינ!

מײַער.

שוינ שפּעט. ביז מאָרגנ גאָרניט מאַכנ דאָרטנ.

סאַבינאַ.

מיר מוזנ אָבער נייטיק.

מײַער.

נו, וואָס אײַלנ זיי...
ס'איז נאַכט. ס'איז קאַלט און נאַס, און בלאָטיק אַפּ די וועגנ,
אַצינד איז גוט א שטוב, א וואַרעמער געלעגער...

סאַבינאַ.

איר קאָנט אונדז געבנ נעכטיקנ?

מײַער.

איכ — נײַנ.

סאבינא.

און דאָ פֿארבלײַבנ קאָנ מענ?

(דערזעט דעמ פּלאקאט, טרעט אָפּ צוריק דערשראָקנ)

אײַ!..

פֿאלקע.

וואָס איז מיט אײַכ?

סאבינא...

ניינ. גאָרניט... מיד... פֿונ וועג... פֿונ וועטער...

(לויפֿט האסטיק צומ בופֿעט, שרײַט אויס פֿריילעכ)

אוי, וויפֿל גוטע זאכנ אינ בופֿעט דאָ!

מײַנ מיידעלע, אנו, אהער גיב... גלײַכ!

קלערכענ (שפּרינגט אויפֿ).

פּאשטעט? צי פֿלייש? צי פֿיש?

סאבינא.

יאָ-יאָ... פֿונ אלצ — א שטיקל...

קלערכענ.

אונ ברויט?..

סאבינא.

אויכ ברויט, מײַנ מיידעלע, ווי דענ...

אָט האָסטו דיר באצאָלט פֿאר דעמ.

(רײַסט ווי אומגערנ אראָפּ דעמ פּלאקאט)

אונ אָט אינ דעמ פּאפּיר דאָס אלצ מיר גוט פֿארוויקל.

מײַער (שפּרינגט אויפֿ).

וואָס טוט איר? ערשט ארויסגעהאנגענ פֿריש!..

סאבינא.

וואָס איז?

מײַער.

קיינ שטראָפֿ אײַכ שרעקט ניט? צי איר זײַט פֿונ זינענ?

סאבינא (קוקט אינ פּלאקאט).

א, אָט וואָס... (לאכט) זוכט מענ אלצ נאָכ דעמ מאטיש...

מע האָט דאָכ אימ שוינ לאנג געכאפּט...

(זי לאָזט זיכ צו דער טיר. איר אנטקעגנ גייט ארײַנ מאטיש)

מאטיש.

סאבינא!
וואָס לאַנג אזוי?.. פאראן דאָ ווער...
וואָס נעמט זיך אונטער צו פאריכטן אונדזער וואָגן?
(אלע בלײַבן דערשטוינט)

קלערכען (וויל עפענען די טיר אין צווייטן צימער).

אָט איך... דעם פעטער גלײַך איך רופ אהער.
דער פעטער, ער ווייסט אלץ, ער וועט אײַך זאָגן...

פאלקע.

ניין, ניין, מע דארף ניט... איך פאריכטן קאָן!
זאָל ער דאָרט שלאָפן... קומט!
באווײַזט מיר, וואָס האָט דאָרט פארסטאָפּערט.
(ער שלעפּט מאטישן און סאבינען נאָך זיך אין דרויסן)

מײַער (קוקט זיי נאָך דערשטוינט).

ס'איז ער... ס'איז ער... איך האָב דאָך אים דערקאָנט...
און ענלעך, ענלעך... ווי צוויי טראָפּן...
כ'פארשטיי איצט אלץ... אפריִער זי געשיקט.
זאָל אויסקוקן, זאָל זיך דערוויסן,
פון וואנט דאָס בילד אראָפּגעפּליקט...
ס'איז ער, ס'איז ער... וועגן נאָר ניט מײַן געוויסן.
איז פינעף טויזנט שילינג, ווי אין האנט.
אן אנדערער וואָלט גלײַך געכאפּט דאָס טרײַבל.
אלציינס... אנטלויפן איז ער ניט אימשטאנד...
ער וועט זיך צו דער גרענעץ ניט דערקלײַבן...
פארשטייט זיך... איך וועל דאָס ניט טאָן.
אָט זאָל ער לויפן... טאָמער פאָרט געלונגט אים...
נאָר... כ'קען דען אָפּשאפן דעם טעלעפאָן.
ניט איך, וועט ער באלד אופּשטיין און א קלונג טאָן
און מײַנע פינעף טויזנט שילינג — אים אין טאש.
א גאנצן פארמעג אים שענקען.
קיין ווײַן דערנאָך ניט שטעלן דיר א פלאש,
קיין דאנק וועט ער ניט זאָגן דיר דער שענקער.
פונדעסטוועגן פאר אים דאָס גליק...
ניין, ניין, ניט אָפּט
פאלט אויס אזא מין צופאל...
(קערט זיך אויס. דערזעט, אז קלערכען איז אײַנגעשלאָפן)

עי, קלערכענ, קלערכענ... שלאָפּט...
אונ ער דאַרטנ שלאָפּט אויכ דער בופלאַק...

(כאַפּט דאָס טרײַבל)

זשאַנדאַרם-ביוראָ! איר הערט!
הא! איכ! דערקאָנט מאַטישנ... פּלאַריאַנענ
קומט גלײַכ אהער!
ס'רעדט מײַער! מײַער! יאָ! פונ שענק, באַם באַנהויפּ!

(עס גייט אַרײַנ מאַטיש. ער פירט סאַבינענ, וועלכע איז שטאַרק מיד. מײַער וואַרפט האַסטיק דאָס טרײַבל אונ גייט אַרויס. אויס־מײַדנדיק צו קוקנ אפ זיי)

מאַטיש.

ביסט מיד, דו שטייסט קוים אפ די פיס
אונ ווילסט דעמ ווינט ניט אָפּטרעטנ דעמ דרויסנ.
ווער ברענגט עס אויס זײַנ וואַרעמקײַט אומזיסט,
זיצ דאָ אונ רו דערווײַל זיכ אויסעט.
דער פאַלקע שײַנט מיר זײַנ א ווילער יונג...

סאַבינאַ.

צי האָט ער ניט דערקאָנט דיכ...

מאַטיש.

מעגלעכ, מעגלעכ...
אזעלכע שטויסנ אָנ זיכ אפנ ווינק.

סאַבינאַ.

אכ, ווי עס געדויערט... אומדערטרעגלעכ...

מאַטיש.

באַרויִק זיכ, סאַבינאַ... נו, איכ דענק,
אז קיינ געפאַר אצינד אונדז דראָעט ניט.
דער פאַלקע אַרבעט זייער אָנגעשטרענגט,
ווי ער וואָלט וועלנ
איינ דער מאַשינ אַרײַנהויכנ זײַנ אָטעם.

סאַבינאַ.

צונ דאָכ ווי לאַנגזאַם... גיי אַרויס אהינ
דערקלער אימ נאָכאַמאָל: מיר מוזנ פאָרנ...
מיר הייבט אָנ דאַכטנ, ניט באַ דער מאַשינ,
נאָר באַ דער צײַט
דאָרט האָבנ אָפּגעשטעלט זיכ די מאָטאָרנ.

(עס גייט אַרײַנ פאַלקע, פאָכעט פריילעכ מיטנ אויטאָמאָביל־שליסל)

פאלקע.

בו, פארטיק! שויב! פאריכט!

מאטיש.

א דאנק, א דאנק, גענאָסע... נים פארשפעטיקט!

סאבינא (אײלט אים).

קום גיכער, גיב
די לעצטע אָנשטרענגונג און רעטונג. רעטונג...

מײַער (גײט ארײַן, פארשטעלט מיט זיך דעם וועג).

שויב?.. קלויבן זיך?.. וואָס אײַלט איר אין דער נאכט?
אָט א מאשין, וואָס דאָך איז זי צעשמעטערט..

פאלקע.

גייג, די מאשין איז איצטער גוט געמאכט.
כ'פארזיכער, יאָגט כאָטש טויזנט קילאָמעטער.

מײַער.

וואָס טויג זיי יאָגן... נאס און קאלט...
זיי וואָלטן איבערנעכטיקן געקענט שויב...

פאלקע.

פאָרט! פאָרט!

(שטופט זיך צו דער טיר)

מאטיש.

יאָ, יאָ, גענאָסע, פאָרן...

(א פײַפ פון א צוגעפאָרענעם אויטאָמאָביל. עס גייען ארײַן זשאנ-דארמען מיט אן אָפיצער אין דער שפיץ)

אָפיצער.

האלט!

פונוואנען זײַנען אָט די מענטשן?
וועד זײַנט איר? ווו איז אײַער שײַן?

(מאטיש דערלאנגט א פאפירל. דער אָפיצער קוקט לאנגזאם פאנאנדער)

א... פרײַע עקסקורסאנטן...

(צו סאבינען)

אויך איר?...

מאטיש...

מײַנ פרײַנדן...

אָפּיצער.

א... פּײַן, פּײַן!

און ווירקלעך, ווירקלעך דאָך ווער זײַנט איר?

(פּאוזע, ווענדעט זיך צו איינעם פון די זשאנדארמען)

וואכמיסטער, דערמאָנט אים ווער ער איז?

פּילײַכט וועט ער אונדז דעמלט זאָגן...

זשאנדארם (טרעט ארויס פאָרויס).

אָ, יאָ! ס'איז פלאָריאַן מאַטיש.

ער האָט זיך קעגן אונדז געשלאָגן.

אָפּיצער.

די הענט אים שליסט! די פיס אים פּענט!

(שלײַדערט אָפּ סאבינען, וועלכע ווארפט זיך צו מאַטישן)

אוועק! מיט דיר וועט מען נאָך ריידן שפּעטער!

קלערכען (כאפּט זיך אוף פון שלאָף, דערשראָקן. מאכט א ליארם)

אוי! אוי! אוי! אוי! וואָס טוט איר... פעטער! פעטער!

שענקער (דערשײַנט מיט אימפּעט, שלײַדערט אָפּ אין צימער די שרעקעדיקע קלערכען, כאפּט ארום מיטן בליק דאָס פאָרגעקומענע, פּארברעכט די הענט).

געכאפּט!!! אזא מכּה גליק ארויס פון מײַנע הענט!

אָפּיצער.

איר זײַט דער ווירט? ווער איז אין יענער קאַמער?

שענקער.

דאָרט קיינער ניט. די קאַמער איז גאַנץ פרײַ.

אָפּיצער.

מיר קענען זי פאַרנעמען אָף א ווײַל?

שענקער.

אָ, ביטע, ביטע, זייער אָנגענאַם מיר.

אָפּיצער (ווײַזט אָן אָף דער טיר פון צווייטן צימער).

וואכמיסטער! נעמט זיי אָף פאַרהער!

אהין! אָף צען מינוט איר האָט אים.

(מע פירט אוועק מאַטישן און סאבינען)

אָפּיצער (נעמט דאָס טרייבל).

זשאנדארם-ביוראָ! דעם פּראָקוראָר אהער!

און בײַזיצער — צוויי גוטע פאטריאָטן

(וואַרפט דאָס טרײַבל).

ווער איז דאָ מײַער?

מײַער.

איך...

אָפיצער.

דערלויבט אײַך גראַטולירן!

מײַן הער! איך מײַן פּערזאָן אײַך גראַטולירט

די אָרדענונג, די הימוועד, די רעגירונג...

(צום שענקער)

און איצטער ליבער ווירט!

איך וועל אײַך בעטן:

אויך דעם לאָקאַל מיר אָפּריינקן גיך!

נעמט צו, נעמט צו די פלײשן, די פּאַשטעטן!..

(דער שענקער וואַרפט זיך אויפראַמען פון בופעט)

דאָ וועט באַלד פּאָרקומען דער שטאַנד-געריכט.

גאַנץ עסטרײַך הערט שוין, זעט שוין און באַגיטיקט,

וואָס דאָ אין אײַער הויז קומט פאָר...

(עס קומט דער פּראָקוראָר און דער בײַזיצער פופקע)

הער פּראָקוראָר! געקומען! ביטע! ביטע!

פּראָקוראָר.

וו זײַנען די באַשולדיקטע?

אָפיצער.

אָן דאָרט.

פּראָקוראָר.

דערלויבט מיט זיי זיך פאָרלויפיק באַקענען.

אָפיצער.

איר דאַרפט דערוף א סאַך?

פּראָקוראָר.

באַשעפטיקונג. די יאָרן און די נעמען...

האָט איר אַרויסגעשטעלט דאָרט א פאַרשטאַרקטע וואַך?

פופקע.

יאָ. יאָ. שטיין אַפ דער וואַך ניט יעדער סלופּ קען.

מע דאַרף זײַן פּאָרזיכטיק, ווער ווייסט, וואָס טרעפט...

פּראָקוראָר (שפּעלט איט פּאָר).
ס׳איז אונדזער בייזיצער, הער קאַרל פּופּקע...
(גייט אין צווייטן צימער)

פּופּקע.

יאָ. קאַרל פּופּקע! הויזווירט און געהילצ-געשעפט...
געזעסן אין דער היים אַזוי געמיטלעך.
איך קוק: דער זייגער האַלט שוין שפּעט.
דאַן רופ איך אָן זיך: ביטע, ריטע, —
מיין פרוי הייסט ריטע.—וואַרעם אָן די בעט,
כ׳האָב ליב, אַז דער געלעגער איז מיר וואַרעם.
אָט זאָג איך: ביטע, ריטע, וואַרעם אָן...
נאָר אומדערוואַרט, איך הער אַ ליאַרם...
עס קלינגט אין טעלעפאָן...
דאַן שפּרינג איך אויפעט גאַנץ פאַרוווּנדערט,
דאָך זאָג איך: קיך ניט אָפּ די בעט...

אָפּיצער (שאָקירט).

הער פּופּקע... הם... אַנטשולדיקן איך בעט,
באומרויִקט אייך אין אַזאַ מין שפּעטער שטונדע.
מיר האָבן אייך געמוזט דאָ אין געריכט,
אַלס בייזיצער... איך גלייב, איר האָט נים קעגן?..

פּופּקע.

יאָ, יאָ, פאַרלאָזט אַ וואַרעמע געלעגער
און גלייך געקומען אויספילן מיין פליכט.
פאַרשטאַנען, אַז איר מוזט מיך דרינגענד...
איך בין געלעגן שוין גאַנץ אויסגעטאָן.
צווערשט ניט איינגעפאַלן, ווער קאָן קלינגען
אין טעלעפאָן...
דאָך זאָג איך: ביטע, ריטע.
ליג, ליג, מיין שאַץ...

אָפּיצער (אומגעדולדיק).

הער פּופּקע! ביטע אייך פאַרנעמען פּלאַץ...
מיר הייבן אָן... אַריינפירט די באַ... נדיטן!
וואַכמיסטער! וואַרט! לאָזט איבער דאָרט די פרוי...
היסטעריק...
אַזוי.
דערוויילע גייט אַלץ דאָ ווי געהעריק...

נאָר אונדז פעלט נאָך א בײַזיצער... הער ווירט!
דאָס פאָטערלאַנד אײַך רופט צו העלדנטאַטן!

שענקער.

נאָר איך בין גאָר ניט גרייט...

אָפּיצער.

דאָס קאָן ניט שאַטן.
איר וועט עס מאַכן גאַנץ אימפּראָוויזירט.

(זעצן זיך אויס פּײַערלעך באַם טיש. פּופּקע און דער שענקער באַ די זײַטן. דער אָפּיצער אין מיטן. מע פירט אַרײַן מאַטישן, דער פּראָקוראָר פאַרנעמט זײַן אָרט).

אָפּיצער.

אַלזאָ, צי זײַנען אַלע דאָ פאַראַן,
די בײַזיצער? דער פּראָקוראָר? די איידעס?
און דער באַשולדיקטער אויך שטייט דאָ.
דאַן...
איך רעכן...
ס'איז אַלץ און אַל געזעצלעך אַפּן אָרט...
הער פּראָקוראָר, איר האָט דאָס וואָרט!

פּראָקוראָר.

ס'איז קלאָר די זאַך און קלאָר איז דער פאַרברעכן.
(פּאַטעטיש)

פיר טעג געהאַלטן אונדז אין טויטן שרעק,
א באַנדע רויבער, אויסוואורפן, גאָט־לעסטערער...
ווי האָסטו דורכגעלעבט אַזעלכע טעג,
אָ, אונדזער פאָטערלאַנד! אָ, אונדזער עסטרײַך!
דער גרויל פון אָט די טעג, ער איז נאָך פריש,
ער קויקלט זיך נאָך ווי א דונער איבער פלאַך ערד,
און דאָ אָט שטייט פאַר אונדז אליין דער דונערמאַכער.
דער בייזער גײַסט פון עסטרײַך — פלאָריאַן מאַטיש.
ווער איז ער? און פון וואַנען האָט אים פאַרטראָגן?
אַף אויפטרייסלען די רו אין אונדזער קאַנט...
פון ערגעץ־ווו אַן עמיגראַנט,
וואָס האָט אויך דאָרט די אָרדענונג ניט פאַרטראָגן.
האָט ער אין אונדזער גאָט געבענטשטן פרידן
פאַר אויפטרייסלונגען דאָס געווער געשאַרפט.
און ברידער דאָ באַוואָפנט קעגן ברידער, —

און וואָס האָט ער געוואָלט?
און וואָס האָט ער באַדאַרפט?
באַרויבן אונדזער לעבן און פאַרמעגן...
הער ווירט! בא אײַך די קופּל און די קוואָרט!
הער פּופּקע, אײַער וואַרעמען געלעגער!

פּופּקע.

יאָ, ריכטיק, ריכטיק, בראַוואָ, פּראָקוראָר!

פּראָקוראָר.

באַרויבן אײַך! פאַרניכטן אײַך! צעטרעטן!
ווער הייסט, אויב אים האָט זיך שוין ניט געדוכט,
אַז שטעלט ער אוף די מאַכט פון די סאָוועטן...
זיי האָבן איינמאָל שוין פאַרזוכט
אין אונגאַרן בא בעלאַ קונען...
יאָ, יאָ, אַז דאָס האָט ער געוואָלט דער מענטש —
אַז איז ער דער געשפּענסט
פון יענער שרעקלעכער קאָמונע!
אָ, ריכטער, זעט, אַז איז ער, דער געשפּענסט!
און צוליב דעם האָט ער געטומלט: פרײַהײַט!
און קלאַסן-פײַנטלעכקײַט און ברידער-האַס בצייט.
און האָט געשפּילט מיט פּולווער און מיט פײַער...

מאַטיש (הייבט זיך אוף).

הער פּראָקוראָר! צו וואָס אַזויפיל רייד.
צו וואָס אַזויפיל רייד פאַר אַט דעם שענק דאָ?
איר מוזט דאָך גיכער אָפּפאַרטיקן
די גערעכטיקײַט,
עס מהײַבט דאָך אונטער זי דער הענקער,
וואָס וואַרט שוין זיכער ערגעץ דאָ נים ווײַט.
איר האָט דען דאָרט נאָך נים באַפוילן
די טליע גרייט מאַכן
און אויסגראָבן די גרוב אַזניך,
צו וואָס זשע נאָך די קונצן אַט די פוילע.

פּופּקע (שפּרינגט אוף).

הער פּאָרזיצער... באַליידיקט דעם געריכט...
(פּאָרזיצער — א קלונג).

מאַטיש.

איך האָב געקעמפט אַזוי, ווי כ'האָב געקענט נאָר,

פאַר גליק און זיג פון אַרבעטער, פאַר זייער מאַכט,
איר האָט געפאַנגען מיך, איך שטיי פאַר אײַך געפענטעט.
איך ווייס, וואָס איך דערוואַרטן קאָן פון אײַך.
און איר? צי ווייסט, וואָס איר קאָנט האָפן?
אין טאָג, ווען אײַך וועלן אָוועקשטעלן
פאַר זייער גרויזאַמען געריכט
די אַרבעטער — וואָס איר האָט איצט אַנטוואָפנט,
נאָר ניט פאַרניכט.
איר האָט מײַן קאָפּ געקויפט פאַר פינעף טויזנט שילינג.
א הויכער פרײַז! א שטאַרקער פרײַז! — איך זאָג!
אויב גוט א טראַכט טאָן נאָר, ווי ביליק
ס'וועט קאָסטן אײַער גאַנצער קלאַס אין יענעם טאָג.
דער אורטייל קומט... ער קומט...

פופקע.

אַך, אומדערהערט! אַך, שענדלעך!

אָפיצער.

הער פופקע, רויק!

פופקע.

כ'קאָן ניט. ס'הייבט פון אָרט!

אָפיצער.

באַשולדיקטער! ס'איז אײַער לעצט וואָרט.
נוצט אויס דאָס אָנשטענדיק.

מאַטיש.

א דאַנק אײַך, כ'האָב געענדיקט.

פראָקוראָר.

ווי פרעך! ווי אומפאַרשעמט! אָט זעט! אָט האָט איר!
דער טײַוול איז אַזוי ניט אײַנגעשפּאַרט.
קיין פונק באַדויערן! קיין טרער כאַראָטע!
אין לעצטער שאָ, וואָס אים דערוואַרט.
דער מענטש איז טיף פאַרפעסטעט.
קיין הייליקײַט און קיין מאָראַל, און קיינע פליכט.
ווי האָט ביז איצט געליטן עסטרײַך
אַזאַ געשוויר אָפּ זיך.
איז וואָס זשע נאָך דערוואַרטן זיך מע קען פון אים?
אָ, ריכטער, כ'פאָדער! פאָדערט אויך מיט מיר!

די האק פון הענקער זאָל וואָס גיכער עפענען
אָט דעם געשוויר...

פּופּקע (זייער פּײַערלעך).

מיר וועלן דער גערעכטיקײַט ניט שטערן,
און זאָל פאַרברעכן ניט פאַרבלײַבן אָן א שטראָף.

אָפּיצער (פלינק צום שענקער).

אויך איר דערווידערט ניט, איך האָף.
כ׳פאַרשטיי אײַך, מײַנע הערן.
דאַן...
אונדז בלײַבט ניט צו פאַרציִען לענגער,
אין נאָמען פון געזעץ און פאָטערלאַנד...
באשולדיקטער, פאַרורטיילט... הענגען...
(אַלע הייבן זיך אויף)

פּופּקע.

אוף... אוף... א שווערע נאכט... א שווערע פליכט...
מיר שטייט נאָך פאָר צו גיין אהיים פון דאַנען.
(צום שענקער)
מײַן הער, אָט אײַך בין איך מעקאַנע,
איר זײַנט שוין אין דער היים... באַ זיך.

אָפּיצער.

אָ, ניין, ניט איר, ניט איר, זײַט נאָך ניט פרײַ.
אָט באַלד דער אורטייל אויסגעפירט וועט ווערן,
איר ווילט דאָך זיכער זײַן דערבײַ.
וואכמיסטער, עי, באגלייט אהין די הערן!
(פּופּקע, דער שענקער, דער פּראָקוראָר און וואכמיסטער אָפּ).
פאַרורטיילטער, צי זײַט איר גרייט צום גאַנג?

מאטיש.

געזעגנען זיך...

אָפּיצער.

דאָס קאָנען מיר דערלויבן.
די פרוי אהער! (מע פירט ארײַן סאַבינען)
וואָס האָט איר נאָך פאַר א פאַרלאַנג?

מאַטיש.

ניט האָבן דאָ אײַך מערער פאַר די אויגן.
(אָפּיצער גייט אָפּ „באשיידן" אין א זײַט. סאַבינא שטייט פאַרגליווערט,
מיט די הענט פאַרדעקט דאָס פּאָנעם).

מאטיש.

סאבינא, קום אהער! הייב אוף דעם קאָפּ!
האָסט שטענדיק דאָך פאר זיך און פאר אונדזביידע
אַזויפיל מונטערקייט פארמאָגט,
וועסטו דען איצט מיט מונטערקייט זיך שיידן?
די רו און היימלעכקייט פון דיינע טעג,
האָסטו מיט מיר פארביטן אפּ געפּארן.
און האנט בא האנט מיט מיר געגאנגען א קאלטן וועג,
און נאָר בא פייערן פון קאמף דאָס הארץ געוואָרעמט.
גיב דיינע הענט. אזוי. אָט גוט.
אזויפיל מאָל האָסטו מיך ניט פארלאָזן אפּ אליין זיין,
איז וואָס זשע ווערט
אָט די פארשאָלטענע געזעגענונג-מינוט
אנטקעגן גרויסן לעבן,
וואָס איך און דו — מיר האָבן דורכגעמאכט געמיינזאם.
(זי וויינט).
סאבינא, פריינט...

סאבינא

ניין, ניין,
איך וויין ניט מער. איך וויין דאָך ניט, איך וויין ניט.
איך ווייס, מע טאָר ניט מיט געוויין,
אזא מין טרויער אומזיניק פארוויינען.
אין הארצן טיף באהאלטן ווי א שטיין
א וויי אזא מין...
איך וועל מיט דיר צוזאמען ניין,
ווי מיר זיינען ביז איצט געגאנגען צוזאמען.

מאטיש.

ניין, שלום. מאטיש איז אָפּגעגאנגען זיינס.
ביז סאמע ראנד דאָס לעבן הייס דערטראָגן.
אויב דו וועסט ווען נאָך טרעפן זיך מיט פריינט—
איך שטארב, ווי כ'האָב געקעמפט — זאָלסטו זיי זאָגן.
עס טוט נאָר באנק, וואָס ניט אין שלאכט,
געניאָסן מיינע ליבע...
(ער מאכט א באוועגונג נעענטער צו פאלקען)
אויב דאָ מיך הערט כאָטש עמעצער פון אייך,
דורך אים מיין הארץ איך גיב אייך איבער.
דורך אים אייך אלעמען די הענט איך דריק.

דורך אים פאר מײַן גערעכט און אומגערעכט איך ענטפער:
מיט אלץ האָט זיך מאטיש צעשיידט,
נאָר ניט צעשיידט מיט זיכערקײַט אין זיג,
ווען ארבעטער דאָרט לעבן נאָך און קעמפן,
איז לעבן און קעמפן! איר אלע, לעבט און קעמפט!

אָפּיצער (קערעוועט זיך שארף אויס).

גענוג! דעם מויל פארשטאָפּן! זאָל ער שטומען!
אוועקגעפירט!
(די זשאנדארמען נעמען מאטישן).

סאבינא.

מיך אויך! איר נעמט!

אָפּיצער (שטויסט זי אָפּ).

האָב צײַט! אויך דו וועסט דײַנס באקומען!
(א זשעסט. מע פירט זי אויך אוועק. ער שטייט
א רעגע טראכטנדיק. דערנאָך קוקט ער זיך צו־
פרידן ארום).

שוין.
ניט שלעכט. געלוינט דערוף א נאכט צעברעכן...
הער מײַער! א, איר ווארט אפּ אײַער לוין...
יאָ, יאָ, פארדינט, באקומט...
נו, דאכט זיך, איצט
מיט אלעמען צערעכנט.
(גייט שנעל ארויס)

מײַער (שטארק צעטומלט, גייט צו דער טיר, איבערקלײַבנדיק מיט ציטערנדיקע
פינגער די באקומענע פאפירלעך).

ווי אומדערוואַרט... ווי אומגעריכט...

פאלקע (וועלכער איז געזעסן די גאנצע צײַט דערשטוינט, כאפט זיך האסטיק אויף,
פארלויפט אים דעם וועג).

האַלט!

מײַער (דערשראָקן).

וואָס ווילט איר!

פאלקע.

גאָרניט, גאָרניט. כ׳וויל אײַך גראטולירן.
וואָס אײַלט איר זיך? ס׳איז נאכט. ס׳איז קאלט.
איצט גיין — באדארפט איר גוטע קאָנוואָירן.
אזויפיל געלט. אזויפיל געלט.

און ליבהאָבער אָפּ פרעמד פארמעג
פאראַנ געגוג, סײַ פרעמדע און סײַ היגע.
איר זײַט איצט רײַך... אָט איצטער ווענ איר שטעלט
א פּאָר פלאש ווײַנ — וואָלט איך מיט פארגעניגנ...

מײַער.

איך שטעל. איך שטעל... נאָר זאָל זײַנ ניט אצינד...
אנ אנדערש מאָל... אפּ מיר זועט ניט פארפאַלנ...
איך מוז אהיים. עס ווארטנ ווײַב און קינד.

פאלקע.

עס מאכט ניט אויס. זיי שלאָפנ שוינ דאָרט אלע.

מײַער.

ניינ, ניינ — איך מוז.

פאלקע.

איך זאָג דיר, בלײַב!

מײַער.

לאָזט גיינ.

איך רופּ צוהילפּ. כ׳וועל שרײַענ...

פאלקע (נעמט ארויס א רעוואָלווער).

אָט פרווו. איך האָב מיט וואָס פארהאקנ דיר די ציינ,
הער מײַער...

מײַער (טרעט אָפּ דערשראָקנ).

ווארט. ווארט. וואָס ווילט איר? זאָגט!
א טייל? א העלפט?
נו, פינעפ הונדערט שילינג... זײַט איר קאָנטעט?..

פאלקע.

באהאלט דײַנ געלט!
דײַנ בלוטיקנ מאיאָנטעק!
באלד וועסטו זענ, וואָס פאר א ווערט עס האָט
פאר א געריכט, אנ עכטנ און געדעכטנ.
אוועקגעזעצט! פארנעם דײַנ אָרט!
פארעטער נידערטרעכטיקער!
אָט דאָ האָסטו דאָך אים אויפגעשטעלט פאר זייער האס,
אז זיי זאָלנ אים מישפּעטנ, די מאלפּעס...
איצט — דיך וועט מישפּעטנ אינ נאָמענ פונ מײַנ קלאס

איך,
דער פּראָלעטאַריער — פּאַלקע!
פאַרוואָס האָסטו אים פאַרקויפט? פאַרוואָס? פאַרוואָס?
ווי האָסטו אים אזא מיט שלאַנגן־ביס געגעבן?
נים ער האָט דען זיין רו פאַרלאָזט
און האָט אין קאַמף פאַר אַרבעטער געשטעלט זיין לעבן?
נים ער האָט דען ביז לעצטן אויגנבליק
מיט בלוט און מוט געצאָלט פאַר אונדזער מאָרגן?
אזא מיין האַרץ דערשטיקט!
אזא מיין האַלדז דערוואָרגן!
און איך — דאָס צוגעזען פון דער זייט.
מאַטיש! האָסט ניט פאַרדינט דאָס, כ'לעבן.
פאַרשאָלטענע אומעכטיקייט!
די האַנט אפילע ניט געטאָרט
א לעצטן מאָל דיר געבן.
דאָס האַרץ ווי פּלאַצט ניט בא א מענטש,
ווען ס'איז אזוי מיט צאָרן פול דאָ...
פאַרטיידיק זיך, פאַרעטער, אויב דו קענסט!
גו, פּרוּוו זיך כאָטש, נו, זאָג: איך בין ניט שולדיק...
וואָס שווייגסטו? דו! וואָס איז מיט דיר?
דיר איז ניט גוט?..
די שילינגס, די פּאַפּירענע אין גאָרגל שטיין געבליבן?
אָט באַלד וועסטו זיי אויסשפּייען מיט בלוט
מיט מיינער הילף...

מ ײַ ע ר.

וואָס ווילט איר טאָן, מיין ליבער,
איך בין א קליינער מענטש. באַטראַכט זיך שטאַרק,
וואָס לוינט אייך איבער מיר אין א געפאַר זיך שטעלן?

פּ א ל ק ע.

זייַ זיכער! קיין געפאַר!
מיך אויסגעבן, מיך כאַפּן —
וועט זיך קיינעם שוין ניט וועלן.
פאַר קיינע געלט,
פאַר קיינע טויזנט...
ווען ס'וועט א שווידער טאָן איבער דער גאַנצער וועלט,
ווי איך האָב דאָ מיט דיר זיך אָפּגערעכנט גרויזאַם,
ווען עס וועט טרעפן דעם פאַראַט אַליין

דײַנע פינצטערע דערפאַרונג...
צום וואַנט!

מײַער.

אוי, ניין.
דערבאַרעמט זיך, דערבאַרעמט.
מײַן אומגליק איז געווען — כ'האָב אים דערקענט.

פאַלקע.

און איך האָב אים דען ניט דערקענט — מאַטישן...
פאַר מיר איז דאָס אויך מײַן גליק געווען.
דו שלאַנג! דו ביסט אַרײַנגעקראָכן צווישן.
מיט דײַן פּאַראַט
ביסטו מײַן הילף דעם וועג פאַרלאָפן.
און ווילסט נאָך דיר זאָל אָפּגיין גלאַט,
אָפּ באַרעמהערציקײַט — דו ווילסט נאָך האָפן...

מײַער (פאַרשטעלט מיט די הענט די אויגן).

מײַן ווײַב און קינד, וואָס וועלן טאָן אַצינדער?..
מײַן ווײַב און קינד, מיר טוען באַנק...

פאַלקע.

דו האָסט אַ ווײַב און קינדער—
געזעגן זיך מיט זיי אין דײַן געדאַנק!
דײַן טויט נאָר קאָן זיי איצט פון שאַנד באַשיצן.
זיי וועלן זאָגן מיר אַ דאַנק...
און מיט דײַן שטוב, און מיט דײַן ערד, דעם פּיצל —
געזעגן זיך אין דײַן געדאַנק!
און מיט דײַן געלט, וואָס איז בײַ דיר אַזוי פאַרגעטערט,
מיט דײַנע שילינגס, וואָס דו האָסט אַזוי פאַרלאַנגט,
פאַרעטער —
געזעגן זיך אין דײַן געדאַנק!
און מיט אַלץ, וואָס דיר איז טײַער,
און מיט אַלץ, וואָס דיר טוט באַנק, —
מײַער!
געזעגן זיך אין דײַן געדאַנק!
(אַ שאָס. מײַער פאַלט).

פאַלקע (גייט צו דער טיר, פאַרהאַלט זיך).

פאַרעטער! הענקער!
אָט אַזוי וועט איר פאַרניכטעט זײַן אַלע.

דער קאמפ ערשט הייבט זיך אָן.
מאטיש! זי לעבט, זי לעבט די פּאָן,
וואָס איז פון דיינע הענט ארויסגעפאלן!
(ארויס. טויט שטיל).

שענקער (קומט ארײַן, שטויסט זיך אָן אפן טויטן מײַער, בלײַבט געפלעפט, דערנאָך צעשרײַט זיך ווילד).

צו הילף! צו הילף! א מאָרד! א מאָרד!
(אן אָנגעלויפ)

בא מיר אין שטוב! אין מײַנע ווענט!
מאטיש, דאָס האָט מען אים פאר דיר אזוי באזאָרגט!
אזא מין גליק — ניט איך האָב דיך דערקענט!..

פאָרהאנג

ה. דאָרין

טונגע

1

פונ דעמ יִדישנ קאָלווירט „די רויטע סאָפּקע“ זײַנען אײנמאָל פֿארנאכט רײַטנדיק ארויסגעפאָרנ צוויי יונגע מענטשנ צו דעמ נאָענטנ וואלד־באצירק אונ האָבנ זיכ פארבלאָנדזשעט.

צו אלע צאָרעס האָט זיכ נאָכ אופגעהויבנ א ווינט מיט א שניי אונ גענומענ דרייענ, אז מע האָט ניט געזענ, ווו מע איז אינ דער וועלט. זיי האָבנ זיכ לאנג געדרייט, אײַנגעמאטערט זיכ אונ די פערד אונ האָבנ זיכ סאָפּקאָלסאָפּ אָפּגעשטעלט. געבליבנ איז זיי נאָר צו בײַסנ די אײגענע עלנ־בויגנס פאר דער נארישקײַט, וואָס זיי האָבנ אָפּגעטאָנ: ארויספאָרנ אינ א שניי אונ צו דער נאכט.

— ס'איז דאָכ בעעמעס א וויטעק, אפ מײַנ וואָרט! — האָט בײנעס זיכ צעקאסט — בא זיכ לעבנ שטוב פארבלאָנדזשענ. לאכנ דארפ מענ דאָכ פונ אונדז!

דער כאווער זײַנער האָט זיכ ניט אָפּגערופנ. האָט ער אימ א וועק געטאָנ:

— ריווקע, דו שלאָפסט?

ריווקע האָט פאר קעלט דאָס מויל ניט געקאָנט עפענענ. אײַנגעהילט אינעמ פארשנײטנ פעלץ, איז זי געזעסנ אפנ פערד. געשווינדערט מיטנ גאנצנ לײַב אונ געקוקט, ווי עס קערט זיכ איבער דער דרויסנ. די זונ האָט זיכ פארוקט הינטער א סאָפּקע אונ האָט פונדאָרטנ דערשראָקנ ארויס־געקוקט א פארווײטע פונ שניי. באלד האָט זי זיכ גאָר אויסגעלאָשנ. אונ נאָר אײנ ברעקל האָריזאָנט איז געבליבנ לײַכטנ, אפ צו ווײַזנ, אפאָנעמ, ווי די סאָפּקעס רייכערנ זיכ.

ריווקע האָט געוווּסט, אז זי מוז בײנעסנ עפעס ענטפערנ, כאָטש א שטאָכ טאָנ אימ, דעמ „אלטנ בירעבידזשאנער“ פאר זײַנ גרויסהאלטנ זיכ. „מיט מיר, זײַ זיכער, וועסטו שוינ ניט בלאָנדזשענ“. אז גלײַכער וואָלט געווענ ארונטערצורײַסנ דעמ הײַנטיקנ לימעד אינ וואלדישנ ליקפּונקט אײ־דער אײַנצושטעלנ מיטנ לעבנ. אָבער זי איז אזוי מיד געווענ, אונ ס'האָט זיכ איר אזוי געוואָלט שלאָפנ, אז דאָס, וואָס זי האָט געהערט, אונ דאָס, וואָס איר האָט זיכ געוואָלט זאָגנ, איז איר אויסגעקומענ, ווי אינ א כאָ־לעמ, ווײַט, ווײַט פונ איר ווירקלעכנ לעבנ.

אונ אפילע דעמלט, ווענ בײנעס האָט אָנגעריבנ פײַער, קעדיי צו

פאַרייכערן אַ פּאַפּיראָס, און סע האָט אופגעשײַנט זײַן דאַר, פאַראַקשנט פּאָנעם, אין די ברילן, האָט זי דאָס פּײַערל ניט אופגעוועקט, נאָר, פאַרקערט, פאַרגרעסערט די בענקשאַפט נאָך אַ וואַרעמען ווינקל ערגעצוווּ אין אַ דאָרפיש הײַזל, ווו מע וואָלט געקאָנט זיך אויסקוואַלגערן און אײַנשלאָפן.

פלוצעם האָט ריווקע, ווי דורכן שלאָף, דערהערט אַ ווײַט בילן פון הינט. דאָס האָט אַ וואַרעם געטאָן און אָנגעגאָסן דאָס האַרץ מיט האָפענונג. זי וואָלט זיך אָבער נאָך אַלץ ניט געגלייבט, האָבן זיך די פערד צעהירזשעט און זיך אַ צי געטאָן אַהין. אויך ביינעס האָט זיך אופגעכאַפּט און זיך גענומען אָנגעשטרענגט צוהערן.

ערגעץ פון דער זײַט האָבן הינט געבילט. קיין צווייפל האָט שוין ניט געקאָנט זײַן, און מע האָט פרײַגעלאָזט די פערד. מיט אַן אופגעמונטערטן טראָט האָבן זיי זיך אַרויסגעקליבן פונעם גידער, צווישן געדיכטע קוסטעס, זיך אַריבערגעכאַפּט איבער אַ נאָך ניט פאַרפרוירן טײַכל און זײַנען אַרויסגעקומען צו אַ הויכן און געדיכטן וואַלד.

אַ פײַער האָט דאָרטן געברענט. עטלעכע מאָגערע שפּאַן־הינט זײַנען פון צווישן די ביימער אַרויסגעלאָפן און זיי באַפאַלן. ביינעס האָט זיך אַרומגעקוקט: אַנטקעגן פײַער איז געשטאַנען אַ קאָנוס־אַרטיקער וואַנדערגעצעלט פון צווײַגן און פון קאָרע, אַ פּאָר שליטלעך אַף נאַרטעס זײַנען געשטאַנען, פעלן זײַנען געהאַנגען בײַ אַ הויכן שטיבעלע אַף סטויפעס. קיין לעבעדיקן מענטשן האָט מען דאָ אָבער ניט געזען. ביינעס האָט געפּרוּווט צולאַשטשען די הינט. ער איז פון פערד אַראָפּ, גענומען פּאַטשן זיך אין קני, פײַפן, אַלע כיינער מאַכן, אַבי זיי זאָלן אַנשוויגן ווערן. פלוצעם האָט ער דערזען בײַ דער שײַן פונעם פײַער עמעצן אַרויסקוקן פון צווישן די ביימער, אַ דערשראָקן פּאָנעם מיט אַרויסשטאַרצנדיקע באַקן־ביינער, שמאָלע אויגן און גלאַט־פעטיקע האָר מיט פאַרשיידענע באָמבלענדיקע שמאָכטעס און מאַטבייעס, אײַנגעפלאָכטן אין די צעפּ. דאָס מיידל צווישן די ביימער האָט דערזען, אַז קיין שרעקלעכס איז אין קומען פון די אומבאַקאַנטע ניטאָ, האָט זי זיך אַרויסגערוקט צום פײַער. ס'איז געווען אַ יונגע אַראַטשאַנקע, אַ שלאַנקע און אַ רירעווודיקע. זי האָט מיט אַ מאָדנעם היק, מיט אַ קלאַנג פון דער ווילדעניש אַרויס, געוופן די הינט און זיי האָבן זיך אַלע מיטאַמאָל צו איר אַ לאָז געטאָן. רויטע שטיקער זײַנען געשפּרונגען פון דעם פײַער, געריסן די פינצטערניש צווישן ביימער און צווײַגן און אַלץ אַרום באַגאָסן מיט שײַן.

שפּעטער אַ ווײַלע איז ריווקע געזעסן באַם פײַער און וויפל זי האָט זיך ניט צעוואַרעמט, האָט זי זיך ניט געקאָנט דערוואַרעמען. ביינעס האָט שוין געדרעמלט. זי האָט אָבער קיין שלאָף ניט גענומען. זי האָט געקוקט אַף דער אַראַטשאַנקע און געטראַכט: אין וואָס פאַר אַ ווילדעניש מע האָט זיך דאָ געפּאַקט.

פארטאָג האָט זיכ ריווקע אופגעכאפט אונ, ווי א פרישער מענטש דאָ אינ קאַנט, איז זי נישטוימעט געוואָרנ. די זונ האָט ליב ארויסגעקוקט צווישנ די ביימער. ס'איז זייער ווארעמ אונ שטיל געווענ אונ פונ דעם שניי, פונ דער פורגע איז קיינ סימענ ניט געווענ, ווי אלצ, וואָס מע איז די נאכט אויסגעשטאנענ, וואָלט געווענ בלויז אנ אויסגעטראכטע זאכ. די אראטשאנקע האָט זיכ געפאָרעט באַמ פייער. דערביי איז געזעסנ אנ עלטערער מענטש מיט די פיס אונטער זיכ אונ געריייניקט א ביקס. אינ א זוניקנ דורכלויכט, אפנ געלנ גראָז, צווישנ די ביימער האָבנ זיכ געשפילט א פאָר הינט, געכאפט זיכ איינע די צווייטע פאר די גאָרגלענ אונ זיכ איבערגעקערט מיט די פיס ארופ.

— פעטערל, וויאזוי קומט מענ ארויס אפ א וועג, — האָט ביינעס געפרעגט דעם אלטנ, מער מיטנ ווינק אונ מיט די הענט. האָט יענער עפעס ביין אונ גיכ א מרוקע געטאָנ אונטער דער נאָז. ביינעס האָט אימ איבערגעפרעגט, וואָס זאָל דאָס באטייטנ. איז יענער נאָכ מער אינ קאַס געוואָרנ:

— עט סא. א אוצ טאנמש...[1]

מע האָט געזענ, אז דער אלטער איז עפעס זייער בייז: זאָל אימ אזוי ארנ, וואָס די פורגע האָט זיי פארהאלטנ באַ זיינ פייער?

דאָס מיידל שטייט באַ דער זייט א שווייגנדיקע. אונ נאָר ווענ זי זעט, אז קיינער קוקט ניט אפ איר, אפ אירע שמאָלע אויגנ, באטראכט זי אזוי מאָדנע דאָס יונגע פאָר, ניט נאָר מיט די אויגנ, נאָר מיט דער צוגעפלעטשטער נאָז, ווי זי וואָלט זיי באשמעקט אונ אלצ, וואָס איז אינ זיי נייס, אינ זיכ איינגעזאפט.

דער פאָטער האָט זיכ גענומענ נאָכ מער קאסנ, האָט זי אימ עפעס גיכ אונ פאראקשנט אָפגעענטפערט. עפעס ענלעכס אפ א קריגערייַ איז צווישנ זיי פאָרגעקומענ. אונ פלוצעמ האָט זי זיכ פלינק א קער אויס געטאָנ צומ פייער אונ אוועקגעשטעלט פאר די געסט א שיסל מיט געקאָכטע פיש. ריווקע האָט אופגעהויבנ הונגעריקע אויגנ אפ ביינעסנ, האָט איר יענער א ווינק געטאָנ:

— עס! מע טאָר זיכ ניט אָפזאָגנ!

דער אלטער האָט שוינ מער גאָרנישט ניט געזאָגט. זעט אויס, די טאָכטער האָט אימ דערמאָנט די מידע פונ גאסטפרייַנטלעכקייַט, וואָס איז דאָ אינ דער טייַגע אזוי הייליק, האָט ער זיכ פארשעמט.

אונ ווענ די געסט האָבנ נאָכנ עסנ זיכ גענומענ קלייַבנ אינ וועג ארייַנ, האָט ער אפילע געשיקט זייַנ טאָכטער זיי ארויסצובאגלייטנ.

אָפגעפירט זיי א ביסל, האָט זי זיכ אָפגעשטעלט אונ גענומענ אויסמאָלנ ווי זיי זאָלנ טרעפנ דעמ וועג. ביינעס האָט איר דערלאנגט געלט. זי איז אָבער שווייַגנדיק געשטאנענ מיט אראָפגעלאָזטע אויגנ. אפ דער פלא-

1 כ'ווייס ניט. אינ דער טייַגע זייַנענ ניטאָ קיינ וועגנ.

טשיקער נאָז האָט זיך באַוויזנ עפּעס אַנ אומעט. זי האָט דאָס געלט ניט גענומענ, זי איז אָבער אויך ניט אוועקגעגאַנגענ.

— נעמ, עס וועט דיר צוניץ קומענ, — האָט בײנעס איבערגעכאַזערט אונ שמײכלענדיק זיך איבערגעקוקט מיט ריוקענ. יענע איז אָבער פאַראַקשנט געבליבנ שטײנ מיט דער פאַרומערטער פּלאַטשיקער נאָז.

— ווילסט ניט, הײסט עס? — אונ זײַנע אויגנ האָבנ אַ פינטל געטאָנ פונ אונטער די ברילנ. — נו איז דאַרפ מענ ניט. ביסט אַ ווויל מײדל, דערפאַר, אַז דו וועסט קומענ צו אונדז צוגאַסט, אָט דאָ ניט ווײַט, וועלנ מיר דיר גאָר פײַנ אָפּדאַנקענ. בא אונדז איז דאָ אַ קלוב, אַ שול, אַ קינאָ. האָסט קײנמאָל ניט געזענ קײנ קינאָ? אָט וועסטו זענ — אונ ער האָט איר דערלאַנגט די האַנט. אפ ריוקעס האַנט-דרוק האָט זי מיט אַ בײזנ בליק פונ אונטערנ שטערנ אָפּגעענטפערט. ריוקע האָט זיך צעלאַכט אונ זײ זײַנענ אוועקגעפאָרנ.

2

דער יונגער אַראַטשאַנקע טונזע איז אַנ אומרו באַפאַלנ: יאָרנ אָפּגעלעבט מיט דעמ טאַטנ אינ ווילדנ וואַלד, האָט זי קײנמאָל זיך ניט פאַרטראַכט, וואָס טוט זיך אפ דער וועלט. זײַנענ געקומענ די צוויי גאָר פרעמדע יונגע מענטשנ אונ האָבנ אינ איר אופגעוועקט אַזעלכע געדאַנקענ, וועגנ וועלכע זי האָט נאָך קײנמאָל קײנ אַנונג ניט געהאַט. זי איז אינ יענער נאַכט געלעגנ מיט אָפענע אויגנ, געהערט, ווי דער ווינט דרײט, אונ געטראַכט אַלײנ ניט וויסנדיק וואָס. אונ אפ מאָרגנ, אפ איבערמאָרגנ האָבנ זיך איר גענומענ פּלאָנטערנ די ווערטער „קלוב", „קינאָ", אונ זי האָט ניט געקאָנט פאַרשטײַנ, וואָס דאָס איז. אינווײניק אינ איר, ווו ביז איצט האָט אַזוי רויִק געשטראָמט דאָס בלוט, האָט עפּעס אומבאַקאַנטס אופגעלעבט אונ איבערגעגעבנ דעמ מויעכ אַ פּלאָנטער פונ געדאַנקענ וועגנ קאָלווירט, וואָס ניט זי האָט עס געזענ אונ ניט זי ווײסט, וואָס דאָס איז. אײנמאָל פאַרנאַכט איז פאַרבײַ זײער וואַנדער-געצעלט דורכגעלאָפנ אַ „פאַל". האָט זי זיך אופגעריסנ פונ שלאָפ. ס'האָט איר אינ מויעכ אַ קלאַפּ געטאָנ „דאָרט ברענט". ווענ זי איז אָבער צו זיך געקומענ אונ דערזענ אַ געוויינלעכנ „פאַל", וואָס לויפט אַוועק אפ מײַלנ ווײַט, ברענענדיק די געל געוואָרענע גראָז, האָט זי זיך באַרויִקט.

דער טאַטע אירער האָט באַמערקט, ווי זי כאַפּט זיך אופ אינ די נעכט, ווי עפּעס אומגעוויינלעכס האָט זיך אָנגעהויבנ טאָנ מיט איר, אונ ס'איז אימ אויך אַ שרעק באַפאַלנ.

יאָרנלאַנג האָט זיך געצויגנ אַ ווילד-וואַלדיש לעבנ, מיט געפאַנג, מיט ווילדנ בינענ-האָניק, מיט „פאַלנ" אונ „גנוט", זײַנענ געקומענ אַהערצו פרעמדע מענטשנ, אונ עפּעס שרעקט דאָס האַרצ. די לעצטע יאָרנ איז אימ

געווענ ניט שלעכט. שטענדיק קערט ער זיכ אומ פונ פוטער-פארבאנד מיט א פול זעקל טשומיזיע, מעל, צוקער, פולווער, מיט אלצ, וואָס ער דארפ. אמאָל נעמט ער אפילע אזעלכע זאכנ, וואָס ער ווייסט ניט וואָס צו טאָנ דערמיט. ער נעמט עס נאָר אפ טשיקאווע. די טאָכטער זאָל עס זענ. ניט לאנג האָט ער איינגעקויפט טונזענ א העל-בלאָע קליידל מיט א קעמעלע. גייט ער דעמ גאנצנ וועג געהויקערט אונטער דער מאסע אונ פרייט זיכ: „די קליינע וועט עס אופכאפנ. איי, איי, וועט זי זיכ דאָס צעטאנצנ". גע-קומענ אָבער אהיימ, ערשט זי איז ניטאָ. אינעמ נידעריקנ קעסל אפנ פייער קאָכט זיכ עפעס העפקערדיק, ווי עפעס זייער וויכטיקס וואָלט טונזענ פונ-דאנענ צוגענומענ. דעמ אלטנ האָט דאָס זייער ווייטעקדיק א שניט געטאָנ. ער האָט שוויַגנדיק אופגעבונדנ דאָס העל-ראָזע קליידל מיטנ קעמעלע. אזוי איז די מאטאָנע לאנג געלעגנ אפנ שנייַ לעבנ אימ, נאָר טונזע איז ניטאָ. ס׳האָט דער אלטער מיטנ ציגנ-היטל אויסגעווישט דעמ שטערנ, בייסיק א קראצ געטאָנ די פּאָר הערלעכ—דעמ סימענ פונ א באָרד—די פיפקע פונ מויל ארויסגענומענ אונ אויסגעשפּיַענ.

— ניטאָ די טאָכטער.

זיכ צוגעשפּארט צו אנ אָפּגעשונדענעמ בוימ, איז ער לאנג, לאנג פארגליווערט מיט די פיס אונטער זיכ געזעסנ. ט׳איז אפ אימ געפאלנ אנ אומעט.

געקומענ איז טונזע שפּעטער. א מידע אונ צעטראָגענע, ווי נאָכ א ווייַטנ גאנג. ווי זי וואָלט אויסערגעוויינלעכס געזענ. זי האָט גאָרניט דער-ציילט: פונוואנענ זי קומט, וואָס זי האָט געזענ, נאָר באנאכט האָט זיכ איר אלצ געפּלאָנטערט פונ קאָלווירט, ווי א סאכ, א סאכ מענטשנ טוענ עפעס אונ ס׳איז איר דער שלאָפ אומרויִק געוואָרנ.

אינ א פּאָר טעג ארומ איז טונזע מיט א גאָפל אפ שטעכנ פיש גע-גאנגענ צומ טייַכל. דאָרט האָט זי פּלוצעמ דערזענ א פערד, אנ איינגע-שפּאנטס אינ דעמ פּאָדערשטנ טייל וואָגנ. איז זי דערשראָקנ אנטלאָפנ צוריק צומ ביידל. זי האָט לאנג ארויסגעקוקט אפ עמעצנ, נאָר קיינער איז ניט געקומענ. איז זי ווידער אוועק צומ פערד. איר האָט זיכ אָפּגעדוכט, אז זי האָט אימ ערגעצ געזענ. באלד האָט זי זיכ דערמאָנט אָנ ביינעסנ, אָנ ריווקענ, אָנ דעמ קאָלווירט, וואָס זי האָט מיט א פּאָר טעג צוריק פונ א ווייַטער סאָפּקע געזענ. איז זי אוועק צומ טאטנ אונ האָט אימ דערציילט. דער אלטער איז ארויס, א דערשראָקענער אונ בייזער, אונ האָט דאָס פערד פארטריבנ. פארנאכט, ווענ טונזע האָט זיכ אומגעקערט פונ פיש-געפאנג, גיט זי א קוק, ערשט דאָס פערד שטייט דאָ ווידער, גלייַכ טאקע, ער ווארט גאָר אפ איר. האָט זי זיכ שוינ מער ניט געקאָנט איינהאלטנ. זי האָט גענומענ דאָס פערד אונ פארבאהאלטנ, דער טאטע זאָל ניט זענ, אימ אוועקגעפירט צומ קאָלווירט. מיט א הארצקלאפעניש האָט זי געפירט דאָס פערד, אלצ טראכטנדיק, וויַאזוי מע וועט זי דאָרט אופנעמענ. גאָר נאָענט

באַ די סטאָפּקעס, װען עס איז איר געבליבנ צװײ שפּאַנ צום קאָלװירט, איז אַפ איר אָנגעפאלנ אַנ אומבאַװוסטע שרעק. האָט זי איבערגעלאָזט דאָס פערד אונ איז אַ װילדע אונ דערשראָקענע אַנטלאָפנ אַהײמ.

3

אַלעמאָל, װי עס פלעגט נאָר אַרויספאַלנ דער ערשטער שנײ, אַזוי פלעגט דער אַלטער אַװעקגײנ מיט דער ביקס אינ דער טײַגע אונ פלעגט דאָרטנ פאַרפאַלנ װערנ אַפ װאָכנלאַנג.

הײַנטיקס יאָר האָט ער זיך אויך, װי אַלעמאָל, אַרויסגעקליבנ אַפ יאַגד. אָבער דאָס מאָל האָט ער זיך פּלוצעמ אינעמ זעלבנ טאָג פאַרנאַכט אומגעקערט צוריק. ער האָט זיך שװײַגנדיק אונ פאַרביטערט אַװעקגעלײגט שלאָפנ, איז אײנמיטנ נאַכט אויפגעשטאַנענ אונ איז אַװעק, אָבער צו פאַרטאָג צו האָט ער זיך װידער אומגעקערט, נאָר עפּעס אַזוי צעטראָגנ, אַזוי פאַרטאָנ אינ זיך, װי עמעצ װאָלט אימ דאָ געהאַלטנ צוגעבונדנ אונ אינ דער נאָענטקײַט פונ דער הײמ געטריבנ מאַכנ בלינדע קרײַזנ.

אַ פּאָר טעג נאָכאַנאַנד האָט טונזע געזענ, װי דער פאָטער געפינט זיך קײנ אָרט ניט. שפּעטער איז ער גאָר װיפל מאָל געקומענ אַ שיכורער אונ האָט לאַנג ניט אויפגעהערט צו שרײַענ. אַפ דער הײסער מינוט איז ער אַמאָל אַרײַנגעפאַלנ, אײַנגעשפּאַנט די הינט אונ גענומענ אײַנפּאַקנ זײַנ האָב אונ גוטס אַפ די נאַרטעס. אַזוי איז דאַפּקע שטענדיק געװענ. װי עס קומט נאָר די צײַט פונ יאַגד, פאַרלאָזט מענ דעמ ברעג טײַך אונ מע קלײַבט זיך טיפער אינ דער טײַגע. נאָר צי דערפאַר, װאָס קײנמאָל האָט זיך דער אַלטער ניט אַזוי אײַלנדיק געקליבנ, איז קײנמאָל ניט געװענ אַזוי פאַרבימערט, צי פאַר עפּעס אַנדערש, נאָר טונזע האָט זיך דערשראָקנ פאַר דער נײַס. זי האָט אַפ אימ אויפגעהויבנ איר טול פּאָנעמ. די רויטע באַקנבײנער אירע זײַנענ נאָך רויטער געװאָרנ אונ די שמאָלע אויגנ זײַנענ פול געװאָרנ מיט אומרו אונ היצ.

— גיוסע אַג דע ענײכע [1] – האָט ער געזאָגט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגנ צו דער ערד.

— גיוסע אַג דע איא [2] —האָט ער װידער געזאָגט, אײַנבינדנדיק דעמ שליטנ.

זי האָט אַלצ געשװיגנ. ער האָט געזענ, אַז מיט איר טוט זיך עפּעס אויסערגעװײנלעכס אונ ער האָט זיך אָנגעשטרענגט, דערפילט אינ דעמ אַ געפאַר. אונ פּלוצעמ האָט זי דרײסט אַ זאָג געטאָנ:

— אַ איצ אַ טאַמ! [3]

1 אַ סאַך ציגנ זײַנענ אַװעק אינ טײַגע.
2 מירנ זיי האַרגענענ, װעט זײַנ גוט.
3 כ'װעל ניט גײנ!

האָט דער אַלטער אַפּ איר אַ קוק געטאָן און זיך גענומען פּאַמעלעך אופגעהייבן.

ער האָט אַרויסגענומען די פּיפּקע פון מויל. איין רעגע איז ער אַזוי פאַרשטיינערט געשטאַנען גאָרנישט הערנדיק, ניט ווי די הינט האָבן זיך צונויפגעטשעפּעט בייסן און ניט ווי ער שטייט און מורמלט. ס'האָט זיך אינעם טרוקענעם צעקנייטשטן פּאָנעם אַ בייט געטאָן, ווי דער גאַנצער זונ-פאַרגאַנג וואָלט זיך אין דעם אַריינגעכאַפּט, און ער האָט פייַנלעך און צאָרנדיק אַ געשריי געטאָן. אין דער מינוט האָבן די הינט אין גרויסער היץ פון געשלעג אַ שלעפּ געטאָן דעם שליטן און אים אומגעוואָרפן. אין דער קלאָרער שטילקייט פון מיט שניי באַדעקטע ביימער איז נאָך דער ווילד-צערייצטער געשריי פון די הינט שטאַרקער געוואָרן, ווען דער אַלטער האָט זיך צו זיי צוגעכאַפּט אויסלאָזן זיין קאַס. מיט מאַטערניש האָט ער די הינט פאַנאַנדערגענומען און מ'האָט זיך אַ ריר געטאָן פונעם אָרט. מע איז אַרויסגעפאָרן אַפן טייַך. פון ביידע זייטן האָט זיך דער וואַלד אַלץ מער אָנגערוקט אַ פינצטערער, מיט ווילד-צעצווייַגטע און אונטערגעשווענקטע וואָרצלען פון ברעג. אונטער דעם גרינגן שליטעלע האָט הילכיק געסקריפּעט דער שניי. די הינט האָבן פריילעך און אָפּגעהאַקט געהאַווקעט, זיך געריסן אין גאַלאָפּ. און ווען דער אַלטער האָט צופרידן אַ היקע געטאָן אַף די הינט און אין גאַלאָפּ זיך אַרופגעכאַפּט אַפן שליטעלע, האָט טונזע אינעם האַסטיקן געיאָג אַנטקעגן ווינט דערפילט אַזאַ מין גוואַלדיקן אומעט ניט אויסצוהאַלטן.

מ'איז נאָך גאָר ניט וויַיט אָפּגעפאָרן, האָט דער אַלטער אויסגעשפּאַנט די הינט, צעלייגט אַ גרויסן שייַטער און געמאַכט נאַכט. אין דעם, וואָס ער האָט זיך אַזוי גיך אָפּגעשטעלט, האָט מען געזען, אַז די הויפּט-זאַך איז בא אים געווען זיך רירן פונעם אָרט, און איצטער האָט ער זיך שוין באַרויִקט. ער האָט זיך באַלד געלייגט שלאָפן, און גאָר גיך האָט זיך אינעם טרעשטשען פון פייער אַריינגעמישט זיין געזונטער אָטעם. אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט ער אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ, און ס'האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז עמעצער וויינט. פאַרשלאָפענערהייט האָט ער בלויז באַמערקט, אַז טונזע זיצט נאָך אַלץ באַם פייער מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. נאָך-דעם האָט אים דער שלאָף ווידער באַהערשט און ער האָט אָן אַלץ פאַרגעסן.

ס'איז זייער שטיל געווען. אַזאַ מין זעלטענע, אַזאַ מין גלעזערנע און קוואַלע רו איז געשטאַנען. אַ מינדסטער קלאַנג: זאָל ערגעץ-ווו אַ צווייַג אַ טרעשטשע טאָן, אָדער אַ קייַעלע זאָל אַ פּישטש געבן, און עס גיט אַ פּלאַץ אַזוי הילכיק אָט די לויטערע שטילקייט. לאַנג נאָכדעם ציטערט דער קלאַנג אין דער פראָסטיקער לופט מיט גרינגע שנייעלעך, ביז די שטילקייט פאַרציט זיך ניט ווידער.

און אָט אַזוי ווי זי זיצט און קוקט אין פייער, האָט טונזע דערפילט,

ווי עפעס האָט זיך אין איר געוומענע טאָג. עפעס האָט אָנגעהויבן וואקסן, צעשפּאַרן די אָדערן. האָט זי אופגעהויבן דעם קאָפּ, זיך ארומגעקוקט. און מעגלעך דערפאר, ווײַל אומבאוווּסט פאר איר אליין האָט פאר איר, אין פייער קוקנדיק, אופגעלעבט דער קאָלווירט, וואָס זי האָט פון א ווײַטער סאָפּקע געזען, האָבן זיך איר באוויזן צווישן די ביימער באַקויכטענע פענצ-טער, זי האָט דערזען א סאך מענטשן גיין. און ווײַל די מענטשן האָבן מיט זיך געטראָגן זייער א סאך נײַס, ניט באגריפּענע נײַס, צו וואָס עס האָט זי געצויגן, האָט איר בראָנזענע הויט, האָבן אירע אויגן, האָט איר אופגעהויבענער קאָפּ, א באגאָסענער מיט דער שײַן פון פײַער, זיך אָנגע-הויבן אָנגעשטרענגט צוהערן ביז ס'האָט זיך איר ניט אָפּגעדוכט, אז א באַ-קאַנטער קאָל רופט זי פון דאָרטן. דאן האָט זי זיך א ריס געטאָן און איז אוועק.

דער שנײַ אונטער אירע טריט האָט געסקריפּעט און זי איז פאר-פאַלן געוואָרן צווישן די ביימער. צונויפגעקנוילט באם פּײַער, האָט א הונט פון שלאָף א זיפץ געטאָן. ערגעץ ווײַט איז א שטערן אראָפּ-געפאלן.

4

פּאַרטאָג איז פון דעם יידישן קאָלווירט ארויסגעגאנגען א כעוורע אפּ יאָגד.

אָנגעטאָן ווינטערדיק, מיט ביקסן אפּ די פּלייצעס, מיט ווארעמע היטלען און פּעלצלעך, מיט זאלץ-ברויט באַ יעדן אין טאָרבעלע, מיט שווּעבעלעך באַ יעדערן באזונדער (אין פאל ווען מע שלאָגט זיך אָפּ פון דער כעוורע).

צווישן זיי איז געווען איינער א יונגער לערער, א געזונט, געפּאַקט באָכערל, עמעס, א ביסל א שווערלײַביקער, גייט ערשט דעם ערשטן מאָל אפּ יאָגד. די טײַגע האָט ער נאָך קיינמאָל אין לעבן ניט געזען. גייען גייט ער אָבער זיכער. אָן א ציג קערט ער זיך ניט אום. ווי אומגעניטע יעגער, גייט מען זיך צוזאמען און מע שפּאַסט פון אים:

— ווי נאָר דו וועסט דערזען א ציג, אזוי זאָלסטו....

— זאלצ האָסטו מיט זיך?

— כ'האָב — זאָגט דאָס באָכערל אָן אויבערסייכל.

— נו וועסטו איר אָנשיטן אפן עקל...

מע לאַכט פראָסט און גוטמוטיק. דער לערער שמייכלט אויך אונטער, כאָטש פאַרדריסן פאַרדריסט אים א ביסל, וואָס מע כויזעקט פון אים. און טאַקע אפּצעלאָכעס זיי, באַשטימט ער כאַפּן און פּאַרטיק.

מע איז אזוי אָפּגעגאנגען ביז האלבן טאָג. נאָר קיין ציגן קומען ניט אנטקעגן און בעטן זיך ניט „כאַפּט מיך“... האָט מען צעלייגט א שײַטער,

אָפּגעגעסן און אָפּגערוט זיך און מע איז ווידער אוועק בלאָנדזשען. איצטיקס מאָל, כדי עס זאָל זײַן מאָזלדיקער, איז מען אוועק אין דרײַ ריכטונגען. אָפּגערעדט האָט מען, אַז מע זאָל איינער דעם צווייטן ניט ארויסלאָזן פון אויג. אין ערגסטן פאַל, אויב עמעצער שלאָגט זיך אָפּ פון דער כ״ורע, זאָל מען זיך לאָזן הערן צי מיט א פײַפּ, אָדער מיט א געשו״י. שפּעטער מיט א שאָס. און אין אן אומגליק־פאַל מיט צוויי שאָסן. אָפּגערעדט און מע איז זיך צעגאנגען.

דער לערער איז געגאנגען פון איין ווערדל צום צווייטן, אין הויכן, טיף פארשנייטן גראָז, און האָט פארגעסן האַלטן דעם כאווער אין אויג. ווען ער האָט זיך געכאַפּט א קוק טאָג, ווו יענער איז, איז ער שוין געווען ווײַט פארגאנגען.

דערווײַל האָט אָנגעהויבן די זון מאכן קונצן. זי קריכט אוועק אונטער א סאָפּקע און ווערט ניט. אָבער אן אקשן איז ער א גרויסער, און דערצו נאָך ווייס ער, אַז טאָמער עפּעס — וועט כעוורע פון אים לאכן, גייט ער אַלץ ווײַטער און שווײַגט. ס׳איז דערווײַל פינצטער געוואָרן. ער האָט שוין גענומען שרײַען, ניטאָ קיין ענטפער. ער האָט אויסגעשאָסן איין מאָל און צוויי — ניטאָ קיין ענטפער. און דאָ פאַלט אָפּ אים אָן אן איימע: איינער אַליין אין דער ווילדעניש. ער האָט גענומען נאָך שטארקער שרײַען — און עס שטעלן זיך אים די האָר קאַפּויר פונעם אייגענעם געשריי. פּלוצעם האָט פון ערגעץ א טאנץ ארויס געטאָן א ציג, אזש דער לערער איז טויט געוואָרן. נאָכדעם האָט אין אים א ברען געטאָן עפּעס א פונק און ער האָט זיך געלאָזט לויפן נאָך איר. ער האָט אויסגעשאָסן און, פארשטייט זיך, ניט געטראָפן. ער איז מיד געוואָרן יאָגנדיק זיך נאָך דער ציג און האָט שוין געוואָלט אָפּשטיין. פּלוצעם איז די ציג דורכגעפאַלן דורכן טיפן שניי, וואָס האָט פארשאָטן א גרוב, זי האָט זיך גענומען ווארפן, געוואָלט ארויסקריכן און ניט געקאָנט. איז דער לערער אָנגעלאָפן און זי פארטיק געמאכט.

ביזוואנען ער האָט זיך אײַנגעפּאָרעט מיט דער ציג און זי אָפּ דער פּלייצע ארופגעוואָרפן, איז צוגעפאַלן די נאכט. פון מינוט צו מינוט איז אַלץ פינצטערער געוואָרן. און צו אַלע צאָרעס וואקסט דאָ אויס א שווארצער קוסט און דאָרט א בוים און דאָס אַלץ נעמט אָן די פארשיידנסטע, שרעקלעכסטע פאָרמעס. דער פּאכעד רײַסט דאָס הארץ. די ציג לאָזט ער פונדעסטוועגן ניט אָפּ. כאָטש דאָס העמד איז אים שוין נאס געוואָרן טראָגנדיק זי, און אין די שלייפן קלאפּט אָן אופּהער און מיט גרויס היץ.

דערווײַל הייבן אָן קריכן די שרעקלעכסטע געדאנקען אין קאָפּ. ער וואָלט זיך וועלן אָפּשטעלן אָפּ א ווײַלע, כאָטש איבערכאפּן דעם אָטעם. האָט ער מוירע, קאָלזמאַן ער גייט, גייט ער. און וועט ער זיך אָפּשטעלן, אזוי דוכט זיך אים גאָר אָפּ, אַז עמעצער גייט אים נאָך. ער האָט שוועבעלעך, וואָלט

ער געדאַרפֿט צעלייגן א פֿײַער און זיך אָפּרוען. האָט ער מוירע, דאָס פֿײַער קאָן נאָך צוציִען חײַעס, מיינט ער...

ער איז געגאַנגען אזוי לאַנג, לאַנג, ניט זעענדיק, ווו ער גייט, זיך פֿאַרשעפּענדיק אָן באַטשקע און וואָרצלען. די פֿיס האָבן אים שוין אויפֿגע־הערט דינען, שיקער פֿון מידקייט און פֿון אומגעווינשאַפֿט אזויפֿיל צו זײַן אַף דער לופֿט. ער האָט זיך שוין געוואָלט אָפּשטעלן, אָבער מיט גרויסער אָנשטרענגונג האָט ער ווידער אָנגעהויבן צו גיין, ביז ער האָט מיטאַמאָל דער־פֿילט, אז די פֿיס זײַנען פֿאַרקראָכן נידעריקער ווי מע דאַרף. ער האָט זיי געוואָלט צוריק שלעפּן, האָט ער אָבער אינסטינקטיוו אָנגעטאַפּט מיטן רוקן אין אַן אָנשפּאַר און ער האָט זיך אַראָפּגערוקט. אין דער מינוט האָבן די הענט אַרויסגעלאָזט די ציג. א גוואַלדיקע מידקייט האָט אים באַהערשט. ער האָט אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און איז אײַנגעשלאָפֿן... וויפֿל ער איז געשלאָפֿן, האָט ער ניט געוווּסט. אויפֿגעכאַפּט האָט ער זיך און דערהערט, ווי גאָר נאָענט לעבן אים האָט א טרעשטשע געטאָן א קוסט און ס׳איז אים דאָס בלוט פֿאַרגליווערט געוואָרן. ס׳האָט געווויס עפּעס א חײַע געטאָפּטשעט. נאָר צי ווײַל אין קורצן דרעמל איז ער ווידער צו די קויכעס געקומען, צי פֿאַר־קערט, ער איז נאָך געווען גוט פֿאַרשלאָפֿן, האָט זיך אין אים ווידער אַן אקשאָנעס דערוועקט, א ביישעק זיך אַרויסצוווײַזן פֿאַר דער חעווּרע. עס האָט זיך אים פֿאָרגעשטעלט, ווי ער ברענגט דאָס געפֿאַנג אהיים און דער גאַנצער קאָלווירט לויפֿט אַף כידושים קוקן, וואָס ער האָט געפֿאַנגען.

און ווי ער טראַכט אזוי, און ווי נאָר זײַן ביקס האָט אויסגעשאָסן און ער איז אויפֿגעשפּרונגען כאַפּן דעם געפֿאַנג, איז ער פֿלוצעם א טויט־דער־שראָקענער געבליבן שטיין. ס׳האָט אים אויסגעדוכט, אז עמעצער קרעכצט. ער גלייבט ניט אין קיין רוכעס. די קינדער לערנט ער, אז קיין שיידים זײַנען אַף דער וועלט ניטאָ. אָבער דאָ אין דער פֿינצטערניש פֿון וואַלד האָט אים אלדאָס שרעקלעכעס באַהערשט. די קרעכצעניש האָט ניט אויפֿגעהערט. פֿאַר־קערט, עפּעס האָט גענומען שרײַען, ווי מע וואָלט דאָרטן א מענטשן געקוי־לעט. איז אַף דעם לערער אָנגעפֿאַלן אזא מין איימע, אזא מין פּאַכעד, אז ער האָט אַליין אויך גענומען שרײַען, ער האָט לאַנג געשריען און ניט געהערט, ווי ערגעץ האָט מען זיך מיט א שיסערײַ אָפּגערופֿן, ניט געזען, ווי די חעווּרע איז אָנגעקומען. מע האָט אים גענומען טרייסלען, ער זאָל אויפֿהערן שרײַען, נאָר ער האָט זיך לאַנג ניט געקאָנט באַרויִקן. מע איז אוועק זוכן צווישן די ביימער, וואָס האָט דאָס אים אזוי איבערגעשראָקן, האָבן זיי געפֿונען טונזען זיצן אָפּן שניי מיט א צעבלוטיקטן פֿוס. מע האָט ניט געטאָרט לאַכן אין אזא מינוט. אָבער חעווּרע האָט זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן און האָט אויסגעשאָסן א געלעכטער.

— נו, א ציג האָט ער אונטערגעשאָסן!

טונזע האָט אין זייער לאַכן, אין דער אומבאַקאַנטער שפּראַך, דערקענט, ווער זײַנען עס די באָכערים און זי האָט זיך אויפֿגעהויבן. צווישן די ביימער

האָט אופגעפלאַמט א פײַער אונ באַלויכטנ די נאכט. ביז טאָג איז מענ נאָכדעמ געזעסנ באמ פײַער אונ געשפּאסט פונעמ לערער. ס'ארא פײַנע ציג ער האָט געכאפּט. יענער האָט מיט שטארע בליקנ געקוקט אפ דעמ ווילדנ מיידל, אונ ניט געקאָנט קומענ צו זיכ.

אינדערפרי האָט מענ ווי-ניט-איז אװעקגעפירט טונזענ אינ קאָלווירט. גײנ אלײנ האָט זי ניט געקאָנט. דער פוס האָט זיכ איר ווונדיק צעברענט. דאָס ביסל פלײש, וואָס איז געבליבנ פונ דער ציג נאָכ א נאכט עסנ, האָט שוינ דער לערער צו ריווקענ ניט געטראָגנ. ער האָט אפ די ציגנ קוקנ ניט געקאָנט. צו אלדעמ שרעק אונ כויזעק, וואָס ער איז אויסגעשטאנענ, איז אימ נאָכ צוגעקומענ א הארצקלעמעניש:

— שיר א מענטשנ ניט דערהארגעט!

א פּאָר וואָכנ צײַט איז טונזע אָפּגעלעגנ קראנק אינ אײנעמ פונ די ווארעמע אויסגעקאלכטע צימערלעכ פונעמ קראנקנ-הויז. פאר דער צײַט איז דער גאנצער קאָלווירט מענטשנ בא איר אויסגעווענ. שוינ אָפּגערעדט פונ בײנעסנ אונ היווקענ. נאָר דער לערער האָט מוירע געהאט זיכ פאר איר ווײַזנ. מע האָט אימ אָפט געזענ שטײנ אונטער א פענצטער אונ זיכ בא באזוכער דערפרעגנ:

— נו. וואָס מאכט זי? שוינ נישקאָשע?

די פּאָר וואָכנ ליגנ אינ ווארעמקײַט, אינ ליכטיקנ, בא דער בא-קאנטשאפט מיטנ קאָלווירט מענטשנ, איז פאר טונזענ געווענ ווי אנ אויסטערלישער, קײנמאָל ניט איבערגעלעבטער כאָלעמ, וואָס איז ארײַנ אינ איר בלוט אונ דאָרט געטאָנ א גרויסע ארבעט.

אײנמאָל פארטאָג האָט זיכ טונזע אופגעכאפט אונ דערזענ א גרויסע ווארעמע זונ אינ אָפּגעאנגענעמ פענצטער. אונ ווי זי ליגט אזוי, קוקנדיק אינ זוניקנ דרויסנ, האָט זי דערזענ, ווי א באקאנט פּאָנעמ האָט ארײַנ־געקוקט אינ פענצטער. פריִער פונ דער זײַט, קוימ-קוימ, נאָכדעמ מערער. טונזע האָט שווײַגנדיק געקוקט אפ דעמ פּאָנעמ, זי האָט אימ דערקענט. ס'איז געווענ דער לערער. זי האָט זיכ צעשמייכלט. אונ פלוצעמ האָט איר א לײַכט געטאָנ אינ מויעכ אונ זי האָט אימ מיט א פינגער א רופ געטאָנ, ער זאָל נעענטער צוקומענ.

— קינאָ... — האָט זי צו אימ געזאָגט, זיכ דערמאָנענדיק, אז דאָס איז דאָס וואָרט, וואָס בײנעס האָט איר געזאָגט אונ וואָס האָט זי די גאנצע צײַט געמאטערט — קינאָ... — האָט זי איבערגעכאזערט דאָס ווונדערלעכע וואָרט, אונ זי האָט זיכ הויכ צעלאכט. האָט זיכ דער לערער ניט געקאָנט אײַנ־האלטנ אונ האָט זיכ אויכ צעלאכט.

פארבײַ זײַנענ געגאנגענ עטלעכע ווײַבער, קינדער אונ דערזענ, אז דער לערער לאכט עפּעס, האָבנ זײ זיכ אויכ אָפּגעשטעלט אונ זיכ אויכ צע־לאכט. אונ לעבנ קראנקנ-הויז איז אויסגעוואַקסנ א רעדל מענטשנ מיט ליכטיקע פּנעמער.

ווינטער האָט טונזענ א צי געטאָנ אינ וואלד, אפנ אלטנ אָרט, ווו
זייערביידל איז שוינ אנ אייַנגעפאלנס געשטאנענ. א גאנצנ טאָג איז זי
דאָרטנ אומגעקראָכנ א בענקענדיקע אונ שטארק פארטראכטע. ווענ די זונ
האָט אָבער אָנגעהויבנ פארגיינ אונ אינ וואלד איז פינצטער געוואָרנ, איז
אפ איר אָנגעפאלנ אנ אומעט אונ זי איז צוריקגעלאָפנ אינ קאָלחירט.

פרילינג־צייַט האָבנ די קאָלווירטלער געבראכט א נייַס: לעבנ קאָלווירט
דרייט זיכ ארום אנ אלטער יעגער, אנ אראטשאנ, ווי עס וואָלט אימ דאָ
עפּעס געהאלטנ צוגעבונדנ אונ אינ נאָענטקייַט ארום קאָלווירט גענויט
אימ מאכנ בלינדע קרייַזנ.

שטאָט בירעבידזשאנ.
15־ יאנוואר 1935

ש. האלקינ

אפ בירעבידזשאנער סאָפּקע

אינ שניט פונעמ מעסער, אינ טרײַב פונ דער האנט,
אינ קריצנ דעמ נאָמענ אפ שפּיצ פונ דער סאָפּקע —
א נײַער, געלײַטערטער מיינ איז פאראנ:
איכ וועל פונ דער דאָזיקער הייכ ניט אראָפּגיינ
ביז אונטנ וועט אָטעמענ בירעבידזשאנ
מיט האסטיקע צוגנ, מיט פלאמ באמ כינגאנ,
מיט הײַזער באלאנגערט — פונ ראנד ביז ראנד.

א ראכוועס אזא מינ — ארומ אונ ארומ,
עס גרייכט קוימ דאָס אויג ביז דעמ בלויליכנ בערג-קרײַז;
פונ רעכטס אונ פונ לינקס — אָט דער ריזיקער רונד
מיט הויכנ, מיט זוניקנ הימל באדעקט איז...
גייט קרעפטיק די האנט אונ אינ יעטווידנ קריצ:
מארמאָר אונ קוילנ די ערד דאָ באזיצט.
ווערט זיכער דער גאנג אונ אינ יעטווידער שניט:
אײַזנ אונ קאלכ אונ גאָלד אונ גראפיט
אונ אינ יעטווידנ בליק אונ אינ יעטווידנ טראכט:
א גליק זיכ צו שטעלנ אָט דאָ אפ דער וואכ.

באוואקסנ די סאָפּקע מיט דערנער אונ גראָז,
צענקאנטיקע שטיינער פונ אינוויייניק שטארצנ,
פארייכערט-געפלעקטע, באדעקטע מיט ראָסט
אונ פּלאסטנ, ווי טרעפּ אינ א כאָרעווג שלאָס
אונ שטאמענ פונ ביימער — אפ זעג ניט דערווארט זיכ...
אונ אונטנ, אינ גרונט, אונטער קיינעמס נאָכ טריט —
אנ אויצער א רײַכער א שלאָף מאגנעזיט.
אונ העלדער געדיכטע פונ דעמב אונ בעריאָזע
אונ שטראָפּיקע טײַכנ אונ ווארעמע אָזערעס
פונ אלע פיר זײַטנ — אינ ווײַט געהוענדט.
פארוואנדלט דעמ קאלכ אינ א שטארקנ צעמענט,
זאָל וואקסנ דער שטיינ אינ געגאָרנטע ווענט.

א ראכוועס אזא מינ — ס׳איז דורכזיכטיק קלאָר,
אינ קאָפ זעצנ אָפ זיכ סאכאקלנ — געוויכטנ
אָט דאָ אינ דער הייכ א׳ז צעשטראָלט אונ איז ליכטיק
אונ ס׳זעט זיכ פאָרויס דאָ אפ עטלעכע יאָר...

. . . .

נאָר אונטנ באַם פוס פונעמ בארג שטייט א פלויט
אונ ס׳שפילנ זיכ קינדער בא טונקעלער פיכטע
אונ ווײַטער א ביסל א שטעקל מע בויט
פונ ריטער־געפּעכט אונ פונ לײַמ פונ געדיכטנ.
אונ איינער אנ אלטער א ברונעמ דאָרט גראָבט,
באַגלײַכ מיט דער ערד עס באַוועגט זיכ זײַנ קאָפ
אונ גענומענ כ׳האָב יאָגנ, זיכ אײַלנ אראָפ.

געפינענ אנ אויצער — אי גרינג איז אי שווער,
דעמ אויצער באַדינענ איז טויזנט מאָל הארבער;
אינ פלײַסיקנ גראָבנ כ׳האָב פלוצלינג דערהערט
א יאָגנדיק הארצ אונ אנ אימפּעטיק זינגענ...
וואָס אײַלט איר זיכ כאַוועד — פונ נאָענט א פרעג,
אונ ס׳ענטפערט פונ ברונעמ אונ ס׳הילכנ אָפ בערג.
עס איז שוינ הײַנט, דאכט זיכ, דער דריטער נאָיאבער.
דאָס שטראָמיקע וואסער ליגט טיפ אינ דער ערד,
פארוואָרצלטער באָדנ די ארבעט פארשווערט
אונ איכ האָב געוואָלט, אז סאמע צום יאָנטעוו
זאָל קאלטער, זאָל זויבערער וואסער א שטראָמ טאָנ...

הויפ אויס אונ הויפ אײַנ — אונ מע ריכט אונ מע ראָמט
דורכ ציכטיקע שויבנ ארײַנ זאָל דער יאָנטעוו:
אזוי — ביזנ טײַכ, ביזנ אלטנ פאראָמ,
וואָס האָט זיכ פארביסנ אינ ברעג, ווי ניט קאָנטעט,
וואָס אימ איז באשערט צו פארציִענ א שטריק —
דעמ ריכט־שנור פאר נײַעמ, פאר קינאטיקנ בריק...
דאָס וואסער פלייצט שטארק אונ דאָס שיפל זיכ וויגט,
איכ שטויס אלצ פאָרויס אונ עס ציט אפ צוריק,
אונ שווער הערט דער גאנג אונ איכ טו זיכ א פרוו:
צי וואָלסט אפנ בארג איצטער ווידער זארופ,
אָט דאָרט, ווו דאָס הארצ אונ דער זינענ איז אופ
אָט דאָרט, ווו ס׳איז דורכזיכטיק-לויטער די לופט?

פריש, ווי דאָס וואסער פונ קוואל — מײַנ געמיט
אונ קלאָר, ווי אינ אווגוסט דער טאָג — מײַנ געוויסנ:

אין וואָכיקסטער מי, אין געלײַטערטסטער ליד —
איך וויל, אז דער טאָל מיטן בארג זאָל זיך שליסן.
די טיף פונעם ברונעם זאָל ווערן באהויכט
מיט זוניקן אופקום אפ שפיצן כינגאנער,
אין יעטווידן טייל זאָל פארפלאנצט זײַן דער קויך,
די קראפט, וואָס אין לאנד אינעם גאנצן פאראנען,
אז שפירן דאָ זאָל זיך דער ווילן, די האנט,
וואָס גרענעצן שאפט אָפּ, וואָס וואסערן שפאנט,
וואָס האָט דאָ באפוילן צו בויען א לאנד
אפ ווײַטסטן, אפ שענסטן, אפ הערלעכסטן ראנד.

. . . .

. . . .

און דאָס האָט מיט אומרו פארצייכנט מײַן האנט
אפ שפיץ פון דער סאָפּקע אין בירעבידזשאן.

דער ווינטער גייט

די לעצטע קעפּלעך קרויט — אראָפּגעשניטן,
און פוסט און הויל געבליבן איז דער גאָרטן,
נאָר לאנגע וואָרצלען שווארצע וואלגערן זיך דאָרטן,
ווי ערשט ניט לאנג
מיט געלע פײַערלעך געבליט האָט
די גאנצע בייט,
און יעדער בלאט,
און יעדער קווייט
איך האָב אין האנט באטראכט:
צי וועט דאָס געלע בלאטערל
פארשווינדן בליִענדיקערהייט,
צי האָט עס יאָ אמאָל
א גרינעם אָנזאָג אפ אן אוגעריק געבראכט.

א קעפּל קרויט כ'האָב אויסגעטאָן
ביז ווײַסן נאקעט,
עס האָט דער פראָסט
דאָס פרישע לײַב
פארדארבן ניט געוואגט,
איך האָב ארומגעהאקט
דאָס צוגעפרוירענע דאָס פולע אָנטאָן,

אפ דר׳ערד אראָפּגעפאלן זײַנען דורכגעשאָסענע
די גרינע פאנצערס,
א סאך פון זיי —
פון ווערעם דורכגעפרעסענע אינגאנצן.

צוויי וואָרצלען בורעקעס — געלאָזן ווינטערן אומיסטן,
א צוגעפוילטן, גרינעם פּאָמידאָר,
וואָס שטארק באשווערט דאָס קראנקע צווײַגל,
און אויך דערפאר,
עס זאָל דער ווינט כאָטש האָבן ווו פארבײַגיין
אפ אָנזאָגן דער ערד,
אז ס׳האָט דער ערשטער שניי געלאָזט געריסן.

געבליבן זײַנען שטיין,
ווי דעריקע, ווי יונגע קיפּאריסן
מיט כאָלעמדיקע שפּיצן איבער פלויט פאריסן,
די פּרוכטלאָזע, די דארע קוקורוזעס;
כ׳ביג צו מיט קויש אין האנט,
צענומען זיי די מאָגערע, פארקלעמטע בוזעמס,
א קוק געטאָן אפ וועלקנדיקן שטאָלץ
און גלײַך געלאָזט צורו זיי.

דאָס ערשטע מאָל עס זײַנען הײַנט באגלאָזט
די שווארצע בלאָטקעלעך באם טויער,
מיט אָנגעשפּאָלטענעם קרישטאָל
באדעקט דאָס רונדע טײַכל ארום ברונעם,
די זון איז אופגעגאנגען רויט —
דער ווײַסער פראָסט צערונען,
דער הימל לײַטערט זיך און קלאָרט,
דער הימל ווערט אלץ בלוי און בלויער...
מיט פולע עמער כ׳קער צוריק צו זיך אהיים,
א זומער און א הארבסט אהינטער,
און פריש דאָס אויג,
און שטײַף דער טראָט
און גרייט באגעגענען דעם ווינטער...

אפ סטעפּן אמורער

אפּ סטעפּן אמורער — אפּ ראכוועסן גרינע
דער שטערן דער לעצטער פארשווינדט אין באגינען.

א גאנצענע נאכט צווישן בערג זיך געטראָגן,
דער ווינט האָט געפּאטשט און דער רעגן געצוואָגן.

געגעצט ביזן ביין און ביז טעמפּקייט פון זינען —
דער טאָג איז געקומען אינמיטנדערינען.

געטראָפן מיך זיצן פארקלעמט צווישן פעלסער,
די ערד גייט אהינטער, דער הימל ווערט גרעסער.

די אייזערנע פעלסער אין אוטאָ זיך שטויסן,
דער הימל, א הויכער, א גרינער, א גרויסער...

זיץ איך געהאָרכזאם, פארקלעמט צווישן רייפן,
עס טראָגט זיך דער אוטאָ און ס'קלאפּט אינעם שלייף אָפּ.

אין ווינקל אין ווייטסטן געפּרווט זיך פארקלייבן:
ליכטיקע, בלאָנדע, איך גאר נאָך דיין לייב איצט.

איך וויל דיך דערשפּירן אין רויש פון געבליטן —
עס האָט דיך דאָ קיינער ביז היינט ניט פארביטן.

אָט זע, ווי די פינגער די לאנגע, די פעסטע
אפּ דריקן און שטיקן אצינד זיך פארמעסטן.

נאָך בערג און נאָך טאָלן, נאָך הרודעס און גריבער —
דאָס לייב איז אין היץ, און די ליפּן — אין פיבער.

נאָך רעגן, נאָך שטורעם. נאָך ווינט נים געשטילטן —
פון ערד און ביז הימל — נאָר ראנגלעניש ווילדע

אין וואקסיקן גראָז און אין זוניקע פאסן,
אפּ גאָלדענעם זאמד בא א שפּיגל פון וואסער..

. . . .

ליג איך אפ דיל פונעם אוטאָ צעצויגנ.
שטויביק אונ ברודיק מיט שלאָפ אפ די אויגנ.

אונ ס'בײַט ניט דער אוטאָ דעם גאנג אונ די ריכטונג
אונ ברענגט מיך אהינ, ווו מײַנ בײַזײַנ איז וויכטיק

אונ ברענגט מיך א וואכנ, א פרישנ, א נײַעם
צום ראנד, ווו עס שנײַדט זיך קנעכטשאפט מיט פרײַהײַט.

ד. קליאצקינע, מ. ליסאק

אופלי

(עסיוד)

א פײַפ, ווי פונ א פליט. דאס הודעט אזוי דער ניט־פארכאסמעטער קלאפאנ אינ דער גאנדאלע.

דער דינער פײַפ בויערט דורכ די שטילקײַט. גיט זיכ א ווארפ איבערנ ווײַטנ, גלאט אויסגעקײַקלטנ אעראדראם, רײַסט זיכ ארײַנ אינ ווינטערדיק אנגעפעלצטנ האמוינ אונ שיסט אויס בא יעדנ אײנציקנס אויער, ווי א פײַערלעכער סאליוט.

דער סטראטאסטאט האט זיכ אפגעריסנ פונ דער ערד.

טויזנטער, צענדליקער טויזנטער אפנ פארשנײטנ, פארפרארענעמ פעלד האבנ א ריס געטאנ האלדז אונ אויג אינ דער זעלבער ריכטונג, אינ דער הייכ.

אונ אזוי די גאנצע שטאט. די גאסנ זײַנענ פול מיט מענטשנ. אונ די, וואס זײַנענ אינ דעמ פרימארגנ געשטאנענ בא זײערע ווערקשטעלנ אונ געארבעט, ניט אפװענדנדיק דאס אויג פונ די פינגער, איז אבער זײער גע־דאנק אויכ דארט אינ לופט־אקעאנ, וווהינ עס האט זיכ אוועקגעלאזט דער געוואגטער דרײַלינג.

דאס גאנצע לאנד האט געוואכט, געזוכט אינ צײַטונגענ, צוגעהערט זיכ צו ראדיא, אויסגעקוקט אפ די טעלעפאנ־דראטנ...

דער באלאנ האט זיכ געוויגט, דערווײַטערט אונ פארשווונדנ אונ ווידער אופגעשווומענ אפנ הימל. דער סטראטאסטאט האט אלצ פארמערט זײַנ הייב־קראפט. ער האט איצט דערמאנט אנ עלעקטרישנ לאמפ פונ אומגעהײערער גרייס, וועלכער האט זיכ איבערגעדרייט מיטנ קײַלעכיקנ גלעזערנעמ קאפ צומ אויבנ אונ אזוי געשלעפט דאס אונטערגעהאנגענע אונטער אימ קײַלעכ־דיקע אנגעשפארטע שטיבעלע מיט די דרײַ לופט־אײַנוווינער.

געשלעפט דעמ שווערנ באגאזש, ווי א לײַכט פעדערל, געפירט אפ רעכטס אונ אפ לינקס, א שווונג אנ א זײַט אפ א קילאמעטער, מינוטנווײַז געפאלנ נידעריקער, קעדיי שפעטער אופהייבנ זיכ נאכ אפ א נײַער ניט געהערטער רעקארד־הייכ.

אנהייבנדיק פונ אונטנ, האט די פליער ארומגענומענ אונ באשטראלט א בלאסע קופערנע זונ. פונ דרויסנ ארומ דער גאנדאלע האבנ געווילדעוועט ווינטנ, אינווייניק האבנ געארבעט דרײַענ.

די אנגעשטרענגטקײַט אונ פארטיפטקײַט פונ יעדערנ איז געוואקסנ מיט דער יאגנדיקער גיכקײַט, מיט וועלכער זיי האבנ זיכ געהויבנ.

פיר מינוט פארשווונדן... דריַ מינוט גיבן א שפרונג אפ די ווייַזערס, און עס פאלט איין דערגרייכטער קילאָמעטער נאָכן צווייטן.

דער אלטימעטער אין זייַן גלעזערנעם פּוטליאר גיט א שוואכן פינטל און עס באוויַיזט זיך א נייַ ציפערל.

פון דעם נייַעם ציפערל הענגט אָפּ דאָס גאנצע לעבן, דער פּולס פון דער קאבינע. ווי אין פיבער צווינגט עס ארייַנכאפּן איין פּרווו נאָכן צווייטן, אלץ אָפטער א דריי טאָן דעם אויסשליסער, א באוועג טאָן דאָס הענטל פון רעאָסטאט און באריַיכערן דעם באנאזש מיט אלץ נייַע לופט-פּראָבן.

די קליינע לאבאָראטאָריע איז געווען אפ דער וואך. יעדער קער און דריי איז געווען אויסגערעכנט. די גיכקייַט און פּינקטלעכקייַט האָט געשאפן א באשטימטן שטרענגן ריטם. דער ריטם האָט, דוכט זיך, באקומען קלאנג, כאָטש קיין איינציק וואָרט האָט קיינער נאָך פון מויל ניט ארויס־געלאָזט.

די דרויסיקע קעלט איז אויסגעוואקסן אינצווייען — 45 גראד, אינוויי־ניק געפאלן — 0. ראָלענקאָ, בעלאָוו און אלעסין האָבן נאָך אלץ אזוי גע־ארבעט, ווען אין דער ארומוויגנדיקער זיך שטילקייַט האָט זיך ארייַנגעריסן א קליינער טראסק. עפּעס פּרעמדס, אומבאגרייַפלעכס האָט א שווערן קלאפּ געטאָן איבער דער אָנגעשטרענגטקייַט פון דריַ מויכעס און איז געבליבן פאר־גליווערט אין זעקס אויגן.

דאָס פענצטערל געפּלאצט...

אלעסין האָט דער ערשטער דערזען, ווי אפן פּיצינקן פענצטערל הינ־טער בעלאָווס פּלייצעס האָט זיך באוויזן א לענגלעכער שפּאלט, און באלד האָט זיך אווטאָמאטיש אראָפּגעלאָזט דאָס רעזערוו-קאָלפּאקל און פארנומען דאָס אָרט און די פונקציע פונעם צעבראָכענעם שייַבל.

אָט די קליינינקע געשעעניש איז געווען א גרויסער אָנזאָג, א דער־מאָנונג, ווו זיי געפינען זיך.

די ארבעט איז איבערגעריסן געוואָרן, אָפּגעשטעלט זיך. די אָנגע־שטרענגטקייַט בא די דורכגעמאכטע אָפּעראציעס איז טייקעפּ געפאלן.

ראָלענקאָ האָט אופגעהויבן די אויגן פון דער קארטע, אפ וועלכער ער האָט מיט דער הילף פון קאָמפּאס באשטימט דאָס אָרט און די ריכטונג, ווו זיי געפינען זיך, ער האָט געכאפּט א קוק אפן קאָלפּאקל, וואָס האָט בא־גלאָזט דאָס געפּלאצטע פענצטערל.

— אנ א—ווא—רייע!

נאָר ראָלענקעס מויל, וואָס האָט דאָס וואָרט ארויסגערעדט, האָט זיך שוין געהאט פארקרימט אין א שמייכל.

בעלאָוו האָט געקוקט אפן אלטימעטער. א דינער שטריך האָט זיך גע־האלטן בא איבער 16.000 מעטער.

אדאנק דעם קאָלפּאקל... באלד וואָלטן מיר, ווי פּראָבקעס פון שווימענ־דיקע פלעשער שאמפּאניער, געקאָנט ארויסשפּרינגען פון דאנען.

יולי איז פונקט פארטיק געוואָרנ מיט דער אויסמעסטונג פונעם עלעקטרישנ פאָטענציאַל, וואָס וואקסט אינ אנטשפרעכונג צו דער הייכ. ער האָט געקוקט אפנ איזאָליאטער פונ בערגיקנ קרישטאָל, וואָס איז געווענ דורכגעפירט פונ יענער זייט גאָנדאָלע מיט א הונדערטמעטערדיק גומענ טרייבל, אינ וועלכנ ס'איז געווענ אָנגעגאָסנ ספירט. דער זייל פונ דער קיינמאָל ניט פרירנדיקער פליסיקייט — ספירט — אינ טרייבל האָט אינ דער סאמע אונטערשטער עפענונג אופגענומענ דעם עלעקטרישנ פאָטענציאַל אפ דער געגעבענער פלאכ. אינ דער זעלבער צייט האָט דער מעטאלענער עלעקטרע־דורכפירער, וואָס גייט פאראלעל דעם טרייבל פונ דער זעלבער אונטערשטער עפענונג, געגעבנ די מעגלעכקייט אויסצומעסטנ דעם אונטערשייד צווישנ די צוויי פאָטענציאַלנ אויבנ אונ אונטנ אפ די פארשיידענע הייכנ.

ניט געקוקט אפ דעם, וואָס אינ קאבינע איז עטוואָס ווארעמער געוואָרנ, האָט בעלאָוו ערשט איצט דערפילט, ווי שטארק זיינע הענט זיינענ פארגליווערט אונ איז געצווונגענ געווענ איבעררייסנ די אקצינאָמעטרישע באאָבאכטונגענ, די אויסמעסטונג פונ זונ־ראדיאציע.

אינ קאבינע איז געווענ ענג פונ די אָנצאָליקע אפאראטנ, ספעציעל צוגעגרייטע פאר דער סטראטאָספער. דאָ זיינענ געווענ באראָמעטערס, אלטימעטערס, באראָגראפנ, א ספעציעלע איינריכטונג פאר דערלערנענ די קאָסמישע שטראלנ, אפאראטור פאר נעמענ לופט־פראָבעס, א פאָטאָ־אפאראט, באלאסט אונ א קורצכוואליקע ראדיאָ־איינשטעלונג, וואָס איז באשטאנענ פונ צוועלף טרוקענע אנאָדנ־באטארייענ, פונ זיי אכט שטיק אפ שפייזנ די סטאנציע מיט עלעקטראָענערגיע אונ פיר — אינ רעזערוו. אפנ פאל, אויב די אעראָנאווטנ זעצנ זיכ ארויס אינ אנ אומבאוווינט אָרט, איז צוגעגרייט געוואָרנ א מאסט־שטעקנ מיט אנ אנטענע, וועלכע מע האָט געקאָנט פאר דער קירצסטער צייט איינשטעלנ.

קיינ איינ ליידיק שטיקעלע אָרט איז ניט פארבליבנ. ס'איז אויסגעקומענ פאָרזיכטיק שטעלנ די פיס, מאכנ געציילטע טריט, קעדיי ניט פארטשעפענ זיכ אָנ א באטאריי אָדער אָנ וועלכנ־עס־איז אפאראט.

אונ צווישנ אלעם דעם זיינענ געזעסנ די דריי, פארזונקענ אינ ארבעט, מיט ספעציעלע שפאקולנ אפ די פילאָט־רויטע פענעמער. געזעסנ יעדערער בא זיינ אפאראטור אינ אָט דער דאָזיקער פאנטאסטישער שיפ, וואָס האָט זיכ אוועקגעלאָזט ארומוואנדלענ אינ רוים ניט נאָכנ פאבלהאפטנ בלויענ פויגל, נאָר צוליב קאָנקרעטע צילנ — באררייכערנ אכציק צווייגנ פונ דער דער פאָלקווירטשאפט אונ אינ פאל פונ נויט — שוצ פארנ לאנד.

בעלאָוו האָט געריבנ איינ האנט אָנ דער צווייטער אונ געפרוווט פארטיפנ זיכ אינ דעם שטראל־אויסמעסטער, נאָר איינ קוק אינ פענצטערל האָט אפ א ווייל אים אָפגעריסנ פונ זיינ ארבעט.

— אהער, אהער! — האָט ער א רופ געטאָנ מיטנ פינגער אונ געכאפט זיכ פאר זיינ פאָטאָ־אפאראט.

די ניט געוויינלעכע שטים בא בעלאָוון האָט געצוווּנגען ביידע — ראָלעג־קען און אָלעסינען — אָפּרײַסן זיך פון זייער ארבעט און אויסדרייען די קעפּ אין בעלאָווס זײַט. ער האָט מיט די אויגן אָנגעוויזן אפן ספּעציעלן פּאָטאָ־פענצטערל. דרײַ קעפּ האָבן זיך צוגעפּרעסט איינער צום צווייטן און זעקס אויפגעהייבענע אויגן האָבן געצילט אין איין פּונקט. פארן קליינעם פענצטערל האָבן זיך פאנאנדערגעוויקלט אומענדלעכע רוימען. די רוימען זײַנען געווען טונקל־בלוי, און ווײַט אפן קימאט שווארצן פאָן, האָבן טרוקן און אק־שאָנעסדיק געברענט געדיכט־אָנגעשאָטענע פּלאנעטעס. די געדיכטקײַט זייערע און זייער נאָענטקײַט האָט זיי נאָך מער אויסגעטיילט איינע פון דער צווייטער און שארפער געמאכט דעם אָפּגלאנץ, וואָס איז געווען בא יעדער איינציקער פּלאנעטע באזונדער.

דער באַלאָן האָט זיך אינגאנצן אויסגעפּורעמט, פארקײַלעכט. א זילבערנער, האָט ער געזוכט פארנעמען זײַן אָרט צווישן די פּלאנעטעס, וואָס רינגלען אים ארום.

ווען די פּליער האָבן זיך אָפּגעריסן איינער פון צווייטן, איז איין ראָלענקען געלונגען ארויסברענגען א וואָרט. שוין זיצנדיק בא דעם רודער, האָט ער געזאָגט:

— זע, פון דער פּלאנעטע ערד האָבן מיר פארגעסן זייער וויכטיקס מיטצונעמען...

— וואָס? — האָט יולי געפרעגט, רײַבנדיק די אויגן פון אָנשטרענגונג.

— א געניאלן קינסטלער... וואָס זאָל מײַסטערהאפט פארייביקן דאָס גרענעצלאָזע, וואָס טראָגט זיך ארום אונדז.

— אויב אזעלכער איז שוין דאָרט געבוירן געוואָרן, — האָט בעלאָוו א בורטשע געטאָן, ארײַנכאפּנדיק אין פאָטאָ־אפּאראט איין בילד נאָך דעם צווייטן.

— די סאבאקלען, וואָס מיר וועלן באקומען פון אונדזערע פּרוּוון, דארפן ריידן פארן געלערנטן, ווי פארן קינסטלער, פאר אונדז דרײַען און פארן גאנצן לאנד, וואָס שפּירט נאָך נאָך אונדזער יעדן ריר.

יולי האָט פארגלײַכט די אויספאָרשונגען, וואָס האָבן באוויזן אַ פאר־שיידענע הייכן דעם צוזאמענהאנג צווישן דער ארײַנדרינגונג־קראפט פון די קאָסמישע שטראלן און פון די ליכט־וויברירונגען. איין בליק האָט ער גע־וואָרפן אפן ווײַזערל פונעם אלטימעטער און אפן ווײַזערל פון זייגער. אכט און זעכציק מינוט האָבן זיי דרײַען אויסגענארט בא דער צײַט און אוועק־געשטעלט זיי גאנץ באזונדער. אין זייער צפּגעזונדערטקײַט האָבן די דאָזי־קע מינוטן זיך איבערגעגליט אין רוים און אויסגעלענגערט זיך אין נײַנצן טויזנט ווערטיקאל־אוועקגעשטעלטע מעטער.

ערגעץ ווו צופוסנס פון די נײַנצן טויזנט מעטער האָט ער איבערגעלאָזן א לעבן, א יוגנט, א קינדהײַט. און דאָ, אין דער ווײַטער הייך, ווו פּרוּוון, סאבאקלען, אויספאָרשונגען גיבן אין געציילטע מינוטן דאָס, וואָס אין נאָר־

מאַלע לאַבאָראַטאָרישע באַדינגונגען איז שווער אַרויסצובאַקומען אין מעשׂה פֿון צענדליקער יאָרן; ווי דאָס אַבסטראַקטע ווערט אין איין רגע קאָנ־קרעטע ווירקלעכקייט,—דאָ האָט דער דריי־און־צוואַנציק־יאָריקער יולי אַף זיך דערפֿילט באַאָרנטקייט פֿון אַ גאַנצן געלערנטן.

ראַלענקאָ, פֿון זיין זייט, האָט געשעפּט פֿון די זעלבע אוצרות, וואָס יולי. די באַהערשטע טעאָריעס און די רייכע פּראַקטיק פֿון זיין לעבן זיי־נען געווען אַ גוטער פֿונדאַמענט פֿאַר אַלעם נייעם, וואָס יעדע רגע איז אים דאָ צוגעקומען און פֿונדעסטוועגן איז די גאַנצע רייכע פּראַקטיק זיינע איצט געשטאַנען באַ אַ זייט, ווי אַ קינד, אין פֿאַרגלייך מיט זיינע נייע איינדרוקן.

ראַלענקאָ איז אויפֿגעשפּרונגען, געכאַפּט זיך פֿאַר די ראַדיאָ־רעדלעך. נאָר דאָס מאָל האָט ער גערעדט ניט וועגן דער הייך, וואָס עס באַווייזט דער אַלטימעטער, ניט וועגן לופֿטדרוק, וואָס האָט זיך שטאַרק פֿאַרקלענערט און דריקט זיך אויס אין אַ קליינער צאָל מילימעטער, ניט וועגן דער אוי־סערלעכער קעלט, ניט וועגן די לופֿט־פּראָבעס, וואָס זיי האָבן גענומען, ניט וועגן אַלע אַנדערע פֿילצאָליקע פּרוּוון, וואָס וועלן געוויס פֿאַרפֿולן אַ ווייסן בלאַט אין דער וויסנשאַפֿט,—דאָס מאָל האָט ער גערעדט אויסשליסלעך וועגן דעם, אַז זיי—דריי אַעראָנאַווטן, פּאָשעטע מענטשן, אַרבעטער, פֿריי־וויליקע רויטאַרמייער, דריי זין פֿון גרויסן באַפֿרייטן קלאַס, זיינען גרייט צו שטייגן העכער און העכער, אַריבער אַלע דערגרייכטע און נאָך ניט־דער־גרייכטע הייכן.

— גיב איבער,—האָט בעלאָוו געזאָגט,—דער וואָלקן, וואָס מיר האָבן אָנגענומען פֿאַר אַ ריס אין הילע, איז גאָר געווען דער איבעריקער גאַז, וואָס דער אויסגעפֿורעמטער באַלאָן האָט דורך דעם אַפּענדיקס אַרויסגעלאָזן.

— זייט רויִק, די שרעק האָבן מיר אויפֿגענומען, ווי ס'באַדאַרף צו זיין. איצט באַטראַכטן מיר רויִק דעם אַרום.

ראַלענקאָ האָט געוואָלט ענדיקן, נאָר יולי האָט ניט געלאָזן.

— כאָטש קאָמאַנדיר, דערציילט ווי איבער זיבעצן טויזנט מעטער האָט זיך פֿאַר אונדז געשפּרייט די ערד, ווי אַ גרויסער אומענדלעכער אָפּגרונט מיט אירע זומפּן, טייכן און יאַמען, וווהין עס האָט אונדז געדראָעט אַריינ־פֿאַלן מיט צעשפּליטערטע גלידער... נאָר דיין זיכערע קאָמאַנדע האָט פֿאַר־ניכטעט די געפֿאַר...

ראַלענקאָ האָט יוליִן פֿאַרמאַכט מיט דער האַנט דאָס מויל, ניט געלאָזן אים ווייטער ריידן.

די ראַדיאָ האָט אַזוי אויסגעצייכנט געאַרבעט, אַז יעדעס אָפּגעהאַקטע וואָרט, יעדער קלאַנג, יעדע שטים־וויברירונג איז געווען אַזוי דייטלעך, ווי מע רעדט מויל צו מויל.

דער אַלטימעטער האָט באַוויזן פֿולע צוואַנציק. אַף דער דאָזיקער הייך האָבן זיי באַשלאָסן אַראָפּוואַרפֿן הונדערט קילאָ באַלאַסט, קעדיי דערגרייכן

דעם נייטיקן גלײַכגעוויכט. דאָס האָט זיך זייער לײַכט אײַנגעגעבן. מיט דעם אליין האָבן זיי גלײַכצײַטיק דורכגעקאָנטראָלירט די פולקומקײַט פון דער פארוואלטונג מיט דער באלאסט־ווירטשאפט.

די הייך, וואָס זיי האָבן איצט דערגרייכט, האָט ארופגעוואָרפן אף יעדן פון זיי א פארפילפאכטע אכראַיעס. אַן ערנסטקײַט האָט ווי עלטער געמאכט זייערע פּנעמער, מיט שטרענגע געמאָסטענע באַוועגונגען האָבן זיי גענומען ארײַנכאפּן איין נײַעם פּרווו נאָכן צווייטן.

בעלאָוו איז געשטאַנען מיט זײַן אַערא־פּאָטאָ באַם פענצטערל, דער סטראַטאָסטאַט האָט זיך געדרייט אף איין און דעם זעלבן אָרט ארום און ארום זײַן אַקס און דעריבער איז דער מעטאַל פון דער גאָנדאָלע גע־ווען אָנגעוואַרעמט אזוי, אז דער פראָסט אף די פענצטערלעך איז צעגאַנגען.

ראָלענקאָ האָט עפּעס ארײַנגעשריבן אינעם באָרט־זשורנאַל. די גרעסטע אופמערקזאַמקײַט האָט ער איצט אָפּגעגעבן צו באַשטימען גיך און פּינקט־לעך די הייך, דעם לופט־דרוק, די טעמפּעראַטור אינווייניק אין דער גאָנ־דאָלע און די גיכקײַט, מיט וועלכער עס גייט דער סטראַטאָסטאַט ארוף און אראָפּ. ער איז געווען העכסט אומצופרידן מיט דעם, וואָס דער באַלאָן טראָגט זיך און בײַט צו שנעל איין גיכקײַט אף דער צווייטער. ער האָט אופגענומען א נײַע ראַדיאָ־מיטיילונג פון דער ערד. די קלאַנגען, וואָס זײַ־נען ארופגעקומען פון רעפּראָדוקטער, זײַנען געווען עטוואָס פארטויבטע, ווײַזט אויס, דאָס איז געקומען מיט דער וואַקסנדיקער הייך.

ראָלענקאָ האָט אראָפּגענומען די אויערן־רערלעך און געזאָגט:

— דאָס צווייטע מאָל, ווען מיר וועלן זיך דערקלײַבן ביז פופציק קי־לאָמעטער די הייך, וועט אויסקומען באַניצן זיך מיט דער שפּראַך פון די טויב־שטומע. אין דער אזויגערופענער „שווײַגזאָנע“ גייט דאָך פארלוירן יע־דער קלאַנג. און ראַדיאָ וועט אויסקומען אומבײַטן אף טעלעגראַף.

— אומזיסט מיינסטו אזוי, — האָט יולי זיך אָפּגערופן, — נאָך אין 1878 יאָר האָט באַלפור סטוארט ארויסגעזאָגט זיך, אז אין די הויכע אַט־מאָספער־שיכטן איז די לופט א סאַך מאָל מער עלעקטרע־דורכפירבאר, ווי בא דער ערד, דאָס איז באַשטעטיקט געוואָרן אין צוואַנציק יאָר ארום אדאַנק דער אַנטדעקונג פון די ראַדיאָ־כוואַליעס, ניט באַשטעטיקט, נאָר פונ־ס׳נײַ אַנטוויקלט געוואָרן. אפילע נאָך הײַנט צו טאָג איז ווייניק ווער עס ווייסט, אז אונדזערע פאָרשטעלונגען וועגן דער סטראַטאָספער דרינגען ארויס פון דער לערע וועגן ערד־מאַגנעטיזם.

יולי האָט פאָרגעזעצט זײַנע באַאָבאַכטונגען. באַם אויספּאָרשן די קאָס־מישע שטראַלן, האָט ער צווישן אַנדערע זיך אויך באַניצט מיט אלעקסאנדער וואָלטס עלעקטראָסקאָפּ: אַפן סאָפּ פון א לאַנגן עלעקטרע־דורכפירער זײַנען געווען אָנגעהאַנגען צוויי דינינקע גאָלדענע בלעטלעך, אָנגעשטעקטע מיט פּאָזיטיווער און נעגאַטיווער עלעקטראָענערגיע, קעדיי די בלעטלעך זאָלן זיך פאַנאַנדערגייַן. וואָס העכער אלץ שנעלער האָבן די בלעטלעך אָנגעהויבן

ציִען זיך איינע צום צווייטנ. די אָנגעעלעקטריזירטע לופט־מאָלעקולנ — יאָנעס — האָבנ געווירקט אפנ עלעקטרע־דורכפירער און אים אלצ מער נייטראַליזירט.

די קאָסמישע שטראַלנ בא דער סאמע ערד גיבנ אינ איינ סעקונדע ניט מער, ווי 1—2 פּאָר יאָנעס אפ יעדנ קובישנ סאנטימעטער לופט, און אפ דער הייכ פונ 17.000 מעטער—3,60 יאָנעס.

יולי האָט געשטרעבט אופצוהייבנ זיכ אפ אזא הייכ, ווו ביידע בלעשעלעכ וועלנ זיכ אָנקלעפּנ איינס אָנ צווייטנ.

אפ צו באשטימענ די אינטענסיווקייט פונ די קאָסמישע שטראַלנ האָט ער באניצט נאָכ צוויי עלעקטראָמעטערס. איינער פונ די צוויי איז געווענ אָנ א ספעציעלנ צודעק. און דער צווייטער איז געזעסנ אינ א פּעלצ, וואָס איז געווענ אָנגעפּילט מיט קליינע בלייענע שרויטנ, ווייל בליי לאָזט ניט דורכ קיינ שום אנדערע אויסשטראַלונגענ, כוץ די קאָסמישע שטראַלנ.

שטארק פּארנומענע, האָבנ אלע דריי דאָכ אָנגעהויבנ באמערקנ א קליינע ענדערונג אינעם אָטעמ. דער אָטעמ האָט זיכ פּארהאַלטנ, געשטאָפּט, געוואָרגנ, ווי בא א מענטשנ, וואָס ליידט פונ אסטמע. בעלאָוו האָט גיכ איינגעשלאָסנ די פּאטראָנעס צו איינזויגנ דעמ שעדלעכנ קוילנזויער, אופגעפּנט דעמ באלאָנ מיט זויערשטאָפ.

יולי האָט פריי אָפּגעאָטעמט.

— באלד גאָכדעמ ווי מיר וועלנ דערגרייכנ דריי און צוואנציק קילאָמעטער, וועט דאָס זיינ צוויי מאָל העכער פונ די דייטשישע געלערנטע בערסאָנ און דארינג — די ערשטע, וואָס האָבנ געוואגט מיט דריי אינ דרייסיק יאָר צוריק לאָזנ זיכ אינ דער סטראַטאָספער.

— פונ וואנענ אזא שפּרונג אפ גאנצע דריי צענדליק יאָר צוריק.

— א מאָדנע זאכ, — האָט א שמייכל געטאָנ ראָלענקאָ, — סטראַטאָספער האָט ריידעוודיק געמאכט אפילע דיכ.

ראָלענקאָ האָט דער ערשטער זיכ געכאפּט, אז צו לאנג שטייענ זיי אפ דער הייכ פונ צוואנציק קילאָמעטער. ער האָט באפוילנ:

— ווארפנ דעמ באלאסט.

בעלאָוו נעמט זיכ פּארנ רודער־ראָד. דער רודער־ראָד מאכט א האלבנ קריי און עס איז צו הערנ, ווי עס טשעפּעט זיכ אָפּ איינ זעקל באלאסט. דער ראָד מאכט א קרייז רונד ארומ און ס'פּאלט א זאק נאָכ א זאק.

דער סטראַטאָסטאט האָט גלייכ דערפילט זיינ לייכטקייט און האָט זיכ א ריס געטאָנ.

א שטילקייט, ווי א פערטער שוויגער, האָט זיכ באזעצט אינ קאבינע. די זשומעריי פונ דער אפּאראַטור אפ רייניקנ די לופט האָט זיכ פּארוואנדלט אינ א קוימ דערהערבארנ כאָר פונ ערדישע קלאנגענ. זיי האָבנ געשטראָמט, די קלאנגענ, ווי פונ אנ אָפּגרונט, געשטראָמט מיט יענער פולקייט, וואָס קענ לאנג ניט דויערנ.

די שטימונג איז געווען אן אָנגעשטרענגטע און א פֿײַערלעכע, ווען עס האָט זיך באַקומען א נײַע ראַדיאָגראַמע. געענטפֿערט האָט די ערד:

— מיר גרייטן א באַגעגעניש. יעדעס וואָרט פֿון אײַערע מיטיילונגען נעמט אויף דאָס גאַנצע לאַנד מיט פֿאַרכאַפּטן אָטעם. די לעצטע אײַערע מיטיי-לונגען זײַנען ניט גענוג קלאָר, מיר ווייסן ניט, ווו באַגעגענען...

די שטים אין ראַדיאָ בײַט זיך:

— איר האָט ווײַט איבערגעשטיגן אַלע דערגרייכטע און אָנגעמערקטע גרענעצן. רום אײַך! מיר קוקן אויס אַף אײַערע ראַדיאָגראַמעס. מיר דער-וואַרטן אײַך מיט פֿאַנאַנדערגעשפּרייטע אָרעמס... דער פֿראָסט שטאַרקט זיך... פֿאָרזיכטיק מיטן אַראָפּלאָז.

די ראַדיאָ האָט דאָס מאָל פֿאַר אַלעמען געווירקט אַף ראָלענקען.

— א באַראָמעטער! איין סעקונדע. איך לייג פֿאָר — ענדפּונקט — 22 טויזנט... אָנגענומען!..

— וואַרפֿן די לעצטע דאָזע באַלאַסט.

און ראָלענקאָ שפּירט נאָך דורך דער פּעריסקאָפּישער רער, ווי א זעקל נאָך א זעקל באַלאַסט פֿאַלט אַרײַן אין לופֿט־געווירבל, קוליעט זיך איבער, און גליטשט זיך אַלץ נידעריקער ביז עס פֿאַרשווינדט.

די הילע פֿונעם סטראַטאָסטאַט איז ווידער יונג און פֿול געוואָרן, זיך אָנגעגאָסן מיט שײַן, און אַוועק אין לעצטן פֿרייַלעכן טאַנץ, ווי זי זאָל וויסן, אַז אין עטלעכע שעה אַרום רוקט זיך אָן איר עלטער און זי וועט זיך אויסציִען, מאָגערער און לענגער ווערן, פֿאַרלירן אַלץ מער אָטעם, ביז אַף דער ערד וועט שלאָגן איר לעצטע שעה.

ראָלענקאָ האָט שטיל באַטראַכט זײַנע יינגערע כאַווײרים. אין אים האָט א רייד געטאָן דער באַוווסטזײַן פֿון אַן „עלטסטן“. אייגנטלעך הענגט פֿון אים אַליין אָפּ ברענגען זיי אַף א צווייט מאָל העכערער הייך, ווי די, אַף וועלכער זיי געפֿינען זיך איצטער.

דער סטראַטאָסטאַט איז געשטאַנען אַף דער אָנגעמערקטער הייך, אַף קיין איין מעטער ניט נידעריקער און האָט זיך דאָ אַרומגעוויגט שפּילעוודיק און זאָרגלאָז. ראָלענקאָ האָט זיך א שטעל געטאָן אין זײַן גאַנצער גרייס. וואָס נאָך האָט ער געקאָנט מאָנען פֿון זיך, אין דער מינוט?

אַזעלכע מינוטן שטעלן זיך אַוועק אין דער געשיכטע און נאָך זיי ציילט מען דעם אויפֿשטײַג פֿון דער מענטשהײַט.

אַזעלכע מינוטן בלײַבן הענגען איבערן קרעמל און פֿאַרשטאַרקן זײַן שײַן אין דער גאַנצער אַרומיקער וועלט.

ראָלענקען האָט זיך פֿאַרוואָלט אַראָפּשפּרינגען אַף דער ערד און מעלדן: צוויי און צוואַנציק טויזנט מעטער הייך פֿאַראַן! אונדזערס!

דער באַלאָן וויגט זיך אַרום אַף איין אָרט. די אַעראָנאַווטן האָבן זיך אויפֿגעשטעלט, ווי מענטשן, וואָס קומען נאָך א לאַנגער נעסיִע צום גע-ווינטשענעם ציל.

בעלאָוו האָט געמאַכט א ברייטן שפּאַן צום שלופֿ־לאַך, אופגעהויבן דעם רעכטן פוס, ווי ער זאָל זיך קלײַבן אריבערשפרינגען דעם פאַרכאַס־מעטן ארויסגאַנג.

ראָלענקאָ האָט גענומען דאָס ראַדיאָ־טרײַבל אין די הענט און אומדער־וואַרט פאַר זיך אליין געמאָלדן אזוי, ווי ניט אים זאָל דאָס אָנגיין:

— די טעמפּעראַטור אין גאָנדאָלע—25, דער מיקראָבאַראָמעטער — 36, דער באַראָמעטער — 45, די הייך לויטן אַלטימעטער — פולע 22.000.

בעלאָוונ האָט פאַרוואונדערט ראָלענקאָס קאַלטער ראַפּאָרט.

— וואָס פאַר א טאָג? פונוואַנען אזא פרעמדע שטים?

ער האָט געוואָרפן א בליק אף ראָלענקאָ, קעדיי זיך איבערצײַגן, צי דאָס איז דער זעלבער.

„ער איז שוין ניטאָ, ער שטייט שוין צווישן דעם 180־מיליאָניקן פאָלק. נו, נו, צוגעײַלט זיך"...

און בעלאָוונ האָט אָנגעהויבן פאַרדריסן אף ראָלענקאָ.

ער האָט קאַלטבלוטיק ארויסגענומען פון שפּײַז־קעסטל א גרויסע פּליטקע שאָקאָלאַד, עטלעכע עפּל, פון דער וואַרעמער טערמאָס־פלאַש האָט ער דערלאַנגט ראָלענקאָ א גלאָז מילך.

— טרינק פאַר אונדזער געזונט.

און אליין האָט ער מיט א באַזונדער טײַנע אײַנגעביסן די ציין אין א זאַפטיקן גרויסן עפּל.

אויך אליעסין האָט גענומען א פּליטקע שאָקאָלאַד.

ווען ער האָט געשלונגען צו קלײנינקע שטיקלעך שאָקאָלאַד, האָט ער אפילע פאַרגעסן אָן אַליען און אָן דעם, וואָס ער האָט באַם געזעגענען איר צוגעזאָגט.

אין איין אויגנבליק זײַנען זיי שוין אלע דרײַ צוריק געווען פאַר־טאָן אין זייער ארבעט.

אף דער דערגרייכטער הייך, ווו די אעראָנאַווטן האָבן זיך איצטער געפונען, האָבן די קאָסמישע שטראַלן געדאַרפט זאָגן דאָס אנטשיידענע און קלאָרסטע וואָרט פאַר יוליס נײַע טעאָריעס.

די קאַבינע מיט דער אינטענסיווער ארבעט, וואָס איז אין איר אָנגע־גאַנגען, האָט איצט דערמאָנט א פאַשעטן וואַרשטאַט, אין דער לעצטער שאָ פאַרן פאַרענדיקן דעם יערלעכן פּלאַן.

אף פאַרשיידענע הייכן האָבן זיי אומצאָליקע מאָל דורכגעמאַכט איינע און די זעלבע ארבעט מיט די זעלבע באַוועגונגען. נאָר אלץ שנעלער, אלץ זיכערער און פּינקטלעכער.

ראָלענקאָ האָט איבערגעלאָזן דעם באָרט־זשורנאַל, ווו ער האָט גענוי פאַרשריבן, וויאַזוי ער האָט געפירט דעם סטראַטאָסטאַט, ווי די מעכאַניזמען האָבן רעאַגירט אף זײַנע באַפעלן, ווי אלע אַפּאַראַטן אין קאַבינע האָבן זיך אופגעפירט. נײַע, ערשט דורכגעמאַכטע פּרוּוון, האָט ער דורך קורצע פאַרנאָ־

טירונגען פארוואנדלט אין א געזעץ פאר די קומענדיקע פליִער אין דער סטראטאָספער.

ער האָט אָפּגעלייגט דעם באָרט־זשורנאַל און האָט גענומען נאָכפאָרשן נאָך די פּרוּוון איבער דער לופט אין דרויסן און אויך אינווייניק אין קאבינע.

בעלאָוו האָט געסאָפּעט באם פּאָטאָ, אריינגעכאפּט די אופגעשטעלטע איינער אפּן צווייטן לופט־קוואדראטן, וואָס זיינען געהאנגען ארום און ארום — געל־בלאסע פּיראמידן. דריי פּאָר אויגן, זעקס הענט האָבן זיך ענערגיש געפּאָרעט, אויסגערעכנט, געסאכאקלט, געצייכנט דיאגראמעס, טאבע־לעס — געשאפן פאָרמולעס, פארלייגט נייע פונדאמענטן פאר דער וויסנ־שאפט.

די סטראטאָספער מוז דינען די קולטורעלע און מאטעריעלע נייטן פון דער מענטשהייט. מיט פארכאפּטן אָטעם האָבן זיי זיך געפּלייסט וואָס טיפער ארייננדרינגען אין אירע אייגנארטיקע באדינגונגען, פעסטשטעלן אירע געזעצן, באשטימען אירע קויכעס.

זיי האָבן גענומען דורכקאָנטראָלירן פון אויבן ביז אונטן די גאָנדאָלע, דעם קלאפּן, דעם שטורוואַל — אַלץ איז געווען אין פולקומער אָרדענונג. דער לופט-דרוק אין קאבינע איז אויסגעוואקסן אף 11 מילימעטער און איבער דעם האָט אופגעהערט ארבעטן דער אוטאָמאט פאר זויערשטאָף. זיי האָבן פלינק אופגעעפנט דעם קראַן און ארויסגעלאָזט די איבעריקע לופט. די טעמפּעראטור איז אויסגעוואקסן ביז $+30°$. זיי האָבן אראָפּ־געוואָרפן פון זיך די אויבערשטע קליידער. איצטער קאָנען זיי שוין אראָפּ-לאָזן זיך אָן יעדער שטערונג (וואָס אמבאלאנגט דער גאָנדאָלע אליין). א געלבלעכע בלאסקייט האָט באדעקט די דריי פּענעמער, ווי אן עלעקט־רישער שטראָם וואָלט דורכ פון איינעם צום צווייטן. זיי האָבן צום לעצטן מאָל שווייגנדיק באקוקט די רוימען, די אייביקייט, דעם שטומען קאָסמאָס.

דער באלאָן האָט א שווים געטאָן אף איינ מעטער אין דער נידער. ראָלענקאָ האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן צום אונטערשטן פענצטערל. אונטער זיינע פיס זיינען טונקל-בלויע וואָלקנס — ווייכע און פּוכיקע, געווען אָנגעוואָרפן איינער אפּן צווייטן. אין סאמע מיט, דורך א העלן וואָלקן, האָט ער דערזען קאָנטורן פון א קליינעם ברונעם, דער ברונעם האָט גע־ווונקען, געלאָקט, געצויגן אין דער נידער. פון דאָרטן האָט זיך געטראָגן רויך פון זאוואָדישע קוימענס, וועלכער איז באלד פארמעקט געוואָרן, ווי א מיראזש אין אן אָנגעגליטער וויסטעניש.

— צו דער ערד!

ראָלענקאָ האָט זיך אופגעשטעלט, ארומגעכאפּט מיטן אויג די גאנצע קאבינע און מיט די הענט ארומגעאָרעמט פריִער אליעסינען, דערנאָך בעלאָוון.

ער האָט זיך גענומען פארן רודער. די הילע האָט זיך אומבאמערק-

באַר פאַרשמעלערט, אײַנגעשרומפּט די זײַטנ אונ געטראָגנ אַראָפּצו אינ דער נידער דאָס פולע שטיבעלע לײַכט אונ גלײַכמעסיק.

בעלאָוו האָט רעגולירט דעמ אַרויסלאָז פונ גאַז. דער סטראַטאָסטאַט איז שוינ געשוואומענ צווישנ דער גרענעצ פונ סטראַטאָספער אונ טראָפּאָספער. דאָ האָט ראָלענקאָ אַפּ א סעקונדע א וואָרפ געטאָנ זיכ אַפּנ אָנלענ פונ בענקל. פאַרלייגט א האַנט אַפּ א האַנט אונ א זאָג געטאָנ:

— נו, איצט, דאַכט זיכ, זײַנענ מיר אינ דער היימ. אַפילע אָנ פיס וועט ער גיינ...

די ראַדיאָ פונ ביידע פונקטנ — פונ ערד אונ לופט — האָט אויסגעצייכנט געאַרבעט. יופי איז געזעסנ אַפּ זײַנ בענקל. ער האָט געפילט, ווי עס טראָגט אימ מיט יעדער מינוט אַפּ 200 מעטער נענטער צו דער ערד. פונ איינ באַוווסטזײַנ, אַז באַלד וועט מענ קענענ אופעפענענ דעמ שלוס-לאָכ, דורכ־וואַנענ עס וועט זיכ אַרײַנרײַסנ אײַנמאַכע לופט אונ א פראָסטיקער ווינט וועט א ברי טאָנ דאָס פּנימ, בלויז פונ דעמ באַוווסטזײַנ האָט דער אָטעמ זיכ דערפילט פרײַ אונ פריידיק. יופי האָט געקוקט אַפּ בעלאָוונ, וואָס זײַנ שווײַגנ איז געוואַקסנ מיט דער נאָענטקײַט פונ דער ערד, אַפּ ראָ־לענקענ, וועלכער איז געזעסנ בא דעמ רודער מיטנ קאָמפּאַס פאַר די אויגנ אונ לײַכט אונ פרײַ דורכגעפירט דעמ אַראָפּלאָז.

דער באַלאָנ האָט זיכ צוגערוקט צו דער לעוואָנע, זי האָט געלויכטנ אינ די פענצטערלעכ. פונ איר נאָענטקײַט האָט געשווינדלט אינ די אויגנ. די לעוואָנע האָט זיכ ברייט צעעפנט אונ פאַר יוליס אויגנ האָט זיכ באַ־וויזנ אַנ ענגער אָלקער. דאָרטנ איז אַרומגעפאָרנ א לאַנגער צוג, געמאַכט פונ ליידיקע שוועבל-קעסטלעכ. דער צוג האָט געפירט א מענגע פאַסאַזשירנ: שמאַטאָווע ליאַלקעס, פאַפירענע הינטלעכ, בערנ אונ צווישנ זיי זײַנ איינ־ציק, זײַנ סאַמע באַליבט שפּילעכל — די ווײַסע קאַרטאָנענע ציג; זי איז געזעסנ אינ שפּיצ, זי איז געווענ דער מאַשיניסט.

דער צוג איז געפלויגנ, יוליק א צעהיצטער נאָכ אימ פאָרויס. אונ ט—ר—א—כ!

דער מאַשיניסט איז געלעגנ אַפּ דער ערד.

— מאַ — מע!

די לעוואָנע האָט באַוויזנ א בלאַס איבערגעשראָקנ טרויער־פּנימ.

דער באַלאָנ האָט א ווײַטנ טויכ געטאָנ, ווי אַנ אונטערוואַסער-שיפל אַפּנ סאַמע דעק. א פרעמדע שלעפקראַפט האָט א ריס געטאָנ זייער היימ. ראָלענקעס הענט בא דעמ רודער זײַנענ געבליבנ אָנ אָנשפּאַר. בא בעלאָוונ איז אַרויסגעפאַלנ דער פּאָטאָ-אַפּאַראַט אונ יוליקנ האָט א נײַער שטויס א פײַג געטאָנ מיטנ פּנימ צו דער באַטאַריי.

אײַז-שטרעמונגענ האָבנ געווירבלט אונ געשלעפּט די קאַבינע. אויס קאָמפּאַס, אויס קאַרטע, אויס געניטקײַט — אָנגעשווומענע מילכ־בערג. זיי האָבנ בלינד געמאַכט די רוימענ, פאַרקלעפּט מיט שווערע ווײַסע בעלמעס

די פענצטערלעך פון קאבינע. בעלאָו, וועלכער האָט דעם שוואכסטן שטויס באַקומען, האָט דער ערשטער זיך א צי געטאָן צו דער דינאמאָ-מאשין. די פינצטערע קאבינע איז באלויכטן געוואָרן. ראָלענקאָ איז האלב געלעגן, האלב געזעסן. די אָפּגעכאַלעשטע הענט זיינען געלעגן אָנמעכטיק, ווי אָפּגעזונדערטע פון אים. בעלאָוו האָט געהאָלפן אלעסינען אויפהייבן זיך. יענער איז פלינק אויפגעשפּרונגען און גענומען צוגרייטן די צעבראָכענע אפּאראטור. באַם אָנבייגן זיך האָט ער דערפילט א ווייטעק, ווי א שניט קווער איבער דער פּלייצע, נאָר ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט, ער האָט געארבעט אַף די קני. בעלאָוו האָט אים געהאָלפן, זיי האָבן געפּאַקוועט דאָס ווערט-פולסטע פון דער אפּאראטור, די דיאגראמען, די טאבעלן. די קאבינע האָט זיך געדרייט און געוואָרפן. ס'איז אויסגעקומען קימאט אַפן קאָפּ שטיין. דער סטראטאָסטאט האָט ווידער באַקומען א העפטיקן שטויס. בעלאָוו האָט איין פּאראשיוט ארויסגעוואָרפן אַף יולין און געצוווּנגען אים פּאַרענדיקן. יולי האָט פּאַרנאָטירט אין בלאָק-נאָט עטלעכע ציפערן, וואָס ער האָט אָקאָרשט אראָפּגענומען פון עלעקטראָסקאָפּ.

דעם צווייטן פּאראשיוט האָט בעלאָוו אָנגעהויבן אָנטאָן אַף ראָלענקען און גענומען גלייך זיך אליין אָנגורטן. א שאָס פון טויזנטער קאַנאָנען האָט אויפגעריסן די הילע. אין איין רגע זי צעשמעטערט. די באַזיל-בערנע שטיקער האָבן זיך אָנגעבלאָזן מיט ווינטן, ווי זעגל אַפן צעבושע-וועטן יאַם. די ערד האָט זיך באַדעקט מיט שוים און אנטרונען, ווי זי וואָלט קיינמאָל ניט עקזיסטירט.

א צעשפּאָלטענע גאָנדאָלע מיט אן אָפּגעריסענעם שלוס-לאָך האָט זיך געוואַלגערט איינגעגראָבן אין שניי אַף דער פאַרפרוירענער ערד.

דער גרעסטער טייל אפּאראטור, די וויסנשאַפטלעכע ציינגער פון דער דורכגעמאכטער ארבעט, די פאַרצייכענונגען — דער באָרט-זשורנאַל — מאַפּעס און דיאגראמען, דאָס אַלץ האָט מען געפונען אין פולער אָרדענונג.

ב. מילער

גאָלד

(דערציילונג)

ד. בערגעלסאָנענ

1

שוינ דער דריטער טאָג, אז דאָבע „די דארע" איז ניט ארויסגעטראָטנ פונ איר שטוב, ניט ארויסגערוקט איר גראָוונ קאָפּ אפ יענער זײַט שוועל.

די שרעק, אז מע וועט בא איר זוכנ דאָס גאָלד, די שרעק, אז מע וועט זי באגאנוועגנ, איז אינ איר געוואקסנ פונ טאָג צו טאָג. די לעצטע צײַט איז די שרעק פונ דאָבענ ניט אָפּגעטראָטנ אפ איינ מינוט, געשטאנענ בא איר אָט צוקאָפּנס, אָט צופוסנס, אָט האָט זי בא איר א סקריפּע געטאָנ מיט דער טיר, אָט א שורעווע געטאָנ בא דער סטריכע, אָט א בלאָז געטאָנ מיטנ ווינט אינ א לאָדנ... ווי עפּעס לעבעדיקס איז די שרעק געפלאָסנ מיטנ וועג פונעם לעצטנ הויפ אינ שטעטל ביז צום ערשטנ שטיבל אינ דאָרפ אונ האָט זיך אומגעקערט צו דאָבעס ווינונג אינמיטנ שליאך.

איצט איז דאָבע געזעסנ צונויפגעשרומפּענערהייט אינ טונקעלנ ווינקל אפנ הויכנ קאלטנ אויוונ. ארום איר האָבנ געטשאדעט רייכעס פונ אלטע טשאָלנט־טעפּ. עס האָט געשמעקט מיט איבערבלײַבעכצ פונ געסמאליעטער הונ, מיטנ רייעך פונ דער שטײַג אונ פונעם אלטנ אינדיק, וואָס האָט איינ־אליינ שוואכערהייט אינ שטײַג געדרעלמט. דאָבע האָט געהאלטנ אינ מויל א שטיקל מעליקע קאראמעלקע, עס פארדעקט מיט דער צונג, ס'זאָל זיך פאמעלעכער צעגיינ אונ געטרונקענ קילע ביטערע ציקאָריע פונ א שווארצנ גופּל. מיט דארע אלט־אויסגעקרומטע בלאסע פינגער האָט זי געטוליעט צו זי נאסע גראָב־אראָפּגעהאנגענע ליפּנ דעמ אָנגעשטשערבעטנ ראנד פונעמ טעפּל. אירע אויגנ — שווארצע גרויסע אונ טרערנדיקע — האָבנ פונ מאָל צו מאָל געוואָרפנ א בליק דורכ דער האלב־אָפענער טיר צום פּאָדערהײַזל. דאָרט, פארשפּארט איינ־אליינ אינ שטײַג, האָט מיט האלב־פארשמאכטע אויגנ פונ א שוואכנ זאָקנ, האלב זיצנדיק געדרעמלט דער אינדיק, געדרעמלט גרינג, גרייט אינ יעדער רעגע עפענענ שמאָלע שפּעלטיקלעך אונ א קוק טאָנ, וואָס טוט זיך ארומ אימ אפ דער וועלט. פונ זײַנ גאנצנ געוואָזענעמ גלאנצ, וואָס ער האָט געהאט, ווענ דאָבע האָט אימ מיט דרײַ יאָר גורִיער געבראכט פונ מארק אהער אינ שטײַג, זײַנענ אימ שוינ געבליבנ ניט מער ווי אנ אָפּגעבליאקעוועטע שווארצקײַט, איינציקע פעדערנ, וואָס זיבנ נאָר אָפּ פונ אמאָל מיט גרינעמ אונ זײַנענ בא די ברעגנ גראָב

פארשאָטנ מיט טונקעלע ארבעסלעכ. די בײַטש רויטע קארעלנ, וואָס איז אימ ארָאפּגעהאנגענ פונ האלדז, איז פונ טאָג צו טאָג געװאָרנ אלץ בלאַסער אונ בלאסער.

איצט האָט זיכ דאָבענ געדוכט, אז אויכ דער אינדיק לעבט איבער עפּעס א שרעק. פונ מאָל צו מאָל האָט ער שוואכערהייט זיכ אופגעשטעלט אפ די מאָגערע שמוציקע פיס, דורכויס אינ שפּעלטעלעכ, געראָטנ אינ ליסקע פונ א טויטנ פיש, זיכ פאמעלעכ אויסגעגלײַכט, אויסגעצויגנ, שוואכ א גראבל געטאָנ דאָס פארהארטעוועטע קויט אינ שטײַג אונ, ווי אינ די אמאָליקע גוטע יאָרנ, געפּרוווט אויסשרײַענ:

— האָלדר — האָלדר!..

זײַנ פלוצעמדיקער געשריי האָט געצווונגענ דאָבענ זיכ אײַנהערנ איבעם ווינט, וואָס האָט געבלאָזנ אינ קוימענ אונ האָט גערוקט דאָס אויוונטירל.

— וואָס כאפּט אימ דער רועכ דאָרט? — האָט דאָבע א בורטשע געטאָנ וועגנ אינדיק, זיכ אראָפּגעבויגנ צו אימ פונעמ אויוונ אזוי, אז די לאנגע גראָווע האָר זײַנענ איר ארויסגעפאלנ פונ אונטערנ קאָפּ־טיכל אונ שיר נימ א קער געטאָנ דאָס אש פונעמ פּריפּעטשיק.

— האָלדר — האָלדר...—האָט דער אינדיק זיכ ווידעראמאָל געפּרוווט א גאָרגל טאָג.

דאָבע האָט אוועקגעשטעלט דאָס טעפּל אָנ א זײַט אונ האָט עס פארדעקט מיט א שמאטע. פונ צווישנ עטלעכע פארבליבענע לאנג־ברוינע צײַנ האָט זי ארויסגענומענ די ניט־דערזויגענע קאראמעלקע, האָט זי אײַנגעוויקלט אינ א שטיקל פאפיר אונ פארוקט אינ פארטעכ. דערנאָכ איז זי פאמעלעכ אראָפּגעקראָכנ. זי האָט זיכ אָנגעהאלטנ באמ באלקנ, זיכ געהויקערט, געפלאָנטערט מיט די פיס אינעמ אלטנ קליידל, א קליידל דורכויס אינ לאטעס אונ איבער די לאטעס פארגלאנצט מיט הארטגעוואָרענעמ פעטס. באמ אראָפּשטעלנ א פוס פונעמ פּריפּעטשיק, האָט זי פארלאָרנ א שקראב. זי האָט געמאכט צוויי ציטערנדיקע שפּאנ איבערנ שמוציקנ דיל, ארויפגעצויגנ דעמ שקראב אונ האָט ארײַנגעשפּאנט אינ פאָדערהײַזל.

— האָלדר — האָלדר, — האָט דער אינדיק זיכ צוגעגרייט אינ שטײַג, ער האָט געמיינט, אז זי האָט אימ געבראכט עסנ. פונעמ אויבערשטנ שמאָלנ פענצטערל, וואָס איבער דער שטײַג, האָט זיכ געצויגנ א בלאסע שײַנ. די שײַנ האָט זיכ דורכגעריסנ דורכנ שפּינוועבס, דורכ די שמאָלע שײַבלעכ, פארפאלנ געוואָרנ דאָרט אינעמ טונקעלנ קאָרעטקעלע מיטנ אײַנגעשטאנענעמ ביסל וואסער.

דאָבע האָט אָנגעבויגנ דעמ קאָפּ אפ א זײַט, אונטערגעשפּארט מיט איר דארער האנט די אײַנגעפאלענע, אָפּגעצויגנ־צעקנייטשטע באק לעבנ דער האָריקער בראָדעווקע. זי האָט זיכ צעשאָקלט אונ האָט א זאָג געטאָנ:

— קרענק!... עס דעמ אייגענעמ קויט...

דער אינדיק הָאט צווישן די שטײַגברעטלעך ארויסגעקוקט צו דאָבען מיט א קײַלעכדיק אייגל. דעם קאָפּ האָט ער פונקט ווי דאָבע, אויך גע-האלטן אפ א זײַט: ער האָט געקוקט, אזויווי ער וואָלט זאָגן:

— ביידע מאטערן מיר זיך, וואָס וועט זײַן פון אונדז דער סאָף?..

א בארויקטע, האָט דאָבע געהאלטן שוין אינמיטן וועג צוריק צום אויוון, נאָר ניט באוויזן אהין דערגיין. די טיר, ניט געווינט, מע זאָל זי אָפּט עפענען, האָט פּלוצעם זיך צעיאָמערט מיט א קוויטשיקן ניגן, דערנאָך זיך גראָב צעסקריפּעט. דער אינדיק האָט זיך באנײַס דערשראָקן. דאָבע האָט א ציטער געטאָן:

— ווער איז?..

אין דער טיר האָט זיך ארײַנגעשטעפּט אן אלטער נידעריקער מענטש מיט א לאנגער געקרײַזלטער באָרד. מיט די שארפע אויגן פון אונטער אראָפּגעוואקסענע גראָבע ברעמען האָט ער א זוך געגעבן איבערן שטיבל. צווישן צוויי אופגעשויבערטע פּייעס האָט בא אים אפן שטערן איין ברעם אָנגעשפּארט אפ א פינגער העכער איידער די אנדערע.

— גוט-העלפּ אײַך — האָט ער א זאָג געטאָן מיט א שטארק אָנגעבראָכענער ווי צוגעשימלטער שטים. ווײַל איין ברעם איז בא אים געשטאנען העכער, האָט זיך אויסגעדוכט: בייס דאָס רעכטע אויג קוקט אין איין זײַט, זעט דערווײַל דאָס לינקע, וואָס אין צווייטן ווינקל טוט זיך — קיין זאך וועט זיך פון זײַן בליק ניט אויסבאהאלטן.

דאָבע האָט זיך אײַנגעשרומפּן. דאָס פארשמאָלצענע קליידל און די צע-ריסענע קאָפּטע מיט ארויסגעפאלענע פּיצלעך אונטערשלאק זײַנען אפ איר געהאנגען ווי אפ א שטעקל.

בא איר זײַנען געוואָרן צוגעגרייט די ווערטער:

— גייט אין אנדערע הײַזער... כ'האָב קיין נעדאָווע ניט... ס'טראָגט אײַך א כאָליערע...

— וואָס זשע, דאָבע, איר דערקענט גאָרניט? — האָט באליידיקט א ברום געטאָן דער ארײַנגעקומענער. פון אונטער דער נידעריקער ברעם האָט ער פארוואונדערט אָנגעשטעלט אפ איר דאָס אויג. דאָס אנדערע אויג האָט דער-ווײַל געקוקט אפן אינדיק.

— זע, לייוויי-הערש? — האָט דאָבע זיך א כאפּ געטאָן. זי האָט אים דערקענט. איר קאָל איז געבליבן קאלט און פרעמד.

— א גאסט... שוין לאנג ניט געזען...

א ווײַלע האָבן זיי פונדערווײַטנס געקוקט איינער אפן אנדערן — דאָבע אפ לייוויי-הערשן און לייוויי-הערש אפ דאָבען. דאָבע האָט געזאָגט:

— איר מיינט דאָך אוואדע צי האָב איך ניט עפּעס אפ צו שעכטן? ניין, ניטאָ שוין יענע יאָרן... אוועק...

— אוואדע ניט יענע יאָרן... ווער שעכטן, וואָס שעכטן?.. סײַדן אין היגן קאָלכאָז שעכטן די כאזיירים...

לייווי-הערש האָט אָפּגעזיפצט, האָט זיך פון אויבן אראָפּ א גלעט געטאָן די באָרד און אראָפּגעשטעלט צו זיי פּיס א פארדעקטן קאָשעק. לייווי-הערש האָט אויסגעוואַרט א מינוט, געמיינט, זי וועט אים זאָגן:

— קומט נעענטער!

נאָר דאָבע האָט געשוויגן: לעבן אוועקגעשטעלטן קאָשעק האָט לייווי-הערש א ביַיט געטאָן די פּיס אין די פארדאַרטע שטיוול און מיט א מאָך העכער א זאָג געטאָן:

— ווו זיַינען די יאָרן, דאָבע? ווו זיַינען די יאָרן, ווען איך פלעג בא איַיך קוילן די שיינע, פעטע הינער, די געשטאָפּטע געגדז אום אָסיען?..

פון אונטער דער הויכער לינקער ברעם האָט ער א וואָרף געטאָן א בליק אף דער שטיַיג. דער אינדיק, ווי פילנדיק, אז מע מיינט אים, האָט געוואָלט נאָכאמאָל זיך אָנרופן, נאָר קיין קויעך ניט געהאַט דערופ, זיך צוריק אוועקגעלייגט און צוגעמאכט די אויגן.

לייווי-הערש האָט געזאָגט:

— א שיינער ליַיט געוואָרן פון מיר, דאָבע?.. פון איַיך אויך... איך וועל איַיך זאָגן דעם עמעס: אמאָל האָט מען גערעדט וועגן איַיך אין שטעטל, אז איר זיַיט א שיינע. איינע קליינעקיַיט — „דאָבע די מאַנופאַקטורטשיכע"... א „קראַסאַוויצע" — אזוי פלעגט מען אף איַיך זאָגן... מיר איז, פארשטייט זיך, ניט אויסגעקומען דענסטמאָל אפילע אף איַיך געבן א קוק... נו יאָ, א שוויכעס... איצט, זע איך, זעט איר שוין אויס ניט אזוי וואַזשנע... אפּאָנעם, שוין ניט יענע יאָרן...

דאָבע האָט ניט ליב געהאַט מע זאָל איר דערמאָנען יענע יאָרן, זיך געהיט פון אלערליי מענטשן, וואָס געדענקען, אז זי איז געווען א נעגידעס אין שטעטל, געהאַט א שניט-קראָם, א באַקאַליי-קלייט און דאָס איינציקע איַינפאָרהויז.

איצטער האָט מען זי גערופן:

„דאָבע די דאַרע".

— איר טראָגט עפּעס אין קאָשעק? — האָט דאָבע געפרעגט.

לייווי-הערש האָט זיך ארומגעקוקט אף אלע זיַיטן:

— א פּאָרל גרעט מאדעפּאָלאַנעס... זיַידענע זאָקן, פּראָסטע אויך... א שטיקל געוואַנט... די קינדער זאָלן געזונט זיַין, שיקן מיר צו פון לענינגראַד. אף טאַלאָנעס קאָסט עס דאָרט ביליקער...

— לעבט איר זיך דורך, לייווי-הערש?.. פאָרט א מאַנספאַרשוין...

— איר מיינט, מע פארדינט עפּעס? מע האָט מוירע... פכע, ניט וואַזשנע...

די טיר האָט זיך ווידער צעיאָמערט, צעסקריפּעט. לייווי-הערש, וואָס האָט שוין געהאַלטן אין צעבינדן דעם קאָשעק, איז אופגעשפרונגען און האָט אים פארשטעלט מיט די פארדאַרטע שטיוול.

עס איז אריין דאָבעס מעזיניק, דער פיר־און־צוואנציק־יאָריקער, ייִסאָסכערס דער איינציקער זון, וואָס איז געבליבן מיט איר. בא דער שוועל האָט ער נידעריק אָנגעבויגן דעם גרויסן קאָפּ. אויסגעגלייכט די פּלייצעס און זיינע האָר האָבן אָנגעשפּארט באַם באַלקן. ער האָט אַ קוק געטאָן מיט אָפּלאַכנ-דיקע שווארצע אויגן און מיט אַ באַסאָווע שטים געזאָגט:

— זע, לייווי־הערש? טאַקע גוט, וואָס איר זייט דאָ.

— וואָס זשע? — לייווי-הערש האָט מיט אַ זייט זיך צוגערוקט צו דער טיר.

— אַנטלויפט ניט, רעב לייווי-הערש, וואַרט אַ ווײַליטשקע. דעם כאַלעפּ האָט איר?

— איז וואָס?

— איך מיין דעם גרויסן כאַלעפּ, ניט פאַר קיין טײַבעלעך...

— און אַז דעם גרויסן?

— וועט איר באַלד שעכטן דעם איפעש, דעם אינדיק.

דאָבע איז פארציטערט געוואָרן. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַף דער שטייג און האָט זי פארשטעלט מיט צענומענע הענט:

— קוילער!..

ייִסאָסכער האָט זיך בייז געמינעט אין פּאָנעם. אַ ווײַלע האָט ער נאָר געקוקט אַף איר און גאָרניט געזאָגט. מיטאַמאָל האָט ער צונויפגענומען די פויסטן. אַפן רויטן דערשוויצט געוואָרענעם שטערן איז אים אויפגעשפּרונגען אַ טונקל־בלאָווער אָדער, אַ צווייטער גראָבער אָדער האָט זיך ווי אַ שטריק אָנגעצויגן אַף זיין האַלדז און ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— איך וויל געלט, מאַמאַשע!..

דאָס פארפינעטע מויל מיט גרויסע ווײַסע ציין איז אים געבליבן פאַר־קרימט צעעפנט.

לייווי־הערש האָט זיך פארוקט אין אַ ווינקל בא דער טיר מיטן קאָ־שעק, געשטאַנען גרייט אוועקצוגיין.

דאָבע האָט אַ קוק געטאָן אין ייִסאָסכערס זייט מיט אַ שטעכיקן בליק. אַ זאָג געטאָן האָט זי ניט צו אים, נאָר צו לייווי־הערשן:

— אַ סאַך איז ער בא מיר?.. פריִער פלעגט ער זיך ארומשלייען אַף די גאַסן מיט גאַנאָווים, איצטער האָט ער אָנגעהויבן גליקלעך מאַכן דעם קאָלכאָז...

זי האָט זיך אויסגעדרייט צו ייִסאָסכערן:

— זיי גיבן דיר קאַרג?

אַף ייִסאָסכערס האַלדז האָט זיך נאָך מער אָנגעבלאָזן דער טונקעלער אָדער.

— זשאַלעוועסט פון טאָמעד אָן דעם גראָשן. באַהאַלסט אים, הא?..

— וואָן! — האָט דאָבע מיטאַמאָל אָנגעהויבן טרייסלען מיט דער האַנט.

פון ייִסאָסכערס מויל האָבן ווערטער געטומען פליִען, ווי קנאַקנדיקע פונקען פון אַ שײַטער:

— איך וועל דיר צענעמענ די שטוב, איך וועל דיך צעטראָגנ מיט די פּעדערנ... איפּעש! פוילסט מיטנ גאָלד...—ער האָט א זעצ געטאָנ מיטנ רויטנ אָדערדיקנ פויסט איבער דער שטײַג, וואָס איז העכער האלב געווענ פאַר־זונקענ אינ פארשטיינערטנ קויט:

— זאָל נעמענ אנ עק! אויס אינדיק אינ שטוב! וואָס איז ער דיר, דער אינדיק—א טאטע, צי א מאנ?.. ער זיצט בא דיר איבערנ בײַטל גאָלד... יאָ, מיר וועלנ נאָכ זעענ!..

— דאָס איז צו א מאמענ אזוי,—האָט דאָבע זיך אויסגעדרייט צו לייװי־הערשנ אונ א מאכ געטאָנ מיט דער האנט.

— א מאמע,—האָט יִסאָסכער געזאָגט,—א מאמע האָב איכ? האָסטו מיכ ניט שטענדיק געטריבנ פונ דער שטוב?.. יִסאָסכער האָט געװיזנ די פויסט פאר דאָבעס ציטערנדיקנ, צעקנייטשטנ פּאָנעם, איז ארויס אונ א קלאפּ געטאָנ נאָכ זיכ מיט דער טיר אזוי שטארק, אז דאָס קאָרעטקעלע בא דער שטײַג האָט זיכ אונטערגעהויבנ אונ איז צוריק געפאלנ געבויגע־נערהייט. דאָס ביסל וואסער האָט זיכ אויסגעגאָסנ אינ קויט ארײַנ.

דער אינדיק האָט זיכ א װײַלע געבלאָזנ א דערשראָקנ־שטייענדיקער, איז אנידערגעפאלנ אפ די בלאסלעכע קארעלנ אונ דערבײַ עפּעס מאָדנע, ווי ניט מיט זײַנ קאָל, א פּיפּס געטאָנ.

ווי דער אינדיק אינ שטײַג, האָט אינ ווינקל בא דער טיר, געציטערט לייװי־הערש.

דאָבע איז א מינוט געשטאנענ מיט צעשראָקענע אויגנ:

— איר האָט געהערט?..

לייװי־הערש האָט זיכ א וויש געטאָנ דעמ שוויים:

— איכ געדענק אימ נאָכ, ווענ ער איז אלט געווענ א יאָר דרײַצנ, כ'מיינ בייס איר האָט נאָכ געוווינט אינ שטעטל. קיינ גרויס נאכעס האָט איר אויכ דעמלט פונ אימ ניט געהאט...

— זעט איר דאָכ... קאָלזמאנ ער האָט נאָכ געהאט וואָס צו טראָגנ פונ דער שטוב, בינ איכ נאָכ געווענ א מאמע, אונ ער האָט נאָכ געקאָנט שארלאטאנעוענ... אונ איצטער...

—איכ הער שוינ,—האָט געזאָגט לייװי־הערש אונ זיכ געלאָזט גייג. דאָבע האָט אימ אָפּגעשטעלט, זיכ דערשראָקנ:

— וואָס האָט איר דענ געהערט, וואָס מיינט איר?

דערבײַ איז זי אימ פארגאנגענ דעמ וועג אונ מיט די אופגעהויבנ־פארזשמורעטע אויגנ אימ ארײַנגעקוקט אינ פּאָנעם.

— אלץ געהערט, וואָס ער האָט געזאָגט. וואָס זשע, איכ בינ כאָלילע טויב?

— איר וועט הערנ, וואָס ער זאָגט? מע וואָלט בענעמעס געקאָנט מיי־נענ, אז ס'האָט זיכ נאָכ פארוואלגערט בא מיר גאָלד... דער באָכער איז מעשוגע! ס'איז אוואדע אז אָכ אונ ווי דער מאמענ... איר זעט דענ ניט,

ער איז כאָסער-דייע... נא דיר גאָר גאָלד! ער ווייסט וואָס ער רעדט?.. א קלאָר קינד באגייט זיך אזוי מיט א מאמען, מיט א קראנקער?.. זאָגט שוין איר אליין, לייווי־הערש?..

זי האָט פארהייבן דאָס פארטעך צו די אויגן און איר פלייצע מיטן איינגעצויגענעם גראָווע קאָפּ האָט זיך אָנגעהויבן וואַרפן.

— ...מע געדענקט מיך נאָך אין שטעטל?—האָט זי אופגעהויבן דאָס פארוויינטע פּאָנעם.—מע רעדט נאָך וועגן דאָבען?..

— נו יאָ, מע רעדט...

— מע רעדט?.. מיסטאָמע מיינט מען, אז בא מיר האָט זיך נאָך עפּעס פארוואַלגערט? וואָס זשע, עס גייען ניט ארום אזעלכע קלאַנגען?

— כ'ווייס, יאָ קלאַנגען, ניט קלאַנגען.... מע זאָגט... מאַלע וואָס מענטשן זאָגן... איך הער זיך צו צו אַלץ וואָס מע זאָגט?

— אנומלטן באגעגנט מיך איינער, כ'קאָן אײַך ניט אָנרופן זײַן נאָמען, זייער א לײַטישער מענטש, און טוט מיך א פרעג, צי ווייס איך ניט, ווו קאָן מען קויפן א פּאָר גאָלדענע פינפערלעך... נו, מיילע, האָב איך אויסגעהערט... אז דאָס מיין איז שוין גאָר בא קיינעם ניטאָ צו קריגן. ווער עס האָט געהאט, איז אָדער מע האָט דאָס בא אים צוגענומען, אָדער ער האָט שוין גאָר אַליין אָפּגעטראָגן לאנג אין „טאָרגסין”. אָט האָט מען דאָ יענע וואָך אין שטעטל אָפּגענומען דאָס לעצטע פינפערל. זיי זאָגן דאָך, זיי בויען א לאנד דערפון, כ'ווייס... אקעגן וואָס דערצייל איך דאָס אײַך? גלאט אזוי, איך בין שוין ארײַנגעקומען, דערצייל איך אײַך.. וואָס בין איך געקומען, פרעגט איר? איך וואָלט מיסטאָמע ניט געווען געקומען, ווען יסאָסכער זאָגט מיר ניט, אז איר ווילט שעכטן דעם אינדיק... די מײַסע איז, וואָס יסאָסכער, ווען ער באגעגנט מיך, טוט ער מיר א זאָג: „די מאמע האָט געהייסן, איר זאָלט קומען שעכטן דעם אינדיק”... און שטענדיק, אז מע רופט מיך ערגעץ שעכטן, גיי איך ארום מיט דעם קאָשעק. ס'הייסט, אז מע וועט מיך כאפּן, ווי איך האנדל פונעם קאָשעק, וועל איך אויך קיין האָניק ניט לעקן. נאָר פונדעסטוועגן, מע זאָל זיך מעשאער זײַן, אז איך גיי קוילען, איז שוין גאָר א ביוריען פאר לײַטן... א שוי־כעט, פע... אָבער צוריקגערעדט, וואָס דען זאָל איך טאָן? איך בין מע־שוגע?—כ'וועל גיין אין קאָלכאָז?.. יאָ, האָב איך געמיינט איר ווילט קוילען דעם אינדיק, נאָר איצטער האָב איך דאָך שוין געהערט... נאָר גאָר ניט, טוט א טראכט, וואָס איך האָב אײַך געזאָגט... איך בין שוין דאָ, עפּשער דארפט איר א שטיקל געוואנט אף א קליידל, א לעניגראדער געוואנט... ס'איז אוואדע ניט פון יענע געוואנטן, וואָס איר פלעגט אמאָל האַלטן אין קראָם בא זיך...

— ניטאָ, לייווי-הערש, ניטאָ דער גראָשן בא דער נעשאָמע... קרועפלוע... איר זעט דאָך שוין מײַן הילעך... שפּעטער, ווען לייווי־הערש איז שוין געהאט אוועקגעגאנגען, האָט זי אים צוריק א רוף געטאָן:

— וואָס וועל איך אײַך בעטן, לייווי-הערש...
— פֿאַר אײַך, דאָבע, מיט אַלע קאָוועדן...
— כ'וועל אײַך בעטן: דערציילט דאָרט ניט קיינעם...

2

א פּאָר וואָכן זײַנען אוועק זינט לייווי-הערשס וויזיט. פֿאַר דער צײַט האָט נאָר איינ מאָל אין פֿינצטערער מיטנאַכט זיך אויפֿגעכאַפּט דער אינדיק און האָט זייער אומרויִק געהאַלדערט, גאָר ניט ווי פֿאַר זײַנע קויכעס... דאָבע האָט געמיינט ווער ווייסט וואָס, זי איז אַרויס אין פּאָדערהײַזל, נאָר דאָרט איז קיינער ניט געווען.

יִסאָסכער איז אוועקגעפֿאָרן אין שטאָט. ער קומט שוין ניט א צײַט.

דאָס שטיבל דאָבעס איז געווען האַלב צעפֿאַלן. עס איז געלעגן אַף איין זײַט. פֿריִער מיט עטלעכע יאָר האָט זי עס אוועקגעקויפֿט בא א פּויער, וואָס האָט עס פֿאַרמאָגט יערושע נאָך זײַן מוטער. אַליין ניט קיין היגער, איז בא אים געווען דער מיין עס פֿאַנאַנדערצוגעמען, ווײַל דאָס שטיבל איז שוין אַלט געווען א יאָר הונדערט און זײַן צײַט אָפּגעדינט,— האָט עס אוועקגעקויפֿט דאָבע. ווײַט פֿונעם שטעטל איז דאָס שטיבל געשטאַנען, נעענטער צום ברייטן צעוואָרפֿענעם דאָרף מיטן גרויסן יִדיש-אוקראַיִנישן קאַלווירט.

אין קאַלווירט האָט יִסאָסכער זיך געדרייט.

א פּלויט אַרום שטיבל, פֿון אַלטקײַט א לאַנג אַנידערגעפֿאַלענער, אָט געקניט פֿאַר די קרומע צעטראַסקעטע ווענט. אין די אַלטע פּלויט-לעכער איז אַרויסגעוואַקסן הויכע קראָפּעווע ביז די עקן פֿון די נאַקעט-שוואַרצע ריפּן אינעם אַראָפּגערוקטן דאַך. אין הויף זײַנען די סטעזשקעס געווען פֿאַרדעקט מיט גראָבע פּוכיק-גרינע בלעטער און פֿאַרשטעלט מיט געדיכטע ווילדגראָז. פֿון די ווינקלען האָבן אַרויסגעקוקט רויטע קוסטעס פֿון שטעכיקע בודזאַקעס. פֿאַרן שטיבל איז אײַנדערקרים געוואַקסן א וויל-דער עפּלבוים. איין זײַט מיט זײַנע טרוקענע צווײַגן האָט ער אַרופֿגעלייגט אַפֿן דאַך. צו א גרויסער נעסט פֿון גראָז און קראָפּעווע איז ענלעך געווען דער הויף. איבער דער נעסט, פֿון ביידע זײַטן עפּלבוים, האָבן אַרויסגע-קוקט, ווי בלינדע אויגן פֿון א סאָווע, צוויי צוגעמאַכטע לאָדן.

א שוואַכע, בלינצלדיקע שײַן האָט אין אַלקער געוואַקלט די פֿינצטער-ניש אָט אַף איינ פֿאָטאָגראַפֿיע, אָט אַף אַן אַנדערער. עס האָט געשמעקט מיט בעבעכעס, מיט פֿוילקײַט. אַף איינ פֿאָטאָגראַפֿיע — דאָבע און דער מאַן. זי מיט א מעדאַליאָן אַפֿן אַרויסגעשטעלטן שוואַרץ-זײַדענעם בוזעם, די האָר אַרופֿגעשלאָגן, דאָס פּאָנעם מאַט. דער מאַן: אַן אונטערגעשוירן שוואַרץ בערדל, לײַכט פֿאַרדרייטע וואָנצן, איבער דער זשילעט — א קייט, אַרום דעם בילד האָט א שפּין צעלייגט א גרויע נעץ פֿול מיט טויטע פֿליגן. אַפֿן פֿענצטער, אין שפּינוועבס פֿאַרוויקלט, ווי מיט א טרויער-טיול

ארומגעצויגן, האָט זיך געיאָסעמט דער אָנגעבראָכענער פאַרצעלײַענער דאָמפּ. אפן נאקעטן טיש האָט געבלינצלט א קאנעצל פון אן אפטייק־פלעשל מיט א בלעכל. דאָס געוואנטענע קנייטל האָט טונקל געשאַדעט. לעבן דעם האָט נעגליווערט א צעבראָכענע גראָב־פאַרזאַלצענע קארטאָפל, ס'איז געשטאנען דאָס שווארצע ציקאָריע־טעפל. דאָבע איז געזעסן צונויפגעדרייט אין ווינקל, אין בעט. זי האָט געבורטשעט און געקוקט אין איין פינטל אף דער וואנט. אונטער דער שפּיגל האָט א פליג שוואך געפלאַטערט, קוים גערירט מיט די פיסלעך. די לאָדן האָבן נים געלייקנט, אז ערגעץ אין דער נאכט בילן א סאך הינט. אָט ווערט עס ניט, דאָס בילן... אָט הייבט עס זיך ווידער אָן, אָבער שוין גאָר ווײַט, בלויז ווי א געבליבענער זייכער פונעם פריערדיקן בילן. דאָס פלעמל פונעם קאנעץ האָט זיך צוואַקלט ווי אין גסיסע, ס'איז אים אויסגעגאַנגען דער קעראָסין. דער שאָטן פונעם קרוק, וואָס האָט פארבויגענערהייט געשטעקט אינדערמיט סטעליע, האָט זיך אָנגעהויבן ווארפן פון אלע זײַטן, אלע מאָל געוואָרן לאנג לאנג אָדער גאָר קורץ... דאָבע האָט מיט א שפּײַ דאָס ליכט פארלאָשן, זיך אײַנגעהערט: א נאכט־באַבעלע האָט שוואך א קלאַפּ געטאָן מיט די ווייכע פליגעלעך איבערן גלאָז אונטערן לאָדן. אין פאָדער־הײַזל האָט דער אינדיק זקײנישׁ־כאָלעמדיק, ווי ניט מיט זײַן קאָל, זיך א פעסטע געטאָן. דאָבע האָט זיך קרעכצנדיק אונטערגעהויבן, זיך צוגעהערט צום אינדיק און ארויסגענומען פון אונטער פארעלטערטן איבערבעט א פירעקעכיק שטיק לײַם, עס אף די בייניקע קני אוועקגעלייגט און געווונט די ארײַנגעשטעמפלט־פארעדלטע גריבעלעך אין דעם מיט די פינגער אָנגעטאַפּט:

אכט, נײַן, צען... האָט זי פאמעלעך נאָכאנאנד געציילט די שטעמפל־גריבלעך. איר זײַנען ארויסגעפאלן די האָר, זיך שיר פארפלאָנטערט צווישן די פינגער, האָט זי זיי אָפּגעוואָרפן און געציילט ווײַטער.

דעמלט, ווען זי האָט געקויפט דעם אינדיק, האָט זי פארמישט זאמד מיט לײַם און עס פארקנאָטן. ווען עס איז נאָך געווען פײַכטלעך ניטדערטריקנט, האָט זי אף דעם אין ביידע זײַטן אָפּגעשטעמפלט, ארײַנגעגראָבן די סימאָנים פון אלע אירע גאָלדענע פינגערלעך, נאָכדעם זיי פארבאהאלטן אין פארשיידענע ערטער — אין קויט אונטערן אינדיק, אין באַלקן באם קרוק... דאָס טרוקענע פארשטיינערטע לײַם פלעגט זי אָפט אזוי ארויסנעמען און די דארע פינגער האלטן לאנג אף די סימאָנים...

שווער, אזוי ווי עס זאָל וועגן פודן, האָט זי איבערגעקערט דאָס לײַם אף דער צווייטער זײַט. די שטילקײַט, וואָס איז פארוועבט מיט אלטן שפּינוועבס אין אלע פארהיניליגעכע ווינקעלעך, האָט א טיפער זיפץ אונטערגעהויבן און צעבראָכן... יעדער שטעמפל, וואָס זי האָט מיט א פינגער באַרירט אף דער צווייטער זײַט, האָט איר ווי געטאָן — אזוי טום ווײַ אב ארויסגעשטאָכן אויג... די פינפערלעך, וואָס זײַנען געווען פארשטעמפּלט אף דער זײַט, האָבן געהאט א באזונדער געשיכטע:

אין דאָרף אנטקעגן, ווו דער קאָלווירט איז איצטער, האָט דאָבעס עלטערער ברודער, זײַוול, לאַנגע יאָרן געהאַלטן די מיל, געהאַט אַן איי־גענעם גוט און אַ שיינע גרויסע דירע. „אַפּ צעפּוקעניש" די עטלעכע קריסט־לעכע באַלעבאָטים, איז זײַן דירע מיט די שיינע פענצטער און גרינע לאָדן געשטאַנען אין סאַמע מיט דאָרף, לעבן קלויסטער. צו זײַוולען איז איינ־מאָל דאָבע געקומען צוגאַסט אַפּ שאַבעס. געווײַנט האָט זי נאָענט, נאָר אַ גאַסט געווען אַ זעלטענער. יענץ מאָל האָט דאָבען פאַרכאַפּט די נאַכט, זי איז איבערגעבליבן נעכטיקן. זי געדענקט עס ווי איצטער: ווען אַלע זײַנען געשלאָפן, איז זי אַרופּ אַפן בוידעם. ניט ווײַט פונעם קוימען, אַפּ אַ פאַרבלוטיקטער באַנטענע האָט זיך געטריקנט אַ פערדן־פעל, אַפּ יענעם אָרט האָט זי פאַרגראָבן אַ וואָלענעם זאָק מיט גאָלדענע פינפערלעך...

גיך נאָך דעם איז געוואָרן דער קאָלווירט. זײַוולען מיט זײַן גאַנצן הויזגעזינד האָט מען אַרויסגעשיקט. אַפּ זײַן גרויסער דירע האָט מען מיט פּראָסטע ברעטער פאַרקלאַפּט די פענצטער און געמאַכט פאַרן טוווע־שפּײַכלער...

טאַקע וועגן דעם האָט איצט דאָבע, זיצנדיק אין בעט, געטראַכט.

וועגן דעם האָט זי געקאָנט אָפּטראַכטן גאַנצע נעכט, זיצנדיק אין בעט.

„וויאַזוי קריגט מען פון דאָרט אַרויס דעם זאָק?"...

ווען זי נעמט אים אַרויס, לייגט זי צו אים צו די איבעריקע פינ־פערלעך און פאָרט פונדאַנען אַוועק. וווהין? ווהין די אויגן וואָלטן זי טראָגן, אַבי ניט בלײַבן דאָ, ניט זײַן מער אין די ערטער, ווו זי איז ווי אין אַ נעץ... פאַרקלעמט, דעם קאָפּ ניט אַרויסצוווײַזן, ניט אַהין, ניט אַהער... נאָר דער וואָלענער זאָק, פון וועלכן קיין לעבעדיק באַשעפעניש האָט ניט געוווסט, כוץ זײַוולען, וואָס איז איצטער געווען ווײַט, דער זאָק האָט זי ניט געלאָזט זיך רירן פון אָרט...

3

עס האָט צעריסן, צעפּיצלט דעם גרויען נעפּל אַ זוניקער קאַיאָר. דער לײַדיקער וועג איז געלעגן פול און פול אין שטויב. אײַנגעגראָבענע סימאָ־נים פון רעדער, וואָס זײַנען דורכגעלאָפן נעכטן, האָבן זיך געצויגן טיף, ניט געריַרט גלײַך צום דאָרף. פון איין זײַט זײַנען אַוועקגעגאַנגען גאָר ווײַטע פּלאַטשיקע, ערטערווײַז קוים אָנגעבערגלטע פעלדער. פון דער אַנ־דערער זײַט האָט זיך אָנגעהויבן אַ געדיכט וועלדל. יונגע ווײַסלעך־גרויע דעמבעס זײַנען געשטאַנען געמישט צווישן ליכטיק־גרינע קוסטעס וואַלד־ביסלעך, צווישן הויכע סאָסנעס, וואָס שפּרייטן אויס געדיכטן פינצטערן שאָטן. וווּ־ניט־ווו האָבן זיך געצויגן צום הימל העכער פון אַלע — ווײַסע און דינע ברעזעס מיט צעשויבערטע שפּיצן. פאָרויס דעם וועלדל האָט זיך צעלייגט אַ שטיק פאָדערוואַלד מיט נידעריק אָפּגעהאַקטע פּעניעס.

דאָבע האָט, קרעכצנדיק, געעפנט פאַמעלעך אַפּ העלפט דעם קרום־

הענגענדיקן לאָדן. ס׳איז איר געווען זויער אין מויל, ווי ווען זי זאָל אין דעם האַלטן א פאַרגרינטע קופערנע מאַטבייע. מיט פאַרפרישעטע, ניט געוואַשענע אויגן האָט זי געוואָרפן א בליק אַפן וועג, וואָס האָט איר שטוב אויסמײַדנדיק, זיך גלײַך אוועקגעצויגן צום שפּײַכלער אין דער ווײַט, צום קלויסטער. דער קלויסטער האָט זיך געהויבן אינמיטן דאָרף מיט צוויי גרינע בײַכיקע קופּאָלן, און אָן איין צײלעם. העכער פונעם קלויסטער האָט זיך געשפּרייט אַפן ווינט א לאַנגע רויטע פאָן איבערן דאָרפישן פאַרזאַמלונג-הויז. דאָבע האָט באַטראַכט די פאַרקלאַפּטע פענצטער פונעם שפּײַכלער, דעם הויף אַרום אים, דעם אַלטן אַקאַציע־בוים, וואָס איז דאָרט געוואַקסן. דער בוים — אַן איידעס פון יענע צײַטן, ווען דאָבע פלעגט קומען צוגאַסט צו זײַוולען אין דער רײַכער דירע. איצטער האָבן פונעם בוימס צווײַגן זיך געהויבן שוואַרצע קראָען, טשאַטעסווײַז זיך געזעצט אַפן דאַך פונעם שפּײַכלער, אַראָפּגעטריבן פון דאָרט ווײַסע טויבן, וואָס האָבן רויִק צונויפגעטוליעטע געוואָרקעט אַפן קוימען. אין דער הייך זײַנען די טויבן פאַרפאַלן געוואָרן, ענלעכע צו שנייעלעך. די קראָען האָבן זיך איבערן הויף צעשפּרייט, אויסגעכאַפּט באַ הינער צעשאָטענע קערנער, אַרופגעפלויגן מיט זיי אָט צו א פּעטן ניט. רירעווודיקן כאָזער אַפן רוקן, אָט צו א בורער בעהיימע, וואָס האָט דערבײַ מאַלעגיירעט, אָט אַף די לושניעס פונעם וואָגן, וואָס איז געשטאַנען מיטן אַראָפּגעפאַלענעם דישל באַ דער טיר פונעם שפּײַכלער.

— דאַנקען גאָט, — האָט דאָבע געזאָגט, באַלעקנדיק די טרוקענע ליפּן, קוקנדיק אַפן שפּײַכלער. — אויסגעפירט,

— א טאַכלעס געוואָרן פון זײַוולס שטוב...

זי האָט זיך אַוועקגעשאַרט מיט די פּאַטשנדיקע שקראַבעס צום אינדיק.

— דאַנקען גאָט, — האָט זי ווי אָנגעזאָגט דעם אינדיק, קלאַפּנדיק איבער דער שטײַג. זי האָט אָנגעגאָסן וואַסער אין קאָרעטקעלע, צוגעבורטשעט:

— פון הײַנט אָן זאָל שוין גאָט שוימער און מאַצל זײַן...

— האַלדר־האַלדר, — האָט דער אינדיק א גאָרגל געטאָן שלאַבעריק, קוים צו הערן, מיט א שוואַכ פאַרהייבענעם האַלדז, פאַרגלאָצט דאָס קײַלעכדיקע אייגל, א שלונג געטאָן וואַסער.

פאַר צוויי זאַכן האָט דאָבע מוירע געהאַט: עס זאָל ניט פּייגערן דער אינדיק, ניט אָפּברענען דער שפּײַכלער. זי האָט געהערט: עס טרעפט, אַז אין א קאָלווירט צינדן אַמאָל אונטער די באַלעגופים א שפּײַכלער...

„אַזוי וואָלט גוט געווען — האָט זי געטראַכט:

עס זאָל פּלוצעם זיך אָנכאַפּן א סרייפע, א העליש פײַער, אַפן גאַנצן דאָרף, אַפן קאָלווירט. ס׳זאָלן פאַרברענט ווערן, ס׳זאָל ווערן אַש און האַלעוועשקעס פון אַלע שטיבער, פון אַלע מענטשן, אַלע קינדער, פערד און בעהיימעס, ביז די הינדעלעך אונטער די קוואָטשקעס... נאָר דער שפּײַכלער איינ-אַליין זאָל איבערבלײַבן״.

דאָבע איז געשטאַנען באַם פענצטער, באַם האַלב־צעעפנטן לאָדן, איי־דער זי האָט אים פאַרמאַכט אַפּ באַנאַכט.

די זון האָט זיך געזעצט אין אַ העליש פֿיַער הינטערן ברייטן צע־וואָרפענעם דאָרף. דער גאַנצער הימל איז געווען געדיכט־רויט, בלענדיק. ס'איז נעלעם געוואָרן די פֿאַן איבערן קלויסטער אַפּן דאָרף־קלוב. די שטע־כיקע צווײַגן פונעם צעשפרייטן אַקאַציע־בוים האָבן זיך מיט שוואַרצע אַרומ־געבלאָזטע שטריכן פאַרשטאָכן אין הימל. ווי גרויסע שטיקער קויל האָבן זיך אויסגעוויזן די אויסגעזעצטע קראָען אין די קײַלעכיקע נעסטן צווישן צווײַגן: דאָס ווײַטסטע, דאָס מינדסטע כמאַרעלע, אַפּ וויפל דאָס אויג האָט געגרייכט אין דער ווײַט, האָט זיך געכיינט אין העלן, אין ראָזן.

אַפּן הויף פונעם שפּײַכלער זײַנען נאָך דער אַרבעט זיך צונויפגעקו־מען מענטשן. נאָך און נאָך זײַנען אַלעמאָל צוגעגאַנגען. דער גאַנצער קאָל־ווירט האָט זיך דאָרט פאַרזאַמלט. אַ פאָרשטייער פונעם ראַיאָן איז צוגע־פאָרן אין אַן אווטאָמאָביל. נאָך אים האָט איבערן גאַנצן דאָרף אַפּן וועג, ווי אַן אַראָפּגענומענע היטל צום קאָפּ, זיך צוריק געלייגט דער שטויב. דער ראַיאָן־פאָרשטייער איז אַרויסגעגאַנגען. מע האָט גלײַך אַרומגערינגלט אים און די מאַשין. מע האָט עפּעס לאַנג באַהאַנדלט, געלאָסן געמאַכט דערבײַ מיט די הענט. דערנאָך איז די מאַשין אַוועקגעפאָרן ניט צוריק, נאָר ווײַ־טער, ווײַזט אויס, אין אַן אַנדער קאָלווירט. אַפּן הויף איז נאָך דער אויי־לעם געשטאַנען, לאַנג גערעדט: אָט האָט מען זיך געגומען פאַנאַנדערגייט. אַפּן הויף איז געוואָרן שיטערער. באַם שפּײַכלער האָבן זיך די וועכטערס געביטן. ס'איז געוואָרן פוסט, אַלע זײַנען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

דאָבע האָט נאָך אַלץ דעם לאָדן ניט פאַרמאַכט. טונקל. די וואָלקנדלעך אין הימל זײַנען געוואָרן קילבלעך־בלאָו, פון דער נאָענט האָט דעם וועג אײַנגעשלונגען אַ כאַשכעס.

מאַכמעס געווינשאַפט האָבן דאָבעס טרערנדיקע אויגן אַלץ נאָך גע־זען, צי עס האָט זיך זיי געדוכט, אַז זיי זעען, דעם וועכטערס פאַר־טונקלטן סילועט באַם שפּײַכלער:

— זי מיינען, זיי היטן זייערס, זיי היטן גאָר מײַנס, אַ מאַקע זיי...— זי האָט דעם לאָדן פאַרמאַכט.

אין פאָדערהײַזל האָט פונעם שמאָלן פענצטערל זיך געצויגן אַראָפּ אַ באַנאַכטיקע שלאַבעריק־בלאַסע שײַן אַפּ דער שטײַג מיטן אינדיק. אין דער שטײַג איז געשטאַנען אַן אָפּגעבראָכן קריגל וואַסער, לעבן דעם איז גע־לעגן אַ פאַרשטיינערט ריפּטל ברויט. ווי אַ גרויסע זילבערנע מאַטבייע איז געלעגן די אָפּגעשפּיגלטע לעוואָנע אין קרוג. פון אַ לאָך איז אַרויסגעשפּרונ־גען אַ מויז, גיך אַ וואָרפּ געטאָן אַהין אַהער מיט די זילבערדיקע וואָנצן, מיט די שוואַרצע אייגעלעך, אַ פיר געטאָן מיטן רידעוודיקן עק — זיך גע־נומען צום ריפּטל ברויט. זי האָט עס געהריזעט, פון אַלע זײַטן אַרומגע־פּרוווט מיט קנאַקעדיקע ציינ און עס בעשומויפן ניט געקאָנט אײַנבײַסן.

4

ווערבעס פארגליווערט אָנגעבויגענע, ענגלעכע צו גרינע גרויסע קופּעס האָבן געטריפט מיט גרינבלעכן גלאַנץ פון ניט געדרירטע בלעטער און גע־שײַנט אַף דער לעוואָנע, ווי אָקאָרשט נאָרוואָס אויסגעצוואָגענע. בלויז ער־געץ־ווו האָט אַן אײנציק בלעטל פון זאַפט־איבערפולטקײט געכאַפּט אַ ציטער. צווישן די ווערבעס איז אײנע מאָדנע געוואַקסן, אײנצווײיקע אויסגעבויגנס ווי א „?” און האָט פאַרמאָגט נאָר עטלעכע שיטערע בלעטלעך. עמעצער האָט פון איר די קאָרע אַראָפּגעשאָבן און זי געמאַכט אײנגאַנצן נאַקעט־ווײַס.

ייִסאָסכער און דוואָרצע זײַנען געזעסן אַף איר אָנגעבויגענעם רוקן. אונ־טער זײערע פיס איז געלעגן אין באַנאַכטיק גרוי־פּײַכטן שטויב אַ דינע צו־נויפגעשלאָגן בריקל: אײן ברעטל האָט זיך אײַנגעבראָכן אין דער מיט, אַראָפּגעפאַלן אין וואַסער. אין דער שמאָלער עפענונג האָט זיך אָן אַ מינדסטן קנײטשעלע געשפּיגלט אַ שטיק הימל מיט בלאַסע שטערן. צווײ וואָלקנדלעך האָבן בלאָנדזשענדיק אַרופגעטראָפן אַף דער לעוואָנע, זי פאַרשטעלט, אײנס פון־ויבן, אײנס פון אונטן, געלאָזט אײנמיטן פון דער לעוואָנע בלויז אַ שמאָל פּאַסעקל, ווי אַ שורע שמײכלענדיקע צײן.

דוואָרצע האָט זיך שטאַרק געפלײַסט אַרויסצונעמען איר פאַרקלעמטע האַנט פון ייִסאָסכערס גראָבע לאַנגע פינגער.

— וואָס־זשע, דוואָרצע, וועלן מיר זיך איבערבעטן? האַ? ייִסאָסכער האָט געשמײכלט ווי אײנער, וואָס האָט אויסצוזאָגן אַזאַ נײַס, פון וועלכן קײנער ווײסט נאָך ניט..

זי האָט קײן ריר ניט געגעבן מיטן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אירע האָר זײַ־נען געווען געלאָקטע, קורץ אונטערגעשאָרענע.

זי האָט דערהערט ייִסאָסכערס קאָל:

— אַן עק, פאַרגין זיך שוין אַ קוק טאָן אַף מיר...

זי האָט אויפגעהויבן דאָס פּאָנעם — אַ לענגלעכס, פאַרברוינטס. מיט גרי־נע, עטוואָס אַרויסשטײענדיקע אויגן. אירע אויגן זײַנען איצטער געווען ברוי־געז, די דינע שוואַרצע ברעמען האָבן איבער זײ ווי צווײ פּיאַווקעס זיך אַרײַנגעזויגן אינעם טיפן קנײטש איבער דער נאָז, נאָר אין די אויגן האָט זיך גרינג געלאָזט מערקן — ווי דורך אַ קאַלט לויטער וואַסער — אַ טאַנצנ־דיק פישל אַפן גרונט — די שטענדיקע לוסטיקײַט דוואָרצעס.

ווידער ייִסאָסכערס קאָל:

— וועסט הײַנט אַ שמײכל טאָן צו מיר?..

זי האָט ניט אויסגעהאַלטן, גלײַך עטוואָס אויפגעהויבן די כײנעוודיק־פולע באַקן מיט צווײ טונקעלע קנײטשן פון די נאָז־פליגלען און מיטאַמאָל אַנטפּלעקט די צווײ גלײַכע רײען צײן.

— אַזוי ביסטו אַ מײדל! — האָט ער געזאָגט און זי אַרומגענומען. אַ דורכזיכטיקע מײַקע האָט אַרומגעצויגן אירע ברוסטן, אַ שמאָל קלײדל

האָט ענג ארומגעכאפּט אירע פולע שטאלטנע פיס. מיט די בלאסע נעגל, אָפּגעריבענע פון פיל ארבעט, האָט זי געהאלטן אין איין שטשיפּען עט־לעכע צעפלאָכטענע פרענדזועלעך פון שאלעכל אף די קני. ייִסאָסכערס האנט אף איר אקסל, גלײַך ווי זי געהער זיך צו איר ניט אָן:

— מיידל אהין, מיידל אהער... עפּעס איז מיר פריקרע, ייִסאָסכער...

— וואָס? — ער האָט זיך צעלאכט מיט א שטילן גאָרגלדיקן גע־לעכטער.

— מיטן גאָלד... איך האָב דיך ליב... נאָר עפּעס ביסטו, דוכט זיך, ווי דײַן מאמע, אז עס קומט צום גאָלד... איך ווייס ניט, עפּעס איז מיר ניט געפעלן...

— וואָס איז דיר ניט געפעלן?

— מיטן גאָלד, מיין איך...

— וואָס זשע ווילסטו?

זי האָט אף אים א קוק געטאָן:

— כ'האָב ניט ליב, אז דו מאכסט זיך מיר צו טאמעוואטע...

— און איך האָב פֿײַנט, אז דו רעדסט צו מיר און איך ווייס ניט וואָס...

— נו, איך ווייס, עפּשער, אליין ניט... דאָס גאָלד... עפּעס געפעלט עס מיר ניט... כ'האָב דיר שוין געזאָגט...

— און גאָר?

— יאָ, ייִסאָסכער. וויפל איך טראכט ניט, ווײַזט זיך מיר אויס, מע וואָלט עס געדארפט אָפּגעבן...

— וואָס עפּעס הײַנט צו רייד געקומען?

— איך טראכט שוין לאנג דערפון... כ'האָב דיר אפילע געזאָגט. ווײַל, פארשטייסט, ווער בין איך? — אָט זאָג מיר...

— א שיין מיידל, דוואָרצע, אזא יאָר אף מיר...

— דריי מיר ניט קיין קאָפּ! איך מיין ניט דאָס... ווער איז די מא־מע דײַנע?

— א בייזע אינדיטשקע, אזא יאָר אף די סאָנים...

— און דו ווער ביסט?

— א שיינער, א ווילער יונג, אף אונדז ביידן אזא יאָר, דוואָרצע!..

— ניט דאָס האָב איך געוואָלט זאָגן... איך בין אין קאָלווירט א שלאָג־לערן, א בריגאדיר... טראָג איך אף זיך פאראנטוואָרטלעכקײַט צי ניין?..

— שוין הייבסטו אָן די אגיטאציעס?

— איך וויל פארשטיין...

— איך פארשטיי שוין, דוואָרצע... דו דארפסט ניט מיך, דארפסט דאָס גאָלד...

— פון מײַנטוועגן?

— אלציינס, דוואָרצע... אויב דו רעדסט אזוי אָ, איז א סימען, אז דו האָסט מיך ניט ליב... איז ווי דו ווילסט — ס'איז דאָ נאָך מיידלעך...

זי האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ און האָט זיך שטיל אָנגערופן:

— ליב האָב איך דיך יאָ... נאָר איך וויל דו זאָלסט זײַן... טאקע אזוי ווי דו ביסט, נאָר עפּעס אַנדערער...

זי האָט אים א ווײַלע ארײַנגעקוקט מיט ארויסשטייענדיק-גרינע אויגן אין זײַנע שווארצע. זי האָט געוווּסט: אַז ווען זיי זאָלן ניט קוקן, זײַענען זײַנע אויגן אונטער די שווארצע קרום-אָנגעבראָכענע ברעמען ווילדע, גראָב-אָפּלאכנדיקע, נאָר צו איר האָבן זיי געקוקט נאָכגיביק, צארט און ווי א קאָפּל פארוווּנדערט אַף דער אייגענער נאָכגיביקײַט און צארטקײַט. זי האָט ארופגעלייגט א האַנט אַף אַן אַקסל. נאָך ניט באַוויזן עס צו טאָן, האָט ער זי שוין שטארק צוגעדריקט ווי אַף צו דערשטיקן. זי האָט ניט געקאָנט בײַשטיין און האָט זיך אײַנגעקלעמט שטיל אין זײַן מויל, ארום וועלכן עס האָבן איר געשטאָכן זײַנע ניט ארומגעגאָלטע וואָנצן.

— דוואָרצע!..

— וואָס?..

— עס האָט געגומען א סאָפּ, דוואָרצע!

— כ'פארשטיי ניט...

— די אַלטע האָט מער ניט דאָס גאָלד...

— וואָס הייסט?

— אָבער אזוי האָסטו געוואָלט?

— ווען? זאָג...

— פארלאָז זיך אַף מיר...

— זי מיינט, אַז זי האָט עס נאָך...

— אזוי טאָן האָב איך דיר ניט געהייסן, יאָסאָסכער...

— אבי גוט, וואָס ארט דיך?

— איז דאָס ביסטו געפאָרן אין שטאָט?..

— יאָ, דוואָרצע. כ'האָב אומיסטן דיר פריִער גאָרניט געזאָגט. געוואָלט מיטאמאָל דיך דערפרייען...

— האָסט עס אָפּגעטראָגן וווּהין איך האָב געוואָלט? האָסט אהין גלײַך געטראָגן? — האָט דוואָרצע געפרעגט.

— הער, וועל איך דיר דערציילן, ווי דאָס איז געווען: איך קום ארײַן און זאָג זיי: „נאט אײַך דאָס גאָלד"... זיי קוקן מיט אָן, און איך זאָג ווײַטער: „נעמט עס אינגאנצן, וויפל עס איז דאָרט געלעגן אין קויט אונטערן אינדיק און אין סטעליע (באַם קרוק), קיינעם האָט עס ניט געצוצט אַף אזויפיל-אָ". „איך אַליין, ווי איר קוקט מיך אָן, וואָלט אזוי לײַטיש ניט געווען — אזוי טאקע זאָג איך: — נאָר דאָס האָט אזוי געוואָלט דוואָרצע". קוק: זיי אַף מיר: „ווער איז דוואָרצע?" זאָג איך: „דוואָרצע איז א שלאָגלערן, א בריגאדיר, און דוואָרצע איז מיר טײַערער פון גאָלד"...

— האָסט אזוי טאקע געזאָגט? — זי האָט הויך צעקלונגען ביז גאָר צופרידענע כוואַליִעלעך געלעכטער פון א פרוי, וואָס האָט געזיגט.

— אזוי האָב איך געטראַכט צו זאָגן, דוואָרצע... הער אויס ווײַטער: דאָס בעסטע איז ערשט אפּן סאָף. איך בין אַרײַן אין „טאָרגסין“, עס איז דאָרט באַלד ליבן וואָקזאַל. באַגעגנט איינעם אין ברילן, א פֿײַנער פּאַרשוין, זיך צערעדט אהער־אהין...

— נו, אהין-אהער?..

— דוואָרצע, וואָס איז דאָ א סאַך צו ריידן?! מיר הערן די וועלט פֿאַר א גראָשן איצטער, דוואָרצע...

— וואָס פּלאַפּלט ער?

— דוואָרצע, מיר וועלן אינצווייען אוועקפֿאָרן פֿונדאַנען, זיך קויפֿן א דירע, דוואָרצע?

— וועלכער יאָלד האָט אים געהייסן זאָגן, אז איך וויל אוועקפֿאָרן און נאָך מיט אים?

— אז איך וויל, דוואָרצע, מוזטו אויך וועלן, און א סאָף!

— איך וויל וויסן: דו האָסט דאָס גאָלד ניט אָפּגעגעבן?

— מע רעדט און מע רעדט...

— איך פֿרעג דיר.

— דער, מיט די ברילן...

— ווער איז ער?

— קלערסט א זשוליק? גראַדע זייער אַן אָרנטלעכער מענטש. מיינסט ער האָט זיך אָפּגענאַרט? ניט יִסאָסכערן!.. די פּרײַזן ווייס איך גוט. ס'א כוואָרע, אז איך האָב אים נאָך אַרײַנגעפּאַקט... זע!

ער האָט אַרויסגעכאַפּט א פּעקל דרײַסיק-רובלדיקע, פּופּציקרובלדיקע פּאַפּירן און עס א מיש געטאָן פֿאַר אירע אויגן.

— כ'האָב נאָך!..

ער האָט א וואָרף געטאָן דאָס פּעקל אַף אירע קני: ס'האָט מיט דוואָרצען ווי א שלײַדער געטאָן. זי האָט צעשאָטן דאָס געלט איבערן בריקל, אַראָפּגעטאַנצט און אוועקגעלאָפֿן גיך פֿון די ווערבעס. דער ווײַטער וועג האָט קעגן דער גרויסער לעוואָנע זיך אויסגעצויגן מיט הויקערס פֿון ניט אײַנגעטראָטענע, ניט אײַנגעריבענע הרודעט, זיי זײַנען געלאָפֿן אונטער אירע פֿלינקע פֿיס, באַהאַלטנדיק זיך אָט אין ליכט, אָט אין שאָטן... יִסאָס־כער האָט איינעם מיטן פּײַכטן שטויב פֿון דער ערד גענומען אַרײַנשאַרן דאָס געלט אין די קעשענעס. צוויי פּאַפּירלעך זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן דורך דער צעבראָכענער ברעט. ער האָט הויך אַרופֿגעצויגן די אַרבל און האָט לאַנג געזוכט אין קאַלטן וואַסער, א צעלייגטער אין געדיכטן שטויב אַפֿן די־נעם בריקל אונטער די פֿאַרגליווערטע קופּעס פֿון אָנגעבויגענע ווערבעס, צווישן וועלכע אייגע, אַן אָפּגעשאָטענע אָנבלעטערדיקע ווערבע האָט זיך ווײַס אויסגעטיילט מיט איר פֿאַרקרימטער נאַקעטקײַט.

5

פונ ייִסאָסכערנ איז קיינ זייכער ניט געבליבנ, ער איז ווי אויסגערונענ, ייִסאָסכער...

צום ערשטנ מאָל פאר גאָר א לאנגער צייַט האָט דאָבע ארופגעשלעפּט אפ זיכ די אלטע גרינ-אויסגעריבענע מיט גרויסע געלע לאטעס אונ מיט גראָבע צעפלאָכטענע פראָנדזנ צעקנייטשטע שאל. זי האָט מיט איבעריקע גרויסע פארשטעקלעכ באוואָרנט די לאָדנ פונ אינוויינינק. ארייַנגעקראָכנ אונ־טערנ אויוונ, דאָרטנ טיפ אינ פארלעגערטנ כלאם אויסגעפונענ צוויי פאר זשאווערטע שלעסער. דער דריטער שלאָס מיט א בינטל לאנגע שליסלענ, איז געהאנגענ אינ קיכ אפ א טשוואָק. דער טשוואָק איז געווענ וויַיס פונ אלטנ פארטריקנטנ קאלכ. דעם קאלכ האָבנ געדיכט באפּינטלט פליגנ־סימאָ-נימ, די לאנגע שליסלעכ זייַנענ געהאנגענ, ווי געליימטע, מיט גראָב אָנגע־זשאווערטע קעפּלעכ. ס'האָט אויסגעזענ, זיי זייַנענ פארזשאווערט געוואָרנ אי־ביינעם מיטנ זייכער פונ א געוועזענער שניט־קראָמ, פונ א רייַכער באקא-ליי־קלייט, א גרויסנ אייַנפאָר־הויז מיט טונקעלע צימערלעכ, צו וועלכע זיי פלעגנ אמאָל זייַנ צוגעפּאסט, די שליסלענ.

דאָבע אינ איר גראָבער געלאטעטער שאל, אינ די ברוינ-צעדארטע מיט שפּאגאטלעכ אונטערגעבונדענע שטעקשיכ, האָט זיכ אָפּגעשטעלט, האלטנדיק אינ די אלט-אויסגעקרימטע בלאסע פינגער דאָס בינטל שליסלענ מיט די דרייַ פארזשאווערטע שלעסער, זיכ אָפּגעשטעלט אינ מאָדערהייַזל קעגנ דער שטייַג מיטנ אינדיק. פונעם שמאָלנ פענצטערל איז די שלאבעריקע שייַנ געפאלנ אפ זיי ביידנ. דער אינדיק איז געלעגנ אינ שטייַג אפנ בינטל אייַנ־געטריקנטע בלאָטע, האָט ארויסגעקוקט מיט א פארהייַטלט קייַלעכיק אייגל, אפ אירע טראנטעס געקוקט, ווי ער זאָל פונ לאנג שוינ וועלנ זאָגנ:

— וואָס וועט זייַנ פונ אונדז דער סאָפ?..

— ער וועט גיכ פּייגערנ, אניט איז עס א באוואָרעניש? — האָט דאָ-בע א בורטשע געטאָנ אונ איז ארויסגעגאנגענ.

זי האָט עטלעכע מאָל באטראכט פונ דרויסנ די לאָדנ, די דרייַ שלע-סער, וואָס זי האָט מיט א פארזשאווערטנ קראנצ אָנגעהאנגענ ארומ דער קליאמקע, האָט געכאפּט א קוק אפנ ווילדנ עפּלבוימ, ווי געמאכט זיכ א סימענ אפ אימ (טאָמער קומט זי אונ טרעפט אימ ניט?..) אונ, אָנשפּארנדיק זיכ אפ א שטעקל, איז זי גיכ אוועקגעגאנגענ אינ דאָרפ, צו דוואָרצענ — זיכ דערוויסנ, ווו איז אהינגעקומענ ייִסאָסכער.

דוואָרצע האָט געארבעט אינ פעלד, פונ דוואָרצעס מוטער האָט זיכ דאָבע דערוווּסט, אז דוואָרצע איז צעקריגט מיט ייִסאָסכערנ...

— וואָס זשע, איר האָט גאָרניט געהערט? — האָט די אלטע געזאָגט אונ געקוקט אפ דאָבענ פארוווּנדערט: — אלע ריידנ דאָ... מע פרעגט נאָר, ווו האָט ער גענומענ אזעלכע פּויטעקעס געלט? ס'איז דאָכ שוינ די דריטע וואָכ ווי ער האלט אינ אייננ זשוליעווענ אינ שטאָט...

דאָבע האָט מער גאָרניט געהערט. זי איז אוועק אהיים, אָט האָט זי שוינ אויסגעמיטנ העכער העלפט הײַזער פונעם דאָרפ. זי איז געלאָפנ מיט אנ אָנגעבויגענעם קאָפ, קיינער זאָל זי ניט אָפשטעלנ, ניט פארהאַלטנ. באַם ברעג דאָרפ איז איר פלוצעמ אנטקעגנ א ראשיקע כעוורע קלײנווארג ארויסגעלאָפנ — נאָכ ניט קיינ שול־קינדער — באָרוועסע, אלע אָנ היטלענ, א פּאָר מיט צעשפּאָלטענע הייזלעכ, אײניקע אָנ העמדלעכ, בלויז אינ מײַקעלעכ און מער גאָר, עטלעכע צעפּאטלטע מיידעלעכ האָבנ דאָבענ מיטאמאָל ארויסגעשטעלט די צינגלעכ, געשטעקט די הענטלעכ צו די נעז און זיכ צעשריענ, איבערשרײַענדיק אײנס דאָס אנדערע:

— דאָבע די דארע! דאָבע די דארע!..

דאָבע האָט זיכ אָנגעבויגנ, אופגעהויבנ א שטיינ און געוואָרפנ אינ די קינדער. אוועק. דאָס פּעט־פּארדארטע קליידל האָט געקלאפּט, זיכ געבלאָזנ שווער און צוריק געפאלנ צו אירע דארע פיס. בא דער טיר אונטערנ פארדארטנ ווילדנ בוימ האָט זי שרעקלעכ געשאָלטנ די שלעסער. די פארזשאַווערטע שליסלענ זײַנענ קוויטשיק געקראָכנ, האָבנ זיכ ניט איבערגעדרייט. ענדלעכ האָט זי אראָפּגענומענ די שלעסער, זיי אוועקגעוואָרפנ בא דער שוועל. אפ די בערגלעכ פארהארטעוועטנ קויט האָט געדרעמלט אינ שטײַג דער אינדיק. דאָ איז אלץ געווענ ווי עס באדארפ צו זײַנ.

דאָבע איז גלײַכ ארײַנ אינ אלקער, א קוק געטאָנ צומ קרוק און האָט שיר ניט געכאלעשט. די ליימ ארומ דעמ קרוק איז געווענ אָפּגעשאָטנ, ווײַזט אויס, ניט פונ הײַנט... זי איז ארופ אפנ טיש און האָט אָנגעהויבנ קאלופּענ מיטנ מעסער אינ באלקנ. טרוקענע ליימ האָט זיכ אָפּגעשאָטנ אפ דאָבעס אקסל, אפ די פיס, אפ די ראנדנ פונעמ טיש און פונ דאָרט אפ דער ערד. אָט האָט זיכ אויסגעשווארצט די לאָכ — זי איז געווענ ליידיק... דאָבע האָט שרעקלעכ א געשריי געטאָנ. דאָס ארויסגעפאלענע מעסער איז ארײַנ מיטנ שפּיץ אינ טיש און אזוי געבליבנ דאָרט שטעקנ... דאָבע האָט אראָפּגעריסנ פונעמ קאָפ, צעוואָרפנ אינ אלע זײַטנ די שאל, דאָס קאָפּנטיכל און דעמ טשיפּעק, וועלכנ זי פלעגט קיינמאָל ניט אראָפּנעמענ. מיט די צעשאָטענע האָר איז זי ארײַנ אינ פּאָדערהײַזל, אָרויסגעריסנ די שטײַג מיטנ אינדיק פונעמ אײַנגעדארטנ קויט, א שלײַדער געטאָנ די שטײַג מיטנ קאָפּ אראָפ, אלײנ א פאל געטאָנ אפ די קני און מיט די נעגל גענומענ רײַסנ, פאנאנדערוואָרפנ דעמ איפּעשדיקנ קויט אינ אלע זײַטנ. אָט איז זי באַם גריבל... פּוסט!.. דאָבע האָט זיכ דערמאָנט אינ יענער נאכט, ווענ דער אינדיק האָט שטארק געהאָלדערט, גאָרניט ווי פאר זײַנע קויכעס און ווי גלײַכ נאָכדעמ איז ייִסאָסכער אוועקגעפאָרנ... זי איז אומגעפאלנ אינ כאלאָשעס מיטנ גראָווגעמ קאָפּ אינ קויט.

זי האָט זיכ אופגעכאפּט: עמעצער האָט געשפּאנט איבער איר... זי האָט געעפנט די אויגנ און דערזענ אפ זיכ דעמ אינדיק (שלײַדערנדיק די שטײַג, האָט זי פונ איר ארויסגעקלאפּט צוויי ברעטלעכ און ער האָט זיכ

באפרײַט). דער אינדיק איז געגאַנגען צו דער טיר. זי האָט זיך א הייב געטאָן און האָט אים א כאַפּ געטאָן פאַרן אויסגעריבענעם עק. ער האָט זיך אײַנגעשפּאַרט אַף די לאַנגע פיס אין די שפּעלטיקלעך, געראַטן אין ליסקע פון א טויטן פיש. צי אַף דער פרײַהייט האָט דער אינדיק נאָכאמאָל דערפילט א לעצטן שפּור פון יענע קויכעס, וועלכע ער האָט פאַרמאָגט, ווען דאָבע האָט אים געבראַכט אהער אין שטײַג, צי דאָבע איז געווען אזוי אָפּגעשוואַכט נאָכן כאַלעשן, נאָר ער האָט זיך פון איר שטאַרק געריסן פאַרויס מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלדז און האָט זי אַרויסגעשלעפּט נאָך זיך אינדרויסן. זי איז אים נאָכגעלאָפן, האַלטנדיק אים פאַר א פליגל, האָט אים קוים געכאַפּט אין ביידע הענט און אוועקגעשלעפּט אין פאָדערהײַזל.

עטלעכע קינדער, צוויי יינגלעך און א מיידעלע, וואָס זײַנען נאָכגעלאָפן דאָבען קימאַט ביז דער שטוב, האָבן דערזען דעם געראַנגל פון דאָבען מיטן אינדיק. אַפן ווילד פאַרוואַקסענעם הויף צווישן קראָפּעווע אין הויכן ווילדגראָז, זײַנען זיך צעפלויגן שוואַרצע אויסגעצופּטע פעדערן און ס'האָבן זיך געטראָגן אָט דאָ, אָט דאָרט איבערן הויף דאָבעס גרויע האָר. דער אינדיק האָט שרעקלעך געהאָלדערט — פּלוצעם האָט דאָס האָלדערן אופגעהערט, ס'איז געוואָרן שטיל. די קינדער האָבן זיך פאַרגאַנוועט אין הויף און, צוגעדעקטע מיט הויכן גראָז, באַקלעפּט דעם לאָדן:

— א שפּאַרע... איך זע אינגאַנצן... האָט זיך אָנגערופן א יינגעלע.

— וואָס זעסטו?

דאָס צווייטע, א ביסל א העכערס, האָט צוגעשטעלט דאָס קעפּל איבער זײַנעם. אין ווינקל צווישן קראָפּעווע האָט זיך באַוויזן דאָס מיידעלע. זי האָט שטאַרק געוויינט.

— שאַ!..—האָט צו איר בייז א מאַך געטאָן דאָס ערשטע יינגל, אָפּרײַסנדיק זיך פון דער שפּאַרע. פון צווישן הויכער שאַרפבלעטערדיקער קראָפּעווע האָט געקוקט דאָס מיידעלע, מיט שוואַרצע צעפּלאָנטערטע הערלעך, מיט גלאַנציק-שמייענדיקע טרערן אַף די אויגן און אַן אָפּגעבריט בעקל פול מיט ווײַסע פוכירלעך.

— קום אהער, וויין ניט...—האָט שעפּטשענדיק איר אויסגעשטרעקט א הענטל דאָס יינגעלע און אַלע דרײַ קעפּלעך האָבן זיך צונויפגעטוליעט באַם לאָדן.

— זעסט?..

— כ'זע...

— דו אויך?

— אויך...

— טו זיך א רוק!

דאָס מיידל האָט פּלוצעם אויסגעדרייט דאָס פּאָנעם מיט די ניט אָפּגעגאַנגענע פוכירלעך און מיטאמאָל אויסגעטריקנטע נײַגעריקע אויגן.

— וואָס טוט זי אזוי-אָ?

— אָט א נאַר, זעסט נים? — זי הענגט זיך, — האָט געענטפערט דאָס העכערע יינגל.

— זי הענגט זיך? — האָט דערשראָקן געפרעגט דאָס קלענערע, זיך אויסגעריסן און אנטלאָפן. דאָס צווייטע יינגל מיטן מיידעלע זיינען גיך אוועקגעלאָפן נאָך אים, אינ דאָרפ אריין — זאָגן אלעמען, אז דאָבע הענגט זיך... עס האָט לאנג ניט געדויערט, פון דאָרף האָט זיך געלאָזט לויפן אַן אוילעם. די זעלבע קינדער, וואָס האָבן פריער מיט א האלבע שאָ זיך געריצט מיט דאָבען, זיינען געשפרונגען איצט פאָרויס. גאַר אפצופריער האָבן געיאָגט די צוויי יינגלעך מיטן מיידעלע, וואָס האָבן אָנגעזאָגט די בסורע. אנטקעגן פונעם שטעטל זיינען אָנגעפאָרן א פאָר פורן. דערזען אזויפיל לויפנדיקע מענטשן, האָבן די אָנטרייבער זיך נאָכגעפרעגט:

— וואָס איז?

— דאָרט הענגט זיך א יידענע! דאָבע...

— דאָבע הענגט זיך? — זיי האָבן גלייך אויסגעקערעוועט די פערד און צוגעפאָרן צום פארוואקסענעם הויף. דאָ איז שוין געווען פיל מענטשן. פון הינטן איבערן וועג זיינען זיי נאָך געלאָפן. לאנג זיינען שוין דאָ די געדיכטע גראָזן, די פוכיק-גרינע בלעטער ניט אָפגעגאנגען מיט צעקוועטשטער זאפט אונטער אזויפיל פרעמדע טריט און פאָדעשוועס. די קראָפּעווע האָט געברים. מע האָט זי אראָפגעבויגן, געטאָפּטשעט. די קינדער האָבן זיך געוואָרפן צווישן זיך מיט רויטע שטעכיקע בודזיקעס. א פאָר האָבן אָנגענומען גאנצע פעק מיט בודזיקעס, ארופ מיט זיי אפן ווילדן עפּלבוים און פון דאָרט אראָפגעהאָגלט איבער די קעפּ אפ די דערוואַקסענע. דער אוילעם האָט געקלאפט אינ טיר, אינ די לאָדן — קיינער האָט ניט געענטפערט.

— כ'האָב געמיינט, די כוורע האָט זיך געכאָפּעמט. ווייזט אויס, אנעמעס, — האָט געזאָגט א הויכער עלטערער קאָלווירטניק.

— ברעכט די טיר! ווייזט אהער אָט יענעם דראָנג! היידא — דערלאנגט!

בא דער אויסגעבראָכענער טיר זיינען אלע פלוצעם פארגליווערט געוואָרן:

דאָבע איז געהאנגען אפן קרוק... אירע פיס — פון איינעם איז אראָפּגעפאלן דער שקראב — זיינען געשטאנען אפן טיש. אפ דער ערד האָט זיך געוואלגערט איבערגעקערטערהייט דער שקראב. אינ טיש האָט געשטעקט דאָס מעסער. דאָבע האָט געקוקט פונעם שטריק ארויס מיט בלוטיקע דערשראָקענע אויגן...

— נו, יאָ, — האָט זיך אָנגערופן דער הויכער קאָלווירטניק. — ווי האָט זי געקאָנט אָפּשטופן דעם טיש, אז ער שטעקט בעסאכאקל אַן ארשינ אינ דער ערד...

— דאָס מעסער איז אויך ניט ווײַט, — האָט געזאָגט א צווייטער, — נעמ זשע עס, אז דער האלדז איז דיר פארבונדן...

— איר גליק, — האָט זיך אָנגערופן א יונגער שווארצער כעוורעמאן, און האָט ארופגעטאנצט אפן טיש. נאָך אים איז ארופ נאָך איינער א בלאָנדער. אינצווייען האָבן זיי גענומען פאנאנדערבינדן די שטריק.

— ס'איז דאָ היפש אָנגעפלאָנטערט. אפ פופציק סאָטעס[1] ארבעט... — האָט דער בלאָנדער געזאָגט. אן אלטער אײַנגעהויקערטער קאָלווירטניק אין א ברוינעם זשילעט, מיט א ווײַסער באָרד ווי פון פאקליע, און אין ברילן פארבונדענע מיט דראטוועס צו די אויערן, האָט, קוקנדיק אפ שטריק, זיך אָנגערופן געמיטלעך.

— א הארבע זאך, מיין איך, אָט־אָ דאָס שטריקל זאָל זי געוועזן קאָנען אויסהאלטן... אפילע ווען זי רוקט אָפ דעם טיש... א פאסקודנע שטריקל אויסגעקליבן... — א יינגערער קאָלווירטניק האָט פארדרייט א מא־כאָרקע-ציגײַער מיט צערעפעט-שווארצע הענט, אוועקגעוואָרפן דאָס שווע־בעלע, אויסגעשפיגן און זיך אָנגערופן

— שוין געמיינט אן עמעס... א קונץ, אז די פיס האלט זי אפן טיש...

פון פאָרנט האָט זיך ארויסגעשטעלט א יינגעלע, דאָס גרעסערע פון די צוויי, וואָס האָבן פריער געקוקט אין לאָדן. די קורצע הייזלעך האָבן זיך מיט געקרייצטע בלאָווע שלייקעלעך בא אים געהאלטן אפן הויזן לײַב. ער האָט פארזען דאָס קײַלעכיקע געשאָרענע קעפל צו דאָבענ און דער־שראָקן צוריק א שפרונג געטאָן אין אוילעמ ארײַן, ווײַל פונקט אין דער מינוט האָבן די צוויי כעוורע פון אויבן שוין אָפגעבונדן די שטריק פונעם קרוק.

— דאָס צווייטע מאָל הענגט זיך ווי געהעריק! — האָט געזאָגט דער שווארצער און גענומען אראָפציִען דעמ שטריק פון דאָבעס האלדז, נאָר זי האָט אים א שטויס געטאָן מיט דער דארער האנט, האָט אין דער צווייטער ארײַנגעכאפט דעם פרײַען עק פון שטריק, מיט אים א פאָך געטאָן און אויסגעשריִען:

— איר וועט נאָך אלע די קאפאָרע ווערן פאר דאָבען!.. — זי האָט גע־מיינט, איצטער וועט זי דערהערן א וואָרט מיטלײַד פון עמעצן, ווען מע זעט, אז זי האלט בא אזא טאט... זי איז אראָפ פון טיש און מיטן שטריק, ווי מיט א בײַטש, אָנגעהויבן אלעמען טרײַבן פון שטוב, דערנאָך פון הויף. דערבײַ האָט זי געשריִען:

— איר האָט געמיינט, דאָבע וועט זיך שוין באלד אופהענגען?.. ניט אזוי גיך!.. איר וועט אלע נאָך די קאפאָרע ווערן פאר דאָבען... — די עט־לעכע פאָר פערד באם הויפ האָבן אליין פון זיך א ריס געטאָן די וועגענער, זיי אוועקגעטאסקעט, ווי פון א וואָלף, מיט א צעפאלאָכעטן גאלאָפ.

[1] א האלבער ארבעטסטאָג אין קאָלווירט.

די אָנטרײַבערס זײַנענ פונ אלע קויכעס אוועקגעלאָפנ נאָכ זיי מיט די בײַטשנ אינ די הענט. דער איבעריקער אוילעמ איז זיכ צעגאנגענ.

דאָבע איז געבליבנ שטיינ איינ-אליינ אינמיטנ פונ פארוואקסענעמ הויפ אונטערנ ווילדנ דארנ עפלבוימ. אפ דער שוועל איז, אונטערבייגנדיק זיכ בא יעדנ טראָט, ארויסגעגאנגענ דער אינדיק. ער האָט זיכ געוואָלט ווי־ניט־איז אָנרופנ וועגנ אלצ, וואָס איז פאָרגעקומענ, כאָטש מיט א שוואכנ „האָלדר”, נאָר קיינ קויעכ ניט געהאט דערופ, זיכ אוועקגעלייגט אפ דער שוועל אונ צוגעמאכט די אויגנ.

6

עס האָט זיכ געקענט דוכטנ, אז פונ דער שטייענדיקער פארגליווערטער נאכט האָט א שטיק פינצטערניש זיכ אָפגעריסנ אונ איז אוועקגעגאנגענ צומ דאָרפ... דאָבע איז געגאנגענ שטיל... די געלאטעטע זוימ פונ איר קליידל האָט ניט געראַשט בא דער ערד, שארנדיק זיכ, העכער ווי עטלעכע בלעטלעכ אינ וועלדל, לעבנ וועלכנ זי האָט זיכ גערוקט. — אירע ארומגעבונדענע שקראבעס האָבנ שטיל געשורכעט איבער די שטיינדלעכ. מיט איינ האנט האָט זי צונויפגעקוועטשט די גראָבע שאל באמ האלדז, אינ דער אנדערער געהאלטנ דאָס שטעקל. דאָס נאָענטע וועלדל האָט זיכ ניט ארויסגעזוננ באמ וועג. די ביימער האָבנ וועגנ זיכ געגעבנ צו וויסנ מיט א שטיל פארטײַעטנ שרעקנדיקנ גערויש. ס'האָט זיכ גערוכט, דאָס גאנצע וועלדל גאנוועט זיכ ערגעצ אונ טאפט, האלט אינ איינ טאפנ מיט בלינדע בלעטער אינ דער פינצטער... צוויי דרײַ צעוואָרפענע פארשפעטיקטע ליכטלעכ האָבנ געבלינצלט אינ דער ווײַט — דער סימענ פונעמ דאָרפ. דעמ הימל האָבנ אײַנגענומענ נידעריק־פינצטערע וואָלקנס, אָנגעלאָדענע מיט שווערער ווארעמקײַט. בלויז אינ א פאָר ערטער האָבנ אראָפגעקוקט פונ דער הייכ עטלעכע בלויע קאלטע שטערנדלעכ...

דאָבע איז אונטערגעקומענ צומ שפײַכלער, ער האָט, ווי אלצ ארומ, זיכ געטונקלט — א פארטיפטער אינ שלאָפ, לעבנ אימ איז ווי א פארדרעמלטער וועכטער געשטאנענ דער אקאציע־בוימ, זיכ קוימ־קוימ געשאָקלט. מע האָט גאָרניט געהערט.

שטומ.

אויסגעשטאָרבנ.

פינצטער... דאָבע האָט זיכ געשארט אפ די שפיצ פינגער. פאמעלעכ געשטעלט א שקראב נאָכ א שקראב. מיט טאפנדיקע הענט זיכ אָנגעהאלטנ פאר דער וואנט, אלעמאָל מיטנ גאנצנ פארגליווערטנ גופ ארײַנגעוואקסנ אינ איר. א גערויש... אינ שלאָפ איז א וואָראָנע אראָפגעפאלנ, אינ מיטנ פאלנ זיכ אופגעכאפט, דערשראָקנ א שוועב־געטאָנ ארופ, דערנאָכ האָט א צווײַג אונטער איר זיכ רוישיק א וויג געטאָנ אונ ס'איז געוואָרנ ווידער

שטיל. דאָבע האָט א ווײַלע זיכ אײַנגעהערט, אריבער אפ דער אנדערער זײַט. פלוצעמ האָט זי אָנגעטאפט א לײטער. צוערשט געמײנט, עס איז א מענטש. גיכ א וואָרפ געטאָנ אינדערלופטנ די הענט אונ דערפילט די איבערגעלײגטע דרענגלעכ... עס האָט קײנ מינוט ניט געדויערט, אונ זי איז געווענ אפנ שפיצ. דאָרט האָט זי אָנגעטאפט אנ אָפגעשטאנענע ברעט אינ בוידעמ. דאָבענ איז פונ אונטערנ הארצנ עפעס צוגעטראָטנ צומ גאָרגל, זי איז שיר ניט אראָפגעפאלנ. דאָבע האָט צונויפגענומענ די לעצטע קויכעס אונ אָפגערוקט די ברעט. די ברעט האָט דערבײַ נאָר א שוואכנ סקריפע געטאָנ אפ דעמ געבליבענעמ פארזשאווערטנ טשוואָק. אפנ בוידעמ האָט דאָבע דערפילט צומ אלעמערשטנ א טערפקע־אלטנ רײעכ פונ געטריקנטע טופינ-בלעטער, געשטאנק פונ פערד־פעל אונ סאזשע־רײכ. א געדיכטע איבערגעטריקנט־שטויביקע פינצטערניש האָט זי ארומגעשטעלט פונ פאָרנט, פונ די זײַטנ, פונ הינטנ. בא איר האָט זיכ עפעס געקרישעט, אָפגעשאָטנ אונטער די פיס. געבויגענערהײט איז דאָבע געקראָכנ פאָרויס, פלוצעמ האָט זי זיכ אָנ עפעס פארטשעפעט, געפאלנ מיטנ פאָנעמ אינ עסעריקנ שטויב אונ פארלוירנ פונעמ פארטעכ דאָס פעקל שוועבעלעכ... טרערנ האָבנ זיכ איר געשטעלט אינ די אויגנ. דאָבע איז געקראָכנ אפ אלע פיר, אינ אלע זײַטנ, האָט ארומגעשארט יעדער שטיקל פארשטויבטנ בוידעמ מיט די הענט, מיט די קני, מיט דער נאָז, מיטנ צעבלוטיקטנ שטערנ... דאָס קלײדל האָט אָנגעטראָפנ אפ עפעס שפיצעדיקס אונ זיכ צעריסנ. די פארבליבענע צײנ האָט זי פארשטעקט אינ דער ליפ אונ זי צעבלוטיקט... געפונענ דאָס פעקל שוועבעלעכ... זי האָט עס לאנג פונ אלע זײַטנ ארומגעכאפט אונ א שוועבעלע אופגעריבנ... א ווײַלע האָט עס זיכ געקווענקלט צווישנ אירע ציטערדיקע פינגער — עפשער זאָל זיכ עס פארלעשנ? — אונ פלוצעמ זיכ פאנאנדערגעצונדנ מיט א בלוילעכ-רויטנ שפיצעכיקנ צינגל, באלויכטנ דאָבעס גרויסע פארטרערטע אויגנ, די פאנאנדערגעריסענע האָר אונ נאקעטע קני אפ די קוקורוזע־שטעקנס. די שײַנ האָט פלאָנטערנדיק זיכ א וואָרפ געטאָנ אפ דעמ הויכנ שווארצנ קוימענ, אינ דער רעכטער זײַט. איבער דאָבעס קאָפ האָבנ אפ דער אומגעריכטער שײַנ סוידעספול, ווי פארוווּנדערט, אראָפגעקוקט גרויזאמ־איבערגעלײגטע באנטענעס. דאָבע האָט אונטערגעקליבנ אונ אונטערגעצונדנ א לאנג שפענדל. מיטנ טרוקנ־קנאקנדיקנ שפענדל איז זי אוועק צומ קוימענ, זיכ אראָפגעלאָזט אפ די קני. פונ אונטערנ הארצנ איז איר ווידער עפעס צוגעטראָטנ צומ גאָרגל אונ זיכ שוינ ניט אָפגענומענ פונ דאָרט. מיט לאנג־אויסגעקרימטע פינגער, איבערגעצויגענע מיט געקנײטשטער הויט אונ בלאָוו-געשוואָלענע אָדערנ, האָט זי גיכ פאנאנדערגעשארט די אָנ א שיר אָנגעהויפנטע פאפשויענע קאטשאנעס טרוקענע שטעקלעכ, שפענדלעכ, דורכגעפוילטע בלעטלעכ, צעלאָזנדיק דערבײַ ארומ זיכ א געדיכטנ שטויב. ניט אפ דעמ אָרט... עס איז פונ יענער זײַט קוימענ... דאָרט אויכ ניט... זי איז אפאָנעמ מעשוגע געוואָרנ... אָט דאָרט

איז עס — אָט אין ווינקל... פונקט אף יענער באַנטע — האָט דעמלט זיך געטריקנט די פעל... דאָבע איז א ווײַלע געשטאַנען פארגליווערט. דאָס שפּענדל האָט אלץ נידעריקער געפלאַקערט. עס האָט דורכגעשורעוועט א מויז — א סימען, אז פון אונטן ליגט ברויט... דאָבע האָט פאַגאַנדערגע־שארט דאָס מיסט און זיך געקליבן צום גריבל.

ס'איז דאָ!

זי האָט גיך אראָפּגעלאָזט די ציטערנדיקע פינגער, טיף א שאר געטאָן אין אלע זײַטן, אָנגעטאַפּט דעם זאַק, אין וועלכן זי האָט דאָס גאָלד באַ־האַלטן... אָט איז עס — פול, געפּאַקט!.. זי האָט ארויסגעשלעפּט די האַנט. אין דער צווייטער האָט געברענט דאָס שפּענדל. אף איר פארגעלטער דאַ־רער דלאָניע איז געלעגן א לאַנג געפּייגערטער שטשור מיט אן אָפּגעגע־סענעם קאָפּ...

„זײַוולס ארבעט...—האָט אין איר דורכגעבליצט א געדאַנק. — אן איי־גענער ברודער"... — כוץ זײַוולען האָט קיינער איין לעבעדיקער נעפעש ניט געוווּסט, אז זי האָט דאָ באַהאַלטן א זאַק מיט גאָלד...

פארן פאַלוירן גיין האָט נאָך דער געדאַנק איר באַוויזן אין דער לעצ־טער רעגע פונעם פארגייענדיקן לעבן: זײַוול — א נאַכט-גאַזלען...

דאָס פלאַקערנדיקע שפּענדל איז אראָפּגעשפּרונגען לעבן דער געכאַ־לעשטער דאָבען, אף די טרוקן-פארשטויבטע שטעקלעך און בלעטער...

7

עטלעכע גלעקער מיטאַמאָל האָבן אפן קאַלווירטישן הויף געטרײַ נאָ־כאַנאַנד געקלונגען. הויכע, אָפּטע, אָט צונויפגעשמאָלצענע, אָט צעטיילטע, נאָר אלץ רופנדיקערע, אלץ ליאַרמענדיקערע קלאַנגען האָבן געוועקט דעם קאַלווירט. פון פאָרנט זײַנען אין א שורע הײַזער די שויבן געווען ווי שפּיגלען מיט פײַער. א ווײַטער אָפּשײַן האָט זיך צעשפּרייט הינטער די שטיבער איבער די גערטנער, געפאַלן אויף צום טונקעלן וועלדל, דאָרט ארויסגעכאַפּט פון דער פינצטערניש צוויי ווײַסע צעשויבערטע־צעהויקערטע בערעזעס. א וועוויריק האָט דערשראָקן א שפּרונג געטאָן מיט א קרומער ליניע פון איין שפּיץ אפן אנדערן. סאָוועס האָבן זיך גרוילעכ צעשריען פון אלע זײַטן. זיי זײַנען בלינד געוואָרן, ניט געוווּסט וווהין זאָלן זיי פליען?..

שווארצע בײַנגען פלאַטערנדיק-דערשראָקענע קראָען האָבן זיך געטראָגן הויך אין העל באַלויכטענעם הימל מיט א קראַקענדיקן גוואַלד. דער גוואַלד האָט זיך איבערגעקרייצט, דוכט זיך, אין אלע עקן וועלט. קליינע הינטע־לעך, גרויסע הינט האָבן געבילט פון הינטער יעדן פּינצטערן און באַשײַנטן פּלויט, פון יעדן באַלויכטענעם טויער ארויס, און זײַנען מיט רויטע אויגן, ארויסגעשטעקטע צינגער און באַשעפּטיקט-צעפּאַכטע עקן ארומגעלאָפן אי־

בער די וועגן. אַן אַלטער בלינדער איז געשטאַנען אינמיטן גאַס אין אַ טיפער גרויסער קאַליוזשע. ער און די קאַליוזשע — בלוטיק פון אָפּגע־שפּיגלטן פֿײַער... ניט וויסנדיק ווי אַרויס, האָט ער געטופּקעט אויף איין אָרט און געקערט דאָס בלינדע פּנים אין אַלע זײַטן:

— ווו ברענט?..

— די טווּע ברענט!..

— דער שפּײַכלער!..—האָט מוירעדיק, שוין הייזעריק, געשריִען אַ קאַלווירטניק, וואָס האָט געוועקט פון שטוב צו שטוב. אויף יעדער גאַס האָט געוועקט אַן אַנדערער, איינע נאָך דער צווייטער זײַנען אָפּגעשפּרונגען טירן. מענטשן, האַלב־אָנגעטאָנענע, זײַנען אַרויסגעלאָפן, געטראָגן וואָס ווער האָט געהאַט, געיאָגט מיט ווילעס, מיט העק, געיאָגט מיט לאָפּעטעס, מיט צעבערס, זיך געטראָגן מיט קייטן.

אין עק דאָרף איז אויסגעוואַקסן אַ צונויפגעשטופּט רעדל מענטשן מיט פּעלצן אויף די הוילע העמדער, אין אָנגערוקטע היטלען.

— ווער האָט געקענט אונטערצינדן?..

— ווען מע ווייסט!..

— קלערן איז ניט די צײַט!

— גאָלד... גאָלד ברענט דאָרט! — האָט אַ וווּקסיקער ברייטפּלייציקער יונג מיט צעוויכערטע האָר און אָנגעצונדענע אויגן אויסגעדונערט, וויִזנ־דיק אויפן שפּײַכלער.

— גאָלד... אונדזער פּראַצע ברענט!..—מיט דעם געשריי זײַנען דער יונג און נאָך אים אַלע אוועק צום שפּײַכלער, דער אַלטער מיט דער לאַנ־גער צעווייעטער באָרד, אַ ווײַסע ווי פון פּאַקליע, איז אַרויסגעלאָפן אָן די ברילן פון שטוב, אַנטקעגן איז אַרויס דער שאָכן אין איין גרעט מיט אַן עמער אין האַנט. נאָכשלעפּנדיק זיך באַם עמער, האָט אַ קליין צעפּאַטלט מיידעלע געשריִען:

— טאַטע... האָסט היצ... טאַטע... דער דאָקטער וועט שרײַען...

דער פֿאָטער האָט אַרויסגעריסן דעם עמער און, קלינגענדיק מיט דער קייט איבערן בלעך, אוועקגעלאָפן אין דער נאַכט, שפּרינגענדיק מיט לאַנ־גע ווײַסע פיס.

דעם ווײַסבערדיקן אַלטן האָט איבערגעשניטן דעם וועג אַ פרוי, מיט לאַנגע שוואַרצע פאַנאַנדערגעפלויגענע האָר:

— אונדזער טווּע! — האָט זי אויסגעשריִען און איז אוועקגעלאָפן.

אינעם ראַש פונעם אויפגערודערטן, אויפגעהויבענעם דאָרף האָט זיך מיט שטומפּיקן ווייטעק געשניטן דאָס פאַרמאַטערטע רעווען פון בעהיימעס. אין די אויגן פון אַן אַרויסגעלאָפענער פרוי, אויף אירע פאַרבראָכענע נאַ־קעטע הענט האָט זיך געשפּיגלט און געוואַקלט דער אָפּשײַן פון פֿײַער. דאָס צעפּאַטלטע מיידעלע האָט געקוקט, געקוקט אויף דער שכיינע און זיך צעווײנט. פון אַ קליינעם פאַרנייגטן שטיבל איז אַרויס אַ פויערטע מיט

ווייסע צעשאָטענע האָר. זי האָט געווײַלט, געפּלאָנטערט זיך אין קליידל און איינגעהויקערטערהייט געטראָגן א טשוהונענעם טאָפּ וואסער צום שפּײַכלער. אנטקעגן דער סרייפּע...

ניט געוווּסט האָט קיינער, פון וואָס זי איז געקומען, די סרייפּע, ניט געטראכט דערפון. מע האָט געוווּסט איינס: מע דארף אראָפּוואַרפן דעם דאך, איידער דאָס פײַער וועט זיך א לאָז טאָן נידעריקער. מע דארף אראָפּראטעווען די טווּע פון שפּײַכלער. אין הויף, א ווילד פארשאָטענעם מיט פונקען, האָט מיט פלײַס געווימלט דער גאנצער אופגערודערטער קאָל-ווירט. עס האָט געהויבן די לופט א הירזשענע פון אפגיך ניט אין דער פּאָר צווייפגעשפּאנטע פערד, א רעווערײַ פון אין אלע זײַטן צעלאָפענע קעלבער, א הירזשערײַ פון לאָשעקעס, א קוויטשערײַ פון א סאך צווייפגעשטופטע ביז דערשטיקט ווערן כאזיירים, א טרעשטשען פון פײַער, קלאפּערײַ פון אפּגיך צופּאָרנדיקע און אָפּפּאָרנדיקע פעסער — א הימלשרײַענדיקער גוואלד און געטומל. אפ א פּאס רײַטנדיק איז דורכגעפלויגן דוואָרצע. זי האָט האסטיק געטריבן די פערד. פון אויבן אין פלאקער, אין געדיכטע זײַלן רויך, האָבן מיט פלינקע העק קאָלווירטניקעס זיך געראנגלט, געדונערט אין פײַער.

ס'האָט זיך פּלוצעם טרעשטשענדיק אָנגעכאַפּט דער אקאציע-בוים... ער האָט זיך געשאָקלט ווי וועלגדיק זיך אויסדרייען פון פײַער, זײַנע צווײַגן האָבן זיך פארויכערט פון אלע זײַטן. דאָס פײַער האָט ארומגעכאפּט א נעסט. ביז פּאלן, האָבן זיך פון איר ארויסגערוקט צווײַ נאקעטע העלדז-לעך מיט גרויסע, ציטערדיק-שפּרינגענדיקע אייגלעך. מע האָט ניט געקענט הערן זייער פּישטשען, מע האָט נאָר געקענט זען ווי עס עפענען זיך גיך, ברייט, מיט מוירע, מיט ווייטעק זייערע שפּיציקע שנעבעלעך. שרעקלעך צוויטשערנדיק, האָבן זיך איבער דער נעסט געדרייט אן „ער" און א „זי". דאָס פײַער האָט זיי אפ הייסע כוואליעס אלעמען געהויבן ארוף. פּלוצעם האָט איינס פון די פויגלען זיך שנעל א לאָז געטאָן אראָפּ, דאָס צווייטע האָט אים נאָכגעטאָן, איז פארפאלן געוואָרן אין רויך. מיט איינעם פון די צווײַ אייפעלעך זײַנען זיי ביידע שווער ארויסגעפלויגן פון פײַער...

— וואסער !..

— וואסער דערלאנגט ! — האָבן געשריגן די שווארצע קאָלווירטניקעס אפן דאך.

— לייטערס אהער !

— נאָך לייטערס !..

— ווא-א-סער !...

— די סטעליע איז א געוואלקעוועטע — זי וועט אויסהאלטן !..

— מע וועט אָפּ-לעשן !

ברייטע שטראָמען פון ברעזענטענע ארבל האָבן אָן אופהער געשאָסן ארוף. עמערס, צעבערס האָבן אין פלינקע הענט געפּליוכעט איינס נאָכן

אנדערנ. פעסער זײַנענ צוגעפאָרנ אונ אָפּגעפאָרנ אינ אלע זײַטנ. מיט צעגליטע העק האָט מענ געקלאפּט, געשמעטערט פונ אויבנ דעמ דאכ פונ שפּײַכלער מיט די לעצטע קויכעס...

ווענ מע האָט צעהאָרפּנ דעמ דאכ — די סטעליע איז געבליבנ גאנצ, דער שפּײַכלער קימאט ניט גערירט — האָט מענ גיִפונענ ליגנ לעבנ דעמ אײַנגעפאלענעמ קימענ אינגאנצנ אנ אָפּגעסמאליעטנ, דורכויס פארנעצטנ קערפּער פונ א מענטשנ מיט אנטבלויזטע פארויכערטע צײנ... ניט ווײַט פונעמ קערפּער איז געלעגנ א טליענדיקער שטשור...

טאראנטא, קאנאדע

פּרץ מאַרקיש

אויפֿגאַנג אויפֿן דניעפּער

(קאַפּיטלעך פֿון אַ פּאָעמע)

1

עס טאָרטשען נאָך אויף פֿעלדער שטאַמען אַלטע,
שטאַמען אַלטע פֿון פֿאַרפֿוילטער קוקורוזע;

אין יענע קאַנטן
ליגט ערגעץ באַהאַלטן
די אַלטע היים —
די אויסגעהוילטע און פּוסטע...

זי גיט דאָרט שאַלעם אויף פּונוויין מיט געוויין
און נידעריק ביז דר'ערד צו יעדערן זי גריסט זיך...

עס טאָרטשען נאָך אויף וועגן ווערבעס טריבע,
מיט בלינדע שטיבעלעך פֿאַרשטאָכן אין די ווייט;
מע פֿאָרט מיט שנעלן דורכשווינד זיי אַריבער,
מיט גרילץ פֿון צונגן יאָגט מען זיך פֿאַרביי:

— וואָס קערן זיי די דורכפֿאָרער פֿאַרבייִקע דען אָן זיך?
— וואָס גריסן זיי אַזוי זיך נידעריק־פֿאַרטייעט?
נאָר ס'גיט דער ווינט אַ ברעך זיך און אַ בלאָנדזע,
דער וועג גיט נאָך אויף זיי אַן אומעטיקן טייט:

— אָט דאָ ניט ווייט — געלאַטעט און געלעכערט,
— אָט דאָ ניט ווייט — פֿריטשמעליעט און געלענקט, —
זיי זיצן נאָך אין אַש און קראַצן זיך די דעכער
מיט אָפּגעברענטע קראָקועס, ווי מיט אויסגעדרייטע הענט.

אָט זיינען זיי — פֿון ראַנד ביז ראַנד — צעוואָרפֿן,
ווי טאָרבעס אָנגעפּילט מיט טרויער און מיט שרעק;
שוין אומעטום געווען זיינען זיי אָרכים
אויף גאָרער ערד — פֿון עק ביז עק,

אונ איצטער האָט אווינט זיכ איבער זיי צעהוידעט,
ער טרײַבט זיי איצטער סווישטשענדיק ארומ
זיכ אויסטרייסלענ דעמ אומעט פונ די בוידעמס,
אונ אויסבערעכנ דעמ טרויער ביזנ גרונט.

ס'איז האלבע נאכט, עס לויפט דער צוג,
אפ הערנער נעמט ער דאָרט דעמ אומעט פונ די מײַלנ —
אימ קלעקט קיינ צײַט אונ קיינ געדולד
זיכ שטעלנ פּײַפנ דאָרט א יעדער ווײַלע, —

ער גיט א פּײַפ א דויערדיקנ איינעמ,
ער גיט א ריס דאָס אינגעווייד פונ שטאָל
פאר פינעפ-זעקס פּאָלסטאנקעלעכ איביינעמ,
פאר פינעפ-זעקס פּאָלסטאנקעס מיטאמאָל

אונ טראָגט זיכ ווײַטער — קײַענדיק די קאָליעס,
אונ טראָגט זיכ ווײַטער — רײַסנדיק דעמ רוימ;
איינ-אונ-איינציקס אונ באפּעפנדיקס — זײַנ קאָל איז,
עס איז צו קיינעמ איז דער פינצטער ניט פארטרויט.

אונ ניט קיינ שאָרכ אונ — ניט קיינ מורמל
פונ מיטנ נאכט, פונ מיטנ סטעפּ, —
ער לויפט דער צוג דאָרט אפ געשלעגנ מיטנ אוראלט,
ער לויפט דער צוג דאָרט אפ געשלעגנ מיטנ דניעפּ.

א דרײַסיק-טויזנטיקע מאכנע ז'שוינ צעשטעלט דאָרט,
עס זײַנענ ברעגנ שוינ באלאגערט אונ באזעצט;
פונ זיבנ הויפּט-שטעט אונ פונ דערפער אונ פונ שטעטלעכ
גייט אפ אימ צונויפ די קלוגסטע צוימ אונ דאָס געזעצ.

עס טראָגנ בערג זייערע שטיינער שוינ צושטײַער,
אונ די קאריערנ זײַנענ אופגעשפּארט אונ גרייט;
איז רײַסט דער צוג זיכ — אפ קיינ אויגנבליק ניט אײַלענ
אונ אינ דער ווײַט וואָקזאלנ — ווארטנ אינ דער ריי.

דורכ שויבנ — ליכט אונ קעפּ, אונ — א געהודע
פונ אלע ווינטיקע וואגאָנעס נאָכאנאנד —
ס'פארמאכט דאָס פענצטער איינער פאר א צוגווינט,
דאָס הארצ צעעפנט איינער פאר דער נאכט.

אונ אלע ווארטנ אפ א ווונדערלעכער סטאנציע,
בא יעדנ ז'אָנגעטאָנ אפ פלייצעס דער באגאזש —
א גאסט אנ אָנגעפלייגטער ט'יעדער דאָ אינ קאנט זײַנ
ס'וועס אים די געגנט דאָ באגעגענע מיט ראש.

נאָר איינער שפאנט איבערנ מיטלסטנ וואגאָנ אום,
פונ שווארצער שויב פארוקט ער דעם ברעזענט;
ער וויל עפעס אינ געגנט דאָ דערקאָנענ,
ער וויל עפעס אינ געגנט דאָ דערזענ.

ס'גייט דאָ זײַנ קינדהײַט נאָכ ארום איבער די מיסטנ,
א יעדער דורכגעלאָזטער בוים אים טוט דאָ באנק;
ס'קאָנ יעדער ווינט דאָ פונעם קאנט אים א באגריס טאָנ
אונ אים ארומנעמענ אונ אויספליעסקענ: — מרובא!

— זע, ווי א פריילינג גיט זיכ בראָיענד א צעברענ איצט,
— זע, ווי אינ בליִונג אונ אינ גרינס ער טוט אונדז אָנ;
מיט יאָרנ צריק דורכ אָט די וועגנ צו א גרענעצ
געפירט אפ שלאכטנ האָט טרובא אנ עשעלאָנ.

איצט אײַלנ צוגנ זיכ אפ פרידלעכע מארשרוטנ,
די ערד צעבליט זיכ איצט מיט ליבע אונ געבוי;
ער וואָלט אראָפגעגאנ א הוילער פונ זײַנ רו דאָ,
אונ בעגאנגענ ביז די קני וואָלט ער אינ טוי,

אונ געזאָגט וואָלט ער צו יעדערנ אזוי:
— אפ זיבנ גרענעצנ מיר האָבנ זיכ געשלאָגנ,
— אפ זיבנ גרענעצנ מ'האָט פאנצער-וועגט געזוימט,
— אפ זיבנ גרענעצנ געפאלנ ווי א האָגל

פאר אָט דער ערד, פאר אָט דער נאכט, פאר אָט דעם פרילינג,
פאר אָט דעם פרידלעכנ געארעם מיטנ ווינט;
נאָר ס'שנײַדט דער צוג אונ צײַט האָט ניט באווייליקט,
נאָר ווײַטנ — אפ אנטקעגנ טראָגנ זיכ געשווינד

מיט רויכ פונ שמעלצ, מיט פעלד-גערוכ פונ האָניק,
מיט לעצטע קאנעצלעכע ארײַנגעדרייט דערשראָקנ;
אונ כוואליעס רײַסנ זיכ: — רעווע טײַ סטאָנע,
אונ ברעגנ בראָיענ דאָרטנ: — דניפּ שיראָקי...

ס'הערט אײַנ טרובא זיך פֿאַרנדיק אינ צוג,
אים דוכט זיך אויס — ער הערט זייער געשריי דאָ:
אים דורכנ לײַב גייט דורך אזא מינ צוק,
ווי דאָס וואָלטנ פונ דניעפּ געשריגנ זײַנע ציידעס

אונ שלאָגנ פאָרט ער זיך עס איצט מיט זיי דאָרט.
אפ אָנגריפ פירט ער עס אצינד אנ עשעלאָנ;
עס ווערט אים הייס: — נו, גרייט זיך דאָרטנ, ציידעס!
די אויגנ גיבנ אינ דער נאכט ארײַנ א לאָפּ:

ער וואָלט מיט ליפּנ זיך איצט צוגעלייגט צום פֿאָל נאָך.
אנ אָנגעגאָסענער מיט רײַפקײַט אונ געוואג,
אונ צו זײַנ יוגנט אויסגעדונערט: — פֿאָלגעי!
ווי אפנ דעק פונ שיף אינ ווײַסע נעכט פונ דער גיעוואַ.

אונ ווי א הויפנ פאלנדיקע שטערנ
גיבנ זיך יאָרנ פאר דערמאָנונג א צעשיט;
ער זעט זיי — שטײַפע, שטייניקע אונ שווערע,
ער זעט זיי — קלעטערנ אפ מאסטנ פונ דער שיף.

נאָר ס'שווימט פארבײַ די שויבנ א וואָקזאל,
א צווײ—דרײַ פײַערלעך אונ עמעצנס באנאכטיק קאָל דאָרט.
עס לויפט דער צוג, די ווײַטקײַט ער באפאלט,
די נאכט מיט פונקענ ער באשפריצט דאָרט אונ באגאָלדיקט.

אונ ווידער אזא פײַפ א דויערדיקער איינער,
וואָס גיט א ריס דאָס אינגעווייד פונ שטאָל,
פאר פינעפ—זעקס פאָלסטאנקעלעך אינײנעם,
פאר פינעפ—זעקס פאָלסטאנקעס מיטאמאָל.

2

צוויי שטראָמענ ליכט — ווי זילבערנע צוויי הערנער,
צוויי שטראָמענ ליכט — ווי בויגנס אינ געיעג;
דער הימל לויפט פארבלאָנדזשעט צווישנ שטערנ,
די ווײַט קומט אָנ אונ לייגט זיך אפנ וועג

מיט שרעק, מיט ווינט, מיט בלענדיקײַט געפאסיקט,
צופוסנס — אונטער ראָד — זי פאלט דאָרט צו, —

אפ צוויי צעלאָזטע און באַלויכטענע לאמפאסן
שנײַדט דורך אפ העלפט די פינצטערניש — דער צוג.

לאמטערנס צוויי — אפ זײַן געפאנצערטן צוקאָפּנס
און די געוועלטיקײַט אפ שטרעקעס — אים געהערט,
אפ מײַלן ווײַט — די קאָליעס ציטערן און קלאפן
און ווײַטן מעלדן זיך — אליין — ווי צום פארהער.

און ס'שפאנט טרובא פון א וואגאָן אין א וואגאָן:
דאָ צאנקען בערד, דאָ צאנקען אויגן קאליע, —
ער קאָן דאָ קיינעם ניט און אלעמען ער קאָן,
אן אייגענער איז ער דאָ גלײַך מיט אלע.

ס'איז אין ברעזענט דאָ יעדערער פארמאכט,
די קעלנער — אופגעשטעלט — מיט שאליקעס — פארבײַגן;
עס ווערט זײַן אומעט שווארצער פון דער נאכט,
ווען עמעצער פון זיי שטרעקט אויס צו אים די אויגן.

ער קוקט אין שויב. די נאכט איז הויל.
...זיי פאָרן אזוי לאנג ארום שוין אפ די באנען
און איינער גענעצט אויס דעם אנדערן אין מויל:
— און וויפל טעג צו פאָרן איז פאראן נאָך?

און זיכער איז אזוי דאָס פאָרן מיט דער באן
און גוט, וואָס ס'איז פאראן אזויפיל מײַלן;
מע זעצט זיך אויס — א באנק אנטקעגן באנק,
מע זעצט זיך אויס מיט מײַלער קעגן מײַלער.

מע דרייט זיך איין, מע סאדערט זיך די רוקנס,
און איינער טונקט זײַן ברויט אין צווייטנס זאלץ —
און איינער בײַסט מיט צאָן מיט איינציקן א שטיקל צוקער.
גלײַך ווי געשפילט וואָלט ער אפ דעם אזא מין וואלס.

און עמעצער באדארף א מעסער —
עס ליגט אפ זײַנע קני א הערינג, ווי א קינד —
און ס'איז ניט קלאָר נאָך: — ווער וועט וועמען עסן —
בא ביידע זײַנען אויגן בעלמעדיק פארקילט...

ער לויפט ארום. ער שטופט דאָרט דורך דער וואנט זיך,
עס האָבן ויסגאנגענ אים שוין פארפעלט;
נאָר דער קאָנדוקטער איז אין קאס: — ס'איז ניט קיין סטאנציע,
נאָר דער קאָנדוקטער שרייט: — מיר שטייען דאָ אינמיטן פעלד!

און פון דער אנדערער קופּע
שטעקט איינער אויס א יאָלעמדיקן קאָפּ אהערצו;
ער קאָן ניט דורך איבער די טאָרבעס און געפּעק,
און עפּעס א באקאנטער טומל פון די שטימען הערט זיך...

עס גייט די וועטשערע די אָרעמע נ'וואגאָן,
מ'האָט שוין געפּארעט טיי. מע בלאָזט שוין און מע סמאָקעט;
סע שטעקט א קאָפּ. ער קוקט זיי אַלע אָן,
און ס'לאָזט צו אים זיך צו א זאָקן — אויסגעמאָגערט —

און גיט זיך מיט דער באָרד אין אים אזא פאראנקער:
— כ'מיין איך, כ'מיין טאקע איך אליין!
ער ציט זיך אויס און פרעגט בא אים זיך מיט דער האנט דאָרט:
— כ'מיין, עפּשער האָט איר, כאווער — ניין?

דערמאָנט איך נאָר, —
א פרייע פּיליזשאנקע...
איר זייט מיר אזא קאָנטלעכער,
אזא באקאנטער!

ס'פארשטאָפּט זיך אים דאָס מויל
מיט שרעק, דעם זאָקן,
דעם צונג ער דרייט און קנוילט
און סמאָקעט:

— איר זעט עפּעס סאָוועטסקע וולאסט וואָס דאָ איז?
סע פעלט אונדז דאנקען גאָט דאָ ניט קיין האָר;
עס זאָל נאָר אזוי וועלן גיין דער פּאָיעזד
נאָך א הונדערט צוואנציק יאָר,

מע זאָל אפּ יעדער סטאנציע פּארען טיי
און ברויט זאָל מען אפּ יעדער סטאנציע געבן —
איז וואָלט מען זיך שוין ווי-ניט-איז געטיילט
און ווי־ניט־איז שוין אָפּגעשטופּט דאָס לעבן...

די אלטע שרעק פארלייגט דאָס קאָל אים:
„— מישטיינסגעזאָגט, וואָס דארף א ייִד — א סאך?
איר זײַנט, דאכט זיך, דער קאָדניער באלעגאָלע,
— הא?

דערמאָנט אײַך נאָר,
ווי רופט מען אײַך — דערמאָנט אײַך, —
— איר זײַנט מיר אזא קאָנטלעכער,
— אזא באקאנטער!..״

3

דערנעבן אין קופע האָט זיך געטומלט און געראשט,
מ׳איז דאָרט געשטאנען אויסגעפוצט אין היימישע וואטניקעס;
און אוורהם-הערש דער בריגאדיר האָט דאָרט געגאָסן פון א פלאש,
ב׳אפ יעדער וואָרט האָט ער זיך לאכנדיק פארהיקעט.

געקרייצט האָט זיך ס׳געלעכטער מיט דעם פײַפ פון צוג,
מיט גרילץ פון שטאָל געטשאָקט האָבן זיך פלעשער;
א פארע — אין דער הייך. דאָס ליכט זיך מאָרדעוועט און טוקט,
עס שלײַדערן זיך הענט געזונטע, ווי באם דרעשן.

די קעפ פארוואָרפן זיך פאר גרינער שארפ פון בראָנפן,
אָט איז טרובא. מיט אויגן איבער שקאליקעס א פיר
און שמייכלט קלינגענדיק ארויס און אָפן:
— א נעכטעלע פון זעלבסטעטיקײַט, א, בריגאדיר?

עס גיט בא אלעמען דאָס הארץ א טיאָכקע,
א פריילעכקײַט בא אלע כאפט זיך אָן אין בליק;
ב׳ווענ איינער פרוווט זיך אופהייבן פון אָרט דאָרט,
גיט מיט דער באָרד דאָרט אוורהם-הערש אזא קאָמאנדע: — ליג!

מיט ווינטשעוואניעס גרויסע אָנגעפילט זײַן קאָל איז,
די גלאָז דערלאנגט ער טומלדיק דעם גאסט:
— ס׳איז ניט קיין מאשקע! — ס׳פאָרן באלעגאָלעס
פארדינען ברויט בא דער סאָוועטסקער וולאסט!

עס האָבן הענט געהויבן זיך ווי פושעקעס אָן בײַטשן,
געסמאָקעט מ׳האָט די גלאָז די איינציקע אפן וואגאָן,

דער צוג פון דר'היים געווען איז זייער ווײַט שוין —
ס'האָט קיינער פון צוריק שוין טראכטן ניט געקאָנט.

האָט אווראָם־הערש געזעגן אין דער הייך דעם בריגאַדירסקן גאָרגל
און מיט דער פלאַש געטוליעט זיך צו יעדער פּאָר:
— נעווייִלעס! אָן דער בײַטש זאָלט איר מיר דאָרטן נאָכגיין,
ווי ס'זײַנען פערד בא מיר געגאנגען צוואנציק יאָר.

ארומגעווישט דאָס מויל האָט אווראָם־הערש זיך מיט דער פּאָלע
און אפ טרובאַן האָט אווראָם־הערש געטײַטלט מיט דער פלאַש:
— איז זאָל זי וויסן, די סאָוועטסקע וולאסט,
אז ס'טרינקט ניט קיין מאריטש אומזיסט א באַלעגאָלע.

געזען, פארפרוווט, זיך אויסגעגלײַכט און — אײַדאַ!
און איצטער, באַלעגאָלעס, אײַנגעשפּאַנט זאָל זײַן —
— לעכאיִם, באַלעגאָלעס, לעכאיִם, ווי בא לײַטן,
און פון דער פלאַש האָט ער אליין דאָס לעצטינקע דערזײַט.

מיט קלומקעס און מיט זעק פארוואלגערט דער וואַגאָן איז,
ניטאָ קיין פלאַץ אפ אויסצייִלן א שפּאַן;
פון שטעטל אופגעהויבן האָבן זיך די באַלעגאָלעס
און אָפּגעלאָזט אפ ארבעט זיך — ארטעלן — מיט דער באַן —

זיך אויסגעפּוצט ביז לעצט — אין אויסגעקראָכענע, אין אַלטע פּעלצן,
און ביזן הימל אויסגעזידלט זיך — אפ קאָשער און געדיכט,
און אווראָם־הערשן אויסגעקליבן פארן עלטסטן
און אווראָם־הערשן אויסגעקליבן פארן בריגאַדיר.

נאָר אָפּגעזונדערט אין א ווינקל איז געזעסן זאָזל,
ווי אזא קוואָקעדיקע הון אונטער א זיפּ,
דאָס פליכעוואטע פּאָנעם איז בא אים געווען פארבלאָזן
און אלעמאָל האָט ער א לעק געגעבן זײַן צעהאַקטע ליפּ.

ס'האָט אים זײַן פערד אין מויל אמאָל געטאָן א נערעק,
אז ס'האָט די ליפּ געפּלאַצט בא אים אפ העלפט,
נאָכהער איז עס פארוואָקסן זייער ניט געהעריק:
א האַלבע ליפּ — אהין, א האַלבע ליפּ — אהער.

ב'געדאכט האָט זיך, אז ער האָט אָנדערהאַלבן מײַלער.
איז ער געזעסן אין א ווינקל און געקרעכצט,

און אוואָרם־הערש ט'אים פאַרגעהאַלטן אַלע ווײַלע:
— וואָס דרייסטו מיט די זיבן מײַלער, זאָזל, — לינקס און רעכטס?

און זאָזל האָט געהײַלט אפּ אזא פינצטערן סאָפּראַן,
געמאָרדעוועט די צייג. מיט יאַסלעס גאַקעטע גערודערט;
געטאפּט האָט ער זײַן זאַק און זײַנע קלומקעס מיט דער האַנט,
ווי ס'וואָלט אין זיי באַגאַסן זײַן נעשאָמע זיך מיט בלוט דאָרט.

און ס'האָט זיך אוואָרם-הערש געבעטן בא אים ראַכמים:
— קרעכץ ניט, זאָזל־לעבן! קרעכץ ניט, כיעס,
— פאַרשטער אונדז ניט דעם וועג! וואָס האָסטו זיך צעיאַכמערט,
נעווײַלע מיעסע וואָס דו ביסט?

איך זאָל ניט זײַן קיין קויען, זאָזל,
איך זאָל איצט מיט די הענט ניט זײַן געהיט,
איז וואָלט איך די פאַרשיווע קישקעס דיר געלאָזן,
אָט ווי דו קוקסט מיך אָן א לעבעדיקן ייִד!

נאָר דעמלט האָט זיך זאָזל ערשט צעכריפּעט און צעקרייט:
— ווער קרעכצט? איך האָב עפּעס א טראָווערדיקע זאַך דערמאַנט זיך!
האָט אוואָרם־הערש אפּ אים די פלאַש די ליידיקע געטאָן א דריי:
— איז טרינק! און ווער דערוואָרגן, זאָזל-מאַמזער!

אז סאַכאַקל ביסטו דאָך א גאַנעוו, זאָזל, — יאָ!
נ'דײַן ווײַב — וואָס מיינסטו? פּרווו נאָר, לאָז זי!
נ'דײַן שווער — איז דיר צו פינצטערע צו לאַנגע יאָר —
איז אויך געוועזן א ייִד א גאַנעוו, זאָזל!

סע מעג אים דאָרטן איבערקערן אין דער ערד,
זאָל ער מיר מויכל זײַן מיט זײַנע הענט, מיט די געניטע;
ווען ער זאָל וויסן, אז ס'איז אפּן הייליק-אָרט פאַראַנען א פאָר פערד,
איז וואָלט ער טויטערהייט מיט זיי אוועק אפּ א יאַריד דאָרט.

און דו — דער שענסטער איידעם זײַנער — האַ! איז וואָס אפּ דיר דער „אוי״?
ס'איז מיר פאַר דיר א וויסטע כאַרפּע, זאָזל!
פאַראַן א גרויסער גאָט! וועסט מירטשעם גאַנוועןען דאָ אויך,
אבי סע וועט זיך נאָר דיר לאָזן!

און ווידער — טומלדיק, און ווידער — ראַשיק.
ס'ווערט פאַרגעזעצט אין באַן דער הילכיקער מאַריטש;

א יעדער זוכט עפּעס פאַרזאָרגט אין זײַנע טאַשן,
באַ יעדערן די האַנט אין קלומעקעס זיך גליטשט —

מע גיט אַפּן וואַגאָן דעם רייעך פון ציבעלעס א לאָז אָן
אַזוי, אַז טרערן שפּריצן פון די אויגן ווי פון גאַז;
און ציבעלעס מע עפנט אויף ווי בײַכיקע ווי רונדע מאָזערס
מיט גאָלדענע קאָפּערטעס טרישטשענדיק געפאַסט.

מע קיצלט זיי, מע טאַפּט זיי און מע דרייט זיי — און סע דאַכט,
אָט באַלד וועט מען זיי אָנציִען ווי אַלטע גראָבע זייגערס
און זיי וועלן צעקלינגען זיך — פאַרצײַטיק צאַרט,
ווי ס'האָבן גלעקער באַלעגאָלישע געקלונגען פאַר די זיידעס.

און — קיינער ניט קיין וואָרט. מע קוקט זיך נאָר אַרום.
מיט נעזלעכער — מע פרעגט. מיט נעזלעכער — מע ענטפערט.
מיט נעזלעכער — מע מרוקעט: — המ... הומ...
און ווער — סע רוקט זיך אָפּ, און ווער — סע רוקט זיך נענטער.

און ס'הערט זיך דער געכראָמק. און ס'הערט זיך דער גערויש
פון ציבעלעס, גענומענע אַפּ אויפגעבראַכטע ציינ;
זיי וואַרפן פון א יאַסלע צו א יאַסלע זיך דערלאַנגענ
און א יעדער מוסקול גלײַך ווי קוועקזילבער דערציילט:

ווי זיס ס'זײַנען די ציבעלעס. ווי ס'שפּריצט פון זיי מיט שפּײַעכץ.
ווי ס'גלוסט זיך נאָך א הערינג א געזאַלצענער צו זיי.
און די ציינער מאָרדעווען זיך און די ציינער שרײַען
פון איינ זײַט אַפּ דער אַנדערער — צעמאָלן און צעזייט.

און די נאַכט איז לאַנג, זי ציט זיך דאָרט אַפּ מײַלן,
און א ווינט דאָרט ערגעץ בושעוועט און דרייט;
איז ווישט מען זיך מיט אַרבל מעכטיק אָפּ די מײַלער,
מע צעקעמט די בערד מיט פינגער ווי אין דר'היים.

דערנאָך שטעקט מען אַרײַן די קעפּ נאָך אין די קלומקעס,
פּונקט ווי אין די טאָרבעלעך פאַרגראָבן זיך די פערד,
און מע ציילט ס'געבליבענע — שווער אַזוי און אומעטיק,
און ס'גלוסט זיך יעדן איינציקן א וואַלגער טאָן אַפּ דר'ערד.

נאָר ס'רײַבט זיך אוואָם־הערש די אויגן מיט דער פּאָלע
און שטורכעט יעדן איינעם ווי אַן אָפּגעפּוישטע פּאַס:

— דאָס איז ניט קיין וועטשערע, כאווירים, באַלעגאָלעס,
— מאריטש ס'איז, באַלעגאָלעס, מיט סאָוועטסקע װלאסט!

און מיט אַלטע קלומעקלעך דורך פענצטער אופגעמאכטע,
און מיט ווײַט־ארויסגעשטעקטע נײַגעריקע קעפּ
איז צו דאָרט—צום וואָקזאַל דער צוג, ווי אזא וואכטע,
אפּ רווישיקן געפליעסק פון אופגאנגדיקן דניעפּ.

4

געוועלבט איז דער קאַריער מיט קאַלעכנע קופּאָלן געפּלאטשט
און שפּאַלטן דורכגעפּרעסענע זיך רײַסן פון די טיפן;
ווען אווראַם־הערש האָט זיך פארפּוצט אין גומענעם אין לאנגן פלאשטש
און אָנגעטאָן די גומענע די הויכע שטיוול,

איז ער געוועזן ענלעך צו אן עלטסטן פון אזא מין שייוועס,
וואָס האַלט זיך אוף אין הײלן העפקערע פון בערג:
נאָר ס'האָט דער קאַלך ווי קויטיק אײַז געשווומען א געשטרײַפטער
און אים געטראָגן, אווראַם־הערשן, ווי אן אומעטיקן ווײַסן בער.

און פּײַערלעך איז ער געשטאנען, אווראַם־הערש, אין זײַן גומאָווער הויט,
ווי אָפּגענומען וואָלט ער דאָ אפן קאַריער גרויסארטיקע פּאראדן;
ער האָט געשוויצט, די אויגן זײַנען אים געוועזן אָנגעגאָסן־רויט,
און האָט געטראכט, אז מיט א טאנץ וואָלט ער דאָס אויסגעטאָן אוואדע,

און מיט א טאנץ וואָלט ער צוריק די בײַטש גענומען, אווראַם־הערש דאָרט,
און מיט א טאנץ וואָלט ער אין וואָגן צריק ארײַן;
א זשמעני היי — א זשמעני גערשטן
און צום וואָקזאַל וואָלט ער אוועקגעשמיסן אין א הערעפּײַען.

אויב אַלע באַלעגאָלעס זײַנען דאָ, אפן קאַריער,
איז עס די טײַטש – אז א וואָקזאַל א לעבעדיקער שטייט דאָרט ליידיק;
און נאָך געטראכט האָט אווראַם־הערש, אז ברויט מיט קוילעטש האָבן וועט אָט דער,
וואָס וועט דער ערשטער אופהייבן די פּיס און מאכן פּלייטע...

נאָר ווען ער האָט דאָרט אויסגעפּוצטערהייט דערזען,
אַז אַלע באַלעגאָלעס זײַנען נעבן אים ווי בײַ דער באַן פאַראַנען,—
איז ווי אַ בער ט'ער אופגעהויבן מאָגנדאָווערדיק די הענט —
און אויסגעוויאָקעט לאַכנדיק: — אַן עק, ווייהאַקויאַנים!

ס'הייסט: — שטעלט זיך, באַלעגאָלעס, אַלע אויס,
און נעמט זיך, באַלעגאָלעס, ווי מע הייסט, צו דער אַווידע;
און זאָל פון אײַך די באַלעגאָלעדיקע פאַרע גלײַך אַרויס
און הערן זאָל מען ניט פון אײַך קיין וואָרט און קיין געוויי דאָ!

ס'האָט אַחרים-הערש אַמאָל אַזוי קויהאַנעוועט אין שול,
ס'האָט אווראָם-הערש אַמאָל אַזוי קויהאַנעוועט מיט זײַנע שקאַפּעס,
ווען מיט אַ וואָגן איידעלע פאַרשווינענע אָנגעפּולט
האָט מען געטריבן און געיאָגט — מ'זאָל ניט אַרײַנפאָרן אין שאַבעס.

ס'האָט קיינער ניט געטאָרט אַרויספאָרן פאַרפריר,
געקיניגט ס'אווראָם-הערש איבער די זיבן ווערסט געליימטער בלאָטע;
און אויב אַנטקעגן אָנגעקומען איז אַ פויערישע פור,
האָט זי גענומען רעכטס און אווראָם-הערשן אָפּגעטראָטן.

געוווקסיק-הויך איז אווראָם-הערש דער באַלעגאָלע,
ס'געשטופּלט פּאָנעם איז מיט רויטע פלאַמעס פײַערלעך באַהויכט;
ווי נאָר ער פלעגט אַראָפּוואַרפן די פּאַסאַזשירן, איז באַלד פאַרהייבן
זיך אַ פאָלע
ב'געשטעלט זיך מאַשטן זײַן אין מאַרק באַם פערד אונטערן בויך.

און אויסזידלען אין דר'הייך די שטאָט די גאַנצע אָפּן קאָל,
און איבערשיטן זידלענדיק דאָס ביסל סיטשקע אינעם וואָגן,
און ערגעץ אויסזוכן אַ טשאַסטאָקאָל,
ב'זיך לויפן שלאָגן.

אין שול האָט ער דאָס גאַנצע לעבן ניט געהאַט קיין אָרט,
ב'באַם אָפּדינגען אַ כאַזן האָט ער זיך געקאָעלט מערער פונעם
גרעסטן טאַקעס,
און טאָמער וואָס — האָט ער געסיפּעקט וואָרט בײַ וואָרט:
— אַ רועך אין אײַער טאַטנס פערעטאַטנ-טאַטן!

און טאָמער האָט מען דאָרט אַ מענטשן פון זײַן גראַד דאָס מויל
פאַרשטאָפּט,
פלעגט זיך דאָס בלוט אונטערן טאַלעס אים צעקאָיען;

צווישנ אלע באלעגאָלעס אפנ שטאָט
איז ער דער איינציקער געווענ א קויענ.

ווענ מ׳האָט צום דוכענענ באדארפט זיכ אָפּוואשנ די הענט,
איז אווראָם-הערש געגאנ פארפריר — צום אלעמ ערשטנ;
ווי זײַנ פײַטאָנ געגאנ איז פונ וואָקזאל געווענדט —
אונ אלע זײַנענ נאָכגעגאנ נאָכ אימ, נאָכ אווראָם-הערשנ.

אונ אפּצעלאָכעס אלעמענ — האָט ער
דאָרט גייענדיק געברומט א פײַנע באלעגאָלעדיקע סאָלע:
אז אלעמענ זאָל זײַנ באוווּסט — אז וואָס געהער
אזוינע איידלע זאכנ, קאָנ זיכ שטאָט אפ אימ פארלאָזנ.

אז אָט די איידלע זאכנ קאָנ א באלעגאָלע טאָנ
ניט ערגער פונ די שענסטע אונ בעקאָוועדיקסטע קרעמער;
איז ער געגאנ אונ אָנגעמאכט א ראש, ווי זײַנ פײַטאָנ,
אונ אָפּגעשטעלט זיי דורכ א לאָשנקוידעשדיקנ פינטל מימ די בר ע.

ער פלעגט פארקאטשענ זיכ די ארבל ביז די אקסל אונ נאָכ העכער
אונ אָנטרײַבנ די מאָגערע לעוויִימ, ווי די פערד:
— גיסט, גיסט אפ אווראָם־הערשנ! כ׳ל באלד באצאָלנ מיט א לעבעדיקנ
יעוואָרעכער
אונ שטופּנ פלעג ער זיי די נאסע קולעקעס אינ מײַלער אונ אינ בערד.

עס האָבנ די לעוויִימ לאָשנקוידעשדיק געקוקט אפ אימ צוערשט,
דערנאָכדעמ האָט א צאָנ שוינ ניט געטראָפנ — ווו א צאָנ איז:
— וואָס האלט איר אזוי הויכ די הענט, רעב אווראָם-הערש?
איר האלט דאָכ ניט די ווישקעס! איר טרײַבט דאכט זיכ ניט אָב
איצט?

נאָר אווראָם־הערש האָט מיט קיינ וואָרט זיי ניט געענטפערט די
לעוויִימ:
דאָס מויל ט׳ער מיט א „סטרוקצי״־ניגנ זיכ גענומענ רײַסנ;
„— איר זײַנט פארקראָכנ, אווראָם־הערש! — האָט מענ גע„נו״־קעט אימ, —
ווהינ?
אונ ער האָט אפּצעלאָכעס נאָכ די אויגנ זיכ באמיט פארגלײַזנ.

ער האָט דער איינציקער אינ שטאָט פארגינט זיכ פירנ פראָקלאמא־
ציעס מיט זײַנע פערד

אונטערנ געזועס פֿלעג ער זיי אויסבעטנ אונ זיבנ וועדסט מיט זיי
זיכ טרייסלענ;
אונ אינ ברעזענטיק־ברייטע היפֿטנ צוגעקלאַפּט: — אהער —
מעג זיכ אַלײנ מאַטריעכ זײַנ אַרײַנקריכנ דער קייסער!

אפֿ א יאַריד איז אוואַמ־הערש געגאַנגענ זאַגנ בלויז מעווינעס
אונ העלפֿנ אויסדינגענ א רעכטע פּרײַז;
דאָס אויג — געשלײַפֿט אונ קאַלט אונ גרינ איז,
די ווײַט פֿאַר אימ צעשפּאַרט אַלײנ זיכ אונ צערײַסט.

אונ בלויז פֿונ דורכגאַנג האָבנ פֿערד אַלײנ געעפֿנט אימ די מײַלער
אונ בוזעמס האָבנ זיכ צעשפּאַרט בא פּויערלעכ — אַלײנ —
איז וואָס האָט שוינ די ווערט געהאַט צו טרעפֿנ
— יאָ, צי נײנ?!

געריסנ האָט מענ זיכ צו אימ פֿונ יעדער זײַט — אָנ אופֿהער:
אָט דאָ — א קוק, אונ דאָרט — א פֿערד פֿאַרפּרוווּנ
אונ אַלע מאָל דערלאַנגט דער מאַרק א הירזשע אונ א ריטש,
אונ אַלע ווײַלע—טרינקענ גייט דאָרט אוואַמ־הערש מיט עמעצנ מאַריטש.

געפּלאַצט האָבנ די שקאַליקעס דאָרט — גרויס אונ קלײנע
אונ אָקעס ביר צעשוימיקט — אינ דער הייכ—אַלײנ,
דערנאָכ האָט אַלצ זיכ אויסגעמישט אײנײנעמ
טאַנדייט אונ פּעלצנ, גלאָז אונ באַקאַלײ.

אונ פֿונ אנ אָגער — אונטער ד׳הענט — געוואָרנ איז א שקאַפּע,
אונ פֿונ א שקאַפּע — אונטער ד׳הענט — געוואָרנ איז א קאַלב;
אונ אויגנ האָבנ זיכ פֿאַרגלײַזט שוינ אונ פֿאַרגאַפֿעט
אונ מ׳האָט די קעפּ געשפּאָלטנ אפֿ דער האַלב.

אונ אויסגעהאַלטנ מיט מוזיק האָבנ כאַזײרימ אפֿ די וואָגנס,
א יעדער בויכ ז׳אנ אָנגעבלאָזנ־מעשענער טראָמבאָנ;
דער מאַרק דער גאַנצער אויסגעמישט אינ אײנ פֿאַרדרייטנ קאָנ איז,
מע הייבט זיכ אונ מע פֿאַלט אונ יעדער האַלט אינ עפּעס דאָרט זיכ אָנ.

אונ ס׳רײַסט אינלופֿטנ זיכ דאָס ריטשענ פֿונ כאַזײרימ שווער,
פֿאַרשטופּט אינ דושנע זעק צו גאַנצע זעקסנ;
אַזוי ווי זיי וואָלט מענ געבראַכט אהער
אז ריטשענ זאָלנ זיי, ווענ אָנהייבנ כ׳וועט דאָ געשלענ זיכ.

עס שוויצט דער מארק. ער טראָגט זיך ווי אפ אײַז צום טהאָם,
און ס׳ליסקען זיך בא יעדערן די האלדז-און-נאקנס;
א יעדער שרײַט דאָרט מיט די גאָרגלען אויס זײַן קראָם
און פּענעמער ווי דעכער אין א סרייפע בייגן זיך און קנאקן.

עס גיט א גרילץ א סעדעכע, ווי עמעצן וואָלט זי באוויינען,
און איינער שווערט זיך מיטן טאָג, און איינער שווערט דאָרט
מיט דער נאכט זיך,
און צוגעגאנוועט האָט מען שוין א פּעקל פלאקס בא איינעם:
— אָט ערשט האָב איך עס געהאלטן, — קלאפּט א דריטער זיך אין הארצן.

און איינער אָנגעכאפּט האָט עמעצנס א באָרד
און שרײַט: — אָט איז עס אָט — אָט איז עס —
און שרײַט: — ס׳איז פונקט אָט דער קאָליר! אָט האָט איר צו דער פּאָר
און נאָך א בינטל פלאקס ווערט צום פארגלײַך דעם מארק באוויזן.

און יעדער כאפּט א קוק אפן געפּאקטס:
און אוילעם — זידט, און אוילעם — וואקסט,
און יענער מעסט דאָרט ציץ — פּארדרייט ווי אפ אן אקס:
— וואָס זאָגט איר, הא? ס׳א באָרד, ס׳י ניט קיין פלאקס!

— וואָס זאָגט איר פלאקס? אוועלכע פּאָר?
— וואָס האָט איר זיך באזעצט אפ מײַנע יאָרן?
— איך בעט אײַך, גייט אוועק! איר וועט מיך שפּעטער רײַסן פאר
דער באָרד,
— אז איך וועל אָפּלאָזן דעם אָרל!

— ס׳א באָרד — זאָג איך אײַך — ייִד!
— וואָס האלטסטו מיך, וואָס האלטסטו!
— ס׳א באָרד און ס׳א יאריד
— און ס׳א נאכאלסטווע!

און אוורוּם-הערש איז אין געדרענג. ווי האָפּן בליִען אפ אים דאָרט
די פּליאמעס,
אפ זײַנע הענט איז א געפּליעסק און ס׳ציקלט זיך א גליטש;
ער איז דאָרט בוידעק פלאמיקע פעגירעס-פערד צו צען מיטאמאָל,
און אלע ווײַלע גייט ער טרינקען מיט אן אנדערן מאריטש.

און פון אן אָגער ווערט אונטער די הענט — א שקאפּע,
און פון א שקאפּע ווערט אונטער די הענט — א קאלב;

און אויגן שיקערע פאַרגלײַזן זיך, פאַרגאַפּטע
און קעפּ צעשפּאַלט מען דאָרט מיט פלעשער אַף דער האַלב.

אַזוי האָט אַווראָם־הערש פון יעטווידן יאַריד זיך אָפּגעשפּאָרט
אַ לאָך אין קאָפּ, אַ לעבעדיקע לאָך — בימזומענע;
דאָס בלוט פלעג אים אַראָפּגיין ביז דער באָרד
און ער האָט זי, די באָרד, אין האַנט גענומען,

און בליאַסקענדיק מיט זײַנע גרויסאַרטיקע מעווינעס,
האָט ער דעם קאָפּ צום פערדנמאַרק געטיטשעט מיט דער לאָך:
און אויסגעפּינעט:
— שלאָגט, שלאָגט נאָך!

דערנאָך
האָט ער אַף אָרט צעבלוטיקטע אַרופגעלייגט די האַנט
און אָפן מאַרק געקוקט מיט אַ געשנאָרך,
און צוגעדעקט דעם קאָפּ האָט ער, ווי שאַנד,

און האָט אַהיים געשפּאַנט,
ווי פון אַ כופּע־וועטשערע אין מאַרק אַן אויסגעטאַנצטע,
מיט שווערע שיקערלעכע טריט —
נאָר ס'האָט זיך אים פאַרהיילט אינגאַנצן
ביזן אַנדערן יאַריד.

און איצטער שטילט זיך אויס זײַן קאָפּ פון מערק און פון געשלעגן,
מיט קאַלך גליט זי זיך אויס אין אונטערערד — אָפן קאַריער;
אין דר'הייך דאָרט ערגעץ גייען זיי געמאָסטענע — די וועגן,
וואָס פירן באַלעגאָלעס אויסגעשפּאַנטע אָף אַהער.

זי ליגט דאָרטן אַף יענער זײַט, די היים, ווי אַ געלײמטע מאַמע,
אַן אָפּגערופענע פון טויט שוין זיבן מאָל;
דאָך צינדן זיך פון בענקשאַפט אַווראָם־הערשן אָן די פלאַמעס
און ס'ווילט זיך טאָן אַ ריטש ווי צען יאַרידן מיטאַמאָל,

און זיך דערזען באַם היימישן וואָקזאַל אין אַלטן באַלעגאָלעדיקן שטויב,
און גיין צופוס די זיבן ווערסט געלײמטע בלאָטע,
און אָנקלאַפּן באַ יעדן שטיבל אין דער שויב:
ס'איז איך! ס'איז אַווראָם־הערש! — דאָרט אויסשרײַען דעם לעצטן אָטעם.

באַר אָפּגעשײדט איז ער פונ דר'הײמ מיט גראָבער גרעמפּליעדיקער גומע,
ס'זאָל ניט אדורכ פונ דאָרט דער מינדסטער קער;
— אָט איז ער, אוראָמ-הערש, פונ אזא אָפּגעראַשטנ מארק געקומענ, —
— אָט שטײט ער דאָ אונ טײַנעט מיטנ זאסטעפּ צומ קאריער:

די פענצטער פלעג אמאָל צעפּעפּענעג א האלבע שטאָט,
ווענ מ'האָט דערהערט דעמ גלאָק פונ פערד פונ זײַנע אפּ די וועגנ,
אונ אויסשרײַענ מיט פרײד: — סע פאָרט שוינ אוראָמ-הערשס פײַטאָנ!
נ'ארויסלויפנ אפּגיכ. דערזענ. באגעגענענ. אנטקעגנ.

אונ איצטער לויפנ בערג. זײ רײַסנ אופּ זיכ מיט געפּראל,
ס'צעטראָגט דער קלונג דער טריבער זיכ אפּ גאנצע מײַלנ;
מע דארפ שוינ מער קײנ באנ אונ קײנ וואָקזאל,
מע דארפ אינערגעצ שוינ אפּ שאבעס זיכ ניט אײַלנ...

עס סווישטשעט ניט איבער קײנ פערד זײַנ אומעטיקע קײַלע,
מיט זאסטעפּ טרײַבט ער איצטער אָנ די קאלעכענע ערד,
באשפּײַט זיכ אוראָמ־הערש די הענט דאָרט אלע ווײַלע,
פארוקט דעמ קאפּישאָנ אונ גיט דאָרט א דערמאָנ זיכ אונ א קלער:

גוסטירט צו פאָרנ קײנ אמעריקע האָט ער אמאָל,
ווײַל מיט אזא מינ ארבעט, האָט מענ אימ געזאָגט, איז שארט מענ דאָרטנ גאָלד,
אונ אז סע גיט א גײ אוועק די צײַט דאָרט בעסער,
אונ אז מע סווישעט זיכ א ביסל אויס, איז ווערט מענ גאָר א פרעסער·

האָט ס'ווײַב מיט אימ א פארשע באָלעק אָפּגעלערנט דאָרט,
האָט זי — די ייִדענע — אימ אָנגעטאָנ אינ שפּאנ:
— א באלעגאָלע, — ט'זי געטײַנעט, — פאָרט ניט קײנ אמעריקע,
— א באלעגאָלע, — ט'זי געטײַנעט, — פאָרט זיכ צו דער באנ!

בּו — באנ איז באנ! — גיט ער דעמ שטײנ מיט קאס א שפּאלט דאָרט,
אונ — ווײַב איז ווײַב! — גיט ער די הענט מיט רוגזע א באשפּײַ:
— א שטאָט א גאנצע אפּ דער צוימ האָט ער געהאלטנ,
אונ אלײנ געלאָזט זיכ פירנ פונ א ייִדענע — א ווײַב...

איז שטײט ניט, באלעגאָלעס, — אויס!
גיט אוראָמ-הערש, ווי מיט דער בײַטש, א פאָכע דאָרט זײַנ קאָל אויס, —
דאָ וועלנ קײנ פארשוינדלעכ ניט אראָפּקריכנ פונ פאָיעזד,
באלאגאָלעס!

נאָר ווענ טרובא איז צוגעפאָרנ מיט א פראַכטנ פערד אונ וואָגנ
אפ דורכפירנ א מיטינג אינ קאוריער —
איז אווראַמ־הערש ארויס, א קוק געטאָנ צעטראָגנ,
פונקט ווי אינ ווײַטנ אופגעיוירענע וואָלט ער זיכ אײַנגעהערט.

אָט איז ער שוינ באמ פערד. באשמעקט אימ, ווי זײַנ היימ, מיט שטאָלצ אונ ליבע
אונ פײַער טראָגט זיכ אימ פונ באק צו באק —
אונ מער מיט נעזלעכער ווי מיט די ליפנ,
האָט ער ארויסגעפינעט: — יאָ... ס'איז א באקאנטער שמאק!..

א דריי. א קוק. אהינ. אהער.
אימ אָפגעשפאנט. ארופ. עס זעט ניט קיינער.
מיט ביידע פיס דערלאנגט אינ בויכ דעמ פערד
אונ אָפגעריסנ פונ דער ערד זיכ מיטנ שפאק אינאיינעמ.

אונ ווינטנ יאָגנ נאָכ,
אונ ווינטנ — אפ אנטקעגנ —
פונ קיינעמ — ניט קיינ שאָכ,
ס'האָט קיינער ניט באגעגנט.

ארויפגערוקט די הוט,
די סטעפנ־בריט דאָרט פרעסט ער —
אונ ווינטנ שרײַענ: — גוט!
אונ ווינטנ שרײַענ: — פעסטער!

ס'איז הייס דער צעפּאלאָכ
אונ פײַערלעכ־פארהאוועט —
אונ ווינטנ שרײַענ: — נאָכ!
אונ ווינטנ שרײַענ: — בראוואָ!

געפליעסקעט האָט די שווינדקײַט
אפ בליאסקעדיקנ גליטש —
אווראָמ־הערש מיט ווינטנ דאָרט
אפ זוניקנ מאריטש!

ער האָט געריטנ ביז איבער דער בריט פונ סטעפ
אונ זיט איז אימ געווענ די פערדישע מארשיקערדיקע פארע;

צום ערשטן מאָל האָט אווראָם-הערש — אליין — אזוי געשטעפּט
און, דאכט זיך, אז צוזויפגעשטעפּט האָט ער דעם סטעפּ דאָרט מיט
די כמארעס,

צונויפגעגאָסן אווראָם-הערש האָט הייליק מיטן פערד זיך,
ווי איינע אזא מין לויפנדיקע כּלי — מיט צוויי קעפּ;
און ביידע סאָפּען ווי אין גראדן פערציק,
און ביידע, ווי א מיאטש א גומענער אין סטעפּ.

און הין און צוריק, און ווידער און פארקערט
און ס'ווייסט שוין אווראָם-הערש אליין ניט — ווו ער פאָרט דאָ;
ס'האָט דאכט זיך אויסגערונען אים דער וועג צו דעם קארייער
און אלץ האָט אין די אויגן זיך פארפלאָנטערט און פארפלאָכטן.

ס'איז סטעפּ — ארום. און סטעפּ — פון אלע זייטן.
און ווינט — ארום — פארווויקלט און פארוויגט;
און נאָך די פייערן, ווי נאָך סיגנאלן-שייטערס,
האָט אווראָם-הערש זיך אומגעקערט צוריק.

טרובאנ ט'ער ניט געטראָפן אין קארייער שוין,
מ'האָט אף אנדער פערד אים אָפּגעפירט אהיים;
און אים האָט מען געייצעט, אווראָם-הערשן,
ער זאָל טרובאן דאָס פערד איצט אָפּפירן אליין.

געווען ס'איז טונקל שוין. ניט פרי גאָר,
די נאכט פון לאנג האָט שוין געבלאָנקעט אפן וועג:
ס'האָט אווראָם-הערש זיך מיט קיין וואָרט איצט ניט דערווידערט
און צו טרובאן איז ער א שטילער רייטנדיק אוועק...

5

דאָס ערשטע מאָל ט'געטראָפן מיט טרובאן
פון זינט דער קריג, פון זינט דער רעוואָליוציע,
מע זאָל בא אים — אונטער דער האנט
א פערד אוועקפירן אזוי-אָ פלוצעם.

ער האָט אליין זיך שמייכלענדיק געפרעגט,
און אפן קאָפּ געטראָפן:
— געשיקט זיך, אז ער איז אוועק?
— געשיקט זיך, אז ער איז אנטלאָפן?

ער האָט געוווּסט, אַז ס'פּאָדערט זיך ניט קיין פאַרדראָס,
אַז רויִקייט באַדאַרף מען אָט אַזאַ מין,
וואָס גילט אין אַלע צייטן אַ מאַטראָס
סיי אויף דער טריקעניש סיי אויף די ימען...

ער האָט געוווּסט ווי ס'דאַרף צו זיין דער טאַם
פון טראָגן שטראָף און פון באַשטראָפן;
נאָר ס'לייגט זיך ניט אויפן פאַרשטאַנד
צי ווירקלעך ס'האָט מיט אים געטראָפן?

די אויגן גיבן אים אַ לאָף,
די ליפּן — שטייף עפּעס אַ בלעבל;
און אויסקלויבן זאָל ער אַ שטראָף,
האָט זיך אוועקגעשטעלט זיין אייגן לעבן...

אין יאָך פון קיניגלעכן פלאָט
פון פריִען טאָג ביז נאַכט ביז שפּעטער
— וואָס נאָך, וואָס מער? אָט איז ער, אָט,
נ'געוועב פון יאָרן זיך דערזעט ער.

...אַ צוגעשמידטער צו דער פּאַלוב
איז ער געשטאַנען יעדן טאָג אונטער דער ביקס.
פון זון צעפּאַליעט
און צעפּיקט,

געקוקט מיט בלייַ צעשמעלצטן אין די וויִעס,
ווי ס'רייסט אַ וואַל דאָרטן אַ וואַל אויף,
ווי אַרום אים דער ים זיך וויגט
און כוואַליעט.

ס'קלעמט אים צונויף אַזאַ פאַרדראָס,
ער גיט אַ הייב זיך מיטאַמאָל אויף:
ס'האָט אויפן ים דאָרט קיינמאָל ניט געלאָזט זיך קיין מאַטראָס,
ווי דאָ איצט אויפן פערד אַ פּראָסטער באַלעגאָלע.

אַ יעדע רגע ט'זיך געזאַמט,
אַ יעדער אויגנבליק האָט זיך באַוויגן,
און צוויי און זיבעציק פונט זאַמד
אים האָבן צו דעם דעק געצויגן.
נאָר ניט קיין רודער מיט דער האַנט

און ניט קיין פּינטל מיט די אויגן.
ער איז געווען געווינט צו אָט דעם יאָך,
וואָס האָט מיט האַס אים אויסגעפּאַשעט,
ווי צו די זיבן ביינער אין דער וואָך,
ב'ווי צו דער שטענדיק טוכלער קאַשע.

האָט ער זיך שטייענדיק געוויגט ווי ג'שלאָפֿן,
ס'האָט ביז דער דיך די האַנט אַראָפּגעלאָזט אונטער דער ביקס זיך
און בלויז דעם צונג פֿון מויל האָט ער באַוויזן אָפֿט
אָפּ אָפּלעקן דעם שווייס, וואָס האָט ווי אומפּלייט זיך געביסן.

די לעצטע שטראָף האָט ער געפּאַקט — דערמאָנט ער זיך איצט — אַקוראַט —
פֿאַר דער צווייקעפּיקער שטיק מעש, וואָס אַף זיינע רימען;
דעם צווייטן טאָג האָט ער זי ניט געהאַט
ווי ס'דאַרף צו זיין געפּוצט און ניט געריבן;
און ס'האָט אַראָפּגעפּאָכט אין קויט דער אימפּעראַטאָרישער פֿויגל
פֿון זיין פֿאַרקרעמפּעוועטן בויך;
די געלע פֿליגל אויסגעזוען האָבן ווי שטרוי
נאָך אַ געדרעש —
האָט זיך אַן אָפֿיצער איבערן רימען אויסגעבויגן
און מיט דער שווערד גענומען קראַצן די שטיק מעש:
— ס'אַ שטשור, דו הינטיש בלוט, — ס'איז ניט קיין אָדלער!
און נאָכגעזאָגט דעם אָפֿיצער ט'ער וואָרט באַ וואָרט דאָרט:
— פֿאַראַן מיט הינטיש בלוט אַן אָדלער, —
האָט אים דער אָפֿיצער,
אַראָפּגעלאָזט אין באַק
אַזאַ פֿאַרטויבנדיקן פּרעכע:
— מאַטראָס טרובאַ!
— פֿאַראַן, מאַטראָס טרובאַ!
— געהערט?
— פֿאַראַן, געהערט!
— מיך הערט דער גאַנצער עקיפּאַזש, —
האָט אָפֿיצער געפּלאַמט
און נאָך געשריגן העכער, —
— מיך הערט דער גאַנצער יאַם,
ניט נאָר אַ הונט אַ פּרעכער!

ס'דערלאַנגען זיינע ציין ס'פֿאַרגאַנגענע אַ קריץ,
עס גיסט דאָס האַרץ זיך מיט באַליידיקונג אַזוי אָן,

ער קאָנ זיכ נאָכ ביז איצט
בא די דערמאָנונגענ ניט צוימענ
דאָס בלוט גיט אימ פאר דעמלט ביז די שלייפנ נאָכ א בליצ:
ער האָט דאָכ בלויז געוואָלט אראָפּלאָזנ די אויגנ
אפנ געגורטנ בויכ, פארשלייפטנ ווי ג׳א נעצ,
וואָס צוליב אימ איז ער געשמאנעג אויסגעצויגנ,
נאָר ס׳האָט אימ ניט באוויפּיקט דאָס געזעצ.
אונ ס׳האָט אימ דאָס געזעצ פארווערט
אראָפּציִענ פונ אָפּיצער
ווי פונ א הערינג —
דעמ מונדיר
אונ אימ צעקוועטשנ מיט די הענט,
ווי א פוכיר.

ער גיט דעמ קאָפּ אפ דלאָניע זיכ א לייג:
„— ט׳אזוי ט׳מענ אימ באשטראָפט אמאָל אליינ!..״

ס׳האָבנ זיכ פויסטיק זײַנע מוסקולנ געקרייצט
ווי א שטיק קופּער זיכ געדריטנ האָט דער קינבייג, —
נאָר — טראָפּנ שווייס
אונ — שווארצע רינגענ
אונ — בלויע אָדערנ ארומ דעמ האלדז ווי שטריק.
געצויגנ האָבנ אימ אפ צוריק
אונ אויסגלײַכנ זיכ ניט געלאָזט
א שפּיַ טאָנ כאָטש פונ מאָל צו מאָל נאָר, —
ביז אויסגעדרונערט האָט א שאָס!
„די רעוואָליוציע, זאָגט טרובא דיר: — וואָלנאָ!״

גלײַכ ווי בא זיכ אינ דר׳היימ ז׳די רעוואָליוציע געגאנ איבערנ יאמ,
פונ שיפ צו שיפ האָט זי א פלאמיקע געשטיגנ;
דעמ וועג האָבנ זיכ ווינטנ אָפּגערואמט,
געקרישעט האָבנ כוואליעס זיכ אפ שטיקער,
די אָפּגרונטנ ווי בוזעמס אופגעכראסטעט,
צו אופשטאנדנ — די בערג האָט זי געוועקט
אונ אויסגעקלעפּט באפעלנ אפ די מאסטנ
אונ לאָזונגענ צעשלײַדערט אפנ דעק:
— ארויסגייג זאָלנ אלע מיטאמאָל דאָרט,
פאנאנדערשפּרייטנ פליגלענ בא דער פאָנ,
אונ ס׳האָט די רעוואָליוציע געמאָלדנ:
— דאָס האָב אונ גוטס געהערט דעמ פאָלק!

אונ פריר נאָכ איידער נעמענ אינ די הענט עס
אראָפּגעפּליקט האָט ער פונ זײַנ מאַטראָסנע הויט די לענטעס
אונ מיט א פלאַמיקער שטיק ציץ צעביזאַליעט
אינ הענט אינ אופֿגעהויבענע — פאַרפּרעסט,
פאַרזאַמלט פונ דער שיפ האָבנ זיכ אַלע
אינאיינעם — אײַנגעקלאַמערט — מעטס.
אונ ער צעשמייכלט זיכ: — דער קאָמשעגאַר — דער ערשטער אפ דער פּאַלוב
האָט אפ א קאָל דער פאָנ דאָרט אָפּגעגעבנ „טשעסט".

ס'האָט זיכ אָפּייג ארופגערוקט דאָס קאָמשעגאַרסקע היטל העכער,
ער האָט אינ ראַש דאָס גוטס געגעבנ א באַרעכנ:
— ס'איז צוויי האַרמאַטנ — איינס!
— דער קוילנוואַרפער — צוויי!
— דאָס פליייש אונ די קאָנסערוונ — דרײַ!
— אונ הונדערט אכט אונ פופציק פלאַשנ ווײַנ, —
האָט ער מיט אויגנ גלאַנציקע געטאָנ א פיר, —
— איז פיר!
אונ — די פאַנאַנדערגעוויגטע רויטע פאָנ
— פונ אויבנאָנ!

ס'האָט די דערינערונג זײַנ אופֿרעגונג פאַרטריבנ,
אונ אָפּגעווישט דעם איבערשלאָס פונ וועגנ;
ע־ האָט באַמערקט אינ אָפּבילד פונ דער שויב,
ווי זײַנע ליפּנ זיכ באַוועגנ.

פונקט ווי ער וואָלט עס איצט דאָס גוטס געציילט,
פונקט ווי ער גיט זי אָפּ אצינד ערשט, די קאָמאַנדע;
באַוויזנ שמייכלדיק זיכ האָבנ זײַנע ציינ,
אונ צו דעם שטערנ צוגעלייגט האָט ער די האַנט דאָרט:

— זי האָט זיכ אָפּגעזעצט די צײַט אזוי געלײַטערט,
ער הערט איר ווײַטנ צושלאָג ווי א רופ;
אונ מיט א שמייכל ער דערמאָנט זיכ ווײַטער,
אונ ראַש פאַרגאַנגענער שטייט ווידער פאַר אים אופ.

ווענ מ'האָט אנ אָפּיצער אראָפּגעלאָזט אינ יאַם
אונ איינעמ — בא דער וואַנט געגעבנ א צעטעכער, —
האָט ער צו אַלעמענ געווענדעט זיכ: פאָראַנ!
— כאַווײַרימ רעכנ!

דאָס פֿאָלק גיט אָפּ דעמ יאמ
דאָס, וואָס געהערט דעמ יאמ!
דאָס פֿאָלק גיט אָפּ דער וואנט
דאָס, וואָס געהערט דער וואנט —
געבליבנ זייַנענ צוויי הארמאטנ — איינס,
א קוילנוואַרפֿער — צוויי,
דאָס פֿלייש אונ די קאָנסערווּנ — דרייַ
אונ הונ'ערט אכט אונ פֿופֿציק פֿלאשנ ווייַנ!

נ'ער גיט א קלער:
„— אזוי, קומט אויס, באשטראָפֿט האָט ער,
אזוי, ווייַזט אויס, באדארפֿט האָט זייַנ".
נ'א שניט גיט אימ זייַנ דורכפֿאל מיטנ ווייַנ.

מיט רייַזעס זוניקע אפּ יאמענ אינ דער ווייַט,
מיט זיסנ טשאד פֿונ נאכטישע געטריפֿנ,
געשמעקט האָבנ אינ שראנק די פֿלעשער ווייַנ
פֿארפּוצטע אינ בערעטנ גאָלדענע פֿונ טריוואקס.
זיי האָבנ שטרענג באקוקנ זיכ געלאָזט
אונ אויסליינענ אפּ זיכ דעמ אָפּשטאמ פֿונ די קוואלנ,
וואָס איז געווענ מיט גאָלד דערקלערט אינ יעדנ אָס
אפּ עטיקעטנ ווייַסע פֿונ מעדאלנ
אונ שמערנדלעכ אפּ אקסלענ גלעזערנע פֿארטיפּט,
ווי אפּ פּאָגאָנעס פֿונ די שטאָלצסטע אָפֿיצערנ.
אפּ ריידנ שיקערע געפֿירט האָט זיי די שיפֿ,
אז איידלע מאָגנס זאָלנ זיי פֿארצערנ —
נאָר ס'איז א ציטער דורכגאנ זיכ דורכ זיי,
ס'האָט אזא קלונג, ווי פֿונ א ווונדערלעכנ קסילאָפֿאָנ געלאָזט זיכ,
ווענ ער האָט בלויז זיי מיטנ אויג געציילט
אונ אויסגערעכנט, וואָס זיי קאָסטנ.
ער האָט באשייַמפּערלעכ געהערט,
ווי פֿליסיקייַטנ איידלע שרייַענ אינ די בוטלס,
נו, האָט ער אפּ דער גיכ באוויליקט זייער ווערט
אונ זיי באגיטיקט.

די פֿאלוב איז געווענ געפּאקט.
מאטראָסנ האָבנ זיכ געמערט פֿונ שאָ צו שאָ נאָכ,
געשטאנענ זייַנענ פֿלעשער איידעלער קאָניאק,
ביז העלפֿט פֿארדעקט אינ זילבער־קאפּישאָנעס, —

א פֿיבער האָט געזאָטן און געשלײכט
און אױסגעפּעלט האָט פּלאַץ און אױסגעפּעלט האָט אָטעם:
— מע דאַרף דעם װײַן צעטײלן גלײַך,
— װי ס'האָט די רעװאָלוציע געבאָטן!
און איבער דעק — פֿון זױם צו זױם —
פֿון טריום און צריק — געלאָפֿן ז'ער פּאַרהאַװעט: —
— אַז װי װעט מען דעם װײַן צעטײלן אָט אַזױ,
אַז קײנער זאָל ניט זײַן באַאװלט?
װײַל ס'איז פֿאַראַן א פֿלאַש — א פּראָסטער באַצמאַן
און ס'איז א פֿלאַש — א פֿאָשעטער מאַטראָס פֿאַראַן
און פֿרײד און אומרו אױסגעמישטע שפּראָצן —
און ס'איז פֿאַראַן א פֿלאַש — א גאַנצער קאַפּיטאַן!

ער גײט אין קאָפּ באַ זיך די ט'ג א בלעטער איבער
און שװער איז אים פֿאַרשטײן
די קראַפֿט, װאָס האָט מיט האַסטיקײַט אַזאַ געטריבן
נ'ער גלײבט זיך קוים אַלײן,
אַז װען דער צאַרטער קלאַנג איז אים אין קאָפּ אַרײַן,
האָט ער שױן אײַנשטײן ניט געקאָנט נאָכהער
און װען דער רײעך האָט אין סאַמע האַרץ געטאָן א ריר נאָך
האָט ער ניט אױסגעהאַלטן מער
נ'צו אַלע הונדערט אַכט און פֿופֿציק פֿלאַשן װײַן
געגעבן א קאָמאַנדע: — סמירנאָ!
— ס'באַפֿעלט אײַך די גערעכטיקײַט אַרײַן
אין פֿאָלק, װאָס איז איצט אױפֿן שיף פֿאַראַנען!
און אײדער עפּעס װאָס
האָט ער די הונדערט אַכט און פֿופֿציק פֿלאַשן װײַן אַרײַנגעגאָסן
אין דער קאַפּיטאַנסקע װאַנע —
נאָכהער האָט ער אַראָפּגעװאָרפֿן זײַן געװענטענעם בושלאַט
נ'מיט האַנט מיט נאַקעטער מיט אױסגעטאַטױרטער
גענומען מישן די געטראַנקען אַקוראַט,
אַז טײלן צװישן אַלע זאָל מען קאָנען ריכטיק,
אַז אױספֿעלן זאָל קײנעם ניט פֿון יעדער פֿלאַש,
אַז אױספֿעלן זאָל קײנעם ניט פֿון יעדער סאָרט,
אַז שעפּן זאָל דאָס פֿאָלק פֿון װאַנע מיט דער קװאָרט,
דאָס פֿאָלק זאָל זען גערעכטיקײַט — װי ס'טוט זיך,
געניסן זאָל דער גאַנצער עקיפּאַזש
פֿון אַלע סאָרטנװײַן,
װאָס ס'האָט געשענקט די רעװאָלוציע.

און אין געדרענג פון פריילעך־אופגעלייגטע יאַם-לײַט,
וואָס זײַנען אַרום אים געווען פאַרזאַמלט,
האָט ער אַ יעדער פלאַש, וואָס ער האָט אופגעפראָפּט,
צוערשט גענומען פאַרן קאָפּ
און אויסגעשריגן אפן העכסטן קאָל נאָך:
טרובאַ מאַטראָס זאָגט די מוסקאַטן — וואָלנאָ!
מיט יעדער פלאַש האָט ער געמאַכט אַ כעזשבן פון אַמאָל נאָך:
— טרובאַ מאַטראָס זאָגט די פּאָרטווײַנען — וואָלנאָ!
און צוגעגאַנגען ז׳צו אים דער קאָטשעגאַר,
אַרופגעלייגט אפ פּלײצע אים די האַנט
און אַ געשפּרעך מיט אים אַ זאַכלעכן געהאַט דאָרט:
— ניט רײַס, טרובאַ, זיך אָפּ דאָס האַרץ...
ס׳קאָן ניט געווינטשנס נאָך פון אָט דעם שפּאַס זײַן,
ס׳איז דאָ, טרובאַ, ניט די אַנטשפּרעכנדיקע באַזע...
און — וואָלנאָ — זאָגט די רעוואָליוציע דעם לאַנד,
ניט דעם פּאָרטווײַן מיט די מוסקאַטן!
ס׳האָבן די אויגן זיך אַ ציל געטאָן אפן אים, —
דערמאַנט ער זיך, — ווי מײַלער צווײ פון רעוואָלווערן;
געריסן האָט זיך אײַזעריק זײַן שטים
יעדער וואָרט ז׳געפּאַלן שווערער,
און אַ באַפעל האָט אים דער קאָטשעגאַר דערלאַנגט:
— טו זיך, טרובאַ, צוריק אין דײַן בושלאַט אָן
וועסט זיך אַראָפּלאָזן פון שיף מיטן דעסאַנט,
ניט אין דער וואַנע ווײַן — אפן אַ געטרונקל,
ניט צווישן פלעשער־בראָך און גלאָז געפּלאַצטס,
נאָר אינעם ווײַסן פּאַלאַץ — אפן פּלאַץ —
זיך שלאָגן מיט די יונקערס!

האָט ער געגעבן זיך אַ גאַרטל אונטער
און אויסגעהילכט פון ראַנד ביז ראַנד:
— פּאַראַן!
זיך שלאָגן מיט די יונקערס!

„— ער איז געווען גערעכט, דער קאָטשעגאַר, —
אַזוי האָט מען געטאָן, דאָס איז געווען נאָך קאַרג,
גיט דאָרט אַ רוק אַרופּ די הוט, טרובאַ, זיך, —
ווײַל פּאָרגעקומען איז עס ווירקלעך
אפּ גאָר ניט קיין אַנטשפּרעכנדיקער באַזע...“

דערפאר איז ווענ דער פאלאצ — א פארטויבטער פונ געשאָס
האָט זיכ א לאָז געטאָנ נ׳די אָרעמס פונ דער מאכנע,
איז ער געבליבנ שטיינ זיכ באָברענ מיטנ שלאָס
פונ דער פאראדנער טיר פונ דער פארמאכטער.

געגאנ איז דאָס געשלעג.
געפלויגנ זײַנענ רײַטער.
אונ דער דעסאנט געשלונגענ האָט דעמ ווע.
אונ זיכ געריסנ ווײַטער,
נאָר ס׳האָט פאר אימ אינמיטנ שלאכט
א בליאסק געטאָנ א ווונדערלעכע טיר,
אנ אײַנגעטונקענע אינ פראכט,
געשניצט אונ אינקרוסטירט —
האָט ער דאָס אויג ניט אָפּגעלאָזט פונ איר,
ס׳זײַנענ פונ מויל בא אימ געפלויגנ פונקענ:
— בראטווא, ניט ברעכט די טיר!
— די שארבנס ברעכט אונ קנאקט דאָרט בא די יונקערס!
אונ ס׳האָט זײַנ קאָל געריסנ זיכ נאָכ העכער:
— איכ וועל זי מיט א שליסל עפענענ די טיר —
ס׳א שאָד א שיינקײַט אָט אזא צו ברעכנ!

פונ אלע זײַטנ האָט דער פאלאצ זיכ געעפנט.

ס׳גיט אימ א הייסע פרייד אזא פארהייל
אונ אזוי שטאָלצ גיט ער אינ דר׳הייכ א ציי זיכ
פאר זײַנ פארשטאנד אונ זײַנ געפיל,
וואָס ער האָט דאנ
ארויסגעוויזנ...
נ׳ער גיט זיכ א דערמאנ:
אינמיטנ שלאכט ט׳ער א שטיק שטאָל געפײַלט,
דעמ קאָפּ אונטער א יעדער שאָס זיכ אָנגעבויגנ
אונ יעדער ווײַל
געקוויקט זיכ מיט דער טיר, וואָס האָט געבלענדט די אויגנ.
אונ זי געעפנט מיט געשריי
פונ בלוט, וואָס האָט פונ אימ געקוועלט;
עס האָט זיכ אימ דער קאָפּ פארדרייט,
אונ פונ די פיס א פאל געגעבנ אפ דער שוועל.
אונ ווענ מ׳האָט אימ באנדאזשעוועט די וווּנדנ, ט׳ער געשמייכלט,
דעמ רויטנ קרייצ דערמאָנענ ניט פארפעלט:

— א כײַע נעמענ דארפ מענ שטענדיק נאָר מיט סייכל,
אזוי אפ ניט צעפּאַטערנ איר שיינע פעל!
געקוקט האָט ער אפנ צעבושעוועטנ דרויסנ
אונ אפנ רויטנ קרייצ אונ האָט געוואַרט,
מע זאָל אימ גיכער שוינ ארויסלאָזנ,
אונ זיכ דערמאָנט אינ ווײַנ, אינ קאָטשעגאַר:
— פארנ ליקיאָר געזידלט אינ דער מאמע אונ אינ גאָט זיכ,
די גאָרגלענ פונ הארמאטנ אופגעפליגלט פונעמ פאָל נאָכ
אונ אויסקאָמאַנדעוועט מיט היצ דעמ באַצמאַנ:
— צומ ווײַסנ פאלאַצ — פּאָלנעי!..

— אונ גוט געטאָנ! — האָט ער דערמאַנונגענ געהיפּערט,
נאָר ס'האָט א קלאַפּ זיכ אינ דער טיר דערהערט;
פארשוויצט אונ הייזעריק אונ מיט א כריפּע
באוויזנ האָט פאר אימ זיכ אווראָמ־הערש.

— ביסט דאָ? — ט'א הייב געטאָנ טרובא דעמ קאָפּ,
— האָ־האָ! האָסט א שפּאציר געכאַפּט? א ביסל זיכ צעטויכעט?
— נו, זיצ!.. נו, רו זיכ אָפּ...
— פארייכער!..

— כ'האָב אײַכ געבראַכט דאָס פערד, — האָט אווראָמ־הערש געלאַכט,
מע דארפ עס אָנפּויענ... ניט מער ווי מיט א האלבנ עמער!..
— נו גוט, — האָט זיכ א הייב געטאָנ טרובא, — באַדאַנקענ דיר דערפאר?
אָסט עפשער זיכ גערעכנט דאָס פערד באַקומענ פאר א פּרעמיע?..

אונ אז עס גיט זיכ אווראָמ־הערש א שטעל דאָרט צומ פארהער,
אונ אז סע גיט זײַנ אויג מיט גרינקײַט בראָנפנדיק א שניט:
— איר ווייסט, וואָס ס'האָט א פערד אזא די ווערט,
צי ניט?

אונ אז סע גיט א גיי געראָטנ זײַנ פארהער,
איז גיט ער אזא גלאַנצ גאַנייווּיש אונ געניט:
— איכ וועל זיכ נאָכ מיט וואָראָשילאָווּנ פאַרוועטנ אויסרײַטנ א פערד,
נאָר אָנ א זאָטל. זאָטלענ — ניט!

ווײַל פאָרנ אפ א זאָטל איז אזוי ווי — שפּיל אפ נאָטנ.
אונ אפ נאָטנ שפּילנ קאָנ ניט אווראָמ־הערש דערווײַל;
דאָס קאָנ דער קלעזמער כאַימ־לייב פונ טשידנעוו אָנ אנ אָטעמ
אזוי א שפּיל טאָנ, אז דאָס הארצ זאָל זיכ צעגיינ אפ זיבנ מײַל...

אונ אז סע גיט זיכ אוורא̇מ־הערש א שטעל אפנ פארהער:
— איכ הא̇ב אזעלעכע ווי איר, טא̇ווארישטש, אויכ געפירט אפ מײַנע פערד,
אונ אז סע גיט בא אימ דער צונג א לא̇ז זיכ ווי אפ זיימ:
— אונ פרא̇קלאמאציעס געפירט פונעמ ווא̇קזאל אפ זיי!

טרייסלט אוורא̇מ־הערש פונ זיכ ארא̇פ די זאמד,
פארשטעקט אינ גארטל זיכ די פא̇לע;
אונ אז טרובא גיט אימ א פרעג: — א פארטיזאנ?
איז ענטפערט אוורא̇מ־הערש: — א באלעגא̇לע!

נ'ווענ ס'גיט טרובא א נעמ דא̇רט אוורא̇מ־הערשנ פאר דער צונג:
— נו, ווא̇ס, ס'געפעלט דיר עפעס דא̇ דײַנ איצטיקע פרא̇פעסיע?
גיבנ זיכ די פליאמעס אוורא̇מ־הערשנ אזא צונד
אונ ס'קרייצנ זיכ די אויגנ איבער, גלײַכ ווי מעסערס:

— די היימ איז ווײַט,
אונ ווער זא̇גט אײַכ, אז דא̇ס איז א פרא̇פעסיע?
ווענ ניט די רעווא̇ליוציע אונ ס'ווײַב,
ווא̇לט איכ אינ נײַערא̇ק געווענ מיר איצט א פרעסער.

אונ ס'לא̇זט די אויגנ אוורא̇מ־הערש ארא̇פ
א קראצ גיט ער זיכ, אוורא̇מ־הערש, דורכ ליפנ שטיל — א זײַ:
— באדארפט הא̇ב איכ די רעווא̇ליוצי ווי א לא̇כ אינ קא̇פ!
נא̇ר ראז איז זי שוינ דא̇, טא̇ לא̇ז זי זײַנ!

הא̇ט שמייכלדיק טרובא באטראכט אימ
אונ אימ א זא̇ג געטא̇נ מיט ניט פארשטעלטנ כיינ:
— נו, גוט. ס'הייבט באלד זיכ, דאכט זיכ, א̇נ דײַנ וואכטע,
א בריגאדיר פארשפעטיקט ניט.
— איכ גיי!

— מע זא̇ל דעמ פערד ניט געבנ מערער פונ א האלבנ עמער,
ס'איז נא̇כ פארשוויצט פונ וועג...
ער הא̇ט מיט פרײַענ א̇טעמ זיכ געטא̇נ א נעמ א̇נ
אונ איז אוועק.

6

אינא̇ווניט איז ער טרינקענ טיי געגאנ — פארוקט די הוט,
ער איז געגאנגענ זײַנ אינ קאס אונ זידנ מיט רעציכע:

— וואָס דארפ ער עס ? אז טאָמער וואָס, אז טאָמער טשטאָ ניבוד,
איז טייקעפ אינ גאזעט — אפ גאנצע לײַלעכער אונ ציכנ !

ס'באדארפ דעמ קאָוועד אווראָמ-הערש אינ ארבל, —
טוט ער מיט האנט געפּויסטיקער א פּיר —
אונ אויב ס'איז ארבעט, זאָל עס הייסנ — ארבעט,
ווײַל אווראָמ-הערש, ווײַזט ער אפ זיכ, איז ניט קיינ גאבע, נאָר א בריגאדיר.

— אינ דר'היימ באמ באנ — מיט צוויי פּארשוינ פּארשיווע גאָלע,
האָט מענ געטרענט די ערד — ווער גיכער אָנקומענ ט'איינ שטאָט —
אונ א באלעגאָלע איז געווענ א באלעגאָלע,
אונ פּאָטשאָט געוועזנ איז פּאָטשאָט !

אונ דאָ — איז עס ארטעל !
איז אָדער דו פּארוועטסט זיכ אָדער דו פּארוועטסט זיכ ניט !
— די פּארע אונ די פּעל !
דערווײַל איז אווראָמ-הערש אָטוועטסטווענע !

אונ ס'גיט נאָכ אווראָמ-הערש א זאָג
אונ ס'פּליט אליינ א שפּײַ אימ אפ די הענט שווינ :
— געוואָלט האָט אווראָמ-הערש סאכאקל איינ סעזאָנ,
ווײַל — מאלע וואָס סע טרעפט זיכ מיט א מענטשנ...

נאָר ווענ ער האָט צומ ערשטנ מאָל באקומענ דאָס געהאלט
אונ האָט עס איבערגעציילט נאָכאמאָל אינ בייסאקיסע,
ווײַל — מאלע וואָס — אזוי פּיל אויגנ... דאָכ, איז באלד
אוועקגאנ אווראָמ-הערש עס מײַערלעכ באגיסנ.

באשפּיגנ האָט ער עס, דאָס געלט, ס'זאָל זײַנ מיט מאזל,
דאָס ערשטע געלט, וואָס ער האָט אויסגעארבעט אינ קאריער, —
אונ עפּעס האָט די היימ געגעבנ א דערמאנ זיכ,
אונ עפּעס האָט א בלישטש געטאָנ א טרער...

ערשט דעמלט אויסגעברייטערט האָט ער זיכ דעמ טראָט,
דעמ קאָפּ פּאריסנ העכער,
געהייסנ זיכ דערלאנגענ גלײַכ א פלאש סיטראָ
אינ אויסגעצויגנ זײַנ טוטינ צו אלע : — רעכער !

אונ אליינ געגעבנ האָט ער א בארעכנ :
— מאלע וואָס — דעמ סאָציאליזמ — בינ איכ יעדנ מעכל,

איכ ווייס ניט וואָס ס'באטײַט — אונ וויל דעמ קאָפּ ניט ברענגנ
אונ נאָכאמאָל דעמ קאָפּ א הייב געגעבנ העכער:

ער גיט מיר ברויט — איז פּיר איכ אימ ווי מ'שענסטנ פּאסאזשיר,
אונ בעט אימ אויס די פּור ווי מ'שענסטנ פּאסאזשיר,
אונ וועק אימ אופּ פּארטאָג, ווי מ'שענסטנ פּאסאזשיר,
אונ — ניט קיינ באַלעגאָלע, נאָר — א בריגאדיר!

אונ זאָל ליגט — אראָפּגערוקט דעמ דאשעק,
אונ זאָל קײַעט ווערטער ליידיקע ווי שטרוי —
ער זעט די היימ... דעמ הילצערנעמ פּידאשעק...
אונ ס'איז אימ טרויעריק אזוי...

עס רײַסנ דורכ זיכ לאסטוואָגנס, ווי וויכערס,
זיי שלעפּנ מיט אמ ווײַט א קאלעכנעמ שטויב;
אונ זאָל קוקט: — ס'איז גרויס... ס'איז ניט געגליכנ...
אונ דאָכ גיט זיכ דאָס הארצ א הייב

אונ דאָכ גיט אימ דאָס הארצ א טראָג —
...די היימ, די סטאני, ווי נ'געפּלעדער;
אונ די צעהאקטע ליפּ ער בראָקט,
נ'צו זיכ אליינ, דאכט זיכ, ער רעדט דאָרט:

— אינ דר'היימ... א פּראָסטער וואָגנ, דאכט זיכ מיט פּארדארטע רעדער...
אונ קוקסט אפּ אימ — ס'איז דײַנס... קעדוימע ווי דײַנ שאָטנ...
דו גיסט אפּ אימ א ביסל פרישע היי א שאָט אָנ
אונ ס'קלעקט פּאר זעקס פּארשוינ צומ אונטערבעטנ...

ער קראצט דאָס לויזע בערדל דאָס פּארדארטס:
— אונ נעמסט דעמ גלאָק אינ האנט — ס'איז דײַנס, קעדוימע ווי דײַנ הארצ,
אונ וואָס קעדוימע — יאָ, אונ וואָס קעדוימע — ניינ,
די שלייע אופּבינדנ איז זשאלעוועסטו ניט די ציינ...

אונ גייסט באנאכט ארײַנ אינ שטאל קעדוימע,
איז ווי צו קינדער אייגענע אינ אלקער, ניט צו פערד;
דער כראָמק איז ווי פונ האלדז בנ דיר... נ'א ביסעלע איכ שטיי מיר
אונ — צריק אינ בעט. אונ כאפּסט א קוק אהינ, אהער...

אונ שפּעט — ניט שפּעט, אונ ווײַט — ניט ווײַט,
אונ ס'לעבנ גייט א גאנג, ווי פערד געטרײַע אָנ די צוימענ;

און קאָנסט עס נעמען אַף די הענט, פּונקט ווי אַן אייגן ווײַב,
און ווי אַ קינד קעדוימע...

און אַז סע גיט דאָרט אווראָם־הערש די ליפּן אַ פּאַרקאַטשע:
— גענוג!
— פּאַרשיווע קליאַטשע!
— וואָס שנײַדסטו מיר דאָס האַרץ?
— פּאַרלייגן זאָל עס דיך מיטן קעדוימע אינײנעם!

און אַז ס'דערלאַנגט דאָרט אווראָם-הערש אַ קוק:
— פּאַרפּויליטע ליפּ! זיך אָנגעפּרעסן! זאַט שוין?
און אַז סע גיט דאָרט אווראָם-הערש אַ הייב דעם זאַסטעפּ,
און אַז ער וואַרפט אַרויס אַף צוויי אַרשין אַ שפּײַ
נ'די אויגן — אַ צעכראַסטע:
— נו, נעם, נעווילע — נעם דיר אים, דעם זאַסטעפּ,
— און פּרעס אים אויף!
— ס'איז דײַנס!
— פּאַרפּרוּוו!
— און מער זאָלסטו מיר דאָ ניט ווײנען,
— אַ בראַנדז דיר אין די ביינער!

און אָנגעריצט פּאַרפּאַליעט
זיך לאָזט דאָרט אווראָם-הערש אַליין אַוועק
דאָס האַרץ ס'צערודערטע פּאַרגיסן מיט אַ שקאַליק,
און צו זײַן טרויער איז ניטאָ קיין ברעג...
נאָר שפּעט באַנאַכט קומט ער צוריק אַ שיקערער אַהער,
דעם גאַנצן קאַלכענעם מאַסיוו ער וועקט
און ס'הילכט זײַן קאָל אין אַלע היילן פון קאַריער:
— דו גיסט מיר ברויט, איז פיר איך דיך, ווי מ'שענסטן פּאַכאַזשיר,
— און וועק דיך אויף פּאַרטאָג, ווי מ'שענסטן פּאַסאַזשיר,
— און בעט דיר דעם פּײַטאָן, ווי מ'שענסטן פּאַסאַזשיר!
— און פאָר מיט דיר אַרויס אין פּראָנט פאַר — אַלע פריר
— און ניט קיין באַלאַגאָלע — נאָר אַ בריגאַדיר!

ז

באַקאַנטע שטיבעלעך און אָרעמקײַט באַקאַנטע
זיי גייען נאָך דעם ווײַטן אומבאַקאַנטן וועג.
דעם אומעט שלעפּן זיי פון גאַנצן קאַנט דאָרט,
עס גייט דער אומעט פון די היימען ניט אַוועק.

א יעדער שטוב באגלייט ווי א דערמאָנונג,
פונ געסלעכ אָרעמע — אנ אומעטיקע בויד;
איז ווער האָט ניט געקאָנט דאָרט איטע די אלמאָנע,
וואָס מ'האָט איר פופציק שטיינער אויסגעשניטנ פונעם בויכ?

אונ ס'איז געבליבנ נאָכ, אז אויסשנײַדנ מ'זאָל ווײַטער קאָנענ
מיט נאָכ כאלאסנ אנדערע צעשטעלטע אינ דער ריי;
איז ווער האָט ניט געקאָנט איר העפקער־יונג — עלקאָנענ,
וואָס פלעג א רינדנקאָפּ פונ בוינע ברענגענ אלע שאבעס איר אהיים.

א יעדער איינציקער געדענקט נאָכ פונ אמאָל אים,
ער פלעג אפ געסלעכ אָנרוקנ זיכ כמאריק;
איז ווער האָט ניט געוווּסט, אז ס'האָט זײַנ מאמע די אלמאָנע
פארדונגענ אפ געוויכט זיכ בא די וואָגשאָלנ אינ מארק?

די שעפּע ט'זיכ א לאָז געגעבנ דאמאָלט,
געגאנגענ איז זי ווי פרילינג-טײַכ מיט ברוד,
האָט זיכ שטאָט ארום די וואָגשאָלנ פארזאמלט:
— ניט קלעקנ וועט דער איינציקער דער אויסגענאָגטער פור.

האָט שטאָט דאָרטנ באקלערט זיכ — אז מע דארפ
דעם שווערסטנ קרעמער אָפּוועגנ — ניט זאַמענ —
אונ שטאָט זאָל אים ארויסגעבנ א קסאוו,
אז פלויני-בענ־פלויני וועגט קאמע וועקאמע.

אז ביז מע וועט אראָפּברענגענ די פינפער אונ די צענער
זאָל ליגנ אפ דער וואָגשאָל א באגלויבטער באלעבאָס;
דער שווערסטער קרעמער — אײַנשטימיק געוועזנ איז,
נאָר איבערוועגנ ניט געוועזנ איז אים מיט וואָס.

איז האָט זיכ שטאָט פארזאמלט א רודער מיט די קעפּ טאָג:
— מע מוז א כאָדוש דינגענ אפנ טאָג —
אנ אָרעמאנ, וואָס האָט כאלאסנ אונ רעצעפּטנ
אונ וואָס פארשריבנ איז אינ זיי זײַנ ריינע וואָג.

האָט אָנגענומענ שטאָט דעם סייכל. — יעדנפאלס —
ווײַל יעדער איינער קאָנ אינ שטאָט אנ אָרעמאנ אזא מ'ינ;
איז וועט מענ דעם רעצעפּט אים אָנטאָנ אפנ האלדז,
אז פלויני־בענ־פלויני וועגט קאמע וועקאמע.

ג׳צו איטען האָבן זיך באַוויזן קרעמער דרײַ און כאָשעווע אַזױנע
פּונקט ווי די דרײַ מאַלאָכים צו דער מוטער סאָרע;
צו איר געװענדעט זיך אַזױ צו זאָגן: — פּלוינים־באַס־פּלוינים,
העיוס, אַזױוױ ס׳איז די שטאָט איצט... קײן אײַנאָרע...

און אַזױוױ דיך האָט גאָט געפּרוּװט, ווי אַ צאַדײקעס, און אַזױוױ
דײַנער איז געווען אַן אָרעמאַן, וואָס קאָן ניט זײַן גאָר בעסער —
און דאָ איז — אַי פּאַרנאָסע, אַי אַ מיצװע, אַי אַ טױװע
און ס׳וועט די שטאָט דיר אײביק עס אײַן לעבן ניט פאַרגעסן...

האָט איטע די אַלמאָנע אויסגעהערט די קרעמער די צערוישטע,
געקוקט אַף זיך און ניט פאַרשטאַנען, וואָס ס׳באַטײַט —
גאָר אופגעגאַן איז איטע די אַלמאָנע אַף דער וואָגשאָל, ווי ב׳אַ קרוינשטול
מיט פונטן אויסגענאָגט פון זשאַווער און פון צײַט.

און אָרנטלעך געהוידעט זיך מיט זעקלעך מעל
און אָרנטלעך געהוידעט זיך מיט זעקלעך קאָרן —
און אויסגעוויגן האָט זי דאָרט אַ פרעמדע וועלט
מיט די אַלמאָנישע מיט אירע יאָרן.

דרײַ און זעכציק אָקעס האָט געוויגן איטע די אַלמאָנע,
נאָכדעם ווען מ׳האָט איר די שטיינער אויסגעשניטן;
האָבן קרעמער שוין גענומען בא איר מאָנען,
האָבן קרעמער דאָרט גענומען זי שוין היטן.

— איטע, אָנטאָן זאָלסטו ניט קײן איבעריקע שמאַטע,
— איטע, נעמען זאָלסטו ניט קײן איבעריקט אין מויל;
און איר עלקאָנע האָט געשריגן: — באַלעבאַטים!
עפשער זאָל זי זיך אײַנגאָנצן אויסטאָן הויל?

זעקס געציילטע מאָל איז וואָך האָט זי זיך פאַרן מאַרק געבאָקן
און אײן און אײנציק מאָל פאַר זיך — געבאָקן ברויט, —
האָט זיך איר דאָס לײַב פון הונגער אָנגעבראָקט,
האָט זיך מיט געשווילעכץ אָנגעפילט איר הויט.

און שווערקײַט איז איר צוגעקומען יעטווידער מעסלעס און
שווערקײַט איז איר צוגעקומען יעדן טאָג;
וואָס זעלטענער און ווייניקער זי האָט געגעסן,
אַלץ מער געוואַקסן האָט איר וואָג.

האָט זיכ צו איר אריַינגעלאָזט א האלבער מארק מיט יידנ
אונ מע האָט איר מיט געשריי דאָס מויל פארשטאָפּט:
— געוואלד! וואָס עסטו אזויפיל, אלמאָנע איטע?
— געוואלד! דו ווערסט אונדז אופעסנ איינגעם מיט דער שטאָט!

— דו וועגסט שוינ באלד אזויפיל ווי דער מארק מיט אלע יידנ,
אונ ס'שטייט אינ קסאוו בא דיר בעפיירעש דריַ אונ זעכציק אָקעס;
איז עס ניט אזויפיל — ס'איז דיַינ' פארנאָסע, איטע,
וויַיל — יאָדא שויר קוינייהו — זאָל די טיַיטש, אז ס'ווייסט עס יעדער אָקס!

האָט דעמלט איר עלקאָנע זיכ געלאָזט פונ שטוב צו שטוב
אונ מיט א רינדנקאָפּ געזעצט די פענצטער;
נאָכדעם האָט מענ ערגעצ אים פארשטופּט
אונ נאָכדעם ט'ער געמוזט פונ שטאָט אנטלויפנ.

דער טויט האָט אפנ לאנד א פרייליכער געפּאָכעט,
געגאנג איז דעמלט איבער גאנצנ לאנד די קריג;
איז א שינעל, א קעסעלע אונ וויפל וואָכנ —
אונ ס'האָט עלקאָנע זיכ ניט אומגעקערט צוריק.

ס'האָט קיינער ערגעצ ניט אפ אים געוואָרט דאָרט,
אונ קומענ האָט ער ניט געהאט — וווהינ —
אז ס'ווערט אזוי אפגיכ א מארשנ-ראָטע פארטיק
ב'דאָס פיַיער עסט זי אופ אזוי געשווינד.

מע פירט נאָכ דורכ פארווונדעטע אפ וואָגנס
אונ בריוונטרעגערס דעם טויט צעטראָגנ אינ די בריוו;
ווי קראָפּעווע צעוואקסנ אפ שטאָט זיכ די געקלאָגנ,
נאָר פונ עלקאָנען לאנג פארקילט זיַינען די טריט.

אונ איטע דרייט זיכ ווי א הונ ארום אפ דר'ערד
אינ איינזאמקיַיט אינ ליידיקער באגראָבנ;
— די שטיינער — קלאָגט זי זיכ דאָרט קאָם וואָס מע הערט, —
די שטיינער זיַינען איר געקומען פונ א שווערנ האָבנ.

זי פרווט די ביטערקיַיט פונ ציַיטנ מיטנ מויל, מיטנ זיקאָרנ:
— אז טייקעפּ ווי עלקאָנע איז פארבונדנ אפ דער וועלט געוואָרנ,
האָט זי דערפילט א שווערקיַיט פונ שטיינער אינעם גאנצנ לייַב,
כאָטש טאפ זיי מיט די הענט אָנ, זאָגט זי, — גלייַכ.

אין לײַב האָבן די שטײנער זיך בא איר געלײגט
געטראָגן האָט זי זײ, אונטערן האַרץ, אײנײנעם מיט עלקאָנען —
אַז ס'האָט עלקאָנע, זאָגט זי, זײ — פֿון יענער װעלט געבראַכט אַלײן,
די פֿענצטער אױסזעצן זאָל ער דער שטאָט דער גאַנצער קאָנען.

און מער װי שטײנער זײַנען ניט געבליבן איר צולעצט,
געװיס איז ער, האָט זי געטראַכט, פֿון לאַנג נישטאָ מער;
זי װאָלט זיך שיװע אָפּ דער װאָג נאָך אים געזעצט,
א ליכט אױפֿקשטעלן פֿאַר זײַן פֿאַרשניטענער נעשאָמע.

נאָר ס'האָט דער מאַלכאַמאָװעס זי אַלײן אַראָפּגענומען פֿון דער װאָג,
אױפֿגעטראָגן מיט די שטײנער ערגעץ װײַט דאָרט;
און דעמלט האָט אין שטאָט געגעבן א פֿאַרטראָג
א משאטע פֿליִענדיקע רײַטער.

אַרײַן איז מען אין שטאָט אױף ברענענדיקע פֿערד,
מ'האָט אױסגעשטעלט זיך פֿון װאָקזאַל ביז צו דער סאַמע בױנע
און צו דער גאַנצער שטאָט ט'געשריגן אײנער מיט דער שװערד:
— הער נאָר, דו, פּלױני-בען-פּלױני!

— הער נאָר, שטאָט,
איז װיפֿל װעגן דײַנע באַלעבאַטים אַלע אײנײנעם?
— הער נאָר, שטאָט,
װאָס זעט מען עפּעס אױפֿן מאַרק ניט קײנעם?

געגלאַנצט האָט אונטער אים דאָס פֿערד, װי שטאָל,
ס'איז דער שינעל געװעזן שטױביק און געלאַטעט:
— און װוּ איז איטע די אַלמאָנע, שטאָט?
— פֿאַר װיפֿל האָט איר זי באַגראָבן, באַלעבאַטים?

געריסן האָט א שפּאַס זיך פֿון זײַן קאָפּ — צעטומלט —
דער רױטער שטערן — װי א פֿענצטער פֿון א דריטן שטאָק:
— אַלײכעם, שטאָט! אַז ניט געבעטן, איז אַלײן געקומען,
— דערלױב זיך פֿאַרשטעלן, — ס'איז פּאַרטיזאַנער, שטאָט!

געריטן דורכן מאַרק, געריטן און געלאַכט.
די פֿאָן האָט װי א כופּע נעבן אים געפֿלאַטערט;
געזוכט האָט ער די גרױסע װאָגשאָל אױפֿן מאַרק
און זיך געגריסט מיט באַלעבאַטים.

די קרעמער האָבן זיך געשטופּט, געריבן — צעפּאַלאָכעט,
ווי געגנדז ארויסגעטריבענע אפּ א יאריד;
די וויַיט האָט ארום שטאָט געבויגן זיך און זיך געבראָכן,
ארום דער שטאָט געהערט האָבן זיך טריט.

האָט ער זיי לאַכנדיק געטאָן א צייל אויס:
„— קיין וואָרט! — אויב ס'קומט אהער א באנדע אָן, —
אניט וועל איך אייַך איבערוועגן אלעמען, נעוויילעס",
און וויַיטער זיך אוועקגעלאָזט מיט אופגעוועקטער פּאָן.

געגאנגען זיך שלאָגן איז עלקאָנע מיט מאכנאָ,
און אופרייַסן דעניקינעס געגאנגענע איז עלקאָנע —
און מיטן דניעפּער שלאָגן זיך איז ער געגאנגען דערנאָך
און פעלדזן אופרייַסן און אלעס, וואָס ער קאָן נאָר...

אצינד איז ער פון די גרויסארטיקע אין געגנט,
סע ווייסט אים יעדערער און די וואָס קומען אָן;
אצינדער האָט ער זיך מיט היימישע באגעגנט,
א יעדערער פון זיי באשמעקט אים און דערקאָנט.

און יעדערן פון זיי זיך ווילט מיט אים א רעד טאָן
א יעדערער פון זיי זיך קלעפּט צו אים און פרייט:
— דו ביסט, עלקאָנע, זאָגט מען, גרויס בא די סאָוועטן,
— דו האָסט, זאָגט מען, בא זיי געפונען גרויסן כיין...

ער קוקט זיי אָן — אייגן אויג פארמאכט,
די קעלנער אופגעשטעלט — מיט שאליקעס פארקלאמערט;
עס גיט א גיי פאר אים די וואָגשאָל און דער מארק
נ'די אָפּגעוואויגענע די אומעטיקע מאמע...

8

פון מאקייעווקער זייַט — דורך פרימאָרגיקע רוימען געראמע,
מיט גאָלדענע בערד, ווי מיט שטיקער באגינענע געלאכעט,
זיינען מאכנעס געגאנגענע צופוס מיט אָפּצוועגנעס און האמערס,
זיינען באָכוריכו געגאנגענע, געגאנגען זיינען זיידעס און טאטעס.

געשפּרייט האָט א גלאנציקער וועג זיך מיט קוילן פארפראָשעט,
געשווינדלט אין דר'הייך האָט א וועג פון קאנאט אינדערלופטן;

זײַנען די מאַכנעס געגאַנגען גוט־מאָרגנעדיק אַף זאַפּאָראָזשיע,
און ס'האָבן באַטראַקעס מיט ציין דעם באַגינען געפּרוווט דאָרט.

און די זון, ווי אַ גאָלדענער קויש אַ געפּילטער מיט זאָמען,
איבער שטאָלענע טאָפּאָלס און שטרעקעס פּאַרוויקלטע רויכן,—
האָבן באַטראַקעס פּאַרקוקט זיך, ווי ס'שוועבט דאָרט די זון אין די הייכן
צו די מײַלער פון שמעלציקע אויוונס און באַרגיקע דאָמנעס.

— ווילקאָמען, סעזאָניקעס, פּעסטע מיט בערד מיט פּאַרזאָרגטע,
— ווילקאָמען, באַטראַקעס, מיט הענט ווי געשטאָלטע קריסילעס;
אַזוי פֿריש איז דער אָטעם אין סטעפּ און די זון אין פרימאָרגן,
אַזוי גוט אונטערוועגס, אַפן סטעפּ איז צו כאַפּן אַ פרילינג!

אַזוי פריש אַפן סטעפּ איז דער וועג מיט די גראָזיקע ווײַטן,
מיט געפּענטעטע פערד און צעוואָרפענעם ווילדגראָז אַף פּאַשע;
אַז סע שמעקט אַזוי זיס מיט באַשטאַנעס און האָפּן און קרײַטער —
איז געזעצט זיך אײַנמיטן דעם סטעפּ און צעוואָרפן זיך פרייליך און ראַשיק,
און צעעפנט די טאָרבעס און קלומקעס — מיט כודאָבע אײַנייעם אַ קײַטאָן.

און עס רײַסן מיט כיישעק זיך אויף אָלטגעבאַקענע קאָרענע לאַבנס,
און עס וואַרפט זיך אַ מעסער פון האַנט איבער האַנט, ווי אַ זוניקער בליץ דאָרט.
אָנגעכמורעטע טעסלער פּאַרזאָרגט, און מולירער און זעגער און גראַבער
מיט די בלײַשטיפטס — אַ מעטער די לענג — אונטער שטערנס צעהיצטע;
— אַ רעגע ווערט גרייט אַ געצעלט! און אַ צווייטע — ווערט פאַרטיק אַ טאַבאָר!

געשמאַק איז צו כאַפּן אַ נאַכט אַף די טויִקע סטעפּעס אוקראַיִנער,
געשמאַק דער קאַיאָר איז דורכ טוי און דורכ כײַפּלעך פון פאַסטעכער הערן, —
ס'גייען בלויקײַטן צו אַזוי נאָענט צום מויל, ווי צעיוירטע ווײַנען,
ס'קאָן אַ יעטווידער רעגע אַרויס פון אַ זײַט אַ כאַליאַסטרע ציגײַנער
מיט פאַרפּלאָנטענע שטערן אין צעפּ און מיט ציינער, צעבליצטע ווי שטערן.
אַ יז — ווילקאָמען, סעזאָניקעס, פּעסטע מיט בערד, ווי מאַכאָרקע,
ווילקאָמען, באַטראַקעס מיט הענט ווי געשטאָלטע קריסילעס, —

אזוי פריש איז דער אָטעמ אינ סטעפּ אונ די זונ אינ פרימאָרגנ,
אזוי גוט אפנ סטעפּ אונטערוועגס איז צו כאפּנ א פרילינג.

האָט מענ געמאכט א האפּסאָקע אינ גאנג. זיכ געזעצט נעמ א ריוו דאָרט
האָט מענ צעעפּנט די טאָרבעט אונ קלומקעס פונ ווײַטינקע היימענ, —
היי׳לענ — אראָפּ! אונ טשופּרינעס ווי בלעטער פונ ביימער
אונ מאָגערע סאלע אונ יעריקע וואָבלע אונ ברויטינקע ריפּטלענ
אונ קאווענעס שווערע, ווי קעפּ, אונ מע שפּאלט — ס׳איז אנ איימע!

געקויפּט האָט מענ קאווענעס גרויסע אונ ווילדע ווי קלעווער,
געמאכט מ׳האָט אינ וועג נאָכ א בײַט אונ א הילכיקנ האנדל, —
געקויפּט אפּ באשטאנעס מ׳האָט קאווענעס רויטע אונ רעווע,
געפּרווט אינ די קאָרענע הענט אונ געפּלעטשט אינ די ראנדנ
אונ יעדער באזונדער האָט צוגעלייגט הארט צומ פּארוואקסענעמ עווער:

— סע טרישטשעט! — האָט יעדער באזונדער געשריגנ אפּ זײַנער —
סע טרישטשעט ווי שניי אינ א פראָסט אונטער טריט אונ מיט פײַער געסילעקט;
דער ערשטער אראָפּנעמ מיט גליק פונ באשטאנעס אוקראינער!
באטראקישע בערד פונ מאכאָרקע אונ העמדער פונ היימישע לײַנענ
אונ פּארהאָרעוועטע הענט ווי געפּרווטע ווי אלטע ווי גוטע קריסילעס!

אונ אלע מיט קאווענעס פּעסט צו די בײַכער ווי קעפּ פונ געליבטע,
אונ אלע מיט קניפּעקלעכ טעמפּע פונ כאָליעוועס שטויביקע, דארע —
מיט אויגנ פּארלאָפּענע, מידע אונ שטארע
אונ ס׳דאכט זיכ: — די בײַכער די אייגענע שנײַדט מענ אפּ ריפּטלענ,
מע ריפּטלט, מע פּערטלט די בײַכער אונ זאפּטנ ווי בלוט זיכ צעטריפּט דאָרט!

מע פּראוועט א פרישטיק אינ סטעפּ נאָכ א נאכט א געשמאקער,
אונ ס׳פּליוסקענ זיכ קערלעכ פונ מויל אונ פונ בערד אונ פונ וואָנצעס,
אפּ פּענעמער פּלאקערט די זונ אונ די היצ אזוי זויגעדיק הארב איז,
אונ מײַלער פּארשטאָפּטע מיט ברויט אונ מיט זאפּט טוט מענ שמייכלענדיק אָנ זיכ.
אונ ס׳ציט זיכ א שטילער געאמפּער דורכ פלײישיקע קערלעכ פונ ארבוז.

אזוי גוט איז די ערד, אָט די אלעמענס ערד, ווער מיט מי נאָר ס׳באטראָט זי,
כאָטש נעמ זי אזוי אפּ די הענט ווי א גרויסנ א זאפּטיקנ קאווּנ —

און שנײַד פון איר ריפּמלען אזעלכע מיט ברויט און מיט שפּראָצונג,
און זאָג צו איר — טאטע און זאָג צו איר — ברודער און זאָג צו איר — כאווער,
אזוי גוט איז די ערד, אָט די אלעמענס ערד, ווער מיט מי נאָר ס'באַ־טראָט זי.

— נו, איז עסט צו געזונט! און זיך זעטיקט! און זאָל עס צו וויל אײַך באקומען
דער סטעפּישער פרישטיק, דער אָרעמער מאָלצײַט מיט שווייס א באפּארב־טער.
דער טאָג איז צעעפנט — א מילדער, א היימישער קלומעק,
די זון איז צעשניטן — א פרישער, א זאפטיקער ארבוז.

און דער וועג פון גודראָן איבער סטעפּ, און דער וועג פון קאנאט איבער יאמען,
און עס שוועבן וואגאָנעס אין דר'הייך מיט געזאנג און מיט לאנד און מיט לידער,
און עס דרייען זיך קעפּ בא באטראקעס פארהייבן אין דר'הייך, ווי די האמערס, —
האָט לוקא דער באטראק זיך א הייב געטאָן: — ברידער,
און א סמאָקע געטאָן צו די ווײַטן: — טראסט אין דער מאמען!

— ס'האָט קיינמאָל קיין ערד ניט פארמאָגט אונדזער גראד אלע יאָרן,
ס'האָט קיינמאָל קיין פי ניט געהאט אונדזער גראד אפּ צו לינדן די לאסטן,
און אזא מין ווי איך — האָב איך מער נ'ט געהאט ווי דעם זאסטעפּ,
און אזא מין ווי מיר — האָט אפּ יעטווידער פּאסקע געבאָרן
די לוקאעכע מײַנע א יונג. נ'גלײַך פון בויך — מיט א בײַטש און — א פּאסטעך!

און אָפּגעשפּאָרט האָב איך אזוי־אָ די גרייס — ווי פּאסטעכער דרײַ,
און אָפּגעשפּאָרט האָב איך אזוי־אָ די גרייס — ווי יונגע געטרײַ,
דערנאָך זײַנען דרײַ דאָרט זיך שלאָגן געגאנגען פאר דער פרײַ,
און אזוי־אָ די גרייס — ווי יאָר אויס און יאָר אײַן,
און זיי זײַנען דאָרט, זאָגט מען, — צו די באָלשעוויקעס ארײַן!

און דערנאָך איז אוועקגאנגען א צײַט און ס'איז איינער געקומען אין דאָרף,
און געררופן א סכאָד און געהאלטן א ראט
און געזאָגט האָט ער: — אלע פון די פון באטראקישן גראד

דאַרפנ אַלע אינייגעמ — אהינ אונ אהער — אונ כ'פארשטיי ניט קיינ וואָרט,
אז ס'האָט קיינמאָל קיינ ערד ניט געהאט אונדזער גראד.

— אונ איצט, — ווישט דאָס מויל זיכ לוקא, — אז מ'עט קומענ צו נייַע
פאראָמענ,
איז אזא מינ ווי איכ אונ ווי מיר אונ ווי אַלע
איז גיב איכ א שטעל זיכ אוועק אונ א זאָג: — „כאווער סטאַלינ,
אָט האָסטו די האק אונ אָט האָסטו דעמ זאק אונ די זעג מיט די לאָמענ,
אונ איכ גיי מיר אריַינ אינ דער וולאסט אפּ באגלייַכ אונ מיט אַלע!“

אונ שטיל שאָקלענ צו די באטראקעס מיט שטויביק באוואקסענע קעפּ,
עס טראָגט זיכ נאָכ שטיל דער פארצוק פונ די צייג אינ די שטרעקעס, —
אונ שטיל איז אינ סטעפּ,
עס הערט זיכ דער זאפּטיקער שליאָפּ פונ די ליפּנ אינ זיסקייַט פארקלעפּט,
ווי דער צופּלוס פונ כוואַליעס צו זאמדיקע ברעגנ...

דערנאָכ לייגנ שאָלנ פונ קאוועגעס אויס אפנ סטעפּ זיכ פארוויגנ,
ווי שארבנס, ווי אויסגעפּיקטע ליידיקע שארבנס אפּ שלאכט-פעלד,
אונ ס'שלאָפנ די וואָגנס — אפּ וויַיטנ — פארשפּארטע,
כודאָבע טרייַבט אָפּ מיט די לופטיקע ווײדלענ מיט הארטע,
פארלאָפענע מענגעס קאָלירטע אונ בייַסיקע פליגנ.

אונ דער טאָג הייבט זיכ אופּ, אונ די זונ אפּ צעבלעטערטע קעפּ איז,
עס זינגענ די וויַיטנ מיט שמעלצ אונ מיט לופטיקע וועגנ;
עס זייַנענ באטראקעס געקומענ, מע גייט מיט די העק אונ מיט זעגנ,
אָט זייַנענ זיי — אָט! אפּ די אייגענע בערג אינ קארירדנ אונ סטעפּעס
אונ עס גייט מיט צעשוימיקטנ בלוי זיי ארויס אפּ אנטקעגנ דער דניעפּער.

איז מענ אינ דר'היימ בא זיכ. געקומענ מ'איז אהער
דעמ קויעכ פארפרווונ איז מענ גרייט אונ פארטיק;
עלקאָנע קומט צולויפנ אינ קארייער
מיט שטיינהעקער זיכ זענ אינ אומבייַט פונ די וואכטעס.

נאָר ס'ציענ אימ אוועק די מיידלעכ באמ בעטאָנ:
דעמ יונג געפעלט, וואָס העגט זייַנענ בא זיי געזונטע;
ער פלעג זיי אמאָל זענ אינ דיענטעס בלענדיק אָנגעטאָנ
אפּ מארקנ רוישיקע אומ זונטיק.

אונ אז סע גיט א בלישטש דער מיידלשער געלעכטער
פארקלינגט ער בלענדיקער דעמ ראש פונ דניעפּ;

און הייס איז קאָפּ עלקאָנגע אויף ווערט דאָרט
און איינע גיט ער ליבלעך אַ פּאַרטשעפּ.

אַז וויפל ראַש ס׳איז ניט פֿאַראַן אין דניעפּ
איז צען מאָל מער פֿאַראַן בײַ זיי געלעכטער;
— אַך מיידן, מיידן — האָבן דאַרף מען צו אײַך זיבן קעפּ
און זיבן מאָל אַזויפיל הערצער!

ווען מיידלעך ווישיקע אין הויז ער דערזעט,
ווען ער דערזעט דאָס מילכיק לײַב, דאָס מיידלשע, צעבליטע,
וואָס שפּאַרט פֿון אונטער שטײַף־פֿאַרצויגענעם ברעזענט,
פֿאַרווילט זיך שרײַען אים, פֿאַרווילט זיך אים אַ פֿלי טאָן.

און ס׳ווילט זיך אויף זײַן געטרײַ,
און ס׳ווילט זיך צולויפֿן צו אַלע —
זיך אָנטרינקען פֿון אָט דעם אײַנגעצוימטן פֿרישן לײַב
זיך אָנטרינקען ביז אומפֿאַל, ביז צום פֿאַלן —

און ס׳נעמען זיך די אָדערן אים צוקן:
— זיי זײַנען באַלד שוין פּונקט ווי ער;
אָט באַלד וועט ער שוין מעגן צוגיין
און טײַער ווערט אים דער קאַריער.

און ס׳ווערט אים ליכטיק הייס און העל
מיט היץ פֿאַרגיסן זיך די ברעמען —
— אײַ! איז עס אַ זיסע וועלט,
דער טײַוול זאָל זי נעמען!

ער אַרבעט גיך. ער יאָגט דעם טאָג,
עס זאָל דער טאָג אַוועקגיין גיכער;
און גיכן זאָל ער זיך אַ טראָג
אַ ריס אין אָוונט ווי אַ ווילכער.

און זײַן די מידקײַט זאָל אים זיס
די פֿינצטער זײַן זאָל דרײַ מאָל ליכטיק;
די אַרבעט גייט מיט פֿלײַס און פֿליס
און ניט קיין רעגע ער פֿאַרלירט דאָרט.

און ניט די נאָרמע גייט אים אָן
און ניט צו אַנדערע, דער אייפֿער;

— אז מיידלעכ שטייענ באַם בעטאָג
איז קלאָר, אז ער װעט מאכנ דרייַפּאכ!

עס קומט די נאכט. זי טוט אים אָנ
זי טוט אים אויס — ער איז אלײנ נאָכ...
ב'ער גײט ארויס אונ גיט א מאָג
אז סע צעקלינגענ זיכ די ביינער.

עס קומט די נאכט אונ — א פּארמעק
די לעצטע שאָטנס די פּארלאָזטע;
ער גײט ארויס אונ גיט א שמעק:
— סע שמעקט, דער טײַוול ווייס מיט וואָס דאָרט...

עס קומט די נאכט. דאָס הארצ פּארזידט,
אונ עפּעס כאָפּעמט זיכ אונ דאכט זיכ;
ער גײט ארויס אונ גיט א צי
די גאנצע נאכט צו זיכ אינ הארצנ.

אָט איז ער דאָ אונ איז ניטאָ
אונ באלד לעמ אײנער דאָרט א שטעל זיכ:
— איר ארבעט דאָ? בא דעמ בעטאָג?
אונ איכ — באַם אופּרײַסנ די פּעלדזנ!

כ'קאָנ אופּרײַסנ א גאנצע שטאָט
איכ קאָנ די זאכ, כ'האָב עס געלערנט;
— ס'איז גאָרניט, דעמ פּאטראָנ פּאַרשטאָפּט
אונ — א קאָמאנדע: ארטילעריע!

באָר אז ער ציט איר אויס די האנט,
איז זאָגט ער דאָכ מיט שטאָלצ אינ הארצנ:
— בא אונדז איז אויסגעפירט דער פּלאנ
האָ־האָ — אפ גאנצע הונדערט אכצנ!

9

עס וואקסט אונ עס בליט
אווראָמ-הערשס ארטעל,
עס שנײַדט זיכ א טייל נאָכ א טייל אוימ;
ווער — הינ, אונ ווער — צוריק,

אַף אַ טאָג זיך געשטעלט
און עס יאָגט אוראָם-הערש זיי: — נעוויילעס!

שטיינהעקערס פּעסטע
מיט ברעמענ פון ליים
און מיט אויגנ ווי יוירנדע האָפּנ, —
פון אייגענע נעסטנ
און אלערליי
און אַ ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל...

אַ ייִד מיט אַ באָרד
אין מיט לאַנגע צוויי הענט
און מיט קליינע אינגאַנצנ באשאָטנ, —
— ווער ווייסט וויפל יאָר
ט'ער געריבנ די הענט
אין דער בוימיקער שטאָט מעליטאָפּאָל?

צי האָט ער געהאַנדלט,
צי האָט ער געקנעלט —
ס'האָט קיינער געקוקט אים צוקאָפּנס, —
— נו, וואָס איז פאראַנ דאָ...
...אַ ייִד אינ ארטעל,
אַ ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל.

מע גייט און מע קומט,
מע באַזעצט זיך — געדיכט
מע פאַרפרוווט זי, די ארבעט, ווי טראָפּנ, —
און ס'קוקט זיך ארום
אוראָם-הערש בריגאַדיר —
ער האָט שוינ דאָרט איינעם פון דאָפּער.

פאמיליע — זשוק.
נאָמענ — וואַסיל.
אָפּשטאַם: אַ גאַנצענער טאַבעל;
איז גיט ער אַ קוק
אוראָם-הערש אַזוי שטיל
און בלויז מיטנ אויג אַ באַטאַפּ אים...

און אויב אינ קאַריער
שטעלט דאָרט זשוק אָנ דעם קאָפּ

און דעם אויער ער לאָזט דאָרט אַ גיי טאָן, —
איז ווינקט אוראַם־הערש
און מיט ברעמען ער קלאַפּט:
— באַלעגאָלעס, רעדט לאַשנקוידעש!

ס׳צעוואַקסט אוראַם־הערש זיך
און צווייגן ער לאָזט,
און אַ יעטווידער לאָך ט׳ער פאַרשטאָפּן:
ער האָט שוין אַ קירזשנער
פון דניעפּראָפּעטראָווסק
און דעם ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל.

דעם קירזשנער באַטראַכט
אוראַם־הערש — צו דער פּאָר —
און: — ווו האָט איר נאָך אַן אויער?
שמייכלט און לאַכט
דער קירזשנער אין באָרד:
— ס׳אַ מייַסע... ס׳איז אומגעהייער!..

— אַ קירזשנער! אַ שטאָלט!
אַ גאַנג. און אַ שניט.
דאָס היטל — אַפּ העלפּט איז אַראָפּ אים, —
אַפּ איין זייַט — סע האַלט,
אַפּ דער אַנדערער — ניט,
און אַ ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל!

געבעטן ט׳דער ייִד
מיט די אויגן — הייס —
— איך וויל, זאָגט ער, זייַן צווישן ייִדן
— גאָט באַהיט...
— טאָמער... כ׳ווייס?
— מאַלע... וואָס... כ׳באַמי דען?..

און סע לאָזט אַזאַ גרינע
געמבע אַרויס
אוראַם־הערש דעם ייִדן אין אויער:
— איר דאַרפט צו אַ מיניען?
געוועזן — אויס!
ביסאָ דאָ קיין ייִד און קיין גוייִם

ס'איז דאָ — א קאריער!
ס'אנ אנדער מינ!
פארקלאפּט זיכ עס, פעטער, אינ קאָפּ איַיכ!
איז אָדער — אהער,
אָדער — אהינ,
ייִד פונ דער שטאָט מעליטאָפּאָל!

ניט אפ גליק, ניט אפ רום
ז'ער געקומענ אהער
— א קערבל אינ בוזעמ פארקלאָפּנ;
ער קוקט אזוי שטומ
אונ קריַיכצט נאָר: — ס'איז שווער,
דער ייִד פונ דער שטאָט מעליטאָפּאָל.

צי ער בענקט נאָכ זיַינ וויַיב,
צי נאָכ קינדער ער בענקט,
צי ער טראכט נאָכ פונ שאבעס אונ אָפּרו, —
— ווער ווייסט? נאָר דערוויַיל
זיכ דאָס ברויט ער פארדינט,
דער ייִד פונ דער שטאָט מעליטאָפּאָל.

אימ דאכט זיכ: — סע פלאקערט
פונ פאכעד זיַינ מויל,
די וועלט אינ די אויגנ זיכ טאָפּלט, —
— אָדאָמ-נאקעט
אונ אָדאָמ־הויל
איז א ייִד פונ דער שטאָט מעליטאָפּאָל.

ער ריַיבט זיכ בא ווענט
אונ קוקט דאָרט אונ טראכט
אונ דערמאָנט זיכ אינ ווארעמענ אָפּפאל, —
— ס'אמאָל יאָנטעוו געווענ
אונ מ'האָט שאבעס געמאכט
אינ דער בוימיקער שטאָט מעליטאָפּאָל.

עס איז דאָס כאלאסט
צעריסנ אונ לאנג
אונ שיכ זיַינע הילצערנע שליאָפּענ:
א טאָג איז — א לאטע,

א טאָג איז — א דאנק
בא דעמ ייִד פונ דער שטאָט מעליטאָפּאָל.

ער שרעקט זיכ אזוי נאָכ,
ווענ ס'רײַסט דינאמיט,
ווענ דרײַ עקסקאוואטערס קלאָפּנ:
— איז וואָס, אז פאר שטיינער
דערשרעקט זיכ א ייִד —
א ייִד פונ דער שטאָט מעליטאָפּאָל?

ער זוכט נאָר אנ אָרט
דורכוואנענ ארויס,
נאָר שטענדיק פארפלאָנטערט ער ווערט דאָרט;
דאָס הארצ זיכ צעפּאָרט,
צי סע דוכט זיכ אימ אויס
אונ סע יאָגט נאָכ אימ נאָכ זיכ געלעכטער.

נאָר ס'לערנט מיט אימ
אווראָמ־הערש דאָס געזעצ,
וויִאזוי נ'אזא פאל זיכ פארהיטנ;
ס'איז זיכער זײַנ שטימ,
זי איז פעסט אונ געזעצט,
ווי בא אופרײַסערס עכטע, געניטע.

— אז וואָס מערער מע לויפט,
איז אלצ נענטער ס'געפאר,
ס'ווייסט עס יעטווידער קו נ'מעליטאָפּאָל;
נאָר דער ייִד איז בלוי,
ער איז בלוי אונ איז פײַכט,
עפּעס זוכט ער אונ פּינטלט אונ סאָפּעט.

— מע זיצט אפּ אנ אָרט.
אונ מע לויפט ניט ארומ.
אונ מע האָט ניט קיינ מוירע פאר קיינעמ;
דעמ שטיינ רײַסט מענ נאָר.
אונ מער קיינעמ ניט. קומט.
אונ אליינ טראָגט ער אויכ אָפּ די ביינער.

פארוקט ליגט דאָרט זשוק
אינ א נאָרע פארקלעמט

און ער רײַבט זיך אין דר'ערד מיט דעם קאָפּ דאָרט;
— אָט האָסטו! קוק!
— א בײַשפּיל זיך נעם!
און — לערנ זיך, שטאָט מעליטאָפּאָל!

ער רופט צו עלקאָנען:
— עלקאָנע, אהער!
— עלקאָנע, הא? געענדיקט?
עס רײַסט זיך א טאָן
נאָך א טאָן אזוי שווער
נ'עפּעס אָנכאפּנ זוכנ די הענט דאָרט...

און ס'שטופּט זיי עלקאָנע
ס'געצײַג און ס'געווער
און ער לאכט אפנ גאנצנ קאריער דאָרט:
— נאט, פּרוּווט! איר וועט קאָנענ,
ס'איז ניט אזוי שווער —
און סע הערט זיך אפ ווײַט דאָס געלעכטער!

אז פונ קאָפּ ביז די טריט
נאָך באוואָפנט איז ער
און עס זעצט פונ די אויגנ אים פיבער;
— נו, איז פרעגט ער דעם ייִד:
— זאָגט, ווי קומט איר אהער,
— פארוואָס זײַט איר אינ דר'היימ ניט געבליבנ?

און עס ענטפערט דער ייִד
מיט סאקאָנע אינ בליק:
— מ'איז דאָרט אלע אוועק שוינ אפ ארבעט..
בינ איכ — איכ.. און אויב — ניט,
איז פארקערעוועט — צוריק,
מע פארשפּעטיקט ניט קיינמאָל דאָס שטארבנ..

אז זײַנ לײַב איז ווי לוב
און ער האָט א כאלאט —
די לופט אפ זײַנ ברוסט אזוי שווער ליגט;
און סע ווײַזט זיך אים בלוט
פונ דער נאָז און פונ האלדז
און באנאכט עפּעס שוויצט ער געפערלעכ.

ער וואַרפט די פּאַלטאַ
פון דער נאַרע אַראָפּ
און קרעכצנדיק דעקט ער זיך אָפּעט;
ס'איז קיינער נישטאָ...
איז דעם כוישעכ ער גראָבט,
דער ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל.

די שכיינים אין ציילעמענ
שטיל בא דער נאַכט
און זידלענ די הייליקע מוטער;
און נאָכדעם דערציילט מען,
און נאָכדעם — מע לאַכט
און מע קלאַפּט אינ די פּלייצעס זיך מוטיק.

ער ציילט ניט די צאָלנ
פון טאָג און פון נאַכט,
ער פרעגט ניט און ווייסט ניט קיינ אָפּהאַלט;
ער ווייסט: — מ'עט באַצאָלנ
מיט אַלע באַגלייכ
דעם ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל.

פרעגט זשוק אפן אויער:
— א ייִד ביסט צי נייַנ?
— און לאַנג וועסטו שטיינער דאָ קלאַפּנ?
קוקט ער מיט טרויער:
— וווהינ זאָל ער גייַנ,
דער ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל?

— און איכ, רעדט זשוק ווייטער,
האָב ערד... נאָר וואָס דענ?
נאָר עס לויענט קיינ ערד הייַנט ניט גראָבנ, —
איכ ווארט נאָר אפ פרייַטיק...
נ'מיט געלט אפ די הענט
איז — א גוטנ דיר, שטאָט, מעליטאָפּאָל!..

10

ס'זענ שטיבעלעכ ווי טעפּ אויס
אויסגעליידיקט ביז צום דנאָ, —
אפ די דניעפּרישע סטעפּעס,
איז ארומגעגאנ מאכנאָ!

זיסער טשאַד און זיסער נעפּל
פון טאַטשאַנקעס און פון יאָג, —
— האָט מען אָפּגעלעבט א לעבן,
— האָט מען אָפּגעלעבט א טאָג!

אָטעמט סטעפּ מיט הויך פון יאָרן,
יעדער שטוב עפּעס דערמאָנט:
דאָ האָט וואַסקע זשוק געשוואָרן
זײַן מאַכנאָן אַן אַטאַמאַן.

קלאָר אַזוי און פּראָסט די זאַך איז
וואַסקע זשוקן דאַן געווען —
דרײַ נאַגאַנען, צווײ פּאַפּאַכעס,
איין פּאָר הויזן — גאַליפע.

פערדלעך צווײ אַף שמאָלץ געבראָטן,
א טאַטשאַנקע און — וואָס נאָך?
— גאָט איז הימל איז א פאָטער
און דער באַטקאָ — איז מאַכנאָ.

שפּאַרט זיך ברייט פאַר אים אַליין אױף
ווי א טויער, ווי א טיר —
איצטער האַקט ער פעלדזנשטיינער
אַפן פעלדז — „דעם באַגאַטיר״.

קלינגען אים אין קאָפּ נאָך שפּאָרן
און פאַרגייען אין דער ווײַט:
— ס׳האָבן אָפּגעסמאַליעט יאָרן,
— ס׳האָט זיך אָפּגעגליט א צײַט!

נ׳אַז ס׳איז אומעטיק, איז לאָז זשע,
לאָז זשע וויסן גאָרע ערד —
פון אָדעס ביז זאַפּאָראָזשיע
אַף טאַטשאַנקעס און אַף פערד.

נ׳אַז דער אומעט ווי א פלאַסטער
לייגט זיך צו צום האַרצ און פרעסט —
— ז׳איז פון גוליַיפּאָליע ביז פּאַסטאָוו
און פון פּאַסטאָוו ביז אָדעס!

קלינגען אים אין קאָפּ נאָך שפּאָרן
און פאַרגייען אין דער ווײַט:
— ס'האָבן אָפּגעסמאַליעט יאָרן,
— ס'האָט זיך אָפּגעגליט א צײַט.

אונטערוועגס און אָפּ וואָקזאַלן
און גאַלאָפּ — פון גאס צו גאס;
פֿינצטער פענצטער א באַפאַל אָן,
ס'וועגדט דורך פענצטער זיך א גאסט:

אוי, דו טײַערינקע, הער נאָר,
אוי, דו טײַערינקע, — וואַרט —
— נא דיר, נא דיר א גובערניע,
נא דיר, נא דיר א לאָמבאַרד!

פּריילעך אפן פערד געריטן, —
האָט א היטל אויסגעפּעלט,
איז אַרײַנגעגאַן צו א ייִדן
און דערלאַנגט אים א באַפעל,

און געטאָן צו אים א פלאַקער:
— ביז פאַרנאַכט, אניט — דעם קאָפּ!
מ'האָט סטו פוטער און קאַראַקול, —
א געשריי געטאָן און — אָפּ!

און דאָס קירזשנערל ט'געציטערט,
אי געציטערט אי געשוויצט;
— מ'דאַרף א מאָס... זאָל גאָט באַהיטן...
און די נאָדל בלאַנקט און בליצט.

און די מאָס האָט ער געמאָסטן
אפּ זײַן אויסגעדאַרטן קאָפּ:
— קייסער — קאָזער! קאָפּ, וואָס קאָסטו,
אויב דו פליסט אזוי אראָפּ?!

אויסגעשאָסן — פײַל פון בויגן,
דאָ — א נישטער, דאָ — א טאָפּ;
איז זיך וואַסקע זשוק געפלויגן
פונעם קירזשנער צו דעם שטאָב.

און דאָס פּערד געווען געטרײַ איז
און פאַרשטאַנען אַפן קוק;
און וואָרענעקעס — דאָס כײַעס
ליב געהאַט האָט וואַסקע זשוק.

אין א פענצטער זיך צעגאָסן
און דעם קאָפּ געטאָן א רוק:
— היי, וואָרענעקעס זשידאָווסקע
קאָכט דאָרט אָפּ פאר וואַסקע זשוק!

און א צווייטן אויסגעזעצט דאָרט,
אויסגעמייקעט און — פאַרבײַ;
זיס א נאַכט זיך אָפּגעהעצקעט,
און אַפּ מאָרגן גייט א בײַט:

מאַנטלען פּאָקענע און שטרײַמלען,
דאַמען־וועש — פון מיר צו דיר;
...איצטער גייט דאָ א פאַרזאַמלונג
אַפן פעלדז דעם באָגאַטיר.

קעפּ צעשויבערטע זיך שפּאַרן,
לאַפּטיעס, בערד, מע זיצט, מע שטייט;
ס׳ווייסן אַלע: — אַנ אוואַריע —
אין דער דרויב־מאַשין, באַם שטיין.

נײַע קומען אַלעמאָל אָן,
ס׳זיצט לוקא דאָרט אויבנאָן,
און מע ווייסט: — אויב שטיין ניט מאָלן,
הייסט — ניט האָבן קיין בעטאָן!

ס׳לויפט פון מויל צו מויל: — אוואַריע,
און געזיכטן זעט מען קאַם;
נאָר ווי פון א גראָווער כמאַרע
גיט א רודער זיך לוקא,

גיט א רודער מיט דער פּלייצע,
גיט א הייב אַפּ זיך דעם טאָג:
— נו, צומבײַשפּיל, ווי ס׳פאַרשטייט זיך,
עפּעס מוז מען נעמען טאָן!

ס'ליגט דער דניעפער אזא בלויער,
ס'דוכט: — דאָס שטראָמענ ער פארהאלט;
ס'ווייסנ אלע: — אז די בויונג —
— א פארוווּנדעטע דאָרט פאלט.

קלאנג פונ גלעקל — א צעפלים זיך
איבער רויך אונ שטויב — געדיכט;
אונ מע מוז אפ שנעל באשליסנ
אונ באוואָרענענ אפגיך!

ווינט פונ דניעפּ גיט א פארקעמ דאָרט
פלייצעס, רוקנס, בערד — באנאנד;
אונ אינ דר'הייך — עלקאָנעס געמבע,
אונ אינ דר'הייך — עלקאָנעס האנט!

קאָפּ צו קאָפּ, ווי בלאט צו בלאט דאָרט
פונ א דעמב אזא — געווענדט;
אונ עלקאָנע: א בריגאדע
דרויבנ שטיינער מיט די הענט!

דאכט זיך, ס'לויפט דער דניעפער וואָרנענ,
ס'דוכט: — קיינ זאמד קיינ איינע רוט;
אונ טרובא: — די ארבעט טאָר ניט
בלייַבנ שטיינ אפ א מינוט!

ס'טראָגט זייַנ קאָף פונ פלאצ צו פלאצ זיך,
זייַנע פיס — מע זעט ניט אָנ;
אָנגעצוינג ביז צום פלאצנ ·
טראָגנ זיי זיך פונ פארטאָג.

ס'יאָגט מיט אויג נאָך אוראָם-הערש אימ
אונ מיט אָטעמ ווילד אונ הייס, —
אונ צו זייַנ בריגאדע: — הערט זשע!
אונ צו כעוורע זייַנער: — ווייס!

אימ פארבלענדט דער ראש, ווי בליצנ,
שרייַט ער אויך אינ דעמ געלאָפּ:
ס'איז א ראָד ארויס, האקיצער!
באלעגאָלעס, נו — א מאָפּ!

ב'זאָל רעדט צו זײַנע שטיוול,
טײַטשט זיי אײַן מיט פרישן טראָן:
— ס'איז ניט יענע וועלט, ניט די וועלט,
ווי איר קוקט מיך, ייִדן, אָן!

און דער קירזשנער קוקט צום אוילעם
מיטן אויער: — וואָס און ווען...
און סע קויקלט זיך אין מויל אים:
— דרויבענע שטיינער מיט די הענט!

בלויז דער ייִד פון מעליטאָפּאָל —
אָנגעבויגן — בא דער טיר;
ווערטער ווי געדיכטע טראָפּן
טראָגן אום זיך: — „באָגאטיר".

„באָגאטיר" — קרימט זשוק זיך נאָך דאָרט
מאָלעגיירעס — באָגאטיר;
עפּעס זיצט ער א צעקאָכטער,
רייכערט, שפּײַט דאָרט און צעשמירט, —

א באוואקסן און צעקראצטער
אלעמאָל דעם קאָפּ — א שפּאר:
— אלע יאָנטעוו עפּעס פּלאצט דאָרט,
— זאָל דאָרט ארבעטן טרובא!

ס'קלעפּט זיך ארבעט ניט צו זשוקן,
עפּעס טראכט ער נאָך און ווארט;
שוין געשטיינערט האָט ער ברוקן
און געווען א קאשעוואר

און אָט דאָ איז — שטויב און גראָשנס,
לאָמען, שטיינהעקער, — נ'וואָס נאָך?
— אוי, ווו ביסטו, זאפּאָראָזשיע,
טאטע־פּאָטערל — מאכנאָ?

אָטעמט דניעפּ מיט הויך פון יאָרן,
יעדער זאמד עפּעס דערמאָנט, —
אָט־אָ דאָ האָט ער געשוואָרן
זײַן מאכנאָן — אן אטאמאן!

11

ניט קיין ביסל, ניט קיין סאך —
ס'איז אזוי געווען די זאך.

ס'איז אזוי געווען די זאך —
פון א שטוב ז'אראָפּ דער דאך.

און פון דאך און אין דר'הייך —
דאכט זיך: — שווארצע קריִעס רויך.

און אין רויך ווי נ'א טײַך —
איבער קניִעס — קרום און גלײַך

האָבן זיך צעטופעט פערד דאָרט —
א טרומפייט האָט שארף און שווערדיק

זיך צעוויכערט און צעפּאָכעט,
אז דער טאָג געטאָן א בראָך האָט,

ווי א שויב פון זעקסטן שטאָק —
און סע רײַסט זיך און סע טראָגט,

און עס ליגן שוין דרײַ ווענט —
אָנגעכאפּטע און — סע ברענט,

נאָר די פּערטע איז געבליבן,
ס'הענגט א זייגער און ער פיבערט —

טויבע טלאָען — אפן טראקט
און דער זייגער — טיק־טאק.

טופּען טלאָען — אונטערוועגס —
און דער זייגער — האלב זעקס!

נו איז מען ארײַן אין שטאָט —
ניט קיין טשאָפּרינעס, נאָר דראָט.

מ'איז ארײַנגאנ מיט געשריי
און א נישטער און א דריי,

און אַ סמאַקע מיט די נעז,
יעדער נאָזלאָך — איז אַ נעסט.

יעדער נאָזלאָך איז — אַ בלאָזזאַק,
און די אויגן זײַנען גלאָזיק,

און פון שמוים איז — יעדער וואָנצע,
מע באַקוקט זיך, מע — דערמאָנט זיך:

שוין געווען דאָ — אַ מאָל דרײַ,
פאַר דער מוטערלעכער פרײַ!

קלאַפּט אַ שטיין אין שטיין באַם ברוק:
— ס'איז אין שטאָט אַרײַנגעגאַנגען זשוק!

אויסגעבײַטלט ביז די דנאָען
מיט אַ בסורע פון מאַכנאָען.

און — אַ פאָכע און — אַ פּאַכעד
אויסגעפאָכעט מיט פּאַפּאַכעס

און מיט מײַטקעס — פון געזעס
אַף די זאָטלען — שטײַפ און פּעסט, —

קאָצובייקעס און ראָטאָנדעס
אַף די זײַטן אָנגעטאָן דאָס,

און מיט שטרײַמלען און מיט פּרעק
און מיט שאַשקעס אָן אַן עק!

האָבן גלײַך געמאָלדן געסט:
— קאָוועד — דריטע! ביטע — קעסט!

פאָכען פערדלעך מיט די ווײדלעך —
— טוט דעם אַלטן ווער ניט ווײ דען

פון די טלאָען, פון דעם קלאָפּ
און פון גאַנצן גאַרדעראָב?

זיבן בײַדלעך װי די בעכער,
דרײַ — מיט לאטעס, פיר — מיט לעכער.

און מע טראָגט זיך און מע שפּאַרט
און אף איינס איז — א לאָמבאַרד.

רײַטערירע װי די שראַנקען —
און — טאַטשאַנקע נאָך טאַטשאַנקע —

און עס קומען נײַע אָן:
— צעלניק און קאָנפעקציאָן.

דאַמען־העמדער: — נעם פאַרטרו זײ,
און קאָרסעטן און רעטוזן

און װי פאָנען — אפן דרויסן —
אַלטע פּיזשאַמער און שמויסן,

װי די לײַבן, װי די װעלף,
גאָטעניו געטרײַער — העלף!

און באַשליקן — פייגל — פליִען,
און דער װעג איז — אף װוּהין?..

אַז צום טויט — א קורצער שפּאַן איז, —
— בענקען דען ניט די זשופּאַנעס

נאָך א היים און נאָך א שטוב?
נאָר דער װינט איז בייז און שטופּט —

בויד אף בויד און ראָד אף ראָד,
— װעמעס פּיס און װעמעס טראָט?

נ'װי א קימפּעטאָרן — מיד —
שלעפּט די קיך זיך אין דער מיט.

אף דער קעלניע מ'איז געשטאַנען
איינער — נאַזנדיק — אין טשאַן איז,

יאָגט מען. רײַט מען. גרײַפּט מען אָן.
פאָרנט פּלאַטערט שוואַרצע פאָן,

א סאָראָקע. א טשומא —
— מא!

ניט קײן ביסל, ניט קײן סאך —
ס'איז אזוי געווען די זאך:

ווער — סע בהאלט זיך, ווער — סע זוכט,
זאָגט דער קירזשנער צו זײַן זון:

— גיב נאָר דאָרט א קוק, מויסיי —
ווער סע גייט דאָרט צווישן זיי?

ווײַסע, רויטע, צי — אזוי,
גיב א קוק אין פענצטער — אוי!

אז ס'איז אָך און ווינד און וויי —
אז דעם טאַלעס — ווילן צוויי...

און דער טאַלעס איז — ראש־י,
— גיב א קוק דאָרטן, מויסיי!

דער איז — ווײַס, און דער איז — רויט,
— שלאָגט זיך אײַך געזונטערהייט!

וואָס קער זיך דאָס זיך אָן מיט מיר —
— נעם, מויסיי, פארשליס די טיר!

ס'האָט דער טאָג געטאָן א פאַל:
ווער — ס'איז יונג, און ווער ס'איז — אַלט...

אַלע ליגן שוין פארקילט
און ס'איז הילכיק און ס'איז שטיל,

גריוועס פלאַקערן בא פערד —
— גייען זיי דיר אַלע ג'דר'ערד!

הייבט זיך אוף פונ שליאך א שטויב,
קלאפּט מענ אָנ צו אימ אינ שויב.

גיט דער שטויב דעמ טאָג א ריר, —
קלאָפּט מענ אָנ צו אימ אינ טיר,

אונ — א בראָך, אונ א — ריס,
נאָר באמ קירזשנער ווינט א קריסט.

א פאפאכע גיט א קריך:
— עפנ, מאָרדע, עפנ — גיך!

א פּאָר אויגנ אונ א נאָז
גיט קיינ נאָז, נאָר אנ אָבאָז.

זאָגט דער קירזשנער: — לאָז, מויסיי,
— איך וועל ריידנ! כ'וועל אליינ!

איך בינ עלטער. ס'מאכט ניט אויס,
אויב דו קאָנסט, איז... גיי ארויס...

קוקט פאפאכע זיך ארומ —
ווער סע גייט אונ ווער סע קומט.

— ווייַז נאָר, מאָרדע, וואָס דו האָסט —
גיט א גיי אינ שטוב א פּראָסט.

אונ א ווינט אונ א וויכער —
אונ פאפאכע רעדט שוינ גיכער:

— פאקעווע זיך גיך צונויפ,
אונ א קויל — ווער סע לויפט!

נו — געגאנגענ — שנעל! געשווינטער.
רעדנ וועסטו אפּנ צווינטער!

יעדער רעגע טייַער קאָסט, —
— ווייַז-זשע, מאָרדע, וואָס דו האָסט!

קוקט דער קירזשנער — הינ און הער
און ער גיט דעם קאָפּ א קער,

און ער גיט דעם קאָפּ א דריי:
— גיי ערגעץ אוועק, מויסיי!

קורצזיכטיק דער קירזשנער איז:
זעט ער גאָר שוינ ניט דעם קריסט;

קורצזיכטיק איז ער און קליינ:
זעט ער שוינ ניט זיך אליינ;

נ'קורצזיכטיק איז זײַנ מויסיי,
נאָר ער רײַסט זיך ווי א לייב —

ווײַזט דער קירזשנער: — ס'איז מײַנ זהאָנ...
עפּשער דארפט איר א פּאסאָנ?

אָט אזא מיט א באראשעק
מיט א קנאָפּ און מיט א דאשעק, —

א באראשעקל ווי זײַד —
פּונקט ווי פונ דער אלטער צײַט,

און אינמיטנ — מיט א פּאס,
ס'וואָלט אײַך זייער שיינ געפּאסט!

און זײַנ באָרד זיך גיט א הייב —
א באראשקענע מיט שטויב:

— עפּשער דארפט איר א פּאסאָנ
אָט אזא ווי נאפּאָליאָנ?

און ער טוט מיט קרײַד א קריץ —
ווערט א הוט — אפּ דרײַ געשפּיצט.

און ס'דרײַשפּיציקע געמעל
פליגלט אוף. סע בליט. ס'געפעלט.

— איז אַט האָט איר א פאסאָן,
און אַט דאָס איז אונדזער זהאָן.

און אַט דאָס איז אונדזער קריסט,
און דער קריסט איז — אַן ארטיסט,

און געווען מ'איז שוין פון אייך,
גלייך ווי איר זענט נאָר אריין —

און דער קירזשנער טריפט און טייעט:
— פריער. ערשט מיט א טאָג דריי!

צוגענומען פאר דער פריי
אלץ, וואָס דינען קאָן געטריי.

זיי זיינען געוועזן — פיר, —
— ווען איר קומט א ביסל פריער...

— דינסטיק אקוראט — דערמאָנט ער, —
ווען איר קומט אהער כאָטש מאָנטיק...

צוגענומען, אויסגעראמט —
— ס'איז שאָד... איר האָט פארזאמט!..

— מאָרדע! רעד ניט אזוי גיך, —
גיט פון ס'ניי א גיי א וויכער —

נאָר דער קירזשנער רעדט פון היץ.
ס'בלאנקט ס'געמעל — אפ דריי געשפּיצט.

און ער הערט ניט. פינטלט — בלויז:
כ'בעט דיך, גיי, מויסיי, ארויס...

און ער הערט ניט און ער רוישט:
אלץ, וואָס איז געווען, איז — אויס!

צוגענומען ביז דעם ביין —
אָפּגעשונדן — איר אליין!

צי אזעלכע פּונקט ווי איר
און דורך איר — דורך דער טיר:

זיבן העמדער, ווי די בעכער,
פיר מיט לאַטעס, זעקס מיט לעכער,

און דער שטויסל — האָט איר — צוויי,
— ווייַ איז מיר, ביסט דאָ, מויסיי?

זיבן לייַכטער, ווי די וואַזעס, —
איך זאָל האָבן אזא מאַזל,

איך זאָל האָבן אזא יאָר
און די פּייסעכדיקע קוואָרט. —

אָפּגעפּוצט מע האָט זיי גאָר־וואָס,
מ'איז צום טייַך געגאַנגען באָרוועס,

מ'איז פון טייַך געקומען שפּעט —
ניט קיין שטוב און ניט קיין בעט —

נאָר א פּויק דערלאַנגט א טופּ האָט,
— וועמען פירט מען צו דער כופּע?

ניט באַזעצט און ניט באַווייַנט,
נאָר א קוויטש און א געשריי

און א וואַלגער — מיטאַמאָל —
טויט־באַלייגטע — אפן פּאָל...

דאָס איז אַלץ. וואָס איז געווען —
מיט פּאָרטרעטן אפ די ווענט

און געבליבן איז מייַן זהאָן
און די מאָס און דער פּאַסאָן —

איז דאָס ערשטע וואָרט — באַפעל מיר,
כ'וועל דיר מאַכן פון ווילהעלמען,

פֿון קערענסקין און פֿון דרייפֿוס
און אף איין פֿוס און אף צווײ פֿיס

נ׳האָב אף מיר ניט קיין פֿאַרדראָס,
לאָז מיך נעמען נאָר די מאָס!

קיין פֿאַריבל, האַר — ניט האָב,
וואָס איינגאַנצן האָסט איין קאָפּ —

און ער טראָגט זיך דיר גאַלאָפּ.
— האָפּ!

12

נו איז אַרײַנגאַנגען מאַכנאָ אין א שטאָט —
— אָט איז א שטוב און אף שטוב — איז א שטאָק.

אף שטאָק איז א פֿענצטער, א טיר און א שלאָס, —
האָט ער געהייסן דערלאַנגען א שאָס.

א שאָס איז א שאָס און מע פֿרעגט ניט — פֿאַרוואָס, —
בעסער ניט ברענגען מאַכנאָן אין פֿאַרדראָס.

זיצט דאָרט א קירזשנער אין אויבערשטן שטאָק,
כאַנדאָזשעט קאַשקעטן, כאַנדאָזשעט דער שטאָט.

כאַנדאָזשעט באַטאַג און כאַנדאָזשעט באַנאַכט,
און אף אַן אומגליק ער ריכט זיך און וואַרט.

נו וועט ער קומען — שפּעטער צי פֿריִער,
— צי דורך א פֿענצטער, צי דורך דער טיר.

וועט ער אַרײַנגיין — א ריס און א בראַך:
— אָט איז דאָס לעבן, אומגליק, — וואָס נאָך?

אָט איז דער האַלדז און אָט איז די האַק, —
ווײ, ס׳אַרא רעגן, — פֿאָרסט מיט דער אַקס?

קינדער — א גאַסט! ווײ, ס׳אַרא גאַסט, —
ס׳איז איצט א כווּשעך אזא אף דער גאַס...

נו א גוטנאָוונט דיר, אומגליק — זיץ!
מײַן נאָמען איז איצי. — קאָפּ צי שפּיץ?

רו זיך א ביסל, אומגליק, אָפּ —
האָסט אזא שווערן געשוואָלענעם קאָפּ.

ווערסט זיך ניט וואשן צו זאלץ און צו ברויט?
ט'אילעך ארויסדרייען בעסער דעם קנויט.

דאכט זיך — א בליץ. דאכט זיך — א בלאַנק, —
ט'אילעך ארויסדרייען, אומגליק, דעם לאָמפּ.

וועמען באדארפסטו, אומגליק — הער נאָר,
וועמען באדארפסטו בא איצי דעם קערזשנער?

וועמען באדארפסטו, אומגליק, און וואָס?
וואָס ווערסטו נעמען — דאָס הארץ צי א מאָס?

ניטאָ אזא מאָס אף דער גאנציקער שטאָט,
אף דער גאנציקער וועלט אזא מאָס איז נישטאָ...

געפעלט זי דיר, אומגליק, עפּעס די שטאָט?
פאראן א צירולניק. א קלויז. און א באָד.

מע שערט זיך. מע גאָלט זיך. אקוראט.
ווער — אום און ווער — גראד.

גיי שער זיך ארום. גיי גאָל זיך אָפּ.
האָסט אזא שווערן געשוואָלענעם קאָפּ.

וואָס אזוי שפּעט עפּעס? אומגליק, זיץ.
מײַן נאָמען איז איצי. קאָפּ צי שפּיץ?

— אומגליק! — א קירזשנער, — גיט איצי א קלאפּ, —
מעסט שטענדיק פריר אָן אף דעם אייגענעם קאָפּ...

אלץ — אף זײַן קאָפּ. אלץ — אף זײַן מאָס.
ווי — ס'ארא רעגן. ווי — ס'ארא גאָס...

אפ שטאָק איז א פענצטער, א טיר און א שלאָס, —
דאכט זיך — מע גייט און מע ריגעוועט: — „לאָז!"

דער פינגערהוט — דאָ איז. דאָס קרײַדל. די מאָס.
— וואָס ?..

א שאָס איז א שאָס. און מע פרעגט ניט — פארוואָס,
בעסער ניט ברענגען מאכנאָן אין פארדראָס.

האָט איצי די אויגן אין ציטער פארמאכט:
— צי ס׳האָט זיך געכאָלעמט, צי ס׳האָט זיך געדאכט...

א פונק און א בליץ — ווי א מעסער די שמאָל —
ב׳א פינטל מיט אויגן — צו עטלעכע מאָל.

א געלער ז׳דער קירזשנער. איז וואָזשע דערפון?
דעם קאָפּ נאָר א טוק געטאָן, פונקט ווי א הון.

אז אָט איז זײַן טיש, און אָט איז זײַן נאכט —
און ט׳איז עס שווין, דאכט זיך — ניט דאָ געדאכט...

דאכט זיך — דער פינגערהוט. טוט מען אים אָן —
— אז אָט איז מען דאָ און אָט איז מען ניטאָ.

זײַן שמויסענע באָרד, ווי אן עק פון א האָז —
און ס׳טריפט אפן פינגערהוט בלוט פון דער נאָז.

דער פינגערהוט — דאָ איז. דאָס קרײַדל. די מאָס.
— וואָס ?

א שאָס איז א שאָס. און מע פרעגט ניט — פארוואָס,
בעסער ניט ברענגען מאכנאָן אין פארדראָס.

דאָס שטיבל דעם קירזשנערס — אין פאכעד פארהילט,
עס קוקט אינעם פענצטער א בלעכענע שילד.

אפ שילד — איז א יאָלעם. א הוט. א קאשקעט.
עס פעלן אין זיי נאָר סאכאַקל — די קעפּ.

א דײַגע — א קאָפּ? א קאָפּ איז פאראן!
שמעלער דער דעניק. ברייטער דער ראנד.

פֿון איין שטוב — דעם מאַן. פֿון דער צווייטער — דעם מאַן.
אָט איז שוין באַם קירזשנער — מאַכנאָס אַטאַמאַן.

א ריס פֿאַר דער טיר. א ריס פֿאַרן הוק.
— א יאָלעמל, קירזשנער, ס׳איז איך — זשוק!

האָט זשוק זיך געמאָסטן באַם קירזשנער א הוט;
דער קירזשנער איז גרין, און סע גייט פֿון אים בלוט.

— נאָך איינע, קירזשנער, — אָט האָסטו א שמויס.
און נאָכעט א מעסט. און א קוק. און — אַרויס.

פֿערד — אַפֿן דרויסן. פֿערד — אַפֿן גאַס, —
איז פֿאָטער געוואָרן דער קירזשנער זײַן גאַסט.

קלאַפּט זיך באַם קירזשנער דאָס האַרץ אַזוי אָפּט,
עס נעמט אים דאָס בעט ניט. עס נעמט אים קיין שלאָף.

א ריס פֿאַרן האַרץ און א ריס פֿאַרן הוק:
— ס׳איז, קירזשנערל, — איך! אַטאַמאַן זשוק!

„— זשוק?“ — פֿרעגט דער קירזשנער און ציטערט אים נאָך, —
„— יאָ! — ס׳האָט באַפֿוילן דיר קומען מאַכנאָ“.

האָט זיך געשטעלט אין דער נאָז אים דאָס בלוט:
„— איז גאָט זאָל דיר העלפֿן... איז זײַ אַזוי גוט...

— אָט טייקעף... די קינדער... א רעגעלע... וואַרט...
וואָס דאַרף מיך אַשטייגער מאַכנאָ באַדערנאַכט?“

„— נו גיך! טו זיך אָן. און פֿרעג ניט, נאַר, —
א כילעק בא דיר — צי באַטאָג צי באַנאַכט...“

האָט קירזשנער א קוק געטאָן טעמפּ אַף די ווענט:
— דאָס מאַנטל... ווו זײַנען די אַרבל?.. די הענט...

געוועזן, דאַכט זיך, שלייפֿעלעך... געוועזן, דאַכט זיך, קנעפּ —
אַזש פֿון גולײַפּאָליע ביז צו דעם דניעפּ...

א גרינער ז׳דער קירזשנער. איז וואָזשע דערפון?
דעם קאָפּ נאָר א טוק געטאָן, פונקט ווי א הון.

א פונק און א בליץ — ווי א מעסער די שמאָל —
א פינטל מיט אויגן — אפ עטלעכע מאָל.

ב׳מיט קאָפּ צו דעם טיש — איז דער קירזשנער ארויס
און זשוק — איז די טויז און די באָרד איז פון שמויס.

די פיס ווי אפ גריבער זיך האָבן געשארט,
נאָר ווער זאָל א ווייַנ טאָן אינמיטן דער נאכט?

אריַינגאנ איז קירזשנער אינ שטאב ווי אינ פּלעט —
האָט ער געטראָפן מאכנאָען אינ בעט.

שטייט ער און קוקט — ווי ער איז אינ דער וועלט —
און ס׳גיט פונעם בעט מאכנאָ א באפעל:

— זיצ! ווייַלע ארבעטנ ארבעטסטו גוט.
איז ניי זשע מיר אופ ביז באגינען א הוט!

— אָט האָסטו דאָ צוויי קאראקולענע סעק,
און גרייט זאָל זי זיַנ ביז באגינעג אינ וועג.

דריַסט זיך באם קירזשנער פון אָדערנ היצ —
קוקט ער און הערט און האָט מוירע און זיצט.

— און אויב דו פארשפעטיקסט — איז ביסטו — קאַפּוט!
גיי און פארנעם זיך און ניי מיר די הוט!

— ווארט! נאָך א מאנטל נעם דיר און — גוט.
איז וואָס עפּעס גייט פון דער נאָז בא דיר בלוט?

ס׳איז גאָרנים. מיסטאמע. ס׳איז גוט. ס׳איז דער קאָפּ.
די מאָס... אז איך ווייס ניט... ווי נעמט מען אראָפּ?

ווי נעמט מען אראָפּ פון מאכנאָען א מאָס,
ס׳זאָל נאָך כאָלירע גיט זיַנ דאָ קיינ טאָעס?

האָט איצי געדרייט זיכ — אפּ הינ אונ צוריק —
ס'קומט אימ ניט אויס צו דער האַנט זײַנ פּאַריק.

די האָר — אַפּנ שטערנ. די אויגנ — פאַרדעקט.
ער וואָלט זיי פאַרשאַרט. אונ ס'וואָלט אימ געקלעקט...

סאַפּעט דער קירזשנער. האָט מוירע אונ בלאָוט —
— א קלייניקײַט נעמענ מאַכנאָענ א מאָס?..

דעמ דעניק — וואָס ברייטער — געוויס האָט ער ליב, —
גיט דאָרט בא איציג א ציטער די ליפּ.

קוקט זיכ דאָס קירזשנערל איצי אַרומ:
—ס'איז אַזא שטילקײַט אַזוי ווי נ'א גרוב...

האָט איצי גענומענ געאַרעמ זײַנ קאָפּ —
אונ קוקט אינ די זײַטנ — די אויגנ — אַראָפּ...

— ווי נעמט מענ אַראָפּ פונ מאַכנאָענ א מאָס,
סע זאָל נאָר כאָלילע ניט זײַנ דאָ קיינ טאָעס...

א שאָס איז א שאָס. אונ מע פרעגט ניט — פאַרוואָס,
— א קלייניקײַט — דעמ מאַלכאַמאָוועס — א מאָס?

אונ ס'גיט זיכ מאַכנאָ 'פונעמ בעט א צעבריי:
— וואָס עפּעס פאַרשפּרעכסטו מיכ, קירזשנער — ייִד?

ס'איז אַזוי שטיל. בלויז — טריט —
ציטערט דער קירזשנער: — גאָט באַהיט!

א בראָכע איכ מאַכ — וואָס זענ איכ האָב
די ווערט בא גאָט — א קייסערשנ קאָפּ...

אונ ווער ס'האָט א מאַלכעס צו זענ די ווערט,
איז לעבט ער דערנאָכדעמ — מיט צענ יאָר מער...

— מער אָדער ווייניקער — קירזשנער, — אַנ עק!
— וואָס קאָכט מענ בא דיר הײַנט? איכ אײַל זיכ אינ וועג?

ס'איז קרײַדיק דער קירזשנער און ווײַסער — פון וואָס...
האָט איצי געגומען מאכנאָען די מאָס.

אַפּ צוריקוועגס האָט זשוק אים געטאָן א באַפעל:
— וואָרענעקעס באַק פון א גאַנצן זאַק מעל!

...גוטע וואָרענעקעס... גוטע — געווען!
אָט א זשידאָווקעלע — גאָלדענע הענט.

שטייט אַפּן פעלדז איצטער זשוק און דערמאָנט:
— געווען אַמאָל צײַטן... מאכנאָס אַטאַמאַן...

האָט מען געהוליעט א צײַטעלע — און —
פון זאַפּאָראָזשיע ביז — ווייסט עס דער רוך!

וואַלד איז וואַלד. און סטעפּ איז סטעפּ —
אויס פון גוליײַפּאָליע ביז צו דעם דניעפּ!

אַז באַטקאָ מאכנאָ — איז די וועלט א וועלט —
און איצטער גייט דרויבע דעם שטיין מיט די הענט...

איצט איז צעקלעפּט א געוועט אַפּ דער טיר,
ב'א שטיינהעקער זשוק איז אַפּ פעלדז „באָגאַטיר".

באַוואָרנט, באַרעכנט — מע קוקט און מע היט, —
און דאָ בריגאַדירעוועט עפּעס א ייִד,

וואָס שנײַדט מיט די אויגן אַפּ דורך און דורך:
— א באַלעגאָלע — ווייסט אים דער רוך!

באַיעט באַם לעבער. ס'דערמאָנט זיך אים נאָך:
— געווען ס'איז א לעבן באַם פאָטער מאכנאָ!

נו איז אַרײַנגאַנגען מאכנאָ אין א שטאָט,
— אָט איז א שטוב און אַפּ שטוב איז — א שטאָק —

אַפּ שטאָק איז א פענצטער. א טיר און א שלאָס —
האָט ער געהייסן דערלאַנגען א שאָס.

א שאָס איז א שאָס. און מע פרעגט ניט — פּאַרוואָס —
בעסער ניט ברענגען מאכנאָן אין פאַרדראָס!

13

אַף א מײַל אין דער הייך און אַף מײַלן אַרום
קאָן צום פעלדז „באַגאטיר“ ניט דערלאַנגען די רו —
אַן אַסיפּע פון מענגעס געלאָזט — אין דער הייך,
מיט אופרײַס, מיט דונער, מיט כמאַרע און רויך,
ווער סע וואַשט זיך אין ראַש, ווער סע עסט אים דאָרט מער,
נ'ווי מיט ווײַן דאָרט באַטרונקט זיך מיט אים אוורהאָם־הערש.

ווו ער וואַרפט ניט קיין אויג—הייבן האַמערס און העק זיך,
ווו ער גיט ניט א קוק — זײַנען פּלייצעס און קעפּ,
ווו ער וואַרפט ניט קיין אויג — זײַנען בערג ווי געבעקסן,
ווו ער גיט ניט א קוק — איז צעגאָסענער דניעפּ, —
— צי מע דרויבעט דאָ פעלדז, צי מע דרעשעט דאָ ברויט,
— צי מע פאָרט אַף א קנאַסמאָל בא אים אין דער בויד?

אַף א קעלניע ער שטייט — צווישן פעלדזן און גריבער,
ס'בײַסט די זון אים דאָס מויל און די אויגן ווי זייפּ —
און ער קײַעט די היץ און ער קײַעט דעם פיבער —
בא דער אַרבעט ער שטייט האַלב-געבויגן — אַזוי
ווי געשטאַנען וואָלט ער אין דער בויד און געטריבן
צעפּאַלאָכעטע פערד אַף א קרומען שאָסיי.

סע טראַסקעט דער שטיין און סע טראָגט זיך א שטויב,
און זאָזל — פּרילישעט און זאָזל — איז טויב,
נאָר ס'קריכט אוורהאָם-הערש אים אַרײַן אין דער לעבער,
ער שטורכעט און הריזעט אים: — זאָזעלע־לעב.
און אַלעמאָל גיט ער א פרעג און א טייל אים:
— דו ווייסט ס'אַרא סעדרע סע גייט הײַנט, נעווייליע?

אַלע ווײַלע דערלאַנגט ער די הענט זיך א רײַב
און געשיקט, ווי די בײַסש — הייבט בא אים זיך דער האַמער,
ניט ער דרויבעט דעם פעלדז, נאָר ער יאָגט אים און טרײַבט
און די גאַנצענע ערד גייט אַף רעדער — געטרײַ,
ס'שרײַט זײַן פּאָנעם מיט שוויס, מיט פאַרברוינ — זײַנע פּליאַמעס
און ס'ווילט זיך א „וויאָ“ — נאָר דאָס מויל איז פאַרקלאַמערט.

ווי געיאָגט פון וואָקזאַל וואָלט ער זיך, אוורהאָם-הערש, דאָרט,
ווי מיט די באַלעגאָלעס — געגאַנגען וואָלט א שטרײַט —

וועמעס גליק אפ דער שטאט וועט דערהערט זיין דער ערשטער,
ווער אין שטאט מיט די פערד — וועט דער ערשטער אריין, —
אלע ווילע — א וויש מיטן ארבל דעם שטערן
אלע ווילע ב'די הענט — אזא זאפטיקן שפיי!

ס'יאגט זיך זאזל אים נאך מיט די ציינער — בלויז,
ס'קריכט די וואנצע אין מויל דורך בעשפאלטענער ליפ
און ער שפייט מיט א קלאלע אפ צריק זי ארויס, —
אלע ווילע — א סאפ, אלע ווילע — א כליפ:
— אווראם-הערש, כ'האב היינט יארציים... דערמאנט זיך אט ערשט...
און א קוק אין די זייטן: דו הערסט, אווראם־הערש?

— הער אופ קרעכצן, נעווילע! — דערלאנגט אווראם-הערש
אין די זייטן א שפיי — ער זאל ווייסן גענויער —
בא וועמען ס'איז ווייניק, בא וועמען ס'איז מער, —
— וואס האסטו געזאגט? — שטעלט ער אונטער דעם אויער,
און ווידער — אפ לינקס, און ווידער — אפ רעכטס:
— וואס זשע ווילסטו, נעווילע? איז לייג זיך און — קרעכץ!

ער גיט זיך צו זאזלען א קרום, אווראם-הערש;
און גיט אפן פעלדז זיך א לאז מיטן האמער.
— האסט יארציים... אזוי נעבעך... ווי איז דער מאמען...
נאך וועמען? נאך אים? נאכן גאנעוו — דעם שווער?..
באדארפסט עס דערציילן דעם כאווער טרובא,
איז מאכט ער א מיניען דיר — ראז־דוואַ!

און ס'באשפייט אווראם־הערש זיך ווידער: — רעכט!
ס'עפשער פארן אהיים אים דארט שטעלן א ליכט?
— אהיים איז אהיים — גיט זיך זאזל א טראג...
— און שפיי נאר אזוי ניט... איך ווייס ניט ווי דיר איז, —
דו מיינסט, אווראם־הערש — פאר אזעלכע סכירעס
איז קאן איך זיך אופהייבן היינטיקן טאג!..

— נו, גיב דארטן, זאזל, איבער א גרוס,
און דריי זיך, נעווילע, אין וועג אויס א פוס,
און נעם אפן וועג זיך מיט זשוקן ארום —
א צאדעק אזא — נעבעך קומט ער דא אום
און יארציימן האט ער היינט אויך — פאר געוויס —
ניט איינעם... איז, גייט און — צעברעכט זיך די פיס!

און זשוק ערגעץ בראַיעט, און זשוק ערגעץ בראַיעט,
ער טײַטלט אַפּ הענט און ער טײַטלט אַפּ שטײנער: —
— צו אײנעם, צום צװײטן, צו — אַלע, נ'פּאַר זיך דאָרט:
— ס'אַנ אַרבעט — דעם שטײנ מיט די פינגער און — שטײ ניט,
און ס'איז ניט קײנ זונטיק, און ס'איז ניט קײנ פרײַהײַט,
איז װאָס? איז װאָדענ? און עס קויקלט זיך: — ריכטיק!

לוקאַ האָט געשװיגנ. געקוקט אומעטום האָט.
זיך צוגעהערט שטיל און עפּעס געװאַרט;
לוקאַ האָט געװיגנ דעם ראָש און דעם טומל:
— אַ װיפל ס'איז — קעגנ, אַ װיפל ס'איז — פאַר,
און פונדאַנענ — אַהינ, און פונ דאָרטנ — אַהער,
און צום סאָף זיך אַ הײב: נו, װאָס זאָגט אַװראָם-הערש?

אַװראָם-הערש האָט געטראַכט: — און געאַרבעט — נו װאָס?
װאָס יאָ איז יאָ... די מאַשינ איז אַװאַדע,
נאָר דאָס װאָס סע דרײט זיך דאָ זשוק און ער יאַדעט...
איז שנײַדט עס אינ האַרצנ אים פּונקט װי מיט גלאָז,
ער קאָנ ניט פאַרטראָגנ ס'באַנדיטישע קאָל,
אָט זאָל מענ אים, טראַכט ער, באַשיטנ מיט גאָלד,

װעט ער אינ קאָמפּאַניע ניט גײנ מיט אַזאַ,
װאָס װײסט אים דער רועכ, װאָס ער טוט דאָ און בראַיעט.
װאָס קאָנ דיר אַרײַנלײגנ גלאָז אינעם ברויט,
װאָס קאָנ אַפנ קאָפּ דיר דאָ אָנטאָנ אַ זאַק,
האָס מע דאַרף אַפּ אים האַלטנ דאָס אויג — שאַרף,
װענ ער גיט נעבנ דיר זיך אַ דרײ און אַ שאַר...

ער אַלײנ, טראַכט ער — אויך איז דערפאַר, סע זאָל באַלד
די מאַשינ אים דאָרט ברענגענ צו טראָגנ טרובאַ...
סע װאָלט גאָר ניט געשאַדט... װענ מע װאָלט זי געהאַט...
און געװענ ס'װאָלט דאָ גרינגער און גיכ — אַקוראַט,
אָבער דאָס, װאָס סע קאָעלט זיך זשוק אַרום דעם,
איז גיט ער דעם אוילעם אַ הײב און אַ נעם:

— באַלעגאָלעס! שטײנהעקער! אַלע, — הערט!
װער נאָכ איז פאַראַנ? װער נאָכ — פונ קאַריער?
אַפּ זשוקנ אַ קוק, מיטנ האַמער אַ קלאַפּ,
— איז װער פאַונ עק און װער — פאַרנ קאָפּ

און האָדיע און פּאָטער! מע וואַרפט אים ארויס
ג׳געמעלדעט דעם כאוועד טרובא און — אויס!

— געזעגנ כ׳האָב דעם כאוועד טרובא אפן קיכ.
די קאשע ט׳געשמעקט... איז אליינ אפגיכ,
געזעגנ ווי ער שטעלט פאר אונדז אלע זיכ איינ, —
באלעגאלעס! ס׳קאָנ בעסער אינ לעבנ ניט זיינ!
איז זאָל ער אונדז זאָגנ אזוי ווי ער קאָנ,
און וואָס ער וועט זאָגנ, אזוי וועט מענ טאָנ!

עס נישטערנ הייבערס. זיי שניידנ די הייכנ.
זיי שטרעקנ ווי הענט זיכ און מאָנענ און קרעכצנ
און ערגעץ צעהאַקט זיכ טרובאכנ דאָס קאָל;
עס ציטערנ דראָטנ. די פענעמער בלייע,
און ס׳רופנ זיכ ברעגנ. נאָר עמעצער ווערט זיכ.
און ט׳רופט א פארזאמלונג באנאכט דער ארבקאָם.

פארזאמלונג פונ שטיינהעקער — שטייניק געלאטעט.
פארזאמלונג פונ שטיינער אפ פעלדזיקע לאַנענ —
און ס׳ווייסט שוינ דער דניעפער, אז עפעס קומט פאָר,
און ס׳הערנ פונוויטנ זיכ צו עקסקוואטערס,
און ס׳שאָקלענ מיט שנאָבלענ די שטאָלענע קראנענ
און לאָקאָמאָטיוונ זיכ מעלדנ צום וואָרט.

נאָר דאָס וואָרט נעמט טרובא. די פארזאמלונג גייט ווייטער.
ער האלט אינ די אויגנ ז׳אָרט סוואָדקעס פונ ארבעט,
א שטיק קאַטלאָוואַנ און א שטיק פונעם דניעפּ,
און ערגעץ די שוועלנ זיכ זאָטלענ ווי רייטער,
און ערגעץ די שוועלנ זיכ רייסנ אינ נאכט־פּיינ,
און ס׳ווענדט זיכ טרובא צו פארזאמלטע קעפּ:

— כאוויירים! די קאשע איז... ווירקלעכ... נאָר אָנ איר —
ז׳מיט אייניקע האלט עס נאָכ זייער שווער...
פאראנ נאָכ אזוינע... אינ נאָרעס פארבהאלטנ...
וועד — ס׳שפּייט אונדז אינ קאשע... וועד ס׳שפייט אונדז אינ פּאָנעם, —
אזעלכע, וואָס מעסערס פארגרייטע זיי האלטנ
און נוצנ די שטיינער זיכ אויס פאר געווער...

דאָס דרויבענ מיט הענט איז אנ אויסרייד. ס׳אזוי נאָר,
ס׳וועט גרייט די מאשינ זיינ צו מאָרגנ פארפרי דאָרט, —

און ס'בעט זיך די האַנט צו דעם גורט...— ס'איז ניט וויכטיק,
אַדורך צווישן אונדז ז'ווי אַ וואָרעם — דער סוינע
און הריזעט פון אינווייניק. (אָפּקלאַנגען: נידער!)
מיר וועלן אים אײַנבײַסן. (אָפּקלאַנגען: ריכטיק.)

און ס'טרובעט טרובאַ: — מ'עט שטימען. מ'עט הערן.
ווער וויל נאָך אַ וואָרט? נאָר סע הייבן זיך ברעמען
און ס'בליאַסקען אַף אים נאָר די שווייסיקע טראָפּן, —
נ'אַז שטיינהעקערס קנײַטשן מיט בערד און מיט שטערנס,
נ' אַז ס'וואָרט. וויל פון שטיינהעקערס קיינער ניט נעמען,
איז וויל עס דער ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל.

איז וואָס ווייסט אַ ייִד פון דער שטאָט מעליטאָפּאָל!
וואָס האָט ער געהאַט און וואָס האָט ער פאַרלאָרן?
עס גיט זיך מיט ווערטער דאָס מויל אים אַ שטאָפּ אָן:
— נו, רעד, מעליטאָפּאָל, — קורץ און קלאָר, —
גיט זשוק פאַר די אויגן דעם ייִד זיך אַ שטעל —
פאַר מיר און פאַר דיר נ'פאַרן גאַנצן אַרטעל!

און ס'ווערט אַ געטומל. און ס'ווערט אַ געלעכטער.
און ס'ווערט אַ געהוקע פון איינעם צום צווייטן,
און יעדערער שרײַט, ער זאָל צוגיין צום טיש:
— אָט זאָל ער זיי זאָגן. אָט זאָל ער אַ גיי טאָן!
און ס'גיט זיך אַ שיט פון אים עטלעכע ווערטער:
— ס'איז ריכטיק... ס'אַזוי... און ער האָט זיך צעמישט.

דער קירזשנער ז'געשטאַנען בײַ זײַט און געהערט,
די האַנט אַפן איינציקן אויער פאַרפעסטיקט, —
ער דרייט זיך אַהין און ער דרייט זיך אַהער.
און עפּעס ער מורמלט און כאַזערט זיך שווער:
— דער שניט איז אַ שניט, נאָר מע דאַרף נאָך אַ מעסט טאָן, —
פאַרשטייט זיך, ס'איז ביטער... וואָס נאָך און וואָס מער?

נאָר אינמיטן געטומל — באַפעליק און קאַלט
האָט אַ הייב געטאָן ס'בערדיקע פּאָנעם לוקאַ,
ווי אַ כוואַליע אַריבער אַ יעטווידנס קעפּ:
— ציט! לאָזט אים רעדן! ער ווייסט וואָס ער רעדט!
ס'איז אויך ניט מיט קישנס געבעט דאָ זײַן בעט!
און דאָס וואָרט פון לוקאַ ט'זיך צעקויקלט אין סטעפּ.

אונ שטימענ: — אוואדע!
אונ שטימענ: — איז וואָס זשע?
אונ שטימענ אפ שטימענ פונ יעטווידנ אָרט:
— נו, פּרוווּ זיך, נו, נא דיר.
— נו, פּרוווּ זיך פאר גראָשנס!
נ'ס'האָט ווידער טרובא זיך גענומענ דאָס וואָרט.

האָט טרובא זיך געשטעלט
בא דער זײַט פונעם טיש
אונ פונ שטערנ פארשארט זיך די העל-בלאָנדע האָר, —
ס'האָט דאָס וואָרט אים געפעלט
אונ דער שוויס האָט געפרישט:
— נו, איז אָט, ס'איז פאר יעדנ אונ אלעמענ קלאָר.

אונ עס רעדנ שוינ אלע. מע רעדט שוינ איינעם.
מעווישט זיך די מײַלער אונ מ'איז שוינ צעווארעמט,
אונ ס'איז פונקט אזוי פּאָרכטיק, ווי ערעוו א שלאכט;
אונ ס'ציִענ די הענט זיך אליינ שוינ צו שטיינער,
אונ ס'שורוועג די בערד אונ די הענט זײַנענ וואכיק
אונ מ'איז אפ דער ארבעט ארויס נאָך באנאכט.

ס'האָבנ הענט זיך געגעבנ א פּאָכע ארופ,
אונ טרובאס שטימ שטײַגט ערגעץ אופ:
— אויב נעכטנ באדארפט האָט מענ שרויט, איז שרויט
אונ הײַנט אויב מיר דארפנ בעטאָנ — איז בעטאָנ!
אונ ס'וועט אונדז ניט פעלנ קיינ איינציקער לייט,
אונ ס'וועט אונדז ניט פעלנ קיינ איינציקער טאָנ!

14

ס'דרעשט די צײַט א הייסער ווינט דאָ:
— ווּ איז פרייד אונ ווּ איז אומעט?
ס'וואלגערט זיך אפ הארבסט דער ווינטער
נ'אפנ פרילינג קומט דער זומער —

האסטיק פליִענ אָנ די ווײַטנ
אפ די יאָרנ די פארוויגטע;
— אז ס'האָט אים פונ אלע זײַטנ —
זאָגט דער קירזשנער — צוגעדריקט דאָ,

ווּ ער גיט זיך ניט קיין ווענדע,
ווּ ער גיט זיך ניט קיין דריי:
— אז ווי לאנג איז ער געווען דען
באַלעבאָס בא זיך אין דר׳היים?

און סע גיט דאָרט א פארהיל אים
און ווי שניי אפּ אים — סע שיט:
— מיט אַן אייגענער פאמיליע
— מיט אַן אייגענער מאשין...

און די שטוב איז פול מיט יאָרן,
אזא שטילקייט צווישן זיי,
און אָט דאָ איז — מאנטעפיאָרע,
און אָט דאָ — איז זיין מויסיי.

דארפסט קאראקול, איז — קאראקול,
דארפסט באראשעק, איז — באראשעק
און א הוט מע גיט א קנאַק אוּפ
מיט א גלאנצנדיקן דאשעק,

אז סע בלישטשעט קיין איינאָרע
פון דער שטוב אפּן שאָסיי —
און סע קוויקט זיך מאָנטעפיאָרע,
און סע קוויקט זיך זיין מויסיי.

און א מארק ז׳מיט ביר באגאָסן,
און א זונטיק גייט א גאנג;
און מע נעמט פון קעפּ די מאָסן
מיט א ציקלדיק געזאנג.

בלויז פון אָפּגעגרינטן באלקן
שאָטנס ברעכן זיך און בראָקן, —
און אין יעדאשליווג אלקער
האָט א ווייב אין בעט געקוואָקעט,

און די יאָרן מ׳האָט געפּעקלט,
און די יאָרן מ׳האָט געגרימפּלט:
אלע זונטיק — א געבעקל,
אלע יאָר — א זיסער קימפּעט —

איז אפ וואָס האָט ער געבעטנ
אינ זײַנ קירזשנערישׂ געשעפט?
אז מע זאָל דאָ אינעם שטעטל
נאָר גיט בלײַבנ אָנ די קעפּ...

האָט ער יעדער הוט געמאָסטנ
אפ זײַנ קירזשנערישנ׳ קאָפּ:
און — אָט האָט איר! און — אָט האָסטו!
צוגעזאָטנ און פאַרקלאָפּט...

אלצ איז צו דער מאָס געװענ אים:
פונ א קינד און פונ א טאטנ. —
און די אויגנ בא אים ברענענ:
— נעמט אָט די, אָט די אָ — נאט אײַכ!

ס,איז פּאסאָנענ דאָ אזויפיל,
ס׳זאָל נאָר װעמענ זײַנ זיי אָנטאָנ;
פאר שאבאָסימ און יאָנטויװימ
נ׳פאר פאר א פּאָשעט — פּראָסטנ מאָנטיק —

זײַדענע — גיט מענ א באק אָנ
א קארטינע — װערט פונ סאמעט;
נ׳מיט א שטיקל אליפּאגע
קאָנ מענ אויכ זיכ נ׳ט פארסאמענ.

אויב א שמויסל — איז אוואדע,
און א טכער — איז אדעראבע,
איצי גיט א מעסט א ספּאָדעק,
זעט אויס איצי װי דער שאבעס.

נ׳װענ ער גיט אפ זיכ א פּאק אָנ
אזא דעניקל מיט קאנטנ —
פּעלט אים סכאקל נאָר א שפּאגע
מיט א פּאָרל אקסלבאנטנ,

אז ער זאָל אזוי א שפּאנ טאָנ
און — ראװונײַס אצינד — אפ מיר נאָר —
נ׳ער זאָל געבנ א קאָמאנדע:
און א דונער געבנ: סמירנאָ!

ס׳איז זײַן מויל אין הוילע וויצן,
און זײַן מויל איז — אויפגעכראַסטעט:
— היטלען, זאָגט דער קערזשנער איצי,
איז בא אים פאַר אַלע וולאַסטן.

פאַר מאַכנאָ און פאַר קאַזאַקן
און פאַר דײַטשן און אַוסטריצעס:
— טראָגט מיר נאָר אַרײַן א סאַקל
נ׳מיטן אויג א פינטל: — איצי!

איז א פאָלק און א דיוויזיע
מאַכט אָפּ איצי פאַר א נאַכט...
...ס׳איז די צײַט אַוועק... ווּ איז זי?
ניט דערקלערט און ניט דערטראַכט.

ווען א וולאַסט ווערט נאָר פאַרזייט, —
ז׳פריר פון אַלץ באַפאַלט מען אים נאָר:
— איצי, — זאָגט אים גאַנץ ראַסיי —
— כאָטש דאָס טעלערל פון הימל!

ענטפערט איצי מיט איין זאָטעם:
— גיט אַהער מיר דעם פאַסאָן נאָר,
וועט אײַך איצי ווי אַפּ נאָטן
אויסשפּילן א הוט — א כאָלע. —

און א סאָלע מיט א דאַשעק,
און א סאָלע מיט א קוטעס —
און די אויגן ער פאַרקאַשערט:
— אוי ווי טײַער־זיס און גוט איז!..

און א סאָלע מיט א פעדער
און אַזוי זיך — גלאַט א סאָלע;
און דעם „גראַגער” ווײַזט מיר יעדער,
און ס׳איז — לעבן לאַסן זאָלן!

און די היטלען זיך צעוויגן,
ווי די פייגל — אַפּ א פּלי סאָן;
נאָר, — זאָגט ער, — די באָלשעוויקעס,
האָבן ניט קיין גוסט צו היטלען...

אלץ האָב איך דאָך אין מײַן לעבן
אָנגעמאָסטן, ווי א היטל —
א מאלכאָמע מ׳גאָט געגעבן,
און א כריינע, און א שכינה.

נאָר די וואלסטו — ווי איך מעסט ניט,
ז׳גאָרניט קומט בא מיר ארויסעט
— עפּעס מיט די אויגן זעסטו:
די איז — קלײנע, און יענע — גרויס איז...

און זי באָמבלט אין מיר שווער זיך,
און דאָס פּאָנעם — זי פארדעקט;
— וואָס, — זאָגט ער, — איז דען א קערושנער?
— גאָרניט, — זאָגט ער, — און — אן עק!

אז איך וויים ניט — וואָס פארלאנגט מען
פון א מענטשן פון אזא;
ס׳זײַנען טעג אזוינע לאנגע,
ס׳זײַנען מענטשן דאָ ווי זאמד.

ניט קיין פרייד און ניט קיין טרויער,
ניט — ארויף און ניט — אראָפּ;
סכאקל האָב איך בלויז איין אויער,
און וואָס נאָך? א שטיקל קאָפּ...

גיט מיר, — זאָגט ער, — די מאשין אָפּ,
— גיט מיר, — זאָגט ער, — אָפּ די מאָס —
גיב איך זיך מיר א צעשימער
און איך ווער מיר באלעבאָס.

און דעם אויער מער איך מאָן ניט,
און דעם אויער שענק איך — אוים!
— נאט אײַך, זאָגט ער, אָפּ דעם האָניק,
— לאָזט מיך פונעם טאָפּ ארויס...

15

ווער זשע וועט דערציילן, ווער זשע
שמייכלט איצט אומגעהייער,
וויאזוי עס איז דער קערושנער
דאָך געבליבן אָן אן אויער?..

אז צו אַלץ ט'ער צוגעהערט זיך,
צו די ווענט און צו דער ערד;
נאָכדעם האָט ער א טאָג פערציק
גאָר שוין גאָר מער ניט געהערט...

פ'איז אַרײַנגעגאַנגען, מ'איז געקומען
אַזוי לעבעדיק און לוסטיק —
— ווער אַף אַקסל מיט אַ קלומעק
— ווער מיט קלומעקעס — געברוסטיקט...

און אַ קוק ט'מען אויסגעגאָסן...
האָט דאָס האַרץ זיך אים צעבויטעט:
— זיצט... אָט נעם איך גלײַך אַ מאָס אײַך —
און זיך נידעריק פאַרבויגן...

— נעם אונדז ניט קיין מאָס! — שרײַט אײנער,
און אַ ריס פון אים די מאָס;
— די נעשאָמע, קירזשנער!.. שטיי נאָר:
— וואָס? — פרעגט איצי, — זאָגט איר — וואָס?..

האָט ער זיך דערלאַנגט אַ הוידע:
איין אויג — ווינקט און איינס — פאַרמאַכט:
— קריך, מויסיי, אַרויף בוידעם,
— קריך, מויסיי, אַרויף דאַך!

קוקט פאַרוווּנדערט מאָנטעפיאָרע
אַף צעשוימיקטע פאַפאַכעס —
אונטער פענצטער וואַרטן יאָרן
און אַן אומעט — אויף דאַך איז...

האָט מויסיי זיך אויסגעבויטעט,
האָט מויסיי זיך אויסגעגלײַכט:
— ווו זשע איז ערגעץ דער בוידעם?
— ווו זשע איז ערגעץ דער דאַך?

ט'האָט מויסיי געהערט אַ קאָל נאָר
און אַ קוויטש ט'זיך אים געדאַכט, —
מיט אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער
ז'ער געזעסן אויף דאַך.

אונ געקוקט אינ ווײַטנ אומעט,
אונ געקוקט — אים אלצ ז׳באוווסט דאָ...
— מ׳איז אריינגאנ, מ׳איז געקומענ
אזוי לעבעדיק אונ לוסטיק.

אונ דעמ קירזשנער אפנ ווארשטאט,
אונ דער ווארשטאט — אפ א קאָל —
אונ די טשאָפּרינעס ווי בארשטנ
אונ די בארשטנ — אפנ פּאָל —

אונ ס׳איז לעבעדיק אונ פרייליכ
אונ סע טרייסלט זיכ די שטאָט,
אונ מע סאפּעט אונ מע קוילעט
אונ ס׳איז קיינער שוינ נישטאָ —

מ׳איז אריינגאנ, מ׳איז געקומענ
אזוי לעבעדיק אונ לוסטיק
אונ דעמ אויער מ׳האָט גענומענ
נאָר אזוי זיכ אפ א מוסטער —

מיט א שערל — צוויי דריי צוקע
אונ געבראכט אימ פּאר מאכנאָ:
— אויב סע וועט דער מוסטער צוגיינ,
וועט מענ קומענ נעמענ נאָכ.

ס׳קלינגענ אָפ די יאָרנ ראשיק,
ווי מיט גלאָז זיי קלינגענ אָפ:
— וואָס בארּאשעק, ווענ בארּאשעק,
אז דער קאָפּ איז ניט קיינ קאָפּ...

וואָס, אז סע פעלט אינ שטאָט קאראקול?
אז באראשעק איז נישטאָ?
אז סע איז שוינ גאָר סאכאקל
מער די שטאָט שוינ ניט קיינ שטאָט.

דאָס איז — צווייטנס אונ אינ דריטנ —
גיט דאָס הארצ זיכ אימ א קלאָפּ:
— ווענ קריכט אינ קאָפּ איצט היטלענ,
אז דער קאָפּ איז ניט קיינ קאָפּ.

שמייכלט איצי אויס דעם טרויער:
— וואָס זשע סאָג האָט מען געקאָנט —
אז מאכנאָנ געפעלט דער אויער
אונ דעניקינען — דער קאָפּ...

דרעשנ טעג איצט הייסע ווינטנ:
— ווו איז — פרייד, אונ ווו איז — אומעט?
ס׳וואלגערט זיכ אפ הארבסט דער ווינטער,
נ׳אפנ פרילינג פליט דער זומער —

אונ עס פליִענ אָנ די ווייַטנ —
אפ די יאָרנ די פארוויגטע:
— אז ס׳האָט אימ פונ אלע זייַטנ, —
זאָגט דער קירושנער, — צוגעדריקט דאָ...

האָט ער זיכ צונויפגעפעקלט
באַכאמאָל דעם נישער לעבנ
אונ אוועק דאָרט אפ דער ספעקע
טראָגנ שטיינער צו הרעבליע.

— בעסער, — טראכט ער, — ווענ סע לאָזט זיכ —
וואָלט פונ אלצ געווענ אזוי:
ער זאָל גאָר אוועק קיינ מאָסקווע
אונ אריַינ אינ מאָסקוואָשוויי,

נאָר דער דניעפּער איז — דערנעבנ,
ס׳איז דער דניעפּער — בא דער האנט;
אונ ס׳איז אומעטומ — א הרעבליע,
אונ ס׳איז אומעטומ — דאָס לאנד...

16

אָט איז עס זייַנ שטיבל. דער גאנעק. די טרעפּ.
אָט איז עס דאָס שילדל מיט היטלענ אָנ קעפּ.
צעשווענקט אונ צעבויגנ פונ רעגנ אונ קלעפּ,
אונ אָט איז פונוויַטנ — דער זילבערנער דניעפּ.

איז האָט זיכ בא איצינ פארוואלגערט א טרער,
אנ אלטע, א גראָזע פארלעגערטע טרער —
— אז אָט איז דער הימל אונ אָט איז די ערד —
איז ווער איז דאָ אומגעקומט אונ ווער איז דאָ געבליבנ?!..

צ׳איז דניעפער פונ עמעסנ זילבער, צי ניינ,
צי האָט אפּאנעמעס דער קירזשנער געוויינט, —
נאָר ס׳האָט פונעמ דניעפער א ווינטל געוויית!
— נו, פאָר זשע, נו, קירזשנער — געזונטינקערהייט!

האָט נאָכאמאָל איצי באטראכט זײַנ פארמעג
אונ ווידער — א קוק אונ ווידער — א שמעק —
אונ האָט זיכ א ריס געטאָנ: — האָדי! אַנ עק!
אונ האָט זיכ פארפעקלט אונ — אויס! אונ — אוועק.

נאָר ס׳גייט אימ די לײַדיקע שטוב נאָכ. דער שטויב.
עס קוקט מאָנטעפיאָרע פונ וואנט דורכ דער שויב. —
גייט ער, דער קירזשנער, אונ מאכט מיט די הענט:
— אײַ, מאָנטעפיאָרע, וואָס ווייסט דענ א מענטש?..

ער קוקט, מאָנטעפיאָרע, פונ וואנט דורכ דער שויב,
דאכט זיכ — ער גיט פונ דער וואנט זיכ א הייב:
ווי ער וואָלט געפרעגט בא אימ: — איצי, וווהינ?
— ווו גייט עס א קירזשנער?.. ווו גייט עס א ייִד?..

דאָס שילדעלע הענגט — א צעבויגענער גלאָק,
דאכט זיכ — א ווינטעלע... דאכט זיכ — מע קלאַפּט.
דרייט אויס זיכ דער קירזשנער אונ מאכט מיט די הענט:
— אײַ, מאָנטעפיאָרע, — וואָס ווייסט דענ א מענטש?..

— ווער האָט זיכ געריכט? אונ ווער האָט געוווּסט!
סע קומט בא מיר אויס, אז איכ גיי מיט איינ פוס...
אונ הער מיט איינ אויער... אונ זע מיט איינ אויג...
אונ ס׳גייט מיר א לײַדיקע שטוב נאָכ... מיט שטויב....

זי גייט אונ באגלייט עמעס — ווי א לעווײַע.
געשטאָרבנ. אוועק. אונ ס׳איז אויס קירזשנערײַ.
אימ דאכט זיכ, ער הערט אפּ א קיווער דעמ טופּ:
— ס׳איז אויס מאָנטעפיאָרע... ס׳איז אויס מיט דער שטוב....

איז האָט זיכ א ריס געטאָנ איצי: — איכ האָב עס!
אונ האָט זיכ געקויפט א בילעט אינ אוטאָבוס,
אונ — אָט איז דאָס שילדל מיט היטלענ אָנ קעפּ,
אונ — אָט איז דאָס גלאָקיקע זילבער פונ דניעפּ!

פּאַרוקט איז בא איצינ אינ גאַרטל א האַק —
ער האַקט אונ ער טראָגט דאָרט די שטײנער געשמאַק.

ער לויפט אונ ער שטופּט זיכ: — וואָס גיכער אונ מער —
אימ דאכט זיכ — ער האָט דאָ נאָכ אלצ ניט געהערט.

ער איז אזוי לײַכט — נאָר ס'איז שווער אימ דאָס גײנ,
ס'איז שווער ניט דער שטײנ, נאָר ס'איז שווער דאָס פאַרשטײנ.

אימ דאכט זיכ: — מע טראָגט אימ. ער גײט ניט אלײנ.
אונ אלצ — אזוי גרויס, אונ ער — אזוי קלײנ...

איז שטעלט ער זיכ אָפּ. איז בלײַבט ער דאָרט שטײנ:
— ווײ, ס'ארא גרויסער אונ גוואלדיקער שטײנ!

אונ הערט מיט אײנ אויער אונ זעט מיט אײנ אויג:
— אָט קוקט זי די לײדיקע שטוב מיטנ שטויב.

אָט קוקט מאָנטעפיאָרע. דער שאבעס. די הימ.
— דער אײנציקער אויער אימ שפּאַלט זיכ אפּצווײענ...

דאכט זיכ — א ווינט אינ זײַנ שילדעלע קלאַפּט
אונ שמײַסט דאָרט די הימלענ אונ רײַסט זײ אראָפּ.

אונ ס'דאכט זיכ — עס עפענענ פענצטער זיכ אופ —
אונ עמעצער ווינקט אימ אונ עמעצער רופט...

אהער אונ אהינ אונ אהינ אונ אהער —
אונ ס'גיסט זיכ דער הימל אונ ס'ציטערט די ערד.

אונ ס'גיט א סירענע זײַנ אויער א ריס:
— קירזשנערל איצי, דו זעסט וואָס דאָ איז?

— דו זעסט עס, דאָס לעבנ? נעמ עס, ס'איז דײַנס!
נ'פאר אָט אָ דעמ לעבנ איז אלעס קעדײַ!

דער טײַכ אונ דער הימל. די ערד אונ דער ברעג,
אונ אָט אָ די ליכטיקע גאָלדענע טעג.

— קאָנסט עס אראַינעמענ? — נעמ עס אראַינ!
דו זעסט עס? באקאָנ זיכ! נעמ עס — ס'איז דײַנס!

קוקט זיכ דער קירזשנער ארומ אונ ארומ:
— וואָס איז דאָ גלײַכ אונ וואָס איז דאָ קרומ?...

אונ שטעלט אָנ דעמ אויער אונ קוקט זיכ אראַינ:
— עס ווילט זיכ דעמ אלעמענ ווערנ געטרײַ...

נאָר אז סע טוט אפ אימ אומעט א ווײ, —
שרײַבט ער א בריוו צו זײַנ זונ — צו מויסײ:

— בא מיר ווי ניט איז — איז די זאכ שוינ אזוי:
סע קומט מיר ניט שנײַדנ — איכ האָב ניט געזויט...

איכ שרײַב מיט א ווערטל דעריקער, מויסײ —
ווײַל איכ בינ א קירזשנער אונ דו ביסט מויסײ!

האקיצער האמײַסע, — איז הער זשע, מויסײ:
די זאכ איז אינ דעמ, וואָס איכ קאָנ ניט פארשטיינ,

מיט וואָס איז עס בעסער צו טראָגנ דעמ שטיינ,
ווי נ'דר'היימ בא דער שאפע מיט היטלענ צו שטיינ...

— זאָל ער מיר מויכל זײַנ — לעניג — אליינ,
כ'פארשטײ ניט דעמ סײכל. כ'פארשטײ ניט דעמ מיינ.

וואָס עמעס איז עמעס. מע זאָגט מיר: — ס'איז מײַנס,
איז קוק איכ אונ טראכט: — ס'איז פונ זײער צאד — פײַנ!

מע זאָגט עס ניט מיר, נאָר — צו אלעמענ — גלײַכ:
— אָט דאָס איז אינגאנצנ — אינגאנצנ פאר אײַכ!

אונ אויסגעבויט האָט מענ א פאלאצ — אליינ —
א ווערסט אינ דער ברייט אונ א ווערסט אינ דער לענג.

איז ער נאָכ ניט פארטיק. מע זאָגט — ער איז קליינ.
איז קאָנ איכ דאָס אויכ ניט אינגאנצנ פארשטײנ, —

איז זאָג מיר, מײַן זאָהנ, איז זאָג מיר, מויסיי:
— וואָס דארפ דענ א קירושנער אוזא מינ פאליי?

ער איז טאקע גרויס אונ ער איז טאקע — שיינ,
באָר גרינגער ז'צו האָבנ א שטיבל א קליינס.

טאָמער — א קוינע, טאָמער — וואָס,
מאלע־וואָס... בינ איכ — באלעבאָס!

אונ דאָס, וואָס ס'קומט אויס, אז ס'אנ אייגענע זאכ,
איז זיצ איכ אונ שרײַב דיר, איז זיצ איכ אונ טראכט:

כ'פארשטײ ניט, מויסיי — ווי קאָנ עס דענ זײַנ —
ווי קאָנ עס זײַנ מײַנס, אז ס'איז דײַנס אונ ס'איז זײַנס?

— דעריקער איז דאָס — וואָס סע קומט מיר נים אויס:
אז טאָמער לעמאָשל — איכ וויל מיר ארויכ,

איז ווי וועט מענ טיילנ אוזא מינ פאליי —
פאר מיר איז ער גרויס אונ פאר אים איז ער קליינ...

— לאָז ער מיר מויכל זײַנ — לענינ — אליינ,
כ'פארשטײ ניט דעם סייכל. כ'פארשטײ ניט דעם מײַנ.

אָט האָט מענ געבראכט איצט א נײַעם נאסאָס.
דו פארשטייסט? א נאסאָס! אונ איכ וויים ניט — צו וואָס.

ווענ כ'האָב אים בא זיכ, ווענ איכ האָב אים אינ דר'היים, —
איז קאָנ מענ שוינ ווי־ניט זיכ געבנ א דריי...

איז גיב איכ, מויסיי, זיכ א טראכט אפ צוריק:
— אז וואָס איז די פאָלוע? אונ וואָס איז דאָס גליק?

ווענ ס'שטייט דער נאסאָס — לאָמיר זאָגנ — בא מיר,
איז — זײַ אזוי גוט — אונ מע גיט אים א פיר

אונ מע ברענגט אים אהער אונ מע נעמט אים א מאָס
אונ — זײַ, כאָווער איצי — אָט דאָ — באלעבאָס!

אָט זיצ איכ אונ שרײַב דיר אונ קוק אינ דער ווײַט:
ס'איז אַלצ, דאכט זיכ — אויבנ אונ אַלצ איז — פארטײַעט.

אונ מענטשנ — א יאמ, אונ מאשינעס — א וועלט,
אונ לידער מע זינגט... אז דאָס הארצ סע פארקלעמט...

איכ פרוו זיכ עס ליב האָבנ... ס'גייט אויס דאָס הארצ,
אָט ווי איכ האָב ליב געהאט פרײַטיקצונאכטס,

ווי שאבעס קאיאָר... ווענ מע טרײַבט די קו...
איז זיצ איכ אונ שרײַב דיר אונ טראכט זיכ אונ קוק:

— אזויפיל נאסאָכנ אונ בעהיימעס אונ פערד —
אונ ס'איז אזוי ברייט אונ גערAמ דאָ די ערד...

אונ לידער מעסוקענע וואקסנ אינ וועג,
אז ס'רײַסט זיכ דאָס הארצ. די נײַשאָמע זיכ עקט.

איז ווי זשע באקומט מענ עס ליב אָט — עלעהײַ
פונקט ס'וואָלט געוואקסנ בא מיר אינ דער היימ...

פונקט ווי כ'האָב ליב געהאט די שאפע. די קלייט.
דאָס בלעכענע שילדל. די אייגענע לײַט.

אונ ס'איז אזוי סמוטנע אונ ס'איז אזוי שווער —
איז זיצ איכ אונ שרײַב דיר. איז זיצ איכ אונ קלער:

איז זיצ איכ אונ טראכט זיכ אונ קלער זיכ, מויסיי —
— סע קומט מיר ניט שנײַדנ — איכ האָב ניט געזייט.

אונ שרײַב מיט א ווערטל דעריקער, מויסיי, —
ווײַל איכ בינ א קידושנער אונ דו ביסט—מויסיי!

17

עס איז פרילינג געווענ. אונ געיוירט האָט דער דניעפּ,
ס'האָבנ דונערס פונ דנאָ זיכ געטראָגנ פארטויבט,
ס'זײַנענ ווינטנ פונ ערגעצ געגאנ מיט געדרוי, —
אונ אינ דר'הייכ — א געזאנג פונ געשטעלנ אונ טרעפ:

ס׳קלינגען טויזנטער הערצער ווי גלעקער פארוועבט,
און איין ברעג צו דעם צווייטן פון ווײַט זיך פארטרויט...

נאָר אַף דניעפּער איז — אײַז. נאָר אַף דניעפּער איז — קריע.
און די קריע איז גרויס און די קריע איז דול, —
ס׳איז דעם ברעג און דעם דנאָ פון די וואסערן שווער
און דער דניעפּער איז בייז און דער דניעפּער איז פול —
הייבט זיך קריע אַף קריע. פּאַרן בערג זיך מיט בערג
און זיי מעלדן דעם אופשטײַג פון שטאנגענע א קריג.

אלעמאָל גיט א בארג זיך א וואָרף אַף א שפּונט
און אַף שוימענע צעשטויבט — שפּרינגט ער אָפּ אַף צוריק, —
אלעמאָל גיט זיך אײַז מיט די אקסל א הייב,
— ס׳האָט די ווינטיקע קריע געמאָלדן א קריג, —
אלע מאָל גיט א ריס פון דער טיף זיך דער גרונט, —
די סטיכיי איז ארויס אַף געלאָקער און רויב.

נאָר עס רודערן הייבעריס אַף לינקס און אַף רעכטס.
נאָר עס רעוועט סירענעס און טרײַבן דעם ווינט —
און עס זעט ווי א דאמפער די הרעבליע שווינ אויס
אַף צעבושעטן יאם. און באפעלן — געשווינד —
און עס מישן באנאנד זיך די טעג מיט די נעכט,
די סטיכיי איז ווילד. די סטיכיי איז גרויס!

נאָר דער שליוז בא די נעכט — ז׳א באלויכטענער צוג
אַף די אײַזיקע הרודעס פון שוימיקן דניעפּ, —
אַפּן צוג — מיליאָנען! מע שוימט אין קאיאָר
און מע לאָזט די צעיושעטע קריע ניט צו:
— נאָך א פלאסט אין דער הייך! נאָך א פלאסט אין דער גרעב!
— נאָך א פלאסט פונעם לײַב און פון הארץ, — וויפל נאָך?

און מע שוימט אין דער הייך אַף בעטאָנענער פלאך
צווישן שוימיקן בליאסק פון צעפּענטעטער קריע —
און מע טראָגט אים, דעם שליוז, קעגן ווינט, קעגן שטראָם,
און די הרעבליע מע טראָגט אַף די הענט דורך געפאר:
— אוי, איר לאָצמאנשע בערד פונעם ערשטן באגינ,
— אוי, איר לאָצמאנשע זיידעס פון לעצטן פאראָם!

און אַ טאָג נאָך אַ טאָג. און אַ נאַכט נאָך אַ נאַכט.
עס איז ליב. עס איז לויב. עס איז פֿריידיק געוועט.
און עס ווייסט ניט דאָס האַרץ צו דעם שטייַגן קיין זעט.
נאָר סטיכיי איז גרויס. נאָר סטיכיי זיך שפּאַרט —
ג'וועגן מע טרייַבט פֿון דער הייך איר פֿאַרפּלייץ און פֿאַרטריפֿ,
רייַסט זי אויף ווי אַן אָדער — אַ קוואַל אין דער טיף.

אַ מינוט. און אַ שאָ. און די ביט איז פֿאַרפֿלייצט.
און די ביט איז פֿאַרקרימט ווי דערטרונקענעמס מויל.
ס'זייַנען כוואַליעס — אַף שטיגן. ס'זייַנען כוואַליעס — אַף טרעפּ.
און זיי רייַסן זיך העכער צום ראַנד מיט געהויל,
און זיי פּרעסן די באָלטן מיט בליץ און מיט קרייַץ,
און עס וויגט זיך די ווייַט און עס וויגט זיך דער דניעפּ.

איז אַף ליכטיק געבוירט און אַף ליכטיקער פּייַן
זייַנען באַרושיקע טעג איבער דניעפּער געגאַנגען,
אָנגעלאָדענע דול מיט געדולד און מיט שטיין,
אָנגעלאָדענע דול מיט געוואַג און מיט דאָרשט,
אָנגעלאָדענע דול מיט באַלאַסט און געביין,
און, ווי טרייַבער — צופֿוס — איז געגאַנגען דער דאָר.

און אַנטקעגן — סטיכיי! און אַנטקעגן — איז רויש!
אַף פֿאַרלעגערטע שטרעקעס, אין ווייַטן פֿאָרויס
איז געגאַנגען סטיכיי — אין געוויי און אין ברויז
און געפּאַנצערט מיט אָפּגרונט, מיט קרוינען פֿון אוראַלט,
און געמוסקלט מיט פֿעלדז, און באַפֿליגלט מיט שטורעם,
און מע זעט ניט קיין „אייַן" און מע זעט ניט קיין „אויס"...

און געמאָלדן האָט דאָר מיט צעקלונגענעם שטאָל,
און געמאָלדן האָט דאָר מיט דעם דאָרשט פֿון באַשאַף:
„— אין אויסגליי פֿון שטורעם און שלאַכטן פֿאַר פֿרייַהייַט,
געענדערט מיר האָבן דעם גאַנג פֿון דער צייַט,
און מיר האָבן געענדערט דעם טאָך פֿון דער צאָל,
און באַצווינגענע מיר וועלן דעם זין פֿון דייַן קראַפֿט!"

— ניט קיין זאַמד, ניט קיין שטיין ליגט צעלייגט אַף דייַן ברעג,
ניט קיין זיסער געוואוקס און באַלויַן פֿון דער ערד, —
ס'ליגן ביינער פֿון דורות, געביין פֿון אַ לאַנד,

ס'ליגן מענגעס צעשטיינערטע שאַרבנס פֿון קנעכט.
די וואָס האָבן אין כעסעד געוואָרט דאָרט אין שרעק
בא דער ראָד פֿון גוירעלעס — געקרייצט און געשפּאַנט.

— מיר וואַרטן ניט מער אַף קיין נעס און פּאַרטרוי!
מיר בעטן ניט מער אַף קיין טויען־געטריפֿ —
מיר ווילן אַ הייב טאָן די שאַרבלאַט פֿון דר'הייך,
און גרונטעוועג דאַרפֿן מיר איצטער די טיפֿ —
ביסט מער ניט קיין „גוירל", סטיכיע, — ביסט שטאָף —
און באַהערשן מיר וועלן דיך ביז צו דעם סאָף!

„— מיר וועלן דיך אויפשנײַדן דרייסט, ווי אַ בוך,
דײַן בלינדע פֿאַרוואַנדלונג, דײַן גאַנג, דײַן געבורט,
און זײַן וועט דײַן יעטווידער אָטעם — אַן אָס,
באַטרונקען מיט דאָרשט, מיט באַגער און מיט פּרווו,
אַז יעדערער לייענען זאָל קאָנען דיך פּראָסט
און גיין זאָל דײַן קראַפט אַף איר העכסטן באַרוף!"

איז פֿאַנאַנדערגעשניטן דער דניעפּ אין דער מיט,
זײַנע דנאָיקע גאָרגלען מע לייט און מע שמידט:
דאָרט, ווו קוואַל האָט געפּליִצט, איז אַ צוים און אַ נעסט
און מע פֿײַלט און מע גלײַכט און מע פֿורעמט זיי פֿעסט
און מיט שטאַנגען-געקרעמפּ און מיט פּענטעס פֿון שטאָל
שנײַדן פֿלאַמבעס זיך אײַן דאָרט פֿון שטיין און בעטאָן.

נאָר דער אָפּגרונט ז'פֿאַרטײַעט. ער סאָפּעט און היט
יעדן אָנגריף פֿון מענטש, פֿון געוואַג און פֿון טריט.
און ווי עקבערס צעלאָזט ער די שטראָמען און וועקט:
— גייט, צעהריזעט, צעגראָבט דאָס גראַניטן־געוועב!
— גייט אַרויס, רײַסט זיך דורך פֿון פֿאַרבאָרגנסטער טיפֿ
און באַפֿאַלט און באַלאַגערט און ברעכט דעם מאַסיוו!

עס צעטראָגט זיך אַ קרעכץ אין דער ווײַט־האָריזאָנט,
עס צעשיטן זיך הילצערנע ביטן מיט שטיין —
און אָס רופֿט מיט געלענק שוין אַ וואַנט צו אַ וואַנט;
און עס זײַנען שוין כוואַליעס אין דר'הייך — אויבנאָן
מיט צעבלאָזענע מײַטקעס אין בלויען געבלאַנק,
און — אַ ווילדער האָפּאַק — איבער בראָך און געביין:

דונדיק־אָנגעגאָסענע
קעסלענ — בלויער שטאָל —
— אָט וועט מענ א קאָסע טאָנ
— זיבנ אפאמאָל!

גרויזאמע אונ נאקעטע,
שיקערע פונ בלענדנ —
— אָט וועט מענ אנ אקער טאָנ
מיט רוקנ אונ מיט לענד!

אָט וועט מענ א סטאָקע טאָנ
סמאליעדיקנ פענט —
— הייסע אונ פארטאָפעטע
סנאָפעדיק געלענדס!

שלײַדערנ אונ ווארפנ זיכ,
זעצנ זיכ אפ קעפ —
רײַסנ די באנאכטיקע
פינצטערניש ווי קרעפ.

אופגעשוימיקט־שטויביקע
שומענ־קעפ — אינ דרײַהייכ —
שמײַסנ זיי ווי שויבנ אויס
די נעפלענ מיט דעמ רויכ.

טראסקעט אונ סע קרישעט זיכ
דניעפערישער טראכט —
טויבע אונ פארלישעטע
— טאָג אונ נאכט.

אונ מיט שטענג געארעמטע
אופ אונ אָפ —
וועט מענ זיכ א ווארעמ טאָג,
כוואליעס — גאלאָפ!

טוקנ זיכ אונ טראָגנ זיכ
מיט פרענט אפ פרענט,
ווי מעכטיקע ווי שטאָלצנע,
ווי קאָרפנ אינ די הענט.

און הײבנ זיכ װי בוטעליעס
און טשאָקענ זיכ: — פּאר בראָכ!
— בײַטשיקע און בלוטיקע
און טאָפּענדיקע: — נאָכ!

יאָגנ זײ און פּאַסיקנ
בליציקנ געפּאר:
אָט װעלנ זײ א טראסקע טאָנ
לאַמטערנס אינ דער נאכט.

מיט שטורעמ־װינט מיט סטעפּיקנ
צעװיכערט און צעשרױפּט, —
און דעמ דניעפּער שלעפּנ זײ
און װעקנ אימ: — שטײ אױפ!

— אוראַלטער, גרױזאַמער,
זײדע — פּאַרנעמ,
דײַנע גלעקער טױזנטער
צעהוידע און צעקלעמ!

— ברעכ זיכ אופּעט בראגענער
פונ ברעגעדיקער בעט —
באַפאַלנ מ׳האָט! באַלאַגערונג!
אנ אונטערגראָב. מע פּלעט!

— רײַסט זיכ אופּעט בערגיקע
קרױנענ פונעמ סטעפּ —
פּאַרטרונקענ און דערװערגנ זײ
— אנ אָנפאַל אפנ דניעפּ!

אראָפּשלעפּנ אינ טאָל אראָפּ
פונ אָפּגרונטיקער נאכט, —
שװימענ זײ אפּ שטאָלענע
שטאבעס און מע שפּארט.

— שטורעמװינט! ניט אלצ איז נאָכ,
מע זעגלט זיכ נאָכ דרײסט, —
סטאָקענ זײ און האלדזנ זיכ
און סאָפּנ אױס די שפּײַז.

— טיף און ווײַט דער וועג איז נאָך,
צום אָפּגרונט — דער פּאָרפּיר, —
איז אפּגיכ געזועגנט זיך
מיט הימל און מיט ליכט!

טאַנצן זיי — געטוליעטע,
געאַרעמטע מיט טרעפּ —
ווי רויב־פּייגל צעהוליעטע,
ווי רויב-פּייגל אין שרעק.

מיט שטאָל־ריפּן געפּאַסיקטע,
מיט שטאָלן-שריפט — באַקלעפּט, —
און שווער איז שוין די וואַסערן
און ענג איז שוין דעם דניעפּ.

— אוראַלטער, גרויאַמער,
זיידע — געטרײַ,
דײַנע גלעקער טויזנטער
טראָגן זיך פרײַ.
זיי הייבן זיך ווי בוטעליעס
און טשאָקען זיך: — פּאַר בראָך!
— בײַטשיקע און בלוטיקע
און סאָפּענדיקע — נאָך!

די סטיכיי צעטיילט זיך מיט מענטשלעכער מי,
זי צעטיילט זיך מיט איר ווי מיט העפקערן רויב, —
ס'טאַנצן כוואַליעס ווי שיידים און שרײַען געשמידט:
— היי, צעפּראַלע זיך, אָפּגרונט: די ווינטן פאַרטרויב
— וואָס פאַרלאַנגסטו איצט מער? וואָס פאַרלאַנגסטו איצט נאָך?
— מיר וועלן דיר ברענגען מיט בלענד און מיט בראָך!

בייגן כוואַליעס אַראָפּ די בעטאָנענע ווענט,
טראָגן שטראָמען די שטאַבעס ווי שפּײַז אין דער טיף —
ס'האָט דער דניעפּער צעשמעטערט זײַן שטאָלענעם פּענט
און דורך יעטווידן פּלאַץ איז — פאַרפלייץ און געטריף.
און די טיף ערגעץ פּלאַצט און זי בראַכט און זי מישט —
די סטיכיי צעטיילט זיך מיט דער מענטשלעכער מי.

— איך וועל זײַן אַ בעזוועט! איך וועל זײַן אַ פּאַרפּראָוו!
און אַ שלאַכט צווישן מיר און סטיכיי וועט זײַן!
און אַ וווּנדער וועט זײַן אויף די ווונדן פון שיפן,
— מ'איז אַרויס און מ'איז דאָ —
— פון דער ווײַט, פון דער נאָענט,
און ס'איז קלוג דער באַפעל, נאָך באַהערש איז דער רוף!

18

די נאַכט איז דורכגעגאַן אין פיבער,
די נאַכט איז אומרו איז פאַרבײַ —
מ'האָט זיך בעגריים און מ'האָט געטריבן
דאָס וואַסער האַסטיק און געטרײַ,
ביז ס'האָט דאָס וואַסער זיך געזאַמלט,
געשפּאַרט ס'האָט גרויזאַם פון דער שיף —
די בויונג אויסגעזויגן האָט דאַמלט,
ווי אַ צונויפגעקלעמטע שיף
צווישן פעלדזנשטייניקע ברעגן,
צווישן קרײַעדיקן אײַז —
און מענגעס ראַשיק זיך באַוועגן,
און פון דער שיף — אַ הילך זיך רײַסט...
ס'האָט צו די שטיגן און צו לייטערס
אַ וועג דאָס וואַסער זיך געמאַכט —
באַגעגענען האָט מען געגרייט זיך
און גרייט געווען ווי צו אַ שלאַכט.
אָט איז דער וועג. ער איז שוין אָפן.
דער וועג איז גראָד—דורך טרעפּ — אַרויף;
עס האָט דער דניעפּער זיך באַוואָפנט
און אַלע ווײַלע זיך געפּרוווט.
ס'האָט זיך געווינט דער קאַטלאָוואַן,
דער וואַלד-געשטעל האָט זיך געפּאָכעט —
און אַלע מאָל האָט ווילדער וואַל
דערלאַנגט אַ דונער און אַ בראָך האָט...
ס'האָט פון דער נאַכט געשפּאַרט דאָס אײַז,
ס'האָט פון דער נאַכט די שיף געשפּאַרט זיך
און ס'איז דער דניעפּער — מער נאָך גרײַז,
און ס'איז די שוואַרצע נאַכט — נאָך שוואַרצער.
און מענגעס לויפן אום — פאַרפּאַליעט,
און אַלע מאָל — אַ טריבער פּראַל —

נאָר אפ דער הייך, ווי אפ א פאלוב,
ז׳געוועגט געמאָלדן אן אוורא.
„— די ארבעטער, בריגאדעס בעסטע
אריבערוואַרפן פונ קאריער״
און ס׳לויפט אן אופגעוויגטער פעכט דאָרט
שוינ צווישן אלע — אווראַם־הערש.
עס סטײַעט אים קיינ צײַט א טראכט טאָג
אינ דעם געלאָפ, אינ דעם געפליס, —
נאָר אלע ווײַלע — גרייט און פארטיק —
ער לאָדט די הענט און טרײַבט די פיס.
און נעמען אלץ זער גרייט אפ זיך,
נאָר ס׳קלאַפט דאָס הארץ און ס׳רײַסט די שלייפן, —
עס שווינדלען מעגנעס ראשיק־גיך,
ווי אפ א וונדערלעכער סרייפע...
אָט איז ער ווײַט און נאָנט און נעענטער,
ס׳איז אים אצינדער גאָרניט שווער;
און א מאָטאָר טראָגט אפ די הענט ער,
גלײַך ווי אן אומגעפאלן פערד.
און שמייסט זיך אינ א צווייטן אָן דאָרט,
און זידלט אומרויִק זיך אויס, —
אים דאכט זיך, אז ער איז פארפלאָנטערט,
און עפעס מוז ער דאָ ארויס...
און ס׳קוקט אים עפעס אויס די זאך
פונקט ווי א שטאָט וואָלט דאָ פארייזנעט;
און ליגן דאָ דעם קאָפ מע דארפ
און וואַטעווען פאר וויפל ס׳איז ניט...
איצט יעדן איינעם — ער דערמאָנט,
ס׳ווערט יעדע קליינינקײַט איצט טײַער;
און יעדער איינער — ווערט אים נאָנט,
און יעדער איינער — איז צושטײַער...
אז אויב מע טרײַבט דאָס וואסער אָפ,
אז אויב מע לאָזט עס ניט ארײַנ דאָ, —
איז פונקט אזוי ווי פונ דער שטאָט
ער אָפגעטריבן וואָלט א באנדע...
ער לויפט און יאָגט זיך און ער שטופט
און מעסט דאָס וואסער — אפן אויג, —
ווי ס׳וואָלט דאָ אונטערגאנ זײַן שטוב,
וואָס ער האָט זיך אליינ געבויט, —
און ס׳האָט דאָרטן צום ערשטן מאָל

א זעץ געטאָן פאַרשעמט פון מויל אים:
— מיט אונדזער ארבעט האלט עס שמאָל...
דאָס וואסער קאָן אונדז איצטער קוילען!
ער האָט דערפילט, אז דאָס איז זײַנס,
אז צוגעבונדן ער צו דעם איז —
ער ווייסט אַליין ניט — ווי פאַרטײַען עס,
ער וויכט אַליין ניט — נאָר ס'איז עמעס...
און ס'דאכט זיך אויס אים, אז אָט ערשט,
אז אויב ארויס ט'ער פון דעם ברענונג —
איז ער א נײַער אוראָם־הערש,
אזא ווי קיינמאָל ז'ניט געווען ער...
איז טרײַבט זײַן כעוודע אוראָם־הערש דאָרט,
אליין דער ערשטער — אומעטום, —
ער קוקט אַף יעדערן זיך אום
אונטער געלאָד אונטער דעם שווערסטן, —
— פאַרגעסט ניט — גיט ער זיך א דריי,
אז אַף די וואסערן דאָ איז מען —
— באַלעגאָלעס, ווי אין דער היים!
— באַלעגאָלעס, ווי א מיזמער!
און מיט געלאָד — אַף הינ און הערצו,
די באָרד ווי שוים — זיך שטופּט לוקא;
געוואָלט א ציילעם טאָן האָט ער זיך,
נאָר אײַנגעקלאמט איז יעדער האנט.
אַף איין אַן אויגנבליק א קורצן,
אַף קלענסטן פּינטל מיטן אויג —
אים אין דער טיף אין הארצן דוכט זיך
אז... עפּשער... טאָר מען ניט אזוי...
אז עפּשער איז דאָס קעגן... וועמען...
ער ווייסט ניט... עפּשער קעגן... גאָט...
דערפאר איז עפּשער... שווער זײַן טראָט,
נאָר זאָגן דאָס איז ניט באקוועם אים...
עס פּאָכען פראגעס זיך, ווי בלאָזזעק,
און ענטפערס — פײַערדיקע — קלאָר,
און אָנגעזאָטלט שרײַט דאָרט זאָזל:
— עלקאָנע, זאָג וואָס קומט דאָ פאָר?
עלקאָנע לאָזט זיך אַלע ווײַלע
מיט זײַן בריגאדע — אוף און אָפּ —
ער מעסט דאָרט פליענדיק די מײַלן:
— א וויכער אוף און — א פאַרגראָב!

ער מאכט פונ דר'הייכ דאָרט מיט דער הוט אימ,
אינ פלי — ער פאָכעט מיט דער האנט,
פונ הייבערס ווי מיט פאראשיוטנ
מע זינקט צומ דנאָ פונ קאָטלאָוואנ —
מע ברענגט פונ דאָרט די לעצטע טיילנ,
מע לאָדט זיי אויסעט אפנ ברעג, —
אונ ס'ווענדט זיכ אווראָמ־הערש: — נעוויילע!
דו קאָנסט בא מיר ניט טאָנ קיינ פרעג?
אונ בייז אונ זאכלעכ דאָרט זייַנ קאָל איז
אונ מיטנ ענטפער — ניט געזאמט:
— נעוויילע! פרעג ניט! באלעגאָלעס
צעשפאלטנ ט'ערשטע מאָל דעמ יאמ!
נ'טרובא לויפט אומ פונ אָרט צו אָרט דאָרט,
— צי עפעס פאלט? צי עפעס — פעלט?
אונ — דאָ דערלאנגט ער א פאראָרדענונג,
אונ — דאָרט דערלאנגט ער א באפעל,
ער איז שוינ הייזעריק אונ שרייַט.
די מינדסטע זאכ זאָל ניט ארונטער,
ער לויפט אונ קוקט די גאנצע צייַט,
אז דאָס פארהיסט זאָל ניט צו גרונט גייִנ
אונ דאכט זיכ: — טאָנ נאָכ עפעס דארפ ער,
ער דארפ נאָכ אייַנצוימענ דעמ ראש,
נאָר כוואליעס קייקלענ זיכ אונ ווארפנ,
דער ווינט מיט זאמד אינ פּאָנעמ פאטשט.
נ'א זעצ אינ קאָפ פונ באראבאנענ,
א פונק, א פאל, ארופ, אראָפ; —
אונ ס'פילט אנ אויגנבליק טרובא ניט,
ווי ערגעצ טראָגט מענ אימ דאָרט אָפ...

ש. גאָדינער

מוטערלאַנד

די הוטע

I

אינ אוגוסט כוידעש 1899 יאָר האָט זיכ אינ דער לארישער הוטע באוויזנ א נייַער מענטש.

געבראכט האָט אימ קיינ לארישע — בארוכ טשארני, דער הוטע־פאבריקאנט אליינ.

ערגעצ דרויסנ, אויסער די גרענעצנ פונ לארישע, איז געלעגנ א רייזיקע וועלט. אינ דער ריזיקער וועלט זייַנענ געבוירנ געוואָרנ אונ געוואָקסנ נייַסנ. א סאכ פונ די נייַסנ זייַנענ צו לארישע דערגאנגענ מיט א היפשער פארשפעטיקונג.

איינע פונ די נייַסנ איז געווענ — געמאָלט גלאָזוואַרג.

אינ דער הוטע־קאָנטאָר האָט זיכ שוינ לאנג געשפּירט א שטארקער נאָכפרעג אפ אָט דעמ מינ סכוירע.

מע האָט געפאָדערט טיי־גלעזער מיט קאָרנבלימעלעכ, אָנגעמאָלטע אפ זיי. מע האָט געפאָדערט טעצלעכ, וואזעס אונ סערוויזנ, באפוצטע מיט קינסטלערישע געמעלנ.

ווענ עס האָט זיכ אָנגעקליבנ דער ערשטער צענדליק פאָדערונגענ, האָט בארוכ טשארני אליינ דיקטירט זייַנ בוכהאלטער דעמ אויפשריפט אפ דער נייַער פאפקע: „קינסטלעריש־געמאָלטע סכוירע. פאָרשלאָגנ אונ קאָרעספאָנדענצ״.

ווענ די נייַע טאָוולענ זייַנענ אפ דער העלפט פול געוואָרנ מיט פאָדערונגענ, האָט ער גענומענ זוכנ א מענטשנ, וואָס זאָל אימ אָרגאניזירנ דעמ דאָזיקנ נייַעמ פאכ אפ זייַנ הוטע.

בארוכ טשארני האָט געהאט די פולע זיכערקייַט, אז ער טוט א גרויסע אונ זייער וויכטיקע זאכ אפ דער וועלט: ער גיט ברויט עטלעכע הונדערט מענטשנ אונ גוטע סכוירעס עטלעכע צענדליק טויזנט קויפער. ער האָט זיכ געהאלטנ פאר פאָרגעשריטנ אינ אלע הינזיכטנ אונ נית געוואָלט אָפּשטיינ

פונ דער אלגעמיינער באוועגונג פאָרויס אינ קיינ שום הינזיכט אונ גע-
בראכט מיט זיכ אינ קורצנ אפ דער הוטע א מײַסטער, א מאָלער, וואָס
האָט זיכ אונטערגענומענ צו שאפנ די נײַע סכוירע.

דער געקומענער נײַער מענטש איז געווענ א געוויינלעכער ייִדישער
ארבעטער. ער האָט געהאט אנ אָפנ סימפאטיש פאָנעם מיט בוילעטע, קימאט
שטענדיק לײַכט-שמייכלענדיקע ליפנ, א בלאָנדע קוטשמע האָר, גלאט פאר-
קעמט אפ הינטנ, א גלײַכע שמאָלע נאָז, א פאָר העל-בלויע אויגנ, א ביסל
פארכאָלעמטע, א ביסל פריילעכע, נאָר — דעריקער מיט א מאָדנעם צוויי-
ענדיקנ גלאנצ אינ שווארצאפל: האָט ער געקוקט אפנ באלעבאָס, אפ דער
העכערער אדמיניסטראציע, איז דער גלאנצ אינ שווארצאפל פול געווענ
מיט פראָסטנ שטאָלצ, מיט איבערגעטריבענער שוינ אפילע אומאָפהענגי-
קײַט — „אָט די מינוט, — האָט דער גלאנצ גערעדט, — קאָנ איכ זיכ אופהייבנ
אונ אוועקגיינ אונ אפילע ניט אומקוקנ זיכ אפ אײַכ". האָט ער געקוקט
אפ זײַנ גלײַכנ, אפ ארבעטער, האָט דער גלאנצ פאָרגעלייגט נאָענטקײַט,
צוגעלאָזנקײַט, ברידערלעכקײַט. דער גלאנצ האָט זיכ געבעטנ באם מענטשנ,
וואָס איז אנטקעגנ אים געשטאנענ, אז ער זאָל זיכ אים פארטרויענ —
רויִק, פראָסט אונ זיכער.

בארוכ טשארני, דער הוטע-פאבריקאנט, האָט געהאט וועגנ אים זײַטיקע
ידיִעס, אז דאָס איז א מענטש מיט א פאָר „גאָלדענע הענט". א גאנצ
שטילער אונ באשיידענער, נאָר מיט צוויי כעסרוינעס: ער האָט ליב
פארײַסנ די נאָז אונ האָט פײַנט ווענ מע דוצט אים.

דער פאבריקאנט האָט מיט א שמייכל געלייענט די כאראקטעריסטיק,
וואָס עס האָט געגעבנ אינ א קאָנפידענציִעלנ בריוו זײַנער א פרײַנט וועגנ
דעם דאָזיקנ מענטשנ מיטנ דאָזיקנ נאָמענ אונ פאמיליע-נאָמענ: אבאָ גליוק.
דער פאבריקאנט האָט דערבײַ געטראכט, אז די ביידע כעסרוינעס זײַ-
נענ פאר אים מײַלעס: „א מענטש, וואָס פארײַסט די נאָז, מוז פאר-
מאָגנ כאראקטער אונ אינדיווידואליטעט. כאראקטער אונ אינדיווידואלי-
טעט, ווענ מע באצאָלט עס גוט, דינט עס גוט. ער וועט זײַנ בא מיר
מײַסטער אונ וועט אלײנ די ארבעטער דוצנ. וועלנ זיי האָבנ רעספעקט
פאר אים".

דאָכ איז פונ דער ערשטער באגעגעניש מיט זײַנ נײַעם מײַסטער
דער פאבריקאנט געבליבנ א ביסל געפלעפט: דאָס איז טאקע געווענ א
מאָדנער מענטש. לויט די מוסטערנ פונ זײַנ ארבעט האָט ער ווירקלעכ גע-
מוזט פארמאָגנ א פאָר גאָלדענע הענט. אָבער אזא באציִונג צו זיכ מיצאד
א פשוטנ ארבעטער זעט דער פאבריקאנט צום ערשטנ מאָל אינ זײַנ
לעבנ.

דער מאָלער האָט אים קורצ געזאָגט אונ דערבײַ איז זײַנ בליק פול
געווענ מיט פראָסטנ שטאָלצ אונ מאָדנער אומאָפהענגיקײַט:

— מײַנע באדינגונגענ זײַנענ: ערשטנס, פולשטענדיק קאָרעקטע בא-

ציִונג; צווייטנס, מאַטעריאַלן, פאַרבן וועל איך אַליין אויסשרײַבן; דריטנס, געמעלן — לויט מײַנע אייגענע עסקיזן; פערטנס, אַרבעטער וועל איך זיך אַליין צוקלײַבן; פינפטנס, געהאַלט — פּופּציק רובל א כוידעש; זעקסטנס, א דירע וועל איך האָבן א באַזונדערע, ניט אַפּ דער הוטע.

דאָס איז נאָך געווען צו דערלײַדן, און דער פאַבריקאַנט האָט דערויף געענטפערט מיט א קאָרעקטן און ליבנסווירדיקן שמייכל:

— איך האָב ליב א מײַסטער מיט איניציאַטיווע. איר האָט עס, דוכט זיך. געפעלט איר מיר דעריבער. ווילט איר פאָרן מיט מיר צוזאַמען אָדער איר וועט קומען שפּעטער? ווען? דעם טאָג? איך פאָר מאָרגן.

— איך קאָן פאָרן ניט פריִער פון איבערמאָרגן. אויב איר ווילט — וואַרט.

דאָס איז שוין געווען אַן אומדערהערטע פרעכקײַט. דער פאַבריקאַנט האָט אומישנע ניט גלײַך געענטפערט, ווי ער טוט עס שטענדיק אַפּ יעדער פרעכקײַט. ער האָט איבערגעוואַרט די הייסע רגע, קעדיי בעסער און קעלטער שינדן די הויט פאַר דער כוצפּע. נאָר דאָ איז עס גראָד אומעגלעך געווען צו טאָן: די זאַך איז געווען א נײַע, דער מענטש, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן אים, האָט זיכער געהאַט גאָלדענע הענט, — דער פּוף-אָנגעפּאַקטער טישל מיט גלאָזוואַרג, וואָס איז דורכגעגאַנגען דורך אַבאָ גליוקס הענט, איז געווען דער בעסטער דערווײַז דערצו, — און דער פאַבריקאַנט האָט אָפּגערוקט אָן א זײַט זײַן קאַס און מיט א קימאַט נאַטירלעכן שמייכל געענטפערט:

— גוט. מיר וועלן פאָרן צוזאַמען. כאָטש אײַער פאַרלאַנג, איך זאָל וואַרטן אַפּ אײַך א גאַנצן מעסלעס איז זייער... אַן אָריגינעלער.

— איך האָב בעשטעלט דעם ערשטן באַדינג: קאָרעקטע באַציִונג, — האָט א זאָג געטאָן דער מאָלער מיט א נאָרמאַלער, אָבער איבערטריבן שטרענגער שטים.

דער פאַבריקאַנט האָט מיט א שלעכט פאַרמאַסקירטער אופגערייצטקײַט אין דער שטים און מיט א פאַלשן שמייכל אַפּ די ליפּן, א וואָרפ טוענדיק דערבײַ זייער קאָמיש דעם קאָפּ אַפּ א זײַט, ווי אַן אָקס, ווען ער גייט זיך שטויסן, א זאָג געטאָן:

— איך מיין, אַז ווען מע זאָגט וועגן א מענטשן, אַז ער איז... אַן אָריגינאַל... אָריגינעל, איז קיין שום באַליידיקנדיקס פאַר זײַן פּערזאָן דערין ניטאָ...

אַבאָ גליוק איז פריִער אויך געווען רויִק. די דערמאָנונג וועגן דעם „ערשטן באַדינג" האָט ער געמאַכט מערער פון נײַגיר, צו האָבן א גרעסערע מעגלעכקײַט אַרומטאַפּן זײַן נײַעם פּרינציפּאַל, איידער פון עכטער באַליידיקונג. איצט, ווען דער פאַבריקאַנט האָט אַזוי קאָמיש אַוועקגעלייגט זײַן קאָפּ אַפּ א זײַט, האָט אים א געלעכטער אָנגעכאַפּט: „אָ, בא דעם פאַרשוין וועט ניט שווער זײַן א רוזער צו טאָן אין די שאַפּעס" — האָט זיך

אים פרייליכ דערבייַ א טראכט געטאָנ. אָבער, איידער ער האָט באוויזנ צו פאנאנדערבינדנ זייַנ שמייכל, האָט ער זיכ דערמאָנט, אז ער איז „אבאָ גליוק“, אונ מיט א נאָרמאלער, א ביסל שויִנ וויכערער שטימ, געענטפערט:

— איר האָט געוואָלט זאָגנ, אז מייַנ פאָרשלאג איז א פרעכער. אונ פירט מיכ ניט אפ אייַער הוטע אלס אָריגינאל! — האָט ער קלוימערשט זייער אופגערייצט קימאט אויסגעשריִענ. — איכ בינ א געוויינלעכער ארבעטער. אלזאָ, איר ווארט?

— איכ ווארט. — האָט דער פאבריקאנט געענטפערט א געפלעפטער אונ ניט ווייניקער געפלעפט א דריק געטאָנ זייַנ נייַעמ מייַסטערס האנט, וואָס יענער האָט אימ דער ערשטער דערלאנגט.

צו דער אָפגערעדטער מינוט איז דער מאָלער געווענ אפנ ברעג נעבנ דעמ פאבריקאנטס אייגענעמ קלייִנעמ קאטערל „אדעלאידא“.

צו דער באשטימטער שאָ, פונקט אינ צוויי כאדאָשימ ארומ, צו פיר אזייגער נאָכמיטיק האָט דער מייַסטער, אינ דער אָנוועזנקייַט פונעמ פאבריקאנט בארוכ טשארני אליינ, זייַנ פרוי אדעלאידא, דעמ גאנצנ פאבריקאנטס הויז-געזינד, וואָס האָט זיכ אינ יענעמ טאָג אינ לארישע געפונענ, דעמ אינזשעניער פונ דער הוטע, ארויסגעגעבנ די ערשטע פארטיע קינסטלעריש געמאָלטנ גלאָזווארג.

צו דער צייַט האָט דער נייַער מענטש אפ דער הוטע געהאט שוינ עטלעכע נעמענ. אינ די אויגנ האָט מענ אימ גערופנ „מייַסטער גליוק“, אונטער די אויגנ — אפ דער הוטע אונ אינ לארישע — „דער אָריגינאל“.

II

חענג דער קלייִנער פריידל דערציילט מענ, אז צומ יאָר האָט זי פארמאָגט א „פולנ מויל ציינ“, איז ארומגעלאָפנ ווי א שעד אונ גערעדט פאר פייַער אונ פאר וואסער.

זי האָט ליב געהאט אינ אלצ זיכ מישנ, קריכנ צו פרעמדע מענטשנ אפנ שויס אונ א זאָג טאָנ אינ מיטנ־דרינענ אזא מינ וואָרט, וואָס האָט אלע אירע נאָענטסטע פרייַנט ארייַנגעטריבנ אינ א שוויים.

ווענ דער לערער איז דעמ ערשטנ מאָל אריבערגעטראָטנ דעמ שוועל פונ דער מומע ליבעס שטוב, איז זי די ערשטע געפלויגנ אימ אנטקעגנ מיט א א געשריי:

— טאטע!

דער וווּנדער פונ אירע נאָענטסטע איז געווענ גרויס, ווייַל לויט דער מומע ליבעס האשאָרע האָט זי נאָכ דאָס דאָזיקע וואָרט ניט געדארפט וויסנ.

— ווי קומט צומ קינד דאָס וואָרט, אז דאָס האָט קיינמאָל ניט געזענ

און ניט געהערט פון אזוינס? — האָט זי צעפירט מיט די הענט אין אַ פארכידעשטער אנציקונג.

די קליינע האָט ניט נאָר א מאָל צען דורכנאַנד געשריען: „טאַטע! טאַטע! טאַטע!", נאָר אויך ארומגעכאַפּט אים פאר די פיס און ניט געלאָזט אים ווייטער גיין.

דער מענטש איז געשטאַנען א רויטער, א פארלאָרענער, און, ווי זיי האָט זיך אפילו געדוכט, מיט עפּעס א פארדרוס אין די אויגן.

די שטוב איז געווען אויסגעשאָטן מיט געלן ליכטיקן זאמד. די ווענט זיינען פריש אויסגעווייסט געווען. די פענצטער — פארהאנגען מיט פאָר־הענגלעך, ווי שטענדיק. אפן שוועל פון אלקערל איז געשטאַנען, א דער־שראָקענע פון „טאַטע"־געשריי, דער קליינערס מאַמע. דער לערער האָט די קליינע אראָפּגעשטעלט אפן דער ערד, צוגעגאַנגען צו כריידלען, ארומגענו־מען זי און א קוש געטאָן די גלייך אין די ליפּן.

די יונגע מאַמע איז געווען אויסער זיך, אָבער זי האָט גאָרניט ניט געקאָנט טאָן מיטן מענטשן: ער האָט זי א קוש געטאָן אינגאַנצן אומגע־ריכט, זייער שנעל און מיט עפּעס א צעטומלטן, אָבער זייער בוילעטן פריינטלעכן בליק אין די אויגן. די מומע ליבע איז דאָך געווען א מענטש, וואָס האָט זיך ניט פארלאָרן אין קיין שום שווערער לאגע, און דאָ איז זי אויך געשטאַנען אינמיטן שטוב א געפּלעפּטע און ניט באַנומען, וואָס דאָ קומט פאָר. פאר כריידלען דער גרויסער איז דאָס אין א רעגע ארום אלץ קלאָר געוואָרן, דער לערער איז אריין מיט איר אין אלקערל און א קליינע ווײַלע האָבן זיי זיך דאָרט וועגן עפּעס געסוידעט. דערנאָך איז זי ארויס אין דער גרויסער שטוב א רויטע, א צעפלאַמטע און אפגיך א זאָג געטאָן צו דער מומע ליבע:

— ס'איז גאָרניט... ס'איז דער לערער... ס'איז א טאָעס...

און ניט געוווסט וואָס ווײַטער צו ריידן.

די מומע ליבע האָט זיך שוין מיכטאָמע אפּ עפּעס געכאַפּט. זי האָט א לייכטן שמייכל געטאָן מיט די אויגן און א מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— נו, מיילע, נו...

אין דער רעגע איז סאָרקע ארייַנגעלאָפן אין שטוב.

— שוין געקומען? — האָט זי מיט א פארכאַפּטן אָטעם א פרעג גע־געטאָן און, דערזעענדיק דעם לערער, גלייך צוריק ארויסגעלאָפן אפן הויף און ארייַנגעפירט אין שטוב צוויי מיידלעך מיט בערל דעם מוליערס באָכערל.

די מומע ליבע איז אוועק.

די מאַמע, סאָרקע, די מיידלעך, יאשקע בערל דעם מוליערס האָבן זיך אויסגעזעצט באַם טיש.

סאָרקע האָט יעדן איינעם פון זיי אײַנגעטיילט צו העפטלעך, הענטל־פען, אוועקגעשטעלט א טינטער מיט בלויען טינט.

אינ דעמ מאָמענט איז אויסגעבראָכנ א סקאנדאל. די קלײנע האָט זיכ צוגערוקט צו סאָרקענ אונ מיט אײנ שאר פלינק א ריס געטאָנ צו זיכ איר העפטל.

עס האָט זײ גאָר ניט געהאָלפנ: די קלײנע האָט געשריגנ, זיכ גע־וואָרפנ, געגוואלדעוועט, געריסנ פונ די הענט, געפאָדערט:

— מיר אויכ!

מע האָט אויכ איר געמוזט אײַנטײלנ א שטיקל פאפיר מיט א בלײַער. זי האָט זיכ אוועקגעלײגט אפנ טיש, געטונקט דעמ בלײַער אינ טינטער אונ, ניט געוואַרט אפ זײ, געשריבנ אפנ פאפיר אינ דער לענג אונ אינ דער ברײט, געקוואָלנ פונעמ געשריבענעמ אונ געשטעקט יעדנ אײנעמ אונטער דער נאָז דאָס פאפיר — איר ערשט געשריפטס.

דער לערער האָט א קוק געטאָנ אפנ באלאגערטנ טיש, א שמײכל געטאָנ:

— שרײַבנ מיר, קינדער, דעמ ערשטנ דיקטאט...

ער האָט א װײַלע אויסגעוואַרט, פארקוקט זיכ ערגעצ אינדערהײַט דורכנ פארהאנגענעמ פענצטער, אונ אלע מײדלעכ האָבנ זיכ פארקוקט אפ זײַנע אויגנ — אזוי שטארק סימפאטיש איז דער גלאנצ זײערער אינ יענער מינוט געווענ. — ער האָט קורצ אונ פונ עפעס באגײַסטערט א זאָג געטאָנ:

— שרײַבט:

«50 лѣтъ тому назадъ... тому назадъ»...

ער האָט ארומגעשפאנט איבערנ צימער אופ אונ אָפ, ווי יעדער לערער. ער האָט צו צוויי מאָל איבערגעכאזערט יעדעס וואָרט. נאָכנ צווײטנ מאָל איבערכאזערנ — א װײַלע געשוויגנ. נאָכנ קורצנ שווײַגנ — זיכ אָפגעשטעלט, א פרעג געטאָנ:

— אָנגעשריבנ?

אונ ווידער אוועק אינ שפאציר אונ ווידער דיקטירט:

...„тому назадъ надъ Европой пронеслась... надъ Европой пронеслась“...

— אָנגעשריבנ?

...„Живительная буря 1848 года... живительная буря 1848 года“...

— אָנגעשריבנ?

ערגעצ דרויסנ איז געלעגנ א ריזיקע וועלט. אינ דער ריזיקער וועלט זײַנענ אנטשטאנענ אונ האָבנ זיכ אנטוויקלט א סאכ נײַסנ. אײניקע פונ די דאָזיקע נײַסנ זײַנענ אינ לארישע אָנגעקומענ מיט א היפשער פאר־שפעטיקונג. לעמאָשל — קינסטלעריש געמאָלט גלאָזווארג. אנדערע נײַסנ זײַנענ אָנגעקומענ מיט א קלענערער פארשפעטיקונג. לעמאָשל — א זעלבסטביל־דונג־קרײַזל.

ווער עס האָט זיכ צו דעמ דאָזיקנ געדאנק דערטראכט, איז ניט בא־

וווּסט, נאָר קיין ווילקע, צו דער מומע ליבע אין שטוב האָט די דאָזיקע נייע נייט געבראַכט סאָרקע.

זי איז איינמאָל זייער שפּעט אינאָוונט געקומען צו לויפן אהיים פון לאַרישע א צעפּלאַמטע און צעהיצטע.

די מומע ליבע האָט גלייך באַמערקט, אַז דאָס מיידל האָט ערגעץ א שטיקל פרייד געפונען. נאָר זי האָט דערוויילֿ, לויט איר אַלטער טעווע נאָך, געשוויגן, ווייל, ווערלעך לויט די געזעצן, וואָס זי אַליין האָט פאַר זיך איינגעשטעלט אין איר לעבן ביז איצט, האָט זי געהאַלטן פאַר איר כיוו צו זיין בלויז דאָרטן, ווו עס איז געווען א צאָרע און ווו זי האָט מיט עפּעס געקאָנט העלפן. „צום טעפּל פרייד האָסטו ניט וואָס צו קריכן, ליבע, ווען מע רופט דיך ניט... ס'איז דאָרט קיין איבעריקע פּאָרציע קיין־מאָל ניטאָ" — איז איר אייביקער קלאָל געווען ביז איצט, כאָטש איצט האָט זיך איר קוק אפן לעבן אין דעם פּראַט גענומען שטאַרק בייטן און עס האָט איר אָנגעהויבן נימעס ווערן צו זיין א „פעלדשעריצע" און א „טאָרבע פאַר אַלע שווערע הערצער".

סאָרקע האָט זיך אין יענעם אָוונט, קלוימערשט ווי שטענדיק, אויסגע־בעט באַזונדער. אָבער ווי נאָר די מומע ליבע איז איינגעשלאָפן, איז זי גלייך אריבערגעשפּרונגען א נאַקעטע צו פריידלען אין בעט.

— פריידעלע, — האָט זי צו איר א שעפּטשע געטאָן. — איך האָב געפונען א לערער. מירן זיך לערנען רוסיש. ווילסט?

— דאָס איז גאָר דער ווילדטיק וואָס מיר פעלט?

— נאַרעלע, וואָס האָבן מיר צו פאַרלירן? אַז איך וועל גאָר באַ דיר ניט פרעגן, בעהיימלעך. כאַנקע וועט, און טילקע וועט אויך. און דו ווערסט בלייבן א פינצטערע?

און צוגעטוליעט זיך צו איר:

— דו וועסט זען! עס וועט זיין אַזוי אינטערעסאַנט!..

און אין דריי וואָכן אַרום האָט מען געשריבן דעם ערשטן דיקטאַט.

אפן ברעג פון דער ווילקער אָזערע איז געשטאַנען אונטערן געלאַסענעם האַרבסט־רעגנדל דעם לערערס שיפל פאַרשלאָסן אפ א שלעסעלע.

באַ דער מומע ליבע אין דער אופגעראַמטער שטוב האָט דער לערער שפּאַצירט דריי טריט אַרויף, דריי טריט אַראָפּ, דיקטירט:

...«Какъ вполнѣ зрѣлый»...

אָפּגעשטעלט זיך, א פרעג געטאָן:

— אָנגעשריבן?

און ווייטער דיקטירט:

...«вполнѣ зрѣлый боецъ за своё конечное освобожденіе... свое конечное освобожденіе...»

דאָס ערשטע זייטל איז פול געוואָרן.

דער לערער האָט צונויפגענומענ די העפטלעך און איבערגעגעבנ עס סאַרקענ.

— האַלט עס בא זיך. איך וועל עס מאָרגנ דורכקוקנ.

ווענ דער לערער האָט געשטעלט א טראָט צו דער טיר, האָט זיך בא דער קליינער די פארב אינ פּאָנעמ געביטנ, און ווענ ער האָט זיך גענומענ פאר דער קליאמקע, האָט זי זיך צעוויינט און ארומגעכאפּט אים בא די פיס — ניט געוואָלט ער זאָל אוועקגיינ.

— טאַטע! — האָט זי געשריִענ. — טאַטע!

פריידל האָט זי צוגענומענ פונ זײַנע פיס. זי האָט זיך געסטארעט שמייכלענ און געזאָגט:

— דער טאַטע וועט נאָך קומענ.

און אירע באקנ האָבנ געפלאַמט.

דער לערער האָט זיך געזעצט אינ שיפל און אונטערנ פּאַמעלעכנ און געדיכטנ הארבסט־רעגנדל שטיל אוועקגעשיפט זיך צו דער הוטע.

דער לערער איז געווענ — דער מאָלער אבאַ גליוק.

III

פארשיידענע מענטשנ האָבנ פונ פארשיידענע זײַטנ מיט א פארשיידע־נעמ אינטערעס זיך צוגעקוקט צומ נײַעמ מענטשנ אפ דער הוטע און אינ לארישע — צו אבאַ גליוק — און קיינער האָט דערווײַל קיינ בייז אינ אימ ניט געפונענ.

דער ערשטער, וואָס האָט זיך צוגעקוקט, איז געווענ, פארשטייט זיך, בארוך טשארני, דער הוטע־פאבריקאנט אליינ. ער איז געווענ דער, וואָס האָט אימ „דערפונדנ“ — ער האָט אימ געפונענ און געבראכט צו זיך אפ דער הוטע. אייגנטלעך, האָט ער געדארפט נאָר זײַנע „גאָלדענע הענט“, אָבער עס וואָלט ווילד געווענ אָפּצוהאקנ גליוקס הענט — זיי וואָלטנ דעמלט ניט געקאָנט נוצנ דעמ פאבריקאנט — האָט ער גענומענ די הענט צוזאמענ מיטנ מענטשנ און האָט זיך אפילע עטוואָס אינטערעסירט מיטנ מענטשנ, צי וועט „דער מענטש“ ניט שטערנ זײַנע „גאָלדענע הענט“ אינ דער אר־בעט. די ידיִעס, וואָס דער פאבריקאנט האָט צונויפגעקליבנ וועגנ זײַנ נײַעמ ארבעטער, זײַנענ גאנצ גענוג געווענ אפ צו דערקוויקנ זיך, אז דער מענטש גליוק וועט ניט שטערנ זײַנע הענט אינ דער ארבעט. דאָך האָט ער זיך ניט בארויִקט און די צוקוקעניש פאָרגעזעצט.

בארוך טשארני, דער הוטע־פאבריקאנט, איז געווענ א הויכער און ברייטער ייִד מיט א מעכטיקער ברוסט, מיט א שיינער שווארצער באָרד, וואָס שפּאָגט אָפּ מיט א זייד־גלאנצ, מיט א פּאָר רויִקע, אפנ ערשטנ בליק־אָפּנהערציקע און אומשולדיקע אויגנ פונ ביר־קאָליר.

דער דאָזיקער מענטש האָט זיך געהאט זײַנ נאָמענ. ער האָט זיך גע־

רעכנט אלס איינער פון די קליגסטע און כאָשעווסטע מענטשן אין זײַנע קרײַזן — ניט אין לארישע — דאָ האָט ער ביכלאל צו זיך קיין גלײַכן ניט געהאט, — נאָר אין גאנצן ארום.

און דאָך איז דער דאָזיקער מענטש אין באצוג צו זײַן לוינארבעטער, צום מאָלער גליוק, וועלכן ער האָט אליין „דערפונדן“, — ווי ער האָט א שטיק צײַט ליב געהאט זיך אויסצודריקן, — געווען אין א גרויסער מאָס באגרענעצט.

אָפגעערדט שוין דערפון, וואָס דעם פאבריקאנט וואָלט ווייער שווער געווען צו ענטפערן, לעמאָשל, אף דער פראגע, פון וואָס פאר א קאָליר זײַנען די אויגן בא זײַן מײַסטער, וואָס פאר אן אויסשפראך האָט ער, לאנגע אָדער קורצע פיס פארמאָגט ער, גייט ער אָנגעטאָן אין א גרויע אָדער ברוינעם אָנצוג. ער וואָלט ווילד געקוקט אף יעדן איינעם, וואָס וואָלט אים געשטעלט אזעלכע פראגן וועגן זײַן מײַסטערס פערזאָן. דאָס גײט אים ניט אָן! נאָר אפילע, ווען מע גיט א פרעג בא אָט דעם פאָר־געשריטענעם מענטשן, באם הויט-פאבריקאנט בארוך משארני, צו וואָס לעבט זײַן מײַסטער אף דער וועלט, וואָלט ער דעם פרעגער ניט ווייניקער ווילד אָנגעקוקט. ער לעבט, וואָלט דער פאבריקאנט געענפערט, קעדיי צו ארבעטן. ער ארבעט דערום, קעדיי צו באקומען געהאלט. פארן געהאלט קריגט ער ברויט, שפײַז, קליידער, קאָן ער זיך פארפירן א מישפאָכע, האָבן קינדער׳ אזוי איז דער סיידער פון דער וועלט. דאָ איז קיין שום אויסערגעווייג־לעכס ניטאָ און גריבלען זיך דערין, צו וואָס יעדער איינער פון זײַנע עטלעכע הונדערט ארבעטער לעבט, הייסט הייצן די גאס, שרײַבן אפן וואסער, ציילן די שטערן, — דאָס הייסט פארנעמען זיך מיט ווילדע און פוסטע זאכן. צוקוקן באדארף מען זיך צו די ארבעטערס הענט: ווי אַר־בעטן זיי? ער צאָלט א וויכן פרײַז זײַן מאָלער: פופציק רובל א כוידעש! אזא פרײַז קריגט בלויז איין מענטש אף זײַן הויט, כוטן מאָלער, דאָס איז — דער אינזשעניער.

און דער פאבריקאנט האָט שוין אין דעם ערשטן כוידעש דערלערנט זײַן מײַסטערס הענט און איז געבליבן העכסט צופרידן מיט זיי. ער האָט געהאט פון זײַן מײַסטער די זעלבע האנאָע, וואָס עס האָט איטלעכער פאב־ריקאנט, וואָס שאפט זיך איין „דאָס לעצטע וואָרט פון דער טעכניק“. בלויז אזוי האָט דער פאבריקאנט געקוקט אף זײַן מײַסטער און בלויז דאָס האָט ער געזוכט.

גליוק האָט ווירקלעך גוט געפאָלט.

ער האָט אין ערשטן כוידעש געמאכט דרײַסיק אקווארעל־עסקיזן און קיין איינעם פון זיי האָט דער פאבריקאנט קיין מוט ניט געהאט צו פארבראקעווען.

דער פאבריקאנט האָט אפילע א טראכט געטאָן, אז עס איז פאָשעט ניט אָנשטענדיק אזוי נאָכצוגעבן אין אלע פראָטים א פראָסטן ארבעטער,

וועלכנ ער אליינ האט „דערפונדנ" אלס מייסטער, אונ ער האט אנגעהויבנ ארייננטראגנ קליינע ענדערונגענ אינ יעדנ עסקיז. אבער גליוק האט קורצ אונ קאלט דערוויזנ, אז דער פרינציפאל קאנ נאכ ניט זענ די געמעלנ אינ זייערע נאטירלעכע קאלירנ, ווייל נאכנ איינברענענ אפנ דורכזיכטיקנ אונ באסאמטנ גלאז באקומענ די פארבנ אנדערע שאטירונגענ, אזעלכע, וועלכע מע קאנ ניט איבערגעבנ מיט די מיטלענ פונ אקווארעל.

דער פאבריקאנט האט זיכ אפ דער דאזיקער דערקלערונג אנגעכאפט אונ מיט א געוויסער גוטהארציקייט פונ א קונסט־ליבהאבער געמאלדנ:

— מיינ פרינציפ, ווי איר ווייסט, איז: אכטונג צו מענטשנ מיט איני־ציאטיווע... גוט. זעצט פאר אייער ארבעט.

אונ ער האט ניט געהאט קיינ גרונט צו זיינ ניט צופרידנ מיט אימ.

ווענ דער פאבריקאנט האט אינ איינעמ א זונטיק געטראפנ ליגנ זיינ מייסטער אפנ ברעג איבער א שיפל, האט ער זיכ דערמיט פארינטערעסירט, ער האט זיכ געפילט פאר בארעכטיקט צו זיינ אונ אויספרעגנ זיכ, וואס נאכ בויט זיינ מייסטער מיט זיינע הענט.

ווענ דער מייסטער האט באמערקט זיינ פרינציפאל, האט ער עטוואס אויסגעגלייכט דעמ רוקנ אונ לייכט א הייב געטאנ דעמ קאפעליוש, וואס איז אימ געלעגנ אפ דער פאטיליצע. — דאס איז געווענ דעמ מייסטערס מאניר זיכ באגריסנ מיט זיינ פרינציפאל — אונ פארגעזעצט זיינ ארבעט.

דער פאבריקאנט האט, שטייענדיק איבערנ מייסטער, אויכ א הייב געטאנ זיינ הוט. מיטנ סאמע פריינטלעכנ טאנ, וואס א באלעבאס קאנ נאר געפינענ בא זיכ צו זיינ ארבעטער, האט ער נאכ א ווײַלע שווייגנ א פרעג געטאנ:

— וואס פאר א פלאט בויט עס דא מיינ מייסטער גליוק?

— איכ האב ליב זיכ שיפנ.

גליוקס טאנ איז געווענ קאלט אונ אונטערגעשטראכנ פרעמד. דער פרינציפאל האט עס גלייכ דערפילט. אפ ארויסצוקריכנ אנשטענדיק פונ דעמ ניט איינגענעמענ שמועס, האט דער פרינציפאל פונ אויבנ אראפ א לויב געטאנ זיינ מייסטערס ארבעט:

— א, דאס איז פיינ! די נאטור באשיינט דעמ מענטשנס זעעלע...

דערויפ האט דער מייסטער גארניט געענטפערט אונ דער פאבריקאנט איז מיט ווירדע אוועק פונ אימ.

די צווייטע, וואס האבנ זיכ פארקוקט אפ אזא גליוק, זיינענ געווענ די לארישער מיידלעכ.

אינ לארישע איז נאכ אזוינס ניט געווענ: אנ ארבעטער אונ זעט אויס, ווי אנ אינטעליגענט. א „כודאזשניק" אונ טראגט ניט קיינ לאנגע האר אונ גייט ניט אינ קיינ פארשמוציקטע קעלנערלעכ; רעדט ניט אינ ער הייכ קיינ פארשטעלטע רייד אונ קריכט ניט אינ דער שטיל צו די

מיידלעכ אינ די בוזעמס; ער שפּילט מאַנדאָלינע אונ קאָנ א סאַכ לידער — ייִדישע, ווײַסרוסישע אונ פּוילישע.

אַזוינס איז נאָכ אינ לאַרישע ניט געהערט געוואָרנ.

מע זעט אים קיינמאָל ניט קיינ שיקערנ, ווי די אַנדערע מײַסטערס, אונ ער האָט א פולנ טשעמאָדאַנ מיט טשיקאַווע ביכלעכ. די ביכלעכ טיילט ער גערנ, אָבער ער וואָרנט:

— מיידלעכ, באַ מיר זײַנענ ביכלעכ, ווי טויבנ. איכ האָב ליב זיי צעטרײַבנ אונ האָב ליב זיי צונויפרופנ. איינ פײַפ — אונ מײַנע טויבנ דאַרפנ קומענ צו פליִענ צוריק אינ זייער טויבנשלאַק אַהער, — ווײַזט ער אָפנ טשעמאָדאַנ, — געמאַכט? איז קלײַבט זיכ אויס, וואָס איינער געפעלט.

ער שפּילט מאַנדאָלינע.

ער קלײַבט צונויפ אינ א שטוב א כאָפּטע מיידלעכ מיט ייִנגלעכ, זעצט זיי אויס אַרומ זיכ אונ שפּילט. איינִיקע זאַכנ שפּילט ער אָפ אויסווייניק, אַנדערע — פונ נאָטנ, דריטע — אינ אַקאָמפּאַנימענט צו די מיידלעכס געזאַנג פונ זײַנע לידער, וואָס ער האָט זיי אויסגעלערנט.

די מיידלעכ אָפ דער אַרבעט — באַ די שנײַדערס, אָפ דער הוטע, אינ די טאַטנס וואַרשטאַטלעכ אונ קרעמלעכ אַפילע, אינ די הײַזער באַמ אויפּפּאַסנ אונ אונטעראַמענ זייערע קלענערע שוועסטער אונ ברידערלעכ — זינגענ זײַנע לידער אונ בענקענ נאָכ אימ, נאָכ די אָוונטנ מיט דער מוזיק, נאָכ די לידער, נאָכ די ביכלעכ.

אַזוינס איז נאָכ אינ לאַרישע ניט געזענ אונ ניט געהערט געוואָרנ.

די מיידלעכ קאָנענ אַבאָ גליוקנ פונ האָר אָפּנ קאָפּ ביז די קנאַפל.

זייער אָפּט טרעפט, אַז א סאַכ פונ זיי, יעדע איינע פאַר זיכ, ניט געדענקענדיק אָנ די איבעריקע, גיט א שוידער אינ עפּעס א מאָדנעמ זיסנ פיבער אינמיטנ דער שווערער אַרבעט, אינמיטנ דעמ אייגענעמ געזאַנג פונ דער ליד, וואָס ער האָט מיט זיכ קיינ לאַרישע געבראַכט. דער שוידער איז ווי א ביטערער רויכ. אינ רויכ פלעכט זיכ אויס זײַנ געשטאַלט, אונ מיטנ רויכ פאַרשווינדט עס... נאָר קיינ בייז האָבנ זיי, פאַרשטייט זיכ, דעריִנ ניט געזענ. ווי האָבנ זיי געקאָנט בייז זײַנ אָפּ א מענטשנ, וואָס איז געווענ דער ערשטער אונ דער איינציקער דערוויל, וואָס האָט אינ דעמ פינצטערנ שטעטל לאַרישע געבראַכט מונטערע לידער, פרייד, פאַרווײַלונגענ אונ נײַע ביכלעכ אָפּ מאַמע־לאָשנ, אינ וועלכע עס זײַנענ באַשריבנ געוועזנ גאַנצע וועלטנ?

די טאַטעס האָבנ לעכאַטכילע אונטערגעגאַרטלט די געבריכטע אונ ניט געבריכטע לענדנ אונ גענומענ זיכ אָרדענונג אײַנשטעלנ.

— ס'הייסט! — האָבנ די געבריכטע געשריִענ אָפּ זייערע הייזעריקע אונטערגעריסענע קעלעכלעכ — ס'שײַעכ צו ריידנ! ער האָט דאָכ דאָס שטעטל קאַפּויר איבערגעקערט! זאָל ער גיינ צו די הוטניצעס! צו די שיקסעס זאָל

ער גייג! ס׳ארא מאָדע געמאכט ייִדישע ייִנגלעך מים מיידלעך קלייַבנ אפ גאנצע נעכט!..

נאָר ס׳ האָט זיך געפונענ א טייל מאמעס, וואָס האָט איר אייגענע מיינונג דאָ געהאט: מיידלעך אינ לארישע — קיינ בייז אויב זאָל זיי נאָר נים שאטנ! איינע וועט ער דאָך געוויס נעמענ! הייַנט קלייַבט ער זיך אהער ברענגענ א גאנצע כאָפּטע מאָלערס, מיסטאָמע איז עס א פּאַראָדע אזא — די מאָלערס — פּיַינע לייַטישע יונגענ. וועלנ טאקע די לארישער מיידלעך אופגעריכט ווערנ. א צויג איז די מאמע, וואָס בענקט נים נאָך איר טאָכטערס גליק! האָבנ זיי זיך אונטערגעשטעקט די אויבערשטע קליידלעך, ארויס אינ א מילכאָמע קעגנ די טאטעס, וועד־ווער — זיי האָבנ דאָך גוט געוווּסט די עמעסע גוורע פונ זייערע מענער!

— גענוג נעהאָצקעט זיך, גיבוירים! — האָבנ זיי אפ זייערע מענער געשריִענ. — די וועלט בייַט זיך! יונגע קינדער האָרעווענ, ווילנ זיי איינ מאָל אינ וואָכ פארבו׳ענגענ! מיידלעך מיט ייִנגלעך! געהערט א כעס! אונ אפ דער הוטע? ניט קיינ מיידלעך מיט ייִגגלעך? זיי האָרעווענ — מעגנ זיי! זיי שפּייַזנ דאָך דיך — העלד שטרויענער!..

אונ די טאטעס האָבנ געמוזט אנשוויגנ ווערנ. די קינדער האָבנ זיי טאקע געשפּייַזט.

דער אלטער ראָוו אליינ האָט זיך מיטנ נייַעמ מענטשנ פאר׳נטערעסירט. לוי דייַ, — האָט ער איינמאָל אינ דער שול אָנגעהויבנ, — וואָס ער אליינ איז א גוי גאָמור...

נאָר בארוכ טשארני האָט געהאלטנ אנ אויג אפנ שטעטל. ער האָט דורכ יונגנ שויכעט געלאָזט וויסנ די ייִדנ, אז זייַנ מייַסטער — איז זייַנ מייַסטער! ער, בארוכ טשארני, איז א ייִד. ער ווייס, וואָס גוט איז אונ ער ווייס, וואָס שלעכט איז, זייַנ מייַסטער טוט ניט קיינ בייז. בארוכ טשארני פארלאנגט, אז מע זאָל זייַנ מייַסטער לאָזנ צורו.

אונ מע האָט אימ טאקע זייער גיכ געלאָזט צורו.

אונ ווענ בערל מוליער האָט דעמ מייַסטער אָפּגעשטעלט איינמאָל אינמיטנ דער גאס מיטנ פּאָשעטנ:

— הערט נאָר, יונגערמאנ, איכ האָב א שטיקל איניִענ צו אייַכ... מייַנ ייִנגל מאָלט... טאָג ווי נאכט — ראק ער מאָלט... איכ וואָלט געוואָלט איר זאָלט אימ נעמענ צו זיכ, מאכנ פאר א שטיקל לייַט... (ער האָט עס ארויסגעזופּט אינ איינ אָטעמ — מוירע געהאט, אז דער מייַסטער וועט אימ ניט וועלנ אויסהערנ) —

אונ ווענ אבאָ גליוק האָט ניט נאָר אויסגעהערט בערל דעמ מוליער, נאָר טאקע גלייַכ אוועק מיט אימ זענ זייַנ ייִנגלס געמעלעכצנ;

אונ ווענ דער דאָזיקער „אָריגינאל" האָט טאקע גלייַכ אפ מאָרגנ אנידערגעזעצט אפ דער הוטע, נעבנ זיכ, אינ נייַעמ גלעזערנעמ באראק יאשקענ, בערל דעמ מוליערס, — אָט דאָס לאנגע דארע ייִנגל מיט די גרויסע ארויס-

געסטארטשעטע הונגעריקע און דורשטיקע אויגנ, — און ניט נאָר אנידער־געזעצט, נאָר טאקע געלערנט די מעלאָכע, און ניט נאָר געלערנט די מעלאָכע, נאָר אָפּגעמאכט אינ דער קאָנטאָר איינס און צוויי, אז דעמ יינגל זאָל מענ פונ דער ערשטער מינוט אָנ צאָלנ א רובל א וואָכ פאר דער ארבעט — אנ אומדערהערטע סומע פאר יענע צייטנ ניט נאָר פאר א לערנ־יינגל, — איז אבאָ גליוק אויסגעוואָקסנ אינ די אויגנ פונ די לארישער מענטשנ, איז אבאָ גליוק געוואָרנ א שטיק באהאלטענע טרייסט און שטאָלצ פונעמ שטעטל לארישע.

ערגעצ דרויסנ איז געלעגנ א ריזיקע וועלט. אינ דער ריזיקער וועלט זיינענ אנטשטאנענ און האָבנ זיכ אנטוויקלט א סאכ נייסנ. אייניקע פונ די נייסנ זיינענ אינ לארישע אָנגעקומענ מיט א געוויסער פארשפּעטיקונג. לעמאָשל — געמאָלט גלאָזווארג, א זעלבסטבילדונג־קרייזל. מוזיק אפ א מאנדאָלינע, פריילעכע אָוונטנ מיט לידער, ביכער, האָפענונגענ אינ מאמעס הערצער און טרוימענ אינ מיידלשע הערצער, פארלאנגענ בא טאטעס מאכנ זייערע יינגלעכ „צו לייט” און וואקסנדיקע געדאנקענ אינ די מויכעס פונ די יינגלעכ גופע, א רוסישער דיקטאט, וואָס הייבט זיכ אָנ מיט די ווערטער:

«50 лѣтъ тому назадъ надъ Европой пронеслась...»

דאָס אלצ, עמעס, מיט א געוויסער פארשפּעטיקונג, איז אָבער דאָכ אָנגעקומענ אויכ קיינ לארישע.

געבראכט האָט זיי אהער א מענטש — דער לוינארבעטער אבאָ גליוק.

דעמ דאָזיקנ מענטשנ, דעמ לוינארבעטער, דעמ מאָלער, האָט געבראכט קיינ לארישע א צווייטער מענטש — דער פאבריקאנט, דער ארבעטגעבער בארוכ טשארני. ער האָט געדארפט נייטיק זיינע גאָלדענע הענט און געמוזט אימ ברענגענ און, אדאנק זיינ דעמלטיקער באגרענעצטקייט, ניט באמערקט, אז ער האָט אימ געבראכט אהער, ווי א געזונטנ בוימ, מיטנ וואָרצל, געבראכט און פארפלאנצט אפ זיינ הוטע, און פארפלאנצט צווישנ מענטשנ אינ דעמ שטעטל לארישע, און ניט נאָר פארפלאנצט, נאָר אויכ אָפּגעהיט.

און דער בוימ האָט זיכ גוט צוגענומענ.

אזוי האָט עס דערווייל אויסגעזענ אינ לארישע, אפ דער הוטע, ווענ די קליינע איז אינ ווולקע בא דער מומע ליבע אינ שטוב ארומגעלאָפנ ווי א שעד, געריעדט פאר פייער און פאר וואסער, אָבער געוווּסט ניט מער, ווי נאָכמאכנ, נאָכאמענ: האָבנ די דערוואקסענע באקומענ עפּעס אינ די הענט אָדער אינ מויל אריינ, האָט זי סקאנדאליעוועט און געמאָנט:

— מיר אויכ!

און סאָפּקאָלסאָפּ באקומענ.

IV

אין איר אייניאַריקן עלטער איז נאָך די וועלט פאַר דער קליינער געווען א פאַרהוילענע און זי האָט נים געקאָנט זען דאָס אלץ, וואָס ארום איר איז פאָרגעקומען.

איר קינדערשע ווירטשאפט איז, עמעס, געוואַקסן פון שאָ צו שאָ, פון טאָג צו טאָג.

אויך זי האָט שוין צו יענער צייַט אין דער וועלט עפּעס פאַרלאָרן און עפּעס געפונען. נאָכן פאַרלאָרענעם האָט זי געטרויערט און געבענקט, מיטן געפונענעם — זיך געשפּילט און געפרייט.

זי האָט פאַרלאָרן, לאָמיר זאָגן, דעם סקריפּ פונעם האָק, אַפּ וועלכן עס איז געהאנגען איר וויגעלע: ווען די מומע ליבע האָט געוויַיסט די שטוב, האָט זי אָנגעשמירט דעם האָק מיט פעטס און ער האָט אופגעהערט סקריפּען. זי האָט פאַרלאָרן די סטעליע, וואָס איז געווען אזוי וויַיט פאַר איר, ווי וויַיט ס׳איז פאַר אונדז, דערוואַקסענע, דער שיַין פון מילכוועג: אין פרילינג 1899 יאָר האָט די מוטער אירע ארויסגעטראָגן זי אַפּ דער גאַס און זי האָט צום ערשטן מאָל אין איר לעבן דערזען דעם עמעסן הימל. נאָך דעם, ווי זי האָט זיך מיטן נייַגיר פון ערשן מאָל זען, צוגע־קוקט צום עמעסן הימל, איז דער מומע ליבעס סטעליע פּלוצלינג געוואָרן זייער נידעריק אין אירע אויגן. אזוי נידעריק, ווי עס איז אינדערעמעסן געווען. זי האָט אויך פאַרלאָרן דעם צווייטן הימל אירן — איר מוטערס ברוסט: אין סענטיאבער האָט מען זי אנטוויינט.

זי האָט נאָך די אלע פאַרלאָרענע זאכן געוויס געבענקט און דאָס איז געווען די עמעסע סיבע פון א סאך פון די אָפטע טרערן אירע.

אָבער זי האָט אויך געפונען נייַע זאכן אין דער וועלט, און דאָס איז געווען די סיבע פון איר אָפטן געלעכטער און פרייד.

ווען דער האָק האָט, לעמאָשל, אופגעהערט סקריפּען, האָט זי פּלוצ־לינג געפונען בא דער מומע ליבע אין שטוב אַן אנדערן, א שענערן קלאנג — דעם „טיק־טאַק״ פונעם וואנט־זייגער און דעם „קו־קו״ פון זייַן קוקושקע יעדער שאָ.

ווען זי האָט פאַרלאָרן די סטעליע, האָט זי געפונען דעם עמעסן הימל.

ווען זי האָט פאַרלאָרן די ביטערע ברוסט, — די לעצטע וואָך האָט מען געשמאָטן פעפער אַפּן נאָפּל פון איר מוטערס ברוסט, קעדיי זי אליין זאָל זיך דערקונדיקן ס׳ארא ביטערע זאך דאָס איז, — האָט זי געפונען זיסן צוקער אין מויל.

און אזוי איז געווען מיט די אלע איבעריקע זאכן אין דער וועלט, וואָס האָבן געהאט שייַכעס צו איר אייניאַריקן לייַב און לעבן.

קיינער קאָן ניט זאָגן, אז ער געדענקט עס — אָט די אלע פאַרלוסטן און דעראָבערונגען אין די ערשטע טעג פון זייַן לעבן, אָבער יעדן איי־

נעם עטייט עס פאַר די אויגן און דאָס שטימל, אָן ספּפעק, מיט דער וואונדערלעכער ווירקלעכקייט, וואָס איעדעס קינד מאַכט דורך אין דעם עלטער.

זיכער וואָלט זי ניט געקאָנט זאָגן וועגן דער „גרויסער וועלט", וועגן דער „ריזיקער וועלט, וואָס איז געלעגן דרויסן" — לויט דער מומע ליבעס באַליבטן אויסדרוק, — אַז זי האָט זי אין איר ייִנגיאָריקן עלטער געזען און באַנומען אָט אַזוי, ווי עס איז געווען אינדערעמעסן און ווי עס ווערט דאָ באַשריבן.

אָבער זי איז געקומען ניט אין קיין פּוסטער וועלט. אין אָט דער וועלט האָבן געלעבט מיליאָנען אַרבעטנדיקע, אָט די, וואָס האָבן געשאַפן דעם וווילטיק פאַר א קליין הייפעלע און אַליין אָפט אפילו קיין ברויט ניט געהאַט.

איר מוטער, סאָרקע, דער „לערער", די מומע ליבע, און א סאַך א סאַך אַנדערע זיינען געווען לייב פון זייער לייב און בלוט פון זייער בלוט — פון אָט די מיליאָנען, וואָס האָבן געאַרבעט און געקעמפט. צווישן זיי האָט די קליינע געלעבט און געוואַקסן.

V

ייִדער אבאָ גליוק איז געקומען אַפ דער לאַרישער הוטע, איז ער זיבן כאַדאָשים אַרומגעטריבן געוואָרן דורך דער פּאָליציי איבער גאַנץ קרוינבוילן.

אַפ דער הוטע איז ער געקומען א „ריינער", מיט א נייעם נאָמען און פאַמיליע-נאָמען און מיט א היפּשער דערפאַרונג אין אונטערערדישער אַרבעט.

ער האָט ליב געהאַט גריינטלעכע אַרבעט, ביי באַם וואַרשטאַט סיי צווישן די מאַסן.

ער איז אַלט געווען אכט און צוואַנציק יאָר, און איין מאָל א כעזשבן געמאַכט — האָט ער שוין אַפ שטענדיק פאַרגעדענקט, אַז אַרבעטן קאָן ער נאָך, מינדעסטנס, א יאָר דרייסיק און פאַר אַזא צייט קאָן מען עפּעס אופטאָן.

אין דעם טאָג, ווען ער האָט באַקומען זיין נייעם „אייזערנעם" פּאַס, האָט ער געענדערט ניט נאָר זיין אויסערלעכן אויסזען, נאָר געפּרוווט זיך אויך בייטן אייניקע אויסערלעכע שטריכן פון זיין כאַראַקטער.

אויב ער האָט פריער ליב געהאַט בא יעדער געלעגנהייט אַריינטרעטן אין א שמועס מיט א יעדן באַקאַנטן אָדער אומבאַקאַנטן מענטשן אפילו אַזא, וואָס האָט אַרויסגערופן אין אים דעם מינדעסטן צוטרוי, האָט ער איצט זיך געסטאַרעט וואָס ווייניקער ריידן, וואָס מערער זיך צוהערן.

אויב אים האָט פריער אַבסאָליוט ניט געאַרט מיט וועלכן טאָן עס

װענדט זיך צו אים א מענטש — מיט א גראָבן אָדער מיט אַן איידעלן — האָט ער איצט פֿון יעדן איינעם געפֿאָדערט עלעגאַנץ און קאָרעקטקייט אין דער באַציִונג צו זיך.

אויב ער האָט פֿריִער א סאך געלאכט און קיינמאָל קיין לידער ניט געזונגען, האָט ער איצט געסטאַרעט זיך מאכן דעם איינדרוק פֿון א שטיקל פלעגמאַטיק, וואָס שפּילט מאַנדאָלינע און זינגט לידער.

אויב ער האָט אַף זײַנע פֿריִערדיקע אַרבעט-פּלעצער אין קרוינגפּוילן, אין שלעזיען זיך ניט שטאַרק אויסגעטיילט פֿון די איבעריקע פּאַכ־קאָלעגן זײַנע מיט דער באַרימערײַ װעגן גרויסער מײַסטערשאַפֿט, האָט ער עס איצט געלאָזן אין גאַנג און זייער געלונגען זיך באַניצט מיט דער געלעגנהײַט, וואָס דער „אײַזערנער" פּאַס זײַנער איז קאָפּירט געוואָרן פֿונעם פּאַס פֿון א מענטשן, וואָס האָט ווירקלעך געהייסן אבאָ גליוק, איז אויך געווען א גלאָז־מאָלער, האָט געקאָנט דעם פאך נאָך בעסער פאַר אים און האָט ווירקלעך פאַרמאָגט אין זײַן כאַראַקטער די אלע אויבן אויסגע־רעכנטע שטריכן.

ערשט ווען ער האָט די אלע ענדערונגען אָנגעייגנט אין דער פּולער מאָס, האָט ער זיך געלאָזט דערקענען אלס מײַסטער און איז אָנגעקומען אַף דער לאַרישער הוטע.

אין דער אָרגאַניזאַציע האָט מען אים געזאָגט, אַז די לאַרישער הוטע איז איינע פֿון די סאַמע ווילדסטע און אָפּגעשטאַנענסטע. דאָרטן הערשט מיטלאַלטערלעכע שוידערלעכקײַטן בא דער אַרבעט און אין שטייגער פֿון די אַרבעטער. און ער דאַרף די אַרבעטער אַרײַנציִען אין דער באַוועגונג.

האָט ער גענומען די „יאַווקע" צו פֿראַנציִשעק גאַרבאַטש און אַפֿן דאַמפּערל „אָדעלאַיִדאַ" אָנגעקומען קיין לאַרישע אַף דער הוטע.

VI

דער הוטע־הויף איז געווען נאַס און בלאָטיק — דאָס רעגנדל האָט אָנ־אויפֿהער געגאָסן. די מענטשן האָבן די בלאָטע קימאַט ווי ניט באַמערקט, זיי זײַנען דערצו געוווינט געווען און געאַרבעט ווי שטענדיק.

אין דער שוואַרצער שאָפּע האָבן געפֿלאַמט אלע אויוונס.

די שאָפּע איז געווען א קײַלעכיקע, ווי א דעפּאָ און א נידעריקע, ווי א דאָרפֿישער אויוון.

נאָך פֿון וואָסער זײַט שאָפּע דו זאָלסט ניט צוקומען, פֿון אומעטום זעט זיך:

אַן אויוועלע,
א פלאַם,
א קעסטל וואַרעמע וואַסער,
א קעסטל זאַמד,
א לאַנגער אײַזערנער שטעקן, ווי א קאָטשערע, נעבן אויוון.

צווישן פלאַם און קעסטל וואַסער — א מײַסטער אפּ אַן איבערגע־קערטן קעסטל.

נעבן מײַסטער — זײַן געהילפֿ. מערסטנטייל — א לערנייִנגל.

דער מײַסטער — א נאַקעטער ביזן גאַרטל און אין א ברייטן קאַפּעליוש אפּן קאָפּ.

דער געהילפֿ — אין שמאַטעס, מיט א נאַקעטן פאַטלאַטן קאָפּ.

גיין ביזן גאַרטל נאַקעט בא דער אַרבעט און מיט א צעקנייטשטן, דורכגעברענטן קאַפּעליוש אפּן קאָפּ — דאָס איז געווען דער „פּאַראַד־מונדיר" און די „ספּעצאָוועקע" פונעם מײַסטער.

דער מײַסטער שלעפּט אַרויס פון אייוועלע א קײַקל צעפלאָסענעם העל־דויטן גלאָז אפּן שפּיץ פון א מעטאַלענעם טרײַבל. דעם מונדשטוק פונעם מעטאַלענעם טרײַבל — אין מויל אַרײַן. די ריפּן אפּן נאַקעטן לײַב באַם מײַסטער ספּרוזשינעווען זיך אָן, די לונגען בלאָזן זיך אָן, דאָס קײַקל גלאָז וואַקסט. דער מײַסטער גיט קונציק א הייב דאָס אָנגעבלאָזענע קײַקל גלאָז, גיט א דריי אין די הענט דאָס טרײַבל און דאָס גלאָז פאַר־רעמט זיך, וואַקסט.

פון וואָסער זײַט שאָפּע דער פּרינציפּאַל זאָל זיך ניט באַווײַזן, ווערט ער שטענדיק באַגעגנט מיט הויכ־אויפגעריסענע טרײַבלעך אין די מײַלער.

דער פּרינציפּאַל באַגריסט זיך.

דער מײַסטער גיט נאָך העכער א הייב דאָס קײַקל גלאָז אפּן שפּיץ טרײַבל. דאָס איז דער ענטפער אפּ דער באַגריסונג.

דער פּרינציפּאַל גייט ווײַטער. הינטער אים — „דער שלעפּ" — די סוויטע: די מאַדאַם אַדעלאַידאַ, דער אינזשעניער, די קינדער, פרײַנט, געסט. דער פּרינציפּאַל ווײַזט זיי זײַן פאַבריק.

אין דער שליפאַרניע פּאַטשן די פאַסן, רודערן די שלײַפשטיינער, קרעכצט דאָס גלאָז.

אין די פּאַק־קאַמערס שטייט א קעסיידערדיקער שאָרך פונעם נאַסן שטרוי. מיידלעך בינדן דאָס פאַרטיקע גלאָזוואַרג.

נאָר דער שאָרך איז ניט מער ווי דער פאָן, דער מאָנאָטאָנער אַקאָמ־פּאַנימענט.

די מיידלעך זינגען לידער.

די לידער קלינגען אין דעם פּרינציפּאַלס אויערן, ווי א ליבע־געזאַנג צו אים. דאָס איז ער געווען אַזוי מענטשלעך, דאָס האָט ער דערלויבט זינגען לידער בא דער אַרבעט.

— ס'איז א ווילדע זאַך צו פאַרשטאָפּן די יונגע הערצער דעם נאַ־טירלעכן דראַנג צו געזאַנג, — האָט ער איינמאָל צום פאַרוואַלטער פון דער פּאַק־קאַמער געזאָגט, ווען יענער האָט געוואָלט אָרדענונג אײַנשטעלן — פאַרבאָטן זינגען לידער בא דער אַרבעט.

און די מיידלעך זינגען.

אגעוו פאקעוועט זיכ שנעלער דאָס גלאָזווארג באמ געזאנג.

דער פּרינציפּאל גייט.

אונטער דער אָפענער שאָפע, נאָענט פונ ברעג, פארהאקט מענ פול אָנגעפּאקעוועטע קאסטנס.

דער קאָנטראָליאָר ארבעט מיט די אויגנ זייער פלינק — קיינער זאָל א קעלישעקל נית א שלעפּ טאָנ פונ קאסטנ.

די טשוועקעס־קלאפּער ארבעטנ האסטיק מיט די האמערס, די טרע־גער — מיט זייערע פּלייצעס.

דאָס איז אויכ דעמ פּרינציפּאלס אופטו. דאָס איז אויכ זיינ שטאָלצ. ער האָט די נייע אָרדענונג איינגעשטעלט. ער האָט דער ערשטער די אר־בעט-צעטיילונג אפ דער הוטע געבראכט.

ער האָט מיט אכט יאָר צוריק געקויפט א הוטע, וואָס איז געווענ ענלעכ צו א כאזער-שטאל אונ ער שאפט דערפונ אנ אייראָפּיישע פאבריק־אונטערנעמונג.

עס איז דעמלט געווענ א כאאָס אינ דער ארבעט — אלע האָבנ געטאָנ אלצ — אונ א בלאָטע ביז אריבער די קני.

איינע פונ זיינע ערשטע אופטועג איז געווענ: צונויפרופנ די פאר־וואלטערס, בוכהאלטערנ אונ העכערע אָנגעשטעלטע אפ א גלעזל טיי אינ דער קאָנטאָר אריינ.

אפ די געדעקטע מיט גרויענ פּאק־פּאפּיר קאָנטאָר-טישנ האָט מענ דערלאנגט בראָנפנ — א מיטלער באָקאל אפ א טרינקער, פּוטערברויטנ — צו דריי אפ א פּערזאָנ — איינעמ מיט פארזשאווערטנ הערינג, דעמ צווייטנ מיט ביליקער קישקע אונ דעמ דריטנ — מיט זויערער פּאָווידלע אונ ווילדע פלוימענ.

ווענ דער בראָנפנ איז אויסגעטרונקענ געוואָרנ אונ די פּוטערברויטנ אופגעגעסנ געוואָרנ, האָט דער נייער פּרינציפּאל געהאלטנ פאר זיינע אָנגע־שטעלטע א רעדע פונ געציילטע צענ ווערטער:

— וואָס פאָדער איכ פונ מיינע מענטשנ? אז די ארבעט זאָל גיינ נאָרמאל. ווענ גייט די ארבעט נאָרמאל? ווענ יעדער איינער שטייט אפ זיינ פלאצ אונ ארבעט מיט זיינ געצייג.

פונ יענעמ טאָג אָנ האָט מענ צו דער ארבעט אלס מייסטערס בא די אויוונס גענומענ נאָר מענטשנ מיט אויסערסט געזונטע לונגענ; אלס קאָנ־טראָליאָרנ — מיט אויסערסט שארפנ בליק; אלס שווארצארבעטער — מיט הענט, ווי לאָפּעטעס די גרייס; אלס טרעגער — מיט פּלייצעס די ברייט פונ א פּלאטפאָרמע.

דער פאבריק-דאָקטער — אויכ דעמ נייעמ פּרינציפּאלס דערפינדונג — איז ווי א שניידער ארומגעגאנגענ אינ זיינ קאבינעט מיט א מאָס אפ די אקסלענ אונ געמאָסטנ בא יעדנ איינעמ זיינ געצייג: די ברוסט, די פּלייצע, די הענט, אונ געבראקעוועט אָפּט אונ גענומענ כאבאר גאנצ אָפּט, ניט ווייניקער ווי אפ א פּריזיוו, נאָר פאר דאָס פארקערטע, פארנ וואָרט „גאָדיענ”.

אזוי האָט דער נײַער פּרינציפּאַל צוביסלעך אײַנגעשטעלט אָרדענונג אַפּ דער הוטע.

נאָר די בלאָטעס זײַנען געבליבן. ער האָט געפּרוּווט אויסלייגן היל־צערנע בריקלעך, האָבן די בלאָטעס אײַנקורצן זיי דערשלונגען. פּלאַסטערן דעם גרויסן הויף האָט געדאַרפט קאָסטן א סאך געלט, א סאך בילליקער איז געווען אײַנשאַפן פאר זיך, פאר דער פאמיליע, פאר די שטענדיקע געסט, פּאַרן אינזשעניער טיפע קאַלאָשן. ווען זיי האָבן זיך געלאָזט אין א שפּאציר איבער דער הוטע האָבן זיי אָנגעטאָן די דאָזיקע קאַלאָשן און זײַנען ארויס טרוקן.

און די ארבעט איז געגאנגען נאָרמאַל און אָן א מינדסטן איבערײַס. דער פּרינציפּאַל גייט אין ריטם און טאקט פון דער ארבעט.

דער „שלעפּ“ — נאָך אים.

דער פּרינציפּאַל האָט ניט זייער שטארק ליב זײַן „שלעפּ“. ער פּילט זיך ווי א פאַלקאָווניק צווישן די ארבעטער און די סוויטע טראָגט ארײַן עפּעס א היימישקײַט, א נארישע שפּיל: מע קומט אַפּ דער הוטע שטענדיק אין פּעלערינעס מיט קאַפּיושאָנען, מע גייט מיט א זײַטעלע, אונטער־שטעלנדיק די קאַפּיושאָנען אזוי, אז די ארבעטער זאָלן אהין ארײַנלייגן ספּעציעל געמאכטע שפּילצײַג און דערנאָך באַם טויער אָנטאָגן, כאַפּן בא דער „גנייווע“ די הערנ און מאָנען בא זיי קנאַס — טרינק־געלט... דער פּרינציפּאַל פאַרטראָגט עס ניט, עס שטימט ניט מיטן אייראָפּעיִשן סטיל, וואָס ער וויל דער הוטע געבן, נאָר ער איז מאכטלאָז: טראַדיציע און קינדערשע אײַנגעשפּאַרטקײַט פון די סוויטע־לײַט.

ווען דער פּרינציפּאַל באַווײַזט זיך אַפּן הוטע־הויף גייט די ארבעט האַסטיקער.

די נאקעטע מײַסטערס בא די אייוועלעך בלאָזן קלוימערשט אָן זייערע לונגען שטארקער, מאכן קונצן און שיטן גלעזערנע פונקען אינדערלופטן. זיי ספּרוזשינעווען אָן זייערע ריפּן און שטעלן זיי ארויס אַפּ באַווײַז — דער פּרינציפּאַל זאָל זען;

די פּאַקערנס הייבן זייערע שטימען און פלעכטן פלינקער דעם נאסן שטרוי ארום גלאָז;

די קאַסטנפּאַקער קנאַקן הילכיקער מיט די האַמערס;

די טרעגערס מיט די פול־אָנגעלאָדענע פּלייצעס ציִען זיך איינער נאָך איינעם צו די באַרזשעס אַפּן ברעג, ווי די קעמלען, געלאַסן, אָבער קלוימערשט גרינג, ווי זיי וואָלטן דערמיט געלאָזט וויסן דעם פּרינציפּאַל, אז פאר זייערע קויכעס האָט די ארבעט א באַטרעפּ פון א שפּײַ.

דער פּרינציפּאַל גייט, דער „שלעפּ“ נאָך אים, די הוטע הודזשעט און ארבעט, דער געדיכטער הארבסט־רעגנדל פּאַלט אַפּ זיי אלעמען קלוימערשט אלציינס, די פאַרביסענערע שיקורניקעס האָבן זיך שוין געגומען ארויס־שלעפּן פון אונטער די קאַסטנס און ווינקלען די שטיקלעך שמאָכטעס, וואָס זיי האָבן אָנגעגרייט ארײַנצולייגן אין די קאַפּיושאָנען פון די הערן.

נאָר דער פּרינציפּאל שטעלט זיך דאָס מאָל אינערגעץ ניט אָפּ. ער גייט דירעקט צו צו דער נייער גלעזערנער שאַפע — צו דער מאָלעריי, צו זיין לעצטער דערפינדונג.

אבאָ גליק באַגאַנט זיין באַלעבאָס ווי שטענדיק, מיט אַ לייכטן הייב זיין קאַפּעליוש איבער דער פּאָליטיצע.

די אַרבעט שטייט פאַרטיק אויפן טיש.

די סוויטע צעשיט זיך איבער דער שאַפע. באַקוקט די נייע אַרבעט, באַוואונדערט.

דער פּרינציפּאל כאַפּט גלייך מיטן אויג, אַז די אַרבעט איז אויסגעשטעלט מיט אַ סיסטעם: פון די פּראָסטסטע בלימעלעך אין איין פאַרב, ביז די קאָמפּליצירטסטע בוקעטן אין פיר — פינף פאַרבן.

ער איז צופרידן און שווייגט, ער פילט אין דער מינוט דאָס לעבן, ווי אַ קינסטלער זיין פּובליקום. ער גיט דעם טאָן, ער שאַפט די פאַרבן און דאָס לעבן הערט זיך צו, קוקט זיך צו צו די שיינקייטן און ווילטיק, וואָס ער שאַפט, און פּאַטשט אים בראַוואָ. זיין אידיי וועגן געמאָלט גלאָזוואַרג איז קריסטאַליזירט און פאַרווירקלעכט. ער פאַרגעסט אין דער מינוט, אַז דאָס איז ניט מער, ווי אַן ענטפער אויפן נאָכפרעג פון מאַרק. ער געדענקט איינס: אין דער גאַנצן זיינער זיבן־הונדערט פאַרמאַן, און קיינער האָט זיך דערוויייל ניט דערטראַכט דערצו. ער איז דער ערשטער. ער האָט פאַרטראַכט און אויסגעפילט.

ער שמייכלט צו זיין אינזשעניער, ער איז אין אַ גוטער לוינע און איז גרייט צו שמייכלען צו יעדן איינעם. ער געדענקט ניט אין דער מינוט ווי שטרענג ער איז געווען בײַ דער קאַלקולאַציע, ווי ער האָט ניט געוואָלט אָפּטרעטן פון זיין פּרינציפּ: אַ נייער פאַך מוז פון דער ערשטער מינוט אָן אָוועקגעשטעלט ווערן אַזוי, אַז ער זאָל זיין לוינבאַרער איידער אַלע ביז איצטיקע, שוין פאַראַנענע פאַכן אויף דער הוטע. די וועלט גייט פּאָרויס און די פּראָפיטן דאַרפן וואַקסן. פאַר אַ נייער סכוירע קאַרגט זיך ניט דער קויפער אין פּרייז.

נאָר דער אינזשעניער פאַרשטייט אים ניט.

דער אינזשעניער שטעלט אויף אים אויס אַ פּאָר מוטנע אייגלעך מיט אַ בלויער נאָז. דער אינזשעניער פילט זיך שלעכט. דער פּרינציפּאל ווייסט, אַז זיין אינזשעניער פאַרשטייט גאָר ניט אין דעם נייעם פאַך און דער אינזשעניער מיינט, אַז דער פּרינציפּאל טראַכט איצט וועגן אים, ווי וועגן אַ ניט־דערפאַרענעם.

דער פּרינציפּאל נעמט אויף זיינע אויגן פונעם אינזשעניער און טראָגט זיי אַריבער אויפן מײַסטער. די, וואָס קאָנען דעם פּרינציפּאל, ווייסן שוין, אַז געוואָלט האָט ער עפּעס פריינטלעכס און ליבנסווירדיקס זאָגן דעם אינזשעניער, נאָר דער אינזשעניער האָט עס, ווײַזט אויס, ניט פאַרדינט, וועט ער עס באַלד זאָגן דעם מײַסטער.

אלע גרייטן זיך הערן, דאָס הייסט, זיי קלינגען שטילער מיטן גלאָז-וואַרג, זיי ריידן שטילער צווישן זיך.

ווען עס ווערט אינגאַנצן שטיל, זאָגט דער פּרינציפּאַל:

— אײַער ארבעט, מײַסטער גליוק, איז אָנגענומען.

ער ווענדט זיך צום אינזשעניער מיט א באַפּוילערישן בליק אָבער מיט א ווייכער שטים:

— איך בעט, ריכאַרד אלבערטאָוויטש, פאַרנאָטירן: דעם מײַסטער גליוקס פאָרשלאָגן און פאָדערונגען אַף מאַטעריאַלן און ארבעטער ווערן מיר פאָרגעשטעלט דורך אײַך אויסער יעדער ריי און אויסער יעדער רעגלאַמענט פון אופנאַם-שאָען. איר קאָנט מיט זיי קומען צו מיר אין מײַן הויז-קאַבינעט, ווען איר געפינט עס פאַר נייטיק.

ער טראָגט ווידער אריבער זײַן בליק אַף גליוקן און שמייכלט ברייטער:

— איר קאָנט אויך, מײַסטער, מיט ריכאַרד אלבערטאָוויטשן אָדער אָן אים קומען צו מיר, ווען די ארבעט פאָדערט עס. איך ארבעט פון זיבן פרי ביז איינס באַנאַכט.

דאָס איז אומדערהערט!

דער אינזשעניער איז שאָקירט. ער האָט ביז איצט אזא פרײַען צוטריט צום פּרינציפּאַל קיינמאָל ניט געהאַט.

ער שאָקלט שטום מיט די ליפּן און וויל א שמייכל טאָן.

גליוק שטייט גלײַכגילטיק, שטום, מיט אן איבערגעטריבענעם שטאָלץ אין די אויגן.

די ארבעטער דערשפּירן, אז דער וויזיט ענדיקט זיך. זיי פאַרגאַנווענען זיך פון הינטן צו יעדן איינעם פון דער סוויטע-קאָמפּאַניע און רוקן גלאָזוואַרג - שמאָכטעס אין די קאַפּיושאָנען, די סוויטע-לײַט מאַכן זיך, אז זיי באַמערקן עס ניט.

דער מײַסטער גיט זיך א וואָרף מיט די אויגן צו פראַנצישעק גאָרבאַטש. יענער גייט געלאַסן צו צו די סוויטע-לײַט און ליידיקט אויס די קאַפּיושאָנען. די גלאָזוואַרג-שמאָכטעס שטעלט ער צוריק אַפן טיש.

די סוויטע-לײַט זײַנען שאָקירט.

די נאָז באַם אינזשעניער ווערט געדיכט-פיאָלעט.

דער פּרינציפּאַל כאַפּט מיט איין אויג די סצענע און אים ווילט זיך גוטברודעריש א פּאַטש טאָן זײַן מײַסטער איבער דער פּלייצע. נאָר דאָס וואָלט געווען ווילד פון זײַן זײַט און ער מאַכט זיך ניט זעענדיק.

צווישן די ארבעטער — א שטומע סצענע. כידעש, שרעק, אנטוישונג, האַס צום מײַסטער מיט פראַנצישעקן. נאָר דער פּרינציפּאַל איז דאָ, און זיי טוען זייער ארבעט שטום, אָבער מיט גרויס אקשאָנעס.

דרײַ מאָל כאַזערט זיך איבער די אָפּעראַציע פון ארײַנשטעקן גלאָזוואַרג-שמאָכטעס אין די קאַפּיושאָנען און צוריק ארויסשלעפּן זיי.

די סוויטע-לײַט שטייען ווי די מאַנעקענס. אייניקע פון זיי ווערן רויט

ביז די האָר־וואָרצלען. עס זעט אויס, ווי מע וואָלט זיך איבער זיי אָר־ מישנע איזדיעקעווען. נאָר דער פרינציפּאל איַילט זיך ניט אוועקצוגיין. עס זעט אויס, ווי ער וואָלט דאָ אומישנע זיך פאַרהאַלטן צו זען, מיט וואָס די דאָזיקע קאָמעדיע וועט זיך ענדיקן.

אין דער אנטשיידענער מינוט, ווען אלע זעען, אז דעם פרינציפּאל האָט די שפּיל דערעסן און ער קלייַבט זיך אוועקגיין, גיבן צוויי ארבע־ טער א שטויס פראנצישיקען אָן א זייַט און די איבעריקע כאַפּן זיך ווי־ דער אָנפּילן די קאַפּיושאָנען.

— אָרדענונג! — גיט גליוק רויִק א זאָג, — אָפּ די ערטער!

דער פרינציפּאל איז אנציקט. אים ווילט זיך זייער, אז זייַן מייַסטער זאָל די דאָזיקע פראַזע זאָגן נאָכאַמאָל. ער וויל הערן, ווי קלינגט עס אין זייַן מויל. נאָר באַפעלן אים נאָכאַמאָל זאָגן עס זעט אויס אין זייַנע אויגן קאָמיש, ער באַנוגנט זיך. ער הייבט אָן מראַכטן וועגן זייַן הוטע, ווי וועגן אן אונטערנעמונג, וואָס שנייַדט זיך אָפּ אן אייראָפּייִשער. ער זאָגט נאָכאַמאָל, דאָס מאָל נאָך ווארעמער, צו זייַן מייַסטער:

— אייַער ארבעט איז אָנגענומען, איר קאָנט באַקומען צוויי טעג אָפּרו, מייַסטער גליוק, — און דערלאַנגט אים זייַן האַנט.

ביז איצט האָט דער פרינציפּאל דערלאַנגט זייַן האַנט בלויז אייַנ־ מענטשן אָפּ דער הוטע — דעם אינזשעניער.

דער פרינציפּאל גייט אוועק.

די סוויטע — נאָך אים.

בא אייניקע פון די סוויטע-לייַט באַמבלט זיך אין די קאַפּיושאָנען שטיקלעך שמאָכטעס. קיינער לויפט ניט נאָך נאָך זיי. זיי פּילן זיך אויסערסט שלעכט, ווי מע וואָלט זיי צום נאַר געמאַכט.

דער פרינציפּאל גייט פאָרויס מיטן אינזשעניער און קוקט זיך אָפּ זיי ניט אום.

באַם טויער באַמערקט דער וועכטער די אויסטערלישע דערשייַנונג; די הערן גייען צוריק פון דער הוטע ליידיקע און פארשעמטע.

ער לויפט צו צו איינער פון די פרייַלינס און כאַפּט ארויס פון קאַ־ פּיושאָן א פּאָר שמאָכטעס גלאָזוואַרג. ער שטייט מיטן גלאָזוואַרג אין די הענט און מיט א שמייכל אונטער דער שיקערער נאָז. דער שמייכל רעדט: „איך האָב אייַך געפּאַקט, פרייַליין! צאָלט קנאַס". די פרייַלן צעווויינט זיך שיר ניט. זי גיט א שטילן קוויטשע:

— פּשאָלוואָן!

דער וועכטער בלייַבט שטיין מיט די שמאָכטעס אין די הענט א פאַרכידעשטער און פאַרומערטער.

אינאָוונט זעצט זיך גליוק אָפּ זייַן שיפל און פאָרט אוועק קיין וואָלקע צו דער מומע ליבעס שטוב.

א שאָ זיצט ער און שמועסט מיט די פרויען — מיט פריידלען און

מיט דער מומע ליבען. זיי ריידן וועגן לעבן. דאָס הייסט, עס רעדט די מומע ליבע. פריידל זיצט אנטקעגן און שווייגט. טוט איר האנט-ארבעט. איר איז גוט אזוי צו זיצן, ארבעטן און הערן, ווי די מומע ליבע רעדט, און פילן, אז דער „לערער" זיצט דאָ מיט זיי.

די מומע ליבע רעדט דעריקער מיטן ציל צו דערקונדיקן זיך ביזן גרונט, וואָס פאר א מענטש דער דאָזיקער לערער איז. דאָס איז איר מאניר: דערקאָנען א מענטשן לויט דעם, ווי יענער הערט זיך צו צו אירע רייד און ווי ער באנעמט עס.

אז דער „לערער" און דער נייער מייסטער פון דער הוטע איז איינ און דער זעלבער מענטש, דערציילט מען נאָך דערווייל ניט דער מומע ליבען, און זי מאכט זיך, אז זי ווייס עס טאקע ניט, און האָט גרויס פארדרוס, וואָס מע הייבט אָן אויסבאהאלטן פון איר אזעלכע זאכן.

נאָך א געשוואָלענער שאָ ריידן צום לערער, גיט די מומע ליבע פלוצלינג א פרעג בא אים:

— אז איר קערט זיך עפעס אָן מיט אלעקסאנדער דעם סטודענט, פרעג איך בא אייך ניט. דאָס זע איך אליין. ס'איז מיר נאָר אינטערע-סאנט צו וויסן, וויאזוי און וואָס קערט איר זיך מיט אים אָן.

אבאָ גליוק ריכט זיך ניט אפ אזא מין פראגע. ער גיט א קוק אפ דער מומע ליבען זייער מאָדנע. עפעס א געמיש פון א כשאד און גרויס אנציקונג גיט א שייַן אין זיין בליק. ער פארשפעטיקט אזש מיטן ענטפער.

— גאָרניט, — זאָגט ער אין א ווייַלע ארום. — און דער מומע ליבען פארדריסט שוין איצט טאָפּלט: לעמיַי מע באהאלט פון איר אויס און לעמיַי זי האָט אים געצוווּנגען צו זאָגן א ליגן.

אין דער מינוט קומט צולויפן סאָרקע, א ווייַסע, ווי א ציכל.

פון כידעש, וואָס דער לערער זיצט שוין ווידער דאָ, און פון שרעק, וואָס זי האָט נאָרוואָס געזען אין וואָלקער וואלד, קאָן זי די ערשטע מינוט אפילע קיין וואָרט פון מויל ניט ארויסברענגען.

דערנאָך דערציילט זי, אז זי האָט אין וואָלקער וואלד געזען ליגן א מענטשן. זי האָט געמיינט, אז דאָס איז א שיקער, האָט זי זיך אָנגע-בויגן, אָנגעריבן א שוועבעלע און געזען, אז דאָס איז פראנצישעק גאָר-באטש פון דער הוטע. ער ליגט א צעבייַלטער, און, דוכט זיך, א טויטער, ניט א שיקערער.

דער לערער ווערט רויט. ער גיט זיך האסטיק א הייב אוף פון זיין אָרט.

— ווּהין? — גיט פריידל ניט ווילנדיק א פרעג, און אלע דערשפירן א ציטער אין איר שטים און זי אליין פארשעמט זיך שטארק מיט איר פראגע.

— איך מוז צוגיין א קוק טאָן...

און דער לערער ווערט נאָך רויטער.

פריידלס באקן פלאַמען און סאָרקע מיטן לערער פארשווינדן.

VII

קיינ צאָרעס האָט אינ לארישע קיינמאָל ניט געפעלט. דאָס לעבנ גופע איז געווענ איינ דורכויסיקע צאָרע. אפ טשיקאוועסט קאָנענ מיר נעמענ א דורכשניטלעכנ ווינטער, דעם ווינטער פונ 1899 יאָר.

ווי האָט געלעבט לארישע אינ יענעם ווינטער?

די פרעסט זייַנענ געווענ שטארקע. דער שניי אונטער די פיס האָט געקנאקט, ווי די ערד וואָלט א גלעזערנע אונ דערצו נאָכ א צעשפאָלטענע געווענ. דער הימל איז אָפט געווענ גאנצ לויטער, די זונ געשוואָלנ, רויזיק, דויט אונ קאלט.

אינ אָסיענ איז געווענ א שקארלאטינ-עפידעמיע. אינ אָנהייב ווינטער— א פאָר סרייפּעס. דערנאָכ איז דאָס לעבנ אריַינ צוריק אינ דער קאָליי אונ פאר די אָרעמעלייַט האָט די הוטע א שייַנ געטאָנ אפילע מיט עפּעס א נייַעמ שטראָף: דער נייַער פאכ האָט געפאָדערט נייַע ארבעטער אונ מיידלעכ אונ דאפקע בא אנ איידעלע ארבעט: וויקלענ דאָס געמאָלטע גלאָזווארג אינ פאפיר.

נאָר דאָס נייַע לעבנ האָט זיכ דערפונ ניט זייער שטארק געביטנ. די קינדער, וואָס זייַנענ געשטאָרבנ אינ דער שקארלאטינ-עפידעמיע, האָט מענ שטארק באוויינט אונ באהאלטנ אפנ גוטנ אָרט. די איבערגעבליבענע האָבנ געשניצט כאנעקע-דריידלעכ פונ האָלצ, געגאָסנ פונ צינ מיט די ראָשע-טייוועס אפ אלע פיר זייַטנ: „נ. ג. ה. ש.", געמאכט לאמטערנדלעכ פונ געקייַטשטנ אונ געפעצטנ פאפיר, געגאנגענ מיט זיי אינ די אָוונטנ פונ די כאדאָרים אונ געזונגענ לידער.

די מאמעס האָבנ געבאקט לאטקעס אונ אפ די פארברוינטע פענעמער האָבנ זיכ די טאטעס אומגעקוקט מיט א באנייַטנ כיישעק. אונ כאָטש אינ שטוב בא איעדנ איינעמ קאפצנ זייַנענ ארומגעלאָפנ בא א האלב טוצ קינדערלעכ מיט אייביקע סמארקלעכ אונטער די נעזער, מיט אופגעבלאָזענע בייַכלעכ, גרויסע דאכיטישע קעפּלעכ אונ קרומע פיסלעכ, זייַנענ די טראכטנ בא די ווייַבער ווידער פארזייט געוואָרנ אונ דער לעבנס-ציקל האָט זיכ אָנגעהויבנ פונדאָסנייַ.

בא די שוסטערס מיט די שנייַדערס, בא די בלעכערס מיט די סטאָליערס, האָט קיינ ברויט ניט געקלעקט פאר אלע סליניאווע מייַדלעכ, האָט קיינ לידער ניט געקלעקט אפ די לאנגע ארבעט-אָוונטנ. יעדנ אָוונט האָבנ די קינדער אזוי לאנג געוויינט, ביז זיי זייַנענ אנשלאָפנ געוואָרנ האלב-הונגעריקע; יעדנ אָוונט, נאָכנ קינדערשנ געוויינ, האָבנ די טאטעס זייערע, בא דער ארבעט, אויסגעזונגענ אלע לידער וועגנ ליבע, וועגנ כאַסענע, וועגנ טויט, וועגנ יעסוימימ אונ אגונעס, פארכאפט אינ איינוועגס א פאָר ניגונימ פונ די יאָנטעוודיקע טפילעס, אונ ווידער וועגנ ליבע אונ ווידער וועגנ טויט.

מיט שווייס און מיט בלוט, מיט מארך פון די ביינער, האָבן די טאטעס מיט די מאמעס געצאָלט פארן האלבן פונטל אָליי, פארן פערטל פונט סיראָפּ, פארן פונט פלייש און עטלעכע פונט ווייסע מעל, וואָס זיי פלעגן זיך איינ־קויפן אלע דאָנערשטיק פארנאכט אפּ שאבעס.

נאָר די קינדער האָבן וועגן שווייס און בלוט, וועגן מארך פון די ביינער קיין אנונג ניט געהאט. די קינדער האָבן אין די וואָכעדיקע אָוונטן מיט געוויין געמאָנט א שטיקל ברויט און געבענקט נאָכן פרייטיק, ווייל זיי האָבן געוווּסט, אז פרייטיק באקומען זיי א פערטל פלעצל געבאקט אפּ אָליי, און שאבעס — א פלייש־ווּפּ און א שטיקל כאלע. און דער שאבעס איז אין זייערע אויגן דערהייבן געוואָרן און זיי האָבן א גאנצע וואָך גע־בענקט נאָך אָט דער וואונדערלעכער פרינצעסן שאבעס, וואָס ברענגט זיי אין איר שויס א מויצע־פּענעצל מיט א גלאָז ציקאָריע, א ביינדל מיט א פּיצל פלייש, צוויי געקאָכטע ראָזשינקעס אין א האלבע גלאָז זיסלעכן וואסער — קאָמפּאָט!

די קינדער האָבן שאבעס געזען אן אויפגעראמטע שטוב, א פּאָר ליכט אפן געדעקטן מיט א סערוועט טיש, די מאמע מיטן טאטן אין שענערע און ריינערע קליידער, און דער שאבעס האָט פארסאמט זייערע הערצלעך מיט דער פרייד פון א שענערן לעבן, נאָך וועלכן זיי האָבן א גאנצע וואָך געבענקט.

וואָסער צייט פון יאָר מע זאָל ניט כאפּן, האָט עס אלץ ניט געטויגט פאר לארישע.

ווּעסנע־צייט זיינען געווען פארפלייצונגען און לארישע האָט פלוצלינג גענומען שווימען. מיט דער נעץ זיינען אָנגעקומען פארשיידענע קרענק. אויסגעגאנגען איז עס קוידעמקאָל צו די קינדערס קעפּלעך. זיי פלעגן זיך פארקילן, קרענקען, שטארבן. זומער איז פון שטויב ניט געווען אויסצו־האלטן. אויסער דעם האָבן זיך די קינדער זומער צוגעכאפּט צו די גרינסן און ס׳איז אוועק א סעדרע ביינדלעך. די, וואָס זיינען איבערגעקומען די ווּעסנע מיט די פארקילונגען, האָבן זיך געקאָרטשעט אין דעזינטעריע. ווידער געקרענקט, ווידער געשטאָרבן. אָסיען־צייט זיינען געקומען אנדערע געסט: שקארלאטינע, דיפטעריט, מאָזלען, פּאָקן. ווינטער איז מען געפרוירן. פאר די לארישער קאפּצאָנים האָט קיינע איינער פון די פיר צייטן פון יאָר ניט געטויגט. מע האָט געדארפט אויסטראכטן עפּעס א פינפטע צייט אין יאָר, א גליקלעכע צייט.

פונדעסטוועגן דארף מען ניט מיינען, אז לארישע איז געווען א פינצ־טערער קייווער, א וואָרעם־גרוב אָדער א זומפּ אָן א דנאָ. ניין. אין לא־רישע איז געווען אויך לעבן, פרייד, געזאנג, לידער און געלעכטער. איבער־הויפּט האָט די פרייד געשאפן די יוגנט. איבערהויפּט טאקע די, וואָס האָבן געארבעט אפּ דער הוטע. גאָר שטארק האָט זיך צעבליט די פרייד, ווען עס איז געקומען קיין לארישע דער דאָזיקער מייסטער, אבאָ גליוק. נאָר

דאָס אלץ איז געווען, ווי א טראָפּן אין יאם. א טראָפּן פרייד אין א יאם צאָרעס. און — מיילע: איז נאָך געשטאָרבן א קינד איז דער ווייטעק טאקע גרויס געווען, אָבער צו קיין אומקום פון די איבעריקע קינדער האָט עס ניט געטריבן, אָבער ווען דער טויט האָט זיך א כאפּ געטאָן צו א טאטן מיט א מאמען...

...טאקע אין דעם זעלבן ווינטער, ווען דער קליינערס ארבעט איז געווען זיך יאָגן נאָך כאזיירימלעך און אנטלויפן פון הינט, איז איינמאָל געקומען צו לויפן צו דער מומע ליבען מירל דאָבל דער פארבערקעס אין איר מאמעס פאטשיילע און אין איר טאטנס שטיוול און מיט ביידנס ווייטעק אין די אויגן און א פרעג געטאָן:

— איר זייט די מומע ליבע פון ווולקע?

— איך בין די מומע ליבע פון ווולקע.

— דוואָשקע, סאָרקעס מאמע, האָט מיך געשיקט צו אייך. מיין מאמע שטארבט.

מירל איז דעמאָלט אלט געווען אכט יאָר. ווען דאָבלס אומגליק האָט די מומע ליבע מיט א שפּיץ אויער עפּעס געהערט שוין נאָך אינדערפרי. וואָס טוט מען? ווי ראטעוועט מען זי? ערשט זי זעט, די מומע ליבע, עס גייט איר אנטקעגן מיט די גליטשערס אף דער פלייצע אלעקסאנדער דער סטודענט. זי האָט אים צומאָל קיין „גוט־מאָרגן" ניט אָפּגעגעבן. זי האָט אים גלייך אָפּגעשיקט צו דאָבלען.

— אלעקסאנדער, — האָט זי צו אים געזאָגט. — איך בין איינע אליין מיטן קינד. די מאמע אירע שטארבט. גיי...

ער האָט א וואָרף געטאָן דער מומע ליבע אף די אקסלען די גליטשערס און איז אוועק מיט מירלען.

VIII

די קליינע האָט זיך געיאָגט נאָך די ווולקער כאזיירים. דאָס איז עמעס.

נאָך איר האָבן זיך מיט א האָזקערײַ געיאָגט די ווולקער הינט. דאָס איז אויך עמעס.

וועדלעק ווי פאר לארישע האָט די קליינע פריידל געהאט א גליקלעכע קינדהייט. דאָס איז אָן קיין שום סאָפעק. איבערהויפּט אין די ערשטע דרײַ יאָר.

נאָר די קליינע איז געקומען אין א וועלט ניט קיין פּוסטער. און ווען זי האָט זיך געיאָגט נאָך די ווולקער כאזיירים, איז דאָבל די פארבערקע געלעגן אף איר בעט, וווּ זי האָט געבוירן זעקס קינדער און איז אָפּגעגאנגען מיט בלוט. און איר בלוט איז געווען ווי פעט מיסט אף דער לארישער ערד. אף איר בלוט איז אף דער לארישער הוטע עפּעס אויסגעוואקסן.

דאָבל איז געווען א מאמע, ווי אלע מאמעס.
דאָבל איז געווען א ווײַבל ווי אלע ווײַבלעך.
דאָבל האָט געהאט א מאן — זאלמען דעם פארבער.

אין הארבסט איז זאלמען דער פארבער צוריקגעקומען פון די גרויסע שטעט, ווו ער האָט א גאנצן פרילינג און זומער געפארבט דילן, ווענט און דעכער. און ער האָט געבראכט מיט זיך א קניפל: אָפגעשפּאָרטע פינף און צוואנציק רובל.

און פונעם קניפל האָט זיך עס אָנגעהויבן.

קוידעמקאָל האָט דאָבל אָפּגעבאקן לעקאָווער דעם גאסט א געבעקס.

דער דאָזיקער געבעקס איז געווען אן אויסערגעוויינלעכער — א יאָנ־טעווודיקער, כאָטש עס איז שוין געווען נאָך אלע יאָנטויווים. אין געבעקס זײַנען געווען פּוטערקיכלעך מיט צימערינג. באַם אויוון האָט זיך דאָבל פארויטלט און זאלמען האָט זיך פארקוקט אף איר. דאָבלס גליק איז ניט שײַכעך צו באַשרײַבן. זי האָט געוואָלט מיט איר גאנץ ביסל ווײַבעריש בלוט, אז זאלמען זאָל זיך אף איר פארקוקן.

דאָס ווײַטערדיקע איז שוין געגאנגען אליין פון זיך, ווי עס גייט פון די אוראלטע צײַטן אָן.

פרײַטיק אינדערפרי האָבן די צימערינג-קיכלעך גוט געשמעקט. אלע אין שטוב זײַנען גליקלעך געווען.

פרײַטיקצונאכטס, באַם ערשטן שני, נאָך די פיש, נאָך דער יויך, נאָכן צימעס, נאָך די שאבעסדיקע זמירעס, ווען דער ערדענער דיל איז אויס־געשאָטן געווען מיט געלן זאמד, ווען די ליכט האָבן שוין קימאט דער־ברענט, ווען דער לאָמפּ האָט געהאָלטן אין דערברענען, ווען די קינדער זײַנען שוין געשלאָפן, ווען אין שטוב איז געווען שטיל און ווארעם, ווען אף דער וועלט איז רויִק געווען, האָט זיך דאָבל מיט זאלמענען אויך דער־פילט גליקלעך אין דער פולער מאָס, ביז אריבער דעם האלדז.

עס איז גענוג געווען, אז דאָבל מיט זאלמענען זאָלן איין קוק טאָן אין דעם קליינעם גרינעם שײַבל ארײַן, ווי שיינ עס פאלט דער ערשטער שניי, אז זיי זאָלן מיט די איינע בליקן זיך שטום צונויפריידן, ווען אָנ־הייבן א לעבנס־ציקל באַנײַס א קאָן. דאָס הייסט: אויב ביז יענעם פרײַ־טיקצונאכטס האָבן דאָבל מיט זאלמענען פארמאָגט איין קינד — די אכטיאָ־ריקע מירל, זייער א ווויל מיידל; א צווייט און א דריט קינד — צווי־יינגלעך אפן לארישער בעסוילעם, אומגעקומענע אין דער לעצטער מאגייפע; א פערט קינד — א גאָלדן מיידעלע, וואָס האָט זיך ערשט פארצווייאָרנ, אף די פיסלעך געשטעלט; א פינפט קינד — באַם קליידל; א זעקסט קינד — אף די הענט, וועט זי פון דעם הײַנטיקן גליקלעכן פרײַטיקצונאכטס אָן האָבן נאָך איינס — א זיבעטעס — אין די געדערעם.

די נאטור איז געווען שטארק צוגעלאָזט און גינציק צו די קאפּצאָנים, זי האָט ניט דורכגעלאָזט קיין איין געלעגנהײַט צו באַשענקען זיי מיט א נײַ קינד.

ווי דער שטייגער איז דעמלט געווענ, האָבנ דאָבל מיט זאלמענענ געטראכט שוינ נאָכ דעמ, ווי די נאטור האָט ארויסגעוויזנ איר גאנצע צוגעלאָזנקײַט אונ גינציקײַט צו זיי.

דער געדאנק איז געווענ א סאכ קירצער איידער די גליקלעכע רעגע: נאָכ א קינד — נאָכ א מויל. הייסט עס — מע באדארפ באנײַס א קאָנ א זאָרג טאָנ וועגנ פארנאָסע אפ ווינטער.

אונ זאלמענ איז אָנגעקומענ אפ דער הוטע. שלעפנ קאסטנס.

ער האָט געקאָנט פאר א פינפערל דורכקומענ מיטנ פאבריק-דאָקטער, אז יענער זאָל זיכ מאכנ ניט זעענדיק אפ דער שווערקײַט, וואָס זאלמענ האָט געהאט אינ די פאכוועס אונ אונטערשרײַבנ אימ דעמ פאפירל, אז ער איז „גאָדיענ“ צו דער ארבעט. אָבער מער פונ צוויי כאדאָשימ האָט ער די קאסטנס ניט געקאָנט שלעפנ, אונ ניט דערפאר, ווײַל ס'איז אימ אלצ שווערער אונ שווערער געוואָרנ אינ די פאכוועס, נאָר פאָשעט דערפאר, ווײַל ער האָט אפנ נאקעטנ אײַז, ווינטער, זיכ אויסגעגליטשט מיט א קאסטנ אפ די פלייצעס, זייער שלעכט געפאלנ, עפעס אנ אייווער אָפגעהאקט זיכ אינווייניק, אז מע האָט אימ א קימאט האלב-טויטנ אָפגעפירט אהיימ. אינ דער היימ האָט ער פונ בעט זיכ ניט געקאָנט אופהייבנ אונ פונ האלדז האָט זיכ אָפט באוויזנ בלוט.

דאָס צווייטע פינפערל פונ דעמ אָפגעשפאָרטנ קניפל איז אוועק דערופ, אז דער דאָקטער זאָל דאָבלענ ניט באטראכטנ אונ „בלינדערהייט“, אפ אירע „נעמאָנעס“, אָנשרײַבנ איר אינ פאפירל, אז זי איז ניט טראָגעדיק אונ איז „גאָדיענ“ צו דער איידעלער ארבעט: וויקלענ דאָס געמאָלטע גלאָזוואָרג אינ פאפיר.

די איבעריקע דרײַ פינפערלעכ האָבנ זיכ אויכ אריבערגעקײַקלט צומ דאָקטער: ער האָט געהיילט זאלמענענ — זייער פאמעלעכ, זייער לאנג, אונ אָנ קיינ שומ פולע.

די פרײַטיקצונאכטסנ בא זאלמענענ דעמ פארבער זײַנענ שוינ ניט געווענ אזעלכע גאָלדענע: דער מענטש איז געלעגנ א צוגעשמידטער צומ בעט אונ קיינ פוטערקיכלעכ האָט מענ שוינ מער ניט געבאקט. דער פינפ-אונ-צוואנציקער איז זיכ צערונענ, ווי א רויכ, ווי ער וואָלט אימ אינ קאָרטנ אויסגעשפילט אונ ניט געהאָרעוועט אפ אימ זעקס כאדאָשימ. אָבער באקלאָגנ זיכ אפנ לעבנ, ווענ אינ שטוב איז דאָ ברויט מיט קרופניק קימאט אלע טאָג, האָט זיכ אינ לארישע גערעכנט פאר א גרויסנ פארברעכנ. דעריקער, וואָס עס האָט ווי מיט אײַזערנע צוואנגענ געפײַניקט זאלמענענ דעמ פארבערס נעשאָמע, איז געווענ — זײַנ קרענק. עכ, ווענ ער וואָלט געווענ געזונט! נאָר — ניט צו פארזינדיקנ: דאָבל ארבעט אונ פארדינט אָנדערהאלבנ רובל א וואָכ!

נאָר אויכ דאָבלענ איז אפ דער הוטע ניט געגאנגענ.

וויקלענ — ווי וויקלענ, אזא ארבעט קאָנ מענ טאָג ביז די לעצטע טעג

אין נײַנטן כוידעש אַרײַן. דער אומגליק איז באַשטאַנען אין שלעפּן די קאַסטנס. דאָס אײַנגעוויקלטע גלאָזוואַרג האָט מען געדאַרפט לייגן אין קאַסטנס. די קאַסטנס, עמעס, אין צווייען, האָט מען געדאַרפט שלעפּן צו די בינ־דערקעס אין דער שאַפע, און אויפן פערטן כוידעש, אין דעקאַבער, איז עס שוין פאַר דאָבלען געווען אַריבער די קויכעס.

זי האָט זיך געפּלײַסט.

זי האָט זיך געקליגט.

זי האָט זיך אויסגעקליגט נישט צו הייבן די קאַסטנס, נאָר שלעפּן זיי. דאָס איז געווען גרינגער. מיט אַזאַ מיטל קאָן מען אַרײַנאַרבעטן ביזן זי־בעטן כוידעש מינדעסטנס.

דער הוטע-פאַבריקאַנט, דער פאָרגעשריטענער באַרוך טשאַרני, האָט אין אַלע פאַכן אויף דער הוטע אײַנגעשטעלט אַרבעט-צעטיילונג, אָבער שטעלן ספּעציעלע טרעגער בײַ דעם נײַעם פאַך האָט נאָך דערווײַל נישט געלוינט: סאַכאַקל אַ פופצן — צוואַנציק קאַסטנס האָט מען פאַרן טאָג געדאַרפט אַרי־בערשלעפּן, דאָס מאַכט אויס אַ זיבן — אַכט קאַסטנס אַ טאָג אויף יעדער פּאָר ווײַקלערנס — דאָס איז נישט אַזוי שווער און, אַגעוו, האָבן די ווײַקלערנס באַ־קומען אַ קלענערן געהאַלט פאַר די טרעגער.

און דאָבל האָט געשלעפּט.

די איבעריקע דרײַ מיידלעך האָבן זיך צוגעקוקט צו דאָבלען. זיי האָבן באַמערקט ווי שווער עס איז איר צו שלעפּן די קאַסטנס. זיי האָבן זי אַמאָל אַרויסגעהאָלפן. נאָר דאָס אויג פון קאָנטראָליאָר האָט געוואַכט. זײַן בליק איז שטענדיק אין אָפּנס און שטעכיקס געהאַנגען אַנטקעגן זייערע הענט. ס'איז געשטאַנען, קאָן מען זאָגן, אַן אויגן-קאָנוווי מיט אַ שפּיז אין בליק איבער זייערע הענט און דאָבל האָט געמוזט שלעפּן.

און אין פינפטן כוידעש האָט זי זיך דערשלעפּט.

אינמיטן הײַפּ איז איר נישט גוט געוואָרן.

זייער שלעכט.

פריידל די גרויסע האָט יענעם טאָג געאַרבעט מיט איר אין פּאָר.

קיין שטאַרק געניטע אין די ווײַבערשע קרענק איז זי נאָך דעמאָלט נישט געווען, אָבער פונדעסטוועגן האָט זי זיך געכאַפּט, אַז מיט דאָבלען דער פאַרבערקע מוז האַלטן זייער שמאָל.

איז זי אַוועקגעלאָפן אין דער קאָנטאָר.

דאָבל איז געזעסן אינמיטן הויף, אויפן שניי, נעבן קאַסטן.

פריידלען האָט אָפּגעגליקט: דער דאָקטער איז גראָד געווען בײַ זיך, אין זײַן „קאַבינעט”, וואָס האָט זיך געפונען טאַקע אין דער קאָנטאָר.

זי האָט זיך אַרײַנגעריסן צו אים, אַ דערפרייטע, וואָס זי האָט אים געטראָפן, אָנגעכאַפּט אים פאַרן אַרבל, גערופן צו דאָבלען.

דער דאָקטער האָט קוידעמקאָל געוואָלט וויסן, וואָס עס האָט פּאַסירט. פריידל האָט נישט געקאָנט קלאָר דערציילן, וואָס עס איז דער מער מיט

דאָבלענ. דער דאָקטער האָט ניט געוואָלט גיינ. ער האָט געוויזנ אפ דער דריי ארבעטער, װאָס זײַנענ געשטאנענ אונ געוואַרט, ער זאָל זיי באטראכטנ, צי זײַנענ זיי „גאָדיענ" צו דער ארבעט. נאָכ דעמ, ווי ער וועט באטראכטנ אלע ארבעטער — א מאנ צוואנציק — וועט ער צוגיינ א קוק טאָנ.

— אָבער זי וואלגערט זיכ דאָכ אינמיטנ הויפ, זי קאָנ דאָכ דאָרט אויסגײנ אזוי, — האָט פריידל שיר זיכ ניט צעוויינט.

— איכ בעט דיכ, ווײַבל, — האָט דער דאָקטער א טופע געטאָנ מיט דער פוס. — מאכ מיר דאָ ניט קיינ היסטעריקעס. איכ שטיי אפ דער ארבעט!

פריידל האָט גענומענ בעטנ, זי האָט זיכ געפרוווט קושנ זײַנ האנט. דער דאָקטער האָט זײַנ האנט אוועקגעריסנ אונ פאר איר אינ די אויגנ געהייסנ אנ ארבעטער זיכ אויסטאָנ. דער ארבעטער איז שוינ צו פריידלס אָנקומענ געווענ האלב-נאקעט, איצט האָט דער דאָקטער געטופעט אפ אימ מיט די פיס, ער זאָל זיכ אינגאנצנ אויסטאָנ, אינגאנצנ נאקעט. מע שלעפט זיכ אהער מיט פארשיידענע קרענק. אונ ראק מע זוכט אָפצושווינדלענ דעמ באלעבאָס — אויסבאהאלטנ די קרענק. דאָס וועט בא אימ ניט גיינ. דו באווײַז זיכ מיר, ווי די מאמע האָט דיכ געהאט! דער ארבעטער האָט זיכ געמוזט אויסטאָנ. פריידל האָט געמוזט אנטלויפנ.

פונדערווײַטנס נאָכ האָט זי דערזענ, ווי די ארבעטערקעס טראָגנ שוינ דאָבלענ אפ די הענט.

ווענ זי איז צוגעקומענ נעענטער, האָט זי דערזענ, ווי געבנ דעמ קאסטנ, אפנ ווײַסנ שניי, איז געבליבנ א טונקעלער פלעק פונ דאָבלס בלוט.

זי האָט אפנ גאנצנ הויפ הויכ אויסגעשריִענ צו די ארבעטערקעס:

— טראָגט זי ניט אהער! דאָ זיצט א וואלד־גאזלענ, ניט קיינ דאָקטער! נאָר די ארבעטערקעס האָבנ זי ניט געפאָלגט.

זיי האָבנ זיכ ארײַנגעריסנ צומ דאָקטער.

דער נאקעטער ארבעטער האָט א דערשראָקענער, א פארשעמטער זיכ א דריי געטאָנ צו זיי מיט דער פלייצע.

— גיב הילפ! — האָבנ עטלעכע ארבעטערקעס אינ כאָר אויסגעשריִענ.

דער דאָקטער האָט זיכ אינ דער ערשטער רעגע פארלאָרנ. ער האָט קימאט מענטשלעכ א פרעג געטאָנ:

— וואָס איז מיט איר!

— א בלוט-שטורצ! — האָבנ זיי אלע מיטאמאָל געײַלט זיכ ענטפערנ.

דער דאָקטער איז געקומענ צו זיכ. ער האָט זיכ צעפאָכט מיט די הענט אונ צעשריִענ:

— איכ בינ ניט קיינ אקושאָר! איכ בינ ניט קיינ אקושאָר! אהער — האָט ער א פליק געטאָנ פאר די פלייצעס דעמ נאקעטנ ארבעטער מיטנ פאָנעמ צו זיכ אונ צו די ארבעטערקעס.

די אַרבעטערקעס האָבן די ציין פאַרקריצט און אַוועקגעטראָגן דאָבלען אַהיים.

זיי האָבן זי אומישנע געטראָגן, ניט געפירט, כאָטש אין דער קאָנ־טאָר האָבן אייניקע גענומען כלאָפּאָטשען, הייסן שפּאַנען אַ פור. זיי האָבן זי אומישנע געטראָגן קימאַט איבער זייערע קעפּ איבער אַלע לאַרישער גאַסן — פון דער הויטע צו איר שטיבל אַף די הינערשע פיסלעך מיטן שטרויענעם דאַך. זיי האָבן זיך וועגן דעם ניט צונויפגערעדט. עפּעס אַלײן פון זיך האָבן בא די אַרבעטערקעס די הענט זיך אַ הייב געטאָן, אַרומ־גענומען דאָבלען און געטראָגן זי איבער די לאַרישער גאַסן, אַז עס זאָלן זען די לאַרישער מענטשן, וואָס עס איז די הויטע און ווער עס איז דער דאָקטער.

דאָס שטעטל האָט זיך אופגערודערט.

ווײַבלעך זײַנען פון די שטיבער אַרויסגעלאָפן.

דאָ:לס כאַוועריטעס, נאָך איידער זיי האָבן זיך דערוווּסט, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט דאָבלען, האָבן אינמיטן דער גאַס די הענט פאַרבראָכן, אַ זעץ געטאָן אַ געיאָמער מיט אַ ניגון:

— אוי, ווײ איז אונדז! אַ מאַמע פון פיר יעסוימימלעך!

זיי האָבן שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן געיאָמערט קאָלעקטיוו, אָפן לאָשן „אונדז" און געיאָמערט שטאַרק, ווײַל זעלטן ווען האָט אין לאַרישע דער טויט עמעצן פון זײַנע הענט אַרויסגעלאָזט, אויב ער האָט אים געפּאַקט נאָר באַם מינדסטן בעגעלע.

עס זײַנען אָנגעלאָפן יידן.

עס זײַנען אָנגעלאָפן באָבעס.

די יידן האָבן געשיקעט אַף די ווײַבער.

— אַ כאַרפּע פאַר די גויים — כאָטש די „גויים" האָבן געלעבט אַפן צווייטן עק שטעטל און וואָס איז דאָ די כאַרפּע, וואָלט זיך קיינער ניט אונטערגענומען צו פאַרטײַטשן. — זי לעבט דאָך נאָך, איז וואָס באַווייגט איר זי!

די באָבעס האָבן זיך געשפּײַכט צווישן די אַרבעטערקעס.

— גייט אַוועק! גייט אַוועק! זי דאַרף לופט! מירן עס באַלד מאַכן! ניט קיין סאַקאָנע, כאָלילע!

זאַלמען האָט זיך אופגעריסן פון זײַן געלעגער. ער האָט געוואָלט אַרויסלויפן אַנטקעגן, האָט ער זיך פאַרקײַכט אין אַ בלוטיקן הוסט און געבליבן ז׳צן בעבן טאַפּטשאַן אַף דער ערד — אַ בלויער פון הוסט, וואָס האָט אים געשטיקט, מיט אַ רויטן אָפענעם מויל — בלוט האָט זיך באַ־וויזן.

מע האָט דאָבלען אַנידערגעלייגט אַף דער בעט, וווּ זי האָט געהאַט אירע זעקס קינדער.

מע האָט דאָבלען קאָמפּרעסן צום שטערן געלייגט.

מע האָט דאָבלען א שמאטע פול מיט שניי און איז אפ די בלויע פאכוועס געלייגט.

באָבעס האָבן אין פארשיידענע ווינקעלעך מיט פארשיידענע שפּרוכן דאָבלען אָפּגעשפּראָכן — געטריבן פון דאָבלען דעם סאָטן האמאשכיס.

צוויי ווײַבלעך זײַנען אוועקגעלאָפן אפן פעלד קוואָרים מעסטן און רײַסן.

מע האָט צו דאָבלען דעם רופע געבראכט. דער רופע האָט געזאָגט, אז מע וואָלט באדארפט גלײַך, די מינוט, דאָבלען אן אָפּעראציע מאכן. און עפשער איז שוין די מינוט גאָר שפעט. עס זעט זיך אָן, אז דער בלוט-שמורץ האָט זיך אָנגעהויבן עפשער נאָך נעכטן, עפשער נאָך אייער-נעכטן, סײַוויסײַ: ער קאָן גאָרניט מאכן. ער האָט ניט קיין אינסטרומענ-טארי דערצו. ער האָט מוירע, דאָבל איז פארבײַ.

צו פארנאכט צו איז צוריקגעקומען מירל. זי האָט געבראכט מיט זיך אלעקסאנדער דעם סטודענט. א האָפענונג האָט א שײַן געטאָן אין דעם פארבערגס שטיבל: דער סטודענט האָט געהאט א שעם פון א פּראָפעסער אין לארישע.

אלעקסאנדער האָט אפ איר א קוק געטאָן און זײַן קײַלעכיק בראָנז בערדל, וואָס האָט ארומגעזוימט זײַן פול פּאָנעם, איז פּלוצלינג געבליבן הענגען ווי א צוגעקלעפּטע אפ א טויטער מאסקע — אזוי בלייך איז ער געוואָרן.

די לארישער האָבן דעם סטודענט מיט אזא פּאָנעם נאָך ניט געזען. זײַן פּאָנעם האָט קיין שום גוטס ניט צוגעזאָגט. ער איז געווען אומבאהאָלפן.

דאָבל איז געווען פארבײַ.

אײַנגאָוונט איז געקומען צו לויפן די מומע ליבע.

זי האָט א כאפּ געטאָן אלעקסאנדערן פאר אן ארבל און אָפּגעשלעפּט אים אָן א זײַט.

— וואָס הערט זיך מיט איר? — האָט זי געשעפּטשעט, כאָטש זייער אומרויִק א פרעג געטאָן בא אים.

— שלעכט! זי איז שוין קימאט פּארטיק.

— סקאָבלאָ-סקאָבליצקי וועט עפּעס קאָנען העלפן?

— ביז דו וועסט אים ברענגען צו שלעפן פון פּיניעוויטשי... אָנגע-הויבן האָט זיך עס בא איר ניט פריִער, ווי מיט א מעסלעס צוריק, אויב ניט נאָך פריִער...

צו האלבע נאכט איז דאָבל געשטאָרבן.

די אכטיאָריקע מירל האָט זיך א וואָרף געטאָן מיט א געיאָמער אפ דער ערד צו איר מאמען, צו דאָבלען דער פארבערקע. בא דער מומע ליבע אליין האָט אויך א כליופּע געטאָן פון די אויגן, ווי פון א בײַ-דעריקן און שווערן הימל, וואָס איז פארלייגט פון אלע זײַטן מיט וואָל-קנס.

זיי האָבן זיך ביידע ביטער אויסגעוויינט.
דערנאָך האָט זי מירעלען אופגעהויבן פאר אירע אקסעלעכ פון דער־ערד און געהייסן איר טאָן די נייטיקע ארבעט.
מירל האָט שטום געוויינט און געטאָן.
דאָס איז געווען א פארשטאנדיק קינד.

IX

אפ מאָרגן, נאָך דעם, ווי מע האָט דאָבלען דער פארבערקע באהאלטן, האָט מען פארנאכט געקאָנט זען, ווי דריי מענטשן גליטשן זיך אפ גליט־שערס אפ דער וואָלקער אָזערע.
דאָס איז געווען: אלעקסאנדער דער סטודענט, דער מייַסטער אבאָ גליוק און סאָרקע.
אלעקסאנדער מיטן מייַסטער האָבן זיך געגליטשט גוט. סאָרקע האָט זיך ערשט געלערנט. זי איז געגאנגען אינמיטן. דאָס איז געווען איינע פון די סאך כוצפעדיקע נייַסן, וואָס האָבן זיך אין יענעם יאָר א שאָס געטאָן אפ לארישע: א מיידל האָט זיך געגליטשט מיט באָכערים.
נאָר כאָטש סאָרקע האָט שוין ווידער געארבעט אפ דער הויטע, זייַ־נען אָבער די וואָכערס איר טאטנס פינקטלעכ אויסגעצאָלט געוואָרן. לויטן כעזשבן, וואָס אָשער דער שוסטער האָט אין איינעם אַן אָוונט געמאכט, נאָך דעם, ווי ער האָט אלע לידער אויסגעזונגען, האָט זיך באקומען, אז ער האָט שוין באלד אָנדערהאלבן בעהיימעס. איצט, ווען אין אלטן אויס־געריבענעם טפילין-זעקל איז געלעגן בא אים א גאנצע בעהיימע מיט א פערטל שטאל פאר איר, האָט אים ניט געלוינט צו קריגן זיך מיט זייַן טאָכטער און ווען מע האָט אים געבראכט די פאָטשט, אז זייַן טאָכטער גליטשט זיך שוין מיטן נייַעם מייַסטער אפ דער וואָלקער אָזערע, האָט ער־געכאפט אַן אָפגעברענטן שטעקן פון ווינקל און ארויסגעטריבן די פאָטשט־מייַסטערקע:
— זאָל דיר דארן דער קאָפ פאר דייַנע אייגענע מאמזיירים!
און אין לארישע האָט מען געקרעכצט אפ דער נייַער אויסגעלאסנ־קייַט, וואָס פארשפרייט זיך ווי א מאגייפע און געשווינגן.
אָפגעגליטשט זיך, האָבן די דריי מענטשן אויסגעטאָן די גליטשערס, געריבן די פארפלאמטע באקן מיט די פארפרוירענע נעז און אוועק אין דער ריכטונג צו דער מומע ליבעס שטוב.
אפן וועג האָבן זיי געשמועסט.
אלעקסאנדער האָט געזאָגט:
— אבאָ, וועדלעק לויט דער צייַט, וואָס דו ביסט דאָ, איז דייַן אור־בעט אפן שפיץ גאָפל.
דערויף האָט דער מייַסטער געענטפערט:

— ס'איז עמעס, אלעקסאנדער. רייד.

— ס'איז א קנאפע טרייסט. א שטיקל קאסע איז כאָטש בא דיר פאַראַן?

— פאַראַן.

אין סאָרקעס אויגן האָט דעם לערערס אויפירונג אין לאַרישע אויסגעזען זייער מאָדנע: עס האָט געפעלט אימפעט.

סאָרקע האָט זיך צו אים צוגעקוקט און געזען: ווען ער שטייט בא זיך אין זײַן אָפּגעצוימטן גלעזערנעם קאַמערל אַפּ דער הויף, אין דער בײַער שאַפּע, און מישט פארבן אָדער צייכנט געמעלן, הענגט אים דער קאַפּעליוש שטענדיק אַפּ דער פּאַטיליצע און די ליפּן זײַנען אויסגעצויגן. ער פײַפט. ער פײַפט אויס נײַע לידער. די לידער ברענגט ער דערנאָך צו די מיידלעך מיט די יינגלעך אַפּ די אָוונטן.

ער רעדט זייער ווייניק.

פאַר די אַרבעטער זײַנע, אַפּ דער אַרבעט, האָט ער פיר געציילטע ווערטער: „אָרדענונג", „אַזוי", „אַרבעט", „פײַעראָוונט"...

„אָרדענונג" ניצט ער, ווען אַרבעטער צעקריגן זיך צווישן זיך איבער עפּעס א נאַרישקײַט.

„אַזוי" ניצט ער, ווען אַן אַרבעטער ווייסט ניט, וויאַזוי עפּעס א שטיקל אַרבעט מאַכן. ער נעמט דאַן דאָס שטיקל אַרבעט אין די הענט אַרײַן, מאַכט עס אַליין, באַווײַזט: „אַזוי". און דאָ באַניצט ער טאַקע דאָס וואָרט „אַרבעט". דאָס באַטײַט: „נעם און מאַך, ווי איך האָב דיר געוויזן".

„פײַעראָוונט" ניצט ער, ווען עס דערהערט זיך דער פײַף. קיין איין איבעריקע מינוט טאָר מען ניט פאַרהאַלטן זיך בא אים אַפּ דער אַרבעט.

פאַרן פּרינציפּאַל, פאַר דער העכערער אַדמיניסטראַציע, האָט ער אויך ניט מער פון א האַלב צענדליק ווערטער: „הײַנט", „מאָרגן", „גוט", „יאָ", „ניין"...

דאָס איינציקע אָרט, וווּ ער ווערט יאָ אויפגעלעבט און רעדט א ביסל, איז צווישן די מיידלעך מיט די יינגלעך, אַפּ די אָוונטן.

אַפּן קרײַזל, בא די דיקטאַטן, האָט ער אויך ניט מער, ווי צוויי געציילטע ווערטער: „שרײַבט!", „אָנגעשריבן?", „שרײַבט!"

סאָרקע האָט געמיינט, אַז לעבאַלאַפּאָכעס מיט אַלעקסאַנדערן וועט ער זיך דורכשמועסן ווי עס באַדאַרף צו זײַן.

עס איז פאָרויסגעשטאַנען א באַרג מיט אַרבעט. זיי זײַנען דעמלט געווען זייער קנאַפּ דערפאַרן. אַרום זיי האָט געשווינדלט מיט ווייטעק, האַס, צאָרן, פּײַן, — און ער איז אַרומגעגאַנגען קאָרעוו פּינפ כאַדאָשים א שווײַגער, קימאַט קיינעם גאָרניט ניט געזאָגט, ניט דערציילט, געטאָגט און גענעכטיקט בא דער מומע ליבען, געזעסן שאָען אַנטקעגן פרײדל דער גרויסער, געקוקט זיך מיט איר אין די אויגן און געשוויגן אָדער געפײַפט א לידל.

דאָס האָט זיך אָפּגערופן, לויט סאָרקעס מיינונג, אפן אימפּעט פונ דער ארבעט.

— פאראנ בא דיר א קאסע? — האָט אלעקסאנדער בא אים געפרעגט נאָכאמאָל.

— פאראנ.

— ווו איז זי?

— בא מיר.

— ווער באניצט זיך מיט איר?

— פראנצישעק. פאר דאָבלס קינדער האָב איך א סומע. א ביסל געלט האָב איך אפ ליטעראטור.

— ווער צאָלט?

— איך.

— וויפל?

— צוואנציק רובל א כוידעש.

— מער צאָלט קיינער ניט?

— ניינ.

— טשאָרט יעוואָ זנאיעט! — האָט אלעקסאנדער אויסגעשריִענ. — דאָס הייסט בא דיר א קאסע?

— איך ווייס, וואָס א קאסע איז.

— פארוואָס זשע האָסטו זי ניט אָרגאניזירט?

— איך האָב זי אָרגאניזירט.

— ווער צאָלט?

— איך.

— הייבט זיך אָנ באנייַס א קאָנ... וואָס איז מיט דיר אבאָ, דו ביסט פארליבט?

— איך בינ דאָ א נייַער מענטש. איך דארפ זיך צוקוקנ. איך האָב זיך שוינ אָפּגעקליבנ. א פּאָר כעוורע פונ דער הייסער שאָפּע. דערווייַל געטרוי איך בלויז פיר מענטשנ: פראנצישעקנ, סאָרקענ, פריידלענ אונ דער מומע ליבענ. דאָס איז אונדזער אָרגאניזאציע.

— פארוואָס צאָלנ זיי ניט?

— פראנצישעק איז קראנק. סאָרקע האָט ניט. זי צאָלט איר מאַטנ וואָכער. פריידל האָט א פיצל קינד אונ קומט קוים אויס. די מומע ליבע ארבעט ניט אפ דער הוטע.

— ווער איז קאסיר?

— איך.

— איז הער, אבאָ, אזוי טויג ניט. אָט שטעל איך זיך אוועק אונ לייג דיר אוועק א שטיק אגיטאציע, אז צאָלנ אינ דער קאסע איז פונקט אזוי פּאָליטיש וויכטיק אונ דערציִעריש, ווי באקומענ פונ דער קאסע... אונ א קינד באפרייַט ניט פונ צאָלנ אינ דער קאסע... דו דארפסט עס? וועל

איך דיר באַלד אַן אַגיטיר טאָן. נאָר איך מיין, אַז דו דאַרפסט עס ניט. איז פונ הײַנט אָנ: פריידל זאָל זײַנ קאַסירערנ, אוּנ זאָל זי טאַקע צאָלנ אויך. אונ סאָרקע דאַרפ אויך צאָלנ. פראַנצישעק שטעלט זיך צו דער אַרבעט, הייבט ער אויך אָנ צאָלנ. דערנאָך דאַרפ מענ גלײַך אַרײַנצײַענ אינ דער קאַסע אונ אינ דער גאַנצער אַרבעט נאָך אַרבעטער, דעריקער — די הוטניקעס פונ דער הייסער שאָפּע...

— די קאַסע האָב איך געוואָלט איבערגעבנ סאָרקענ. פריידל מיטנ קינד וועט קאָנענ גוט אויסגענוצט ווערנ אַפ פאַרבינדונג אונ טראַנספּאָרט.

— פריידל טויג דערווײַל ניט דערצו. פריידל איז ערשט מיט איינ יאָר צוריק געקראָכנ אַפנ בוידעמ האָבנ דאָרט דאָס קינד. פונ כאַרפּע צי פונ מוירע פאַר שושקערײַענ — דאָס איז מיר אַ קנאַפּער כילעק. ס'נאָך דערווײַל אַ ווייכ שטיקל טייג, דײַנ גאַנצע פריידל.

— אַלעקסאַנדער... דאָס א'ז מײַנ פּערזענלעכער איניענ...

— וואָס איז דײַנ פּערזענלעכער איניענ?

— פריידל...

אַלעקסאַנדער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

לאַרישע מיטנ וואַלד מיט דער אָזערע האָבנ סײַ זומער סײַ ווינטער פאַרמאָגט וווּנדערלעכע אָוונטנ אונ נעכט. יענע נאַכט איז געווענ אַנ אויסגעשפּונענע אונ אויסגעהאַמערטע פונ שניי, פראָסט, טונקעלנ הימל אונ שאַרפשײַנענדיקע שטערנ. איבערנ גלאַטנ שפּיגל־פלאַך פונ דער פאַרפרוירענער אָזערע האָט זיך נידעריק געטראָגנ אַ בלוי רויכעלע פונ יאָגנדיקע דורכנ ווינטל דורכזיכטיקע שנייִקע האַפטנ. דער וואַלד דערנעבנ איז געשטאַנענ מיט פולע לאַפּעס שניי אַפ די צווײַגנ. דער הימל איבער זייערע קעפּ האָט שטיל געקנאַקט מיט פראָסט אונ מיטנ שאַרפנ שײַנ פונ די בלויע שטעכיקע שפּיזל־שטערנ.

אַלעקסאַנדער האָט ליב געהאַט די דאָזיקע געגנט. נאָר אַלעקסאַנדער האָט זיך זייער פריילעכ באַצויגנ צו איעדערער „ערנסטער" ליבע: ער האָט זי פרײַנטלעכ אויסגעלאַכט. אַפ ווי עס באַדאַרפ צו זײַנ פרײַנטלעכ אויסלאַכנ אַנ „ערנסטע" ליבע, האָט ער געמוזט אופהייבנ זיך פונ אָרט, אויב ער איז גראָד געזעסנ, אָפּשטעלנ זיך, אויב ער האָט געהאַלטנ אינ גאַנג. ער האָט זיך טאַקע אָפּגעשטעלט אינמיטנ דער אָזערע אונ הילכיק זיך צעלעכט.

— איך האָב געזאָגט, טשאָרט יעוואָ זנאַיעט! דער באָכער איז אַפ טויט פאַרליבט!

דאָס האָט שוינ סאָרקע ניט געקאָנט פאַרטראָגנ.

סאָרקע האָט שטענדיק זייער שטאַרק געהאַלטנ פונ ליבע אונ דאַפקע פונ „ערנסטע".

אַלעקסאַנדערס געלעכטער, כאָטש ער איז געווענ פול מיט פרײַנטשאַפט, האָט דאָך זייער האַסטיק אַ רוק געטאָנ סאָרקעס האַרצ אינ גליוקס זײַט. ס'האָט אַ טראַכט געטאָנ וועגנ אים זייער וואַרעמ אונ צום גוטנ.

לויט סאָרקעס מיינונג האָט דער מײַסטער אָפּגעטאָן א סאך ארבעט אין לארישע. ער האָט אופגעהויבן די לארישער יוגנט, איבערהויפּט די הוי־טע־יוגנט, דאפקע בא די הערצער: זיי זײַנען אלע געווען פארליבט אין אים. די דיקטאטן זײַנען אויך עפּעס ווערט געווען. די לארישער יוגנט האָט זיך א צי געטאָן צום ביכל. ער האָט געהאט בא אלע ארבעטער אף דער הוטע א גוטן נאָמען. מע האָט זיך פארקוקט אף אים און אָנגעהויבן זיך אופירן לײַטישער. אין אלע שאַפּעס, האָט סאָרקע געהערט, האלט מען אין איין שמועסן, ווי דער נײַער מײַסטער האָט ניט געלאָזט זײַנע ארבעטער שפּילן די קאָץ־מויז־שפּיל מיט ארײַנלייגן אין די קאַפּיושאָנעס צו די באַ־לעבאטים שמאָכטעס און דערנאָך מיט הינטישע אויגן בעטלען בא זיי טרינק־געלט. געווען ארבעטער, וואָס האָבן גערעכט געגעבן די כוורע, וואָס האָבן צעמיימעסט פראנצישעקן: זאָל ער זיך ניט מישן אין יענעמס פּריוואטע איניאָנים. ווער עס וויל שפּילט די שפּיל מיט באלעבאטים און באקומט אף א שקאליק. געווען אויך ארבעטער, וואָס האָבן גערעכט געגעבן דעם מײַס־טער מיט פראנצישעקן: „געווען גענוג הינטישע קנעכט, צײַט צו ווערן שטיקלעך פרײַע מענטשן". סאָרקע האָט די הוטע גוט געקאָנט. זעקס יאָר ארבעט זי שוין דאָרטן. און די דאָזיקע געשפּרעכן אליין זײַנען אין סאָר־קעס אויגן געווען א גרויסע און גוטע נײַס. נאָר וואָס עמעס איז עמעס — קיין אימפּעט איז ניטאָ. און דערציילן ווי עס באדארף צו זײַן וועגן זײַן ארבעט קאָן ער אויך ניט. ער מוז זײַן א נאר — דער מײַסטער אונדזע־רער — האָט סאָרקע וועגן אים א טראכט געטאָן.

נאָר אין עטלעכע מינוט ארום האָט סאָרקע דערזען באם מײַסטער אזא מין אימפּעט, וואָס האָט זי אינגאנצן ווי צוגעשמידט צו אים.

ווען זיי זײַנען שוין געווען קימאט אף דער זײַט אָזערע, האָט זיך פּלוצלינג איבער דער הוטע א פלאם באוויזן און אין א רעגע ארום — א קראך. ווי א בליץ מיט א דונער — אין סאמע די גרעסטע פרעסט, אין דע־קאבער כוידעש.

אף דער הוטע האָט געפּלאצט א טיגל.

איין לערנײַנגל איז פארברענט געוואָרן אף האלב־טויט. ער איז אין א טאָג ארום געשטאָרבן פון די וווּנדן.

בא זײַן מײַסטער זײַנען, ווײַזט אויס, אויסגעברענט געוואָרן די אויגן.

ווי נאָר דער פלאם האָט זיך באוויזן, איז אבאָ גליוק אוועקגעזאָפּט אף דער הוטע.

ער האָט געוווּסט, ניט אלע טיגלען זײַנען זומער אָפּגערעמאָנטירט גע־וואָרן ווי עס באדארף צו זײַן.

די ארבעטער פונעם געפּלאצטן טיגל האָט ער שוין ראטעווען ניט געקאָנט.

ער האָט געקאָנט ראטעווען די ארבעטער פון יענע טיגלען, וואָס האָבן געקאָנט פּלאצן.

ער האָט ניט געוואַרט ביז דער אינזשעניער מיטן פּרינציפּאַל זײַנען געקו־מען צו לויפֿן אַפֿ דער הויף.

ער איז אַמאָל דרײַ אַרומגעלאָפֿן אַרום און אַרום דער הײסער שאָפּע, געשריִען:

— קוקט זיך אום! באַקוקט די אויוונס! קוקט זיך אום! קילט די אויוונס! קילט געלאַסן!

אין דער טונקל, אין דער סומאַטאָכע, האָט זײַן קאָל געקלונגען באַ־פֿוילעריש. מע האָט נים געוואָגט אים ניט פֿאָלגן. פֿון איין אויוון איז פּלוצ־לינג אָפּגעשפּרונגען דער מײַסטער מיט זײַן געהילף.

— מײַסטער! — האָט ער געשריִען. — מײַסטער גליק באַ מיר!

עס זײַנען אָנגעלאָפֿן הוטניקעס צום אויוון. זיי האָבן באַלאַגערט דעם אויוון און געזען: אַ רויט שפּעלטעלע, ווי אַ גליִענדיק ווערעמל, האָט זיך געשלענגלט אַפֿ אַ זײַט פֿונעם טיגל.

— קיל דעם אויוון, מײַסטער! — האָט אַבאָ גליק געשריִען. — קיל געלאַסן! גיב אַהער דעם בוהאַר! אַזוי! אַרבעט!

און דער טיגל איז פֿאַנאַנדערגעפֿאַלן קימאַט אַפֿ צוויי גלײַכע העלפֿטן.

זײַן קאַפּעליוש איז אים נאָך אַלץ געזעסן אַפֿ דער פּאָטיליצע. די הענט זײַנען געווען אויסגעשמירט. דאָס פּאָנעם — פֿאַרפֿלאַמט. דאָס פּעלצל — אָפּגעסמאַליעט.

ווען דער אינזשעניער איז געקומען צו לויפֿן, האָט זיך דער מײַסטער אַפֿ אים אַפּילע ניט אומגעקוקט. ווען דער פּרינציפּאַל האָט זיך נעבן אים באַוויזן, האָט ער צו אים קאַלט אַ זאָג געטאָן:

— מע דאַרף אַלע אויוונס קילן. געלאַסן.

און, ניט דערוואַרט זיך אַפֿ יענעמס ענטפֿער, אַוועק קיין וואָלקע. סאָרקע איז אַן אַנציקטע אים נאָכגעגאַנגען, ווי אַ שאָטן.

X

דער מומע ליבעס שטוב אין וואָלקע איז געשטאַנען ווי פֿריִער: די זעלבע פֿיר געלע, מיט ליים געשמירטע ווענט, דער זעלבער ברוינער — פֿון שנייען, רעגנס און זון — שטרויענער דאַך, די זעלבע פֿיר „גרויסע" פֿענצטער — צו פֿיר שײַבלעך אין אַ ראַם — אין דער פֿאָדערשטער און דאָ־רעמדיקער וואַנט; איין פֿענצטערל מיט גראַטעס אין פֿאָרהויז, איין קליין פֿענצטערל — איין שײַבל — אין אַלקער, וווּ די קליינע איז געבאָרן געוואָרן און געוואַקסן.

צוויי פֿענצטער האָבן אַרויסגעקוקט צו דער אָזערע, צוויי פֿענצטער — צום וואַלד. דאָס קליינע פֿענצטערל מיט די גראַטעס — צום דאָרף. די איי־נע שויב פֿון אַלקער — צום בערגל, וואָס האָט זיך געהויכט איבער דער

שטוב, ווי אַן אַלטע קײַלעכיקע פּלייצע, וואָס האָט אופגענומען אַף זיך אַלע זאַווערוכעס און ווינטן.

דער מומע ליבעס שטוב איז אין יענעם יאָר געשטאַנען, ווי אַלע פריערדיקע זיבן צענדליק יאָר אירע — אַ פינצטערע פון דרויסן, אָבער איצט — אַ ליכטיקע, ציכטיק-אויסגעווײַסטע פון אינווייניק.

אין דער דאָזיקער שטוב, ווי אין אַלע מענטשלעכע נעסטן, זײַנען געבוירן געוואָרן מענטשלעכע קינדער, געלעבט, געשטאָרבן.

די ווענט, ווי אַלע ווענט, האָבן געהערט געלעכטער, געזעג טרערן.

אפן ליימענעם דיל האָבן קינדער, די קליינע פריידל אויך אין דעם צעטל, געשטעלט זייערע ערשטע טריט, האַלטנדיק זיך באַ די ווענט; האָבן געפּלאָנטערט מיט די פיס שיקערע אָדער קראַנקע מענטשן; האָבן געשטעלט זייערע אײַליקע טריט צו דער בעט אפ אַנידערלייגן זיך און געבוירן נײַע לעבנס — געווינערנס; האָבן געשטעלט זייערע לעצטע אָפּגעשוואַכטע טריט אף אַנידערלייגן זיך אף דער זעלבער בעט און שטאַרבן — אַלטע לײַט אָדער פאַר־דער ציַיט קראַנק און אַלט געוואָרענע מענטשן.

אפן ליימענעם דיל האָבן פיס מיט האַס געטופּעט, ווען די מענטשן האָבן אין ענגשאַפט און נויט געקריגט און געשלאָגן זיך צווישן זיך, אפן זעלבן ליימענעם דיל האָבן די זעלבע און אויך אַנדערע פיס אויסגעטופּעט זייער פרייד אין טאַנץ אונטער דער פּראָסטער דאָרפישער סקריפּעדיקער פידל און הייזעריקער פּויק.

די ווענט האָבן געהערט קוילעס פון שיקערע, קלאָלעס פון הונגעריקע און אומגליקלעכע, שושקערײַען פון דערשראָקענע פאַר די אַלע בייז, וואָס האָבן זיך כוואַליעסווײַז געטראָגן אפן דאָרף פון דער הוטע, פונעם פּאַ־רעצס הויף, אָדער שושקערײַען פון די, וואָס האָבן דאָס דאָזיקע בייז גע־וואָלט אַרויסרײַסן פון זייער לעבן און פאַרניכטן.

דער מומע ליבעס שטוב — דאָס איז געווען אַ דורכשניטלעכער מענטש־לעכער נעסט פון דאַכקעס, אָרעמקײַט, נויט און פּײַן, ווי הונדערטער מי־ליאָנען אַנדערע אַזעלכע נעסטן אין דער געוועזענער ריזיקער שטרויענער רוסישער אימפּעריע.

נאָר אין יענעם ווינטער, אין לעצטן ווינטער פון נײַנצנטן יאָרהונדערט, זײַנען אין דער דאָזיקער שטוב געקומען נײַע מענטשן און זיי האָבן גרינט־לעך געענדערט דעם אינהאַלט פון דער דאָזיקער מענטשן־נעסט.

די שטוב איז געשטאַנען פאַרוואָרפן אפן עק דערפל, ווי אַן אָפּגעזונ־דערטער פאַרבלאָנדזשעטער בוים אפן ברעג פון דער וואַלקער אָזערע.

די שטוב האָט פאַר איר עקזיסטענץ געביטן אַ סאַך באַלעבאַטים. אין די ערשטע יאָרן האָט דאָרט געוווינט אַן אַלטער דזשאַד, דערנאָך אַ יונגע אַלמאָנע, דערנאָך איז די שטוב שיר ניט כאָרעוו געוואָרן — ניט געווען קיין באַלעבאָס, — דערנאָך האָט עס גענומען אין די הענט אַרײַן אַ מילנער

א דאָרפישער קאצעוו, אנ „אמעריקאנקע" — ביז זי איז אריבער צו דער „קראוושיכע", צו דער מומע ליבע.

די מומע ליבע האָט אינ דער דאָזיקער שטוב פינפ יאָר קאליאדעס געפּראוועט, גענייט קליידלעכ פאר די דאָרפישע פּויערטעס, פּארטויבט איר איינזאמקייט אינ געהוק אונ געטופּע פונ די דאָרפישע טענצ, ארייַנגעלאָזט צו זיכ די לאַוישער יוגנט דיקטאטנ שרייַבנ, פּארזאמלונגענ מאכנ, נייַע לידער זינגענ, עפּעס נייַס גרייטנ.

זי האָט געהאט אנ אָפּנ אויג, די מומע ליבע, אונ ניט נאָר ארייַנגעלאָזט, נאָר אפילע געטרופנ צו זיכ די דאָזיקע יוגנט, אונ ניט נאָר באמערקט, נאָר אפילע געגארט נאָכ אָט דער ענדערונג, וואָס די יוגנט האָט מיט זיכ געבראכט אינ איר שטוב ארייַנ.

צום אָנהייב 1900 יאָר האָט זיכ שוינ בא דער מומע ליבענ אינ שטוב פעסט באזעצט, אויב ריידנ מיט דער הייַנטיקער שפּראכ, דער וואָלקער רייַקאָם פונ דער פּארטיי. דער „סעקרעטאריאט" איז געווענ דאָ, דער „אגיטפּראָפּ" איז געווענ דאָ, די קאסע — אויכ דאָ.

זי האָט געהאט אנ אָפּנ אויג, די מומע ליבע, אונ געזענ: עפּעס נייַס איז געבוירנ געוואָרנ אינ לאַרישע אפ דער הויפ. דאָס געבוירענע שטעלט זיכ אפ די פיס אונ הייבט זיכ אָנ באוועגנ.

א גרויסע קאפּאבלניצע (אינ איר, אינ גרונט, זייער איינזאמענ לעבנ) אפ נייַס, האָט זיכ איר פונ דער ערשטער מינוט אָנ געוואָלט זייַנ אינ סאַמע מיטנ פונ אָט דער נייַס.

זי האָט בא אלעקסאנדערנ אונ באם מייַסטער גענומענ א סאכ ביכלעכ, זייער דורשטיק געלייענט, אונ איר האָט זיכ געדוכט, אז, לויפנדיק מיט די אויגנ איבער די זייַטלעכ פונ די דינע ביכלעכ, רייַזט זי פונ שטאָט צו שטאָט, פונ לאנד צו לאנד, אונ אומעטום זעט זי צוויי וועלטנ — א רייַכע אונ אנ אָרעמע אינ א בלוטיקנ קריג צווישנ זיכ.

אונ, לויט איר גאנצער נאטור, האָט זי ניט געוואָלט אונ ניט געקאָנט זייַנ אויסער דעמ קריג.

אונ, לויטנ גאנצנ לעבנ אירנ, האָט זי ניט געוואָלט אונ ניט געקאָנט זייַנ אפ דער זייַט פונ די רייַכע.

איינמאָל באשלאָסנ, האָט די מומע ליבע ערגעצ טיפ אינ זיכ דערפילט א גרויסע פרייד דערפונ, וואָס איר לעבנ וועט ניט זייַנ קיינ „פּוסטאָצוועט", האָט זי אינ איר בלוט דערשפּירט דעמ געפיל פונ א מענטשנ, וואָס האָט קויעכ אונ ווילנ זיכ ארייַנצומישנ אינ א גרויס געשלעג אונ דערבייַ אפילע טראכטנ: „אָט, ווארט, איכ וועל דיר געבנ א קלאפּ, וועסטו שוינ אפ די פיס ניט אייַנשטיינ!"

זיכ האָט זיכ שוינ פּארגינט צו דער געלעגנהייַט, צו איר גרויסנ קער אינ לעבנ, אופנייענ זיכ א נייַ פּעלצל.

דאָס איז געווענ א פייַנע קורצע דראגונקע. די לייַסטנ אונ די לאצנ,

די קרומע קעשענעס און דער שטייענדיקער קאָלנער זײַנען באַזוימט געווען מיט גרויען שאָפּן־פּוטער. די צוויי העקלעך אויפֿן קאָלנער זײַנען שטענדיק געווען פֿאַרשפּיליעט און דער קאָפּ האָט זיך שוין בעמײַלע געטראָגן הויך און שטאָלץ.

נאָר זי האָט געהאַט אַן אָפֿן אויג און ניט געקאָנט ניט באַמערקן, אַז מע באַמערקט זי ניט, אַז מע מאַכט זיך ניט זעענדיק, ווי זי דרייט איבער קאַפּויר דאָס לעבן אין איר שטוב, און זי האָט באַשלאָסן אַ רעד טאָן מיט אַלעקסאַנדערן אין דער הייך, מיטן פֿולן קאָל.

דאָבלס טויט האָט זי נאָך נעענטער אַ שטויס געטאָן צו אָט דעם געשפּרעך.

דאָבל איז שוין געלעגן אין געהאַקטן קייווער — די ערד איז געווען פֿאַרפֿראָרן און מע האָט עס געמוזט מיט העק האַקן — און די ווײַבער האָבן געיאָמערט אויפֿן לאַרישן שטייגער, בעלאָשן „אונדז“:

— ווי איז אונדז! אַפֿילו די ערד שטעלט זיך קעגן, און לאָזט ניט אַרײַן אין איר טראַכט אַרײַן אַזאַ יונגע מאַמע פֿון פֿיר פּיצינקע יעסוימים־לעך מיט אַ מאַן אַ קאַליקע.

זי האָט געקוקט אויף די ווײַבער מיט ווייטעק און פֿאַרדראָס און אויך מיט אַ שטיקל אויבן אַראָפּ.

„מיט וואָס מע מאַכט זיך עס גרינגער אויף די געמיטער, — האָט זי מיט פֿאַרביטערונג געטראַכט, — מיט אַ שטיקל דערעסענעם געשריי און געיאָמער, וואָס מע האַלט כאַדאָשימווײַז באַהאַלטן אין די הערצער, ווי די שטיקלעך יאָנטעוודיקע קליידלעך אין די קופֿערטס“.

און זי איז אַוועק מיט אַ פֿאַריסענעם קאָפּ און מיט די הענט אין די קרומע קעשענעס פֿון דער דראַגונקע.

„ניין! זי וועט ניט יאָמערן! אָט וועט זי באַלד אַ רעד טאָן מיט אַלעקסאַנדערן!“

זי האָט געוווּסט, אַז בא איר אין שטוב זיצט איצט „דער קאָמיטעט“. דאָס האָט איר צוגעגעבן מוט. זי האָט געשפּאַנט מיט ברייטע טריט. זי האָט זיך אין דער שאָ געפֿילט אַ סאַך ייִנגער פֿון אירע אַכט און דרײַסיק יאָר.

זי האָט געטראָפֿן פֿריידל די גרויסע נעבן דאָבלס שטוב. פֿריידל האָט געטראָגן דאָבלס יעסוימים דרײַ רובל פֿון דער קאַסע. די מומע ליבע האָט זי פֿאַרקערעוועט און מיטגענומען מיט זיך.

ווען זי האָט געעפֿנט די טיר פֿון איר שטוב, האָט זי דערזען אַ בילד: אַלעקסאַנדער, דער מײַסטער, סאָרקע זײַנען געזעסן באַם טיש און געטרונקען טיי און געשפּילט אין קאָרטן.

זי האָט געוווּסט, אַז די קאָרטן זײַנען ניט מער, ווי אַ „פֿאַרשטעלעניש“.

איר האָט זיך געדוכט, אַז מע האָט זי באַגעגנט מיט אַ פֿרעמדן און קאַלטן בליק, ווי זיי וואָלטן באַדויערט, וואָס זי איז אַזוי פֿרי צוריקגעקומען אַהיים.

זי האָט געזענ, אז פריידלעכ מיט די דרײַ רובל האָט מענ אויכ „פאר־שיקט". ווײַזט אויס, אז מע געטרויט נאָכ איר אויכ ניט.

אונ זי האָט באשלאָסנ ריידנ צומ קאָמיטעט מיט א פולנ מויל.

זי האָט עס געטאָנ אזוי:

זי איז א היפשע ווײַלע געשטאנענ אפנ שוועל מיט די הענט אינ די קרומע קעשענעס פונ איר דראגונקע. געשטאנענ אונ געקוקט.

ווענ זי האָט זיכ צו זאט אָנגעקוקט, האָט זי א פרעג געטאָנ:

— מע קאָנ צו אײַכ צוגאסט, קינדערלעכ? אָדער איכ בינ צו פרי־געקומענ?

איר האָט זיכ אויסגעדוכט, אז די קאָלירנ אפ די פענעמער בא אלע־מענ האָבנ זיכ געביטנ פונ אזא „גוטנאָוונט" אירנ.

נאָר אָנגעכאפט זיי בא די לעבערלעכ, האָט זי זיי שוינ ניט אָפגעלאָזט:

— אונ ווו האָט איר פארשטעקט פריידל די גרויסע? זי האָט אויכ ניט ווערט צו זיצנ מיט אײַכ בא איינ טיש?

— אונ וואָס הערט זיכ עפעס מײַסטער אונ לערער מיט דאָבל דער פארבערקע? מע שמועסט, אז די „זײַדענע באָרד" (אזוי האָט זי גערופנ דעמ הוטע־פאבריקאנט) גיט דיר אינ אלצ נאָכ, ווי א קאפריזנ בעניאָכיד, שיקט זיכ עס, אז דו האָסט ניט געקאָנט נעמענ אפ זיכ דעמ „פארברעכנ", אז דאָבל זאָל אינ פינפטנ כוידעש ניט שלעפנ קיינ קאסטנס? זי האָט דאָכ געארבעט אינ דײַנ פאכ!

— אונ וואָס קוקט איר אלע אזוי אפ מיר, ווי איר וואָלט מיכ געזענ צומ ערשטנ מאָל? מיט דיר, אלעקסאנדער, קאָנענ מיר זיכ שוינ א יאָר פינפ. דו קומסט אראָפ קיינ לארישע מיט די קאָנקעס אפ די שיכ אונ איכ בינ די ערשטע, וואָס דערלאנגט דיר א שלונג נײַס פונעמ פינצטערנ לעבנ פונ דער לארישער קאפצאנסטווע. דו קושסט זיכ אזש מיט מיר פונ גרויס פרײַנטשאפט! שיקט זיכ עס, אז דײַנע קושנ זײַנענ פאלשע?

— אונ דו, צאצקעלע, סאָרקעלע אָשער דעמ שוסטערס? וואָס איז בא דיר די מומע ליבע? א פאלשער לאָטעריי־צעטל? פאר לײַטנ בארימט מענ זיכ דערמיט, בא זיכ ווייס מענ: ניטאָ וואָס צו ווארטנ אפ א געווינס — ס'איז א פאלשער!

אלעקסאנדער האָט זיכ אופגעהויבנ פונ זײַנ אָרט. זײַנ ברייטער קירלעכיקער פאָנעמ באזוימט מיטנ בערדל ארומ אונ ארומ האָט געשײַנט אינ א שמייכל. ווײַזט אויס, אז ער האָט שוינ באנומענ דער מומע ליבעס פארדרוס. עס זאָל צוגיינ גלאטער, האָט ער אָנגעהויבנ א ביסל פונ דער ווײַט:

— וואָס איז מיט דיר, ליבע? דו רעדסט, ווי דו וואָלסט אויסגעטרונקענ!

— איכ טרינק אלע טאָג פולע בעכערס סאמ פונעמ פינצטערנ לעבנ אונדזערנ, נאָר ס'איז מיר צו געזונט: איכ ווייס, וואָס איכ האָב צו טאָנ..

זי האָט אַנ עפנ געטאָנ די טיר, א וופ געטאָנ:

— פריידל!

פריידל איז קימאט א פארשעמטע אריינ. די מומע ליבע האָט זי פאַר־געשטעלט:

— אָט איז זי. סאָרקעס בעסטע כאַווערטע. ווו איכ האָב זי געטראָפנ פארשטייט איר שוינ אליינ. ס'איז טאנדעטנע געמאכט, ברידערלעכ אונ שוועסטערקעס!

זי איז צוגעגאנגענ האסטיק צום טיש, אראָפגעוואָרפנ פונ זיכ די דראגונקע, אנידערגעזעצט זיכ אויבנאָנ, אָדער איר האָט זיכ אויסגעדוכט, אז זי זעצט זיכ אויבנאָנ, אונ א זאָג געטאָנ:

— אָט וועל איכ מיט אייכ שמועסנ. גיס מיר אָנ א גלאָז טיי, סאָר־קע. זעצ זיכ, פריידל.

זי האָט צוגערוקט צו זיכ די גלאָז טיי, א מיש געטאָנ מיט דעם לעפעלע אונ צוריק עטוואָס אָפגערוקט פונ זיכ.

— ערשטנס, א גרוס דיר פונ פריידלענ, מייסטער. זי האלט, אז דו ביסט שולדיק אינ דאָבלס טויט, אונ איכ האלט, אז זי איז גערעכט. איכ זאָג דיר נאָכאמאָל: דו נעמסט אפ זיכ א סאכ גרעסערע זאכנ אפ דער הויט, האָסטו דאָס אויכ געקאָנט נעמענ. א וואזשנע מייסע — די קאָנטראָ־ליאָרנ!

— צווייטנס, וויל איכ טאקע ריידנ וועגנ זיכ אויכ. איכ האָב פיינט זיכ באקלאָגנ. נאָר, איכ בעט אייכ, איר זעט ניט, צי איר מאכט זיכ ניט זעענדיק, אז דאָס הארצ טוט מיר ווי? מיט העכער צוואנציק יאָר צוריק האָב איכ זיכ געשלאָגנ מיט מיינ טאטנ, געוואָלט אנ ארבעטערקע ווערנ. איצט שושקעט איר זיכ אינ מיינ שטוב אונ איכ זע אויס אינ מיינע אייגענע אויגנ, ווי א פרעמדער מענטש צווישנ אייכ, ווי א פינפטער ראָד צום וואָגנ!

זי האָט ווידער צוגערוקט צו זיכ די גלאָז טיי, ווידער א מיש גע־טאָנ מיטנ לעפעלע אונ ווידער אָפגערוקט זי פונ זיכ.

— דריטנס, וועסטו דאָבלס קינדער מיט א דרייערל ניט פאטערנ. די מומע האָט די דאָזיקע נעססטשאסטנע מישפּאָכע אופגעפרעסנ. איכ וואָלט דעם בלוטזויגער בא דער זיידענער באָרד אָנגענומענ אונ געפאָדערט ער זאָל זיי בעספּעטשענ...

— פערטנס, אונ דאָס איז דער איקער! הער מיט קאָפּ, אלעקסאנ־דער! מע זוכט דאָ ארום א יונגנ מענטשנ מיט א געל בערדל אונ מיט לאנגע האָר. פונוואנענ איכ ווייס עס, וועל איכ דיר שפּעטער דערציילנ. דערווייל האָט דער מענטש, וואָס האָט עס מיר דערציילט, געלאָזט גריסנ דיכ, מייסטער, אונ געזאָגט, אז, אויב דו ביסט עס יענער מענטש מיטנ געלנ בערדל, זאָלסטו זיכ היטנ — מע זוכט דיכ!

דער מומע ליבענ האָט זיכ אויסגעדוכט, אז זיי זיינענ אינ יענער מי־נוט אלע געבליבנ זיצנ ווי די אָפּגעפּארעטע.

נאָר פונדעסטוועגנ, האָט זי געמוזט מוידע זײַנ, זײַנענ דאָס געווענ אײַזערנע מענטשנ.

דער מײַסטער, לעמאָשל, האָט זיכ גאָר צעשמייכלט פונ דער גאנצער געשיכטע.

— ניינ, — האָט ער געזאָגט, — קיינ מענטש מיט קיינ געל בערדל בינ איכ קיינמאָל ניט געווענ. אונ קיינ לאנגע האָר האָב איכ אויכ קיינמאָל ניט געטראָגנ, פארנ גרוס — א דאנק. דאָס נעמלעכע לאָז צו הערנ פונ מיר. פונדעסטוועגנ וואָלט טשיקאווע געווענ צו וויסנ, ווי האָט געהייסנ יענער מענטש מיטנ געלנ בערדל אונ מיט די לאנגע האָר.

— איכ קאָנ דיר זאָגנ: באָריס קימלפארב...

— אזוי, — האָט דער מײַסטער א זאָג געטאָנ אונ א שאר געטאָנ מיט די הענט אפ הינטנ זײַנ גלאט פארקעמטנ העלנ קאָפּ. — דאָס מוז זײַנ א מענטש פונ דער ווײַט. איכ קאָנ אים ניט. נאָר וועגנ דיר, ליבע, איז אזוי: וויבאלד איכ פיר די דיקטאטנ בא דיר אינ שטוב, הייסט עס, אז מיר ווארפנ זיכ ניט מיט דיר. איכ געטרוי דיר. וויבאלד דו האָסט מיכ געפאָלגט אונ אָפּגעלאָזט סאָרקענ מיט פרײדלענ אפ דער הוטע, הייסט עס, אז עס איז פאראנ בא אונדז א שטיקל פלאנ. וואָס זשע ווילסטו נאָכ? דו וועסט האָבנ כיישעק וועסטו צופאָרנ קיינ פיניעוויטשי. קיינ ארבעט וועט דיר ניט פעלנ. דעריקער רויִק, מיט א טאָלק אונ מיט א סיסטעם...

— טשאָרט יעוואָ זנאיעט! — האָט אים אלעקסאנדער איבערגעריסנ. — איכ וועל דיר זאָגנ אָפענער אונ פּראָסטער, ליבע. איכ קאָנ דיכ שוינ בא פינפ יאָר. דאָס איז עמעס. א פרײַנט בינ איכ דיר פונ דער ערשטער מינוט אָנ. דאָס איז אויכ עמעס. נאָר זאָגנ דיר, אז איכ האָב דיכ געקאָנט ווי עס באדארפ צו זײַנ — קאָנ איכ ניט. איצט וועל איכ דיר אָנרופנ דאָס קינד באם נאָמענ. מיר זײַנענ טאקע אנ אָרגאניזאציע: אָט מיר אלע — דער מײַסטער, סאָרקע, פרײדל, איכ, דו... דיר... געטרויענ מיר... פונ דער ערשטער מינוט אָנ געטרוי איכ דאָכ דיר... וועגנ וואָס קאָנ דאָ נאָכ גיינ א רייד? ווייסטו וואָס, ליבע? ביז איצט בינ איכ אלצ צו דיר געקומענ צוגאסט, איצט, אויב דו מיינסט עס ערנסט, וועל איכ דיכ נעמענ אפ א וואָכ צו זיכ קיינ פיניעוויטשי צוגאסט... אָפּגערעדט?

ער האָט זיכ פלוצלינג א הייב געטאָנ איבערנ טיש, א קוק געטאָנ מיט זײַנ שמייכלענדיקנ בליק פונ די גוטע גרויע אויגנ אפ אלע זיצנדיקע ארום טיש, אָפּגעשטעלט אפ א ווײַלע זײַנ פרײַנטלעכנ בליק אפ דער מוטע ליבענ אונ אויסגעצויגנ איר זײַנ האנט:

— נא! נא דיר מײַנ האנט, ליבע! — אונ א טרייסל געטאָנ מיט דער ברייטער האנט אײַנדערלופטנ.

דער מוטע ליבענ האָט זיכ געדאכט, אז אירע אויגנ ווערנ פול. נאָר זי האָט זיכ געמאכט הארצ, געקוקט מיט א קלוימערשט שטרענגנ בליק אפ

אלעקסאנדערס קמַלעכיקן מיטן בערדל באַזוימטן פּאָנעם, געקוקט אין זײַנע גוטע ברויע, שמייכלענדיקע אויגן, גענומען זײַן האַנט און מענעריש שטיפּ און קורץ זי אַ דריק געטאָן.

XI

גאַנץ יאַנוואר 1900 יאָר האָט געהאַלטן אין איין דרייען און ווייען. חינטן האָבן געפֿײַפֿט. זאַווערוכעס האָבן זיך געטראָגן איבער וואָלקע, איבער לאַרישע און איבער דער הוטע. אַלע וועגן זײַנען פאַרווישט און פאַרשאָטן געוואָרן. איינס איז געבליבן שטיין — דער ציילעם אַפן קרייץ פֿון די וועגן.

דאָרט, ווו איין קאָלייע אַנטלויפֿט צו דער הוטע, די צווייטע — קיין וואָלקע, די דריטע — קיין לאַרישע און די פערטע — קיין פּיניעווישי, — דאָרט שטייט פֿון אייביקע יאָרן אָן אַ קליין מויערל פֿון רויטן ציגל אָפּגעפּארבט אַפּ ווײַס.

אַפן שפּיץ פֿון מויערל — אַ שמיינערנער ציילעם.

אונטערן ציילעם — אַ קליין פענצטערל, וואָס איז אַמאָל געווען באַגלאָזט.

הינטער דער אויסגעהאַקטער גלאָז — אַ הילצערן יעזוסל, אַ נאַקעטער, מיט אַ פּאָשעט לײַנען ווײַס שמאַטקעלע אַפּ די לענדן.

דאָס שמאַטקעלע פלאַטערט אַפן ווינט.

הינטערן יעזוסל — אַן אָפּגעבליאַקעוועט האַלב פאַרשנייט פּאָרטרעטל פֿון אַן אַלטן.

דאָס איז דער הייליקער ווינצענטי — דער באַשיצער פֿון וואָלקע, לאַרישע און דער הוטע.

זײַן יאָרצײַט פאַלט אויס אַפן לעצטן זונטיק פֿון סאָף יאַנוואר.

אין די קאָנטאָר־ביכער פֿון דער לאַרישער הוטע האָט מען צווישן אַנדערע יערלעכע הויצאָעס געקאָנט געפינען אויך די הויצאָע:

„יאָרטאָג פֿונעם הייליקן ווינצענטי — 75 רובל".

אינעם טאָג פֿון הייליקן ווינצענטי שטייט קימאַט די גאַנצע הוטע. די הוטניקעס שיקערן.

די פינף און זיבעציק רובל טיילט מען ניט. מע שיקערט הורטאָם.

אין 1900 יאָר, ערעוו דעם ווינצענטי־טאָג, פאַרנאַכט, ווען יאַן קאָלאָמאַז האָט אַפן פּראַסט, באַם הייסן טיגל, אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זײַנע נאַקעטע פּלייצעס דעם פאַרשמאָלצעוועטן און דורכגעברענטן פעלצל און גענומען אָנטאָן דאָס העמדל, איז פֿון דער קאָנטאָר געקומען צו לויפֿן אַ מענטש.

— דער פּרינציפּאַל רופֿט.

יאַן קאָלאָמאַוס געהילף, דער דאַרער וויטעק אדאַם, האָט זיך אַ דריי געטאָן אַרום זײַן מײַסטער, כאָטש עס איז שוין געווען נאָך דער אַרבעט און אדאַם איז געווען פּריי.

אדאם האָט פארמאָגט א שארפּ שפּיציק נעזל, א שארפּ גאָמבעלע, שארפע ליפּן, א פּאָר שטעכיקע גרויע אייגעלעך, שפּיציקע אויערן און שארפּ פארשניצטע פינגער.

„וויונ״ — האָט ער געהייסן באַם מײַסטער.

— וויונ, — האָט צו אים יאַן קאָלאָמאַז געזאָגט, — וואַרט נאָר צו... דו גייסט מיט מיר...

אדאם האָט אָנגעשפּיצט אלע זײַנע שארפע אייווערים און אוועקגע־טאַנצט נאָכן מײַסטער, ווי א שרעטעלע.

— שטיי הינטער דער טיר, — האָט אים קאָלאָמאַז באַפוילן, ווען זיי זײַנען ארײַן אין דער קאָנטאָר. — ווען איך וועל א הוסט טאָן, זאָלסטו ארײַן. אָן איבעריקע צערעמאָניעס.

יאַן קאָלאָמאַז איז געווען דער ערשטער שיקער אפן דער הוטע. ער איז שטענדיק ארומגעגאַנגען מיט א געשוואָלענער צורע, אויסגעטאָלאָפּעטע אויגן מיט גרויסע בלויע זעק אונטער זיי און מיט א צעשויבערטן, שטאַרק שיטערווערנדיקן בלאָנדן קאָפּ.

ווען ער איז ארײַן צום פּרינציפּאַל אין קאַבינעט, האָט ער א צי געטאָן פון זײַן צעשויבערטן געשוואָלענעם קאָפּ דעם צעבראָכענעם קאַפּעליוש און א זאָג געטאָן:

— איך בין דאָ, פּרינציפּאַל.

— איך זע, — האָט דער פאבריקאַנט געענטפערט.

— וואָס פארלאַנגט דער פּרינציפּאַל?

— איך האָב פאַר דיר א מאַטאָנע, נאַ. — און אויסגעצויגן אים א באָרדאָ־פּיאָלעטעווע פּינס און צוואַנציקער.

יאַן קאָלאָמאַז האָט א קוק געטאָן און — ניט גענומען — א כאַפּ געטאָן די אסיגנאַציע.

— א דאַנק, פּרינציפּאַל. איך דארף פרעגן פארוואָס דאָס איז?

— אויב דו ווייסט ניט — פרעג.

— איך ווייס ניט.

— שטויס זיך אָן.

— אויב פארן טײַוול — קומט עס דעם מײַסטער גליוק. ער האָט די סריפע פארלאָשן. אויב פאר מײַנע איידעס זאָגן דעם אינספּעקטער — איז עס צו ווייניק, ווײַבאַלד דו האָסט שוין דאָס בײַטל געעפנט, פּרינציפּאַל.

— נו, נו, אָן גראָבקײַטן!

יאַן קאָלאָמאַז האָט א דומפּן הייזעריקן הוסט געטאָן.

אין קאַבינעט האָט זיך ארײַנגעגליטשט אדאם. ער האָט אָנגעשפּיצט אלע זײַנע אייווערים, ארויסגעוואָרפן א שארפּ פינגערל אין דער הייך, א פרעג געטאָן:

— דער מײַסטער האָט מיך גערופן?

— גיב אַן אייצע... דער פּרינציפּאַל וויל ביליק האַנדלען... ער וויל

אָפּקומען מיט א פּינס און צוואַנציקער פאַרן אינספּעקטער...— האָט יאַן קאַלאָמאַז צו אים מער א ווונק געטאָן מיט אַן אויסגעשלאָפּטע אויג אײדער געערדט מיט ווערטער.

— מײַן מײנונג, מײַסטער, איז, אז ס'איז גענוג! מײַן מײנונג, מײַסטער, איז, אז ס'איז זײַע״ פּײַן פון דעם פּרינציפּאלס זײַט! מײַן מײנונג, מײַסטער, איז, אז ס'איז בא אונדז דער בעסטער פּרינציפּאַל אף דער וועלט! מײַן מײנונג, מײַסטער, איז — נעם און באַדאַנק!

— וויוו! — האָט קאַלאָמאַז א כריפּע געטאָן און אראָפּגעלאָזט אים א פּיעס.

„וויוו" האָט זיך ווי א דריידל א ווינדל געטאָן אף איין קנאַפּל צווישן מײַסטער און פּרינציפּאַל, א שמײכל געטאָן מיט דער דאַרער בלױ געװאָרענער באַק און א זאָג געטאָן מיט א פאַרנײג:

— א דאַנק פאַר דער ליעדע, מײַסטער!

קאַלאָמאַז האָט א קרומען שמײכל געטאָן:

— גיב אים א ביגפּערל, פּרינציפּאַל! דו האָסט געזען א מושבדע? ער איז תערם!

דער פּרינציפּאַל האָט געלאַכט.

פון געלעכטער האָט ער זיך אויש געוויגט און געהוידעט.

דער מײַסטער מיטן געזעלן האָבן געדולדיק געוואַרט.

ווען דער פּרינציפּאַל האָט זיך אָנגעלאַכט, האָט ער אַרויסגענומען פון דער וועסט א צען־רובל־שטיק און געגעבן עס אַדאַמען.

— א דאַנק, פּרינציפּאַל! — האָט זיך „וויוו" טיף, ביז דער ערד, פאַרנײגט פאַרן באַלעבאָס. — א דאַנק, מײַסטער! — און ווידער זיך פאַרנײגט, אָבער א סאַך הייניקער.

ווען זײ זײַנען אַרויס, האָט יאַן קאַלאָמאַז אָנגעכאַפּט זײַן געזעלן באַם דינעם העלדזל:

— גיב אַהער דאָס צענערל!

אַדאַמ האָט א שטומען הינטישן וויע געטאָן.

— מירן מאָרגן דעם הימל אָנשיקערן! — האָט אים דער מײַסטער ניט אָפּגעלאָזט. — גיב אַהער, דו הינטיש בלוט!

...גאַנצ יאַנוואַר האָט געווייט און געדרייט.

ערעוו דעם ווינצענטי־טאָג האָט מען דרײַ שפּאַן פאָרויס די וועלט ניט געזען.

ווישעק איז צערונען געוואָרן אין דער זאַווערוכע.

ער איז אַוועקגעלאָפן צו פּראָסקען.

— מײַסטערשע, — האָט ער א זאָג געטאָן און א שטאָך געטאָן איר אין די אויגן מיט א פינגער, — שווײַג, דערצייל קיינעם ניט! לויף ראַטעווע דעם מײַסטער יאַן. ער האָט א פאַרמעגן אין די הענט. ער איז אַוועק קיין לאַרישע אין דער מאָנאָפּאָלקע...

נאָר ער האָט געזאָגט ליגנ. איידער פראָסקע האָט באוויזנ עפּעס כאפּנ אפ זיכ, איז שוינ יאנ קאלאָמאז געווענ אינ באראק.

דער באראק איז געווענ א לאנגער, ווי א שטאל אינ א גרויסנ פריצישנ הויפ.

צוויי רייענ טאפּטשאנעס זײַנענ געשטאנענ בא די ווענט אפנ שווארצנ ערדענעמ דיל. פונ דער סטעליע איז אפ שטריק אראָפּגעהאנגענ דער צווייטער שטאָק געלעגערס.

אינ אונטערשטנ שטאָק האָבנ געלעבט די באווײַבטע מײַסטערס. אפנ אויבערשטנ — די באָכערימ אונ געזעלנ, וואָס קלײַבנ זיכ ווערנ מײַסטערס.

אינ די ווינקלענ, אָפּגעצוימט מיט ציצענע פאָרהענגלעכ, האָבנ געלעבט גאנצע מישפּאָכעס.

אינ ביידע עקנ — בא די טירנ — זײַנענ געשטאנענ פעסער מיט וואסער־פאָמעניצעס.

אינ אלע פיר ווינקלענ זײַנענ געווענ צוגעבויט גרויסע קיכנ. רוסישע אויוונס, פליטעס. דאָס איז אויכ געווענ די באהייצונג.

דער באראק איז געווענ לאנג — פופציק מעטער די לענג.

אינ די ווינקלענ איז פונ די קיכנ ווארעמ געווענ.

די, וואָס זײַנענ געשלאָפנ אינדערמיט פונ באראק, האָבנ יעדנ ווינטער געפרוירנ.

די קינדער האָבנ זיכ געקלעפּט צו די ווארעמע ווינקלענ.

אינדערמיט, דאָרט, ווו עס איז געווענ קאלט, אונ אפ די קיכנ, ווו עס פלעגנ זיכ שטופּנ די באלעבאָסטעס, פלעגנ אָפט אויסברעכנ קריגערײַענ, בלוטיקע געשלעגנ.

נאָר ערעוו דעמ ווינצענטי־טאָג איז געוויינלעכ געווענ שטיל. דער מאָרגנדיקער פעטער מיטיק מיטנ בראנפנ אונ ווײַנענ אונ בירנ האָבנ אפ א ווײַלע פארטריבנ די פארביטערטקײַט פונ די הערצער. ערעוו דעמ ווינצענטי־טאָג האָבנ אלע קיכנ גוט זיכ געהייצט.

די פינפ אונ זיבעציק רובל, וואָס דער באלעבאָס פונ דער הוטע האָט געגעבנ אפנ ווינצענטי־טאָג, זײַנענ אלע יאָר פארטיילט געוואָרנ אזוי: צענ רובל האָבנ געקראָגנ די באלעבאָסטעס אפ פלייש מיט קארטאָפל אונ ציבעלעס. פאר פופציק רובל האָבנ די הוטניקעס אײַנגעקויפט שנאפּס אונ פופצנ רובל האָט באקומענ דער לארישעו גאלעכ אפ אויסהאלטנ די קאפּליטשקע, וואָס איז געשטאנענ אפנ קרייצ פונ די וועגנ.

די „פראָגראמ“ פונעמ ווינצענטי־טאָג איז געווענ אזא:

אינדערפרי איז מענ געגאנגענ הורטאָמ צו דער קאפּליטשקע פונעמ הייליקנ ווינצענטי. דאָרט איז געווענ א גאָטעס־דינסט אונ די הוטניקעס האָבנ אויסגעהערט א מוסער־וואָרט.

נאָכנ גאָטעס־דינסט איז מענ געגאנגענ גלײַכ צו די אויוונס. מע האָט ארויסגעשלעפּט פונ דאָרטנ די טיפע בראָטפאנעס מיטנ פלייש אײַנגעפרעגלט

אין קאַרטאָפל און ציבל און מע האָט אויסגעטרונקען דעם ערשטן קאָס.

די ווײַבער האָבן געטײלט דעם פלייש, די הוטניקעס — דעם בראַנפן מיטן ווײַן, מיטן ביר.

וואָס ווײַטער מע איז אַרײַנגעפאָרן אין מיטיק — אַלץ ווייניקער האָט מען געגעסן, אַלץ מער האָט מען געטרונקען.

וואָס מערער מע האָט געטרונקען — אַלץ העכער האָט מען געטומלט, אַלץ הילכיקער האָט מען געטופעט מיט די פיס.

צו פאַרנאַכט פון ווינצענטי־טאָג פלעגט דער באַראַק געוויינלעך פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַ שיקערן מעשוגאָים־הויז.

עס האָבן זיך געוואַלגערט אין די ווינקלען און אונטער די טאַפּטשאַנעס שיקערע הוטניקעס, הוטניצעס, אַפילע קינדער.

די שיקערע קינדער זײַנען אַרומגעשפּרונגען, ווי אונטערגעצונדענע קעלבלעך.

דרײַצניאָריקע יינגלעך זײַנען פאַרנאַרט געוואָרן צו די מומעס אין די בוזעמס און אונטער די קליידלעך. געווען מומעס, וואָס האָבן אָוועקגעשלעפּט די אומגליקלעכע קינדער הינטער די ציצענע פאַרהאַנגלעך. דאָרט האָבן זיי אַראָפּגעשלעפּט פון זיי די הייזלעך און געשמיסן זיי און געקושט זיי אין הויזן. געווען מומעס, וואָס האָבן געטריבן מיט שטעקנס פון זיך און פון אַנדערע די מעשוגע־געוואָרענע קינדער. זיי פלעגן זיי אַרויסיאָגן אַף דער גאַס און אויסוואַלגערן אין שניי. דערנאָך פלעגן זיי אַרײַנשלעפּן די קינדער צוריק אין באַראַק און אַרופוואַרפן זיי אַף די באָכערשע, אונטערגעהאַנגענע אַ שטריק אונטער דער סטעליע בעטלעך. די קינדער פלעגן אײַנשלאָפן און ברענען אין היץ.

אָבּ צוויי — דרײַ קינדער־קאָרבאָנעס איז נאָך דער ווינצענטי־טאָג קיינמאָל ניט אַדורך.

געווען אַ פּאָר מומעס, וואָס האָבן געטאַנצט אין קרײַז. זיי האָבן גע־דרייט מיט די מאָגערע טאָרסן, געוואָרפן מיט די לײדיקע ברוסט־זעקלעך און פאַרבראָכן די הענט אַריבערן קאָפּ. אויסגעמאַטערטע פון טאַנץ פלעגן זיי אַוועקפאַלן אַף דער ערד, ווי די פלאַכטעס, מיט די פּעגעמער אַראָפּ. דער ערשטער פאַל איז געווען אַ מין „פאַ“, אַ כאַראַקטער־דעטאַל פונעם טאַנץ גופע — זיי האָבן נאָך געקאָנט טאַנצן און די הוטניקעס פלעגן זיי אופהייבן פאַר די קליידלעך און צווינגען מאָרזעצן. באַם צווייטן מאָל פאַלן האָבן זיי זיך אָפּגערוט אַ ווײַלע אַף דער ערד. בײַ דאָס דריטע פאַלעניש האָבן זיי שוין טאַקע מער קיין קויעך ניט געהאַט צו טאַנצן. דעמלט פלעגן פיר הוטניקעס אַ כאַפּ טאָן יעדע איינע טענצערן בײַ די הענט מיט די פיס און אַ שלײַדער טאָן זי אינדערלופטן צו די אונטערגעהאַנגענע אונטער דער סטעליע געלעגערס. אויב זיי פלעגן אין ערשטן שלײַדער ניט טרעפן מיט די טענצערנס אין בעטל אַרײַן, פלעגן זיי אַנדערע הוטניקעס אין דער

לופט כאפנ און ווידער שלײַדערנ. זיי פלעגנ זיי אזוי וואַרפנ עטלעכע מאָל, ביז זיי פלעגנ זיי סאָפקאָלסאָפ ארײַנוואַרפנ אינ בעטל. קימאט אָנ באוווסטזײַנ פלעגנ דאָרט די טענצערנס מאָמענטאל אײַנשלאָפנ.

און די הוליאַנקע פלעגט פאָרגעזעצט ווערנ.

דער הויפט־שיקערמײַסטער אינ יענעם טאָג איז אלע יאָר געווענ יאנ קאָלאָמאז. זײַנ געהילפ — אויכ דאָ — דער „וויונ". איינע פונ די צוויי טענצערנס — פראָסקע.

דאָס אלצ איז געווענ געוויינלעכ. פונ יאָר צו יאָר.

נאָר אינ יאָר 1900 האָט פאסירט עפּעס אויסערגעוויינלעכס.

יאנ קאָלאָמאז האָט אומגעריכט באקומענ נאָכ פינפ און דרײַסיק רובל און באשלאָסנ „אָנשיקערנ דעמ הימל".

וויטעק אדאמ האָט געוואָלט צוריקבאקומענ זײַנע צענ רובל. ער האָט געטרוימט וועגנ א שטאָטישנ קאָסטיומ מיט אנ עכטנ פילצענעמ קאפעליוש.

פראָסקע האָט געוואָלט באקומענ דעמ פארמעגנ. זי האָט אויכ געטרוימט וועגנ א זשאקעטל פאר זיכ און א שטיקל קאָסטיומ פארנ מײַסטער. זיי האָבנ דעריבער אינ צווייענ, פראָסקע מיט „וויונענ", צוגעטראכט א שפיצל; זיי האָבנ אײַנגערעדט קאָלאָמאזנ, ער זאָל גיינ אינ באָד. אינ דער מאָנאָפאָלקע וועלנ זיי אליינ גיינ.

קאָלאָמאז האָט זיי נימ שטארק געטרויט. אינ באָד איז ער נימ געגאנגענ. נאָר ווענ זיי האָבנ אינצווייענ געבראכט די עמערס בראָנפנ, האָט ער זיכ בארויקט.

דער פלאנ איז געווענ א פראָסטער:

אלע יאָר ווערנ די הוטניקעס טויט־שיקער נאָכ איידער דער בראָנפנ לאָזט זיכ אויס, ווערט אויכ האיאָר אזוי זײַנ. אויסער דעמ, ווערט זיי האיאָר פראָסקע ווײַזנ א נײַעמ טאנצ. זי ווערט זיי פארטאנצנ די שיקערע מויכעס. דער שנאפס פאר די איבעריקע פינפ און דרײַסיק רובל ווערט בלײַבנ גאנצ. נאָכנ יאָנטעוו וועלנ זיי עס אינ דער שטיל פארקויפנ און דאָס געלט ערלעכ צעטיילנ.

נאָר אויסגעלאָזט האָט זיכ אנדערש.

פארנאכט, אינמיטנ דער רעכטער שיקרעס, האָט קאָלאָמאז א זעצ געטאָנ אינ טיש און געהייסנ פראָסקענ דערלאנגענ די עמערס בראָנפנ, וואָס ער שטעלט די הוטניקעס פארנ געלט, וואָס ער האָט געוווּנענ אינ דער לעצטער „ברוינשווײַגער" לאָטעריי.

ווענ פראָסקע האָט געבראכט דעמ „באזונדערנ כיילעק", האָבנ די הוטניקעס דערקאָנט די פלעשער ביר און ווײַנענ, וואָס זיי האָבנ אליינ אײַנגעקויפט.

יאנ קאָלאָמאזנ האָט מענ גענומענ אפ דער העצקע.

— אָ, — האָבנ די הוטניקעס געהעצט, — עס האלט שוינ מיט דיר שוואכ, יאנ, דו קאָנסט שוינ אפילע קיינ רעכטע כאָכמע נית צוטראכטנ!

— וויפל זשע האָסטו געוווּנען אינ דער ברוינשווייגער, וויבאלד דו שטעלסט אונדזוער אייגענעם שנאַפּס?

אייניקע האָבנ זיכ געוואָרפנ שלאָגנ קאַלאָמאַזנ:

— דו האָסט צוגעטראַכט גראָד אינ דעם טאָג, גראָד אינ דעם טאָג האָסטו צוגעטראַכט כויזעק מאַכנ פונ אונדז? דאָס איז געווענ איידער פראָסקע האָט געטאַנצט.

קאַלאָמאַז איז געשטאַנענ אַנ אָנגעגאָסענער מיט בלוט, קימאַט א ניכטער־רער.

פראָסקע האָט זיכ געפרווט לאָזנ אינ טאַנצ. קיינער האָט זיכ אַפ איר ניט אומגעקוקט. מע האָט געהעצט קאַלאָמאַזנ אונ געמאָנט דעם באַזונדערנביילעק.

דער „וויונ" האָט זיכ א שטעל געטאָנ פאַרטיידיקנ זיינ מייסטער.

— געערטע מייסטערס אונ הוטניקעס, — האָט ער א קוויטשע געטאָנ, — צי זעט איר ניט, אַז מיינ מייסטער האָט געוואָלט א שפּאַס טאָנ? נאָר ער האָט גענומענ איבעריקס. איז דער וויצ ניט געלונגענ! מייסטערס! ווער קאָנ געבנ א גוואַראַנצ, אַז אַלע וויצנ וועלנ אימ שטענדיק געלינגענ? ס'איז נאָכ דאָ צוויי פולע קעסטלעכ מיט שנאַפּסנ! איכ האָב די ערע בעטנ צו טרינקענ אינעם הייליקנ ווינצענטי־טאָג, ווי עס איז אָנגענומענ בא די לאַדישער הוטניקעס!

אינעם אַלגעמיינעם געטומל האָט מענ אויכ „וויונענ" ניט געהערט. נאָר טרינקענ האָבנ זיי מער ניט געוואָלט. די העצע האָט מענ דערווייל אויכ אופגעהערט: מע האָט עס באַהאַלטנ אַפ מאָרגנ, אַפ שפּעטער — מע וועט קאַלאָמאַזנ העצנ מיטנ „ברוינשווייגער געווינס" א קיילעכיקנ יאָר ביזנ קומענדיקנ ווינצענטי־טאָג.

די הוטניקעס זיינענ הורטאָם אוועק מיט די מויל־האַרמאָניקעס אינ די מיילער אינ פעלד אריינ. דאָס איז אויכ געווענ אינ דער פראָגראַם: הוליענ אונ טאַנצנ דרויסנ אונטער דער מוזיק פונ מויל־האַרמאָניקעס ביז אינ דער שפּעטער נאַכט אריינ.

פראָסקע מיטנ „וויונ" זיינענ אויכ אוועק מיט די הוטניקעס.

קאַלאָמאַז האָט זיכ לעכאַטכילע א יאָג געטאָנ נאָכ זיי. א כאַפּ געטאָנ פראָסקענ פארנ האַלדז. די הוטניקעס האָבנ זיכ פאַר איר איינגעשטעלט, באַשיצט זי. אינ דעם טאָג האָט מענ די ווייבער ניט געטאָרט שלאָגנ. אַזאַ איז געווענ די טראַדיציע.

קאַלאָמאַז האָט זיכ צוריקגעקערט אינ באַראַק אונ גענומענ זוכנ דעם בראָנפנ.

עס איז געוואָרנ גוט טונקל. די אויגנ זיינענ בא אימ פארלאָפנ, נאָר פאַר די פאַרלאָפענע אויגנ האָט עד געזענ, ווי א יאָר צייט וועט מענ פונ אימ כויזעק מאַכנ איבערנ „ברוינשווייגער געווינס".

ער האָט אָנגעצונדנ אַלע לאָמפּנ, גענומענ אינ די הענט אריינ דעם

רויכערדיקע גרויסע נאפט־לאמטערן און אוועקגעקראָכן מיט אים אונטער טאָג־שטאנגעס, אַף די איווּנס, אַפן בוידעם—געזוכט זײַן שנאַפּס.

ער האָט עס ניט געפונען.

ווען די הוליאַנקע דרויסן האָט זיך צעפלאַקערט, האָט די הויטע פלוצ־לינג זיך צעפּיפּט, דער הימל איז דראָענדיק רויט געוואָרן.

דער באַראַק האָט געברענט.

ווען די הויטניקעס זײַנען צוריקגעקומען צום באַראַק איז שוין קימאַט ניט געווען וואָס צו ראַטעווען.

א פּאָמפּע, פיר פעסלעך געשפּאַנט אין מאָגערע פערד מיט פּאַרפרוי־רענע באַזילבערטע פעלן זײַנען ניט ווײַט פון באַראַק געשטאַנען.

דער סטאַנאָווױ איז דאָ געווען. סטראַזשניקעס. דער פּרינציפּאַל. דער אינזשעניער. דער מײַסטער אַבאָ גליוק. א ביסל אַרבעטער פון דער הויטע.

אַפן שניי איז געלעגן עפּעס צוגעדעקט מיט א ראָגאָזשע.

איין הויטניצע איז צוגעלאָפן צו דער ראָגאָזשע, א ריס געטאָן זי באַ אַן עק, אויפגעהויבן זי און צעשריִען זיך:

— הויטניצעס, אונדזערע קינדער!

אונטער דער ראָגאָזשע זײַנען געלעגן צוויי פאַרקוילטע קערפּערלעך.

יאַן קאָלאָמאַז איז געזעסן אין שניי מיט אויפגעהויבענע קני און אַ נאַקעטן קאָפּ. אים האָט געהיט א סטראַזשניק. מע האָט אים געפּאַקט מיט רויכערדיקן לאָמטערן אין דער האַנט. אַף ווײַטע אַדאַמען מיט פּראָסקעס האָט דער פּרינציפּאַל אָלײַן אָנגעוויזן. מע האָט זיי אַלע דרײַ צוגענומען און אוועקגעפירט. דאָס זײַנען געווען די „אונטערצינדער". דער „ברויִ־שוויַגער געווינס" איז פּלוצלינג אויסגעוואָקסן אין די הויטניקעס אויגן, ווי א שטאַרקער באַווײַז, אַז יאַן קאָלאָמאַז איז טאַקע דער „אונטערצינדער".

די דרײַ „אונטערצינדער" האָט מען צוגענומען און קיינער האָט קיין פּיפּס ניט געטאָן.

די הויטניקעס מיט די הויטניצעס האָבן זיך געטאָטשעט אַרום האַלב־צעגומענעם, האַלב אײַנגעפאַלענעם באַראַק.

האַלב נאַקעטע קינדער האָבן זיך געקאָרטשעט אַפן ווינט און פראָסט.

די הויטניקעס מיט די הויטניצעס האָבן אַראָפּגענומען די אויבערשטע שטיקלעך שמאַטעס און אָנגעטאָן עס אַף די קינדער.

די נאַכט איז אויפגעגאַנגען מיט ווייעניש, מיט זאַווערוכע.

די נאַכט האָט געשמעקט מיט טרייפע, מיט שנײַדיקער קעלט, מיט וועלפישן עלנט פון מענטשן אָן א דאַך איבערן קאָפּ אין סאַמע מיטן שווערן, זאַווערוכעדיקן און מיט פראָסט קנאַקעדיקן ווינטער.

אַבאָ גליוק האָט געפירט נאָך זיך א גאַנצע כאָפּטע הויטניצעס מיט קינדער.

— באַ מיר איז א היפּשע שטוב, הויטניקעס, איך בין איינער אַליין. די עלטערע ווײַבער מיט די קלענערע קינדער קאָן איך נעמען צו זיך אַף נאַכטלעגער.

דאָס איז געווען אַלץ, וואָס ער האָט נעבן אָפּגעבערענטן באַראַק געזאָגט. קיינער האָט ניט דערוווּדערט. קיינער האָט ניט געדאַנקט.
ווען זיי זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען פאַרבײַ דער קאַפּליטשקע, האָבן זיי געזען:
יאַדוויגע טוראָוואָסקע איז געשטאַנען אין שניי אױף די קני, געשלאָגן זיך מיטן שטערן אָן דער קאַפּליטשקע און געכליפּעט:
— הייליקער פּאָטער! פּאָטער הייליקער! דערבאַרעם זיך אױף אונדז! פאַרוואָס האָסטו זיך ניט דערבאַרעמט אױף אונדז! פּאָטער הייליקער!
אַבאָ גליוק איז געשטאַנען אַ ווײַלע.
די כאָפּטע האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט.
דערנאָך האָט דער מײַסטער שטיל געזאָגט:
— נעמט זי צו מיר, הוטניצעס.
מע האָט זי מיט גוואַלד אוועקגעשלעפּט מיט זיך.

XII

סאָף אַפּרעל 1900 יאָר האָט זיך אױף דער הוטע באַוויזן דאָס ערשטע אומלעגאַלע בלעטל. דאָס איז געווען אַ פּערטל בויגן פּאַפּיר באַדרוקט מיט בלויען העקטאָגראַפישן שריפט.
דאָס בלעטל האָט געהייסן: „אַ ברױו צום לארישער הוטניק".
דאָס בלעטל איז געווען געדרוקט אין דרײַ באַזונדערע אויסגאַבן אױף דרײַ שפּראַכן: יידיש, פּויליש און רוסיש.
אין בלעטל זײַנען געווען אויסגערעכנט אַלע געשעענישן אױף דער הוטע פאַרן לעצטן יאָר.
דאָ איז געווען די קאַטאַסטראָפע מיט די טיגלען, דער טויט פון אַ טרעגער אױפן ברעג, דאָבלס טויט, די בלאָטעס אױפן הויף, די קינדער־קאָרבאָנעס, דעם באַלעבאָס טרינקגעלט קאָלאָמאַזן, די טרייפע פונעם באַ־ראַק, דעם דאָקטערס כאַבאַרן, וואָס ער הייסט זיך געבן פאַרן וואָרט „גאָדיען" און אַ סאַך אַ סאַך אַנדערע געשעענישן.
דאָס לעבן פונעם לארישן הוטניק איז געווען אָנגעמאָלט אין בלעטל מיט שווידערלעכע, אָבער עמעסדיקע פאַרבן. די לארישער הוטניקעס האָבן אין בלעטל זייער לעבן דערזען און דערקאָנט.
דאָס בלעטל איז שטיל פאַרטיילט געוואָרן צווישן די אַרבעטער סאָף אַפּרעל.
דאָס בלעטל האָט גערופן פײַערן דעם ערשטן מײַ, דערקלערן אַ שטרײַק פאַר בעסערע באַדינגונגען און באַהאַנדלונג אױף דער הוטע, אַראָפּזעצן די זעלבסטהערשונג און „נעבן דעם אַרבעטער אַ פרײַע מעגלעכקײט פרײַ זיך אַנטוויקלען און קעמפן פאַר זײַנע אידעאַלן — פאַר אַ סאָציאַליסטישער צו־קונפט".

דאָס בלעטל איז געווען געכאסמעט: „סאָציאַל־דעמאָקראַטישע ארבעטער־פּארטיי פון ליטע און פוילן".

דעם ערשטן מײַ זײַנען זעכציק ארבעטער, דערין צוואנציק פון דער הייסער שאָפּע, ניט ארויס אָפּ דער ארבעט.

מײַ־כוידעש איז אין לאַרישע שטענדיק געווען דער וונדערלעכסטער פון אַלע כאדאָשים אין יאָר.

דער וואלד האָט געגרינט. די וואָלקער אָזערע האָט זיך געזילבערט. די ערד האָט געשמעקט און אין הימל האָט באטאָג געקלונגען די יונגע זון און באנאכט איז די לופט פול געווען מיט דופטיקע גערוכן פון די צעבליטע בלומען, פון די צעווארעמטע סאָסנעס, פון דער אופגעאקערטער און ווידער באדעקטער מיט גרינס ערד.

אין טיפן וואָלקער וואלד, אינעם טאָלעכל, הינטערן „פוכטן מויער" איז פראנצישעק גאָרבאטש געשטאנען אָפּ א האלב־צעפוילט פניאָקל און געדעדט.

ער האָט געלייענט דאָס בלעטל און געטײַטשט די ווערטער.

בא יעדער געשעעניש, וואָס ער האָט ארויסגעלייענט פון בלעטל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט בא די ארבעטער, צי איז זיי באקאנט די דאָזיקע געשעעניש.

ניט געווען קיין איין פאקט, וואָס זאָל זײַן באשריבן אין בלעטל און גיט באקאנט זײַן די ארבעטער.

האָט ער געלייענט ווײַטער, ווידער אָפּגעשטעלט זיך, אויסגעפרעגט זיך בא אלעמען און ווידער געלייענט. און ווידער פארטײַטשט.

הינטער פראנצישעקן, אָפּ א צעגרינטן צווײַג פון א בוים, האָט געפלאטערט א רויט טיכל.

פיקעטן, ארבעטער און ארבעטערקעס פון דער הוטע, אָנגעטאָן אין די די בעכטע יאָנטעוודיקע קליידער זייערע, זײַנען געווען אויסגעשטעלט ארום און ארום דעם טאָלעכל. דער לעצטער, קימאט אין סאמע זוים פון וואלד, אָנגעטאָן אין די נײַע קאָרטענע הויזן אין א שטרײַפעלע, אין נײַעם טונקל־בלויען סאטינענעם העמדל, א שײַנענדיקער פון גליק, וואָס זײַן לעבן האָט זיך אזוי אומגעריכט און אזוי יאָנטעוודיק־שיין אָנגעהויבן אָפּ דער הוטע, איז געזעסן אָפּ א בוים יאשקע בערל דעם מוליערס. ער איז צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן אינעם וונדערלעכן וואָלקער וואלד אָפּ ערנסטער דערוואקסענער ארבעט געווען: ניט קיין פייגעלעך געכאפּט, ניט געלעגן לייידיקגייעריש־פארכאָלעמט אָפּ דער פלייצע און געקוקט מיט פארליבטע אויגן אָפּ די פיצלעך הימל־עמאָל, וואָס שלאָגן זיך דורך צווישן די קרוינען פון די סאָסנעס און פיכטעס — ער האָט געהיט די מאַיאָווקע.

דער יונג איז געווען גליקלעך און מוירע געהאט פאר איינס: אז אים וועט ניט אויסקומען צו פײַפן, צו געבן דעם אָפּגערעדטן סיגנאל און דערמיט וואָרענען די מאַיאָווקע: די פּאָליציי וועט זיך פּאָשעט ניט יאווען און זײַן ערנסטע דערוואַקסענע ארבעט וועט אומבאמערקט פארלוירן גיין.

נאָר ער האָט א טאָעס געהאַט.

נאָך איידער די ארבעטער האָבן געעפנט זייערע מײַלער א פּאָר לי־דער אויסצוזינגען, נאָך איידער אפילו עס האָבן זיך באַוויזן ארויסצוזאָגן די אַלע ארבעטער, וואָס האָבן געהויבן די הענט, אז זיי ווילן ריידן, האָט יאשקע בערל דעם מוליערס באמערקט, ווי אפּן ביטשעווניק, אין שאָטן פון די אַלטע טאָפּאָלן, דרייען זיך ארום די דרײַ לאַרישער סטראַזשניקעס. ער האָט א גליקלעכער א פײַפ געטאָן צו זײַן כאַווער, וואָס איז געזעסן אף א צווייטן בוים אין הונדערט שפאַן פון אים, ער האָט א פײַפ געטאָן איין מאָל. זײַן כאַווער האָט גלײַך דערהערט און א פײַפ געטאָן צום ווײַטערדיקן כאַווער. נאָר יאשקען איז עס קארג געווען. צו קורץ האָט געדויערט זײַן פײַפ, צו קליין האָט אים אויסגעוויזן די ארבעט זײַנע. ער האָט א פײַפ געטאָן נאָכא־מאָל. זײַן כאַווער האָט אים נאָכגעטאָן. דער דריטער — אויך דאָס זעלבע. ווי יונגע פויגל אין א גליקלעכן זוניקן באַגינען, וואָס זאָגט צו א לאַנגן־לאַנגן פרעכטיק־שמעקעדיקן זומער־טאָג, האָבן זיך די יאַטן צעפּײַפט אף די צווײַגן פוןביימער, אָנגעטאָנענע אין דאָס בעסטע, וואָס זיי האָבן פאַר־מאָגט — אין די נײַע קאָרטענע הויזן מיט א שטרײַפעלע, אין די סאַטינענע בלוזע העמדלעך מיט די קוטעסן, מיטן גרויסן יאַנטעוו אין די יונגע הערצלעך.

דער פײַפ האָט זיך שנעל דערטראָגן צו דער מאַיאָווקע, וואָס איז געפראַוועט געוואָרן אין גרינעם טאָלעכל, אין טיפן שמעקעדיקן וואַלד. הינטערן „פוסטן מויער“.

די זעכציק ארבעטער האָבן זיך א וואָרף געטאָן אראָפּ — נידעריקער אין טאָל. יאשקע איז אראָפּגעשפרונגען פון בוים, אָנגעיאָגט די ארבעטער.

— זיי זײַנען נאָך זייער ווײַט. מיר קאָנען נאָך אַלע זינגען א ליד. — האָט ער, א פאַרשעמטער פון זײַן געוואַקסײַט פאַרצווייגן עפּעס דער־וואַקסענע, א זאָג געטאָן.

— מיט א נידעריקן טאָן קאָן מען, — האָט עמעצער א זאָג געטאָן אין גלײַך שטיל פאַרצויגן.

מיטן שמאָלן גראָבנדל, מיט דער פאַרשטיקטער ליד אף די ליפּן, זײַנען זיי ארויס צו די וואָלקער מאַהילקעס.

פונדאַנען האָבן זיי איינציקווײַז און פאָרווײַז, אין טונקל פון פאַר־נאַכט, געלאָזט זיך אהיים.

דעם דריטן מײַ האָט די הוטע פאַרשטרײַקט.

אזוי האָט זיך געלעבט אף דער לאַרישער הוטע אין יענעם יאָר.

נעבן אָט דער הוטע, אין אָט דעם לעבן, איז געוואָקסן די קלײנע פריידל.

ש. ראָסינ

אינ אָנהייב יאנוואר

פונ פושקינער פלאצ
צו ניקיטער טויער
דורכ לאנגער אלייע,
דורכ טווערער בולוואר, —
איכ בלאָנקע ארום
דורכ קרישטאָלענע שנייענ
אינ זויבערער קלאָרקייט,
אינ אָנהייב יאנוואר.

דער וועג איז באקאנט,
ער ליגט פאר מיר אָפנ.
איכ טראָג זיכ אפ אימ
שוינ דאָס דרייצנטע יאָר, —
אינ הילכיקע נעכט,
ווענ די שטאָט איז געשלאָפנ,
איכ האָב דאָ ניט איינ מאָל
געקאָוועט מיינ וואָרט.

אינ פראָסטיקע נעכט
אונ אינ גרינע באגינענס,
אינ גרויע פארנאכטנ,
אינ שפעטנ הארבסט, —
איכ האָב דאָ ניט איינ מאָל
געלייטערט מיינ זינענ,
ניט איינ מאָל געצוימט
אונ געשטילט דאָס הארצ.

אפ שמאָלינקע סטעזשקעס
בא ברייטע אלייענ
איז יעטווידער צווייג
באקאנט מיר געווי, —

איך האָב פאַר די ביימער
דאָ לידער געלייענט,
דעם ערשטנ געשריי
פונ דער ליד זיי פאַרטרויט.

איצט טרײַבט מיך ארום דאָ
מײַנ פרוכטבאַרער בענקענ —
אַזוי, אַז איך הער ניט
די אייגענע טריט —
פונ בראָנזע פאַרשנייטער
אַפ פושקינס דענקמאָל
צו שטיינ טימיריאַזעוועס,
צום שטרענגענ גראַניט.

ער שטייט דאָרט פאַראַקשנט
דער גאָענ דער גראָער —
(מיט פאָרשונגענ דרײַסטע
מיט טאַט מיט געוואַגטנ
פאַרדינט האָט ער זיכער זײַנ אָרט).
זיי ביידע מיר זײַנענ
אי לײַבלעך אי נאָענט,
נאָר פושקינ איז עפּעס
מיר נעענטער פאָרט.

עס שיטנ פונ אויבנ זיך בלוילעכע שנייענ,
ווי בליציקע פערל,
ווי פונקענ צעגלימטע,
זיך שיטנ אַראָפּ.
נאָר ס'דאַכט מיר —
די בלאַנקענדע שנייענ צעגייענ
אַפ בראָנזע געלאָקטער
פונ דיכטערס קאָפּ...

פאַרהאַלט איך באַם דענקמאָל
מײַנ טראָט אַפ אַ ווײַלע,
פאַרוואַרפ איך צו אים
אינ דער הייך מײַנ בליק —
פונ באַלדינער כוטער,
פונ דערפל מיכײַלאָווסק

ער האָט אין דער ווײַטנ
פאַרוואָרפנ א בריק.

אפ הויכנ קאַוקאַזער
זיך טראָגט נאָך זײַנ אָטעם,
פונ שלאַכט בא פּאָלטאַווע
א רײַטער זיך יאָגט;
אונ איך האָב דערווײַלע
געגעבנ נאָר שאָטנס,
אונ איך האָב ביז איצט נאָך
דאָס וואָרט ניט בעזאָגט.

צעוואַקסט זיך מײַנ אומרו,
אים אײַנשטילנ כ'קאָנ ניט,
כ'ספּאַרדעק זיך די אויגנ,
דער ווייטעק ווערט שאַרף, —
כ'האָב מוירע צו קוקנ
דעם דיכטער אינ פּאָנעם,
מיר דוכט זיך א פאָרוווּרף
פונ אויבנ ער וואַרפט...

נאָר ס'יאָגט פאַר מיר מאָסקווע
דורך טויזנטער ראָגנ,
דורך אָפענע גאַסנ
אינ אימפּעט זיך טראָגט,
צום הימל זיך הויבנ
שטאָקנ אפ שטאָקנ,
נאָר ס'האָט נאָך דער העכסטער
זײַנ הויך ניט דערזאָגט...

לאָז איך מיט ברייטער אַלייע
זיך שפּאַנענ
אונ קלאָר ווערט מײַנ זינענ,
דער אומרו — געשטילט, —
כ'האָב שאַרפער דערפילט דאָ,
אונ טיפער פאַרשטאַנענ
אונ ווײַטער פונ דאַנענ
מײַנ בליק איז געצילט...

אָנעגין באהאַלט זיך
אין טונקעלן שאָטן,
אין אָפגלאַנץ פון פייַער
דער קופּערנער רייַטער ווערט קליין,
ווען עס שטייט אויף איזאַטאָוו,
קאַמאַנין, טשאַפּייַעוו
און ביניע מייַן ברודערס
צעווייעט געביין...

דאָס הארץ ווערט באַלאָדן,
אין קאָפּ ווערט געראַמער.
כ׳דערזע זיי, די העלדן —
און ווער פון זיי גרעסער —
א ריז נאָך א ריז.
און איך בין מיט זיי
געוואַקסן צוזאַמען
עס האָט אונדז איין מאַמע
געשטעפּט אף די פיס.

און שטעט אין די טונדרעס
שוין טראָגן די נעמען
פון פירער כאַווירים,
וואָס האָבן דעם וווּנדער
פאַרוואַנדלט אין וואָר:
וואָס האָבן פון ס׳נייַ געבוירן
דעם קרעמל,
כאָטש פאַרבליבן איז ער
אף דעם זעלביקן אָרט.

איך זע זיי, די פעדעם
פון דאָרטן, וואָס גייען
(ווי סטרונעס זיי גייען
אדורך דורך מייַן הארץ),
און ס׳דאַכט מיר — ניט שנייען,
נאָר צווייט אף די צווייַגן
און ס׳בליִען די ביימער
אין אָנהייב יאַנוואַר...

ווילט זיך מיר איצטער
נאָך מונטערער שפּאַנען
און הערן און זען
אַלץ מערער און מער, —
און פּושקין איז, דאַכט זיך,
מיר איצטער מעקאַנע —
ער קאָן ניט אַראָפּגיין
אַצינד אַף דער ערד...

יאַנוואַר 1935 י.
מאָסקווע.

מאַמע, דו הערסט!

אין ראַדיאָ-צימער — אַ שטילקייט,
מע הערט ניט דעם שאָרך פון די טריט.
איך ווייס גאָר — עס טראָגט זיך אין מילך-וועג
אַף בלווילעכע כוואַליעס מיין ליד.

איך שטיי, ווי געשמידט, צו דער ראַמפּע,
צוקאָפּנס — די גאַנצענע ערד
און סילופּן כאַרייען נאָך יאַמבן
דורך טאָלן, דורך טייכן, דורך בערג.

מאַמע, דו הערסט!

עס האָט מיט דער וועלט ערשט צערעדט זיך
אין מאָסקווע דער הויפּטשטאָט — דיין זון
פון לעבנס, פון שטעט און פון פּלעצער,
וואָס ווערן געענדערט ביז גרונט,

פון הויכע, פון שטאָלצע געביידע,
געוואַקסן פון גלאָז און צעמענט —
עס שריימ איצט מיין בלוט מיט באַגייסטערונג, —
איך האָב זיך אַליין ערשט דערקענט.

אַ סאַך איז מיר איצט דאָ געגעבן —
כ'האָב קוים אינעם טרוים דאָס באַגערט —

מיר דאכט זיך — איך הייב ערשט אָן לעבן
אף גאָר אַן אַנדער ערד.

מאמע, דו הערסט!

ס'איז גאָרנישט געגאנגען פארלאָרן, —
אין מוי ווערט פארוואנדלט דיין טרער
אף פעלדער פון ווייץ און פון קאָרן,
אף אונדזער אַלעמענס ערד.

מאמע, דו הערסט!

איך געדענק, איך האָב גאָרנישט פארגעסן,
די צייט האָט קיין שפור נים פארמעקט.
מיין צאָרן האָט טיף זיך פארגעסטעט,
מיין ליבשאפט פאָרויס מיך באוועגט.

עס רופט און באוועגט מיך אַלץ ווייטער
מיין ווילן, וואָס קלאָר ווערט און שטייט —
מיין האס האָט אין שטרייט זיך געלייטערט,
מיין ליבשאפט ווערט דורכזיכטיק רייף.

פון ראַדיאָ־צימער איך ווענד זיך
(פון ווענט און פון סטעליע באפרייט)
פאר שמאָלצער, דערהייבענער מענטשהייט
צעטראָגט זיך מיין קאָל אין דער ווייט.

זאָל אין בלויען עפיר איצט א שטראַל טאָג
מיין שטילער געזאנג, ווי א שווערד, —
פאר מעכטיקע ריזן־געשטאַלטן
פון גרונטיקע זאפטן דערנערט.

מאמע, דו הערסט!

עס פייניקט מיך אומגעהייער
מיין פארשווונדטע מי פון אמאָל,
איך וואָלט איצט די אייגענע מויערס
מיט אַנדערע פארבן געמאָלט.

איכ װיל, אז דערגײנ זאָל פונ דאנענ
אינ אלע װײַטנ מײַנ רופ, —
איכ בינ איצט אלײנ זיכ מעקאנע,
מײַנ לעבנ, װאָס גײט ערשט אופ.

יאנואר — פעװראל 1935 יאָר.
מאָסקװע.

בארג ארופ דער װעג

אקעגנ טערפקנ װינט
שטעל איכ אָנ דעם פּאָנעם,
דער טראָט איז הארט,
הילכט אָפּ אינ װײַטנ סטעפּ —
כ'הײב אָנ פונ ס'נײַ,
פונ אָנהײב הײב איכ אָנ ערשט:
כ'האָב קײנמאָל אזױ גיריק
ניט געלעבט.

כ'הײב אופ דעם קאָפּ,
צעעפנ ברײט די אויגנ,
װי שװערער קװעקזילבער
די מוסקלענ פונ די הענט, —
כ'האָב קײנמאָל נאָכ, װי איצט,
מײַנ סינע ניט געװויגנ,
כ'בינ קײנמאָל אזױ װאכ
אונ דורשטיק ניט געװענ.

ערגעצ נאָענט דאָ,
פארטײַעט ליגט דער סוינע,
ער היט מיכ אָפּ,
זײַנ אויג אינ מיר זיכ צילט:
ער היט מיכ אָפּ
מיט הארצ, װאָס װעט ניט שוינענ,
ער שפּירט מיכ נאָכ
פארטײַעט אינ דער שטיל.

די ביקס צו ברוסט
איכ דריק צו הארט אונ פעסטער —
דאָס בלוט אינ הארצ

א װײַלע װערט פארשטילט...
ס'פּלאצט אומ אינ לופט
אנ אויסגעשריי א לעצטער, —
כ'האָב קײנמאָל אזוי פינקטלעכ
אינ סוינע ניט געצײלט...

בארג ארויפ — דער װעג,
די הימלענ בלויער, קלאָרער;
ס'גײט אומ דאָס לאנד פאר מיר
אינ גרינסנ, אינ צעמענט, —
ס'איז קײנמאָל אזוי רײַפ
נאָכ ניט געװענ מײַנ צאָרנ,
ס'האָט קײנמאָל אזוי הײס
מײַנ ליבשאפט ניט געברענט.

פעווראל, 1935 יאָר.
מאָסקווע.

א. ווינער

באם מיטללענדישנ יאם [1]

I. סאאקאָ מאָדענא קומט צוגאסט

I

— דאָזע עסטא, איל סיניאָר לעאָנע, דאָווע עסטא...[2] — א פארשוויצטער מאטראָס האָט זיכ געיאָגט איבער די בעסלעכ פונ געטאָ נואָווא אונ הײ־זעריק געשריִענ, אז סע האָט אזש געהילכט. אינ דער שמאָלער קאָלא סטענקא האָבנ זיכ אינ אלע פענצטערס פונ די הויכע הײַזער באוויזנ מענטשנ. מע האָט אים אָנגעוויזנ א טויער אונ ער איז ארײַנגעפאלנ אינ א שטוב ארײַנ, ווי ס׳וואָלט זיכ עמעצ נאָכ אים געיאָגט.

— סטא קוי סיניאָרע לעאָנע מאָדענא?..[3] — אונ מיט איינ אָטעמ האָט ער א שיט געטאָנ: — סיניאָר סאאקאָ, אײַער זונ איז נאָר וואָס אָנגעקומענ פונ עגיפּטנ מיט אונדזער גאלעאסא מאָנדעטשאיא. דאָס געלט איז אים צופעליק אויסגעגאנגענ, בעט ער קומענ אים אויסלייזנ פונ שיפ... וואָס איכ האָב געוואָלט זאָגנ... דזשענטיליסימא סיניאָרא...[4] — האָט ער זיכ א ווײַלע געוועונקלט, געזוכט א פאסיק וואָרט אונ באלד א רײַב געטאָנ מיט די פינגער, מע זאָל אים עפּעס פאר דעמ גוטנ אָנזאָגנ ארײַנלייגנ אינ האנט ארײַנ.

ער האָט נאָכ ניט אָפּגעאָטעמט אונ שוינ האָט זיכ פונ אונטנ נאָכאמאָל געהערט אנ ענלעכ הייזעריק „דאָווע עסטא איל סיניאָר לעאָנע“ אונ א צווייטער מאטראָס איז ארײַנגעפאלנ אינ שטוב ארײַנ. דערזעענדיק, אז א כאווער האָט אים שוינ דאָס שליכעס אויסגעכאפּט, האָט ער בלויז א זופ ארופ געטאָנ מיט דער נאָז אונ האָט א פאָר געטאָנ איבער איר מיטנ גאנצנ ארבל. ער האָט שפּאָטיש א ווונק געגעבנ צומ אנדערנ מאטראָס, זיכ אוועקגעשטעלט אינ א זײַט אונ זיכ נײַגעריק צוגעקוקט.

סיניאָרא ראקעלע איז א ווײַלע געשטאנענ אינגאנגבנ צעפּישט, האָט א פאטש געטאָנ אינ די הענט אונ געשטאמלט.

— אָ גאָט! ס׳ארא אומגליק, ס׳ארא אומגליק! — פארצווייפלט האָט זי

---

[1] פראגמענטנ פונ א היסטאָרישנ ראָמאנ (דער ערשטער קאפּיטל אונ דער אָנהייב פונעמ צווייטנ קאפּיטל).

[2] ווו וווינט דאָ הער לעאָנ, ווו וווינט ער? (איטאליעניש).

[3] וווינט דאָ הער לעאָנ מאָדענא?

[4] איידלסטע פרוי.

געוויינט און זיכ געבייזערט.—און דאָ קרענקט זײַן בעקאָוועדער פּאָטער אינ קאָנוועגטיקאָלאָ [1] בא די פאַרשאָלטענע קאָרטנ...

און דערזעענדיק איר מאנ אינ דער טיר, ווײַל עמעצ האָט אים שוינ דערווײַלע ערגעצ־ווו צוגעטראָגנ דאָס נײַעס, האָט זי זיכ צו אים א וואָרפ געטאָנ און געוויזנ אפ די מאטראָסנ.

— אָט איז ער, אָט האָסטו, אָט איז ער אָנגעקומענ דײַנ זונ...

זײער בלאס אינ פּאָנעם האָט ער זיכ פאמעלעכ און פארדײַגעט געגלעט די בלאָנדלעכע וואָנצעס.

— גראָד ווער איכ געוויר... אינ א גוטער מינוט זאָל ער אונדז זײַנ געקומענ. איכ גיי צום האפנ...—ער האָט א ווונק געטאָנ צו די נײַגעריקע מאטראָסנ. סיניאָרא ראקעלע האָט זיכ איצט, געבליבנ אליינ, שטילער און בארויִקטער צעוויינט.

פונ די פארשיידענע פארשוינענ, וואָס האָבנ זיכ באלד נאָכנ אָנקומענ פונ דער גאלעאסא אפ איר א שיט געטאָנ, טרעגערס, סאָכרימ, מעקלערס, שפּילערס און גאנאָווימ, האָט זיכ איינער צוגעשלײַכט צו סאאקאָ מאָדענא, חאָס איז געשטאנענ אפנ דעק מיט פארלייגטע הענט לײַכט אָנגעלענט אָנ א מאסט, איינ פוס איבערנ אנדערנ אָנגעשפּארט. דער פארשוינ האָט געפרווּוט מיט א פרײַנטלעכנ היסטל בינדנ א שמועס.

אינ סאאקאָ מאָדענאס פּאָנעט האָט זיכ אויסגעמישט א זעלטענע שיינקײַט, חאָס געוויינלעכ גלייבט זיכ גאָרנישט, אז זי איז טאקע אינ לעבנ פאראנ, און וואָס דערשרעקט אונדז טיפ, אז מיר דערזעענ זי פלוצלינג— מיט אָפּגעלאָזענער בייזער פארדאָרבנקײַט. ארומ דער איידעלער פארקײַלעכונג פונ זײַנע בליִענדיקע לײַכט אופגעשוואָלענע ליפּנ האָבנ זיכ געצויגנ צוויי קליינע דינע קנייטשנ, אזעלכע ווי פונ אינווייניקער פארשײַטער געפאלנקײַט. און איצט, ווענ ער האָט, אויסקוקנדיק אינ דער ווײַט, די אויגנ פארזשמורעט און אויסגעקרימט דערבײַ דאָס מויל אינ א זײַט, שטשירענדיק די בליאסקענדיק ווײַסע ציינ, האָבנ זיכ די קנייטשנ נאָכ דײַטלעכער באוויזנ. זײַנע וואָנצעס זײַנענ געווענ ווילעריש פארקעמט, און אינ זײַנ רײַכגעהאָפטענעמ באָרדאָ-רויטנ סאמעטענעמ קאמזויל מיט די ענג־אָנגעצויגענע טונקל־גרינע זײַדענע הויזנ, אָדער עפּשער אינ עפּעס קלייניקײַטנ, וואָס מע קאָנ זיי שווער ארויסבאקומענ, האָט זיכ געפילט א ווייכע קימאט פרויענבאפטיקע קאָקעטישקײַט. עפּשער איז דאָס געקומענ פונ דער פײַנקײַט אינ זײַנ אָנטאָנ, וואָס האָט ניט געפּאסט צום שיפ־פּאָרנ, אָדער פונ זײַנ שמאָלער טאליע, וואָס ארומ איר איז געווענ אָנגעגורט א קליינ מאָדיש שטילעטל מיט א פײַנ פיליגראנירט הענטל. דאָס און צוויי פיסטוילנ אינ גארטל, חאָס מע פלעגט דאָס דעמאָלט אינ ווענעציע געוויינלעכ נישט טראָגנ, האָבנ

---

[1] קריזיל, קלוב.

אימ געמאכט אויסזענ ווי א ציטעריקנ בעניאָכיד פונ עפּעס א פּיראמ.

— זײַנ גנעדיקײַט טראכט לאנג זיכ פארהאלטנ אינ ווענעציע? — האָט דער פארשוינ, וואָס האָט זיכ צוגעשארט צו סאאקאָ מאָדענא, ווי סטאמ אינ לופט ארײַנ א וואָרפּ געטאָנ.

סאאקאָ מאָדענא האָט צו אימ אפילע ניט אהינגעקוקט, נאָר פאמעלעכ אוועקגעבויגנ דעמ קאָפּ אינ א זײַט, פארזשמורענדיק די אויגנ אונ אויסקרימענדיק א האלב מויל, אויסגעקוקט עמעצנ, דערנאָכ קונציק אינ א בויגנ אויסגעשפּיגנ ביז אינ וואסער ארײַנ, אונ פונקט אזוי פאמעלעכ צוריק אויסגעבויגנ דעמ קאָפּ אונ אימ אראָפּגעלאָזט אפ דער ברוסט.

— דאָס הויז גאמבארע האָט אײַכ, אפאָנעמ, אהער פארבעטנ, — ער האָט זיכ א פאטש געטאָנ מיט די פינגער איבערנ שטערנ אונ גוטברודעריש געוווּנקענ. — זיי ווייסנ געווי, די רעפּובליקיסטי, געהעריק צו שאצנ אײַערע הארבע כעזשבוינעס מיט אזעלכע לײַט ווי לאָרענצאָ קאָלאָנא. איכ האָב געטראָפנ? — ער איז נאָכ נעענטער צוגעגאנגענ, האָט זיכ כניפעדיק געקנייטשט אונ צו סאאקאָנ שטיל געשעפּטשעט. — פארגלייבט מיר, אײַער גנעדיקײַט, אונ זעט אינ מיר א פרײַנט. די פויפּסטלעכע לײַט האָב איכ פײַנט ניט ווייניקער ווי איר...

סאאקאָ האָט זיכ אפ אימ נישט אומגעקוקט, ווי ער וואָלט גאָרניט געהערט.

א באליידיקטער האָט דער פארשוינ אזש א פײַפ געטאָנ אונ אָנגעהויבנ באלד מיט אנ אנדערנ טאָנ.

— ווי געשוואָלנ דאָס איז געוואָרנ. אונ ביסט מאָרט געווענ מיט מיר אינײנעמ בא דזשיוזעפּאָ דעמ שנײַדער אינ דער לער...

ער האָט ארײַנגעצויגנ דעמ קאָפּ צווישנ די פלייצעס אונ אָנגעשפּארט די הענט אינ דער זײַט.

— מיט וואָס איז ער בעסער פונ מיר, דײַנ פאָטערס זונ?

אינ סאאקאָס פּאָנעמ האָט זיכ נישט קיינ ריר געטאָנ דאָס מינדסטע.

דער פארשוינ האָט זיכ שוינ דרייסטער מיט אָפענעמ שפּאָט פארנייגט.

— אײַער בנאָד איז געוואָרנ א גרויסער האר אינ דער לעוואנטע, זינט דער טאטע האָט אונדז געשיקט קיינ פאטאראסאָ, ווײַל ער האָט געהאט כארפּעס פונ אונדז אויסצושטיינ... אונ איצט, זעט נאָר, גייט ער ווערנ א ריכטער אינעמ שטרײַט פונ די וועלפ... אָ, ניט קיינ ליאדע דזשענטילואָמאָ... אונ עפּשער האָבנ מיר ארויסגעגראבלט פונעמ באהעלטעניש אפנ בוידעמ דאָס געשריפטס וועגנ דער דערהייבונג צומ קאוואליערע דעלא ספּעראָנצע ד'אָראָ [1], וואָס דער באָלאָניער זיידע, דער געלערנטער דאָקטאָר, האָט באקומענ פונ קארל דעמ פינפטנ... אונ טאקע אויכ דעמ אלטנ מישפּאָכע-

[1] ריטער פונ גאָלדענעמ פעל.

הערב אײַערן, אַ פֿאַנטער מיט אַ לולעוו אין די לאַפּעס... יאָ? נאָר סיניאָר לעאָנע, דעם זייער פֿירנעמענעם טאַטן, האָט מען, ס'איז נאָך נאָרנישט אַזוי לאַנג, אין לאָיענאַ, אַפֿן וועג קײן פֿלאָרענציע, גוט דורכגעשמיסן... וואָס האָט ער זיך אַרײַנצולאָזן אין וויקוכים מיט פֿרעמדע מאָנאַכן, און נאָך זיך כאַפּן זיי פּאַטשן? וואָכן גאַנצע איז מען דערנאָך געלעגן מיט צעבראָכענע גנאַטעס בײַ אַבראַהאַם טעדעסקאָ אין הויז...

סאַאַקאָס פּאָנעם האָט זיך פּלוצעם צערטלעך צעשמייכלט. דאָס ווייכע לאַכן אויף זײַן פּאָנעם האָט מען געמעגט, וואָס האָבן זײַנע אויסטערלישע קויען געקענט, בעוווּנלעך איבערגעשראָקן, ווײַל זיי האָבן געוווּסט, אַז דאָס ווײַזט דעם געפֿערלעכסטן קאַס זײַנעם. איצט ערשט האָט ער אין דעם פֿאַרשוינס זײַט אַ קוק געטאָן און געוואָרטשעט.

— ציטאָ, קאַנע די דיאָ![1] איך וועל דיך אין וואַסער אַרײַנוואַרפֿן.

דער פֿאַרשוין האָט זיך אַ ווײַלע פֿאַרלוירן און איז אַ ביסל אומזיכער געוואָרן, אָבער באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, געהיפּט אַרום סאַאַקאָ מיט טאַנצטריטלעך און האָט ערשט רעכט אָנגעהויבן.

— ס'פֿאַרדריסט? ס'וועט נאָך מער פֿאַרדריסן, אַז מע וועט דעם באַרימטן טאַטן, דעם הויכגעלערנטן מאַן, אײַנזעצן אין די ליכטיקע בלײַערנע קאַמערן[2] אײנײנעם מיט דער אײדעלער יונגפֿרוי דזשיאָיאַ און מיט זײַנע פֿרײַנט גראַסין סקאַראַמעלאָ און סאַבאַדין קאַטאַלאָנאָ, די הויכע איבערגאַנאָוים, וואָס באַהאַלטן פֿאַרמעגן פֿאַר העכער זיבעציק טויזנט דוקאַטן געגנוועטס בײַם סויכער בריגאַנצי... אי־אָ דזשענטילוואָמאָ, זון פֿון אַ דזשענטילוואָמאָ?..

שווער און אָפּגעלאָזן האָט זיך סאַאַקאָ אויפֿגעשטעלט, פּאַמעלעך זיך אַ ביסל אויסגעשטרעקט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם פֿאַרשוין מיט אַ פֿאַרזשמורעט אויג, ווי אויסגעפּרוווט אַן אויפֿגאַבע און אויסגעפֿונען, אַז זי איז זייער לײַכט, און איז צו אים צוגעגאַנגען. איידער יענער האָט געוווּסט וואָס און ווען, האָט ער אים שוין מיט ביידע הענט כײַעש און פֿעסט אָנגעכאַפּט בײַם סטאָן, אַ הייב געטאָן אים ווי אַ זאַק און פֿלינק, אין אַ בויגן, אים איבער דעם געלענדער פֿונעם שיף געוואָרפֿן אין וואַסער אַרײַן.

די מאַטראָסן און אַנדערע לײַט, וואָס האָבן זיך דערווײַל אַרום זיי ביידן פֿאַרזאַמלט, האָבן געלאַכט און געהירזשעט.

— בראַוואָ! גוט אים געענטפֿערט... פּאָר־ד־קאַ מאַדאָנאַ!..[3]

סאַאַקאָ האָט זיך אין זייער זײַט נישט אומגעקוקט און איז אַוועק אין אַן אַנדערן ווינקל פֿון שיף.

זײַן פֿאָטער, געפֿירט פֿונעם שיף־האַר, האָט אים שוין אַ גאַנצע ווײַלע

1 שווײַג, גאָסט הונט (ווידל־וואָרט).

2 פּאָליציייִשע געפֿענקענישן פֿון ווענעציע — Piombi.

3 אַ גאָטלעסטעריש זידל־וואָרט, וואָס איז ביז הײַנט פֿאַרשפּרייט צווישן די מאַסן. —„די מאַדאָנאַ (ד.ה. מאַריאַ, די מוטער פֿון יעזוס) איז אַ כאַוער!“

געזוכט, אונ איצט האָט אים סאַאַקאָ פּלוצעמ דערזענ. אונ, ווי ער וואָלט זיכ ערשט נעכטנ מיט אימ פאַנאַנדערגעגאַנגענ, האָט ער מיט א שמייכל צו אימ אויסגעשטרעקט די הענט.

— נאַ... אַלטער פּאָטער... טײַערער מײַנער, ווי גייט עס דיר עפּעס אַלטער פּאָטער...

לעאָנ יעהודראַ מאָדענאַ איז געבליבנ אינמיטנ שטיינ אונ האָט עטלעכע מאָל טרוקנ אַראָפּגעשלונגענ.

— אַזוי באַגריסטו מיכ?

סאַאַקאָ האָט א קנייטש געטאָנ מיט איינ מוילווינקל.

— אַה, אַזוי... הם...— ער האָט אָנגענומענ דעמ פּאָטער בײַ דער בלאָנ־דער באָרד אונ אימ מיט די ליפּנ גיכ אָנגערירט דאָס פּאָנעמ. דער פּאָטער האָט אימ אינגאַנצנ אַרומגענומענ אונ א קוש געטאָנ אינ שטערנ.

— מײַנ קינד...

סאַאַקאָ איז עפּעס געוואָרנ אומרויִק אונ האָט גענומענ זיכ אַרומקוקנ.

2

סאַאַקאָ איז געזעסנ אינ דער גאָנדל אונ געפאָרנ אַהיימ. ער האָט אָנ־געשפּאַרט די עלנבויגנס אַפ די קני. די הענט אַרײַנגעגראָבנ אונטערנ קינ, אונ האָט א פאַרטראַכטער געשטאַרט אַפ זײַנ קלומעקל צופוסנס.

— האָסט לאַנג נישט געשריבנ קיינ בריוו.

— נישט געהאַט וואָס.

— איכ האָב דיכ אַזוי געבעטנ קומענ... זײַט דו ביסט אַוועק פונ זאַנטע האָסטו גאָרנישט מער געענטפערט.

— האָסט מיכ דאָכ אַליינ, ווענ כ׳בינ נאָכ א פּיצל געווענ, קיינ מאָ־דענאַ פאַרשיקט. — סאַאַקאָ האָט פאַרדראָסיק א מאַכ געטאָנ מיט דער האַנט. — בעסער אַזוי, אַלטער פּאָטער...

— אַלטער פּאָטער?..

סאַאַקאָ האָט געשמייכלט זײַנ ווייכנ שמייכל, א קנייטש געטאָנ מיט די פּלייצעס אונ געשוויגנ.

— איכ בינ זייער עלנט זײַט דײַנע ברידערס טויט. האָסט דערפרייט מײַנ האַרצ מיט דײַנ קומענ... אָבער איכ בינ דאָ א פרעדיקער אינ ווע־נעציע, אונ אָנגעזוענ בײַ בלויז בײַ געלערנטע, נאָר אויכ בײַ די פרומע. מײַנ קינד, געדענק...

סאַאַקאָנ איז דאָס בלוט געקומענ אינ פּאָנעמ אַרײַנ. ער האָט בייז אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט אונ אָפּגעשאַרט זײַנע לאַנגע פיס פונ אונ־טער דער באַנק.

— המ׳באַ... א קאָרטנשפּילער ביסטו הי... לאָז מיכ...

דער פּאָטער האָט ווידער עטלעכע מאָל טרוקנ אַראָפּגעשלונגענ. ער

האָט זיך שווײַגנדיק פאַרנייגט אין דער זײַט פון א פרעמדער גאַנדל, וואָס איז גראָד פאַרבײַגעפאָרן.

פרינטשיפּע דזשיוסטיניאַן, א זייער רײַכער ווענעציאַנישער פּאַטריציער, לעאָן מאָדענאָס אַן אַלטער פרײַנט, האָט פון זײַן גאָנדל נײַגעריק אַרי־בערגעפרעגט.

— ווער איז ער עס, דער איידעלער יונגערמאַן מיט אײַך?

— מײַן זון. נאָרוואָס האָט ער זיך אומגעקערט פון א לאַנגער נעסיע.

— אהה... זאָל אײַך זײַן קומען מאזל ברענגען. שפּעטער אַמאָל זאָל ער צו מיר אַרײַנגיין און דערציילן נײַסן. — האָט פרינטשיפּע דזשיוסטי־ניאַן פונדערווײַטנס אַריבערגעשריגן.

— דאָרט וואַרט אָפּ אונדז דײַן מוטער. זי איז א ביסל צעדרייט זײַט דעם אומגליק מיט דזשיאַם־זעבולאָן. שאַנעווע זי...

סאַאַקאָ האָט פּלוצעם אויסגעשטרעקט די האַנט אָפּ אַרויסצוהעלפן דעם פאָטער פון דער גאָנדל.

— יאָ, פאָטער.

— כא-כא-כא... — סאַאַקאָ האָט זיך הייזעריק-רוי צעלאַכט, און דאָס האָט זיך מאָדנע אָפּגעשלאָגן פון זײַן ווייכן צאַרטן אויסזען. — געלט האָב איך עטלעכע מאָל צוגויפגעשלאָגן א סאַך. מער, פאָטער, ווי דו קאָנסט צונויפרעכענען — האָט ער א קנייטש געטאָן מיט די מוילווינקלען. — נאָר איידער וואָס, און דעם טײַוולס באָבע האָט מיר אַרויסגעשטעלט א צונג... הם׳בא...

ס׳איז שוין געווען שפּעט בײַנאַכט, און סאַאַקאָ מיטן פאָטער האָבן נאָך אַלץ געשמועסט. זיי האָבן שוין עטלעכע מאָל געבעטן די מוטער גיין שלאָפן, האָט זי זיך אָבער אײַנגעשפּאַרט, נישט געוואָלט, נאָר אַזוי, באַם טיש זיצנדיק, צוביסלעך געדרעמלט. דער צימער איז געווען א הויכער מיט שטוקאַטור־אָרנאַמענטן אָפּ דער סטעליע און מיט גרויסע שווערע מעבליעס; האָבן די ליכט געקאָנט באַשײַנען בלויז א שטיקל פונעם ריזיקן טיש מיטן אַלטן פאָרפּאָלק און זייער צוריקגעקומענעם זון.

— שטערנס, זאָגסטו, פאָטער... מצב... מצב... איך זאָל נאָר נישט לאַכן. אָט זעסטו: אַז איך צעשפּרייט די פינגער שיט זיך דאָס געלט אַדורך...

— היט זיך! שפּעט נישט פון די פאַרבאָרגענע קויכעס.

— ע־ע־כ... אַלטער! — האָט סאַאַקאָ זיך צעלאַכט. — לייקנסט דאָך סײַווי אין אַלצדינג.

— ווער האָט דאָס געזאָגט? — לעאָן יעהודא מאָדענא האָט א געטראָ־פענער און אויפגערעגט געפרעגט.

— ביסט זיך שוין סײַווי מעשאַער... אַניעלאָ, אין א בריוו.

— אַך, אַניעלאָ! .. — האָט דער פאָטער געזיפצט. — ווי מיר, ער איז

מיר דאָך פון אַלע קינדער אַמווילסטן געראָטן... איך האָב נאָך פון אים שריפטן, קוק איך אין זיי קיינמאָל ניט אַרײַן פון גרויס אַגמעס־נעפעש. ווייסט, — האָט ער אָנגעהויבן גיך צו דערציילן, — זײַן נאָענטער כאַווער ספּאַראַנזאַ, וואָס ער האָט אים ליב געהאַט ווי דאָס לעבן און פלעגט זיך מיט אים שטענדיק סוידען, איז געשטאָרבן עטלעכע כאַדאָשים פריִער ווי ער, אין דער זעלבער שטוב און אין דעם זעלבן בעט, אינעם הויז פון זימלינ לוריעס קינדער, ווו מיר האָבן זיך דעמלט אַרײַנגעצויגן... און דזשיאַמ־זעבולאָן... פיר כאַדאָשים פאַר זײַן טויט האָט דער שטאָטער[1] לאָרענצאָ כאַנאַדאָ אים געשטעלט אַ האָראָסקאָפּ און געזאָגט, אַז צווישן דעם איין־און־צוואַנציקסטן און צוויי־און־צוואַנציקסטן יאָר וועט ער געהאַרגעט ווערן. און ווי מיר, אַזוי איז טאַקע געשען...

— אָ... אַ גרויסע קונץ געוועזן צו זאָגן. גאַנץ ווענעציע האָט דעמלט געוווּסט, אַז סע טשאַטעוועט אַ טויט מעסערס אַף דזשיאַמ־זעבולאָן. האָט זיך סענאַר לאָרענצאָ אַ פּרווו געטאָן טרעפן.

— און דער האָראָסקאָפּ פון מײַן פאָטער, געבענטשט זײַן אָנדענק, וואָס ווײסטו דערצו זאָגן? צו זיבעצן יאָר האָט איין באָלאָניע איינער, אַלעסאַנדראָ באָוויאָ, אַלצדינג אַפריער געזאָגט און אַלצדינג האָט ער צונויפגעטראָפן. געזאָגט האָט ער, אַז דער פאָטער וועט לעבן צוויי און זיבעציק און אַ האַלב יאָר... און ער איז טאַקע געשטאָרבן נאָך צוויי און זיבעציק יאָר און צוויי כאַדאָשים...

— זעסטו, פיר כאַדאָשים האָבן פאַרט אויסגעפעלט. המ'בא... ווער קאָן זיך דאָס אַזוי פּינקטלעך דערמאָנען, צי ס'זײַנען טאַקע עמעס די אַלטע מײַסעס? ווי גליקלעך זײַנען די אַסטראָלאָגן! אַז זיי זאָגן אַ ברייזעלע עמעס צווישן הונדערט ליגנס, גלייבט מען זיי שוין אַלץ. אַנדערע אָבער אויב זיי זאָגן צווישן הונדערט מאָל עמעס איין ליגן, צווייפלט מען שוין שטענדיק אין זייערע רייד.

— נישט שלעכט געזאָגט. אָבער הער נאָר, אויב דו זאָגסט אַזוי, ווייסטו? איך האָב זיך פון פינף פאַרשוינענע געשטעלט האָראָסקאָפּן, פון צוויי ייִדן און דרײַ קריסטן... און צו מײַנע זינד האָבן זיי אַלע דאָס איינגענע געזאָגט, אַז מײַן סאָף וועט זײַן אָרום איין און פופציק. און איצט בין איך שוין נאָענט צו פופציק...

— טאַטע, מײַן טײַערער!.. — האָט סאַאַקאָ אַ געשריי געטאָן. דער פאָטער האָט אים אופגערעגט איבערגעריסן.

— ווייסטו, איך האָב אָפּטמאָל געשמועסט מיט מײַן פאָטער וועגן דער נעשאָמע, איר לויב און שטראָף, און ער פלעגט שטענדיק פאַרענדיקן אַזוי: איינער אַ שפּאַניאָל האָט אַמאָל פאַרן שטאַרבן געזאָגט, איצט ערשט וועל איך געוווּיר ווערן, וואָס דאָס איז אַזוינס די נעשאָמע... און זע נאָר,

[1] שטאָטישער בירגער, אין קעגנזאַץ צו אַרעליקער.

סאאקאָ, ווי ווונדערלעך... יענע וואָך איז מיר מײַן טאטע געקומען צו כאָ־לעם, דאָס ערשטע מאָל נאָך צוואנציק יאָר. האָב איך אים טייקעף א פרעג געטאָן: זאָל מיר זײַן קאָװעד זאָגן, וואָס איז עפּעס מיט דײַן נעשאָמע און וויאַזוי ביסטו אף יענער וועלט? און ער האָט געענטפערט: נו, וואָס, איך עס דאָרט און טרינק דאָרט גאנץ געשמאַק. איך האָב זיך שטארק פארוווּנדערט איבער דעם מאָדנעם ענטפער, סע שטייט דאָך געשריבן, אז אף יענער וועלט איז ניט פאראן קיין עסן און טרינקען? אײַ, שויטע, האָט ער מיר געענטפערט, קוק, וואָס ווײַטער שטייט: זיי האָבן געזען גאָט און געגעסן און געטרונקען... דערנאָך האָט נאָך מײַן טאטע א ווײַלע געלאכט, מאָדנע געוואַקלט מיטן קין און איז פארשוווּנדן.

סאאקאָ איז מיטאמאָל צוגעפאלן צום פאָטערס קני.

— טאטע, טאטע מײַנער...

— נו, וואָס טוט זיך עפּעס, שטיי אוף.

סאאקאָ האָט אים געוויזן א ווײַס און פארבײסן פּאָנעם.

— לאָז מיך, טאטע. פּערצן יאָר כאָלעם איך, אָט אזוי צו ליגן בא דײַנע קני און צו גלעטן דעם זוים פון דײַן קלייד. פון קיין שום בענק-שאַפט ווייס איך נישט, נאָר צו דיר האָב איך זיך געריסן. כ׳האָב געוואָלט הערן דײַן קאָל.

די מוטער האָט זיך אופגעכאפּט פון דרעמל. א דערשראָקענע האָט זי געפּינטלט מיט די אויגן און האָט אָנגעהויבן וויינען. אין דער אייגענער רגע איז סאאקאָ אופגעשפּרונגען און איז ארויסגעלאָפן פון שטוב, די טרעפּ אראָפּ.

אין דער דאָזיקער נאכט האָט לעאָנע מאָדענא אומזיסט געוואַרט אף זײַן זון ער זאָל קומען שלאָפן.

3

די זון האָט געשפּילט און געבליאסקעט אין וואַרעמע דורכזיכטיקן דונסט [1], און די לופט האָט געציטערט איבער די לאגונען. די קאָנטורן פון די פּאַלאַצן אף ביידע זײַטן פון קאנאַל גראנדע האָבן אויסגעזען צעשוווּמען און אומווירקלעך, הויערנדיק אין א נעפּל פון איבערמאכטיקער זונשײַן. דער געהאַפטענער פיליגראַן פון זייערע פאסאדעס און זייערע פיל־קאָלירקע מאַרמאָרנע אינקרוסטאציעס האָבן מיט דער פארטײַערער וואַרעמקייט פון איידלשטיינער דורכגעלויכטן דורך דעם ציטערנדיקן נעפּל פון צו שטארקן ליכט. סאאקאָ האָט זיך געווײַלט איבער שמאָלע פוסוועגן נאָענט בא די הײַ־זער־ווענט, איז דורכגעגאנגען פארשיידענע גאסן, בריקן, פּלעצער און געס־לעך, ביז ער איז אָנגעקומען אף קאמפּא דעלאַ מיזעריקאָרדיאַ, און האָט

[1] אויסדאַמפונג, רויכל.

אָנגעקלאַפּט אין א טויער פון א פּאַרפאָזטן קליינעם פּאַלאַצל. אויבן אין פענצטער האָבן זיך באַוויזן צעשויבערטע קודלעס פון אַן אַלטער פרוי.

— איך דאַרף האָבן צו סיניאָרא דזשיאָיאַ.

— גייט אײַך אײַער וועג. סיניאָרא איז נישט אין דער היים.

— עפנט. איך וועל אײַער הויז אײַנלייגן.

ער האָט גענומען האַקן מיט אָרעם אין טויער אַרײַן. פאַרבײַגייערס זײַנען שטיין געבליבן און האָבן זיך געווײַצלט און געלאַכט. די אַלטע האָט געשאָלטן און דאָס טויער האָט זיך געעפנט.

— וואָסער טײַוול האָט אײַך אַהערגעטראָגן אין מיטן העלן טאָג.

— איך וועל דיר דעם קאָפּ צעפּלעטן, אַלטע הינטעכע. פיר מיך טײַ־קעס צו דזשיאָיאַ.

— ווײ מיר, זי שלאָפט דאָך נאָך. זי לאָזט פאַרמיטיק קיינעם נישט צו זיך.

סאַקאָ האָט געעפנט א טיר, איז אַרײַן אין א קאָרידאָר און האָט נים געוווּסט, ווו ווײַטער גיין. די אַלטע איז אים נאָכגעלאָפן און וויינענדיק געגאַוועדט. ער האָט זיך צו איר א קער געטאָן און זי מיט איין שטויס אומגעוואָרפן אַף דער ערד.

— שרײַ נישט, מאַכשייפע. רופט מען דיך דאָס דזשיאָנאָרא די מאַכ־שייפע?

מיט אַרויסגעלאָפּעטע אויגן פון שרעק האָט זי אַף אים אַרויפגעקוקט פון דער ערד און געמאַכט מיט די ליפּן.

— ענטפער, וועל איך דיר גאָרנישט טאָן.

פון שרעק האָט זי נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט, נאָר אַלץ געמאַכט מיט די ליפּן. ער האָט זי א הייב געטאָן פון דער ערד און זי אַנידערגעוואָרפן אַף א שוואַרצער קאַסטן־באַנק.

— אוי, מײַן האַר, האָט איר מיך איבערגעשראָקן. וואָס עפּעס אַזא צאָרן, וואָס האָט אײַך דזשיאָנאָרא געטאָן?

— ענטפער אַף וואָס מע פרעגט, וואָס גיכער איז בעסער. ווו איז אַב־ראַהאַם טשיאַמפּאָ דעלאַ בעלאַ?

— ווײ מיר!.. איר זײַנט סיניאָר סאַקאָ פון דער לעוואַנטע?

— איצט, אַז דו ווייסט שוין, ענטפער גיכער.

— יאָ, מײַן גנעדיקער האַר, איך ענטפער דאָך שוין. נאָר וואָס זאָל דזשיאָנאָרא זאָגן, אַז זי ווייסט נישט.

סאַקאָ האָט פאַרביסן די ליפּן און א געשוואָלענער קנייטש האָט זיך באַוויזן אַף זײַן שטערן. ער האָט אַף איר א ווינק געטאָן מיט די אויגן.

— העסט ריידן?

אַף איר אָפּגעבליאַקעוועטן זקייניש־צעקנייטשטן פּאָנעם האָט זיך באַוויזן א געמאַטערט־קאָקעטיש בייגדל.

— וועגן סיניאָר לעאָנע מאָדענאַ וועל איך אײַך גאָרנישט זאָגן.

סאאקאָ האָט נישט פארשטאנען.

— ...קעדיי איר זאָלט נישט טאָן ווי דעם אורפּאָטער נויעכס זון באַם...

סאאקאָ האָט ביין א געשריי געטאָן.

— וועגן טשיאָמפּאָ האָב איך דיך געפרעגט.

די אַלטע האָט א ציטער געטאָן.

— יאָ, שוין, ס'איז פארפאלן. טשיאָמפּאָ באהאַלט זיך אויס פאר אַ̄ײַך אַף לאדושיודעקא, אין קאזא סואָלדי, אין דזשיאָוואנינאָ דעם לאָמענס טא-ווערנע... דערבארעם זיך, האר, אַף מיר אומגליקלעכע...

— און עליאַ מושיאטשיאָן?

— פונוואנען זאָל איך וויסן? זיים דער טריבונאלע דעלאַ בעסטעמיאַ[1] האָט אים פארטריבן פונעם לאנד האָט ער זיך בא אונדז נישט געוויזן.

— פיר מיך צו דזשיאַ.

די אלטע האָט אָנגעהויבן צו יאָמערן. — אוי, ער גייט זי הארגענען, אוי, גאָט, דערבארעם זיך!.. — זי האָט אים געפירט אַף טרעפּ און טונקעלע קאָרידאָרן. דערנאָך איז זי געבליבן שטיין און געוויזן אונטן אַף א טיר. זי האָט אים פלוצעם אָנגעכאפּט באַם עלנבויגן און אים שעפּטשענדיק אַ̄ײַנגערוימט:

— אַ̄ײַער פאָטער... ער האָט איר דאָך שוין מויכל געווען.

סאאקאָ האָט זי אוועקגעשטויסן און איז געלאָפן צו דער טיר.

א ווײַלע האָט ער זיך ארומגעקוקט אין פארטונקלטן שלאָף-צימער, וואָס איז אינגאנצן געווען אויסגעשלאָגן מיט בראָקאט און פארשווענדעריש באַצירט. פונעם בעט אהער, וואָס איז געווען א קונסטשפּול געבײַ פון טערקישע זײַדנס און ווענעציאַנישע שפּיצן, האָט זיך א קאפּריזע שטים געבייזערט.

— דיאנאָרא? — נישט באקומענדיק קיין ענטפער, האָט זיך פון די קישנס אופגעהויבן א קאָפּ און, דערזעענדיק א פרעמדן, זיך געבייזערט.

— וועמענס האָסטו דאָ ארײַנגעלאָזט, דיאנאָרא? דיאנאָרא! — האָט זי אומגעדולדיק גערופן און זיך געווענדט צום פרעמדן.

— וואָס ווילט איר דאָ? ווער האָט אײַך דערלויבט?

ער האָט נאָך אַלץ געשוויגן און עפּעס א ווײַלע געטראכט. איר איז אָנגעקומען א שרעק.

— טראָגט אײַך ארויס!.. דיאנאָרא!..

ער האָט צו איר צו געמאכט א קלײנעם טריט און קאַלט געזאָגט:

— קריך ארויס פון בעט און טו זיך אָן. איך האָב מיט דיר צו ריידן. אן איימע איז אַף איר געפאלן. — וואָס ווילט איר פון מיר, ווער זײַנט איר?

ער האָט א קנייטש געטאָן מיטן מויל און געשריגן. — טו, וואָס מע זאָגט דיר! — זי איז פארגליווערט געוואָרן פון שרעק און צאָרן.

---

[1] קרימינאַל־געריכט.

— איכ וועל טאָנ, וואָס מיר גלוסט, אונ אײַכ וועל איכ לאָזנ אראָפּמאַרפנ פונ די טרעפ אינ קאנאל ארײַנ. — זי האָט געפּאטשט אינ די הענט אונ אלצ געדופנ איר אלטע דינערנ.

— דו ווערסט נישט ליגנ ווענ איכ רייד צו דיר. — אינ איינ רעגע האָט ער זי אָנגעכאפּט בא דער ריזיק אופגעטורעמטער פריזור אונ זי ארויסגעצויגנ פונ בעט. זי האָט אָנגעהויבנ צו קוויטשענ, נאָר ווײַל ער האָט די טײקעפ אָפּגעלאָזט, האָט זי זיכ ווי א הונט אָפּגעשאָקלט אונ אפּ אימ געבליצט מיט די אויגנ.

— אָ... אזוי זאָלסטו שטײנ. אונ איצט זאָג...

בליצגיכ האָט ער זיכ פלוצעמ א וואָרפ געטאָנ אונ זי פעסט אָנגעכאפּט באמ האנטגעלענק, אז זי האָט אוש אָנגעהויבנ קוויטשענ אונ ארויסגעלאָזט דאָס מעסער, וואָס זי האָט הינטערווײַלעכס צו זיכ גענומענ. ער האָט דאָס מיטנ פוס אוועקגעשארט אונ רויִק געזאָגט:

— זעסטו, ס'איז אומזיסט. נאָר בעסער אײַצע איכ דיר, טו נישט נאָכאמאָל אזעלכע זאכנ. — זי איז פאר אימ געשטאנענ אינ א דינ שלאָפקלייד פונ מוסעלינ, מיט גרויסע רערנ אינ די אויערנ אונ אפנ פּאָנעמ אופגעקלעפּט, לויט דער דעמאָדטיקער מאָדע, כײנ־פלעסטערלעכ, קונסטפול אויסגעשניטענע פיצינקע פיגורלעכ מיט א סימבאָלישנ באטײַט. פונ גרויס מוירע אונ צאָרנ האָט זי אָנגעהויבנ צו ווײנענ.

— אזוי איז גוט. — ער האָט זיכ אנידערגעזעצט אפּ א דיוואנ אונ מיט אָנגעצויגענער פאָרזיכטיקער גרייטקײַט זי באטראכט. ער האָט צווישנ די צײנ ארויסגעזײַט.

— ווו איז עליִא מוטשיאטשיאָנ?

זי האָט א געשריי געגעבנ.

— אה... איסאאקאָ מאָדענא... — מיט אויסטערלישנ שרעק האָט זי אויסגעלופּעט אפּ אימ די אויגנ אונ האָט אָנגעהויבנ צו פאלנ פונ די פיס.

סאאקאָ האָט זיכ ברייט אונ ווייכ איבערנ גאנצנ פּאָנעמ צעשמייכלט אונ לײַכט פארזשמורעט די אויגנ. ער האָט א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ אונ זיכ פארטראכט.

— יאָ, איכ וועל דיכ עפּשער דערווארגנ.

זי האָט זיכ צו אימ א וואָרפ געטאָנ אונ אימ געזעצט מיטנ קאָפּ אינ דער ברוסט.

— נו, ווארג... — ער האָט זי מיט איינ ריר אוועקגעשארט פונ זיכ. זי האָט זיכ אראָפּגעקאטשעט אפּ דער ערד אונ איז אזוי געבליבנ ליגנ.

— ווו איז עליִא מוטשיאטשיאָנ?

— ...געפּײגערט.

סאאקאָ האָט אָפּגעאָטעמט. — א גליק פאר דיר... אונ אויכ וואָס דו האָסט דאָס אזוי געענטפערט.

זי האָט זיכ צעכליפּעט. אונ פלוצעמ:

— איכ האָב פאר איַיכ מוירע? אזוי ווייסט: ס'איז עמעס, איכ האָב דעם טשיאָמפּאָ געדונגענ, ער זאָל פארטיק מאכנ איַיער ברודער זעבולאָנ, יאָ. — זי איז אופגעשפּרונגענ פונ דער ערד. סאאקאָ האָט זיכ נישט גערירט. זי האָט זיכ פרעכ צעלאכט.

— ס'וועט זיכ שויב פאר דיר אויכ איינער מיט א מעסער געפינענ.

סאאקאָ האָט זיכ פּאמעלעכ, ווי פארשלאָפנ, אופגעהויבנ, די אָנגעכאפּט אונ אריַינגעשטעקט אירע פלייצעס צווישנ זיַינע קני. ער האָט אויסגעדרייט דאָס העמדל פונ זיַינ שטילעט אפ אראָפּ.

זי האָט געהאלטנ די אויגנ פארמאכט אונ איינ כאלאָשעס געשוויגנ.

— טויטנ וועל איכ דיכ נישט, אָ-אָ, נייב! איכ וועל דיר בלויז פּאָרנט די ציינ אויסהאקנ אונ די האָר אָפּשניַידנ.

א ציטער איז דורכגעלאָפנ איבער איר פּאָנעם. אָבער די אויגנ האָט זי אַלץ נישט געעפנט אונ געשוויגנ. ער האָט זיכ ווידער פארטראכט א רעגע. דיִאנאָראס אומקלאָרע אָנצוהערעניש איז אים געקומענ איינ זינענ אונ עס האָט אים א שוידער געטאָנ א מאָדנער שרעק דורכגעמישט מיט עקל. האָט ער אוועקגעכאפּט פונ איר די הענט אונ זי אָפּגעלאָזט. ביַיז אפ זיכ האָט ער איר פלוצעמ אָנגעשפּיגנ צווישנ די אויגנ אונ זי געלאָזט פאלנ אפ דער ערד. זי איז געבליבנ אזוי אפ דער ערד מיטנ שפּיַי אפנ פּאָנעם.

אינ דער טיר האָט זיכ באוויזנ א ריזיקער פארשוינ מיט אנ אָפּגעגאָלטנ קאָפּ, וואָס דיִאנאָרא האָט אים דערווײַל גערופנ. סאאקאָ איז זייער ניכ אונ גאנצ נאָענט, קימאט ביז פאר זיַינ פּאָנעם, צו אים צוגעגאנגענ.

— דו ווילסט עפּעס?

דער פארשוינ האָט זיכ פּאמעלעכ אָפּגערוקט אפ צוריק.

— כאָלילע, מיַינ האאר.

4

דרויסנ באם ראָג הויז האָט געלאָקערט דער פארשוינ, וואָס סאאקאָ האָט אים בא זיַינ אָנקומענ געוואָרפנ איינ וואסער אריַינ. ער האָט זיכ צו אים ווייכ צוגעשליַיכט אונ אים מיט איבערגעטריבענער פריַינטלעכקיַיט באגריסט.

— אז איר ווילט, סיניאָר... איכ קאָנ איַיכ אזוי צופירנ צו טשיאָמפּאָס באהעלטעניש, אז קיינער זאָל איַיכ נישט זענ.

סאאקאָ איז שטיינ געבליבנ.

— טראָג זיכ אָפּ, פארשאָלטענער. א דריטנ מאָל, אז איכ וועל דיכ באַגעגענענ, וועט זיכ דאָס ביטער ענדיקנ. לויט... — דער פארשוינ האָט נישט געוואָרט אונ האָט זיכ גיכ פונ אים אוועקגעשארט. סאאקאָ האָט מיטאמאָל עפּעס באטראכט.

— הער נאָר, דו, — האָט ער אים צוריקגערופנ אונ פלוצעמ גוט אופ־

געלייגט זיכ צעלאכט — אלכאדאב רופט מענ דיכ, סימאָנעטאָ אלכאדאב, יאָ? — אלכאדאב איז מיט אָנגעצויגנקײַט אונ מיט קנאפנ צוטרוי צוריקגעגאנגענ.

— ווערסט אימ גיינ וואָרענענ? יאָ? קומ אהער נעענטער, האָב נישט קיינ מוירע. זעסט דאָ דאָס בײַטעלע? דאָ זײַנענ פינפ גאָלדענע דוקאטנ. דו באקומסט זיי, שפעטער. איצט גיי גיכ צו טשיאָמפאָ, זאָג אימ, איינער א פרעמדער וויל אימ דינגענ צו א מוטיקער זאכ. ווייסט שוינ. רייד אימ איבער, זאָג, ס'איז א סאכ צו פאו דינענ. דינג באלד א גאָנדל אונ קומ מיט אימ צו דער אינדזל די סאנ דזשיאָרדזשיאָ. דאָרט אפנ פלאצ פארנ קלויס-טער וועל איכ שוינ ווארטנ.

— גוט. איכ וועל קומענ. ער קענ אײַכ נישט?

— פונוואנענ? יאָ, וואָס איכ האָב דיר געוואָלט זאָגנ: צוויי שטיינער, זיי מעגנ זײַנ אינ עפעס אײַנגעוויקלט, זאָלסטו נישט פארגעסנ מיטצונעמענ. — סאאקאָ האָט זיכ צעלאכט. אלכאדאב האָט אונטערטעניק מיטגעלאכט אונ זיכ געריבנ די הענט.

— אוודע, איכ פארשטיי.

— א פאראט וועט דיר זיכער קאָסטנ דאָס לעבנ.

— פארוואָס עפעס רעדט דער האר אזוי צו מיר? מע קאָנ זיכ אפ מיר פארלאָזנ.

אז די גאָנדל מיט אלכאדאב אונ טשיאָמפאָ דעלא בעלא האָט זיכ נאָכ א שטיקל צײַט אָפגעשטעלט בא דער איזאָלא די סאנ דזשיאָרדזשיאָ, איז סאאקאָ, וואָס האָט שוינ דאָרט געווארט, גיכ צו זיי צוגעגאנגענ. דאָס פאָנעמ האָט ער געהאלטנ ארײַנגערוקט אינ מאנטל ארײַנ, ווי וועגנ דער פארנאכטיקער קילקײַט. אפ דער טיפער פארנייגונג פונ טשיאָמפאָ האָט ער נישט אָפגע-ענטפערט, נאָר איז טייקעפ ארײַנ אינ דער גאָנדל אונ געהייסנ פאָרנ. אל-כאדאב האָט זיכ געקליבנ רודערנ אינ דער זײַט פונ דער שטאָט.

— ניינ, צוריק, ווײַטער צומ יאמ צו, — האָט סאאקאָ קורצ באפוילנ. אלכאדאב האָט דאָס שיפל צוריק אויסגעקערעוועט אונ האָט זיכ איינגענעמ מיט טשיאָמפאָ גענומענ צו די וועסלעס.

— ווו פאָרנ מיר אזוי ווײַט? — האָט טשיאָמפאָ נאָכ א האלבער שאָ פארוונדערט א פרעג געטאָנ. אָבער קיינער האָט אימ נישט געענטפערט. אלע האָבנ די גאנצע צײַט געשוויגנ. נאָכ א שאָ פאָרנ האָט זיכ אלכאדאב אויכ שוינ אָנגעהויבנ צו וווּנדערנ. ער האָט סאאקאָנ מיט א ווונק געפרעגט, אונ באקומענ דעמ ענטפער:

— ווײַטער.

אלכאדאב האָט אלצ מער אונ מער אָנגעהויבנ מוירע צו באקומענ. עפעס האָט דאָ אימ אליינ אויכ געדראָעט. טשיאָמפאָ האָט אוועקגעוואָרפנ די וועסלעס.

— מער רודער איכ נישט, סײַדנ איכ וועל וויסנ וווהינ.

אלכאדאב האָט זיכ געקווענקלט. ס'האָט אימ שוינ שטארק באנק געטאָנ

די גאנצע זאכ. ער האָט א קוק געגעבנ אפ סאאקאָנ. אָבער פונ דער פארנאכטיקער גראָווקייט האָבנ אפ אימ צוויי אויגנ שטײפ אונ שטרענג געשטארט. אפ אלכאדאבנ איז אָנגעפאלנ א טויט־שרעק. ער האָט גיכ באשלאָסנ, אז אויב ס׳וועט מעגלעכ זײַנ, וועט ער פאָרזיכטיק אריבערגיינ אפ טשיאָמפאָס זײַט. מיט אימ איז אימ איצט געווענ זיכערער איידער מיט סאאקאָנ, אונ ביידע איניינעמ וועלנ זיכ שוינ אנ אייצע געבנ.

ער האָט ווידער א קוק געטאָנ אפ סאאקאָנ. שארפ אונ אָנ אופהער האָבנ אפ אימ די אויגנ פונ דער טונקלקייט געבלישטשעט אונ אימ שווײַגנדיק באוואכט.

— זייער מאָדנע, — האָט זיכ טשיאָמפאָ צעבייזערט, — שטומ געוואָרנ צי וואָס? איכ וויל צוריק...

אלכאדאב באשליסט אונ גיט אימ מיטנ פוס א סימענ. טשיאָמפאָ דרייט זיכ פארוווּנדערט צו אימ אויס. אלכאדאב קוקט אפ סאאקאָנ — גאָרנישט. אינ זײַנ פאָנעמ רירט זיכ נישט דאָס מינדסטע. סאאקאָ האָט שוינ אינגאנצנ פונ אימ אוועקגענומענ די אויגנ אונ ער זיצט עפעס אזוי טעמפ אונ וויִשלעפעריק. אלכאדאב גיט טשיאָמפאָנ א שטויס אונ נאָכ, דריקט אימ מיטנ קני זײַנ פוס, ביז יענער האָט באנומענ, אז מע דארפ זײַנ פאָרזיכטיק, אונ אז סע גייט גאָר אפ דעמ פארשוינ. אלכאדאב ווינקט אימ מיט א ווינקל פונ איינ אויג אונ טשיאָמפאָ נעמט זיכ קלוימערשט צוריק צו די וועסלעס אונ ציט דערבײַ הינטערווײַלעכס פאָרזיכטיק זײַנ מעסער.

אונ אינ דער אייגענער רעגע איז אפ טשיאָמפאָס קאָפ געפאלנ א מאכטיקער טראסק. מעגלעכ, אז ער האָט נאָכ געהערט די הייזעריקע ווערטער סאאקאָס: — האָסטו דיר א גרוס פונ דזשיאָמ־זעבולאָנ מאָדענא... — בייס ס׳האָבנ זיכ אימ ברייט אונ גלעזערנ געעפנט די אויגנ אונ ער איז באוווסטלאָז אנידערגעפאלנ.

— נישט שלעכט זיכ צונויפגערעדט, טײַערע... גיב נאָר קוידעמקאָל אהער דײַנ שטילעט.

אלכאדאב האָט אימ ציטערנדיק איבערגעגעבנ זײַנ מעסער.

— אזוי האָב איכ ליב. ס׳וואָלט דיר נישט געארט צי ער מיכ, צי איכ אימ. — ער האָט זיכ צעלאכט — אונ איצט טראכסטו דיר אזוי: צוערשט פונ מיר ארויסציִענ געלט, וויפל סע וועט זיכ לאָזנ, אונ דערנאָכ פארמאסערנ... געטראָפנ? — ער האָט אימ אָנגענומענ באמ קארק אונ צוגעשלעפט צו טשיאָמפאָ.

— דאָ זײַנענ די צוויי שטיינער. הער זיכ גוט צו: פאר איינעמ איז גענוג איינער. ווי מיינסטו?

— אוי, גאָט מײַנ טייערער אינ הימל... שעמא יִסראעל!...

— בעט, בעט, סע קאָנ דיר סײַווי נישט שאטנ. איינער פאר טשיאָמפאָ אונ איינער פאר אלכאדאב, קעדיי סע זאָל זיכ אימ נישט פארגלוסטנ צו פלאפלענ, וואָס סע טויג נישט.

אלכאדאב האָט זיכ פאר אימ אנידערגעוואָרפנ.

— האר מײַנ טײַערער, פארוואָס? וואָס האָט אײַכ אלכאדאב געטאָנ?

— גאָרנישט. דו האָסט נאָר בלויז געוואָלט אונ ווילסט אוודאי ווײַטער. שרײַ נישט, ס'וועט קײנער נישט הערנ. — אלכאדאב איז אנטשוויגנ געוואָרנ.

— נא דיר דײַנ שטילעט. אונ מאכ דעמ דאָזיקנ פארטיק. וועל איכ דיר לאָזנ דײַנ פריקרע לעבנ.

אוי, גאָט מײַנ טײַערער!... שמע ייִסראעל... — האָט אלכאדאב אָנגעהויבנ צו קרעכצנ. — צו וואָס דאָס שפּיל באשמוצנ? מיר קאָנענ אימ דאָכ אזוי... אָנבינדנ די שטײנער אונ אינ וואסער ארײַנ.

— נישט מ י ר... דו!

— אוי גאָט מײַנ טײַערער, טײַערער... האמאלאכ האגאָעל אָטי מיקאָל רא יעווארעכ עט האנעארימ... — האָט ער געמורמלט זאָגנ, וואָס ער האָט געדענקט פונ די נאכט-געבעטנ. יאָמערנדיק האָט ער באזוכט די קעשענעס פונ טשיאָמפּאָ, וואָס איז געלעגנ איז טיפנ כאלאָשעס, אונ האָט אלצדינג צוגענומענ אונ אינ זײַנע אײגענע קעשענעס באהאלטנ. סאאקאָ האָט אוועקגעקוקט בײס אלכאדאב האָט טשיאָמפּאָנ אראָפּגעצויגנ שוכ אונ אויבערקלײד אונ צוגעבונדנ די שטײנער צוקאָפּנס אונ צופוסנס...

דערנאָכ, ווענ אלצ האָט זיכ שוינ געענדיקט, האָט זיכ אלכאדאב פּלוצעמ אוועקגעזעצט א באלײדיקטער אונ ארויספאָדערנדיק געקוקט אינ דער זײַט פונ סאאקאָ. סאאקאָ האָט אימ באפוילנ:

— נעמ די וועסלעס.

אלכאדאב האָט בארויגעז אונ אָנגעדרודלט געמאכט מיט די הענט אפ נײנ.

— איכ וויל נישט.

אונ אז סאאקאָ האָט אימ שטרענגער געזאָגט: — רודער! — האָט זיכ אלכאדאב נישט קײנ ריר געטאָנ. ער האָט זיכ קאפּריז באקלאָגט.

— שטענדיק מוז אלכאדאב עמעצנס געדאנקענ טרעפנ, ארויסברענגענ מיט זײַנע ווערטער אונ פאָלגנ... אָבער אויכ טשיאָמפּאָ האָט דאָכ, אײדער ער האָט דאָס ערשטע מאָל פאר א בײַטל צעקינענ[1] עמעצנ אויסגעטאָנ שיכ אונ אויבערקלײדער פריִער אזא זאכ נאָכ קײנ מאָל נישט געטאָנ.

סאאקאָ האָט נישט ארויסגעוויזנ קײנ פארוווּנדערונג איבער אלכאדאבס דרײסטקײַט. ער האָט גלײַכגילטיק געזאָגט:

— ווער האָט דיכ געצווּנגענ? אלײנ ביסטו געקומענ. — סאאקאָ האָט אויסגעווארט, וואָס אלכאדאב וועט ענטפערנ אונ וואָס ער איז אויסנ מיט זײַנע אזעסדיקע ווערטער.

— דו לאכסט, סאאקאָ. געלט, געלט, איכ דארפ האָבנ געלט. נישט ווילסטיק, נאָר נויט האָט מיכ געלערנט צו טאָנ אזוי ווי דו

1 גאָלדענע רענדלעכ.

און דײַנע הארץ, אָבער אזויפיל דערפאר צו באקומען ווי דו... ס'פאר־דריסט מיך ביז טיפ אין הארצן... האָט זי מיך נישט אויסגעלערנט, די נויט. איך ווייס, צום לעצטן מאָל וועל איך סײַווי באקומען פון דײַנס א פרײַנט צי פײַנט דעם אייגענעם לעצטן לוין ווי דער־אָ... — ער האָט געוויזן אפּן וואסער.

— דול ביסטו... טשיאָמפּאָ האָט געדינגט די קאַלאָנאס.

אלכאדאב האָט מיטאמאָל פארגעסן זײַן בארויגעז, און גוט־ברודעריש א ווונק געטאָן מיט איין אויג.

— וואָס קאָן זײַן דער כילעק? צי דינגען מיך גאמבארעס מענטשן און סע זעצן מיר ארײַן א מעסער קאַלאָנאס לײַט, אָדער צי זאָגן מיר, פאר־קערט, גוטע רייד די פויפּסטלעכע און ס'טוט מיר אויס די שיך א גע־דונגענער פון די רעפּובליקיסטי? דו דרייסט זיך אוועק אין א זײַט און ווילסט נישט קוקן ווען איך לייג דעם טויטנס זאכן אין מײַנע טאשן, ווײַל דו זעסט דײַנע רײַכערן געווינס ערגעץ אנדערש. אָ... דו וועסט האָבן, סאאקאָ, א פּאַפּאַץ באם קאנאָל און אָנזען בא מענטשן, אָבער פריִער א סאך וועל איך קריגן א מעסער אין דער זײַט, און יעדער וועט זאָגן, אז ס'איז רעכט אזוי. פויפּסטלעכע צי רעפּובליקיסטי, דזשיאָיא די הור אָדער סאאקאָ מײַן פרײַנט פון דער לער בא דזשיוזעפּאָ... וואָס איז פאר מיר דער כילעק?

ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן. ער האָט אָבער געוואַרט און לאַ־קערנדיק געקוקט צו סאאקאָן. סאאקאָ האָט צו אים א גיכן שפּרײַז גע־טאָן אינעם וואקלדיקן שיפל, זיך צו אים אָנגעבויגן און ווי אײַנרוימענדי א סאָד אים שטיל געפרעגט.

— ווילסטו איך זאָל דיר שפּעטער אָדער גאָר טייקעף איצטער ווײַזן דעם כילעק?

אלכאדאבס קאפּריזע ווילערישקײַט איז טייקעף פארשוווּנדן. ער האָט זיך א דערשראָקענער אוועקגעבויגן, אָנגעכאפּט די ווּעסלעס און א געשריי געטאָן:

— א־א־אך ניין...

ער האָט גענומען פּעסט רודערן.

זיי האָבן פארקערעוועט אַפּ צוריק, זײַנען דורכגעפאָרן דעם קאנאָל דעלאַ גראציא, און אז סאאקאָ מאָדענא איז בא דער פּאליִא־בריק ארויסגע־גאנגען פונעם שיפל, האָט ער צוגעוואָרפן אלכאדאבן דאָס צוגעזאָגטע בײַטעלע מיט געלט.

— זאָלסט זיך מיר נישט מער פאר די אויגן דערוועגן.

— א־א־ך ניין...

די גאָנדל האָט זיך מיט גיכע רודער־קלעפּ אוועקגעטראָגן אין דער פינצטערניש.

5

שפעט באנאכט, נאָענט צום שאריען, האָט סאאקאָ געזײַדט איבער־פוסטע געסלעך. זײַנע טריט האָבן דײַטלעך אָפּגעהילכט אין דער שטיל־קײַט. פון מאָל צו מאָל האָט זיך געהערט א פליעסקע אינעם נאָענטן קאַ־נאַל און פון ערגעץ ווײַט אַן אָפּגעטעמפּטער געשריי.

פלוצעם איז סאאקאָ אנטקעגנגעקומען זײַן פאָטער. ער האָט זיך איבעראשט אָפּגעשטעלט.

— פאָטער, פונוואנען גייסטו אליינ אזוי שפעט אין דער נאכט?

— פון קאָנווענטיקאָלאָ, סאאקאָ.

סאאקאָ האָט זיך דערמאָנט אין זײַנע קינדער־יאָרן. זײַן פאָטער האָט אים אמאָל פארטאָגס געוועקט און אים געפירט אין א נײַעם קאָנווענטי־קאָלאָ, ווו מע האָט געזונגען טרויעריקע פרומע לידער. צו יענער צײַט זײַנען בא די יידן, פונקט אזוי ווי בא די קריסטן, געווען זייער פאר־שפרייט פארשיידנערליי קרײַזלעך און קאסינאָס, ווו מע איז זיך צונויפגע־קומען צו שפילן פארשיידענע שפילן, אָדער צו בעטן געבעטן, אפ צו פירן נעשפרעכן וועגן פּאָעזיע און פילאָסאָפיע, אָדער אפ צוצוגרייטן קאָמעדיעס און מוזיקאלישע שטיק.

— פון די מיטנגאכט־געבעטן?

— ניין. פון סאָכרישן קאָנווענטיקאָלאָ.

ס'האָט געבלאָזן א פארטאָגיק ווינטל. ווײַט פונעם יאם האָט זיך גע־טראָגן א בלאסע שאריענדיקע שײַן. סאאקאָ האָט פעסטער ארומגענומען אפ זיך דעם מאנטל.

— ווו האָסטו דײַן מאנטל, פאָטער?

— פארשפּילט.

סאאקאָ האָט אים אָנגעכאפּט בא דער האנט און אָנגערירט זײַנע פינגער.

— דעם זיגלריגן ווו האָסטו, פאָטער?

— פארשפּילט.

סאאקאָ האָט אים ארומגעטאפּט דעם בוזעם.

דעם זייגער אויך?

— אויך.

— סאאקאָ האָט א פליעסקע געטאָן מיט די הענט און האָט זיך הויך צעלאכט.

— מיר האָסטו געשריבן אין בריוו: נישט־גוטס הער איך פון דיר אומעטום, ווו דו קומסט, פארשוועכסטו מײַן נאָמען מיט דײַן לײַכטזיניקער־פירונג...

דער פאָטער האָט שווער געהויבן די פיס.

— יאָ.

סאאקאָ האָט אים ארומגענומען.

— טאטע.

מאָדענא האָט זיך פון זײַנע אָרעמס באפרײַט, אופגעהויבן א פינגער און געוויזן אפ איינצלנע בלאסע שטערנס, וואָס האָבן נאָך ערגעצווו אפן הימל געפינטלט. סאאקאָ האָט זיך דערמאָנט דעם שמועס מיטן פּאָטער אין אָוונט פון זײַן קומען, האָט ער אים ארומגענומען באם סטאַן און איז שווײַגנדיק לעבן אים געגאנגען.

מאָדענא האָט געזאָגט:

— ווען ס'זאָל מיר נאָך מײַן טויט גנעדיק זײַן א גאָט, און מיר געבן די מעגלעכקײַט צוריקצוקערן אין א מוטערטראכט און אין דער גליקלעכס־טער לאגע נאָכאמאָל א לעבן צו לעבן... וואָלט איך זיך, ס'איז עמעס, אָפגעזאָגט...

— שפּיל גישט אין קאָרטן, פּאָטער.

מאָדענא האָט מיד געשמייכלט.

— צוריק מיט א יאָר האָסטו פּארמאָגט פערצן טויזנט רעאלן געלט, שיפן און לאגערס מיט סכוירע. ווו זײַנען זיי, סאאקאָ?

סאאקאָ האָט אויך געלאכט.

— זיי ווארטן אף מיר, איך זאָל זיי ווידער געווינען און מער נאָך א סאך.

— ניין. פון די נעצן, וואָס די מאזאָלעס ציִען, קאָן זיך קיינער אליין נישט באפרײַען.

— און גאָט?

מאָדענא האָט געצויגן די פּלייצעס.

— אָן אנדערן וואָלט איך געזאָגט, אז יאָ.

ער האָט א ווײַלע געשוויגן און ווידער אָנגעהויבן:

— וואָס האָב איך שוין אלץ נישט געפּרווט אין מײַן לעבן? און אומזיסט. נאָך מײַן פּאָטערס טויט האָט זיך מײַן גורל פארקערעוועט אף אייביק.

— פּאָטער, קום און פאָר מיט מיר אין א ווײַטער לוינענדיקער האנדל־נעסיִע.

מאָדענא האָט א מאך געטאָן מיט דער האנט.

— אין מײַן פּאָטערס באנק בין איך געווען דער געלט־אײַנמאָנער, אָבער נאָך זײַן טויט בין איך געוואָרן א קינדער־לערער, א בריוו־פאר־פאסער פאר נישט־געניטע. דערנאָך בין איך געווען א ראָוו אין פעראַרא, מיט אויוואדיא טרעוועז האָב איך געזוכט דעם פילאָסאָפישן שטיין, און אלכימיש פארוואנדלט בלײַ אין זילבער...

— די אלכימישע דאמפן האָבן אופגעגעסן דײַן האָב און גוטס.

— איך האָב געפּרווט צו פירן גרויסן האנדל, דערנאָך בין איך געווען א כאזן. איך האָב פארפאסט סאטירעס און פאמפלעטן, קאָמעדיעס

און בארימטע טעאָלאָגישע ביכער אין דער הייליקער שפּראַך און אַף איטאַליעניש. דערנאָך בין איך געווען אַ שאַכן, אַן איבערשרײַבער פֿון שריפֿטן, אַ מעקלער און אַ קאָרעקטער. איך האָב דיריגירט אָראַטאָריעס אין דער מוזיק-אַקאַדעמיע און געדרוקט אַליין־פֿאַרפֿאַסטע געבעט־ביכער אין מײַן אייגענער דרוקערײַ. איצט בין איך אַ פּריידיקער אין ווענעציע און גיי אַהיים מיט מײַן פֿאַרלוירענעם זון, ווידעראַמאָל פֿאַרשפּילט ביז צום העמד, און נישט איינגאַנצן ניכטער...

— פֿאָטער, שפּיל נישט אין קאָרטן.

— ...נישט אַנדערש: גאָט גיט די שלעכטע מענטשן אַזאַ קויעך צו לײַדן פּײַן, ווי ער גיט די גערעכטע אופֿצונעמען לוין... מײַן גלוסטונג צום שפּיל קאָן איך נישט באַצווינגען.

ס'האָבן זיך דערהערט טריט הינטער זיי. דער פֿאָטער האָט זיך גיך אויסגעדרייט. ער האָט אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט און געשריגן:

— צו הילף! איך דערקען אײַך! טשעזאַרע פּעדושיאָ, יוזביץ קוניאַנ, מיקעלע סאַפּערנאָ... זיי זאַמלען זיך שוין ווידער אַף מײַנס אַ קינד.

סאַאַקאָ האָט אַרופֿגעלייגט זײַן האַנט אַף זײַן פֿאָטערס מויל און איז צוגעגאַנגען צו די דרײַ מענער אײַנגעהילטע אין מאַנטלען ביז צו דער נאָז.

— דאָס מיינט איר מיך?

אַ בעקיוון פֿאַרענדערטע דעמפּיקע שטים האָט געענטפֿערט:

— דער טײַוול מיינט דיך. גיי דײַן וועג און טשעפּע נישט פֿרידלעכע לײַט.

ער איז נעענטער צוגעגאַנגען.

— גייט גיך פֿאָרויס. — ער האָט צוגערופֿן זײַן פֿאָטער, און אין זײַן האַנט האָט עפּעס אַ בליץ געטאָן.

— איין רעגע וועלן מיר דאָ וואַרטן. איין רעגע בלויז, פֿאָרויס!

אַלע דרײַ מענער האָבן זיך אַ שאַר געטאָן פֿאַרבײַ, פֿאַרקערעוועט אין אַ געסל און נישט געוואָרן.

— סאַאַקאָ, וואָס ווילן זיי פֿון דיר.

— פֿון מיר? און עפּשער גראָד פֿון דיר? עפּשער טרײַבט זיי קינע זיך אָפּצורעכענען מיט דזשיאָיאַס איצטיקן פֿרײַנט און באַשיצער? ס'איז דיר באַקאַנט, נישט ווייניקער פֿון מיר, אַז דזשיאָיאַ האָט זיך שוין לאַנג מיט די דאָזיקע לײַט צעקריגט און זיי פֿון זיך דערווײַטערט. אַזוי איז מי־נאַסטאַם געווען דער ווילן פֿון איר איצטיקן פֿרײַנט און באַשיצער. עפּשער זוכן זיי דאָס אים באַנאַכט און שפּירן אים נאָך אין טונקעלע הינטערגעס־לעך... סיניאָר לעאָנע, גייט נישט אַליין אַזוי שפּעט באַנאַכט און אומבאַ־וואָפֿנט, סיניאָר לעאָנע.

מאָדענאַ האָט זיך האַסטיק אַף אים אומגעקוקט און געזאָגט:

— אײַערע רייד, סאַאַקאָ, זײַנען נישט גראַציעז. היט זיך, סאַאַקאָ, פֿאַר־

דער האמעטנער טאַש פונעם אורפאַטער נויעכס מיטלסטן זון...— ער האָט זיך פון אים אָפּגעקערעוועט אין א זײַט און איז אליין אוועק.

סאאקאָ איז שטיין געבליבן און אין געדאנקען נאָכגעקוקט דעם פאָטער ביז ער איז פארשווונדן פון זײַנע אויגן. ער האָט בא זיך אין הארצן באַשלאָסן, אז ס׳איז צײַט זיך באַוואָרענען מיט אן אייגענער וואַך פון מוטיקע מענער.

6

צומאָרגנס האָט סאאקאָ געהערט, אז צו זײַן פאָטער זײַנען פון א ווײַט לאנד געקומען צוויי וואונדערלעכע געסט, אָנגעטאָנענע, זומער-צײַט, אין גרויסע סויבלענע היטלען און אין לאנגע מיט פוטער באַזוימטע מאנטלען. גערעדט האָט איינער פון זיי, א מענטש מיט א ברייט צעוואָקסענער באָרד ארום קײַלעכיקע באקן, וואָס האָבן געשוויצט און זיך געריטלט פון פארלעגנהײַט. זײַן באַגלייטער, א שילער אָדער א דינער, האָט געשוויגן.

דער גאַסט האָט זינגעוודיק געצויגן זײַנע רייד און געדרייט מיט די פינגער אין דער לופט. סאאקאָ האָט גאָרנישט פארשטאַנען, ווײַל דאָס איז געווען דײַטש אויסגעמישט מיט א סאך העברעיִשע זאצן און שפאניאָלישע ווערטער.

— ...פון אײַערע בינשטאָקן געניסן מיר האָניק, די געהיימנישן פון דער טוירע לערנען מיר אין די הייליקע ביכער, וואָס איר האָט פארפאַסט. איבער אלע ווײַסטע לענדער שמעקן די בלומען פון אײַערע געבעט-ביכער, און דער מוסער פון אײַערע שריפטן איז באַטאמטער פון מארציפאַן. אונטערטעניק שטעל איך זיך אײַן אײַך צו פרעגן עטלעכע זאכן. זאָל אונדז דער מײַסטער לערנען...

כאַטש מאַדענאַ האָט אים שוין איין מאָל אין לאנגע בריוו געענטפערט אַף די זעלבע פראַגעס, האָט ער אים איצט נאָכאמאָל אַף העברעיִש געלאסן דערקלערט פארשיידענע פּראַטים, ווי סע דארפן זיך פירן די פרויען באַם פרומען באָדן, וואָסערע בראָכעס מע דארף מאכן אַף די נײַ באַקאנטע פיירעס פון אינדיע, און וואָס מע דארף טאָן און בעטן באַם לייזן א שלעכטן כאָלעם. ער האָט אויך געוויזן די פאסיקע ערטער אין אַלטע פאַליאַנטן און זיי אויספירלעך פארטײַטשט. דער גאַסט האָט זיך אין פארלעגנהײַט געריטלט, אנציקט געגלאָצט מיט די אויגן און געמליאַסקעט מיט דער צונג.

— ...מיט באַלזאַם דערקוויקט איר מײַן געמיט. גלוסטיק טרינק איך לעבעדיק וואסער, וואָס שטראָמט פון אײַער מויל. אָבער מײַן הארץ איז פארצאָגט און מײַן געמיט איז דורשטיק...

יעהודאַ מאַדענאַ האָט מיד א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געוויזן דעם גאַסט ער זאָל ווײַטער ריידן.

— ...צוגעקוקט האָב איך זיך און איך האָב געזען, אז א סאך פון אונ-

דזערע ברידער אינ דעמ לאַנד וויַיכנ אָפּ פונ הייליקנ וועג אונ שטויסנ העפּקערדיק די פּיס פונ דער געטלעכקייַט. זיי גייענ אינ בלויזנ קאָפּ, טרינקענ נייסעכ-וויַינ מיט גױִם, גייענ אינ טעאטראָעס אָנשטאָט אינ שול, צערנ פּוסטע רייד, ווערטער פונ שטוס אונ לייצאָנעס, די זינגענדיקע שטימ פונ א פּרוי, וואָס דאָס איז דאָכ ערגער ווי אנטפּלעקטע שאַנד. קלאָגט מיַינ הארצ אונ טרויערט, וויַיל זיי פארהאלטנ די טריט פונ מאָשיִעכ...

— אוודע, מיַינ ליבווערטער גאסט איז דאָ אפּ דעמ פּאראנ וואָס צו קלאָגנ. איכ האָב אפּ די זאכנ נישט איינ מאָל געוואָרנט מיט כיירעמ, אונ איַינגעשפּארטע הארב באשטראָפט. אָבער די באדערפענישנ פונעמ פאָלק זיַינענ גרויס, די וועלטלעכע געשעפטנ פירנ זיי צונויפ מיט די ניט-באשניטענע, אונ לויט דעמ ניסאָיענ ווערט געוויגנ די טאַט. מע טאָר נישט באלייגנ דאָס פאָלק מיט געבאָטנ, וואָס זיי קאָנענ אפּ זיי נישט באשטיינ... ביפראט, אז די היַינטיקע פעלקער, וואָס מיר וווינענ צווישנ זיי, גיסנ נישט, ווי די אמאָליקע געצנדינער, קיינ וויַינ-קארבאָנעס פאר זייער גאָט, איז דעריבער דער וויַינ, וואָס זיי רירנ אָנ, נישט קיינ עמעסער נייסעכ-וויַינ... אינ די היַינטיקע טעאטערס ראנגלענ זיכ נישט קיינ גלאדיאטערס מיט בייזע כיַיעס, ווי אינ די ציַיטנ פונ די טאנאָיִמ אינ רוימ, זיַינענ זיי פאָרט נישט דאָס אייגענע ווי די, וואָס אונדזערע לערערס האָבנ אינ טאלמוד אזוי הארב פארבאָטנ.

— ...די היגע ייִדנ ריידנ אלע אנ אומפארשטענדלעכנ גאָיִשנ לאָשנ. פונ מיצראיִמ האָט גאָט די ייִדנ אויסגעלייזט, וויַיל זיי האָבנ נישט געביטנ די נעמענ, די שפּראכ, דאָס אָנטאָנ...— ער האָט געוויזנ אפּ זיַינ אייגענעמ מאנטל.

— אונ ווי זאָלנ זיי ריידנ?

— טיַיטש. מיט טיַיטש ווערט גאָטס וואָרט פארטיַיטשט.

מאָדענע האָט זיכ פונ פארווונדערונג א רעגע פארלוירנ.

סאאקאָ האָט גאָרנישט פארשטאנענ, ער האָט בלויז געזענ, אז זיַינ פאָטער איז מיד אונ פארומערט. ער האָט זיכ מיט פארליבטקייַט איַינגעקוקט אינ די שטרענגע איידעלע שטריכנ פונ זיַינ פאָטערס בלאסלעכנ פּאָנעמ אונ אינ זיַינע גראציעז געלאסענע באוועגונגענ. אינ זיַינ לייַכטגעקריַיזלטער גאָלדנ בלישטשענדיקער באָרד האָבנ זיכ שוינ באוויזנ גראָע האָר אונ ארומ זיַינע בלויע אויגנ אונ פּיַיכטע אופגעקוואָלענע ליפּנ האָבנ זיכ באמ שמייכלענ שטיפערישע קנייטשלעכ מילד געליאשטשעט.

סאאקאָנ האָט פארדראָסנ דאָס הייזעריק-זינגעוודיקע ריידנ פונעמ גאסט. ער האָט זיכ דראָענדיק צו אימ דערנעענטערט.

— פאָטער, איכ וועל אימ אראָפּווארפנ פונ פענצטער.

מאָדענא האָט געשמייכלט אונ אימ געוואָרנט מיטנ פינגער. דער גאסט האָט זיכ דערשראָקנ פונ סאאקאָס פלוצעמדיקער באוועגונג. ער האָט זיכ אָבער באלד בארויִקט.

— ...ניט אנ אָנצוהערעניש אונ אָנווײַז, באהיט מיכ גאָט דערפונ... ווער בינ איכ אנטקעגנ אײַכ, גרויסער גאָענ אונ לערער. פונ די נישטיקע דער נישטיקסטער, פונ אײַערע טאַלמידימס טאַלמידימ א מינדסטער קנעכט, א שאָלעכל פונ קנאָבל, שטויב פאר אײַערע פיס... אָבער דעמ לערערס פירונג איז פאר די שילער א לערע, וואָס מיר דארפנ זי פאָרשנ אונ דערקענענ... בא אײַערע שלייפנ, ראבי, טראָגט איר נישט קיינ לאָקנ, ווערט דאָכ דאָס געטלעכע בילד פארלענדט, דער זיגל, וואָס גאָט האָט באזיגלט דאָס פּאָנעמ פונ יאַקויווס קינדער... שטיי איכ צעמישט אונ דערשלאָגנ אונ ווייס נישט דעמ טיפערנ מײַנ...

ער איז נאָענט ארומגעגאנגענ ארומ דעמ הויכ-געוואָקסענעמ מאָדענא, פאָרשנדיק באטראכט זײַנע האָר אונ זיכ צו זיי אפילע צוגערירט. כאָטש ער האָט זיכ אונטערטעניק געקניִטשט, האָט ער ארויסגעוויזנ א טיפנ פאדיבל.

מאָדענא איז אופגעשטאנענ.

— גייט, ליבווערטער, כאָשעווער מאנ. איכ האָב אײַכ שוינ אלצדינג געזאָגט.

דער גאסט האָט זיכ צעטומלט, ער האָט זיכ אָבער נישט גערירט פונ אָרט אונ געענטפערט מיט א טאַלמודישנ ווערטל:

— אלצ, וואָס דער באַלעבאָס זאָגט דיר — טו, אכוצ ווענ ער זאָגט דיר: גיי ארויס...

מאָדענא האָט זיכ אומגעקוקט צו סאאקאָנ, סאאקאָ איז טייקעפ צוגעלאָפנ.

— טראָג זיכ אָפ, דו קונצנמאכער!.. — ער האָט לאכנדיק אפ דעמ גאסט געבלאָזנ פונ פולע באקנ אונ אימ געשראָקנ פאָכנדיק מיט די פויסטנ אינ דער לופט.

— אײַ-אײַ! — האָט דער גאסט געשריגנ, זיכ אײַנגעבויגנ אונ אָנגענומענ דעמ באגלייטער זײַנעמ בא דער האנט. לעבנ דער טיר אָבער האָט ער זיכ אויסגעדרייט אונטער סאאקאָס פאָכנדיקע פויסטנ אונ געוויזנ, אז ער וויל זיכ, ווי ס'געהער זיכ געזעגענענ.

— זאָל אײַכ גאָט דאָס הארצ דערקוויקנ, ווי איר האָט מיכ געטרייסט. אָבער דער שטייגער פונ אײַער לעבנ איז גאָר ווונדערלעכ אונ אויסטערליש... ער האָט מיט שרעק געוויזנ אפ סאאקאָ.

מאָדענא האָט אימ דערלאנגט א גאָלדענעמ דוקאט אונ אימ ארויסבאלייט ביז אפ דער גאס.

סאאקאָ האָט זיכ געוווּנדערט: — ווער איז דער מענטש אונ וואָס האָסטו אימ אזויפיל געזאָגט?

— שלוימאָ שלוימל פונ מאָראוויע איז א ווײַטבארימטער געלערנטער מאנ אינ די דײַטשישע אונ פוילישע לענדער. ער קומט איצט פונ הייליקנ לאנד, האָט זיכ אינ יערושאָלאימ אונ צפאס אויסגעלערנט דעמ קאבאליס-

טישן אָבערגלויבן און פּאָרט איבער די לענדער און פאַרשפּרייט די פּאַל־שע לערע. מיט מיר האָט ער וועגן די דאָזיקע געהיימנישן זיך נישט דער־וועגט צו שמועסן. בא מיר האָט ער בלויז געלאָקערט אַפ א הערעטישן אַנטפּער, קעדיי צו באקומען נייגעריקע נייסן פאַר זיינע בעטלערישע נע־סיעס און צו פאַרשפּרייטן שטרייטיקייטן, אַז יעהודא אריע מאָדענא צווייפלט אין דער לערע פון טאַלמוד און לייקנט גאָטס וואָרט.

סאאקאָ האָט פאַרקרימט דאָס פּאָנעם.

— דערווידער איז ער מיר ווי א נעווייליקע קראָ.

— דער מאָשיעך, ווען ער וועט קומען, וועט ער אַפ זייער אויסזען נישט קוקן. זיי זיינען פינצטער, זשעדנע, אָרעם, כיטרע, גענייגט ווי מאַלפּעס צו לעפּישע קריגערייען, אָבער גאָטס פּאָרכט איז אין זייער הארצן און זיי וועלן שטיין פאַר אים גערעכטע.

סאאקאָ האָט זיך פאַרטראכט.

— דיין באַהאַלטענער געדאַנק איז אומענדלעך קליגער, ווי דער, וואָס דו זאָגסט אין דער הייך. שווייגעריש איז דיין קלוגשאַפט, דערפאַר איז זי נישטאָ. דער האַריקער מענטש פון די בארבארישע לענדער פילדערט פּרעכ־טיק זיין היילקן אומזין און דו בייגסט אונטערטעניק אָן דעם קאָפּ... מע דערציילט אין דער פּראָווענס, אַז איינער א מאַראַן אין האָלאַנד לייקנט אין אַלע געבאָטן און זאָגט, אַז די טויטע וועלן סײַווי קיינמאָל נית אויפ־שטיין צום לעבן.

— שוויַיג!...— מאָדענא האָט זיך נישט־ווילנדיק אומגעקוקט — דער נאָ־מען איז פאַרשאָלטן און פאַרפלוכט.

סאאקאָ האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון זיין פאָטער.— סיניאָר אַנטאָניאָ פּאַדינאַן, א דאָקטער אין ליוואָרנאָ, האָט מיר וועגן דיר דאָס אייגענע געזאָגט.

דער אַלטער מאָדענא האָט א מידן מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— פאַרמער נישט, סאאקאָ, די צאָל פון די, וואָס טראַכטן זיך אויס אַפּ מיר בילבולים. דער וועג פון דער געטלעכער פאָרשונג איז פול מיט שטרויכ־לונג, פּאַך־שטריק און נעצן...

סאאקאָ האָט א ציַ געטאָן מיט די פּלייצעס.

— נישט אַנדערש, פאָטער, ס'איז א פּאַרוויקעלט שפּיל פאַר אומעט־קע פּפּאָפּן[1]... פאָטער, אַפּ גאָטס וועלט אומעטום, אַפּן ווייסן יאַם און אַפּ דער גאַנצער טריקעניש איז דער וועג אָפן פאַר אומגעריכטע סאָכרישע געווינסן און פּרייַלעך און גרייט צו אַלדעס גוטס און פרייד.

ער האָט לאַכנדיק אויסגעשפּרייט די אָרעמס, אַרומגעדרייט זיך אַרום זיך אין א וויכער און יובלענדיק געווופן:

— וואָס ביסטו אומעטיק, פאָטער, איך האָב דיך דאָך ליב.

---

[1] א זידל־וואָרט פאַר גײַסטלעכע פון אַלע רעליגיעס.

7

דער אוראַלטער קאַנטע גאַמבאַרדע איז די גאַנצע צײַט געזעסן אײַנגעזונקען אין זײַן שטול אויבנאָן און געשוויגן. לאַנגע גראָע ברעמען האָבן אַזוי שטאַרק צוגעדעקט זײַנע טיף פאַרגראָבענע אויגן, אַז ס'איז שווער געווען צו וויסן, צי הערט ער זיך אײַן צו דעם, וואָס מע רעדט, אָדער צי איז ער אײַנגעדרעמלט.

— ...אַפּ זיכער ווייס איך בלויז דאָס, אַז אַלע, וואָס זײַנען מיט אים פון זאַנטע, פּאַמאַגאַסטאַ, קאָרפו, ציפּערן, מעסינאַ און אַטראַנטאָ באַקאַנט, קענען נישט גענוג אויסלויבן זײַן מוט, פלינקייט און קלוגשאַפט, — האָט געמיטלעך אויסגערעכנט דער גראָבער גווידאָ אַלוויזע דזשיוסטיניאַני, וואָס האָט אַפּ הײַנט אינדערפרי פאַרבעטן צו זיך אין פּאַלאַץ זײַנע געשעפטספרײַנט. — אַלע זאָגן, אַז מע קאָן אים פאַרטרויען...

— אים עפשער, זײַן קאָרט נישט. דער פאָטער זײַנער האָט אים געמוזט אויסלייזן פונעם שיפ... — האָט לוידזשי קאַלאַנאַ איבערגעריסן און אַראָפּגעקוקט אַפּן פאַל צו די קונסטפול אינקרוסטירטע מאָזאַיקן פון אָריענטאַלישן מאַרמאָר.

— אַפּ דעם וועט דער יונגער קאַנטע גאַמבאַרדע שוין אַכטונג געבן.

— ...גרילאָ, סאַנצאַניאָ, װענדראַמיני האָבן דורך אים געמאַכט גרויסע געשעפטן. סאַנצאַניאָ איז פון אים רײַך געוואָרן. — האָט זיך אָפּגערופן דזשיאַמבאַטיסטאַ דאָלפין, אַ קורצגעפּאַקטער סויכער פון די טשיטאַדינים[1].

— אוואדע... האָט לוידזשי קאַלאַנאַ עסעריק געשפּעט. — דאָזשע אַנטאָניאָ פּריולי איז מיט אים אויך נישט אומצופרידן... נישט אומזיסט לויפט סאַאַקאָ פרײַ אַרום אין װענעציע בײַ סע לאָקערן אַפּ אים אין איטלעכן ווינקל אָפּגעקויפטע מעסערס און סע ליגן אַפּ אים אין טריבונאַלע[2] גאַנצע הויפנס מיט מעסירעס פון אַלע קאַנטן אין דער לעוואַנטע.

דער יונגער גאַמבאַרדע, בענעדעטאָ, דעם אַלטן קאַנטע גאַמבאַרדעס אַן אוריייניקל, איז בײַז אופגעשפרונגען.

— לאָזט געמאַך, קאַלאַנאַ, אַזוי וועט בעסער זײַן. גאַנץ װענעציע ווייסט, אַז אײַער ברודער לאָרענצאָ קאַלאַנאַ באַהאַלט זיך זײַט פינף טעג און גייט נישט אַרויס פון מוירע פאַר סאַאַקאָ.

— לאָזט געמאַך, גאַמבאַרדע. מײַן ברודער געהערט דאָ נישט צו אונדזער הײַנטיקן שמועס.

— זאָלט איר נישט ריידן פון אָפּגעקויפטע מעסערס, ווײַל מע קאָן זיך נאָך גרינג דערמאָנען אָן צוויי פון די נײַן, וואָס האָבן דזשיאַנינאָ מאָדענאַ הינטערווײַלעכס אָוועקגעראַמט. און הײַנט איז דאָך סאַאַקאָ אין װענעציע.

[1] שטאָטישע בירגער.

[2] געריכט.

— רופן אים טאקע די סאָכרים און שיפּ־פּאָרערס אין דער גאנצער לעוואנטע „די מילדע האנט"... מיט וויפל מענטשן האָט ער זיך שוין נישט צעשלאָגן זינט די פינף טעג, וואָס ער איז אין ווענעציע?

פּאמעלעך און ניט איינגאנגען זיכער האָט דזשיאָם־באטיסטא דאָלפין צוגעגעבן:

— מע דערציילט זיך טאקע פארשיידענע זאכן... אפילע עפּעס וועגן יאַם־רויבערײַ און פארשיידענע פּאָרטלען, וואָס זײַנען געטאָן געוואָרן מיטן דאָזשעס וויסן...—האָט דאָלפין שעפּטשענדיק פארענדיקט.

— זײַנע פינגער זײַנען פארשמירט מיט נישט ווייניק בלוט.

— ...אָבער נישט מיט קיין געלט. און האָב איך נישט קיין טאָעס איז דאָס אונדז א סאך וויכטיקער.

פּרינטשיפּע דזשיוסטיניאן האָט אין דער קילקײַט פון זײַן גרויסן גאסט־זאל, וואָס איז געווען טאפּעטירט מיט גאָלדגעפּרעסטן לעדער און באהאנגען מיט פיגורן־רײַכע בילדער, אָנגעהויבן בענקען נאָך א גוטן מאָלצײַט. ער האָט זיך פארטראכט, געקוקט אף די מאטעווע זון-פּאסיקלעך, וואָס האָבן זיך ארײַנגעכאפּט דורך שפּאלטן אין די שווערע בראָקאטענע פּאָרהאנגען פון א זײַטיקן פענצטער און האָט פארבאהאלטן א גענעץ געטאָן. אזוי צי אנדערש האָט ער גערן געוואָלט סע זאָל זיך שוין וואָס גיכער פארענדיקן.

— א מוירעדיקער פארשווענדער און קאָרטן-שפּילער, א מוידן-כאפּער אויך, אָבער קלוג... ער נארט אָפּ גריכן, ארמענער און טערקן וויפל ס'איז דאָ... הו! האָט ער זיי אין זאק. ער הייסט דאָך סאאקאָ[1] — גווידאָ אלוויזע דזשיוסטיניאן האָט זיך פּעט צעלאכט פון זײַן ווערטל. פון לאנגווײַליקײַט האָט ער ברייט צעוויקלט א גרויס לענדער-בילד אפן טיש און גענומען פירן מיטן פינגער איבער יאמען און לענדער און שטעט. ער האָט א שטויס געטאָן דאָלפינען, וואָס איז לעבן אים געזעסן.

— ווו איז זי דאָס, די בראזילע נעל אינדיא?[2].

דאָלפין האָט אים געוויזן אף דער לאנד-קארטע. דזשיוסטיניאן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט עפּעס נײַעס און וואונדערלעכס דערזען.

— און גאָלד וואקסט דאָרט, און ברוינע געצנדינער לויפן נאקעט ארום, מצ... מצ...—ער האָט זיך נײַגעריק אריבערגעבויגן איבער דער לענדער-מאפּע.

א ווײַלע האָבן אלע געשוויגן. באלד אָבער האָט לוידזשי קאָלאָנא ווי־דער אָנגעהויבן.

— ווי קאָן גיין מיט מאזל א זאך, וואָס איזא פארשוין רירט אָן... איז געווען זײַן ברודער אַניעלאָ, האָט ער עטלעכע מאָל געהאט צו טאָן מיט דער אינקוויזיציע פאר קישעפמאכן, כאָטש ער איז געווען נאָך גאָר יונג. מיט אבראהאם קאמעאָ האָט ער געזוכט דעם שווארצן שטיין, און מיט

---

[1] sacca—זאק (איטאליעניש).

[2] אזוי האָט דעמלט געהייסן דאָרעם־אמעריקע.

פראסע גרילאָ, וואָס מע האָט אים פאַראַ'אָרן איינעם מיט דאַריגאָ געקעפּט, האָט ער עטלעכע יאָר געאַרבעט אין אַלכימיע. מע זאָגט אַפילו, אַז ער איז דאָס פון די אַרשעניק־דאַמפן און פון די פאַרשיידנערליי גיפטיקע זאַלבן געשטאָרבן... וועגן דזשיאַמ־זעבולאָן וועל איך שוין בעסער נישט ריידן, כאָטש סע ווייסן אַלע, אַז ער איז געווען אַ שפּיאָן. ער, סאַאַקאָ אַליין, שעלט גאָט און רופט דעם טייוול עטלעכע מאָל אין טאָג, און ווער ווייסט, וואָס יעדע מינוט קאָן אים ברענגען... און אַפילו דער פּאַטער זייערער, איל ראַבינאָ לעאָנע, וואָס אונדזערע גאַלאַכים אין זייער געפאַלנקייט לויבן דאָס אַזוי זשעדנע צו הערן זיינע סערמאָנעס... ווער ווייסט... מיט סקאַראַמעלאָ און סאַבאַדינ איז ער אויך געווען פאַרוויקלט. זיין נאָענטקייט צו דער קורטיזאַנע דזשיאַ איז גוט באַקאַנט. אַכוץ דעם שטרעקט אויס שוין זייער לאַנג נאָך אים די האַנט די הייליקע אינקוויזיציע פון אָפּיציאָ צענזאָרי. ער גלייבט נישט, זאָגט מען, אַפילו אין זיין אייגענעם גאָט. גאָל רנטע יידן האָבן מיר דערציילט, אַז די גרויסע ביכער, וואָס ער האָט פאַרפאַסט קעגן די הערעטיקער און לייקנערס, האָט ער בלויז געשריבן, קעדיי צו פאַרשפּרייטן די הערעטישע מיינונגען פון זיינע קלוימערשטע קעגנערס, וואָס ער דערציילט וועגן זיי אַזוי ברייט און אויספירלעך אין זיינע ביכער, און ענטפערט אַף זיי מיט אַ פוילער צונג און אַ האַלבפאַרמאַכטן מויל... נישט איין מאָל האָט ער געלעסטערט אונדזער הייליקן גלויבן, און אין זיין פאַרשייטקייט שפּאָט ער נישט ווייניק פון אונדזער קריסטן־פאָלק...

דער אַלטער קאָנטע גאַמבאַרע, וואָס איז ביז איצט ווי געשלאָפן, האָט פּלוצלינג אַרויסגעשטעקט צוויי שמאָלע פינגער און געשטאָכן מיט זיי אין דער לופט אַריין אין דער זייט פון קאָלאָנאַ. קאָלאָנאַ איז אַנטשוויגן געוואָרן, און דזשיאַמ־באַטיסטאָ דאָלפין האָט זיך טייקעף אָפּגערופן:

— איי, קאָלאָנאַ, ווי איר האָט דאָס צונויפגעקליבן פון אַלע זייטן, און ווי איר וואָלט נישט געוווסט, אַז דער פּאַטריאַרקאַ ד'אַקווילעאָ, ערמאָלאַאָ באַרבאַראָ האָלט אַף אים ביידע הענט, און אויך דער זייער געלערנטער פראַ פּיעטראָ בעל אָקיאָ. און פּאַדוואָס כאַווערט זיך מיט אים אַזוי נאָענט דער פרומער דאָמיניקאַנער ווינצענצאָ קאָמאָנינאָ דאַ ראַגוזאַ? אַנומלט ערשט זיינען צוויי פראַטרעס געקומען ברענגען גרוסן דעם מייסטער לעאָנע מאָ־דענאַ פונעם בישעפ אין ליאַדעוו, זשאַן פּלאַנטאַוויט דע לאַ פּאָז, וואָס איז צוריק מיט אַ סאַך יאָרן געווען זיין שילער באַם לערנען די הייליקע שריפט...

8

אַלע האָבן אַהינגעקוקט צו לווידזשי קאָלאָנאַ. ער האָט זיך פאַרנייגט און אומגעדולדיק געמאַכט מיט די פינגער.

— ...איך קאָן נישט פאַרשטיין, איר איידלסטע הערן, ווי קאָן דאָס פאַרלייבן אַ קריסטלעכער מענטש? זיי מעגן בלויז האַנדלען מיט אַלטע

קליידער און איינגענומענע האָבן זיי בא אונדז שוין קימאט דעם גאַנצן יאַ-
מישן האַנדל מיט לעוואַנטע און מיזרעך ביז אַלעפּאָ און דאַמאַסקוס.
דזשיאַם־באַטיסטאַ דאָלפין האָט טייקעף אָפּגעענטפערט:
— איך דאָ איבערטרײַבט איר, קאַלאַנאַ. אָבער אַפילו ווען דאָס וואָלט
געווען דער עמעס, איז סײַווי בעסער די יידן איידער גאָרנישט. וואָס, ווען
נישט זיי, וואָלט געוואָרן מיטן ווענעציאַנישן האַנדל קיין קאַנדיאַ, קיין ציי-
פּערן, מאָרעאַ, לאַיאַדזאָ, פאַמאַגאָסטאַ, סמירנאַ, טראַפּעזונט, קאָנסטאַנטי-
נאָפּאָל, אַלעקסאַנדריאַ, אַלעפּפּאָ און דאַמאַסקוס? אַפילו דורכפאָרנדיקע שיפן
מײַדן שוין איצט אויס אונדזערע האַפנס, אַפילו גענוא און ליוואָרנאָ זײַ-
נען וואָלוועלער און באַקוועמער.
גווידאָ אַלוויזע דזשיוסטיניאַן האָט צוגעגעבן:
— איצט האָבן דאָך שוין מיט די טערקן אויך די האָלענדער גע-
שלאָסן אַן אָפּמאַך, וועלן אויך זיי אַריבעריאָגן אונדזער האַנדל מיט מיז-
רעך אַזוי ווי פראַנקרײַך און ענגלאַנד. ווער קאָן זײַן נוצלעכער, ווי די
יידישע סאָכרים, פאַרן זינקענדיקן האַנדל פון דער רעפּובליק?
בענעדעטאָ גאַמבאַרע האָט געזאָגט:
— די גריכישע, אַרמענישע און אַנדערע פרעמדע סאָכרים זאַמלען אָן
פאַרמעגנס און שלעפּן זיי אַרויס פון ווענעציע. אָבער די יידן בלײַבן אין
לאַנד, גיבן דער מעלוכע צוויי־הונדערט דרײַס־ק טויזנט גילדן האַכנאָסע אַ
יאָר, העלפן דער רעפּובליק אין דער נויט מיט האַלוואָעס, פאַרשאַפן וואָלוויל
נייטיקע סכוירעס פון ווײַטע לענדער און גיבן לוין און פאַרדינסט פאַר
עטלעכע טויזנט קריסטן. פונוואַנען קומט אײַער צאָרן, איידעלער קאַלאַנאַ?
— לוין און פאַרדינסט...— האָט קאַלאַנאַ איבערגעריסן.— איידער מע
ווילעט דעם אָקס לאָזט מען אים אַרבעטן און מע גיט אים צו פרעסן.
— איר ווייסט נישט ערגער פון מיר, אַז זיי מעסטן זייער רעווער
מיט קנאַפּער מאָס און פאַר האַלוואָעס נעמט קיינער נישט וועלוועלער ווי זיי.
— אַ נאַר איז דער, וואָס לאָדט אָן זײַן כײַע מער וויפל זי קאָן
אויף איין מאָל טראָגן. שאָף שערט מען, רײַסט מען אָבער מיט די הויט,
וועט קיינמאָל אויף זיי שוין מער ניט וואַקסן. רענדלעך שלעפּט מען איידל
און אײַנציקווײַז מיט צאַרטע שפּיצן פון דינע פינגערס און נישט אין
הויפנס און נישט מיט גראָבע שטריק, אַז זיי זאָלן נישט אַרויספאַלן פון
דער ליוזער האַמעטנער שלייף...
— אומגערעכטער צאָרן און נישט אײַער שאַרפער פאַרשטאַנד זאָגט
אײַך אונטער דאָס מאָל די האַרבע רייד. צי קאָן עמעץ לייקענען, אַז זיי
פירן זיך אײַנגעהאַלטן, איידל און ווירדיק?
— ווי זאַטע וועלף.
דזשיוסטיניאַן האָט זיך געמיטלעך צעלאַכט.
— אָן וואָלפישע ציין וואָלט קיינער פון אונדז נישט געזעסן אין פּאַלאַצן.
בענעדעטאָ גאַמבאַרע האָט צוגעגעבן.

— די פּויערים פון פעסטן לאַנד און די באַוווינערס פון די ווײַטע שטעט און אינדזלען, וואָס וועניקע הערשט איבער זיי, ווייסן וויל צו דערציילן, אַז גרויסע הינט פאַלן נישט אָן אַף קליינע קינדער, אָבער נישט אַלע זאַטע וועלף ווײַזן אַרויס די איידלקײַט פון שטאַרקע, זיך אָפּ־צוהאַלטן פון זשעדנער פאַרצוקונג און אומווירדיקן רויב.

דאָס איז געווען אַ בייזע אָנצוהערעניש. צווישן די גובערנאַטערס, אַף וועלכע די קאָלאָניעס און ווענעציאַנישע לענדערייען האָבן זיך שטענדיק באַ־קלאָגט באַם ראַט פון די צען, אַז זיי באַדריקן און רויבן זיי אויס, זײַנען עטלעכע געווען פון קאָלאָנאַס פרײַנט און קאָלאָנאַ אַליין, וואָס דער ראַט פון די צען האָט אים צוריק מיט עטלעכע יאָר געמוזט צוריקרופן פון אַ גובערנאַטערישער שטעלע.

קאָלאָנאַ האָט זיך אײַנגעהאַלטן און ניט געענטפערט אַפן דײַטלעכן שטאָך-וואָרט.

— אויך הונגעריקע וועלף איז פאַראַן צווישן ייִדן נישט ווייניק.

— די אָרעמע? די ייִדישע אַרטעזאַני און פּאָפּאָלאַני?[1]

— נישטאָ צווישן זיי קיין אָרעמע. זיי פאַרשטעלן זיך בלויז.

אַלע האָבן געשמייכלט איבער קאָלאָנאַס ווידערשפּרעכיקע רייד. דער גראָבער פּרינטשיפּע דזשיוסטיניאַן האָט געוואָלט פאַרגלעטן דעם שטרײַט מיט אַ ווערטל. ער האָט געמיטלעך דערציילט.

אַנומלט האָב איך אַ מאַרשאַלעק געזען אַפן פּלאַץ, האָט ער געוויזן קונצן און געזונגען לידער און אַלעמען געוואָלט באַווײַזן, אַז ער איז אַ שטאַמלער, און ווען ער רעדט גלאַטיק און גיך פאַרשטעלט ער זיך בלויז מיט קונציקער פלינקײַט....

לווידזשי קאָלאָנאַ האָט זיך אַרויסגעהאָלפן מיט אַ שפּאָטישן ענטפער.

— מיר דאַרפן זיי דאַנקען פאַר זייער געלט, וואָס שטעקט אין יעדן פון אונדזערע שיפן און פאַר די מענטשן, וואָס זיי בינדן אונדז אָן, קעדי־אַכטונג צו געבן ווי מיר באַגייען זיך מיט די אַנטלײַענע פאַרמעגנס.

— געלט האָבן מיר גענוג, און דאַרפן נישט קיינעמס, דאָס ווייסט איר ווי אַלע, לווידזשי קאָלאָנאַ, אָבער אייגענע ווענעציאַנישע שיפן ווערן ווייניקער און ווייניקער פון טאָג צו טאָג. ווילט איר מיר זאָגן אויך די לעצטע פאַרלירן? פאַרוואָס לאָזט איר נישט בויען שיפן, איידעלער קאָלאָנאַ, פאַרוואָס שיקט איר נישט שיפן אין די ווײַטע לענדער?

— זיי טאָרן נישט האַנדלען מיט געלט און זיי האָבן אײַנגענומען אַלע באַנק-געשעפטן...

— נישטאָ אין דעם קיין שלעכטס, וואָס זיי ציִען צו די פאַרמעגנס פון די רײַכע פּאָרטוגעזישע ייִדן אין אויסלאַנד. אויך דאָס ברענגט בלויז נוץ און האַכנאָסע דעם לאַנד און דער רעפּובליק.

1 אַרטעזאַני — באַלמעלאָכעס; פּאָפּאָלאַני — פאָלקמאַסע, אָרעמשאַפט.

— זיי טאָרנ נישט שיקנ קיינ שיפנ אפ אייגענעם נאָמענ אונטער ווענעציאַנישנ פלאַג... אונ זיי פירנ דעם האַנדל אפנ יאַם. אָנשטאָט אַלטע קליידער קויפנ זיי אופ מאַנופאַקטורנ פונ טוכ אונ בוימוואָל, פונ זייַד אונ גלאָז, פונ לעדער, זייפנ אונ פאַרפומעריעס, פונ פאַרבנ אונ אַפּטייקערישע דראָגנ, פונ שפּיצנ אונ טאַפּעטנ, פונ מאָזאַיִקנ אונ שפּייפערייַענ פונ איידלשטיינער...— ער האָט זיכ געווענדט צו בענעדעטאָ גאַמבאַרעס עלטערזיידנ, דעם אַלטנ קאָנטע גאַמבאַרע.— צי זעט איר נישט איידלסטער קאָנטע, אַז דאָס איז דער סאָפ?

דער אַלטער קאָנטע גאַמבאַרע האָט פאַמעלעכ אופגעהויבנ זייַנע שווערע ברעמענ, אַרומגענומענ אַלעמענ מיטנ קוק אונ צו קיינעם זיכ נישט געווענדט, אינ דער לופט אַרייַנ גערעדט.

— נישט זיי באַשולדיקט, נאָר יענע ווענעציאַנישע איידעלע לייַט פונ אַלטע מישפּאָכעס, וואָס וויַיל אונדזערע אַלטע יאַמישע וועגנ ברענגענ שוינ נישט מער דעם אַלטנ גוואַלדיקנ רעווע́כ, זייַנענ זיי געוואָרנ מיד אונ פויל. ווער פונ זיי פאָרט, ווי אונדזערע פאָטערס אונ מיר אינ דער יוגנט, אפ געוואַגטע יאַמ־נעסיִעס צו ציִענ געווינסנ פונ וויַיטע נייַע לענדער אונ באַרבאַרישע באַווינערס? אייַערע גרויסע פאַרמעגנס געפעלט אייַכ צו לייגנ אינ גיטער, הייַזער אונ באַנק־קאָנטאָרנ אפ וווּכער, פאַרשווענדערישע ווילעס האָט מענ זיכ אויסגעבויט אינ דאָרפ, מע פראַוועט באַרימעריש פּראַכטפולע שפּילנ אונ מאָלצייַטנ אונ מע ווירט פאַרצערטלט אונ פויל בא פוסטע הוליאַנקעס...

— נישט אַלע, איידלסטער קאָנטע. סע זייַנענ פאַראַנ אויכ אַזעלכע, וואָס פאַרקויפנ זייערע הייַזער אונ גיטער, קעדיי צו שיקנ אינ שוטפעס מיט יִידנ שיפנ מיט קאָרנ פאַר בראַזילע נעל אינדיע...

דער יונגער גאַמבאַרע איז קאַעסדיק אופגעשפּרונגענ איבער דעם האָזעדיקנ אָנצוהערעניש.

— אַזעלכע זייַנענ דאָ, ס'איז עמעס, אָבער זייער צאָל איז, ס'אַראַ ווייטעק, גאָר ווינציק, וויַיל גרינגער אַ סאַכ, ווי צו פאַרקויפנ הייַזער אונ גיטער אונ אויסצושטאַפירנ שיפנ מיט סכוירע, איז זיכ אַליינ צו פאַרקויפנ, ווי סע טוענ דאָס אַנדערע, דעם פויפּסט, דעם שפּאַניער, יעדנ פייַנט פונ דער רעפובליק אונ דעם טייַוול אַליינ. די איידעלע הארנ וועלנ מיר דערלויבנ זאָגנ: אויב איכ זאָל מיט דער פלאָטילע פאָרנ, האָב איכ מייַנ באַדינג שוינ געזאָגט. אַנדערש זאָל לווידושי קאַלאָנאַ די פירונג איבערנעמענ.

דער אַלטער קאָנטע גאַמבאַרע האָט נאָכ גיכער ווי פריער געשטאָכנ מיט צוויי אויסגעשמאָלטע זקיינישע פינגער אינ דער לופט אַרייַנ.

— אָט־וואָס איכ מיינ. איינער מיט די פייַנסטע פרומסטע מידעס וואָלט פאַר דער נעסיִע ווייניק געטויגט. ניט פונ עזאָפּס פאַבלענ לערנט זיכ דער טויכער צו פאַרמערנ דאָס געיאַרשנטע פאַרמעג פונ די פאָטערס. פאַר פרומענ טאַריבל האָט זיכ אַ פאַרשטאַנדיקער נאָכ קיינמאָל נישט דערשראָקנ. ווי שיקט זיכ עס, אַנ אַנדערנ צו זידלענ פאַר פלינקער געניטקייַט, וואָס

מע לויבט זי בא זיך? סאאקאָ האָט דערפאַרונג, מע האָט מוירע פאַר זײַן וואָרט און זײַן ערלעכקײַט איז פאַר מיר גענוג. א גוט שעפּעלע טויג פאַר א מאַנאַכ. א פרומענ מאַנ וועל איך בעטנ ער זאָל פאַר מיר דאַווענען, מײַנע שיפּ וועל איך אים נישט איבערגעבנ... די איידעלע הארנ קאָנענ דערנאָך באַטראַכטנ פאַר זייער טייל ווי זיי ווילנ. איך האָב פאַר מײַנ טייל באַשלאָסנ סאאקאָ מאָדענא איבערצוגעבנ מײַנע פינפ גאַלעאַסנ... זיי און מײַנ אורייניקל וואַרטנ שוינ מער ווי א וואָך אינגאַנצנ גרייט. דער ווינט און די גוטע פאַר־צײַטנ וועלנ דערווײַל אַריבער...

— און איך האָב באַשלאָסנ אינ דער זאַכ מיט אײַך נישט צו גיינ, איידלסטער קאָנטע גאַמבאַרע... — קאַלאָנא האָט זיך אָנגעכמורעט און איז טונקל געוואָרנ אינעם פּאָנעם.

דער אַלטער גאַמבאַרע האָט זיך פּאַמעלעכ אופגעהויבנ.

— איך בינ זייער אַלט און אָפּטמאָל מיד. דערלויבט מיר, איידעלע הארנ, אײַך צו פאַרלאָזנ.

גווידאָ אַלוויזע דזשיוסטיניאַנ איז צוגעלאָפנ.

— ...נישט איידער איר וועט באַשײַנענ מײַנ טיש און זיך כאָטש מיט א קלייניקײַט דאָס הארצ אונטערלענענ.

— נישט לאַנג און איך וועל אַזעלכע זאַכנ שוינ קיינעם אַכוצ גאָט נישט קאָנענ צוליב טאָנ, טאָר איך איצט דערווײַל מיט זיי נישט קאַרגנ...— האָט דער אַלטער גאַמבאַרע העפלעכ מאַסקעט געוועג.

— נײנ, קאַלאָנא! איר אויכ, מיר מוזנ אינײנעם הײַנט עסנ די מאַלצײַט, ווי מיר האָבנ אינײנעם באַראַטנ דעם איניען, כאָטש זיך נישט אינגאַנצנ באַגעגנט מיט דער מיינונג...

9

אינ דער דאָזיקער רעגע האָט א מעשאָרעס געמאָלדנ:

— סיניאָר סאאקאָ מאָדענא!

סאאקאָ האָט זיך שווײַגנדיק פאַרנייגט פאַר גווידאָ אַלוויזע דזשיוסטיניאַנ. ער האָט זיך גיכ אומגעקוקט און זיך נאָכ טיפער פאַרנייגט פאַרנ אַלטנ קאָנטע גאַמבאַרע. דער זאָקנ האָט מיט אָנשטרענגונג אופגעהויבנ די ברעמענ און א ווײַלע פאַרשנדיק זיך פאַרקוקט אפ סאאקאָ, ווי נישט קיינ מענטש, נאָר א זאַכ וואָלט פאַר אים געשטאַנענ. ער האָט א מאַכ געטאָנ מיט דער האַנט, צוריק אַראָפּגעלאָזט די ברעמענ און זיך אײַנגעהערט אינ די ווערטער, וואָס וועלנ איצט קומענ.

בענעדיקטאָ גאַמבאַרע האָט סאאקאָנ אָנגענומענ בא דער האַנט. — איר ווייסט נישט ווי זייער איך פריי זיך אײַך צו באַגריסנ. ווי וועננ דזשיאַמ-זעבולאָנ וואָלט פונ די טויטע אופגעשטאַנענ, אַזוי זײַנט איר מיר... — סאאַ־קאָס אויגנ האָבנ געלאַכט.

— איר מעגט שוין זײַן מײַן פרײַנט צי פײַנט, סײַווי בין איך אײַער אפּ אייביק. טוט מיט מיר, וואָס איר ווילט.

בענעדעטאָ האָט זיך פארנייגט און איז פון אים אָפּגעטראָטן אפּ עטלעכע טריט.

— סיניאָר מאָדענא, — האָט זיך פּרינטשיפּע דזשיוסטיניאַן פרײַנטלעך אָפּגערופן, — איך קאָן אײַך צו וויסן טאָן, אז מיר האָבן שוין וועגן אײַך קימאט ווי באשלאָסן.

סאאקאָ האָט ארופגעצויגן דעם שטערן.

— אה... איר האָט שוין וועגן מיר קימאט ווי באשלאָסן... און איך האָב װעגן זיך נאָך נישט אָנגעהויבן באשליסן.

— וואָס ווילט איר מיט דעם זאָגן?

— אז וועגן זיך באשליס נאָר איך אליין.

— יונגער מענטש, וואָס באטײַט דאָס?

— אזוי איז געווען ביז איצט, און ס'איז נישט מײַן ווילן, אז סע זאָל װערן אנדערש.

— יונגער מענטש...

— איך בין נישט אײַער יונגער מענטש, און אז איר, איידעלער דזשיוסטיניאַן, ווילט מיך, אײַער פארבעטענעם גאסט, נישט באשיצן פאר אײַערע אייגענע באליידיקונגען, וועל איך זיך מוזן אליין נעמען באשיצן.

דער גראָבער פּרינטשיפּע דזשיוסטיניאַן איז בלאָ אין פּאָנעם פון קאס אופגעשטאנען פון שטול.

דער אלטער גאמבארע האָט אומגעדולדיק א מאך געטאָן מיט די פינגער:

— וואָס ווילט איר, מאָדענא?

— זײַט נישט בייז אפּ מיר, איידלסטער קאָנטע. נאָר אָט זע איך צווישן אײַך סיניאָר לווידזשי קאָלאָנא, א ברודער פון יענעם לאָרענצאָ קאָלאָנא, וואָס צוערשט האָט אים מײַן ברודער דזשיאַם-זעבולאָן זײַן געטרײַען שרײַבער און קרעציקן שפּיאָן ווי א פלוי צעקוועטשט און דערנאָך אים אליין פּעטש געגעבן...

— דאָס גייט אָבער שוין צו ווײַט, — האָט זיך גווידאָ אלוויזע דזשיוסטיניאַן ווידער דערצערנט. עטלעכע דינער האָבן זיך צונויפגעשארט ארום אים, אויסווארטנדיק זײַנס א באפעל.

— ... איך זאָג, פּעטש געגעבן... — האָט זיך סאאקאָ נישט געלאָזט איבערדרײַען. — פאר א סאך מענטשן אין די אויגן, אין א שפּאציר־שיף אפּ דער ברענטא בא פּאדוא. פון געפּענקעניש האָט איר, איידלסטער קאָנטע גאמבארע, מײַן ברודער נאָך צוועלף טעג ארויסגעראטעוועט, און דאָס װעל איך אײַך אייביק געדענקען. צוועלף טעג געפּענקעניש און הי גדערט דרײַסיק דוקאטן, וואָס מײַן פאָטער האָט באצאָלט... פּונקט אזויפיל זײַנען װערט לאָרענצאָ קאָלאָנאס אָפּגעשמיסענער קאָוועד און זײַן קרעציקן נאָכשפּירערס װייטעק...

סאאקאָ האָט בייסנ ריידנ שפּילעווּדיק זיך צוגעדרוקט די שפּאדע אונ זײַנ האַנט ארופגעלייגט אפנ הענטל.

—... אזויפיל, אויב נישט ווייניקער... זײַנעג אָבער צוויי פונ די מערדערס, די ברידער בעני־נקאזאס... רעכנט אויס: אלע איינייגעם נישט ווייניקער ווי נײַנ... געווענ געקויפטע פונ יענעם לאָרענצאָ קאָלאָנא, אונ א דריטער, טשיאָמפּאָ... בעשוטפעס מיט דזשיאָיא לא בעלינא... אונ דאָס איז שוינ ווידער צופיל. האָב איך נאָך א כעזשבנ מיט דעמס א ברודער... פארשטייט איר, איידעלער קאָנטע, אז איך האָב נישט געקאָנט באשליסנ?..

— דו דראָעסט, דו הינטישער הערעטיקער! — לוידזשי קאָלאָנא האָט זיך צו אים געריסנ, אָבער די אנדערע האָבנ זיך באמיט אים אײַנצוהאלטנ. אפ דער סטעליע האָבנ די קרישטאָלענע ליוסטרעס פונ דער ראַנגלעניש אָנגעהויבנ צו קלינגענ.

מיט א שמייכל אפנ פּאָנעם האָט זיך סאאקאָ פאמעלעך געדרוקט צו דער וואנט אונ נאָכגעקוקט אינ די גרויסע וואנט־שפּיגלענ נאָך קאָלאָנאס באוועגונגענ.

— סיניאָר מאָדעגא, — האָט דער יונגער גאמבארע א געשריי געטאָנ, — איר דארפט זיך נישט באוואָרענענ אײַער רוקנ. פּארעטער זײַנענ דאָ נישטאָ, אונ איך בינ יאָ דאָ.

סאאקאָ האָט מיט א שמייכל געדאנקט אונ איז טייקעפ שטיינ געבליבנ. דער אלטער גאמבארע האָט זיך ווידער אומגעדולדיק אָפּגערופנ.

— ס'איז דאָך עמעס אלצ, וואָס ער זאָגט. דער שרײַבער פונ אײַער איידלסטנ ברודער איז נישט פרײַ געווענ פונ א גרויסנ כשאד. אונ באם מישפּעטנ די נײַנ מערדער פארנ טריבונאלע דעלא בעסטיא [1] האָבנ די ברידער בעני־נקאזא אקשאָנעסדיק אָנגערופנ דעם נאָמענ פונ איינעם אנ איידעלנ האר... נישט בלויז פאר זיי, נאָר אויך פאר דעם מערדער טשיאָמפּאָ דעלא בעלא [2] האָב איך פארלאנגט א שווערע שטראָפ, אונ כאָטש די איבעריקע ריכטער האָבנ דעם טשיאָמפּאָ באפרײַט, איז דאָס געווענ בלויז דערפאר, ווײַל אבוג אנדערע מענטשנ האָט זיך אויך לאָרענצאָ קאָלאָנא שטארק באמיט... איך בינ זייער מיד, דערלויבט מיר, מײַנע הארנ, גיינ...

דער יונגער בענעדעטאָ, זײַנ אורייניקל האָט אים באַם אויפשטיינ אונטערגעהאלטנ אונ צוגעפירט אים צום פאָרטאל. אָבער פריִער נאָך פאר זיי איז פארבײַגעלאָפנ אונ ארויס אינ גרויסנ גרימצאָרנ אונ אָנ א וואָרט לוידזשי קאָלאָנא. דזשיאָמ־באטיסטא דאָלפינ האָט דעם יונגנ גאמבארע גיך אײַנגערוימט אינ אויער:

— איך האָב באשלאָסנ, איך גיי אויך מיט אײַך. צוויי שיפנ.

דער אלטער גאמבארע האָט צו סאאקאָנ, וואָס האָט אים ארויסבאגלייט געזאָגט:

---

1 געריכט פאר קרימינעלע פארברעכנס.

2 טשיאָמפּאָ דער שיינער פרויס, אנ אָנבוהערעניש אפ זײַנ פּאַרנאָסע.

— דעמ פרינטשיפע גווידאָ אלוויזע דזשיוסטיניאנ דארפסט איר איבער־בעטנ. ער איז שטענדיק געווענ א גוטער פרײַנט צו אײַער פאָטער, אונ אויכ פאר אײַער ברודער האָט ער א סאכ געטאָנ. אונ איר... היט אײַכ, גיט גוט אכטונג... — ער האָט נאָכ עפּעס אומפארשטענדלעכס געמורמלט בײַס ער האָט זיכ ארײַנגעזעצט אינ גאָנדל.

10

— קומט בא מיר ווינענ, — האָט סאאקאָנ דער יונגער גאמבארע פאר־בעטנ נאָכ דעמ ווי זײַנ עלטער־זיידע איז אוועק. — זײַט מײַנ גאסט. בא מיר איז זיכערער.

סאאקאָ האָט מיט א שמייכל געשאָקלט אפ נײנ.

— ווי דזשיאמ-זעבולאָנ זײַנט איר, איבערמוטיק. דאָס האָט אימ גע־קאָסט דאָס לעבנ... ווייסט איר, פונ דער רעגע אָנ ציטער אונ זאָרג איכ זיכ פאר אײַכ ווי פאר א ברודער.

סאאקאָ האָט זיכ ערנסט פארנייגט, מיט א שטילער שטימ האָט ער געבעטנ.

— ווי איז דאָס געשענ?

— מע האָט אײַכ נאָכ נישט דערציילט?

— איכ וויל הערנ פונ אײַכ זייער.

— סע וועט אײַכ קיינער נישט אנדערש זאָגנ.

— פונדעסטוועגנ בעט איכ אײַכ זייער.

בענעדעטאָ גאמבארע האָט א צי געטאָנ מיט די פלייצעס.

— אז ס'איז נישט געווענ דאָס ערשטע מאָל, וואָס מע איז אפ אימ אָנגעפאלנ, ווייסט איר דאָכ אוודע, אָבער ערשט ווענ די קאָלאָנאס האָבנ גערונגענ די דעזשענדעלינאס אונ ס'זײַנענ נאָכ צוגעקומענ עליא מוטשיא־טשיאָנ אונ טשיאָמפּאָ, אָפּגעקויפטע פונ דער קורטיזאנע דזשיאָיא לא בעלי־בא... ווײַל דזשיאמ־זעבולאָנ האָט זי פארוואָרפנ אונ זי איז אינגאנצנ מעשו־גע געוואָרנ פונ דורשט נאָכ נעקאָמע... ערשט דעמלט האָבנ זיי אימ בײַ־געקומענ. נײַנ מאַנ. אונ אויכ נאָר ווײַל ער האָט זיכ אפ זײַנ שטארקײַט אונ שטורמישנ מוט צופיל פארלאָזט.

די דעזשענדעלינאס?

— אזוי איז זייער צונעמעניש. הייטנ הייסנ זיי סאבאדינ אונ מאָזע בעניקאזא.

— אה... אונ וואָס האָבנ זיי צו אימ געהאט?

— זיי זײַנענ שוינ לאנג אפ אימ בייז געווענ, ווײַל ער האָט אמאָל קעגנ זיי געיידעסט, אז זיי זײַנענ פרײַנט פונ זשאק פיער, דעמ אוואנטיוריסט פונ נאָרמאנדיע, וואָס האָט פארנ קיניג פונ נעאפל געהעצט קעגנ סענאט אונ רעפובליק. זײַנענ זיי דערנאָכ געוואָרנ לאָרענצאָ קאָלאָנאס מענטשנ. נאָכ עטלעכע וואָכנ האָט דזשיאמ באגעגנט סאבאדינ בעניקאזא, אונ ס'האָט

זיך געמאכט א שטרײַט, פון וועלכן ס'זײַנען ארויסגעוואקסן שווערע קלעפּ פּאר דעם בענינקאזא. אין צומאָרגנס זײַן ברודער מאָזיזע מיט א קיך־מע־סער נאָכגעלאָפן דעם אומבאוואָפנטן דזשיאמ ביז קאנארערדזשיאָ. און דאָ האָט דזשיאמ אופגעכאפּט א שווערד פון א פויער, האָט זיך פארקערעוועט און פארוואונדעט בענינקאזא אין דער זײַט. מאָזיזע בענינקאזא האָט זיך ארײַנ־געוואָרפן אין וואסער ארײַן און אזויארום זיך אָפּגעראטעוועט פון טויט. איידער דער שטרײַט האָט זיך נאָך מער צעפלאקערט, האָט פּרינטשיפּע דזשיוסטיניאַנ געפּרוווט צווישן זיי שאָלעמ מאכן. די בענינקאזאס האָבן זיך פארשטעלט, ווי זיי וואָלטן זיך געוועג איבערגעבעטן. און מיט פאלש־קײַט האָבן זיי אים דערנאָך דערשלאָגן.

סאאקקאָ האָט זיך בא די לעצטע ווערטער אויסגעשטרעקט און, פאר־זשמורענדיק די אויגן, פון אינוויייניק געביסן די ווינקלען פון די ליפּן. ער האָט א קוק געטאָן אפ גאמבארע.

— דאָס האָט קאָלאָנא אײַך געוואָלט טרעפן?

בענעדיטאָ גאמבארעס פּאָנעם איז געוואָרן פרעמדלעך און אײַנגעהאלטן. ער האָט געשוויגן...

— אפ דעם באגרעבעניש זײַנט איר געווען?

— ...אוואדע. אפ זײַן אָרן זײַנען געלעגן אלע זײַנע קליידער בא־שמירט מיט בלוט. זעענדיק דאָס און הערנדיק אײַער פּאָטערס און מוטערס געשריי, איז קיין אויג נישט געבליבן אָן טרערן, און א סאך מענטשן, קריסטן, יידן, טערקן און גריכן, האָבן געוויינט. אפן בייסקוואָרעס איז דאָרט געווען דער קליינער דאָלפין, אן אכצניאָריק ייִנגל, דזשיאמ־באטיסטאס א געשוועסטערקינד, איז ער אזוי טרויעריק געוואָרן, אז ווען ער איז אהיימ געקומען האָט ער זיך אנידערגעלייגט קראנק און איז נאָך פיר טעג גע־שטאָרבן. ס'איז נישט געווען אין שטאָט אזעלכע מענטשן, וואָס האָבן אים געקענט, אז זיי האָבן נישט געזאָלט באקלאָגן זײַן טויט...

— און דערנאָך? — האָט סאאקקאָ ארויסגעזײַט צווישן די ציין.

גאמבארע האָט געמאכט אן אומגעדולדיקע באוועגונג.

— מיר, זײַנע פרײַנט, האָבן זיך באמ'ט צו ברענגען די מערדער־פארן געריכט. אָבער די קאָלאָנאס און זייערע פרײַנט האָבן נאָך מער גע־טאָן... און דזשיאָיא לאָ בעלינא איז דעמלט א שטיק צײַט שטארק געפעלן. דערציילט מען,—ווער ווייסט צי ס'איז עמעס?..—דעם קארדינאל ארטשעלאָ... נאָר אײַער פּאָטער האָט נישט גערוט. מיט פארביסנקײַט האָט ער זיי אלע נאָך פיר כאדאָשימ געבראכט פארן טריבונאלע. אלע, אכוץ איינעמ, טשיאָמ־פּאָ, זײַנען ארויס אלס באנדידי, פארשיקט פון אלע אונדזערע לענדער און ערטער אפ אייביק, און אז מע כאפּט זיי, ווערן זיי געקעפּט.

— און טשיאָמפּאָ?

— ווערט באהיט און באשיצט פון די קאָלאָנאס, גראדעניגאָס, פאליאָס און באדאָערס, פון די מאכטיקסטע מישפּאָכעס אין ווענעציע.

סאַקאָ האָט צעביסן אַ שמייכל.

— און דזשיאָיאַ? — גאַמבאַרע האָט אויף אים פאַרשנדיק אַ קוק געטאָן פון דער זייט.

— די שיינקייט פון דער קורטיזאַנע איז אומגעווײנלעך און צעטומלט די קלוגסטע מענער.

— וועמען?

גאַמבאַרע האָט נישט געענטפערט. סאַקאָס פּנים איז געוואָרן טונקעלער.

— און טשיאָמפּאָ... — האָט סאַקאָ אַקשאָנעסדיק געמאָנט. גאַמבאַרע האָט קאַלט און פאַרדראָס׳ק געענטפערט.

— ס׳איז נאָך נישט דער לעצטער טאָג פון אַלע יאָרן. די הײַזער טאָדעריני, ציקאָניאַ, וועגדראַמיני, ליפּאָמאַנאָ ווייסן אויף וועמען מע האָט געצילט און וועמען מע האָט געטראָפן זייער געטרײַען דזשיאַנינאָס טויט. און קיינער קאָן זיך נישט באַרימען, אַז גאַמבאַרע איז אים שולדיק געבליבן. — ער האָט אַ נעם געטאָן סאַקאָן פאַרן עלנבויגן.

— קאָלאָנאַ האָט פאַר אײַך מוירע, מוזט איר זיך נאָך מער פאַר אים היטן... אָט שאַרן זיך נאָך אונדז אומעטום אין די עקן פאַרדעכטיקע געשטאַלטן. ווינט באַ מיר. דזשיאַם-זעבולאָן האָט אויך אייביק, ווי איר, אויף מײַנע וואָרענונגען בלויז געשאָקלט מיטן קאָפּ...

— ווייסט איר, מיט די מענטשן, וואָס איך האָב געדונגען, סאַנדראָ בעניגקאַזאַ און אַכט געטרײַע מאַטראָסן, האָב איך זיך, ס׳טוט מיר פון הארצן באַנק, איידער איך בין אַהער געקומען, צעקריגט. אַנדערע צו דינגען איז שוין איצט צו שפּעט און איך בין געבליבן איינער אַליין.

בענעדעטאָ גאַמבאַרע האָט זיך פאַרכידעשט און נישט קלאָר פאַרשטאַנען, וואָס סאַקאָ וויל דערמיט זאָגן.

— אין אונדזער היים און דורך אונדזערע דינערס וועט איר זײַן באַשיצט פון אַלע פײַנט און אָפּגעקויפטע שליחים.

— ניין, צו וואָס? סײַוויסײַ, הײַנט נאָך מיטן־נאַכט וועט שוין דער וויכטיקסטער אָפּקויפער נישט זײַן, וועלן זיך מאָרגן די געקויפטע אויך דערווײַל צעלויפן.

בענעדעטאָ גאַמבאַרע האָט זיך גיך צו אים אויסגעדרייט.

— אויב איר דאַרפט, איך גיי מיט אײַך.

— איך דאַרף. קומט.

11

ס׳איז געווען אַ גרויסער יאָנטעוו אין ווענעציע, מיט רײַכע אילומינאַציעס, פײַערווערק, שטורקאַצן, אַלעגאָרישע פיגורן און קאָסטיומירטע גרופּעס, אין גאָנדאָלעס און צופוס. ס׳איז געווען דער טאָג, ווען די צעכן האָבן באַגריסט דעם דאָזשע מיט מאַטאָנעס פון זייער אייגענער אַרבעט.

דער קאנאל גראנדע איז געווען אָנגעפולט מיט שיפלעך, די ברעגעס אַר־מעטום געפאַקט מיט ווענעציאַנער און פרעמדע, כאָטש ס'איז שוין געווען נישט ווייט פון זומערדיקן פאַרטאָגס. א גוואַלדיקער זשום און א געזעמל און פריילעך געלעכטער האָט געהילכט איבער דער שטאָט.

סאַקאָ מאָדענאַ איז אַרײַן אין איינעם א פּאַלאַץ, נישט ווײַט פון ריאַלטאָ, און מע האָט אים טייקעף צוגעלאָזט צו זײַן פּאַטער, וואָס איז געזעסן צווישן פרײַנט און זייערע פרויען אין א לאָדזשיאַ און אַראָפּגע־קוקט אפן קאנאל גראנדע, לאַכנדיק און גוט אויפגעלייגט. דער אַלטער מאָ־דענאַ האָט זיך פאַר זײַן זון א ביסל פאַרלוירן און האָט אים געבעטן זיך אַנידערזעצן נעבן אים.

— ס'זײַנען טאַקע די נײַן טעג[1], און פריילעך זײַן געשיקט זיך נישט. אָבער גוטע פרײַנט האָבן מיך פאַרבעטן, — ער האָט געוויזן אפּ עטלעכע פרויען און מענער, וואָס האָבן אפּ סאַקאָן נײַגעריק געקוקט; סאַקאָ האָט זיך שוויַגנדיק פאַרנייגט — און איך האָב זייער ליב צו זען נײַס און שיינע אָנבליקן...

לעאָנע מאָדענאַ איז איצט שוין נישט מער לאַנג געבליבן, און גע־נומען צופוס אַהיים גיין מיט זײַן זון. זיי האָבן געשוויגן. דער פּאָטער האָט פּלוצעם דערזען אַן אויסטערלישע מידקײַט אין זײַן זונס פּאָנעם. די האָר זײַנען אים געפאַלן איבערן שטערן, און ער האָט זיי נישט אוועק־געשאַרט ווי שטענדיק, און די ליפּן האָט ער מאָדנע צונויפגעפּרעסט.

— גאַנץ ווענעציע איז פריילעך און דו האָסט א שווערמוטיק פּאָנעם...

— פּאָטער, — האָט סאַקאָ איבערגעריסן און גיך געזאָגט, — איך האָב הײַנט איבערגענומען א פלאָטיליע, זי צו פירן קיין בראַזיליע נעבן אינדיע. זיבן שיפן... פינף גאַלעאַסן גאַמבאַרעס און צוויי פון דזשיאַם־באַטיסטאַ דאָלפּין.

— ווי מיר! — דער פּאָטער איז שטיין געבליבן א דערשראָקענער.

— בענעדעטאָ גאַמבאַרע פאָרט מיט. איך וועל פירן און ער וועט אַכ־טונג געבן.

— אַך, וואָס האָסטו מיר געטאָן, — האָט דער פּאָטער געקלאָגט, — וואָס האָסטו מיר געטאָן...

— טאַטע, טאַטע, ס'איז אומזיסט. איך קאָן דאָ נישט אײַנזיצן...

— ס'איז דאָך די שענסטע שטאָט ווענעציע. איך וואָלט אינערגעץ אין דער וועלט אַכוץ אין ווענעציע נישט געקאָנט לעבן. וואָלט דען נישט בעסער געווען זאָלסט מאַכן א סאָף צו די אוואַנטיורעס?

— ניין, פּאָטער.

---

1 די ערשטע נײַן טעג פון כוידעש אָוו, — רעליגיעזע טרויער־טעג אפּ דער צעשטערונג פון טעמפּל אין ירושלאַיִם דורך די רוימער. לויטן רעליגיעזן מינהעג איז געווען פאַרבאָטן זיך אין די דאָזיקע טעג פריילעך צו מאַכן און זיך אָנצוטאָן פאַרגעניגנס.

— זאָלסט זיך באזעצן, כאסענע האָבן, ווי אלע מענטשן, זיך אָנהייבן פארנעמען מיט לײַטישע זאכן. אך... איך האָב געמיינט, אז איך וועל זיך מיט דיר טרייסטן פאר מײַנע צוויי אנדערע זין, נאָר צו מײַנע זינד איז אָן מיר באשטעטיקט געוואָרן דער זאצ: איינער געשטאָרבן, דער צווייטער געהארגעט געוואָרן, דער דריטער איז פארדאָרבן און וואנדערט ארום א פארטריבענער...

— פאָטער, ס'איז באשלאָסן. אין רעציף בא פערנאמבוקאָ זײַנען דאָ נישט ווייניק מאראנען און אנדערע פארמעגלעכע ייִדן...

— איך וויל דיך נישט צווינגען, איך מיין נאָר מײַן מיינונג... צום גוטן. וואָלט דען נישט בעסער געווען זאָלסט בלײַבן? ווײ מיר, מע ווערט דאָך עלטער, נישט ייִנגער.

— אין אכצן כאדאָשים וועל איך זײַן צוריק, אָנקלויבן דאָרט א פאר־מעג, מיטברענגען זעקלעך גאָלד, נעגערס און שיינע זאכן, טאטע...—האָט ער צעטראָגן געשמייכלט.

— נאָך עטלעכע יאָר דאָ, נאָך עטלעכע יאָר דאָרט און אָדם דואג על אבוד דמיו ואינו דואג על אבוד ימיו [1]...

— טאטע,—האָט סאאקאָ פלוצעם איבערגעריסן,—וויאַזוי האָבן זיי אים בײַגעקומען?

— וועמען?—דער פאָטער איז פארוואונדערט שטיין געבליבן.

— דזשיאם-זעבולאָן.

— ווײ מיר... ווי פאלסטו איצטער אויס צו פרעגן?

— איך וועל דיר שפעטער זאָגן... ווייסטו, איך האָב אים דאָך אלס קליין קינד נאָך אפ די הענט געטראָגן. ער האָט שטענדיק געלאכט און געשטיפט, און אז איך בין אוועק איז ער דאָך נאָך קיין אכט יאָר נישט אלט געווען. אז איך טראכט וועגן אים איז מיר ווי זיי וואָלטן א קליין קינד דערהארגעט.

דער פאָטער האָט אן איבערגעשראָקענער געשוויגן.

— טאטע, ביסט דאָך דערבײַ געשטאנען.

— פארוואָס רעדסטו איצט וועגן דעם? איך קאָן נישט פארשטיין.

— וועסט שוין פארשטיין. איך בעט דיך דערצייל מיר אלצדינג.

דער פאָטער האָט א טיפן זיפצ געטאָן.

— וואָס איז דאָ צו דערציילן? ער האָט געהאט א סאך פײַנט. א גע־דאָטענער איז ער געווען. אזוי שיין, אז אזעלכע האָט מען אין שטאָט נאָך נישט געזען. ער האָט געהאט א וואונדערלעכע שטים, איז געווען וויף און געלערנט, אייביק א פריילעכער און קלוג, ער האָט געשיט מיט ווער־טלעך, איטאליענישע לידלעך האָט ער געמאכט בעסער פון מיר. און שטארק

---

1 ציטאטע פון א מיטלאלטערלעכן העברייִשן דיכטער: „א מענטש דײַגעט זיך וועגן דעם, וואָס זײַן געלט גייט פארלאָרן, און דײַגעט זיך נישט וועגן פארלוסט פון זײַנע טעג".

איז ער געווען, זייער שטאַרק, פאַר קיינעם האָט ער נישט קיין מוירע געהאַט. און, ווי מיר, איך האָב דאָך אים שטענדיק געזאָגט: דײַן גרויס האַרץ וועט דיך טויטן!

— דערצייל מיר, טאַטע...

— ווי איז מיר אָפּ דעם, וואָס איך האָב צו דערציילן. צו ביור־קאָמעץ [1] איז דאָס געווען, דעם פינף־און־צוואַנציקסטן מאַרטשאָ, 1622, דעם בייזן, ביטערן טאָג. זײַנען זיך צונויפגעקומען די צוויי ברידער דעזושען־דעלינאַ, יימאַך־שעמאָם [2], זיי זאָלן קיין רו אין געהענעם נישט געפינען, מיטן מאַמזער איסאַאַקאָ, דער שפּאַנאָליעטאָס זון, און מיטן מאַמזער אַב־ראַהאַם, וואָס זײַן צונעמעניש איז טשיאַמפּאָ דעלאַ בעלאַ, ווײַל ער לעבט מיט א הור. מע רופט זיי אַלע מויל־אייזלען, ווײַל זיי זײַנען מאַמזיירים. און צו זיי זײַנען צוגעקומען פיר סעפּאַרדים: דאַוויד מאַקאַטאָ, מאָיזע אי־מאַנועל, איסאַאַק מאַנטאַלטי און יאַקאָב פּרימאָ, דער הייבינס זון. אַכט זײַנען זיי געווען, און צו זיי איז אויך צוגעשטאַנען עליאַ מוטשיאַטשיאַן, וואָס איינעם מיט טשיאַמפּאָ איז ער געווען אָנגעשיקט פון דער זוינע סימכע, וואָס מע רופט זי דזשיאַיאַ, ראַבי סאַסאָנס דעם סעפּאַרדיס טאָכ־טער... ווײַל איינציקווײַז האָבן זיי פאַר אים מוירע געהאַט. איסאַאַק מאָנ־טאַלטי, דער מאַמזער, האָט אים נאָכגעשפּירט, ווען ער איז אַרײַן צום לעוואַנטינער. און אין דער רעגע בין איך דאָרט אָנגעקומען, ווײַל מע איז מיך געקומען וואָרענען אין דער אַקאַדעמיאַ, וווּ איך האָב דעמלט געשטעלט א קאָמעדיע. האָב איך אים געוואָלט אַהיים ברענגען. דעמלט גראָד זײַנען זיי אַרויס פון באַהעלטעניש און געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי זיי וואָלטן געוואָלט שלאָגן איינער דעם אַנדערן. דער מאַמזער האָט א געשריי געטאָן: גיי אַראָפּ! מע איז אָנגעפאַלן אָפּ דײַנע פרײַנט, גיי זיי צוהילף! וואָרעם מיט די דעזושענדעלינאַס האָט אים פרינטשיפּאָ דזשיוס־טיניאַן איבערגעבעטן, און זיי האָבן זיך פאַרשטעלט ווי זיי וואָלטן געווען זײַנע פרײַנט. דער מעשוגענער איז ווילד אַהינגעלאָפן פאַרבײַ מיר, און איך האָב אים א לויפנדיקן נישט דערקענט. און טייקעף ווי ער איז צווישן זיי אַרײַן, האָבן זיי אים אַרומגערינגלט, געשלאָגן אָפּן קאָפּ און אַרײַנגע־שטאָכן אים אין האַלדז מיט א שפּיז, אָדער מעסער... ביז ער איז פון זיי אַוועק און געשריען: טאַטע, טאַטע, איך שטאַרב... דאָס בלוט איז געפ־לאָסן ווי א קוואַל, ער האָט שוין נישט מער געקאָנט אַהיימגיין. בין איך מיט אים אַרײַן צום שוואָגער דזשיאָוואַני און געלייגט אים אָפּן בעט א באַגאָסענעם מיט בלוט. און ביז דער דאָקטער איז געקומען איז פון אים דאָס גאַנצע כײַעס־בלוט אַרויס און ס'איז נישט געבליבן גענוג אָפּ צו לעבן. די גאַנצע רעכטע זײַט האָט טייקעף פאַרלאָרן דעם כוש. ער האָט

1 א נאַכט פאַר פּייסעך, ווען די רעשטן פון זויער־טייגיקן ברויט פלעגן, לויט דער רעלי־גיעזער פאַרשריפט, אויסגערוימט ווערן פון שטוב.

2 א קלאָלע: — זייער נאָמען זאָל אויסגעמעקט ווערן.

געזאָגט ווידע און געבעטן, און איז באַלד אַראָפּ פון זינען. ער האָט נישט מער געהערט צו דער זאַך, און געגרויסעט פיר טעג און נעכט. דעם צווייטן טאָג כאַלעמויעד איז ער געשטאָרבן, און איך האָב אים באַגראָבן אין דעם זעלבן טאָג נעבן זײַן ברודער אַניעלאָ... און ווי מיר, ביז הײַנט איז אַפּ מיר נישט באַשטעטיקט געוואָרן די גזיירע פון גאָט, אַז טויטע זאָלן פאַרגעסן ווערן פון הארצן...

12

— און מיט זיי וואָס איז געשען?

— מיט וועמען? — האָט זיך דער פּאָטער איבערגעשראָקן.

— מיט די מערדער.

— אַכ... זיי האָב איך געבראַכט פאַרן טריבונאַלע דעלאַ בעסעמיאַ. ביס ווייניק מי האָט דאָס מיך געקאָסט, כאָטש גאַמבאַרע האָט מיר געהאָלפן, און ער איז דאָך פון קאַנסיליאָ דעי דיעטשי[1]. אַכוץ טשיאָמפּאָ דעלאַ בעלאַ האָט מען אַלע אַרויסגעשיקט און פאַרטריבן אַפּ אייביק. אַ לויב גיב איך צו גאָט, וואָס איך האָב די ווערט געהאַט צו הערן, אַז די מערדער שאַבטײַ און מאָשע דאַ דעזשענדעלינאַ... אין געהענעם זאָלן זיי פוילן... זײַנען געפּײַגערט אין ליוואָרנאָ. צוויי פון די סעפּאַרדים פוילן ערגעץ אַפּ די גאַלערן. אַ דריטער האָט זיך געשמאַדט, אַ פערטער איז אונטערגעגאַנגען אָן אַן אָנצייכעניש, און אַלע אַנדערע זײַנען פאַרשניטן און פאַרלענדט געוואָרן. געבליבט איז דער, וואָס גיט מיר נעקאָמעס. אויך האָב איך אַ נעקאָמע געהאַט אין אַנדערע, וואָס זײַנען געווען פאַרמישט אין דער זאַך, אָדער וואָס האָבן זיך איבער זײַן טויט געפרייט. אַכוץ דרײַ גאָג, וואָס איך בעט אַלץ צו גאָט יעדן טאָג, אינדערפרי, צו מיטיק און באַנאַכט, און זאָג דעם הונדערט נײַנטן קאַפּיטל פון טילים: זאָל זיך גאָט ווענדן נויקעם זײַן אין די, וואָס פאַרגיסן אומשולדיק בלוט אומזיסט, און ער זאָל זיי קיין רו נישט געבן. אָבער מײַן זעל וויל זיך נישט טרייסטן, איך לעב מיר דערווידער. ס'איז מיר אַזוי, ווי ווען אַלע מײַנע זין וואָלטן מיטאַמאָל אַוועקגעשטאָרבן...

— טאַטע... ווייסטו? טשיאָמפּאָ איז פאַרטיק. און לאָרענצאָ קאָלאָנאַ וועט דיך אויך נישט מער דערצערנען.

דער פּאָטער האָט זיך ווילד אויסגעדרייט צו אים און אים אָנגעכאַפּט בײַ די פּלייצעס:

— דו?

סאַקאָ האָט אָפּגעדעקט זײַן מאַנטל און אים געוויזן אַ פאַרבונדענע האַנט.

---

[1] דער ראַט פון די צען, די העכסטע אָנפירנדיקע מאַכט פון דער ווענעציאַנישער רעפּובליק.

— א־א־אכ...— לעאָנע מאָדענא האָט זיכ א וואקל געטאָן אונ אָנגע־הויבן פאלן פונ די פיס.

— וואָס האָסטו מיר געטאָן, וואָס האָסטו מיר געטאָן...— ער האָט זיכ געבראָכן די הענט.

— זײַ רויק, פּאָטער. עמעצנ האָסטו מויכל געווענ, האָב איכ איר אויכ מויכל געווענ. ער האָט זיכ צו שפּעט געכאפּט, אז ער האָט צו־דײַטלעכ געזאָגט: „איר".

מאָדענא האָט זיכ מיט דער האנט פארשטעלט די אויגנ אונ האָט א צעבראָכענער געמורמלט.

— וואָס האָסטו מיר געטאָן... אומגליקלעכער, אונ דיכ ווער וועט באשיצנ...

— אכט מאנ גאמבארעס באוואכנ אונ באשיצנ זײַט צוויי שאָ יעדנ טריט מײַנעם, ס'זאָל מיר קיינ שלעכטס נישט געשענ. דער אלטער גאמ־בארע ווייסט שוינ, דער דאָזשע איז דערפונ זייער צופרידנ. ס'איז דאָכ שוינ זײַט כאדאָשים געווענ א געהיים־באשלאָסענע זאכ פונ קאָנסיליאָ דעי די־עטשי.

לעאָנע מאָדענא איז מיט פארבראָכענע הענט שטיינ געבליבנ.

— האָבנ זיי דיכ דאָס אהער גערופנ קיינ ווענעציע. ביסטו דאָס דער־פאר אהער געקומענ?

סאאקאָ האָט גאָרנישט געענטפערט. דער פּאָטער האָט א פארצווייפלטער נישט געקאָנט פארשטיינ.

— זיי פארגרייטנ דאָכ אינײנעם האנדלס־פּלאָטילעס?

— ביז צו דער רעגע ווי די שיפנ רירנ זיכ פונ ווענעציאנישנ האפנ.

— די נײַע פּאטריציער שטרײַטנ מיט די אלטע אריסטאָקראטישע מישפּאָכעס, אונ ס'העלפנ זיי דערבײַ די רײַכע שטאָטישע סאָכרימ אָפּצו־נעמענ פונ זיי די בכוירע... צו וואָס דארפ זיכ דאָ אריינמישנ א ייִדישער מענטש? עמעס איז, וואָס סע זאָגט דער נאָווי יעשאיאָהו אינ קאפּיטל איינס: „דײַנע פירשטנ זײַנען כאוויירים פונ גאנאָווים". זיי לאָזנ הענגענ די קליינע רויבערס, וואָס ראבעווענ אונ גאנווענענ א סקודאָ אָדער א סאָלדאָ אונ כאווערנ זיכ מיט יענע, וואָס באראבעווענ די גאנצע וועלט. עמעס זאָגט דאָס שפּריכוואָרט: די גרויסע גאזלאָנים הענגענ אפ די קליינע, וואָס ליגנ אינ געפענקעניש געפענטעט אונ דורכגעשטעקט מיט א שטעקנ, אָבער די עפנטלעכע מערדערס גייענ אינ גאָלד אונ זײַד... אונ קיינער גיט נישט קיינ שעפּטשע קיינ וואָרט...

סאאקאָ האָט בארויגעז אונ אומגעדולדיק איבערגעריסנ.

— דער אָנהייב פונ אײַער נײַער פּרעדיקט, פּאָטער, איז דורכגעדרונגענ מיט איידעלער באגײַסטערונג אונ שיינער גראציע. אָבער זײַט דעם לעצטנ מאָל, ווענ איר האָט מיר אפּנ וועג געגעבנ געטלעכע באלערונג אונ פרומע שטראָפּ־רייד, זײַנענ אריבער קימאט פערצנ יאָר, אונ אײַער זונ סאאקאָ איז

דורכגעפאָרנ עטלעכע מאָל די גאנצע וועלט, האָט א סאך מאָל געליטנ שווערע נויט, איז א סאך מאָל באגליקט געוואָרנ מיט ווונדערלעכע פריידנ אונ גרויסע געווינסנ. אינ שווערנ געראנגל מיט מענטשנ, וואָס האנדלענ מיט סכוירעס אונ קאָנענ זאָגנ פארשיידענע פלינקע רייד, האָב איך זיך נישט ווייניק מאָל צעווונדיקט ביז פלייש אונ ביינ. מיינט איר, אז מייַנ בליק איז נישט גענוג אויסגעפרווט צו שאצנ דעם ווערט פונ סכוירעס אונ מענטשנ אונ רייד אפנ ערשטנ קוק? נישט ערגער פונעם בארימטסטנ פריידיקער ווייס איך צו זאָגנ וועגנ די שטרייַטנדיקע סאָכרישע פאטריציער, אונ עפשער בעסער נאָך ווי ער, וועגנ סיניאָר לעאָנע מאָדענא אונ זייַנ זונ סאאקאָ...

דער פאָטער האָט גאָרנישט געענטפערט. סאאקאָ האָט ארומגעלייגט זייַנ האנט ארום זייַנ פאָטערס סטאָנ.

— נישט פונ די אלטע מעיוכאָסים, נאָר פונ די נייַע פאטריציער קאָנ זיך איינער ווי איך... אונ אויך איינער ווי איר — ער האָט זיך פאר זייַנ פאָטער פארנייגט — צו עפעס דערשלאָגנ. די אלטע זייַנענ זשעדנע אפ יעדנ גרעקל פונ זייערע אלטע רעכט... איר ווייסט דאָס נישט ערגער, ווי איך, סיניאָר לעאָנע...

— זיי האָבנ דיך אָפגענארט, אומגליקלעכער. מיט דייַנע קליינע כעוזשבוינעס צו לאָרענצאָ קאָלאָנא האָבנ זיי צוגעדעקט זייערע גרויסע שטרייַטיקייַטנ אונ זייער גרויסנ שפיל־קאָנ.

סאאקאָ האָט געשמייכלט.

— מייַנסטו, פאָטער, אז איך האָב מיט זייערע גרויסע כעוזשבוינעס אונ גרויסנ שפיל־קאָנ נישט צוגעדעקט עפעס פונ מייַנע קליינע כעוזשבוינעס אונ אייגענע זאכנ?

— ...ווענ גייענ זיי שוינ דייַנע שיפנ, ווענ? — האָט זיך דער אלטער מאָדענא צו סאאקאָנ א קער געטאָנ אונ זיך צעטראָגנ אומגעקוקט. אינעם גאנג פונ זייער געשפרעך האָבנ זיי זיך דערנעענטערט צום האפנ.

סאאקאָ האָט מיד געשמייכלט.

— באלד... זעסטו, איצט בעטסטו זיך אליינ, איך זאָל שוינ וואָס גיכער פאָרנ...

II. סאנדראָ בעניִנקאזאס גרויסער צאָרנ

1

סאאקאָ מאָדענא איז אָפגעפאָרנ מיט די זיבנ גאלעאסנ קיינ בראזילע נאָך אינדיע, אָבער דער מאטראָס סאנדראָ בעניִנקאזא, וואָס איז געוועזנ אָנגעקומענ קיינ ווענעציע מיט א טאָג שפעטער ווי סאאקאָ, אונ האָט זיך א געדונגענער פאר זייַנע שיפנ מיט אים אייַנעם געקליבנ אינ ווייַטנ וועג

ארײַנ, האָט זיכ אינ לעצטנ טאָג באטראכט, זיכ מיט סאאקאָנ צעקריגט אונ איז געבליבנ אינ ווענעציע.

אונ געשענ איז דאָס אזוי.

די גאלעאסא, אפֿ וועלכער דעט מאטראָס סאנדראָ בעגינקאזא האָט צוויי יאָר געדינט אונ וואָס האָט אים איצט פונ דער לעצטער נעסיע איבער בײַרוט, פאמאגאָסטא אונ ציפערנ געבראכט אהיימ פונעמ ווײַטנ אלעפאָ, איז אָנגעקומענ קיינ ווענעציע אינדערפרי. זײַנ דינסט האָט זיכ אָבער נישט פריִער פארענדיקט איידער די זעגלענ זײַנענ נישט געווענ צונויפגעוויקלט, דאָס שיפ אינגאנצנ אויסגעלאָדנ, אינ אָרדענונג געבראכט פאר א לענגערער שטיי-צײַט, אָפגעוואשנ, אָפגעראמט אונ שטאנדהאפטיק פארפעסטיקט אכוצ מיט אנקערס אויכ מיט גראָבע שטריק צוגעבונדענע צו ריזיקע אײַזערנע רינגענ בא דער שטיינערנער דאמבע פונעמ האפנ. ערשט דעמלט האָט זיכ דער שיפ-האר מיט די מאטראָסנ אָפגערעכנט אונ האָט זיי אפ שטענדיק אָפגעלאָזט אהיימ. דערווײַל אָבער איז געוואָרנ פארנאכט.

דעמלט איז סאנדראָ בעגינקאזא ארויס פונעמ האפנ אינ שטאָט ארײַנ מיט א קלומעקל אינ דער האנט, אינ וועלכנ ס'איז געלעגנ, אכוצ זײַנ נײַעמ קורצנ שפאנישנ מאנטל, אויכ א זעקעלע מיט זעלטענע זיסקײַטנ, וואָס ער האָט זיי אײַנגעקויפט אינ ציפערנ פאר זײַנע עלטערנ. ער איז געגאנגענ פארבײַ אופנעשטאפלטע דאמבעס פונ פעק מיט שפאנישנ אונ פאָרטוגאלישנ בוימוואָל, פונ קאסטנס מיט וואָלענע, טוכענע אונ זײַדענע סכוירעס, פונ קרישטאָלווארג אונ פארבנ. דער שארפער רייעכ פונ ריזיקע בונטנ פעלנ אונ לעדער האָט אימ פארשלאָגנ דעמ אָטעמ, ער איז אימ אָבער געווענ ליב אונ ניכע, נישט ווייניקער ווי דער גערוכ פונ די פעסער מיט זייפ, סמאָלע, וואקס אונ אייל.

ס'האָט אפ אימ א ווייע געטאָנ די לאנג נישט-געפילטע לופט איבער די ווענעצישע קאנאלנ, אונ מיטאמאָל האָט אימ פארקלעמט א זיסער היימ-ווייִ, וואָס ער האָט אימ די גאנצע צײַט פונ זײַנע נעסיִעס נישט געפילט, ווײַל זײַנ לעבנ אינ דער היימ-שטאָט איז געווענ שווער אונ פריידלאָז, אונ ער האָט נאָכ דעמ נישט געבענקט. איצט איז אימ אָבער די גאנצע לופט פול געוואָרנ מיט צוזאָגנ אונ ס'האָט זיכ אימ פלוצעמ געדוכט, אז אלע האָפענונגענ זײַנענ שפילעוודיק לײַכט צו דערגרייכנ.

ווענעציע איז דאָכ נאָכ אלצ געווענ, כאָטש טאקע נישט דאָס, וואָס אמאָל, איידער מע האָט געפונענ די נײַע אטלאנטישע יאמ-וועגנ קיינ אינ-דיע, אָבער פאָרט נאָכ א וווּנדערלעכסטע הויפט-שטאָט פונ דער וועלט, דורכגעשטראָמט פונ רוישנדיקער פראכט, עלעגאנטנ, באַרימערישנ לוקסוס אונ ווילד-יוירנדיקער רײַכקײַט. דער געקלאנג פונ די קלויסטערישע גלאָקנ באמ זונ-אונטערגאנג האָט שוינ לאנג צו וויסנ געטאָנ, אז ס'איז געקומענ די צײַט פונ אָוונט-רו, אָבער דאָס געדרענג אפ גאסנ, בריקנ אונ פלעצער

איז געוואָרנ געדיכטער, דער האנדל אונ וואנדל האָט זיכ נאָכ מונטערער צעשפּילט. די שפּײַז-געשעפטנ זײַנענ געווענ באלויכטנ מיט לאָמפּנ. פאר די בײַט־קאָנטאָרנ, גאָלדשמיד־קראָמענ, פארפומעריעס אונ גאסט-הײַזער, וואָס האָבנ זיכ געצויגנ פונ סאנ דזשיאקאָמעטאָ בא דער ריאלטאָ־בריק ביז צומ פלאצ פונ סאנ מארקאָ, האָבנ זיכ מאכנעס מענטשנ געשטופּט, אונ געשפּרודלט אינ א שטראָמ איבערנ פלאצ, וואָס איז געווענ באלויכטנ מיט פאקלענ אונ אויסגעפלאסטערט מיט מארמאָרנער מאָזאיק, ווי א פּראכט־פּולער זאל אינ א שײנעמ פּאלאצ. פאר די טויערנ פונ בארימטע גאסט-הײַזער זײַנענ אפ דער גאס געווענ אויסגעשטעלט טישלעכ, בא וועלכע ס'זײַנענ געזעסנ פרעמדע אונ היימישע מענער מיט פרויענ, געשפּילט אינ קאָרטנ, געטרונקענ ווײַנ, זיכ צוגעהערט צו מוזיק אונ געזאנג אונ פריילעכ געפּלוידערט. די פרויענ זײַנענ דאָ געווײנלעכ געווענ קורטיזאנקעס, אָנגעטאָנענע אינ שווערנ בראָקאט ארומ ענג געשנירטע קאָרסעטנ, אינ ברייטע רייפ־רעק מיט אופגעבלאָזענע גאָלד-באשטיקטע ארבלענ פונ גענועזישנ סאמעט אונ מיט רײַכע ווענעציאנישע שפּיצנ ארומ האלדז. די מאָדישע קלעצלעכ פונ זייערע שיכ זײַנענ געווענ אזוי אויסטערליש הויכ, אז גייענדיק האָבנ זיכ די פרויענ, ווי אפ שטאָלצנ, געוואקלט אונ געמוזט זיכ אָנשפּארנ אפ די קאוואליערנ, וואָס האָבנ זיי ארומגערינגלט. דערבײַ האָבנ די פרויענ געזאָגט שארפזיניקע ווערטלעכ, פונ וועלכע די קלוגסטע האָבנ זיכ גיכ צעטראָגנ איבער פּלעצער אונ גאסנ.

אינ די שמאָלע געסלעכ זײַנענ די באלמעלאָכעס נאָכ געזעסנ בא זייערע ארבעט־טישלעכ אונטערנ פרײַענ הימל, אָפּגערוימט דאָס געצײַג אונ אָפּרוענדיק א ווײַלע פארבראכט אינ גמיטלעכע שמועסנ מיט שכיינימ. גאָנדאליערעס האָבנ געשפּילט אינ קעגליעס, וואסערטרעגערנס האָבנ געטראָגנ עמערס וואסער אפ געבויגענע שטאנגענ איבערנ נאקנ. מאטראָסנ האָבנ געשפּילט אפ פארשיידענע אינסטרומענטנ, געלאכט אונ זיכ געווערטלט מיט מיידלעכ אונ פרויענ, וואָס זײַנענ געווענ אָנגעטאָנ אינ געוועבטע טיכער, צוגעבונדענע איבער די לענדנ, אונ האָבנ געטראָגנ אפנ קאָפּ טורבאנישע הײַבלעכ געשטיקטע מיט זילבערנע פעדעמ.

סאנדראָ בענינקאזא האָט זיכ פונ הארצנ פארבענקט, זיכ אויסצומישנ אינ דעמ דאָזיקנ פריילעכנ שפּרודל. ער האָט דערזענ פונדערווײַטנס ווייסע שלײַכט זיכ פארבײַ אפנ קאנאל פײַערלעכ אונ אָנ ראש אינ אָוונטיקער קילקײַט א גאָנדאָלע. בא דער שײַנ פונ א פאקל האָבנ געלויכטנ די פארבנ פונ די בונטע טעפּעכער, מיט וועלכע דאָס שיפל איז געווענ באלייגט, אָבער די קאבינע אונ די הויכ פאריסענע נאָז האָבנ שווארצ ארויסגעשטארצט, ווײַל לויט דער שטאָטישער פאָרשריפט האָבנ זיי געמוזט זײַנ שווארצ לאקירט, קעדיי די פארבנ פונ באשיידנקײַט אונ שמערצ זאָלנ — ווי סע זאָגט א שרײַבער פונ יענער צײַט — דערמאָנענ דער פארשווענדונג וועגנ טויט אונ אָרעמע מענטשנ, וואָס קוקנ אפ לוקסוס מיט האס אונ

פֿאַרדראָס. סאַנדראָ בעניִנקאַזאַ איז צוגעגאַנגען צו אַ רעדל מאַטראָסן און געזעלן, געטרונקען מיט זײ װײַן און געטאַנצט מיט די מײדלעך.

ס'איז שױן געװען שפּעט אין דער נאַכט, װען סאַנדראָ האָט זיך דערמאָנט אָן זײַנע עלטערן און איז אַרױס פֿון דער טאַװערנע אַהײם. ער איז געװען אין כּעס, װאָס באַם טאַנצן איז אַװעקגעקומען זײַן קלומפּעקל מיט זײַן נײַעם קורצן שפּאַנישן מאַנטל און מיט די אָריענטאַלישע זײַסקײַטן, װאָס ער האָט פֿון ציפּערן געבראַכט פֿאַר זײַנע עלטערן. דערױבער האָט ער, אָנגעקומען אין פֿאַרװאָלגערטן ליכט, װוּ זײַן פֿאָטער־מוטער האָבן געװױנט, אומגעדולדיק און מיט כּעס געטראַסקעט אין די לאָדנס.

— עפֿנט, אַלטע. אײַער זון סאַנדראָ איז געקומען פֿון זײַן װײַטער נעסיִע.

ער האָט געהערט, װי זײַן פֿאָטער, דער אַלטער אײַנבינדער, קרעכצט אין זײַן בעט און אײַצעט זיך מיט זיך אַלײן, װער קאָן דאָס זײַן אַזעלכער, װאָס שטיפֿט אַזױ נאַריש און קלאַפּט צו אַלטע לײַט אינמיטן דער נאַכט.

— עפֿן, פֿאָטער, דאָס בין איך דײַן זון סאַנדראָ.

סאַנדראָ האָט דערהערט אַ געשרײ פֿון זײַן מוטער און דאָס שאַרן פֿון זײַנע פֿאָטערס הילצערנע פּאַנטאָפֿלען. די טיר האָט זיך געעפֿנט און ס'האָט אָף אים אַ הױך געטאָן מיט דער הײמיש־באַקאַנטער פֿױלבלעכ־דעמפּיקער לופֿט, װאָס האָט אים פֿאַרשמעקט מיט יוגנט־דערמאָנונגען און מאַמישער צערטלעכקײַט.

דער פֿאָטער איז געשטאַנען אינמיטן שטוב און האָט צעטומלט געמורמלט.

— נו, ביסטו געקומען.

די מוטער איז געלעגן אין בעט און איר פּנים האָט באַ דער שײַן פֿון אַ קופּערן לעמפּל געפֿלאַמט פֿון פֿיבער. זי האָט געהאַלטן די אױגן פֿאַרמאַכט און מיט אַ שװאַכער האַנט געזוכט און געטאַפּט איר זונס פּאָנעם. סאַנדראָ האָט זיך אופֿגעהױבן פֿון קניִען באַ איר בעט און פֿרעגעװדיק אָף איר געװיזן אין דער זײַט פֿונעם פֿאָטער. דער פֿאָטער האָט אַװעקגעקוקט און געענטפֿערט.

— זי איז זײער קראַנק און האַלט באַם שטאַרבן.

באַלד דערנאָך האָט ער זיך צוריק אַרײַנגעלײגט אין בעט אַרײַן.

סאַנדראָ האָט זיך אומגעקוקט אין שטוב, ער האָט מיט די אױגן געזוכט זײַנע ברידער.

— װוּ זײַנען סאַבאַדין און מאָיזע?

— זײ זײַנען שױן נישט מער דאָ אָף דער װעלט. זײ זײַנען אומגעקומען.

סאַנדראָ האָט זיך אָנגעכאַפּט באַם קאָפּ.

— אומגעקומען?

— מע האָט זיי ארויסגעשיקט פון שטאָט אלס באַנדידי, זײַנען זיי אין ליוואָרנאָ אומגעקומען בײַ אַ בייזער זאַך.

— בײַ וואָסער זאַך?

דער אלטער בענינקאזא האָט בלויז איבערגעכאַזערט: — בײַ אַ בייזער זאַך — און נישט געוואָלט מער דערציילן.

— פארוואָס האָט מען זיי ארויסגעטריבן פון שטאָט, וואָס האָבן זיי געטאָן?

דער אלטער אײַנבינדער האָט אַ קרעכץ געטאָן און זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט. ער האָט נישט געוואָלט ענטפערן.

— אין קאַסטן איז דאָ ברויט און ס'איז געבליבן געקעכטס. עס איז לייג זיך שלאָפן, מײַן זון.

באלד האָט זיך דערהערט זײַן כראָפען אונטערגעמישט מיט קרעכצן און כליפּען פון שלאָף.

סאַנדראָ האָט זיך אוועקגעזעצט אף אַ באַנק און אומעטיק אָנגעשפּארט די הענט אף די עלנבויגנס. ס'איז אים געווען ביז צום האַרצן טרויעריק מיט די צוויי אלטע לײַט. די מוטער האָט הייס און שווער געדעכעט פון הויכן פיבער. דער שאָטן פונעם לעמפּלס שײַן האָט זיך געהוידעט איבער דער וואַנט. סאַנדראָ האָט זיך דערמאָנט אינעם קלומעקל און איז נאָך מער פארקלעמט געוואָרן. ער האָט אַזוי גערן געוואָלט מיט עפּעס דערפרייען זײַנע אלטע פאָטער-מוטער, אויב נישט אנדערש זאָל זײַן כאָטש מיט זעלטענע זיסקײַטן פון ציפּערן. איצט איז אויך דאָס אוועקגעקומען. ער האָט דורכגעציילט דאָס געלט, וואָס איז איס געבליבן, אַ האַנט פול מיט סקודאָס און צוויי לירעס.

ער האָט דאָס מיט קאַס פון זיך אוועקגעשלײַדערט און נאָכגעשפּיגן נאָך דעם אין אלע זײַטן. און באלד האָט ער זיך אַ וואַלגער געטאָן אף דער באַנק און איז אַ מידער און שיקערלעכער האַרט אנטשלאָפן געוואָרן.

2

ווען סאַנדראָ בעבינקאזא איז צומאָרגנס פון זײַן קומען אופגעשטאַנען פון שלאָף, איז זײַן פאָטער מיקעלע שוין געזעסן אין דרויסן בײַ אַ טישל און האָט געאַרבעט. סאַנדראָ איז געווען דערשלאָגן און צעדרייט, מיט צע-שטעלטע פיס און אָנגעשפּאַרנדיק די הענט אפן סטאָל האָט ער זיך געווענדט צו זײַן פאָטער און געזאָגט:

— געבראַכט האָב איך בלויז זיך און די דאָזיקע קליידער, אין וועלכע איך גיי. מער גאָרנישט.

— נו, יאָ.

— ווער סע קאָן נישט פלינק רעכענען און ריידן מיט גיכע ווערטער האָט נישט קיין האָפענונג אף רײַכן געווינס.

— נו, יאָ, — האָט דער פּאָטער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. — אײַערע נעסיעס האָבן נישט געהאַט קיין מאזל.

— ניין. מאזל האָבן זיי געהאַט. אָבער דעם שיף־האַרס מאזל פאַרשפּרייט זיך נישט איבער סאַנדראָ בעניגקאזא.

— נו, יאָ.

סאַנדראָ איז פון דעם פּאָטערס געלאַסנקייט נאָך מער צערייצט געוואָרן.

— דו זאָלסט מיר גלייבן, פּאָטער, אַז ווײַן און פריילעכקייט האָב איך אין דער צײַט פון מײַן נעסיע ווייניקער אויסגעבראַכט ווי דעמאָלט, ווען איך בין דאָ מיט דיר באַם טישל געזעסן און געאַרבעט.

נו, יאָ... דײַן מוטער שטאַרבט, דײַנע ברידער זײַנען שוין נישט מער דאָ. וועסטו שוין בלײַבן מיט מיר איינעם.

דער פּאָטער האָט זיך צוריקצוגעבויגן צו זײַן אַרבעט, ווי דער שמועס וואָלט געווען פאַרענדיקט.

— ניין, איך וועל נישט בלײַבן. איך וועל זיך לאָזן דינגען פאַרן ערשטן שיף אַף אַ ווײַטער נעסיע.

— נו, יאָ. — דער פּאָטער האָט אַף אַ פּאַסיקל לעדער אויסגעפּרעסט אָרנאַמענטן מיט אַ ביינערנעם טײַטל.

— פּאָטער.

מיקעלע בעניגזאַקאַ האָט צו זײַן זון אַרופגעקוקט.

— וואָס איז געשען מיט מאָזיִע און סאַבאַדין?

דער פּאָטער האָט אומגערן געענטפערט:

— אַרויסגעיאָגטע פון ווענעציע, זײַנען זיי אין ליוואָרנאָ אומגעקומען.

— פאַרוואָס?

— זיי זײַנען דאָך געווען פון די נײַע, וואָס האָבן געהאַרגעט דזשיאַנינאָ מאָדענאַ.

— וואָס האָבן זיי צו אים געהאַט?

דער פּאָטער האָט געזיפצט.

— סע שטרײַטן די מאַכטיקע האַרן, וואָס דאַרפן די פּראָסטע לײַט זיך מישן? איך האָב זיי געוואָרנט, האָבן זיי בלויז געלאַכט און געבראַכט מיר ווײַן און טײַערע שפּײַזן... מיט אַ געשלעג האָט זיך עס אָנגעהויבן און אַ לאַנגן שטרײַט האָבן זיי מיט אים געפירט. ער האָט זיי געמאַסערט פאַר די אינקוויזיטאָרי די סטאַטאָ,[1] אַז זיי דינען דעם שפּאַניער און די פּאַפּאַבילי.[2]

---

1 מעלוכישע אינקוויזיציע (אין קעגנזאַץ צו דער קירכלעכער). זי האָט געהאַט פּאָליציייִשע פונקציעס.

2 פּאַפּאַבילי אָדער פּאַפּאַליסטי איז געווען אַ זידל־וואָרט פאַר די אָנהענגער פון אַ פויפּסטלעכער, רוימישער פּאָליטיק. זיי פלעגן זיך אויך פרײַנטלעך באַציען צו אַן אָריענטאַציע אַף שפּאַניע. די דאָזיקע פּאַרטיי האָט מיט אירע טאַטן אָנגעגריפן די זעלבשטענדיקײַט פון דער ווענעציאַנישער

— ס'איז געווענ עמעס?

מיקעלע האָט א צי געטאָנ די פּלייצעס.

— זיי האָבנ געזאָגט, אז ער טראַכט זיך אויס אַפ זיי א בילבל.

מיקעלע איז אופגעשטאַנענ און האָט פארדייגעט געשאַרט מיט די הענט אַפ זייַנ לעדער-פארטעך. ער איז געווענ א פירעקיקער, געפּאַקטער פארשוינ, קימאַט אָנ א האַלדז, זייַנ נאָז איז געווענ לייַכט צוגעפּלעטשט און די קורצע גראָע האָר פונ זייַנ באָרד האָבנ זיך אונטערנ לעדער-פארטעך, וואָס האָט דערלאַנגט ביז אונטערנ קינ, שטאַרק געגרייַזלט. אָבער די אויגנ האָבנ געקוקט פארלוירנ, מילד, קינדיש, אומבאַהאָלפנ און פול מיט אומענדלעכנ צוטרוי.

— דייַנ מוטער שטאַרבט שוינ דעם דריטנ טאָג. זי בעט און מאָנט מיך די גאַנצע צייַט איך זאָל צו איר רופנ דעם פריידיקער יעהודא מאָדענא.

— נישט אים, פאָטער, אנ אַנדער פרומענ מאַנ זאָלסטו רופנ.

— זי וויל נאָר אים. פאַר איר טויט וויל זי, אוואַדע, פארגעבונג בעטנ פאַר דער זינד פונ מאָזעס און סאַבאַדינ.

סאַנדראָ האָט באַטראַכט זייַנ הילפלאָזנ פאָטער. זייַנ קלעמענדיק געפיל האָט זיך פארוואַנדלט אינ צאָרנ. ער האָט אָבער גערעדט עפּעס אַנדערש.

— איך וועל קויפנ ווייַנ און מאַקאַראָני, שעפּסנ-פלייש און זיסקייַטנ, וועלנ מיר מאַכנ א גוטנ מאָלצייַט.

— ...נו, יאָ... קאָנ איך נישט גייַנ אים רופנ. איך קאָנ זי נישט לאָזנ אַלייַנ... ער האָט אַפ זייַנ זונ געקוקט מיט זאָרג. עפּשער האָט ער אינזינענ געהאַט אויסצוניצנ דאָס שליכעס, קעדיי צו מילדערנ דורכ סאַנדראָס באַנג דעם שטרייַט, אים איבערצובעטנ מיטנ אַלטנ מאָדענא, ס'זאָל זיי ביידע פונאַנאַנד קיינ שלעכטס נישט אַרויס.

סאַנדראָ האָט זיך אָנגעכמורעט. ער האָט אָבער נישט געוואָלט אָפּזאָגנ דעם פארלאַנג פונ זייַנ פאָטער.

— גוט, איך וועל גייַנ אים רופנ.

— —

— —

רעפּובליק, און איז באַשטאַנענ פונ די עלטסטע מעיוכעסדיקסטע אַריסטאָקראַטישע מישפּאָכעס. די רעפּובליק און איר זעלבשטענדיקייַט האָט באַשיצט מיט דורכגעטריבענער דיפּלאָמאַטישער געניטקייַט די הערשנדיקע פּאַרטיי פונ די רעפּובליקיסטנ. צו איר האָבנ געהערט די ייִנגערע סאָכרישע אַריסטאָקראַטיע, די בירגערלעכע פּאַטריציער, געשטיצט אַפ טיילנ פונ די ברייטע שטאָטישע מאַסנ.

א הייסן סאָוועטישן גרוס

דעם רעוואָלוציאָנערן ייִדישן
שרײַבער, דעם גרויסן
וואָרט־מײַסטער

מוישע נאדיר

צו זײַן פופציק־יאָריקן יובילײ

א. ראבאָי—

אײנעם פון די ערשטע און
טאלאנטפולסטע ייִדישע
רעוואָלוציאָנערע פראָזע-
שרײַבער אין אמעריקע—

אונדזער הייסן סאָוועטישן גרוס

צו זײַן פופציק־יאָריקן יובילײ

פופצן יאָר

מאָסקווער ייִדישער מעלוכע־טעאַטער

דעם ערשטן און בעסטן
בויער פון דער סאָוועטישער
יידישער טעאַטער־קונסט־

דעם מאָסקווער מעלוכישן יידישן טעאַטער

צום **XV** יאָריקן יובילײ

א הייסן
פּראָלעטארישן
גרוס!

י. נוסינאָוו

פופצנ יאָר

I

די פופצנ יאָר מאָסקווער ייִדישער מעלוכע-טעאטער באשטייענ פונ צענ יאָר הויפּטזאכלעכ קלאסיק אונ פינפ יאָר — די לעצטע יאָרנ — קימאט אויסשליסלעכ סאָוועטישער רעפּערטואר.

אָט די צעטיילונג איז בלויז טיילווייַז געווענ א רעזולטאט פונעם צושטאנד פונ דער סאָוועטישער ייִדישער דראמאטורגיע, באזונדערס אינ די ערשטע צענ יאָר עקזיסטענצ פונ מ. י. מ. ט., — נאָכ מער אָבער א רעזולטאט פונ דער ספּעציפישער באציִונג פונ דער אלטער אָנפירונג פונעם טעאטער צו דער סאָוועטישער דראמאטורגיע. לאָמיר זיכ דערמאָנענ, אז אינ אינעם ערשטנ יאָרצענדליק פונ דער עקזיסטענצ פונעם טעאטער זייַנענ שויִנ געווענ אזעלכע צוויי ווערק, ווי קושנעראָווס „הירש לעקערט" אונ בערגעלסאָנס „דער טויבער". „הירש לעקערט" איז יאָרנלאנג געגאנגענ מיט דערפאָלג אפ דער ייִדישער סאָוועטישער בינע אויסער מאָסקווע, איז אָבער קיינמאָל דערנאָכ ניט אָנגעקומענ אפ דער מאָסקווער סצענע. בערגעלסאָנס „דער טויבער" איז די אלטע אָנפירונג פארבייַגעגאנגענ, בייַם אינ קינסטלערישנ אקטיוו פונ מ. י. מ. ט. פאר די לעצטע פינפ יאָר פארנעמט „דער טויבער" באשטימט איינע פונ די ערשטע ערטער. מיכאָעלס גופע האָט אינ אָט דער פאָרשטעלונג געשאפנ א געשטאלט, וואָס שטייט אפ די גרענעצנ פונ שעקספּירישער טראגיק.

וואָלט דאָס ווענדנ זיכ צו דער קלאסיק געשטאמט בלויז פונ דער שוואכקייַט פונעם סאָוועטישנ רעפּערטואר, אָדער גאָר פונעם צווייפל אינ זייַנ טעאטראלישקייַט אונ פונ ניט-גלויבנ אינ דער טעאטראלישער צוגעפאסטקייַט פונעם סאָוועטישנ רעפּערטואר — דאנ וואָלט יענער פעריִאָד, קלאָר, ביכלאל ניט געקאָנט ווערנ קיינ שעפערישער. דאָס ווענדנ זיכ צו דער קלאסיק איז אָבער פארנ מ. י. מ. ט. ניט געווענ קיינ אויפנ פונ אנטלויפנ אינ דער פארגאנגענהייַט, וואָס ברענגט ס'ראָוו צו קינסטלערישער עפּיגאָנישקייַט.

דער מ. י. מ. ט. האָט זיכ געווענדט צו דער ליטעראטור פונ דער קלאסיק, כדי צו שאפנ דעם טעאטער פונ רעוואָליוציע. די לאנגע ארבעט איבער דער קלאסיק איז פארנ מ. י. מ. ט. געווענ זייַנ אייגנארטיקער וועג פונ איבערארבעטנ די ירושע אונ פונ אויסגעפינענ די אייגענע נאציִאָנאלע פאָרם.

אונ דאָ שטעלט זיכ, פריִער פאר אלץ, די פראגע וועגנ דער באזונדערער באציִונג פונ ייִדישנ סאָוועטישנ טעאטער, אונ, פריִער פונ אלץ, פונ מאָסקווער ייִדישנ מעלוכע־טעאטער צו דער ביז־אָקטיאברישער ייִדישער טעאטראלער קולטור, אינ פארגלײַכ מיט דער באציִונג, לאָמיר זאָגנ, פונ רוסישנ סאָוועטישנ טעאטער צו דעמ רוסישנ ביז־אָקטיאבער טעאטער.

די הויכע רוסישע ביז־אָקטיאברישע טעאטראלע קולטור האָט מיט דער גאנצער וואָג פונ אירע שעפערישע אָנזאמלונגענ, אונ, צומאָל, נאָכ מער מיט דער גאנצער לאסט פונ איר אינערציע, געדריקט אפנ נײַעמ סאָוועטישנ טעאטער. אָט דער דרוק איז געווענ נאָכ שטארקער גראָד דערפאר, ווײַל פאר פילע בויער פונעמ נײַעמ סאָוועטישנ טעאטער־בינע איז עס געווענ ניט בלויז די קראפט פונ דוירעסדיקער אָנזאמלונג, נאָר די דערגרייכונגענ אונ געוווינהײַטנ פונעמ גאנצנ אייגענעמ לעבנ, וואָס האָט שוינ, צומאָל, געהאלטנ אינ ארײַנגייענ אינ לעצטנ פאזיס.

פאר טעאטערנ אונ טעאטראלע שעפער קינסטלעריש ווייניקער באוועגלעכע, מער אקאדעמיש־פארגליווערטע, אונ, דעריקער, פאר די טעאטער־ אונ טעאטראלע שעפער, וואָס זײַנענ לעכאטכילע געווענ שטארקער פארבונדנ מיט דער בורזשואזער אָרדענונג אונ אידייִיש ווײַטער צו דער רעוואָלוציע, האָט דער אייגענער קינסטלערישער נעכטנ אויסערסט מיטגעווירקט אפ פארלאנגזאמענ דעמ טעמפ פונ שעפערישנ אונ אידייִישנ איבערבוי. אנדערש איז געווענ די באציִונג צומ אָנגעזאמלטנ מיצאד אנ אנדער מינ טעאטראלע שעפער, לאָמיר זאָגנ, פונ מייערכאָלדס שניט, מער עקספאנסיווע, פונ טאָמעד אָנ מער עקספערימענטאטאריש־זוכערישע טעאטראלע שעפער, וואָס האָבנ קיינמאָל ניט געהאלטנ פונ ווארייִרנ דאָס געפונענע, אונ וואָס שעפנ זייער אייגענע מונטערקײַט בלויז אינעמ זוכנ נײַע פאָרמענ. יענע טעאטראלע שעפער, וואָס זײַנענ טאָמעד געווענ בונטאריש בענעגייע צו דער בורזשואזער אָרדענונג, אונ האָבנ באלד אינ אָנהייב דערשפירט אינעמ אָקטיאבער א נאָענטע פאר זיכ אטמאָספער — אזעלכע טעאטער־שעפער האָבנ שוינ אינ די ערשטע נאָכ־אָקטיאבער־יאָרנ גענומענ באטראכטנ די גאנצע פריִערדיקע עסטעטיזירנדע, פסיכאָלאָגיזירנדע טעאטראלע קולטור, ווי א לאסט, וואָס איז געבליבנ פונ אָפגייענדיקע קלאסנ. זיי זײַנענ אינ זייער ניהיליזמ דערגאנגענ ביז צו די גרויסע פאבריק־ווענט אונ פראָדוציר־אויסשטאטונג פונ „טארעלקינס טויט", שפעטער אָבער זײַנענ זיי אינ זייער כאראָטע אפנ אייגענעמ ניהיליזמ דערגאנגענ ביז צו קינסטלערישער רעסטאווראציע פונ אזא מינ, ווי די שטעלונג פונ „די דאמע מיט די קאמעליעס".

אנדערש איז געווענ די לאגע פונעמ סאָוועטישנ ייִדישנ טעאטער אינ באצוג צו דעמ ייִדישנ ביז־אָקטיאבער־טעאטער.

זעענדיק די שוועריקײַטנ אונ געפארנ, וואָס די ביז־אָקטיאבער־אָנ-

צאמלונג פאַרשאַפט דעם רוסישן סאָוועטישן טעאַטער, האָט דער מ. י. מ. ט. געקאָנט אין אַ געוויסער מאָס אויסרופן, ווי מאָטל פּייסיס:
מיר איז גוט, איך בין אַ יאָסעם.
ס'איז באַוווסט, אַז דער ייִדישער טעאַטער איז געווען דער סאַמע אָפּגעשטאַנענסטער טייל אין דער ייִדישער ביז-אָקטיאַברישער קינסטלערי־שער קולטור בּיכלאַל.
פאַרן מ. י. מ. ט. איז אין טאָג ניט געשטאַנען די פראַגע ניט פון שעפערישע יאַרשענען די פאַרגאַנגענהייט פון דער ייִדישער פּראָלעטאַרישער קונסט, ניט פון קריטיש זי גויוער זיין. יענער ייִדישער טעאַטער, וואָס עקזיסטירט אין וואַרשע, ניו־יאָרק פון סעזאָן צו סעזאָן, און וואָס האָט געשפּייזט די מענגעס ייִדישע צושויער, איז געווען, אין אַלגעמיין, אַכוץ זעלטענע און ניט-באַדייטנדיקע אויסנאַמען, דער העכסטער אויסדרוק פון געלב גאַסן-געשמאַק, פון קאַפּיטאַליסטיש־גרויסשטאָטישער העפקיירעס און קולטורלאָזיקייט.
די אינטעליגענטישע טעאַטראַלע זיידענע איידעמלעך, וואָס האָבן זיך פון מאָל צו מאָל באַוויזן אָפּ דער ייִדישער סצענע און האָבן אָפּגעגענעצט און אָפּגעגריסעט אַ האַלבן טעאַטער-סעזאָן, זיינען סאָפּקאָלסאָפּ געווען בלויז פאַריידישטע עפּיגאָנען פון מאָדערניסטישע ניט־ייִדישע טעאַטראַלע נאָשערייען. קיין אָנגעוואַקסטע אייגענע ווערטן זיינען דאָ נים געווען. קיין אייגענע, זאָל זיין, שלעכטע, פאַלשע פאַרגאַנגענהייט, און אוואדע שוין קיין אייגענע רומפולע פאַרגאַנגענע שלאַכטן זיינען דאָס פאַר די בויער פון ייִדישן סאָוועטישן טעאַטער אוואדע ניט געווען.
האָט דער מ. י. מ. ט. געקאָנט פון אָנהייב אָן זייער לייכט אָפּשליי־דערן די וועגן און מעטאָדן פונעם ביז־אָקטיאַברישן ייִדישן טעאַטער. צו אָרעם זיינען געווען די קינסטלערישע האָסאָגעס פון יענעם טעאַטער, צו נאַקעט-פּרעמד איז יענער טעאַטער געווען דער רעוואָליוציע, אַז ער זאָל שטיין אין וועג די בויער פונעם סאָוועטישן ייִדישן טעאַטער.
די באַגעגעניש מיטן אַלטן טעאַטער האָט פאַרן מ. י. מ. ט. געקאָנט פאָרקומען בלויז אָפּן וועג פון פּאַראָדיע. אָט די באַגעגעניש איז געווען ניט נאָר מעגלעך, נאָר אומפאַרמיידלעך, ווי אומפאַרמיידלעך ס'איז געווען דער גאַנצער אידעאָלאָגישער קאַמף פון דער סאָוועטישער ייִדישער קול־טור מיט דער ניט-סאָוועטישער.
שאַפן אַזאַ מין פּאַראָדיע האָט דעם מ. י. מ. ט. דיקטירט די אויסערסט נעגאַטיווע סאָציאַלע און אַ טי־עסטעטישע ראָליע פון יענעם טעאַטער, אַלס נאַציאָנאַליסטישן שונד־מייסטער. די אויפגאַבע פון אַנטבלויזן דעם בורזשואַזן ייִדישן טעאַטער אין אַלע זיינע ג־ונט־טיפּן, אָנגעהויבן פון דעם אויסגעשפּראָכענעם געל־שונדישן און אויסגעלאָזן מיט דעם „ליטעראַריש" צוגעפּוצטן, רעאַקציאָנער-נאַציאָנאַליסטישן טעאַטער פונעם „האַבימאַ"־טיפּ, האָט דער מ. י. מ. ט. גלענצנד אויסגעפּילט מיט זיינע „דריי פּינטעלעך".

ס'איז ניט איין מאָל מיט רעכט אָנגעוויזן געוואָרן דערויף, אז דער מ. י. מ. ט. האָט זיך צו לאַנג אָפּגעשטעלט אַף די „דריי פינטעלעך" אין זיין רעפּערטואַר. נאָר דאָס עצעם שאַפן פון די „דריי פינטעלעך" איז פאַרן מ. י. מ. ט. געווען קימאַט א שעפערישער מוז. די מעטאָדן און פאָרמען פון יידישן בורזשואַזן טעאַטער זיינען דאָ טאַקע מיט מיטלען פון טעאַטער־קונסט צונישט געמאַכט געוואָרן אַף דעם איבערציינגנדיקסטן פאַרן צושויער אויפן.

פאַראַדיע איז געווען דער איינציקער אויפן פון פאַרבינדונג צווישן דעם אַלטן יידישן טעאַטער און דעם סאָוועטישן. אָפּגעוואָרפן און איבער־געשפּאַנט איבער דעם יידישן טעאַטער אזוי, ווי ער איז געווען די לעצטע 25—30 יאָר פאַרן אָקטיאַבער, האָט דער מ. י. מ. ט. זיך באַמיט אָנצוקניפּן א געוויסע געשיכטלעכע פאַרבינדונג בלויז מיט גאָלדפאַדענס טעאַטער — און דאָס אויך בלויז אין א געוויסן, גאַנץ באַשטימטן פּראַט. דאָס איז געווען בלויז אין דער מאָס — אַף וויפל גאָלדפאַדענס טעאַטער זיינען געווען איינגנטימלעך, צווישן אַנדערע עלעמענטן, אויך שטריכן פון האַ־מוינישן, פלעביייִשן פּראָטעסט קעגן דעם רעליגיעז־פעאָדאַלן שטייגער פון דער פאַרגאַנגענהייט.

דאָס מוז מען באַזונדערס באַטאָנען צוליב דעם, וואָס, פאַרבלענדט דורך דעם „קאָלדוניע"־דערפאָלג אין מ. י. מ. ט., איז מען דערגאַנגען ביז צו דערקלערן גאָלדפאַדענס דראַמאַטורגיע — פאַר „קלאַסיק", וואָס דאָס איז א שעדלעכע איבערטרייבעריי. ס'האָט אָבער געטראָפן נאָך ערגערס. פאַרדעקנדיק זיך מיטן אווטאָריטעט פון דעם מ. י. מ. ט., האָט מען איינגעשלאָסן אין סאָוועטישן רעפּערטואַר אזעלכע אין אלע הינזיכטן מינדערווערטיקע שטיק גאָלדפאַדענס, ווי „צוויי קוני־לעמלס", ס'איז שוין אפילע דערגאַנגען ביז איינשליסן אין די רעפּערטואַר־פּלענער אזעלכע דורך און דורך נאַציאָנאַלי־סטיש־רעאַקציאָנערע זאַכן, ווי „שולאַמיס".

פאַרן מ. י. מ. ט. איז „קאָלדוניע" געווען דער אָנהייב פון זיין קינסט־לערישן אופדעקן די פאַרגאַנגענהייט דורך דעם ליטעראַרישן מאַטעריאַל פון דער פאַרגאַנגענהייט גופע. פון „קאָלדוניע" איז דער מ. י. מ. ט. גע־קומען צו זיין באַגעגעניש מיט דער יידישער קלאַסישער ליטעראַטור. דער כעזשבן, וואָס דער סאָוועטישער יידישער טעאַטער האָט געהאַט מיט דער יידישער קלאַסיק, איז געווען א סאַך א קאָמפּליצירטערער, ווי זיין כעזשבן מיטן אַלטן יידישן טעאַטער.

אָפּגעוואָרפן די וועגן און מעטאָדן פון אַלטן יידישן טעאַטער האָט דער מ. י. מ. ט. טאַקע אויך אַדאַנק דעם, וואָס זיינע קינסטלערישע אידייען האָבן זיך שוין באַזירט אַף דער דערפאַרונג פונעם מאָדערנעם רוסישן און מערעוו-אייראָפּייִשן טעאַטער. בויען אָבער בלויז אַף אָט דער דער־פאַרונג האָט געהייסן שאַפן א יידישע אופלאַגע און דערצו א גאַנץ עקלעקטישע אופלאַגע, פון געוועזענע אָדער טיילווייז פאַראַנענע ניט־יידישע

טעאטערס. אייננארט אונ נײַס אינ געגעבענעמ פאַל האָט באַטײַט בויענ א טעאטער א יִדיש-נאַציִאָנאַלנ לויט דער פאָרמ, א סאָוועטישנ אונ שפּעטער סאָציִאַליסטישנ לויטנ אינהאַלט. [1]

אונ דאָס האָט באַזונדערס דײַטלעכ געוויזנ דעמ מ.י.מ.ט. א וועג צו דער יִדישער קלאַסיק.

די גרויסע סאָציִאַלע טיפּישקײַט פונ מענדעלעס, שאָלעמ-אלייכעמס אונ פּערעצעס קינסטלערישע געשטאַלטנ, זייער שטייגערדיקע אָנגעזעטיקטקײַט, זייער פּסיכאָ־אידעאָלאָגישע בוילעטקײַט האָבנ געשאַפנ פאַרנ מ.י.מ.ט. אומ־געהײַערע מעגלעכקײַטנ צו אויסגעפינענ די אייגענע נאַציִאָנאַלע פאָרמ.

אונ אינ דער הינזיכט האָט די דערפאַרונג פונעמ מ.י.מ.ט. סײַ אינ פּאָזיטיוונ זינ סײַ אינ נעגאַטיוונ זינ א גרויסע באַדײַטונג פאַר דער גאַנצער סאָציִאַליסטישער טעאַטראַלער קולטור פונ אונדזער פאַרבאַנד, אונ באַזונדערס, פאַר דער טעאַטראַלער קולטור פונ די פריִער אונטערדריקטע פעלקער.

II

פאָרמ אינ דער קולטור איז ניט קיינ מאַלבוש, וואָס קאָנ אלצייַנס אָנגעטאָנ ווערנ סײַ אפ א מאַנעקענ אונ סײַ אפ א מענטשנ. פאָרמ, ווי באַוווסט, וואַקסט אַרויס גופע פונעמ אינהאַלט, ווערט באַשטימט דורכנ אינהאַלט. אינהאַלט מיינט, נאַטירלעכ, ניט סיוזשעט, ווײַל איינ אונ דער זעלבער סיוזשעט ווערט רעאַליזירט אינ פאַרשיידענער פאָרמ. אינהאַלט מיינט אפילע נית מאַטעריאַל, ווײַל איינ אונ דער זעלבער מאַטעריאַל, לאָמיר זאָגנ, א נעגידישער ערעוו שאַבעס, קאָנ רעאַליזירט ווערנ קינסטלעריש אפ דעמ אויפנ פונ „שלוימע נאָגיד” אונ אפ דעמ אויפנ פונ „אנשל זאַליאַזניק”. אינהאַלט, וואָס באַשטימט פאָרמ, מיינט די אידיי פונעמ קונסט־ווערק, די באַציִונג פונעמ קינסטלער צו דערווירקלעכקײַט. די קינסטלערישע אידיי, וואָס אינ איר דריקט זיכ אויס דער אַרט אופנעמענ אונ אופווירקנ פונ א באַשטימטנ קלאַס די אָדער יענע פּראָצעסנ אינ דער סאָציִאַלער ווירקלעכקײַט, באַשטימט די אויסבילדונג פונעמ ווערק, באַשטימט די פאָרמ.

אָט די אקטיווע, באַשטימענדע ראָליע פונ דער אידיי פאַר דער קינסטלערישער פאָרמ, פאַר דער קינסטלערישער רעאַליזירונג, ווערט באַזונדערס בוילעט גראָד אינ דער טעאַטראַלער פּראַקטיק. צענדליקער אקטיאָרנ שפּילנ

[1] א סאָוועטישער לויטנ אינהאַלט אונ סאָציִאַליסטישער לויטנ אינהאַלט — זײַנענ צוויי עטאַפּנ אינעמ שאַפנ פונ פילע נאָכ־אָקטיאַבער־טעאַטערס, אָדער סאָוועטישע שרײַבער. לעבנ האָט באַטנאָט, אז ווענ מיר האָבנ גלײַכ נאָכ דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע אָנגערופנ אונדזער רעפּובליק — סאָציִאַליסטישע, האָט דאָס באַטײַט ניט דעמ פאַראַנענעמ שוינ אינהאַלט, נאָר דעמ ציל פונ דער רעפּובליק. דאָס קאָנ אָבער ניט געזאָגט ווערנ וועגנ דעמ שאַפנ פונ דעמ אָדער יענעמ סאָוועטישנ טעאַטער אָדער שרײַבער, וואָס לויט זײַנ עצעמ צילגעוועדסקײַט וועט זײַנ ריכטיקער צו זאָגנ, אז ביז א געוויסנ פּעריִאָד איז ער געווענ א סאָוועטישער, אָבער נאָכ נית קיינ סאָציִאַליסטישער.

אין מעשעכ פונ צײַטנ אײנ אונ די זעלבע קלאַסישע פיעסנ, זײ האָבנ צו טאָנ מיט דעמ זעלבנ סיוזשעט אונ מיט די זעלבע סיטואַציעס, מיט דעמ זעלבנ פערזאָנעג־ אונ װאָרט־מאַטעריאַל, זײ שאַפנ אָבער פאַרשײדענע געשטאַלטנ, פאַרשײדענע קונסט־פאָרמעס. אונ דאָס קומט פאַר גראָד אדאַנק דעמ פאַרשײדנאַרטיקנ צוגאַנג צומ מאַטעריאַל, אַנדערש גערעדט, אדאַנק דער פאַרשײדנאַרטיקײַט פונ דער קינסטלערישער אידײ, װאָס באַשטימט די קינסטלערישע פאָרמ.

די סאָציאַלע אידײ, דער סאָציאַלער אינהאַלט שאַפט די פאָרמ. דאָס מוז מענ באַזונדערס געדענקענ, װענ ס'רעדט זיכ װעגנ נאַציאָנאַלער פאָרמ. װײַל טאַקע דערפאַר אונטערשײדט זיכ אונדזער קולטור פונ דער בורזשואַזער ניט בלויז לויט איר אינהאַלט — נאָר אויכ לויט איר פאָרמ, לויט דעמ באַזונדערנ כאַראַקטער פונ איר נאַציאָנאַלער פאָרמ. טאַקע װײַל אינהאַלט באַשטימט פאָרמ, זײַנענ שוינ אויכ טיפ פאַרשײדנ גופא אָט די נאַציאָנאַלע פאָרמעס. די עצעמ פאָרמ איז אַנ אַנדערע. אינ יענער קולטור — א בורזשואַזע, בא אונדז — א סאָציאַליסטישע. דערומ איז דאָס אויסבילדנ פונ אונדזער קולטור פאַרבונדנ ניט בלויז מיט גוױער זײַנ דעמ פרעמדנ בורזשואַזנ אינהאַלט, נאָר אויכ מיט גוױער זײַנ די פרעמדע פאָרמ, װײַל זי איז א בורזשואַזע. אונ אַפ דעמ װעג גײענ די זיגנ אונ די דורכפאַלנ פונ מ.י.מ.ט. אינ זײַנע באַגעגענישנ מיט דער ייִדישער קלאַסיק.

דער גרויסער באַטײַט פונ דער קלאַסישער ליטעראַטור ליגט פריער פונ אַלצ אינ איר דערקענטעניש־װערט. אָבער די װערק פונ יעדנ קלאַסיקער פאַרקערפערנ דורכ זײערע טיפישע כאַראַקטערנ אויכ די טיפישע באַציִונג פונ יענע שרײַבער צו דער װירקלעכקײַט. מענדעלע, פערעצ, שאָלעמ־אַלײכעמ זײַנענ קלאַסיקער, װײַל זײ האָבנ אָפגעשפיגלט אַפ א פולקומענ, טיפישנ אופנ די װירקלעכקײַט פונ שטאַנדפונקט פונ זײער קלאַס. אַנדערש גערעדט, זײ זײַנענ קלאַסיקער, װײַל זײ האָבנ געגעבנ סאָציאַל טיפישע סאַכאַקלדיקע קינסטלערישע געשטאַלטנ, אונ װײַל, — אונ אַפ אַזױ פיל, — זײ האָבנ געגעבנ די טיפישע אַנטפלעקונג פונ דער באַציִונג פונ זײער קלאַס צו דער װירקלעכקײַט.

אונ פונדאַנענ האָט געשטאַמט פאַרנ טעאַטער זײער א קאָמפליצירטע אויפגאַבע, װעלכע דער מ.י.מ.ט. האָט אינ גרונט ריכטיק געלײזט. זײַנ קריטיש יאַרשענענ די קלאַסיקער האָט זיכ אויסגעדריקט אינ דעמ, װאָס ער האָט, אַזוי צו זאָגנ, די פאַרטײַישקײַט פונ די קלאַסיקער פאַרברענט אינ פײַער פונ אונדזער פאַרטײַישקײַט. דאָ האָט זיכ געהאַנדלט ניט בלויז אינ גוױער זײַנ זײער נאַציאָנאַליזמ אונ פאַראַליזירנ זײערע, אונדז פרעמדע אונ פײַנטלעכע צומאָל, טענדענצנ. דאָ האַנדלט זיכ נאָכ אינ דעמ, װאָס דער זיג פונ אונדזער פאַרטײַישקײַט איבער זײער פאַרטײַישקײַט האָט געבראַכט דערצו, אַז יענע פאַרגאַנגענע װירקלעכקײַט גופא זאָל טיפער, ברײטער, אונ, זעלבסטפאַרשטענדלעכ, אָביעקטיװער אַנטפלעקט װערנ.

דער עמעס וועגנ יענער ווירקלעכקײַט, וואָס איז פארקערפערט געוואָרנ אינ די געשטאלטנ פונ אונדזערע קלאסיקער, איז אונטער דעמ פראָזשעקטער פונ מ.י.מ.ט. אנטפלעקט געוואָרנ מיט מער טיפקײַט אונ פולקומקײַט. מענדעלעס, פערעצעס, שאָלעמ־אלײכעמס וועלט איז דאָ דורכגעגאנגענ פאר אונדזערע אויגנ אפ א ביז איצט ניט געזעענעמ, פארביקנ, זאפטיקנ, פארשיידנארטיקנ אופנ. מיר האָבנ דערזענ יענע זײַטנ פונ אָט דער אָפגעגאנגענער וועלט, ארײַנגעקוקט אינ אזוינע אירע טיפנ, וואָס זײַנענ פארשאָטנט געוואָרנ דורכ דער פארטייִשקײַט פונ די קלאסיקער גופא.

מיר זײַנענ ווײַט פונ ניט-דערשאצנ מענדעלעס אופקלערערישע טענדענצנ. מיר געדענקענ, וואָס פאר א קאָלאָסאלע, פאָזיטיווע ראָליע מענדעלעס בוכ „מאסאָעס ביניאָמינ האשלישי" האָט געשפילט אינ קאמפ קעגנ פעאָדאלנ באוווסטזײַנ, פארנ נײַעמ בורזשואזנ באוווסטזײַנ.

זאָל אָבער די פאָרשטעלונג „מאסאָעס ביניאָמינ האשלישי" זיכ האלטנ בלויז אפ אָט דעמ צעשטערנ די ייִדיש-מיטלאלטערלעכע פאָרשטעלונג אונ קלויז-טרוימענ — דאנ וואָלט פריִער פונ אלצ זייער קנאפ געווענ איר סאָציאלער באטײַט, ווײַל ניט וואָס אינ מאָסקווע אָדער אינ מינסק, אפילע צווישנ די צושויער פונ מ.י.מ.ט. אפ זײַנע גאסטראָלנ אינ פראנקפורט איז ניט געווענ קײנ אײנער, ווער ס'לעבט נאָכ מיט אָט די פאָרשטעלונגענ.

מיכאָעלס אונ זוסקינ האָבנ געשאפנ מאָנומענטאלע סימבאָלנ פונ דער אָפגעגאנגענער עפאָכע גראָד דערפאר, ווײַל זיי האָבנ אנטפלעקט ניט בלויז די נאיִווע מיטלאלטערלעכע פאנאטישקײַט אונ רעליגיעזע באגרענעצטקײַט, נאָר ווײַל זיי האָבנ אנטפלעקט זייער טראגיק, זייער גרויסנ מענטשלעכנ ווייטעק. דער אָביעקטיווער באטײַט פונ זייער טראגיק באשטייט אינ דעמ, וואָס זייער נאיִווקײַט ווערט געשיכטלעכ צעטראָטנ דורכ סאָכרישער פראקטישקײַט, זייער טרוימ — דורכ דעראָבערישער אומבעראכמאָנעסדיקײַט אונ מארק־וואָרהײַט, זייער מענטשלעכע פארטרויטקײַט — דורכ אכזאָרישער אָנזאמלערישקײַט.

זיי זײַנענ קאָמיש, ווײַל זייער וועלט איז געווענ א מיטלאלטערלעכ־באגרענעצטע, זיי זײַנענ טראגיש אונ מענטשלעכ רירנד ניט דערפאר, ווײַל זייער וועלט קומט אומ, — זי דארפ אופגעריסנ ווערנ, אונ אינ דעמ איז געווענ דער גרויסער באטײַט פונ מענדעלע דעמ אופקלערער, וואָס ער האָט געהאָלפנ זי קינסטלעריש אופרײַסנ, — זיי זײַנענ טראגיש אונ מענטשלעכ־רירנד, ווײַל, לאָזנדיק זיכ אינ זייערע „רײַזעס", וועלנ זיי ארײַנפאלנ אינ דעמ קאפיטאליסטישנ „איימעק־האבאָכאָ", מיט א מענדעלע־אויסדרוק זיכ באניצנדיק.

דאָס צעשטערנ פונ דער קאפיטאליסטישער וועלט איז געשיכטלעכ הוילע פרייד, ווײַל די סאָציאליסטישע וועלט איז דער איבערגאנג פונ נויטווענדיקײַט צו פרײַהײַט. אינעמ אומקומ פונ דער פעאָדאלער וועלט איז געווענ אויכ גרויסע טראגיק, ווײַל געיארשנט זי האָט א צווייטע אכזאָריעסדיק-עקספלואטאטאָרישע וועלט.

אין מענדעלעס קאָמישקייט פון ביניאָמינען און סענדערלען, אין דעם גראָטעסקן פינאַל פון „אויס קאַלע וויַיטער מויד״ איז געווען דער אַנטי־פעאָדאַלער באַטיַיט פון דעם ווערק, זיַין גרויסער אַנטי־מיטלאַלטערלעכער אויפקלערערישער ווערט.

אין די שטריכן פון טראַגיק, וואָס מיכאָעלס און זוסקין גיבן די דאָזיקע געשטאַלטן, ליגט, אָ ב י ע ק ט י ו ־ ג ע נ ו מ ע ן, דער אַנטי־בורזשואַזער באַטיַיט פון די געשטאַלטן. אין די דאָזיקע שטריכן ווערט אַנטפּלעקט דער וויַיטעק און די אָנמעכטיקייַט פון דעם נאַיִוו־ערלעכן פאָלק־מענטשן בײַ זיַין באַגעגעניש מיט דער בורזשואַזער אַכזאָריעסדיק־פּראַקטישער וועלט. ניט בײַ מענדעלען אין בוך, ניט אויף דער סצענע פון מ.י.מ.ט., נאָר אין דער פּאַקטישער ווירקלעכקייַט שוין פון מענדעלעס צייַטן.

ס׳וועט אויך דאָ נייטיק זיַין אַ סערוואַנטעס־אַנאַלאָגיע. אין דעם „טרויעריקן ריטער״ איז געווען ניט בלויז די קאָמישקייַט פון אַ מענטשן, וואָס מעסט דעם הייַנט לויט די האַסאָגעס פון נעכטן, נאָר אויך די טראַגישקייַט פונעם קאָנפליקט צווישן גרויסן, נאָר באָדנלאָזן מענטשלעכן אידעאַליזם מיט דעם זייער רעאַלן, גאָר נאַקעטן פּראַקטיציזם. און צוליב דעם איז מעגלעך געוואָרן „דאָן קיכאָט״ זאָל שפּעטער בײַ בייַראָנען און הײַנען אויסגעטייַטשט ווערן אויף אַן אַנטיבורזשואַזן אופן.

דורך דער טראַגיק פון ערלעכער אומבאַהאָלפנקייַט האָבן מיכאָעלס און זוסקין פאַרטיפט זייערע אומפאַרגעסלעכע געשטאַלטן און דערמיט זיי פּאַקטיש אַנטיבורזשואַז פאַרשאַרפט.

נאָך בולעטער איז אָט די פאַרשאַרפונג פאָרגעקומען אין די שאָלעם־אַלייכעם־פאָרשטעלונגען, באַזונדערס אין „גרויסן געווינס״. אויך דאָ איז שאָלעם־אַלייכעמס פלעביייִש־נאַיִווער פּראָטעסט קעגן גווירים געבראַכט געוואָרן צו דער מאָדערנער פון אַנטי־קאַפּיטאַליסטישער סאַטירע. אַזוי איז דער קאָמעדיע־אייַנאַקטער „אַ געט״ — דערהייבן געוואָרן צו טראַגיק. וואָס הייסט, אייגנטלעך, אויב מיר זאָגן, אַז ד ע ר מ.י.מ.ט. האָט קינסטלעריש פאַרטיפט דעם אינהאַלט פון דער קלאַסיק? — דאָס הייסט, אין טאָך, אַז דער טעאַטער האָט געפונען די אַמייַנסטן אַדעקוואַטע פאָרם אויף צו שילדערן יענע פאַרגאַנגענהייַט, וואָס איז אָביעקטיוויזירט געוואָרן אין די ווערק פון די קלאַסיקער. אין דעם, און בלויז אין דעם זין, קאָן געזאָגט ווערן, אַז דער טעאַטער האָט אין דער יידישער קלאַסיק געזוכט און געפונען די נאַציאָנאַלע פאָרם. און טאַקע דערפאַר האָט די דאָזיקע פאָרם אַזוי געדינט אויף אידעאָלאָגיש אויפצווייַסן די פאַרגאַנגענהייַט. דאָ האָט זיך אויף אַ קינסטלערישן אופן מאַניפעסטירט די אייַנהייַט צווישן דער רעוואָליוציאָנערער פּאַרטייִשקייַט און דער אָביעקטיווער אָפּשפּיגלונג פון דער ווירקלעכקייַט.

אין דער פּראַקטיק פון סאָוועטישן טעאַטער האָבן קלאַסישע פאָרשטע־

לונגענ ניט איינ מאָל באטײַט: א בעקאָוועדיקער אויסרייד אפ ניט צו שטעלנ סאָוועטישע פּיעסנ. אונ דאנ זײַנען עס בעדערעכ קלאל געווענ עסטעטיש סנאָביסטישע, אָדער אקאדעמיש-ארכאיִשע פאָרשטעלונגענ. ניט איינ מאָל זײַנענ אזעלכע פאָרשטעלונגענ געווענ די דעמאָנסטראציע פונ „לינקערײַ", וואָס האָט זיכ אויסגעדריקט אינ וואולגארע מאָדערניזאציעס.

אָבער באמ ווענדנ זיכ צו דער ייִדישער קלאסיק האָט דער מ.י.מ.ט. אויסגעמיטנ ביידע געפארנ. ער האָט זיי אויסגעמיטנ, ווײַל דאָס עצעמ ווענדנ זיכ צו דער קלאסיק איז פאר אימ געווענ א מוז אינ פּראָצעס פונ זוכנ זײַנ קינסטלערישע אייגנארט, ווײַל די קלאסיק האָט אימ געדינט, קעדיי קינסטלעריש אופצורײַסנ דעמ נעכטנ.

אָבער דאָס, וואָס אפ צו געפינענ זײַנ נאציאָנאלע פאָרמ פארנ סאָוועטישנ אינהאלט האָט דער טעאטער זיכ געווענדט אפ לאנג קימאט אויסשליסלעכ צו דער ניט-סאָוועטישער ליטעראטור, האָט אויכ געבראכט צו זײַנע באשטימטע דורכרײַסנ באמ קינסטלערישנ יארשענענ אונ פארווירקלעכנ די קלאסיק גופא. דאָס האָט געבראכט דערצו, אז דער טעאטער האָט אײַנגעהיט אייניקע עלעמענטנ פונ נאציאָנאליסטישער ראָמאנטיק אונ פאָלקיסטישער סענטימענטאלקײַט (אינ „מאסאָעס" אונ אינ „דאָס גרויסע געווינס"), האָט געבראכט דערצו, אז דער טעאטער זאָל אזוי ראפינירנ די פאראָדיע אינעמ „דריטנ פּינטעלע", אז די נאטור זאָל, צומאָל, פארשטעלנ דעמ שארוש — אונ טאקע אויכ דערצו, אז דער טעאטער זאָל זיכ לאָזנ אפ א ווײַלע ארײַנציִענ אינ דער אטמאָספער פונ פעסימיזמ אונ מיסטיציזמ וואָס אינ פּערעצעס „באנאכט אפנ אלטנ מארק".

מ'דארפ דאָס ניט פארשווײַגנ אונ ניט פארווישנ. מע מוז אָבער געדענקענ, אז די ארבעט איבער דער קלאסיק כאראקטעריזירט זיכ אינ גרונט ניט מיט די פעלערנ, נאָר מיט די גרויסע דערגרייכונגענ פונעמ טעאטער.

דאָ האָט ער אויסגעפונענ זײַנ פאָרמ, זײַנ קינסטלערישע אייגנארט, דאָ האָט ער אויסגעפּילט זײַנ גרויסע סאָציאלע שליכעס פונ אידייִש אופרײַסנ דעמ נעכטנ.

III

די ערשטע יאָרנ מ. י. מ. ט. זײַנענ געווענ, ווי געזאָגט, יאָרנ פונ ארבעט הויפּטזאכלעכ איבער דער קלאסיק. ריכטיקער, דער דערפאָלג פונ יענע יאָרנ איז געלעגנ אויסשליסלעכ אינ זײַנ אנטפּלעקנ די קלאסיק. סאָוועטישע ייִדישע פאָרשטעלונגענ אינעמ מ.י.מ.ט. זײַנענ דעמלט געווענ זעלטנ אונ זײַנענ דורכגעפאלנ.

אונ זעלטנ זײַנענ זיי געווענ ניט בלויז צוליב דעמ דעמלטיקנ צושטאנד פונ דער ייִדישער סאָוועטישער דראמאטורגיע, נאָר, ווי געזאָגט, צוליב דער באציִונג צו איר מיצאד דער דעמלטיקער אָנפירונג. בלויז מיט דער פאלשער פּאָליטישער אײַנשטעלונג פונ יענער אָנפירונג איז צו דער-

קלערן, וואָס דער טעאַטער איז פאַרבײַגעגאַנגען „הירש לעקערט״ קושניראָווס, וואָס בערגעלסאָנס „דער טויבער״ איז אָנגענומען געוואָרן דורך דעם טעאַטער בלויז דעמלט, ווען די אָנפירונג איז אַריבערגעגאַנגען צום כ׳ מיכאָעלס.

די יאָרן זינט כ׳ מיכאָעלס, וואָס איז אַלעמאָל געווען די הויפּט-זײַל פון דעם בנין, איז געוואָרן זײַן איינציקער אָנפירער — זײַנען יאָרן, ווען דער טעאַטער איז שוין געוואָקסן ווײַטער אויפן יסוד פון דער סאָוועטישער ייִדישער דראַמאַטורגיע.

זײַן מײַסטערישע קולטור, ווי זי האָט זיך אויסגעבילדעט אויף דער קלאַסיק, האָט צוגעגרייט דעם טעאַטער צו זײַנע סאָוועטישע פאָרשטעלונגען. אָבער די געפונענע נאַציאָנאַלע פאָרם האָט דאָ געפאָדערט א נײַע אָנווענדונג, ריכטיקער וועט זײַן צו זאָגן, ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין א נײַער פאַרוואַנדלונג פון דער נאַציאָנאַלער פאָרם. ווײַל נאַציאָנאַלע פאָרם איז נישט קיין אייביקע זאַך, ס׳בײַט זיך, ווי געזאָגט, דער סאָציאַלער אינהאַלט, און מיט אים צוזאַמען ענדערט זיך די נאַציאָנאַלע פאָרם. די שוועריקייטן פון מ. י.מ. ט. בײַ זײַן אַריבערגיין צום סאָוועטישן רעפּערטואַר איז דערעכאַגעוו באַשטאַנען אין דעם, וואָס די נאַציאָנאַלע פאָרם האָט זיך דאָ געענדערט. דען געהאַנדלט האָט זיך דאָ נישט וועגן קיין עוואָלוציע פון פאָרם, נאָר וועגן רעוואָלוציאָנערער פאַרוואַנדלונג פון א פאָרם, וואָס איז אורשפּרינגלעך אויסגעוואָקסן אויף א נאַציאָנאַל-בורזשואַזן אינהאַלט, אין א פאָרם, וואָס וואַקסט פון אָנהייב אָן אַרויס פון אן אינטערנאַציאָנאַל סאָציאַליסטישן אינהאַלט.

פאַר אָט די יאָרן האָט דער טעאַטער געשטעלט דאָברושינס „דער געריכט גייט״, מאַרקישעס „נישט געדײַגעט״, בערגעלסאָנס „דער טויבער״ און „מידאַס האָדיג״, דאַניעלס „פיר טעג״ און א ריי אַנדערע סאָוועטישע פּיעסן. דער טעאַטער האָט אויף דעם מאַטעריאַל געהאַט צו לייזן די פּראָבלעם פון קריטישן איבערשאַצן די אייגענע „ירושה״, קריטיש פאַרייגענען די טעאַטראַלע קולטור, וואָס ער האָט אָנגעזאַמלט פאַר זײַנע ערשטע צען יאָר.

און זאָל דאָ דערלויבט זײַן צו זאָגן, אַז דער טעאַטער האָט, באַזונדערס אַדאַנק מיכאָעלסעס שעפערישער זעלבשטענדיקייט און קינסטלערישער ערלעכקײַט, אויף א ריכטיקן אופן געלייזט אין גרונט די פּראָבלעם פון קריטיש אויפנעמען די אייגענע ירושה. ער האָט אויסגעמיטן אויסערלעכע איבערפּוצונגען, וואָס זײַנען טאַמער א צייכן פון צופאַלערײַ. ער האָט זיך אָרגאַניש איבערגעבויט — איבעראַרבעטנדיק די בעסטע עלעמענטן פון פריער דערגרייכטן: די זעלטענע טעאַטראַלע מײַסטערשאַפט, זײַן אומגעהייערע אויפווירקונג־קראַפט, די זעלטענע פייִקייט אָנצושטעקן דעם צושויער מיט זײַנע איבערלעבונגען. דער טעאַטער האָט איצט אויסגענוצט זײַנע אָט די אַלע אייגנשאַפטן, קעדיי אויפדעקן — אין דער מאָס, וואָס דער דראַ־

מאַטורגישער מאַטעריאַל האָט עס נאָר דערלויבט — סאָציאַלע לײַדנשאַפטן און קאָנפליקטן פון אונדזער צײַט.

און שוין די דערוואַיל נאָך גאָרניט רײַכע דראַמאַטורגיע האָט אים געגעבן שטאָף אַף צו שאַפן אַ גאַנצע ריי וויכטיקע גרופּעס פון געשטאַלטן. געשטאַלטן פון קלאַסן־פּײַנט אין די גאַנצע פאַרשיידענע וואַריאַציעס — אָנגעהויבן פונעם פאַבריקאַנט און באַלעבוס און אויסגעלאָזן מיט פּעפּעסאָן־צעס, עסערן און בונדיסטן; געשטאַלטן פון ייִדישער אָרעמשאַפט, וואָס האַלטן אין פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ טייל פון סאָציאַליסטישן קאָלעקטיוו פון אַרבעטנדיקע, געשטאַלטן פון קאָמוניסטן, באַוווסטזיניקע אַרבעטער, רויטאַרמייער. אין דער אויסבילדונג פון די געשטאַלטן פון ייִדישן גזיר, פונעם פאַבריקאַנט און באַלעבוס, נאָך מער אינעם אויסבילדן די געשטאַלטן פונעם סאָוועטישן קוסטאַר, פון דער אָרעמשאַפט, וואָס גייט איבער צו ערדאַרבעט, איז פאַר דער דראַמאַטורגיע, און נאָך מער פאַרן טעאַטער, געשטאַנען די געפאַר צו בלײַבן שטעקן אין געפּענקעניש באַ מענדעלען און שאָלעם־אַלייבעמען, צו געבן סאָוועטיזירטע וואַריאַציעס פון קאַפּצאַנסק און קאַסרילעווקע.

און טאַקע — אין דער לירישקײַט פון דער נאַפּטאָלע־פיגור („דער גזריבן גייט") איז פאַראַן אַ לײַכטער מענדעלע־נאָכקלאַנג, וואָס נעמט קלאַל ניט אַראָפּ דאָברושינס גרויסן פאַרדינסט פאַר דעם פּראָצעס פון דער סאָוועטיזירונג פון דעם רעפּערטואַר אין טעאַטער. אין אייניקע שטייגער־עפּיזאָדן פון דאַניעלס „פיר טעג", באַזונדערס, אין דער סצענע מיט די קלעזמער — זײַנען געבליבן וואַריאַציעס פון אַלטע שאָלעם־אַליכעמישע טענער. נאָר דאָס זײַנען אויסנאַמען. אין די גרונט־געשטאַלטן פון „טויבן", פון „גיט געדײַגעט", פון „פיר טעג", פון „מידאַס האַדינג" האָט דער טעאַטער געוויזן, ווי ס'בילדעט זיך אויס דער נײַער סאָציאַלער באַוווסטזײַן פון די ייִדישע מאַסן.

גראָד אין באַווײַזן די מוטער („פיר טעג"), מענדעלען, מענדעליכע און זייערע מיטבויער („גיט געדײַגעט"), די פיגורן אין בערגעלסאָנס גרע־נעץ־שטעטל („מידאַס האַדינג") — האָט דעם טעאַטער געדראָעט, אַז די אַל־טע פאָרם זאָל זיך שטעלן אַפן וועג צום נײַעם אינהאַלט. און אָט די געפאַר האָט דער טעאַטער גליקלעך אויסגעמיטן.

אַ ווײַטערדיקער שריט פון סאָציאַלע מאַסקעס צו פאַרטיפטע סאָציאַלע טיפּן איז די גאַלעריי טיפּן פון דער ייִדישער בורזשואַזיע, פון די ייִדישע באַלעבוסים און זייערע מיטהעלפער.

דורכויס נײַ איז פאַרן טעאַטער געווען די גרופּע רעוואָלוציאָנערע טיפּן. אָבער אויך דאָ האָט דער טעאַטער צו פאַרצייכענען באַדײַטנדע שריט פאָרויס (אַ ריי סצענעס אין „פיר טעג" און אין „מידאַס האַדינג"). מ'האָט ניט אויפגעהערט זיך קלאָגן אַף דער אָפּגעשטאַנענקײַט פון דער ייִדישער סאָוועטישער דראַמאַטורגיע. נאָר אַז מע פירט אונטער אַ סאַכאַקל פון די

לעצטע פינף יאָר אין מ.י.מ.ט. — זעט מען, אז די ליטעראַטור האָט געשאַפן א באַדײַטנדיקע צאָל נײַע געשטאַלטן, וואָס האָבן באַרײַכערט דעם טיפן-פאַרמעג פון אַזעלכע צוויי מײַסטערס, ווי מיכאָעלס און זוסקין, וואָס האָבן געגעבן א מעגלעכקײַט ברייט אַנטפּלעקן די קראַפט פון א גאַנצער ריי אַקטיאָרן, וועלכע זײַנען פריער פאַרבליבן אין שאָטן.

אפן סאָוועטישן רעפּערטואַר — באַזונדערס אפ בערגעלסאָנס „מידאַס-האַדין" — האָט מיכאָעלס באַוויזן זײַנע גרויסע רעזשי-פייִקײַטן. ער האָט אין דעם סאָוועטישן רעפּערטואַר געשאַפן יוליסן („פיר טעג"), וואָס גע-הערט, דערווײַל, צו די רעגנדיקסטע געשטאַלטן פון א באָלשעוויק אפ דער סאָוועטישער סצענע. ער האָט אין „טויבן" אין טאָג צום ערשטן מאָל זיך באַוויזן אלס אַ־טיסט, וואָס איז אימשטאַנד צו דערהייבן זיך צו א שעק-ספּירישער טראַגיק.

זוסקין, דער גרויסער טאַלאַנט, איז פאַר די פינף יאָר סאָוועטישן רע־פּערטואַר באַרײַכערט געוואָרן מיט אַזא פאַרשיידנאַרטיקן טיפּאַזש, ווי מיט דעם ליבן אַלטן, פּוילישן רעוואָליוציאָנער סטאַניסלאַוו („פיר טעג"), דעם פאָלקיש־רירנדיקן מענדל („ניט געדײַגעט"), דעם דערשלאָגן-פאַרקויפּטן יאָסעלע באַבצעס („דער טויבער"), דעם פילאָזאָפירנדיקן פּאַכדאָנישן דאָקטער באַביצקי („מידאַס האַרין"), דעם ציניקער פּעטער מישא („דער ספּעצ").

אפן סאָוועטישן מאַטעריאַל האָבן זיך אַרויסגעוויזן אלס באַדײַטנדע שוישפּילערישע קרעפטן — שידלאָ, פינקעלקרויט, שטיימאַן, די אַרטיסטנס ראָטבוים, מינקאָווא, בערקאָווסקאַיאַ, די יונג פאַרשטאַרבענע לעוויטאַס און א גאַנצע ריי אַנדערע אַקטיאָרן און אַקטריסעס.

דער דערפאָלג פון די ערשטע צען יאָר מ. י. מ. ט. איז געלעגן אין זײַן גלענצנדער טעאַטראַליזאַציע פון דער קלאַסיק. דער ווײַטערדיקער וווּקס פון טעאַטער פאַר די לעצטע פינף יאָר איז שוין געוואָרן מעגלעך בלויז אַדאַנק דעם וווּקס פון דער סאָוועטישער יידישער דראַמאַטורגיע. מ'טאָר ניט פאַרגעסן, אז אין „צענטן געבאָט", אפילע אין „לופט-מענטש", זײַנען שוין געווען מער וואַריאַציעס פון דערגרייכטן, ווי ווײַטערדיקער וווּקס. פון אָט דער געפאַר פון אייגענע איבערכאַזערונגען האָט דעם טעאַטער געראַטעוועט די סאָוועטישע יידישע דראַמאַטורגיע. זי האָט אין אים אַרײַנ-געבראַכט נײַ בלוט, וואָס האָט געזיכערט זײַן ווײַטערדיקן שעפערישן וווּקס.

ס'זײַנען געווען ניט ווייניק באַלאָנים צו באַטראַכטן קימאַט יעדע סאָ-וועטישע פאָרשטעלונג פון מ. י. מ. ט. אויב ניט פאַר א דורכפאַל, איז פאַר א באַווײַז פון דויערנדיקן קריזיס.

דער „דויערנדיקער קריזיס" האָט זיך אָבער צום פּופּצניאָריקן יובילײ פון טעאַטער פאַרענדיקט, ווי באַוווּסט, מיטן איבעראַשנדיקן דערפאָלג פון „קיניג ליר". דער דאָזיקער דערפאָלג קאָן ניט באַטראַכט ווערן, ווי א פּלוצעמדיק געזונט ווערן פונעם טעאַטער. ער איז די גליקלעכע רעאַליזאַ-ציע פון די קויכעס, וואָס דער טעאַטער האָט אפּסנײַ אָנגעזאַמלט פאַר די

פינפ יאָר ארבעט איבערנ סאָוועטישנ רעפּערטואַר. בלויז פאַר די, וואָס האָבנ זיכ ניט איַינגעטראַכט אינ גאנצנ וועג, וואָס דער טעאַטער האָט דורכגעמאכט, איז די פאָרשטעלונג „קיניג ליר” געקומענ ווי אַנ „אומדערווארטעטע פרייד”. אינ טאָכ איז אָבער די דאָזיקע פאָרשטעלונג צוגעגרייט דורכ דעם גאנצנ דורכגעמאכטנ וועג.

די מיַיסטערשאַפט פונ די אקטיאָרנ, זייער אָנגעזאַמלטע טעאַטראַלע קולטור איז דאָ אריבער אינ א נײַעמ העכערנ פאַזיס.

וועגנ דער „קיניג ליר”-פאָרשטעלונג מוז מענ אָבער גענויער ריידנ.

IV

צווישנ דעם מאָדערנעמ צושויער — באַזונדערס צווישנ דעם צושויער, וואָס איז פארבונדנ מיט דער רוסישער קולטור — אונ דער טראַגעדיע „קיניג ליר”, שטייט די טאָלסטוי־קריטיק פונ שעקספּיר.

אָט די קריטיק רעגט נאָכ מער דעם סאָוועטישנ צושויער גראָד דערפאַר, וואָס אונדזער קולטור איז א רעאַליסטישע. טאָלסטוי אטאקירט אָבער שעקספּירנ, פריִער פונ אַלצ „קיניג ליר”, גראָד פאַר דער „ניט-עמעסדיקייט”, ניט־רעאַליסטישקייט.

ניט איינ מאָל איז אויסגעקומענ צו הערנ צווישנ סאָוועטישע דראמאַטורגנ אונ קריטיקער אַזעלכע שמועסנ:

— דער גאנצער זאַל ווייסט, אַז לירס עלטערע טעכטער ליַיגנ אונ אַז נאָר קאָרדעליע רעדט ערלעכ — אַלע פארשטייענ עס אונ נאָר דער קלוגער, מיט לעבנס-דערפארונג אַלטער ליר — פארשטייט עס ניט.

— א לעבנ האָבנ קענט אונ עדגאַר אָפּגעלעבט אינ קיניג לירס הויפּ אונ מיטאמאָל דערקענט זיי מער קיינער ניט, אפילע דער אייגענער פאָטער דערקענט ניט עדגאַרנ.

אָדער נאָכ א ביַישפּיל:

— גענוג, אַז עדמאָנד זאָל א וויַיז טאָנ גלאָסטערנ עפּעס א קלוימערשט אונטערגעוואָ־פנ פאפּירל, אונ יענער זאָל באַלד זיכ אָפּווענדנ פונ זיַינ זונ אונ אים פאַריאָגנ אונ פארפאָלגנ.

אָפּ דעם געזעלשאפטלעכנ דורכקוק פונ „קיניג ליר” טיַינעט א דראַמאַטורג מיט א קריטיקער:

— ווענ איכ זאָל זיכ דערלויבנ אַזוי צווינגענ האַנדלענ מיַינעמ א פּערסאָנאַזש, וואָלט איר געשריִענ: סכעמאטיזם, וווּלגאַריזאציע!

דער קריטיקער פּרווּוט זיכ פארענטפערנ:

— דאָס איז דאָכ שעקספּירס באַדינגלעכקײַט. פאַר **אונדזער** דראַמאַטורגיע טויג דאָס ניט.

דער דראַמאַטורג כאַפּט גליַיכ דעם קריטיקער אינ אַנ „אָפּנייג”:

— איר רופט אונדז אָפּזאָגנ זיכ פונ „שעקספּיריזירנ”.

אין דער דאָזיקער האַלב-ערנסטער, האַלב-איראָנישער קריטיק פון שעקס־פּירס שאפן כאַוערן זיך איבער טאָלסטויס אַרגומענט קעגן שעקספּירן, באַ־זונדערס קעגן „קיניג ליר".

טאָלסטוי שרײַבט:

„דער לעזער אָדער צושויער קאָן ניט גלייבן, אַז דער קיניג, ווי אַלט און נאַריש ער זאָל ניט זײַן, זאָל קאָנען גלייבן, וואָס ס'זאָגן די בייזע טעכטער, מיט וועלכע ער האָט אָפּגעלעבט דאָס גאַנצע לעבן, און ניט גלייבן דער געליבטער טאָכטער, און זי פאַרשילטן און פאַריאָגן; דער צושויער אָדער לעזער קאָנען ניט טיילן די איבערלעבונגען פון די, וואָס נעמען אָנטייל אין דער אומנאַטירלעכער סצענע".

נאָך אומנאַטירלעכער, אומגלייבלעכער, האַלט טאָלסטוי, זײַנען די באַ-ציִונגען צווישן גלאָסטערן און זײַנע זין.

ווײַטער ווײַזט אָן טאָלסטוי, ווי באַוווסט, אויף דער אומעגלעכקײַט, אַז ליר און גלאָסטער זאָלן ניט דערקענען קענטן.

פון די איינצלהײַטן גייט טאָלסטוי אַריבער צו דעם אויפן, ווי שעקס־פּיר שילדערט כאַראַקטערן, צו דער שפּראַך פון די שעקספּירישע פיגורן און קומט צום אויספיר, אַז „שעקספּיר קאָן ניט אָנערקענט ווערן ניט בלויז ניט פאַר קיין גרויסן, גענִיאַלן שרײַבער, ער איז אפילו ניט קיין מיטלמעסי־קער פאַרפאַסער".

טאָלסטוי דערציילט, ווי ער האָט ניט איין מאָל געטײַנעט מיט טורגע־ניעוון, פעטן און מיט אַנדערע שעקספּירס פאַרערער:

„עפנט ווו איר ווילט, אָדער ווו ס'וועט זיך מאַכן אַ ווערק פון שעקספּירן, וועט איר זען, אַז איר וועט ניט געפינען קיין צען שורעס, וואָס זאָלן זײַן פאַרשטענדלעך, וואָס זאָלן זײַן נאַטירלעך, אייגנטימלעך פאַר דער פּערזאָן, וואָס זאָגט זיי אַרויס און וואָס זאָלן מאַכן אַ קינסטלערישן אײַנדרוק".

יענע האָבן געפּאָלגט, אויפגעעפנט שעקספּירס אַ בוך, געלייענט און אָנ־שטאָט מאַסקעם זײַן מיט טאָלסטויען, זײַנען זיי געווען אַנציקט.

טאָלסטויס קריטיק פון שעקספּירן האָט אייגנטלעך געשטאַמט ניט דער־פון, וואָס ס'זײַנען פאַר אים ניט אָנעמבאַר געווען שעקספּירס קונסט-מיטלען, נאָר ווײַל ס'איז אים ווילד-פרעמד געווען שעקספּירס וועלט-באַנעם.

טאָלסטוי האַלט שוין דאַן, אַז זײַן „קריג און פרידן" איז אויך קיין קונסט ניט, ווײַל קונסט מוז זײַן רעליגיעז, רעליגיעז-עטיש. און ס'איז לײַכט צו פאַרשטיין די לאָגיק פון טאָלסטויס נעגאַציע פון שעקספּירן. אויב טאָלסטוי אַליין האַלט, אַז „דער פאַלשער קופּאָן" איז מער קונסט פון „קריג און פרידן", אויב ער רײַסט אַראָפּ זײַנע אייגענע גרויסע קונסטווערק, האָבן די זעלבע מאָטיוון דיקטירט דאָס אַראָפּרײַסן אויך פון שעקספּירס שאפן.

אָבער דאָס אַלץ באַפרײַט אונדז פאָרט ניט פון צו ענטפערן אויף טאָלס־טויס אַרגומענטאַציע קעגן שעקספּירן בִיכלאַל און קעגן „קיניג ליר" ביפראַט.

פריִער פונ אלצ, וועגנ טאָלסטויס ארגומענט, אז אלע פערסאָנאזשנ ריידנ מיט איינ שפּראכ.

ריכטיק, ס'איז פאראנ אנ אייגנשאפט, וואָס פאראייניקט די שפּראכ פונ פילע, אויב ניט פונ אלע שעקספּירס הויפּט־געשטאלטנ — דאָס איז זייער אפאָריסטישקײַט, די שארפע פאָרמולירונג, די פּאמפלעטישקײַט פונ רעפּליק, וואָס גייט באגלײַכ מיט דער אָנגעשטרענגטקײַט פונ לײַדנשאפט, מיט דער פּאטעטישקײַט פונ איבערלעבונג.

אָבער דער עצעם־כאראקטער פונ די אפאָריזמענ, פונ דער פּאמפלעטישער רעפּליק איז אומגעהייער פארשיידנ בא יעדער פיגור אונ וואקסט ארויס פונ געגעבענעם פערסאָנאזש, פונ דער געגעבענער סיטואציע. דאָס באווײַזט זיכ בוילעט ארויס באַם פארגלײַכנ עדמאָנדס מאָנאָלאָגנ („דער נאטור פאָלג איכ, ווי גאָט; פונ אלע געזעצנ זײַנענ בלויז אירע געזעצנ מיר הייליק"... אונ „מערקווירדיק איז די מענטשלעכע נארישקײַט"...; — 2־טע סצענע, 1־טער אקט) מיט ערדגארס מאָנאָלאָג (ווענ ער דערציילט לירנ, וואָס ער איז פריִער געווענ; — 3־סצענע, 2־טער אקט), אָדער קענטס אונ דעם נארס קלוגמערשט נארישע פלוידערײַענ בא זייער ערשטער באגעגעניש (4־טע סצענע, 1־טער אקט), צי גאָר לירס אונ גלאָסטערס מאָנאָלאָגנ וועגנ דעם, אז ס'קומט אומ די אלטע רו אונ דער דווירעסדיקער פרידנ.

אינ דער פארשיידנארטיקײַט פונ די אפאָריזמענ אונ סאטירישע רעפּליקעס, אינ דער פארשיידנארטיקײַט פונ דער לײַדנשאפטלעכער אָנגעשטרענגטקײַט אונ אפילע היפּערבאָלישקײַט פונ די מאָנאָלאָגנ דריקנ זיכ אויס די פארשיידענע כאראקטערנ. נאָר גופע דאָס, וואָס דאָס זײַנענ אייגנשאפטנ פונ אלע הויפּט־פערסאָנאזשנ, שטאמט פונ דער עצעם־פארשארפטקײַט אונ טיפקײַט פונ די קאָנפליקטנ, וואָס ווערנ אנטפּלעקט אינ שעקספּירס גאנצער דראמאטורגיע אונ באזונדערס אינ „קיניג ליר".

פונדאנענ שטאמענ פילע סיטואציעס, וואָס טאָלסטוי האָט זיי געהאלטנ פאר פאלשע, אומנאטירלעכע אונ וואָס האָבנ אימ געדינט אלס באווײַז, אז שעקספּיר איז קוים א מיטלמעסיקער פארפאסער, אונ וואָס ווערנ אָפט דערקלערט מיטנ גאָרניט זאָגנדיקנ וואָרט: שעקספּירס באדינגלעכקײַט.

דאָס, וואָס מע רופט אָנ „שעקספּירס באדינגלעכקײַט", איז ניט קיינ גאָב דעם טעאטער, וואָס האָט ביז שעקספּירנ עקזיסטירט, דער אומנאטירלעכקײַט אונ אויסערגעוויינלעכקײַט פונ דער אנטוויקלונג פונ פּאַס'רונגענ אפ דער סצענע אונ אינ דער ליטעראטור, וואָס האָט געבראכט צום פאָלקסוואָרט: „אפ א מײַסע פרעגט מענ קיינ קאשע ניט". שעקספּיר קעמפט קעגנ אָט דער טראדיציע אונ שטעלט איר קעגנ דעם פּרינציפּ פונ רעאליזמ.

לאָמיר זיכ דערמאָנענ די לעקציע וועגנ רעאליזמ אונ טעאטער, וואָס האמלעט לייענט די אקטיאָרנ. ער זאָגט זיי, אז ער איז „אימשטאנד אויסשמײַסנ אנ אקטיאָר פאר זײַנע געשרייענ אונ איבערטרײַבונגענ" אונ פאָדערט פונעם אקטיאָר, ער זאָל ניט אריבערטרעטנ די גרענעצ פונ נאטירלעכקײַט.

שעקספּירס איראָניע איבער די אומנאַטירלעכע אינטריגעס קאָנען מיר געפינען אויך אין „קיניג ליר". עדמאָנד האָט אַרויסבאַגלייט גלאָסטערן נאָך דעם, ווי ער האָט אים באַוויזן די קרומערשט אונטערגעוואָרפענע בריוו עדגאַרס. ס'קומט אַרויס עדגאַר. עדמאָנד דערזעט אים און זאָגט צו זיך: „אָט איז ער, פּונקט אַזוי ווי די אויפלייזונג אין אַן אַלטער קאָמעדיע" (2-טע סצענע, 1-טער אַקט).

דאָס, וואָס מע רופט אָן „שעקספּירס באַדינגלעכקייט", איז בײַ שעקספּירן טיף באַדינגט דורך דעם עצם פון זײַן ווערק, דורך דער גרונט-אידיי, און איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיטן גאַנצן טאָך פון די געשעענישן און איבערלעבונגען פון זײַנע פּערסאָנאַזשן.

מיר וועלן דאָס זען טאַקע אויף די בײַשפּילן גופא, מיט וועלכע טאָלסטוי אַרגומענטירט און וואָס אונדזערע דערמאָנטע קריטיקער און דראַמאַטורגן האָבן, ווי געזאָגט, האַלב ערנסט, האַלב איראָניש איבערגעכאַזערט, צוקוקנדיק זיך צו דער פאָרשטעלונג פון „קיניג ליר" אין מ. י. מ. ט.

„עדמאָנד ווײַזט גלאָסטערן עפּעס אַ שפּאַרגאַלקע — טײַנעט מען — און גלאָסטער גלייבט גלײַך און איז שוין גרייט פאַרשילטן דעם באַליבטסטן זון".

וועגן גלאָסטערן וואָלט מען דאָ געקאָנט איבערכאַזערן דאָס, וואָס וואָלטער און שפּעטער פּושקין האָבן געזאָגט וועגן „אָטעלאָן": ער איז אַ לײַכטגלויביקער. אָבער גלאָסטער גלייבט אַזוי לײַכט עדמאָנדן, ווײַל ער איז דערצו צוגעגרייט דורך זײַן גאַנצער דערפאַרונג פון ערעוו סאָציאַלער קאַטאַסטראָפע. ער זאָגט:

„אומעטום רײַסט מען די נאַטירלעכע געזעצן. די ליבע ווערט אָפּגעקילט, פרײַנטשאַפט ווערט צעריסן, איין ברודער שטעלט זיך קעגן צווייטן ברודער. אין די שטעט קומען אויף בונטן, אין די הויפן — פאַראַט, אין די דערפער — רײַסערײַען. דער בונד צווישן פאָטער און זון איז אָנגערירט... די בעסטע יאָרן זײַנען שוין פאַרבײַ! ס'לאָזן זיך אויף אונדז אינטריגעס, פאַראַט, צעשטערונגען און אומאָרדענונגען".

און פאַרענדיקט:

„זוך אויס דעם אויסוואורף, עדמאָנד!"

ס'קומט ניט פון לײַכטגלויביקייט, ס'איז אויך ניט קיין „טעאַטראַלע באַדינגלעכקייט", וואָס אַ פאָטער דערקלערט אַזוי מיטאַמאָל אַ מילכאָמע דעם אייגענעם זון. ניין, ער גלייבט אָט דעם בריוו, ווײַל די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע אַטמאָספער האָט אים דערצו צוגעגרייט. ס'צעפאַלט זיך די דווירעסדיקע וועלט.

דער אינהאַלט פונעם האַמלעט-אויסגעשריי:

„ס'צעפאַלט זיך דער בונד פון צײַטן — ווי איז מיר, וואָס דאַרף זי אויסנײַ פאַרבינדן", וואָס אין אים ליגט דער טאָך פון שעקספּירס גאַנצן שאַפן, איז די אור-סיבע פון דעם אַלץ, וואָס מ'רופט אָן שעקספּירס באַדינגלעכקייט.

דאָס אומדערוואַרטעטע, אומנאַטירלעכע פאַרנ שרײַבער און צושויער פונ טאָלסטויס צײַטנ, דאָס ניט אָנעמבאַרע פונ שטאַנדפּונקט פונ טאָלסטויס רעאַליזם, איז טיפ רעאַליסטיש פאַר שעקספּירנ. אינ דעם דריקט זיכ אויס די קאַטאַסטראָפאַלישקײַט פונ די, וואָס שטייענ אפנ ראַנד פונ צײַטנ, וואָס איז פאַר זייער קלאַס דער ראַנד פונ אומקום.

טאָלסטויס קלאַס איז אויכ געשטאַנענ אפנ ראַנד פונ צײַטנ. אָבער טאָלסטויס אומקומענדיקנ פאַרעצ האָט די וועלט געענטפערט:

„מ'האָט שוינ געזענ אזעלכעס. און ניט פאַר דיר איז אפּסנײַ פאַרבינדנ דעם בונד פונ צײַטנ".

אינ שעקספּירס ענגלאַנד האָט זיכ אינ דער גאָרער ברייט צום ערשטנ מאָל געשטעלט די פראַגע וועגנ דעם בראָכ טונעם פעאָדאַל, דעם ביז דאַנ אומבאַגרענעצטנ הערשער.

דעם קאָנפליקט צווישנ דעם דווירעסדיקנ און דעם נײַ-אופקומענדיקנ, דער סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע פונ א מענטשנ, וואָס אלע זײַנע דווירעסדיקע פאַרשטעלונגענ פלאַצנ מיטאמאָל, האָבנ אנטשפּראָכנ אזעלכע פּאָסירונגענ און קאָנפליקטנ, וואָס דוכטנ זיכ דעם שפּעטערדיקנ רעאַליסט צו זײַנ אומנאַטירלעכ. דער אויסדרוק פונ דער דאָזיקער סאָציאַלער סיטואַציע האָט געשטופּט דעם שרײַבער צו היפּערבאָלישקײַט, אָנ וועלכער ער האָט ניט געקאָנט אדעקוואַט אויסדריקנ די ווירקלעכקײַט פונ זײַנ צײַט.

דאָ ליגט דער ענטפער אפ דעם, ווי ליר באַהאַנדלט קאָרדעליע, פאַר וואָס קיינער דערקענט ניט קענטנ, און אפ ענלעכע פראַגנ.

ליר האָט אָפּגעהערשט א לעבנ און איז פאַר אָט דעם לעבנ פונ הערשנ געווינט יעדער זאָל זוכנ אים געפעלנ, געווינט צו מענטשלעכער אונטערטעניקײַט צו אים, צו שטענדיקע שווועס פונ טרײַהײַט און גרענעצלאָזער איבערגעגעבנקײַט — דאָס ברענגט דערצו, ער זאָל אזוי הערשעריש שטרענג און אימראַכמאָנעסדיק רעאגירנ אפ קאָרדעליעס ערלעכנ, אָבער צוריקגעהאַלטנ וואָרט.

פונ דער צווייטער זײַט, ווערט ליר דאָ דורכ שעקספּירנ געוויזנ פונ יענער העכסטער הייכ אינ דער הערשאַפט פונ געגעראַרעטײַ, אינ וועלכער ער וועט פאַלנ.

אינ וואָס באַשטייט לירס דראַמע? — אינ דעם, וואָס ער האָט א גאַנצ לעבנ געגלויבט, אז די אלע צייכנס פונ טרײַהײַט און איבערגעגעבנקײַט, וואָס ווערנ אים אַרויסגעוויזנ — קומט אים, לירנ, אזוינעם ווי ער איז — און ער ווערט געבראַכט צום באַוווסטזײַנ, אז ער, דער מענטש, איז באַרניט; אלצ, וואָס איז אים דורכנ מענטשנ געגעבנ געוואָרנ, איז געגעבנ געוואָרנ ניט אים, נאָר זײַנ מאַכט און פאַרמעגנ.

אינ דעם באַשטייט זײַנ גרויסע אנטוישונג און איבעראַשונג. דאָס איז דער אויפנ, דורכ וועלכנ ס'צעפאַלט זיכ פאַר אים דער בונד פונ צײַטנ, די דווירעסדיקע וועלט.

אפ באווײַזן דעם מיטאמאָליקן כורבן פון א וועלט, דעם מיטאמאָליקן אײַנזען די איליוזאָרישקײַט פון אלע פריערדיקע ווערטן, איז נייטיק גע־טען די היפערבאָלישקײַט פון א גאנצער ריי צענטראלע מאָמענטן, און בע־סריכאָם אויך די סצענע מיט קענטן. ווען ליר זאָל וויסן, אז קענט איז מיט אים, דאן וואָלט פאראן געווען פאר אים א טרייסט, דאן וואָלט פא־ראן געווען א מעגלעכקײַט, ס׳זאָל זיך אײַנהיטן די איליוזיע פון באציִונג צו אים אלס מענטש — ניט אלס מאכט־האָבער און הערשער.

די באדינגלעכקײַט, וואָס קיינער דערקענט ניט קענטן, איז פארורזאכט פון דער הויפט־פראָבלעם: — צעפאלונג פון א וועלט, זי איז פארורזאכט דורך דער נייטיקײַט צו מאקסימאליזירן לירס איינזאמקײַט, פארלאָזנקײַט, לירס איבעראשונג: ער האָט אָנגענומען זײַן גאנצן לעבנלאנג די אויסערלעכקײַט פארן טאָך, און אָט דעם טאָך פארזען.

דאָ קומען מיר צום גרונט פון שעקספירס מעטאָד: ער אנטבלויזט גרויסע היסטאָרישע געזעצמעסיקײַטן, ער באווײַזט וויכטיקסטע פראָצעסן, שטעלט הויפט־פראָבלעמען דורך די באזונדערקײַטן פונעם גוירל פון איינ־ציקן, דורך זײַנע אייגנארטיקע פאסירונגען און קאָנפליקטן.

האמלעט קומט צו זײַנע פילאָסאָפישע פראָבלעמעס דורך זײַנע פער־זענלעכע אומגליקן און נויטן: דער טויט פונעם פאָטער, די אופירונג פון מוטער און פעטער.

ליר קומט צו דעם באוווסטזײַן, אז ס׳צעפאלט זיך די וועלט, — דורך דער שוידערלעכקײַט פון די טעכטערס אופירונג.

דורך אייגענער אינטימער דערפארונג, וואָס באשטייט אין דעם, אז די באציִונג צו אים איז געווען בלויז די באציִונג צו זײַן מאכט — קומט ער צו זײַן קאטאסטראָפע, וואָס איז א סימבאָל פון דער קאטאסטראָפע פון א וועלט.

און אין דעם באשטייט דאָ דאָס אייגנטלעכע שעקספירישע. שעקספיר אנטפלעקט דורך דעם גוירל פונעם איינציקן, אפ דעם אופן, ווי עס איז ביז בלוט שײַעך דעם איינציקן — דאָס אלגעמיינע פון דער צײַט.

און דאָס האָט פארשטאנען דער מ. י. מ. ט. — און דערפאר איז דער אויפט־צייכן, וואָס טיילט אָפ די שטעלונג פון „קיניג ליר" אין מ. י. מ. ט. פון פילע אנדערע שעקספיר־פאָרשטעלונגען — דאָס, וואָס זי איז שעקספיריש.

וואָס מיינט עס? — ניט איין מאָל האָט מען געשפילט שעקספירן — זאָל עס ניט קלינגען פאר קיין פאראדאָקס — „שילעריזירנדיק" — מיט איבער־געטריבענע אויסגעשרייען, מיט אומנאטירלעכע טענער פון פאלשער העראָיק.

געווען א צווייטער ארט פון פעלשן שעקספירן, וואָס האָט געקלונגען אויסערסט איבערצײַגנדיק — ווען מע האָט אים, וואָלט איך זאָגן — טשעכאָ־וויזירט, געשפילט אין האלבע טענער, מיט גרויסע פאוזעס, ענלעך צו די קלאָלים פון טשעכאָווס „דרײַ שוועסטער" אין אמאָליקן מאָסקווער קינסטלערישן טעאטער. אזוי האָט אין גרונט געשפילט דער ניט לאנג פאר־

שטאָרבענער מאָיסי — האַמלעטן. ער איז געווען באַצויבערנדיק מאָיסי. אָבער ער האָט געגעבן ניט אַ מענטשן, וואָס שטייט אָפּגעזונדערט פֿון צוויי וועלטן און רײַסט אין טאָג אויף די וועלט, וואָס איר צעפֿאַלונג איז אים אַזוי שרעקלעך. ער האָט געגעבן ניט דעם מענטשן מיט גרויסע לײַדנשאַפֿטן פֿון דער רענעסאַנס־צײַט, נאָר אַ מאַכטלאָזן און פּאַטאָל־אונטערטעניקן אײראָפּײַשן אינטעליגענט פֿון סאָף־דאָר (fin de siecle).

פֿונוואַנען האָבן געשטאַמט אָט די צוויי מינים אינטערפּרעטאַציעס? זײ האָבן געשטאַמט פֿון דעם, וואָס מ'האָט באַטראַכט שעקספּירן אַלס שרײַבער, וואָס האָט לעכאַטכילע געשטעלט פֿאַר זיך אײביקײַט־פּראָבלעמען, האָט וועגן זײַן צײַט ניט געטראַכט, בײַס אין טאָג קלינגט שעקספּיר פֿאַר אַ סאַך צײַטן — ווײַל ער האָט אַזוי טיף און פֿולקום אויסגעדריקט זײַן צײַט.

און דאָס האָט פֿאַרשטאַנען און באַשטעטיקט דער קאָלעקטיוו פֿון מ. י. מ. ט. אין זײַן פֿאָרשטעלונג „קיניג ליר".

שילער האָט אַמאָל געזאָגט:

„דער, וואָס האָט ביז סאָף געלעבט פֿאַר זײַן צײַט, דער וועט לעבן פֿאַר אַלע צײַטן".

אײַנלעבנדיק זיך אין די געשטאַלטן פֿון „קיניג ליר" אויף דער סצענע פֿון מ. י. מ. ט., ווילט זיך איבערפֿראַזירן שילערן און זאָגן:

די געשטאַלטן, וואָס האָבן ביז סאָף אַנטפּלעקט די טראַגעדיע פֿון זײער צײַט, לעבן און דינען אויב ניט פֿאַר אַלע צײַטן, איז פֿאַר פֿילע און לאַנגע צײַטן.

אַקטיאָרן זײַנען אין לירן געווען אײנטאָניק — אײנטאָניק־פּאַטעטיש, טראַגיש אָדער אַפֿילע וואַנזיניק. מיכאָעלס איז אײנאַרטיק אָבער פֿילטאָניק. די אײנאַרטיקײַט באַטײַט די אײנהײַטלעכקײַט פֿון דעם כאַראַקטער, די אײנהײַטלעכקײַט פֿון זײַן גורל. דורך דער אײנהײַטלעכקײַט פֿון כאַראַקטער גיט מיכאָעלס די פֿאַרשײדנאַרטיקײַט פֿון איבערלעבונגען, די אומדערוואַרטעקײַט פֿאַר לירן פֿון דעם געשעענעם.

ליר איז אַ הערשער, וואָס איז מיד פֿון הערשן. ער זאָגט זיך אָפּ פֿון הערשן, קעדײ פֿרײַ, אָן אַל און אָן זאָרג געניסן דעם רעשט פֿון לעבן. אָבער צוזאַמען מיט דער פֿאַרלאָרענער הערשאַפֿט קומט די פֿאַרלאָרענע רו און דער אומענדלעך אויסגעוואָקסענער אַל פֿון דערווירקלעכקײַט.

אין דעם אַנטפּלעקן דעם זין פֿון די אומדערוואַרטע פּאָלגן פֿון לירס שריט און אין עם באַווײַזן לירס אויפֿן אופֿצונעמען און צו רעאַגירן אויף אָט די פּאָלגן — באַווײַזט מיכאָעלס זײַן מײַסטערישע קלוגשאַפֿט און קלוגע מײַסטערשאַפֿט, וואָס שטעלט אים אַוועק אַלס אײנעם פֿון די בעסטע טעאַטראַלע שעקספּיר־מײַסטער.

אין דעם טעקסט פֿון מ. י. מ. ט. פֿעלט שעקספּירס זאַץ: „ליר איז קיניג פֿון קאָפּ ביז די פֿיס".

מיכאָעלס ערשטער אויפֿטריט גיט לירן — אַלס „קיניג פֿון קאָפּ ביז די

פיס" — אלס א מאכט-מענטש, וואָס דערלויבט ניט די מינדסטע דערווידערונגענ אונ וואָס פאריאָגט קאָרדעליענ אונ קענטנ.

אָבער נאָכדעמ טוט ליר אויס פונ זיכ דעמ אָל פונ מאכט אונ ס'קומט דער זאָרגלאָזער מענטש, מיט זײַנ זאָרגלאָזער מעלאָדיע. דאָ איז נאָכ ליר זיכער, אז זײַנ טאט האָט אימ געבראכט, וואָס ער האָט געגארט.

נאָר באלד הייבט זיכ אָנ דאָס אומדערווארטע. אינ מיכאָעלסעס זיצנ אינעמ שטול פארנ הויפ איז פאראנ דער אויסדרוק פונ לײַכטער פארלעגנהײַט, וואָס גייט אינ אָנהייב פונ שווערנ באדענקענ זיכ.

פונ אָט דער סצענע, וואָס ס'איז נאָכ אינ איר בלויז אומדערווארטעטער אונ א ביסל איבעראשנדער פארדרוס, פירט מיכאָעלס זײַנ אלצ שטײַגנדע ליניע פונ אויסגעוואָקסענער קאטאסטראָפע.

די שטילע איראָניע פונ דער סצענע נאָכ דער יאגד גייט נאָכדעמ איבער אינ א קלאָלע־סארקאזמ — קעדיי צומ סאָפ קומענ צו דער שטילער אָבער דערשיטערנדיקער טראגיק פונ דער שלוס־סצענע, ווענ ליר קומט ארײַנ מיט דער אומגעקומענער קאָרדעליע אפנ אקסל.

ס'קומט אומ א וועלט. די טראגעדיע פונ איר אומקומ, די טראגישקײַט פונ באנעמענ די איליוזאָרישקײַט פונ אלע פריִערדיקע ווערטנ, דעמ שעקער אונ נישטיקײַט פונ דורכגעמאכטנ לעבנ־וועג, דער צאר פונ שטעלנ זיכ אויסערנ לעבנ אונ דער וועלט — האָט מיכאָעלס אינ לירנ אויסגעדריקט מיט קלאסישער טיפקײַט אונ פולקומקײַט.

אונ פונקט, ווי מיכאָעלס האָט געגעבנ די טראגיק פונ אומקומ פונ אנ אייגענער וועלט, האָט זוסקינ אינ געשטאלט פונ לעצ געגעבנ די ווײַטערדיקע כאָכמע פונ איינעמ, וואָס ווייסט שוינ פונ לאנג אָט די פארברעכערישקײַט אונ פאלשקײַט פונ דער וועלט, וואָס האָט זיכ שוינ לאנג אויסגעלערנט זענ דעמ אייניציקנ עמעס פונ אָט דער וועלט, נאָר וואָס קריגט איצט די סאמע שרעקלעכע באשטעטיקונג פונ זײַנ ערגסטנ אונ שוידערלעכסטנ אָפשאצנ די דאָזיקע וועלט.

ער שאָקלט שוינ דערומ אזוי צו מיטנ קאָפ, ווי א קלוגער אָוול צו די רעגאנעס אונ גאָנעריליעס טרײַהײַט - אונ איבערגעגעבנקײַט־דערקלערונגענ.

בא שעקספירנ הערנ מיר וועגנ דעמ לעצ ביכלאל צומ ערשטנ מאָל אינ דער סצענע נאָכ דער יאגד, ווענ ליר זאָגט, אז דער לעצ באווײַזט זיכ שוינ ניט צוויי טעג אונ א ריטער ענטפערט אימ, אז דער לעצ גייט ארומ פארצאָרנט זינט קענט איז פארטריבנ געוואָרנ.

אינ מ. י. מ. ט. קומט דער לעצ ארויס אפ דער סצענע באלד פונ אָנהייב האנדלונג — אונ זוסקינ בארעכטיקט גלענצנד אָט די ענדערונג, ווײַל אָנ ווערטער, בלויז דורכ זײַנ בײַזײַנ, דורכ זײַנ טיפ פארצאָרנדיקנ צושאָקלענ מיטנ קאָפ די עלטערע טעכטערס רייד, מיט זײַנ צוהערנ זיכ צו קאָרדעליענ אנטפלעקט ער דעמ טאָכ, וואָס קומט דאָ פאָר.

אלצ, וואָס קומט ווײַטער פאָר מיט לירנ, איז דער ווייטעק פונ דערפארנ, די אנטוישונג פונעם הערשער, וואָס האָט אָנגעוואָרנ די מאכט. אלצ, וואָס קומט ווײַטער פאָר מיטנ לעצ, ווערט דורכ זוסקינענ אנטפלעקט, ווי דער סארקאזמ פונ די פונ טאָמעד אָנ דורכ מאכטהאָבער באַליידיקטע, וואָס ווייסנ שוינ לאנג דעמ עמעסנ. ווערט פונ מענטשנ אונ מענטשלעכע באצִיונגענ אינ אָט דער וועלט פונ הערשער אונ מאכטהאָבער.

אפ א פארשיידענעמ אופנ אונ לויט זייערע פארשיידענע מעגלעכקײַטנ שפילנ מיט אונ שאפנ אנ איינהײַטלעכע טראגעדיע-סימפאָניע די איבעריקע מיטגלידער פונ דעמ טעאטער־קאָלעקטיוו.

גערטנער האָט געשאפנ א באזונדער אופרעגדיקע טעמפעראמענטפולע געשטאלט פונ עדגארנ, אונ גיט אויסערסט איבערצײַגנד די סצענע אינ סטעפ.

ראָטבוימ האָט דעמאָנסטרירט אירע פייִקײַטנ צו געבנ טראגישע ראָלנ, וואָס האָט זיכ שוינ גאנצ בוילעט געשפירט אינ א גאנצער ריי אירע פריִערדיקע ראָלנ. אונ איר דערגרייכונג ליגט דאָ דעריקער אפנ וועג פונ רעאליסטישער עמעסדיקײַט. גראָד אפ ראָטבוימס דערפאָלג איז באזונדערס בוילעט צו זענ, וואָס פאר א באטײַט עס האָבנ פארנ טעאטער געהאט די דערפאָלגנ סײַ פונ דער יִדישער קלאסיק סײַ פונ דער סאָוועטישער דראמאטורגיע.

ס'האָבנ זיכ דערהייבנ ביז צו א נײַער הייכ אינ דער „קיניג ליר”-פאָרשטעלונג פינקעלקרויט, שידלאָ, שטיימאנ, איצכאָקי אונ א גאנצע ריי אנדערע אקטיאָרנ.

אינ „קיניג ליר” האָט דער טעאטער רעאליזירט די מײַסטערשאפט, די קונסט-קולטור, וואָס ער האָט אָנגעזאמלט פאר פופצנ יאָר ארבעט איבער דער יִדישער קלאסיק, איבער דער סאָוועטישער יִדישער דראמאטורגיע.

ס'זײַנענ ניט איינ מאָל געפירט געוואָרנ שטרײַטנ וועגנ דער ראָליע אונ אָרט פונעמ וואָרט אינ דער סיסטעמ פונ מ.י.מ.ט. די „קיניג ליר”-פאָרשטעלונג האָט אראָפּגענומענ אָט די שטרײַטנ. דאָס וואָרט האָט באקומענ זײַנ אייגנארטיקנ פולשטענדיקנ טעאטראלנ אויסדרוק, אונ גראָד דערפאר, ווײַל ס'האָט געזיגט דער רעאליסטישער גײַסט אינ טעאטער.

פארנ טעאטער שטייט איצט די אופגאבע פונ אָנווענדנ די דערגרייכטע אפנ שעקספיר-מאטעריאל מײַסטערשאפט, קעדיי צו שאפנ די פולקומע געשטאלטנ, צו אנטפלעקנ די גרויסע לײַדנשאפט פונ די, וואָס בויענ א וועלט אָנ אונטערדריקערישנ אייגנטומ, א וועלט פונ באפרײַטער שעפערישער ארבעט.

דאָס וואָרט געהער שוינ פריִער פונ אלצ אונדזער דראמאטורגיע. ... די דארפ געדענקענ: „שעקספיריזירנ” הייסט אָבער בעשומ־אופנ ניט נאָכמאַנ

שעקספירן אין אלע פּראָטים. ווייל פריער פון אלץ איז שוין אונדזער רעאליזם א גאנץ אנ׳דערער, ווי שעקספּירס.

דאָ וועט זיין צום פּלאץ צו דערמאָנען וויקטאָר הוגאָס א וואָרט, וועג ער האָט געשטריטן קעגן די קלאסיציסטן:

„דער קינסטלער האָט ניט צו באַערן די פאראנענע מוסטערן, ער דארף שאפן ווערק, וואָס זאָלן דינען פאר אנדערע אלס מוסטער".

„שעקספּירוזירן" הייסט צווישן אנדערע זאכן אויך: שאפן אינדיווידואליזירטע כאראקטערן, באווייזן דאָס סאָציאל-טיפּישע דורך זיין אינדיווידואליזירטן אויפן, הייסט באווייזן, ווי דאָס אלגעמיינע שליסט אין זיך איין דעם איינציקן, אָבער ווי דאָס אלגעמיינע דערגייט צום איינציקן דורך די וועגן פון זיין באזונדערן גורל, פון זיינע אינטימע פאסירונגען און קאָנפליקטן. און דערזען דאָס אייגנארטיקע, אין דעם איינציקן און אייגנארטיקן אנטפּלעקן דאָס געזעצמעסיקע און אלגעמיינע איז אימשטאנד בלויז די קינסטלערישע פערזענלעכקייט.

דער טעאטער פאָדערט ניט קיין סומארישע, דיאלאָגיזירנדיקע איליוסטראציעס, נאָר דראמאטיש ליידנשאפטלעכע אנטפּלעקונגען פון די גרויסע סאָציאלע קאמפן און פּראָצעסן.

אָט דאָס איז אן אויפגאבע ניט פאר קיין דראמען־מאכערס, וואָס גאָרדאָניזירן און שאָמעריזירן אפילע דורך די שעקספּירארטיקע נעמען פון זייערע פּיעסעס.

אָט די גרויסע אויפגאבע פון שאפן א סאָציאליסטישע רעאליסטישע דראמאטורגיע פאָדערט קינסטלערישע אָנגעשטרענגטקייט, שעפערישע אייגנארט.

די פאָרשטעלונג פון „קיניג ליר" אין מ.י.מ.ט. גיט אונדזער דראמאטורגיע די זיכערקייט, אז זי וועט איר טעאטראלע דערהייבונג באקומען. דעריבער מוז אָט די מי זיין שעפעריש אָנגעשטרענגט און אייגנארטיק.

דער טעאטער פון גרויסער סאָציאליסטישער קונסט פאָדערט באם דראמאטורג דאָס פאר אים ווירדיקע רעאליסטישע וואָרט.

א. כאַשינ

דער שפּעטערישער וועג פונעמ מאָסקווער ייִדישנ מעלוכע-טעאַטער

דער מאָסקווער ייִדישער מעלוכע-טעאַטער איז ווי א זיגער געבוירנ געוואָרנ. קימאַט באַלד מיט זײַנע ערשטע ספּעקטאַקלענ האָט ער איבעראַשט אונ זיכ פאַרעקאָמענדירט, ווי אַנ ערשטראַנגיקער סאָוועטישער טעאַטער אונ ווי דער ערשטער קלאַסישער ייִדישער טעאַטער.

די פופצנ יאָר, וואָס דער מאָסקווער ייִדישער מעלוכע-טעאַטער עקזיסטירט, זײַנענ אָבער געווענ ניט בלויז יאָרנ פונ אופשטײַג, נאָר צײַטנווײַז אויכ יאָרנ פונ וואַקלעניש, פונ געראַנגל מיט שווערנ פאַרצויגענעמ קריזיס.

איצט איז שוינ צײַט אונטערצופירנ סאַכאַקלענ פונ דער פופצניאָריקער שפּעטערישער דערפאַרונג פונ מאָסקווער ייִדישנ מעלוכע-טעאַטער. עס איז נייטיק אויסצוגעפינענ דעמ צוזאַמענהאַנג צווישנ דעמ זיגערישנ אופגאַנג-פּעריאָד אונ צווישנ די קריזיס-מאָמענטנ אינעמ שפּעטערישנ וועג פונעמ טעאַטער.

1

הײַנט איז דאָס שוינ פאַרגאַנגענהײַט — „אַמאָל איז געווענ א מײַסע".

אָבער אינ דער ערשטער צײַט נאָכ דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע האָט זיכ זייער שאַרפ געפילט דער מעהאַלעכ צווישנ דער רעוואָליוציע אונ דעמ טעאַטער. א טייל פונ די אָנגעזעענסטע רוסישע טעאַטערס האָט זיכ זייער שווער אונ לאַנגזאַמ אָפּגערוקט פונ די אַלטע בורזשואַזע פּאָזיציעס. אייניקע האָבנ זיכ א געוויסע צײַט לאַנג נאָכ דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע נאָכ העפטיקער געריסנ „צו די וואַלקנס" (טאַיראָוו).

גראָד נאָכ דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע האָט געטראָפנ אַזאַ מערקווירדיקער היסטאָרישער קוריאָז ווי די העברייִשע „האַבימאַ"...

פאַר דער „האַבימאַ" איז כאַראַקטעריסטיש דער פאַקט, וואָס איינע פונ די ערשטע „עפּעקטפולע" אַרויסטרעטונגענ אירע איז געווענ דער „האַרצ-רײַסנדיקער" איינאַקטער וועגנ כורבנ בייסאַמיקדעש... עס איז ניט קיינ צופאַל, וואָס אינ 1920 יאָר האָט פונ א מאָסקווער טעאַטער-בינע אָפּגעקלונגענ מיט דער דעמלטיקער וואַכטאַנגאָווישער סומנער מיסטישקײַט א סטיליזירטער אייכאָ-יאָמער אָפנ כורבנ בייסאַמיקדעש... דאָס איז געווענ דער טעאַטראַלישער אויסדרוק פונעמ ייִעש אונ פונ די

שרעקעווודיקע האָפּענונגענ (אפ קאפּיטאליסטישער רעסטאווראציע) פונ דער אָפּגייענדיקער בורזשואזיע. די „האבימא“ האָט סטיליזירט די אלטע „נאציאָנאלע“ קלאָג אפנ פרישנ קלאסנ־כורבנ פונ דער בורזשואזיע.

וויאַזוי איז עס אָבער מעגלעכ געווענ, אז גראָד נאָכ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע זאָל ארויסשפּרינגענ אזא באשעפעניש, ווי די „האבימא“?

די אָקטיאבער־רעוואָליוציע, וואָס האָט געבראכט דעמ טויט דער בורזשואזיע אלס קלאס, האָט גלייכצייטיק געבראכט לעבנ, גלייכהייט אונ פרייהייט פאר די קולטורנ פונ די פריער אונטערדריקטע פעלקער, דאָס האָט אפ א באשטימטנ אויפנ זיכ געפּרוווט אויסניצנ אויכ די יידישע בורזשואזיע. די טויטע האָבנ זיכ אָנגעכאפּט אָנ די לעבעדיקע, אונ אזויארומ איז אויסגעוואָקסנ אזא שטיק ווילדפלייש, ווי די „האבימא“.

אָבער גאָר אנדערע קויכעס האָבנ געבוירנ אונ באשאפנ דעמ מאָסקווער יידישנ מעלוכע־טעאטער. ער איז א נאָרמאלע אונ אייגענע דערשיינונג פונ דער סאָוועטישער נאציאָנאלער קולטור־בויונג. די סאָוועטישע מאכט האָט אָנגעהויבנ אופבויענ אונ אויסבויענ די קולטורנ פונ אלע נאציעס.

אינ דער ערשטער צייט נאָכ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט א א גרויסנ טייל פונ דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענצ צוגעצויגנ בלויז דער „זייטיקער פּראָדוקט“, דאָס „זויבער־אויסרייניקנ די ניט־דערייניקטע אווגיאס־שטאלנ פונ דער בורזשואז-דעמאָקראטישער רעוואָליוציע“ (לענינ, געזאמלטע ווערק, ב. XVIII, ז. 534).

דער קינסטלערישער קאָלעקטיוו פונעמ מאָסקווער יידישנ מעלוכע־טעאטער איז דעמלט באשטאנענ צומ ווייט־גרעסטנ טייל פונ „מיטגייער“ פונ דער יידישער קליינבירגערלעכער אינטעליגענצ. מיטגייער מיט דער רעוואָליוציע, וואָס דער אָקטיאבער האָט זיכ אינ אָנהייב פאר זיי אנטדעקט נאָר מיט זיינ „זייטיקנ פּראָדוקט“, מיט זיינ באָלשעוויסטישנ מעטאָד פונ „דערפירנ ביזנ סאָפ“ די לייזונג פונ די ניט־געלייזטע פראגנ פונ דער בורזשואז-דעמאָקראטישער רעוואָליוציע, צווישנ וועלכע עס איז אויכ געווענ די נאציאָנאלע פראגע. דאָס האָט אפ דער יידישער קליינבורזשואזיע א באזונדערס שטארקע ווירקונג געהאט.

אָט ווו עס ליגט די הויפּט-סיבע, פארוואָס דער מאָסקווער יידישער מעלוכע־טעאטער האָט אָנגעהויבנ פונ דער קולטור-ירושע, פונעמ יידישנ קלאסישנ רעפּערטואר. דער דעמלטיקער מאנגל אינ סאָוועטישער דראמאטורגיע איז געווענ א וויכטיקע סיבע פונ דעמ דאָזיקנ פאקט, אָבער די דאָזיקע סיבע האָט ניט געהאט קיינ אנטשיידנדיקע באדייטונג. דערמיט לאָזט זיכ בעשומויפנ ניט דערקלערנ די אויסשליסלעכקייט פונעמ ירושע-רעפּערטואר. די דאָזיקע קלומערשט „אויסשעפּנדיקע“ דערקלערונג איז איינע פונ די שטאמפּירטע ערטער פונ דער לעגענדע, וואָס די קריטיק האָט געשאפנ ארומ דעמ מאָסקווער יידישנ מעלוכע־טעאטער.

לויט דער דאָזיקער דערקלערונג קומט אויס, אז דער טעאטער האָט קעגנ

זייַנ ווילנ, בעלעס ברייַרע, פונ נויט געמוזט אָנקומענ צומ יערושע־רעפּערטואַר. אונ דאָס איז, פאַרשטייט זיכ, אַנ אומנייטיקע אונ פאַלשע באַלייַכטונג.

דער יערושע־כאַראַקטער פונעמ מ. י. מ. טעאַטער־רעפּערטואַר שטאַמט פונעמ קלייַנבירגערלעכנ „מיטגייערישנ" כאַראַקטער פונ די גרונט־קאַדרענ, וועלכע עס איז אויסגעקומענ קינסטלעריש אויסצופאָרמירנ דעמ סאָוועטישנ טעאַטער פאַר די יִדישע מאַסנ. דער טעאַטער־קאָלעקטיוו האָט געשטרעבט אָפּצוקלייַבנ די דעמאָקראַטישע עלעמענטנ פונ דער יִדישער ליטעראַרישער יערושע, די פאָרשריטלעכע עלעמענטנ, וואָס זייַנענ פאַרקריפּלט געוואָרנ דורכ דער קלאַסעווער באַגרענעצטקייַט פונ די יִדישע קלאַסיקער, קורצ „דערפירנ ביזנ סאָפ" די ניט־דערפירטע, אינמיטנ איבערגעריסענע מאָמענטנ פונ בורזשואַזדעמאָקראַטישער רעוואָליוציאָנערישקייַט אינ דער יִדישער ליטעראַרישער יערושע.

אָט וואָס עס האָט געבראַכט דעמ מאָסקווער יִדישנ מעלוכע־טעאַטער צו מענדעלענ, צו שאָלעמ־אַלייכעמענ, — צו דער יִדישער קלאַסיקער־יערושע.

אינ זייַנ ערשטנ זיגערישנ פּעריאָד האָט דער מאָסקווער יִדישער מעלוכע־טעאַטער, לויט זייַנ אידייִשנ אינהאַלט, פאָרגעשטעלט מיט זיכ אַ שטרעבונג טעאַטראַל־קינסטלעריש אויסצודריקנ דעמ „זייַטיקנ פּראָדוקט" פונ דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, „זויבער אויסרייניקנ" די ליטעראַרישע יערושע.

איינער פונ די מאָמענטנ, אינ וועלכע עס האָט זיכ אויסגעדריקט די האַלבקייַט אונ קלאַסעווע באַגרענעצטקייַט פונ די יִדישע קלאַסיקער איז געווענ, ווי באַקאַנט, דער נאַציאָנאַליזמ. האָט טאַקע דעריבער דער מאָסקווער יִדישער מעלוכע־טעאַטער איבערגערוקט די אידעאָלאָגישע ווייַזערס אינ זייַנ יערושע־רעפּערטואַר פונ נאַציאָנאַלנ אפנ סאָציאַלנ.

אָבער דער דאָזיקער איבערוק איז ניט שטענדיק אונ ניט פולשטענדיק דורכגעפירט געוואָרנ. עס האָט אָפּט געשטערט די „מיטגייערישע" באַגרענעצטקייַט אונ ניט־אויסגעהאַלטנקייַט פונעמ טעאַטער־קאָלעקטיוו. ניט זעלטנ האָט זיכ דער טעאַטער אַ וואַקל געטאָנ צווישנ דעמ אָקטיאַברישנ מעטאָד פונ „דערפירנ ביזנ סאָפ" אונ צווישנ דער בירגערלעכער קלאַסעווער באַגרענעצטקייַט פונעמ יערושע־רעפּערטואַר. די דאָזיקע וואַקלדיקייַט האָט זיכ אַרויסגעוויזנ שוינ אינ דעמ, וואָס דער מאָסקווער יִדישער מעלוכע־טעאַטער האָט אינ גרונט פונ זייַנ קלאַסיקער־רעפּערטואַר געלייגט מער דעמ פאַרצייַטערישנ, גוטמוטיקנ לירישנ הומאָר פונ שאָלעמ־אַלייכעמענ, ווי די קעמפנדיקע סאַטירע פונ מענדעלענ. שוינ אָפּגערעדט דערפונ, וואָס אינ אייניקע ספּעקטאַקלענ האָט זיכ דער טעאַטער דערקייַקלט ביז צו נאַציאָנאַלער ראָמאַנטיק (דער עפּיזאָד מיט די בלויע אַנדער־יִדנ אינ „מאַסאָעס בינימינ", אָדער אַזוינע ספּעקטאַקלענ, ווי „באַנאַכט אפנ אַלטנ מאַרק").

דאָס, וואָס אפילע די סאמע סאָציאַל-אקצענטירטע ספּעקטאקלענ אנטהאלטנ אינ זיכ בלויז פּרימיטיווע סאָציאַלע קעגנזאצנ (גווירימ אונ „אמכאָ", אָדער אָרעמעלײַט) האָט פארשמעלערט די רעוואָליוציאָנערע ראמענ פונעם דעמלטיקנ גאָסעטישנ ספּעקטאקל. עס האָט געפעלט דער רעוואָליוציאָנערער טרעגער פונעם קלאסנקאמפּ — דער ארבעטער-קלאס. אונ אָנ דעם פּראָלעטאריאַט, ווי א צענטראלע אידיי־געשטאלט פונעם ספּעקטאקל, איז דאָכ שוינ פאָרויס ביז גאָר באגרענעצט די מעגלעכקייט אָנצווועגנדנ דעם אָקטיאבערישנ מעטאָד פונ „זויבער אויסרייניקנ" די קולטור־ירושע.

אָט פונוואנענ עס שטאמענ די אינערלעכע וואקלונגענ אינעם שעפערישנ גאנג פונעם מאָסקווער ייִדישנ מעלוכע-טעאטער שוינ באלד אינעם ערשטנ פּעריאָד פונ זײַנ שאפנ. אָבער די סאָוועטישע געבורט פונעם טעאטער, דער אײַנפלוס פונ דער פּארטיי, פונ דער ארבעטער־אאודיטאָריע, פונ דער גאנצער רעוואָליוציאָנערער ארומרינגלונג האָט געבראכט דערצו, אז אינעם ערשטנ פּעריאָד פונעם מאָסקווער ייִדישנ מעלוכע-טעאטער האָט אינ זײַנע ספּעקטאקלענ דאָמינירט די טענדענצ בײַצוקומענ די קלאסעווע באגרענעצטקייט פונ קלײנבירגערלעכנ רעאליזמ אינ דער ליטערארישער ירושע.

דער מאָסקווער ייִדישער מעלוכע־טעאטער האָט אינ זײַנ אופבוי-פּעריאָד אויסגעפילט, כאָטש ניט פולשטענדיק, דאָכ א וויכטיקע רעוואָליוציאָנערע פונקציע בענעגייע דער קולטור־ירושע.

אָט פארוואָס דאָס רעוואָליוציאָנערע אונ דאָס נײַע אינ זײַנ שאפנ שטעקט ניט אינ זײַנ רעפּערטואר, ניט אינ די פּיעסעס, נאָר אינ זײַנ טעאטראלנ, אידעאָלאָגישנ „רעפלעקטער", אינ זײַנ סצענישער געשטאלטונג, אינ דער שפּילערישער באלײַכטונג פונעם רעפּערטואר. דער אידייִש-פּאָליטישער צענטער איז אינגאנצנ אריבער פונ דער פּיעסע צומ ספּעקטאקל, פונעם דראמאטורג צו דער רעזשי־קונסט. דער טראָפּ איז געשטעלט געוואָרנ אפנ טעאטראל־קינסטלערישנ מעטאָד.

2

דער קעגנזאצ צווישנ דער קלאסעווער באגרענעצטקייט פונעם ירושע-רעפּערטואר אונ צווישנ דער אידעאָלאָגישער ליניע, דער ליניע פונ „דערפירנ ביזנ סאָפ" פונעם מאָסקווער ייִד. מעלוכע-טעאטער האָט באשטימט דעמ קינסטלעריש־שעפערישנ מעטאָד פונעם טעאטער.

אָט דער קאָנטראסט צווישנ דעמ ירושע-רעפּערטואר אונ דער סאָוועטישער הײַנטיקייט האָט באדינגט דעמ באזונדערנ טעאטראלישנ מעטאָד פונעם מאָסקווער ייִדישנ מעלוכע-טעאטער.

דער ירושע־רעפּערטואר האָט מיט זיכ פאָרגעשטעלט טיפּישע געשטאלטנ אונ סיטואציעס נעכטיקע אונ אייערנעכטיקע, טיפּיזמ פונ א פארענדיקטער אונ אָפּגעשלאָסענער סאָציאַלער פאָרמאציע.

דערבײַ זײַנענ אָט די נעכטיקע געשטאלטנ אופגעפירט געוואָרנ ניט אינעם פלאנ פונ היסטאָרישע פאָרשטעלונגענ, נאָר אינ פלאנ פונ אקטועלע ספעקטאקלענ. דאָס האָט פארנ טעאטער לעכאטכילע אויסגעשלאָסנ די מעגלעכקײַט גיינ אפנ וועג פונ באגרענעצטנ קליינבירגערלעכנ רעאליזמ פונ די ייִדישע קלאסיקער, ווײַל גראָד אינעם אופרײַסנ די דאָזיקע קלאסעווע באגרענעצטקײַט איז באשטאנענ די נײַע אידעאָלאָגישע פונקציע פונעם טעאטער. אינ די ראמענ פונ דעם קליינבירגערלעכנ רעאליזמ וואָלט דער ייִדישער מעלוכע־טעאטער געבליבנ ענלעכ צו איינעם פונ די ייִדישע פאראָקטיאבערישע טעאטערס, א קינסטלעריש מער כולקומע „ווילנער טרופע“ אָדער „שווארצ־טעאטער“.

די יערושעדיקײַט פונעם רעפערטואר אונ דער סאָוועטישער נײַער צוגאנג צומ יערושע־רעפערטואר פונעם טעאטער־קאָלעקטיוו האָבנ דיקטירט דעמ גראָטעסק־מעטאָד. אָט די גראָטעסק־עלעמענטנ, וואָס זײַנענ פאראנ בא מענדעלענ אונ בא שאָלעמ־אלייכעמענ האָט דער טעאטער אנטוויקלט, ביז גאָר אויסגעברייטערט אונ דערפירט זיי ביז א גאנצער אונ שארפ אייגנארטיקער גראָטעסק־סיסטעמ. אונ אָט דער גאָסטעטישער גראָטעסק מיט זײַנ פילזײַטיקײַט אונ ברייטנ פארנעמ האָט געגעבנ דעמ סאָוועטישנ ייִדישנ טעאטער די מעגלעכקײַט אריבערצושפרײַזנ די ראמענ פונעם יערושע־רעפערטואר אונ בײַצוקומענ אינ א גרויסער מאָס די קלאסעווע נאציאָנאליסטישע באגרענעצטקײַט פונ די ייִדישע קלאסיקער גופע.

דער שארפער הײַנטצײַטיקער גראָטעסק־רעפלעקטער, וואָס דער טעאטער האָט געווענדט אפ די נעכטיקע געשטאלטנ פונ דער פיעסע, האָט ווי איבערגעוואָרפנ אנ איליוזאָרישע בריק צווישנ יערושע־ווירקלעכקײַט אונ דער סאָוועטישער הײַנטיקײַט...

דער מאָסקווער ייִדישער מעלוכע־טעאטער האָט נאָכ דעמאָלט ניט פארמאָגט קיינ נײַ וואָרט פארנ סאָוועטישנ הײַנט, ער האָט שוינ אָבער פארמאָגט א הײַנטיק סאָוועטיש געלעכטער פארנ נעכטנ...

באזונדערס וויכטיק איז, וואָס דער גראָטעסק־מעטאָד האָט געשאפנ דעמ ברייטסטנ שפּיל־רוימ פאר דער סיסטעמ פונ סאָציאלע מאסקעס.

די געשטאלטנ פונעם יערושע־רעפערטואר אינעם מאָסקווער ייִדישנ מעלוכע־טעאטער זײַנענ שטיקער קריסטאליזירטע פארגאנגענהײַט, עקספּאָנאטנ פונ א פארענדיקטער אָפּגעשלאָסענער סאָציאלער פאָרמאציע. אינ לעבנ האָבנ זיי שוינ מער קיינ פאָרזעצונג ניט, אפ די ברעטלעכ פונ דער טעאטער־בינע ענדיקנ זיי זייער עקזיסטענצ. קיינ אינערלעכע אנטוויקלונג־ליניע, קיינ אינערלעכע דינאמיק האָבנ זיי שוינ מער ניט. דאָס קאָנקרעטע, אינדיווידועלע האָבנ די דאָזיקע סצענישע געשטאלטנ שוינ פארלוירנ. רעב אלטער, ביניאָמינ, דער שאדכנ סאָלאָווייטשיק, סענדערל אונ שוינ אָפּגערעדט — האָצמאכ, עליאָקומ, מארקוס, די באָבע־יאכנע, — זײַנענ

אלצ געשטאלטנ, וואָס לעבנ ניט קיינ *אינדיווידועלנ, ווירקלעכנ* לעבנ, ווי באשטימטע איינציקע ווירקלעכ-ווירקנדיקע מענטשנ, זיי *פונקציאָנירנ ווי סאָציאלע מאסקעס*. זיי שטעלנ מיט זיכ ניט מער פאָר קיינ ווירקלעכ־שטייגערישע *כאראקטער-געשטאלטנ*, אונ אפילע ניט קיינ זשאנר-געשטאלטנ; דאָס זיינענ כצענישע געשטאלטנ-סכעמעס, וואָס טיפיזירנ אונ פאראלגעמיינערנ פלאכטנ אלט-שטייגער אונ סאָציאלנ קאָלאָריט פונ א פארענדיקטער אָפגעגאנגענער סאָציאלער אונ קולטורעלער פאָרמאציע.

אינ די דאָזיקע פאָרשטעלונגענ פונעמ מאָסקווער מעלוכישנ יידישנ טעאטער עקזיסטירנ ניט קיינ אינערלעכע לעבנ-פראָצעסנ. עס פעלט דאָרט די *לעבעדיקע* פארבינדונג צווישנ די האנדלענדיקע פערזאָנענ. עס פאלט ארויס דער *קלאסישער דיאלאָג*,— דער אָרגאנישער געוועב פונ די האנדלונגענ; ווייל דאָ ווערט קאסרילעווקער ווירקלעכקייט ניט רעאליסטיש גענומענ, ניט אלס לעבנ-פראָצעס, נאָר ווי א *רוישטאָפ* פאר סצענישער פאראלגעמיינערונג. זיי, די געשטאלטנ, ווערט דעמלט געגעבנ ווי טיפישע עקספּאָנאטנ פונ סאָציאל־שטייגערישער קולטור פונ דער פארגאנגענהייט אינ *פלאנ פונ סאָציאלע מאסקעס*. די אינערלעכע דינאמיק, די לעבעדיקע פארבינדונג צווישנ די פערזאָנענ אונ די האנדלונגענ האָט דער מ. י. מ. ט. אינ זיינע דאָזיקע ספעקטאקלענ פארביטנ מיט *ריינ אויסערלעכ-סצענישע* פארבינדונגענ, מיט ריינ טעאטראלישע סיטואציעס מיט א *זעלבשטענדיקער, ריינ-סצענישער קאָמפאָזיציע*.

דער גראָטעסק־מעטאָד אונ די ליניע פונ סאָציאלע מאסקעס האָבנ געפירט דעמ דעמלטיקנ טעאטער צו דער דיקטאטור פונ *טעאטראלישער פאנטאסטיק*. זיי האָבנ אימ געפירט אפנ וועג פונ *ריינ טעאטרלישער קאָנסטרויִרונג* פונ דער גאנצער טעמאטיק, קאָמפאָזיציע אונ האנדלונג פונעמ *ספעקטאקל*. די רעזשי האָט איר זעלבשטענדיקע סצענישע קאָמפאָזיציע, איר אייגענע *סיוזשעט-ליניע*, וואָס האָט א קנאפע שייכעס געהאט צו דער קאָמפאָזיציע אונ צו דער סיוזשעט-ליניע פונעמ דראמאטורג אונ פונעמ ליטערארישנ מאטעריאל.

פארנ דעמלטיקנ גאָסעטישנ ספעקטאקל, אפילע פארנ סאמע ברייטסטנ לויט זיינ סאָציאלנ כארנעמ (ווי „200 000") האָט די *אינערלעכע כאראקטער-ליניע* פונעמ פערסאָנאזש, אזוי ווי זי איז געגעבנ געוואָרנ אינ ליטערארישנ טעקסט, *געהאט זייער א קנאפע באדייטונג*.

רעב אלטער, האָצמאכ, ביניאָמינ, די מאכשייפע אא. זיינענ ניט קיינ אָפגעשלאָסענע וועזנס, האָבנ ניט קיינ אייגנ לייב, זיי זיינענ זאמלונגענ פונ טיפישע געמעלנ פאר גאנצע סאָציאלע קאטעגאָריעס.

די סאָציאל־קולטורעלע, שטייגערישע טיפישקייט פונ אָט די געשטאלטנ אנטפלעקט זיכ אינ זייער האנדלונג, אינ זייער דיאלאָג, נאָר דעריקער —

דורך זייער גרים, באַוועגונג, קלאַנג־ריטם, האַוויִע, דורך דער מאָלערישער, דעקאָראַטיווער און קאָנסטרוקטיווער אַרומרינגלונג. וועגן סאָלאָווייטשיק דער שאַדכן (זוסקין) שפּרינגט אַראָפּ אַפֿ זײַן קאַסרילעווקער „פּאַראַשיוט“, איז עס ניט נאָר אַן אָנדײַטונג אַפֿ דער באַדנלאָזיקײַט פֿון אָט דעם טיפּאַזש, נאָר דאָס איז אַ וויכטיקער סטרוקטורישער טייל פֿון דער צעם געשטאַלט, פֿון איר סצענישער אויספֿורעמונג. דאָס וואָרט איז דאָ ניט דער אָנהייב, נאָר דער סאָף, ניט דער ערשטער, נאָר דער סאַמע לעצטער שפּיל־מיטל.

דאָ איז אינגאַנצן אָפּגעווישט געוואָרן די גרענעץ צווישן דעם אויסערלעכן און צווישן דעם אינערלעכן. די פּסיכאָלאָגישע געשטאַלטונג פֿאַלט אינגאַנצן אַרויס פֿון דער סיסטעם פֿון סאָציִאַלע מאַסקעס. מיט דער הילף פֿון ריין־אויסערלעכע סצענישע, שוישפּילערישע שילדערונג־מיטלען ווערט געשאַפֿן די מאַסקע־געשטאַלט.

אָט די אויסערלעכע סצענישע געשטאַלטונג־סיסטעם האָט געעפֿנט פֿאַרן טעאַטער אומדערשעפּלעכע רעזערוון פֿון שפּיל־מיטלען, קוואַלן פֿון שוישפּילערישן רוישטאָפּ פֿאַר זײַן אומגעצוימטער טעאַטראַלער פֿאַנטאַסטיק. ער האָט מיט פֿולע עמערס געשעפּט פֿונעם גאַנצן „דרויסן“ פֿון דער קאַסרילעווקער סאָציִאַלער פּאַרמאַציע. ער האָט געלאָזט אין שפּיל אַלערליי קאָמפּלעקסן פֿון זשעסט, באַוועגונג, פֿאָלקלאָרישע לידער, געזאַנג, טענץ־קאָמפּלעקסן, פּלאַסטישע, פּאַנטאָמימישע, מוזיקאַלישע, אַקראָבאַטישע קאָמפּלעקסן, גרים, קאָסטיום, דעקאָראַציע און קאָנסטרוקציע־קאָמפּלעקסן.

די פּאַקטורע פֿון אָט די אַלע שפּיל־קאָמפּלעקסן, זייער „ביִאָמעכאַנישע“ סטרוקטור האָט אין גרונט באַשטימט די קאָמפּאָזיציע פֿון דער פֿאָרשטעלונג, און אָנגעצייכנט איר סיוזשעט־ליניע ווי אויך די האַנדלונג־ליניע פֿונעם אַקטיאָר.

און אומויסשעפּלעכער קוואַל פֿון שפּיל־מיטלען און סצענישן שטאָף איז פֿאַרן טעאַטער געווען דער פֿאָלקלאָר.

דער פֿאָלקלאָר האָט געהאַט זײַן באַזונדערן ספּעציפֿישן געוויכט אינעם ייִדישן טעאַטער.

אינעם ייִדישן פּראַקטיאַבערישן טעאַטער האָט — צוליב אַ ריי סיבעס — דעם גרעסטן פּלאַץ פֿאַרנומען דער פֿאָלקס־טעאַטער. די פּרימיטיווע מאַסנשפּילן, ווײַטערדיקע גילגולים פֿון די פּורים־שפּילן; גאָלדפֿאַדענס פֿאָלק־מעלאָדראַמעס אאַוו. עמעס, די אַלע פֿאָלק־שפּילן זײַנען שטאַרק „באַלאַגאַניזירט“ און פֿאַרשונדעוועט געוואָרן. די געזונטע קרעפֿטיקע פֿאָלקלאָרישע עלעמענטן זײַנען מיט דער צײַט דורך די טעאַטערס און טרופּעס פֿון אַלערליי „בלאָנדזשענדע שטערן“ שטאַרק פֿאַרקריפּלט און פֿאַרמיסטיקט געוואָרן. דאָך איז די ייִדישע טעאַטער־ירושע, וואָס דעם מעלוכע־טעאַטער איז אויסגעקומען צו ירשענען, געווען אין גרונט אַ ירושע פֿון אַ מאַסן־טעאַטער

מיט פיל אָנגעזאמלטע פאָלקלאָרישע טעאטער-עלעמענטנ.

עס קומט נאָכ צו דער פאקט, וואָס דער יערושע־רעפערטואר גופע פונ די יידישע קלאסיקער איז אויכ געווענ אָנגעלאָדנ מיט פאָלקלאָר-אויצרעס. דער מעלוכע־טעאטער, ווי דער סאָוועטישער יורעש אונ פילטער פונ דער ליטעראַרישער קלאסיקער-יערושע אונ פריער פאר אלצ — פונ דער יידישער טעאטער־יערושע, האָט גענומענ שעפנ פונ די שפרודלדיקע קוואלנ פונעם פאָלקלאָר. דאָס הייסט אָבער ניט, אז ער האָט זיי איבערגענומענ ווי זיי שטייענ אונ גייענ.

דער מ.י.מ.ט., ווי א סאָוועטישער טעאטער, האָט ניט געקאָנט פאַשעט אינווענטאריזירנ די פאָלקלאָרישע יערושע, ער האָט זי געמוזט גוט דורכזיפנ, קריטיש איבערנעמענ. אויכ אפנ געביט פונ דער טעאטער־יערושע האָט דער מעלוכע-טעאטער אויסגעפירט די פונקציע פונ „זויבער אויסרייניקנ" זי פונ אלערליי מיטאלטערלעכע, רעליגיעזע אונ „פיינ־טעלע-ייד"־עלעמענטנ. אונ גראָד אפנ רייננ-טעאטראלישנ געביט האָט דער מעלוכע־טעאטער טיפער אונ אויסגעהאלטענער, ווי אינ פראט פונ ליטעראַרישער יערושע, „דערפירט ביזנ סאָפ" די רייניקונג-ליניע.

א גרויסע פילטער־פונקציע האָט דאָ אויכגעפילט די מוזיקאלישע פאראָדיע אונ דער מוזיקאלישער גראָטעסק, וועלכער האָט דעמלט אזא אָנגעזענ אָרט פארנומענ אינעם ספעקטאקל פונעם טעאטער.

דאָס האָט געגעבנ דעם מעלוכע־טעאטער א מעגלעכקייט צו פארפלייצנ די פאָרשטעלונגענ מיט א מענגע דינאמישע, אויסדרוק־רייכע אונ סצעניש עפעקטפולע שפיל־פאקטאָרנ. עס איז געלאָזנ געוואָרנ אינ גאנג: פאָלק-שפילערישע, גאסנ-קאָמעדיאנטישע, באדכאָנישע, קלעזמערישע קאָמפלעקסנ, פאָלק־לידער, פאָלקס-געזאנג, פאָלקלאָרישע טענצ אונ פאָלקלאָרישע מוזיק, פאָלקסטימלעכע מעלאָדראמאטישע גענג, בופאָנאדישע געשטאלטנ, פאָלק-הומאָר,— א שטראָם פונ שארפנ סאָציאלנ קאָלאָריט, פונ בונטער שטייגער־פארביקייט, פונ געזונטער ברויזנדיקער מאסנ-פרייד. די איבערגעשמעלצטע פאָלקלאָר־פלאסטנ, אָנגעזעטיקטע מיט סאָציאלע ליידנשאפטנ, האָבנ אָנגעגלייט די סצענישע אטמאָספער ארום די אינערלעכ־פארגליווערטע סאָציאלע מאסקעס. דאָס האָט אריינגעבלאָזנ אינ די האלב „מוזייִשע" אונ האלב־פאנטאסטישע בופאָנאדישע געשטאלטנ הייסנ אָטעם פונ לעבעדיקייט, אנ איליוזאָרישנ ברענ פונ דינאמישער ווירקלעכקייט...

פארענדיקטע האנדלונגענ, בוילעטע שארפקייט פונ די שפיל־מאנירנ, פונ די סיטואציעס אונ פונ די קאָנטראסטנ; די סטרוקטורישע געזאנג־אונ מוזיק־עלעמענטנ — פאָרמאלע גרונט-אייגנשאפטנ פונ דער מעלאָדראמע — האָט דער טעאטער איבערגענומענ פונ דער יידישער טעאטראלישער יערושע, פונ דער פאָלק־מעלאָדראמע, ער האָט זיי, די דאָזיקע אייגנשאפטנ, אידעאָלאָגיש-קינסטלעריש געלײַטערט אונ איבערגעשמאָלצנ.

אָט מיטן קוקן פון אָט די יערושעדיקע „צווישן־מיטלען“ איז דעם מאָסקווער ייִדישן מלוכה־טעאַטער געלונגען צו פאַרהאַלטן די „זון“ — איל־ליוזאָריש־טעאַטראַליש פאַרצווייגן א טאָג, וואָס איז אויסער די טעאַטער־ווענט, אין דער ווירקלעכקייט, שוין לאַנג פאַרגאַנגען...

אָט די אילוזאָרישע דינאַמישקייט און לעבעדיקייט איז דעמלט געווען איינע פון די גרונט־אייגנשאַפטן פונעם מאָסקווער ייִדישן מלוכה־טעאַטער, וועלכע האָבן אים אונטערשיידט פון מייערכאָלדס פאָרשטעלונגען מיט סאָציאַלע מאַסקעס. מייערכאָלדס קאָנווייער פון מאַסקע־געשטאַלטן האָט זיך גע־דרייט אין א „ביאָמעכאַנישן“ געווירבל, אויסער די ראַמען פון אָט דעם געווירבל איז א קאַלטער רוים. מייערכאָלדס פאָרשטעלונג האָט געאָטעמט מיט דער קילער לופט פון א גרויסן עלעקטרישן ווענטילאַטאָר, אָבער ניט מיטן אָטעם פון מענטשלעכע לונגען... די מענטשלעכע, וואַרעמע „גאָסטיש־ע“ אַטמאָספער דורך פּאַלקלאָרישער עמאָציאָנעלקייט, דורכן הילכיקן מאַסן־געלעכטער, — די אַלע עלעמענטן, וואָס דער טעאַטער האָט באַקומען בעיע־רושע פון דער עלטערער טעאַטראַלער קולטור, — האָבן בא מייערכאָלדן געפעלט.

אָבער דער גאַנצער עמאָציאָנעלער אימפּעט, דער טעמפּעראַמענט און די דינאַמישקייט פון די „גאָסטיש־ע“ פאָרשטעלונגען האָבן געהאַט א קנאַפּע שייכעס צום אינערלעכן לעבן פונעם פּיעסע־פּערסאָנאַזש, צום דראַמאַטור־גישן ערשטן קוואַל. דאָס איז דעריקער געווען ריין סצענישע דיכטונג, גע־שאַפן דורך אַקטיווער טעאַטראַלישער „אינטערווענץ“, דורך דער זעלבשטענ־דיקער סצענישער קאָמפּאָזיציע. דער הייסער שטראָם פליסט דעמלט ניט פון דער פּיעסע צום ספּעקטאַקל, נאָר פאַרקערט... אַזוי איז פון שאָלעם־אַלייכעמס קליינער פּיעסע „דאָס גרויסע געווינס“ אַרויסגעוואַקסן דער ספּעק־טאַקל — „200 000“.

אינעם דאָזיקן ספּעקטאַקל זיינען גאָר ניי אויסגעטייטשט געוואָרן שאָ־לעם־אַלייכעמס פיגורן און אַכוץ דעם איז צוגעקומען א גרויסע צאָל נייע געשטאַלטן, עפּיזאָדן, געשעענישן און סיטואַציעס.

אין „200 000“, ווי אין דער „קישעפמאַכערן“ און „מאַסאָעס“, איז צו־זען, וויאַזוי דער טעאַטער האָט מיט א ברייטער האַנט גענומען פון אַלץ, וואָס האָט א שייכעס ניט בלויז צו דער טעמע, נאָר אויך צום גאַנצן אַמאָליקן לעבן, צו דער גאַנצער יערושע־קולטור. גאַסן־ניגונים, שול־ניגונים, באַדכאָנעס, קלעזמערייַ, קאָמעדיאַנטישקייט, פאָלקס־מעלאָדראַמעס, זשעסטן, האַוויעס, קאָמעדיאַנטישע שטיק, שטייגער. די אַלע עלעמענטן האָט דער מאָסקווער ייִדישער מלוכה־טעאַטער „שאַגאַליש“ טראַנספאָרמירט און אָנגעווענדט פאַר אַלע קונסט־צווייגן פון דער סינטעטישער טעאַטער־קונסט, ער האָט זיי אויסגענוצט, ווי רווישטאָפּ פאַר גרים־פאַנטאַסטיק (רויטע מעשונע־דיקע בערד אאַוו.), פאַר שאַרפזיניקע האַמצאָעדיקע קאָסטיומען, דעקאָראַציעס, (אַמסטערדאַמער טרעפּ אאַוו.), פאַר מוזיקאַלישע און ליטעראַרישע פאַראָדיעס

(לעמאָשל, דער העספּעד אפּ דער פּייע מיטן ניגן פון אייכאָ), פאר פּאר־שיידנערליי קאָמישע סיטואַציעס, פאר אקראָבאַטישע סיורפּריזן און פאר מאסן־סצענעס. דער מאָסקווער יידישער מעלוכע־טעאַטער האָט מיט דער הילף פון די אַלע רייַכע יערושע־רעזערוון פון שפּיל־מיטלען געשאפן א גאנ־צע ריי טיפּישע מאַסקעס־געשטאַלטן, אָבער קיינע פון זיי שטעלט מיט זיך ניט פאָר קיין אינדיווידועלע גאנצע אָפּגעשלאָסענע געשטאלט; זיי שטעלן מיט זיך פאָר טעאַטראַליזירטע באגריפן אָדער שארזשן פון מענאכעם־מענ־דעליזם, פון באָבעיאַכנעשקייט אאַוו. דאָס זיינען אויסערלעכע גע־שטאַלטן פון סאָציאַלע קאַטעגאָריעס אין זייער היסטאָרי־שער פּילאַרטיקייט. דעם מאָסקווער יידישן מעלוכע־טעאַטערס ספּעק־טאַקל פון דער קלאַסיקער־יערושע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א קאָנווי־ער פון טיפּישע סאָציאַלע מאַסקעס, א פּאַנטאַן פון אימפּראָוויזאַציעס, וואָס האָבן אופגעדעקט א גרויכע פּאַנאָראַמע פון סאָציאַלן פּייזאַזש.

און כאָטש אינדערעמעסן איז דער מאָסקווער יידישער מעלוכע־טעא־טער זייער ווייט געווען פון „סטיכייישקייט" (דאָ האָט, ווי בא מייערכאָלדן, געוועלטיקט די רעזשי־פּאַרטיטור, אינעם דאָזיקן „רייַך פון נויטווענדיקייט" איז יעטווידער אקטיאָרישער פּינטל מיטן אויג פּאָרויס „פּלאַנירט" געוואָרן. דער זעלבשטראָם פון אקטיאָרישער אינטויציע, קאַדאַנסן פון אימפּראָווי־זאַציעס האָט אין מאָסקווער יידישן מעלוכע־טעאַטער קיין שליטע ניט גע־האַט), דאָך האָבן זיינע ספּעקטאַקלען אפּן צושויער שטענדיק געמאַכט אן אופרישנדיקן איינדרוק פון אימפּראָוויזאַציעס.

דער פאַנטאַסטישער איבערפלעכט פון די פאַרשיידנאַרטיקע שפּיל־מי־טלען, די האַמצאָעדיקע סצענישע סיורפּריזן, די שטיפערישע בונטע און פאַנטאַסטישע רעזשיסערישע קאָמפּאָזיציע האָבן געשאַפן באַם צושויער די איליוזיע פון אימפּראָוויזאַציעס. פּונקט אזוי האָט דער אקטיאָרישער טעמ־פּעראַמענט און די „ביאָמעכאַנישע", ריין סצעניש־אויסערלעכע דינאַמיק גע־שאַפן די איליוזיע פון אינערלעכער האַנדלונג, פון א לעבן־דינאַמיק בא אָט די סאָציאַלע מאַסקעס, בא די עקספּאָנאַטן־מאַריאָנעטקעס, וואָס טראָגן זיך אין אן אימהעטפּולן קאַראַהאָד אפּ דער סצענע.

3

אויב דער „גאָסעט"־מעטאָד איז דעמאָלט ניט געווען קיין ראַעאַליס־טישער, איז ער אָבער אויך ניט געווען קיין ריין־עסטעטישער סטיליזאַציע־מעטאָד. ער האָט ניט רעקאָנסטרויִרט קיין אַלטע, קיין היסטאָרישע סטילן, ער האָט סטיליזירט אָבער מיט דער הילף פון גראָטעסק־היפּערבאָלן אַלט־שטייגער און אמאָליקער סאָ־ציאַלער ווירקלעכקייט.

דער שאַגאַל־סטיל איז אין א באַשטימטער הינזיכט ביז גאָר כאַראַק־

טעריסטיש פארן גאנצן מעטאָד פונעם מאָסקווער יידישן מעלוכע-טעאטער די אייגנארט פון דער שאגאל-ליניע אין דער מאָלעריי באשטייט דאָך אויך אינעם צונויפפאָרן די סאמע דינאמישע מאָדערנע ניט-שטאנדהאפטיקע שאגאלישע לופט-ליניע מיט דער סאמע קאָנסערוואטיווער, פארגליווערט-אָפגעשטעלטער קאסרילעווקער געשטאלט. דער שווערפונקט ליגט דאָ אינגאנצן און אויסשליסלעך אין דער קינסטלעריש-מאָלערישער אינטערפרעטאציע און בעשומויפן ניט אין דער אָביעקטיוו-געשילדערטער געשטאלט.

אויך אינעם טעאטערס פאָרשטעלונגען פונעם יערושע-רעפערטואר איז געווען כאראקטעריסטיש די צונויפפאָרונג פון די פארטיקע און פארענדיקטע, שוין אָפגעשטעלטע געשטאלטן פון א פארגאנגענער סאָציאלער פאָרמאציע מיט דער וויברירנדיקער אומרויִקער און היינטיקער גראָטעסק-ליניע פון דער טעאטראלישער סצענישער אינטערפרעטאציע.

אויך אין דער שפיל פון די גאָסעטישע אקטיאָרן איז דער שווערפונקט געלעגן ניט אין דער אָביעקטיווער געשטאלט, וואָס ווערט געשילדערט, נאָר אין דעם, וויאזוי זי ווערט געשפילט, אין דער אקטיאָרישער קאָמענטירונג.

מיכאָעלס, זוסקין, ראָטבוים, גערטנער, שידלאָ, שטיימאן גיסן זיך קיינמאָל ניט צונויף מיט די העלדן, וואָס זיי שפילן.

מיכאָעלס אין רעב אלטערן, אין ביניאָמינען, צי אין האָצמאכן, אָדער זוסקין אינעם שאדכן, אָדער אין סענדערל באטייטן אין א גרויסער מאָס עפעס אנדערש, ווי די ליטערארישע מאָדעלן פון אָט די פיגורן. פיל מער ווי מיכאָעלס שפילט שימעלע כאראקטער, האָצמאכן אָדער רעב אלטערן, שפילט ער זיך מיט זיי; קלאָרער — דער אקטיאָר פארווענדט די ליטערארישע אָדער פאָלקלאָרישע געשטאלטן, עמאָציעס פאר א שפיל-מיטל, פאר א פארבן-שטאָף אפ אויסצומאָלן זיינע זעלבשטענדיקע סצענישע גראָטעסק-געשטאלטן.

מיכאָעלס אין האָצמאך צי זוסקין אין „מאכשייפע“ זיינען דאָך בעשומויפן ניט קיין כאראקטער-געשטאלטן. דאָס זיינען טעאטראליזירטע פאָלעמישע פיגורן, פאראלגעמיינערנדיקע סצענישע גראָטעסק-געשטאלטן, וואָס רייסן אופ די רעשטן פון מיטלאלטערלעכן שטייגער, די באָבעיאכנעשקייט פון דער פארגאנגענהייט, און, צום טייל, אויך פון דער קולטור-יערושע. אזוי איז עס ניט נאָר אין דער „קישעפמאכערן“ — א ספעקטאקל פון סאטירע אפן אלטן יידישן טעאטער, אזוי איז עס אין אלע אנדערע ספעקטאקלען פונעם יערושע-רעפערטואר אינעם מאָסקווער יידישן מעלוכע-טעאטער.

„א ייד איז דאָך עפעס א ייד!“ — קלינגט גאָר אנדערש אין מויל פון מיכאָעלס — רעב אלטער, ווי ער האָט פריִער געקלונגען אין מויל פון דראמאטורגישן צי גאָר פון ווירקלעכן לעבעדיקן רעב אלטערן.

מיכאָעלסעס זעלבשטענדיקע ווישפילערישע אויסטייטשונג דורך גראָ-

טעקישן טאַנ און זשעסט רײַסט אויף דעם אורשפּרינגלעכן קאָסטיל־עווקער שאָוויניזם, וואָס עס האָט אין דעם געשטעקט. א ריי געשטאַלטן, ווי, לעמאַשל, האָצמאַך, די באָבעיאַכנע, פריער פרימיטיווע פורימשפּילערישע געשטאַלטן, ארומגעוועבטע מיט „פליאָסקעדריגע"־ראָמאַנטיק, זײַנען דורכן טעאַטער טראַנספאָרמירט געוואָרן אין קלאַסישע טעאַטראַלישע גראָטעסק־געשטאַלטן, אין טיפּישע קינסטלערישע סאַטירישע פאָרמולעס פאַר . גאַנצע סאָציאַלע קאַטעגאָריעס און קולטור־שטייגערישע פאָרמאַציעס...

די אורשפּרינגלעכע ליטעראַרישע אָדער טעאַטראַלע ירושהדיקע געשטאַלטן דינען פאַרן אַקטיאָר פונעם מאָסקווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער ווי אַן אויסגאַנג און גלײַכצײַטיק ווי אַן אָפּשטויס־פּונקט, ווי א מאָדעל און ווי רוישטאָף פאַר דער שוישפּילערישער אויסדיכטונג פון זייערע נײַע טעאַטראַלישע גראָטעסק־געשטאַלטן, וואָס אַנטהאַלטן אין זיך די אָפּלייקענונג און די איבערוויינדונג פון די דאָזיקע מאָדעל־געשטאַלטן גופא.

די אַקטיאָרן פונעם מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאַטער „לעבן ניט איבער" מיט זייערע העלדן (דאָס איז איבערהויפּט ניט שײַך צו סאָציאַלע מאַסקעס). זיי פאַרקערפּערן זיי ניט, נאָר זיי שטייען איבער זיי, קאָמענטירן, שטויסן זיך אָפּ פון זיי און פאַרבײַטן זיי מיט נײַע אייגענע גראָטעסק־צייכענונגען. געוויס זײַנען אויך פאַראַן וועזנטלעכע געמיינזאַמע שטריכן צווישן די געשטאַלטן פון שאָלעם־אַליכעם אָדער מענדעלען און צווישן די דאָזיקע געשטאַלטן אין די ספּעקטאַקלען. אָבער דער איקער שטעקט ניט אין די געמיינזאַמע פּונקטן, אין דעם, אַף וויפל די פּיעסע מיטן ספּעקטאַקל גייען זיך צונויף, נאָר אין דער אַקטיאָרישער קאָמענטירונג, אין זייער גראָטעסק־געמעל, אין דעם, אַף וויפל זיי גייען זיך פונאַנדער. ווײַל נאָר דורך דער נײַער אָפּלייקענדיקער, זיך אָפּשטויסנדיקער סצענישער געשטאַלט האָט דער טעאַטער אויסגעפילט זײַן סאָוועטישע פונקציע פון „זויבער אָפּרייניקן" די בורזשואַזע און טעאַטראַלע קולטור־ירושה.

די פאַרהעלטעניש צווישן אַקטיאָר און צווישן דער סאָציאַלער מאַסקע, וועלכע ער שפּילט, איז בעערעך די זעלביקע, ווי צווישן דער גאַנצער פאָרשטעלונג און דער פּיעסע.

אָט פאַרוואָס די אַלע רייד פון געוויסע סאָוועטישע ייִדישע טעאַטער־קריטיקער וועגן „שאָלעם־אַליכעמס טיקנ" דורכן מאָסקווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער — זײַנען פּוסטע רייד. וואָלט דער טעאַטערווירקלעך בלויז ווײַטער געשפּונען די „גאָלדענע קייט" פון שאָלעם־אַליכעמען, ווײַטער פאַרפולקומט זײַן אידעאָלאָגיש־קינסטלערישע ליניע, ניט אַרײַנגייענדיק דערבײַ אין א קאָנפליקט מיט שאָלעם־אַליכעמען, וואָלט עס געהייסן, אז דער טעאַטער האָט גאָרנישט ניט דערגרייכט און איז ניט קיין סאָוועטישער טעאַטער. גראָד אַף וויפל דעם מ.י.מ.ט. איז געלונגען ניט נאָר צו שעפּן,

נאָר אויכ אָפּצופּײקענע געוויסע אידעאָלאָגישע פּאָזיציעס פונ מענדעלענ, שאָלעמ־אַלייכעמענ — פונ א סאָוועטישנ שטאנדפּונקט, אפ אזויפיל איז דער טעאטער געווענ נײַ־סאָוועטיש, א טעאטער פונ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע.

דאָס באטײַט בעשומויפנ ניט, אז דער טעאטער האָט אבסאָליוט אונ גראָדליניק אינ זײַנ שעפערישער פּראקטיק אינגאנצנ אפּ א רעוואָליוציאָנערנ אויפנ איבערגעארבעט די יערושע פונ מענדעלענ אונ שאָלעמ־אַלייכעמענ.

דער טעאטער האָט זיכ אָנגעשפּארט אונ אָפּגעשטויסנ פונ מענדעלענ אונ שאָלעמ־אַלייכעמענ. אָבער אומעטומ, ווו דער טעאטער איז אידעאָלאָגיש פארשארפט, דאָרט איז ער מער קעגנ שאָלעמ־אַלייכעמענ, ווי מיט אימ, דאָרט, ווו דער ספּעקטאקל איז אידעאָלאָגיש אָפּגעלאָזנ, וואקלדיק, דאָרט איז ער מער מענדעליש אונ שאָלעמ־אַלייכעמדיק.

דאָס קאָנ מענ באאָבאכטנ אינ פארשיידענע ספּעקטאקלענ אונ אפילע אינ איינ ספּעקטאקל גופע. אזוי, למשל, אינ „200 000" — דער סאמע סאָציאל-געווענדטער אונ פּאָליטיש-באטאָנטער ספּעקטאקל פונ פריִערדיקנ „גאָסעט"־רעפּערטואר. די מאריִאָנעטקעס-פּראָצעסיע פונ גחירימ אונ גווירישע ווײַבער אפנ באל בא שימעלע סאָראָקער, דער מייסימ־ריטמ פונ זייער גאנג אונ זייער קיוועך־קוויטש ווענג „ליובאָוו" אונ די „שנייערסאָנס" האָט געקאָנט שאפנ נאָר א סאָוועטישער טעאטער. דאָס איז שוינ ניט קיינ גוטמוטיקער שאָלעמ-אַלייכעמדיקער שפּאס איבער „קאסרילעווקער-גווירימ". דאָ האָבנ מיר פאר זיכ א שארפע אנטיקאפּיטאליסטישע גראָטעסק־צייכענונג אינ איר אָקטיאבערישער קאָנסעקווענצ. די גאנצע גרופּע סאָציאַלע מומיעס, די לעווײַע-מוזיק איז א טעאטראלישע שילדערונג פונעמ אומקומ פונ דער בורזשואזיע דורכ דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע. אזא סצעניש בילד דער־גאנצט ניט, נאָר רײַסט אופּ שאָלעמ-אַלייכעמענ.

איגעמ זעלביקנ ספּעקטאקל זײַנענ אָבער פאראנ גענוג בילדער, עפּיזאָדנ טיפּ שאָלעמ־אַלייכעמדיקע... באזונדערס דער סאָפּ פונ ספּעקטאקל, ווענ שימעלע ווערט אויס גוויר אונ ווידער „אמכאָ". אָט דער פינאל שטעלט מיט זיכ פאָר א טריִומפּ-געזאנג פונ דער צוריק-אופגעריכטער פּאטריִארכאלער אכדעס, א הימנ צו דער פּאטריִארכאלישער הארמאָניע, וואָס הערשט צווישנ דעמ באלמעלאָכע שימעלע סאָראָקער מיט זײַנע געזעלנ...

אָט טאקע אפּ דער ליניע פונ אָנשפּארנ זיכ אונ אָפּשטויסנ זיכ פונ מענדעלענ אונ שאָלעמ-אַלייכעמענ ליגנ אלע דורכפאלנ, אויסגליטשנ, פּונקט ווי די ניצחוינעס אונ דערגרייכונגענ פונעמ טעאטער אינ זײַנ ערשטנ פּעריאָד.

דער טעאטער האָט געשאפנ א גאנצע גאלעריי טיפּנ: האָצמאכ, רעב אלטער, שימעלע סאָראָקער, ביניאָמינ (מיכאָעלס), דער שאדכנ, די מאכשייפע, סענדערל (זוסקינ), סאָרע כאנצע, עטיע-מעניע (ראָטבאומ), מאָטל אונ קאָפּל (הערלעכע געזעלנ־פיגורנ), וואָס שטעלנ מיט זיכ פאָר נײַע סצע-

נישע טיפּישע געשטאלטנ, ברייטע טעאטראל־קינסטלערישע סכעמעס און פאראלגעמיינערונגענ, וואָס זײַנענ צום טייל געוואָרנ שלאָג-פאָרמולעס פונ דער ייִדישער סאָוועטישער פּובליציסטיק.

דער מאָסקווער ייִדישער מלוכע-טעאטער האָט געשאפנ זײַנ טעאטראלישע סיסטעם ניט נאָר אפ דעם באָדנ פונ דער אלטער ייִדישער טעאטער־ירושע, נאָר אויכ מיט דער הילפ פונ דער אלגעמיינער ניט-ייִדישער טעאטער-קולטור. דער מאָסקווער ייִדישער מלוכע-טעאטער האָט פונ דער איטאליענישער „קאָמעדיא דעל'ארטע" איבערגענומענ עלעמענטנ פונ די טראדיציאָנעלע מאסקעס און בופאָנא־ישע געשטאלטנ; פונעם פראנצויזישנ טעאטער—עלעמענטנ פונ דרייסטנ, געוואגטנ פארס, פונעם אלטנ יאפּאָנישנ טעאטער—דעם באדינגלעכנ פלאסטישנ זשעסט, מיט זײַנ גרויסער אוטנעמפייִקײַט; און אפילע פונ אמעריקאנער האָליוואוד־קינאָ—עלעמענטנ פונ טשאפּלינישנ פילם־גראָטעסק (באזונדערס דעם אקראָבאטיש-לירישנ קאָסטיום). ער האָט אָפּגעקליבנ זייער א סאכ עלעמענטנ פונ אלע נאָוואטערישע באוועגונגענ פונעם פריִערדיקנ פאראָקטיאבערישנ טעאטער. דער מאָסקווער ייִדישער מלוכע־טעאטער האָט די דאָזיקע אלע עלעמענטנ, נאטירלעכ, ניט דירעקט איבערגענומענ. ער האָט זיי באקומענ דורכ דער פארמיטלונג פונ פארשיידענע אייראָפּעיִשע טעאטערס (ריינהארדט-טעאטער), און רוסישע טעאטערס, ווו די דאָזיקע אלע עלעמענטנ זײַנענ אָפּגעשליפנ און איבערגעארבעט געוואָרנ.

ער האָט די דאָזיקע אלע עלעמענטנ שעפעריש אסימילירט, סינטעטיזירט מיט די אלע לעבנפייִקע עלעמענטנ פונ דער ייִדישער טעאטראלער קולטור־ירושע.

אויכ דאָס אָנווענדנ אינ אזא מאסשטאב, ווי דער מאָסקווער ייִדישער מלוכע־טעאטער האָט עס געטאָנ, אלגעמיינע, ניט־ייִדישע טעאטראלע קולטור איז ניט קיינ „נעס" און ניט קיינ צופעליקײַט. דאָס איז מעגלעכ געוואָרנ ערשט נאָכ דער אָקטיאבער-רעוואָלוציע.

די נאציאָנאליסטישע אידעאָלאָגישע באגרענעצטקײַט פונ דער ייִדישער בורזשואזער קולטור און די אנטיסעמיטישע פארפאָלגונג און איזאָלירונג־פּאָליטיק פונעם צאריזם האָט שטארק אָפּגעטיילט, אָפּגעפרעמדט די ייִדישע קולטור־סביווע פונ דער ניט-ייִדישער. די ייִדישע קולטור האָט זיכ געקאָכט אינ אירע אייגענע זאפטנ, אינ איר קולטורעלער געטאָ, און האָט אינ א זייער באגרענעצטער מאָס פארווענדט די שעפערישע פּראקטיק פונ דער אלגעמיינער קונסט-קולטור. ערשט די אָקטיאבער-רעוואָלוציע, וואָס האָט אומגעוואָרפנ די שייד-וואנט צווישנ די נאציאָנאלע קולטורנ און האָט געבראכט דעם ברייטנ אינטערנאציאָנאלנ האָריזאָנט, האָט געגעבנ די מעגלעכקײַט דעם טעאטער אזוי ברייט צו פארווענדנ די אלגעמיינע שעפערישע דערפארונג.

די סינטעטישע קאָמבינירטע סיסטעם פונעם מאָסקווער ייִדישנ מלוכע־טעאטער, וואָס איז געבויט אפ א מאסע שפּיל-פאקטאָרנ און פילארטיקע פארשיידנעלעמענטיקע שפּיל־קאָמפּלעקסנ, האָט באדינגט דעם גרויסנ ספּע-

ציפּישן געוויכט פֿונעם גאַנצן אַנסאַמבל אינעם שפּיל־פּלאַן. דאָ האָט דער „סטאַר" ניט געקאָנט האָבן די איבערהאַנט און ווערן דער איקער, דער צענטער פֿונעם ספּעקטאַקל. ווײַל דאָ איז דער סאַמע פֿײַיִקער אַקטיאָר סאַפּקאַלסאָפּ פּאָרט ניט מער ווי אַ טייל, ווי אַ רינג אין דער גאַנצער קייט פֿון ספּעקטאַקל, וואָס באַשטייט פֿון זייער אַ סאַך אַנדערע עלעמענטן און שפּיל־פֿאַקטאָרן.

דאָס הייסט ניט, אַז די אַקטיאָרישע פּערזענלעכקײַט, טאַלאַנט איז דאָ אײַנגאַנצן ניט וויכטיק. דאָס באַטײַט נאָר, אַז דער אײַנצלנער אַקטיאָר איז דאָ ניט געווען דער העגעמאָן, וואָס פֿאַרוואַנדלט די גאַנצע בינע מיט אַלע אירע אַטריבוטן אין אַ שפּיל־רוים פֿאַר זיך; ער איז אָבער געווען אַ פֿירנדיקע קראַפֿט אינעם ספּעקטאַקל.

די ראָליע פֿון מיכאָעלסן און זוסקינען אין דער אויספֿאָרמירונג פֿונעם גאָסעטישן ספּעקטאַקל איז, ניט געקוקט אַפֿן ספּעציפֿישן געוויכט פֿונעם גאַנצן אַנסאַמבל, אַן אומגעהײַערע. מיכאָעלס האָט מיט זיך אין גאָר אַ גרויסער מאָס פּערזאָניפֿיצירט דעם אוניווערסאַליזם פֿון „גאָסעטישן" שפּעטערישן מעטאָד.

מיכאָעלס איז אַ ריזיקער קאָמבינאַט פֿון פֿאַרשיידנאַרטיקע שפּיל־מיטלען. מיכאָעלס שפּילט מיט זײַן קלוגשאַפֿט, מיט זײַן הויך אַבסטראַקטער געדאַנקלעכקײַט ניט ווייניקער ווי מיט זײַנע טאַלאַנטפֿולע הענט און פֿיס, — מיט זײַן קאָמעדיאַנטישער באַוועגלעכקײַט; ער שפּילט מיט זײַן באַדינגלעכן פּלאַסטישן זשעסט און מימיק ניט ווייניקער ווי מיט זײַן אינטאָנאַציע און „ייִדישער האַווײַע". נאָך מער, מיכאָעלסן פֿעלן אויס געוויסע אָביעקטיווע פֿיזישע מאַטעריעלע אייגנשאַפֿטן (פֿיגור, שטים) אַפֿ צו פֿאַרווירקלעכן זײַנע גרויסע שוישפּילערישע אָנרעגונגען און באַדערפֿענישן. אָבער ער קאָמפּענסירט פֿולקום די דאָזיקע בלויזן מיט דער פֿילאַרטיקײַט, פֿילעפֿעמענטישקײַט פֿון זײַן שוישפּילערישן מעטאָד. דער „גאָסעטישער" אוניווערסאַליזם איז פֿאַר מיכאָעלסן אַ גרונט־מעטאָד, אַ שפּעטערישע נויטווענדיקײַט.

אָט די אַלע ספּעקטאַקלען פֿונעם בלי־פּעריאָד פֿונעם מאָסקווער ייִדישן מלוכע־טעאַטער האָבן געהאַט אַ באַטײַטפֿולן ווערט פֿאַר אונדזער דערקענטעניש פֿון דער פֿאַרגאַנגענהײַט.

זיי האָבן אונדזערע באַגריפֿן וועגן דער פֿריִערדיקער סאָציאַלער פֿאַרמאַציע אין אַ היפּשער מאָס אָפּגערייניקט פֿון אַלע נאַציאָנאַליסטישע און בורזשואַזע פֿאַרקריפּלונגען. זיי האָבן פֿון אַלע קינסטלערישע געשטאַלטן פֿון אונדזער קלאַסיקער־ירושה אויפֿגעדעקט און אויסגעטיילט די סאָציאַלע מאָמענטן, זייער קלאַסן־טאָך. זיי האָבן ניט פֿולשטענדיק, אָבער אין גאָר אַ גרויסער מאָס אויפֿגעריסן די אידעאָלאָגישע ראַמען פֿונעם קלאַסן־באַגרענעצטן קליינבירגערלעכן רעאַליזם פֿון די ייִדישער קלאַסיקער. אַכוץ דעם אָבער האָט דער טעאַטער אָפּגעטאָן אַ

גרױסע ארבעט פונ אָנזאמלענ אונ איבערארבעטנ די טעאטראלישע קולטור־ירושע.

דער מאָסקווער ייִדישער מעלוכע-טעאטער האָט אָפּגעקליבנ א גרויסע צאָל דעמאָקראטישע אונ פאָרשריטלעכע עלעמענטנ פונ דער קולטור-ירושע. ער האָט אידעאָלאָגיש אונ קינסטלעריש אויסגעלייטערט א גאנצנ פארמעגנ פונ פאָלקלאָרישער מוזיק, לידער, מאסנ-שפּילנ, קאָלעקטיווע ריטמענ (אינ פאָרמ פונ באוועגונג, בילדער, זשעסט, אינטאָנאציע, מימיק) אונ דערמיט געשאפנ צומ ערשטנ מאָל די קלאסישע נאציאָנאלע פאָרמ פונעמ ייִדישנ טעאטער.

דאפקע די פאראָקטיאבערישע עפּאָכע, ווענ דער בורזשואזער נאציאָנאליזמ האָט געוועלטיקט, איז ניט פייִק ארויסצוברענגענ די פולקומע נאציאָנאלע פאָרמ פונעמ טעאטער. גראָד דער נאציאָנאליזמ האָט געשטערט. ער האָט, ערשטנס, אָפּגעשטויסנ די סאמע דינאמישע סאָציאַל-בלוטפולע עלעמענטנ פונ דער אנאָנימער מאסנ-קולטור, פונעמ פאָלקלאָר; ער האָט אָפּגעקליבנ דעמ שוימ, די סענטימענטאלע „ייִסראָליק אינ גאָלעס"-עלעמענטנ. די אלע פאָלקלאָרישע אונ מאסנ-עלעמענטנ האָט דער פאראָקטיאברישער טעאטער פארווענדט ווי אינהאלט פאר דער אידעאָלאָגישער קאָנצעפּציע פונעמ ספּעקטאקל. ער האָט פארמיסטיקט דעמ טעאטער (ווי אויכ די ליטעראטור) מיט נאציאָנאלער ראָמאנטיק אונ רעליגיעזער מיסטיק.

א שארפנ ביישפּיל, וויאזוי דער פאָלקלאָר קאָנ אינ א רעאקציאָנערנ טעאטער פארוואנדלט ווערנ אינ אנ אידעאָלאָגישנ סאמ, האָט אויכ באוויזנ די העברעיישע „האבימא". די „האבימא" האָט, אייגנטלעכ גערעדט, אויכ אָנגעווענדט די ליניע פונ מאסקעס-געשטאלטנ, פונ טעאטראליזירטער פאנטאסטיק אונ פונ פאָלקלאָר-קאָמפּלעקסנ. אָבער די „האבימא", ווי אנ אידעאָלאָגיש-קינסטלערישער אויסדרוק פונעמ אומקומ פונ דער בורזשואזיע נאָכ דער אָקטיאבער-רעוואָלוציע, האָט זיכ געווענדט צו די סאמע שטאָקפינצטערע קוואלנ פונעמ פאָלקלאָר. זי האָט זיכ געווענדט צו אנסקיס „האדיבוק" — אינ טאָכ א זאמלונג פונ די פינצטערסטע רעליגיעזע אָבערגלויבונגענ, פארורטיילנ אונ מיסטישע מייסעס, וואָס דער קלערוס האָט קולטיווירט צווישנ די אָפּגעשטאנענע ייִדישע מאסנ. די גאלעריי פונ שווארצע געשפּענסטער, דער מייסימ-ריטמ פונ זייער באוועגונג, די קייווער-שטימ פונ די אקטיאָרנ, די סטיליזירטע מיסטישע יענוועלטישקייט פונ „האבימא" האָט אידעאָלאָגיש-קינסטלעריש אויסגעדריקט דעמ שרעק פארנ קלאסנטויט פונ דער בורזשואזיע.

ערשט אינ פּאלעסטינע, ווו א טייל פונ דער ייִדישער בורזשואזיע האָט פאר זיכ א קורצע אָטעמ-פּאוזע באקומענ, האָט זיכ די „האבימא" רעכט „צעבליט" אונ געוואָרנ א טעאטראלער אָרגאנ פונ „יענער וועלט", אנ אָרגאנ פונ די אָיִעס פונ „פּאדאנ-אראמ"... אנ ארגאנ פונ „ביבל-יודנטומ"...

דער קלאַסעווער רעליגיעז-נאַציאָנאַליסטישער און מיסטישער אינהאַלט פון דער „האַבימא" האָט דערשטיקט די עמעסע עלעמענטן פון נאַציאָנאַלער פאָרם.

דער סאָוועטישער צוגאַנג פונעם מאָסקווער מלוכישן ייִדישן טעאַטער צום פאָלקלאָר, צו דער גאַנצער קולטור־ירושה, דער פּילטער־מעטאָד פון „זויבער אָפּרייניקן" די קולטור־ירושה פון איר אידעאָלאָגישן און עמאָציאָנעלן ברוד, צוזאַמען מיטן מעטאָד פון אָפּקלײַבן די סאַמע לעבנסייִקע סאָציאַל-געזונטע עלעמענטן פון אַלע געביטן פון דער גאַנצער מאַסן-קולטור, האָט געגעבן דעם טעאַטער די מעגלעכקייט צו שאַפן אַ קלאַסישע נאַציאָנאַלע פאָרם פונעם ייִדישן טעאַטער.

די באַפרײַונג פון דער ייִדישער טעאַטער־קולטור פון איר בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישן אינהאַלט האָט געשאַפן די מעגלעכקייט פאַרן אויפבלי פון דער פולקומער נאַציאָנאַלער פאָרם פונעם ייִדישן טעאַטער.

דערמיט דערקלערט זיך עס טאַקע, וויִאַזוי עס איז געשען דער „וווּנדער", וואָס דאַפקע דער סאָוועטישער נאָכאָקטיאַברישער ייִדישער טעאַטער — דער מאָסקווער ייִדישער מלוכה־טעאַטער איז אויך אין היסטאָרישן זינען פון נאַציאָנאַלער פאָרם געוואָרן דער ערשטער ייִדישער קלאַסישער טעאַטער.

4

דער „מיטגײַערישער" וועג פונעם טעאַטער האָט זיך גיך געענדיקט.

עס איז שוין אוממעגלעך געוואָרן ווײַטער צו לעבן אידעאָלאָגיש בלויז מיטן „זײַטיקן פּראָדוקט", מיט דער פונקציע פון „זויבער אָפּרייניקן" די „ניט־דערײַניקטע" קולטור־ירושה.

דער מאָסקווער ייִדישער מלוכה־טעאַטער האָט געמוזט איבערגיין פון ירושה צו הײַנטצײַטיקייט; פון סטיליזירן נעכטיקן לעבן צום אַרטיסטישן אויסדרוק פון הײַנטיקן לעבן.

דאָ אָבער האָט זיך דער טעאַטער אַליין דעם וועג פאַרשטעלט... די נײַע רעוואָלוציאָנערע ווירקלעכקייט מיט איר לעבעדיקער אינערלעכער דינאַמיק, מיט ניט־פאַרענדיקטע, קעסיידער אָנוואַקסנדיקע פּראָצעסן און כאַראַקטערן פאַרטראָגט ניט קיין פיקסירטע סצענישע געשטאַלטן און קיינע סאָציאַלע מאַסקעס. די טויטע מאַסקע שטיקט די לעבעדיקע געשטאַלט.

דאָ זײַנען נייטיק כאַראַקטער-געשטאַלטן. דאָ מוז אינעם ספּעקטאַקל הערשן די אינערלעכע כאַראַקטער־ליניע פון די לעבעדיקע, האַנדלענדיקע פּערזאָנען און ניט די ווילקירלעכע פאַנטאַסטישע ליניע פון רעזשי־פּלאַן.

דאָ מוז שוין הערשן די סיוזשעט־ליניע פון דער ווירקלעכקייט און ניט פון דער טעאַטראַליזירטער פאַנטאַסטיק; דער טעמפּע־

ראמענט פון די געשפּילטע מענטשן אין דער ווירקלעכקייט און ניט פון די אקטיאָרן.

דער טעאטער קאָן שוין ניט „אופהייבן זיך" איבער די געשטאלטן, איבער דער ווירקלעכקייט. ער מוז זיך אופהייבן צו דער ווירקלעכקייט און שטריכנווייז כאפּן דאָס ניי־לעבן. דער אידעאָלאָגישער צענטער ווערט איבערגעטראָגן פון ספּעקטאקל צו דער פּיעסע. רעאלע מענטשן און רעאלע סיטואציע האָבן נאָרמאלע פּראָפּאָרציעס, זיי האָבן זייער נאטירלעכע גרייס, און דולדן ניט קיין דורכויסיקע גראָטעסק־היפּערבאָלעס. דער אקטיאָר קאָן שוין מער ניט שפּילן זיך מיט דער געשטאלט, מיט דער מאסקע, זיך אָפּשטויסן פון איר אָדער אויסניצן זי ווי רוישטאָפּ פאר זיין נייער ריין־טעאטראלישן אויסגעדאכטער געשטאלט. ער מוז זי שפּילן, ארויסברענגען זי שוישפּילעריש און סצעניש פולער אויסדריקן דער שווערפּונקט ליגט שוין דאָ אין דער אָביעקטיווער ווירקלעכער געשטאלט, וואָס ווערט סצעניש, שוישפּילעריש געשילדערט. די טעאטראַלישע און אקטיאָרישע אינטערפּרעטאציע זיינען אין א באדייטנדיקער מאָס פאָרויס באשטימט און באגרענעצט דורך דער פּיעסע און דער איקער — דורך דער ווירקלעכקייט.

דער ספּעקטאקל איגנאָרירט ניט נאָר די פּיעסע, נאָר פארפולקומט און דערגאנצט זי.

קורץ — דער וועג צו דער סאָציאַליסטישער ווירקלעכקייט איז דער וועג פון סאָציאַליסטישן רעאליזם.

דער גראָטעסק־מעטאָד, די סיסטעם פון סאָציאַלע מאסקעס, דער וועג פון אבסאָלוטער זעלבשטענדיקער טעאטראלישקייט, מיט וועלכן עס איז געגאנגען דער טעאטער — פירט ניט און קאָן ניט פירן צו דער היינטיקער, צו דער נייער ווירקלעכקייט. דער גראָטעסק־מעטאָד, וואָס איז פון אָנהייב געווען א וועג פון איבערנעמען די קולטור־ירושה, א וועג פון נעכטיקער ווירקלעכקייט צו סאָוועטישער היינטיקייט, האָט זיך איצט פארן טעאטער פארוואנדלט אין זיין קעגנזאץ. ער האָט פארשטעלט דעם וועג צו רעוואָלוציאָנערער היינטיקייט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קריזיס־געראנגל. דער מאָסקווער יידישער מעלוכע־טעאטער האָט אָנגעהויבן נאָכגיין נאָך זיין אייגענעם שאָטן...

דער טעאטער האָט אין זיין גראָטעסק־סטיליזאציע פונעם ירושע־רעפּערטואר זיך צוגעוווינט ניט נאָר איגנאָרירן די דראמאטורגיע, נאָר אין א געוויסער מאָס אויך די אקטועלע ווירקלעכקייט ביכלאל. פון אלץ, וואָס איז צו נאקעט, לאָזט זיך ניט פארשלייערן מיט א טעאטראלישן שלייער און וואָס איז צו פעסט און לאָזט זיך ניט צעשניידן אפ שטיקער דורך דער רעזשי־כירורגיע, — פון דעם אלץ האָט דער טעאטער זיך אָפּגעקערט.

די נייע סאָוועטישע דראמאטורגיע האָט דער מאָסקווער יידישער מעלוכע־טעאטער פון אָנהייב, באזונדערס זינט געוועזענער רעזשיסער גראנאָוו־

סקי, באגעגנט מיט א קאלטער פּלייצע. דערצו איז נאָכ די דאָזיקע דראמאטורגיע דאנ געווענ זייער שוואכ, צו קליינ פארנ גרויסנ פארנעמ פונ דער גאָסעטישער טעאטער־קולטור. דער טעאטער איז אײַנגעגאנגענ אפּ א בויט — קאָמפּראָמיסנ מיט דער סאָוועטישער דראמאטורגיע. ער האָט טיילווײַז אָנגענומענ דעמ טעקסט פונ דער דראמאטורגיע אונ טיילווײַז לויט דער אלטער געווינהייט „רעמאָנטירט אימ“. ער האָט געפּרווט מיט דער הילפּ פונ מאָנטאזש אופירנ אייניקע סאָוועטישע ליטערארישע ווערק („הערבליעס“, „יוליס“ אא.). ער האָט אופגעפירט אויכ אייניקע נײַע סאָוועטישע פּיעסעס: „מידאס האדינ“, „ניט געדײַגעט“, „דער געריכט גייט“. אכוץ איינצלנע בילדער האָבנ די אלע אופירונגענ ניט דערגרייכט דעמ הויכנ ניוואָ פונ די פריערדיקע בעסטע פאָרשטעלונגענ פונ מאָסקווער ייִדישנ מעלוכע־טעאטער. דאָס לאָזט זיכ ניט דערקלערנ בלויז מיט דער ניט־גענוג הויכער דראמאטורגישער קונסט-קוואליטעט פונ דער יונגער סאָוועטישער דראמאטורגיע. אויכ דער ייִדישער קלאסיקער-רעפּערטואר, ווי באוווּסט, האָט זיכ ניט אויסגעצייכנט מיט קיינ באזונדערער דראמאטיש-קינסטלערישער קוואליטעט. דאָס דערקלערט זיכ מיט דער ניט-צוגעפּאסטקײַט פונעמ גראָטעסק־מעטאָד פונעמ מאָסקווער ייִדישנ מעלוכע־טעאטער.

אינ א סאָוועטישער פּיעסע, וואָס שפּיגלט אָפּ כאָטש אינ אוואָסער־גיט-איז מאָס די נײַע ווירקלעכקײַט, לאָזט זיכ ניט אָנווענדנ דער „אוני־ווערסאל“ פונ שפּיל־מיטלענ פונעמ מ. י. מ. ט. דאָ קאָנ מענ ניט אָנווענדנ אלערליי אקראָבאטישע, פּאָלקלאָרישע, מוזיקאלישע אונ אנדערע קאָמפּלעקסנ. דאָ לאָזט זיכ ניט בלענדנ מיט אלערליי בענגאלישע פּײַערנ אונ רייננ סצעגישע פּײַערווערק. דאָ מוז שוינ לײַכטנ מענטשלעכער געדאנק, ווילנ, נערוונ. דאָ איז ניטאָ קיינ פּלאצ פאר דער „הויכער טעמפּעראטור“, פארנ טראנסעקסטאז, וואָס די לעבעדיקע אקטיאָרנ שאפנ ארומ די אינערלעכ-פארגליווערטע מאסקעס-געשטאלטנ. דאָ פאָדערט זיכ שוינ א נאָרמאלע טעמפּעראטור. דאָ ברויזט שוינ ניט די וואקכאנאלישע, עקסצענטרישע צעשטערערישע קלוימערשטע „פרייד“, דאָ הערשט געלעכטער, עמעסדיקע, געזונטע פרייד, מיט דער מאָס פונ לעבעדיקע אונ שאפנדיקע מענטשנ.

אָט פארוואָס די אלע קאָמפּראָמיס־פּרווונ פונעמ טעאטער צו שפּילנ א ביסל רעאליסטיש אונ א ביסל פאנטאסטיש-גראָטעסק — זײַנענ ווייניק געלונגענ. עס האָט זיכ באקומענ ניט אהער אונ ניט אהינ. צו רעאליסטיש, קעדיי צו זײַנ גראָטעסק, צו גראָטעסק, קעדיי צו זײַנ רעאליסטיש. דער „מיקס“ האָט געליימט בײדע מעטאָדנ.

אָט האָט מיכאָעלס אינ דעמ „טויבנ“ געגעבנ א מאסקע־געשטאלט, ביז צו א געוויסער מאָס אינעמ סטיל פונ די סאָציאלע מאסקעס פונ די פריערדיקע ספּעקטאקלענ. אָבער דער „טויבער“ איז א רעאליסטישע פּיעסע, יעדנפאלס איז ער געשטעלט מיט א רעאליסטישער קאוואָנע. איז אָט דער „האמעטנער רעאליזמ“ גענוג געווענ אפּ צו איזאָלירנ די „מאסקע“, לאָזנ זי

אָנ דער געווײנלעכער גאָסעטישער סצענישער ארומרינגלונג פונ קאָלערליי שפּיל־פּאַקטאָרנ. אונ די מאסקע לעבט פאר זיכ אונ ווערט ניט דאָס, וואָס זי האָט געדארפט ווערנ — דער פּירנדיקער רינג פונעם ספּעקטאקל. ביכלאל די אלע גראָטעסק־פיגורנ אונ סצענישע קאָמפּאָזיציעס לויט דער „שאגאלישער ליניע”, וואָס זײַנענ ארײַנגעפלאָכטנ געוואָרנ אינ די „גאָסעט”־ספּעקטאקלענ פונ דער סאָוועטישער דראמאטורגיע — האָבנ זיכ ווײניק צונויפגעגאָסנ מיט די איבעריקע טײלנ פונ ספּעקטאקל. זײ האָבנ געלעבט פאר זיכ, ווי טראָפּישע פלאנצנ אינ א אָראנזשערײַ... אינעם ספּעקטאקל „דער געריכט גײט” האָט זוסקינ געפּרוווט ראטעווענ זיכ מיט זײַנ וווּנדערלעכער פײיִקײַט טעאטראליש צו טראנספאָרמירנ אונ צו סטיליזירנ שטײגער. האָט ער טאקע זיכ געהאָלפנ, אָבער דעם ספּעקטאקל האָט ער ניט געראטעוועט.

א באשײַמפּערלעכנ בײַשפּיל, וויאַזוי באשטימטע עלטערע שפּיל־מיטלענ פונעם „גאָסעטישנ” ספּעקטאקל זײַנענ אינ קריזיס־פּעריאָד געוואָרנ ביז צו א געוויסער מאָס „ארבעטלאָז”, שטעלט מיט זיכ פאָר די מוזיק אינ די נײַע גאָסעטישע ספּעקטאקלענ. די מוזיק, ווי באקאנט, איז געווענ א פּירנדיקער, צענטראלער רינג אינ די פריִערדיקע ספּעקטאקלענ פונעם מאָסקווער יידישנ מעלוכע־טעאטער. דאָס איז געווענ דערפאר, ווײַל דער טעאטער האָט געהאט צו טאָנ מיט פאָלקלאָר, מיט טראדיציאָנעלע סאָציאלע געשטאלטנ, וואָס האָבנ שוינ א טראדיציאָנעלנ אָנגענומענעם ריטם, אונ, צווייטנס, דערפאר, ווײַל דער טעאטער האָט געהאט צו טאָנ מיט פּאסיווע סאָציאלע מאסקעס, וואָס זײַנענ שוינ אָנ אקטועלע הײַנטיקע לעבנ־פּראָצעסנ, אונ קאָנענ דעריבער זיכ אנטפּלעקנ אויכ דורכ רײנ־אויסערלעכע מיטלענ, דורכ באוועגונג, אויסזענ, דורכ זײער טיפּישנ מוזיקאלישנ ריטם.

אָבער דער רעאליסטישער ספּעקטאקל מיט א טעמאטיק פונ דער הײַנטיקער סאָוועטישערווירקלעכקײַט בויט זיכ אפ לעבעדיקע געשטאלטנ מיט אנ אָנוואקסנדיקער אינערלעכער דינאמיק אונ דראמאטישער האנדלונג, וואָס קענ זיכ ניט אנטפּלעקנ בלויז אינ רײנ־אויסערלעכע אויסדרוק־מיטלענ (ווי גרים, באוועגונג אונ מוזיק). דאָס זײַנענ שוינ ניט קײנ פּאסיווע סאָציאלע מאסקעס אונ ניט קײנ פאָלקלאָרישע געשטאלטנ, נאָר לײַדנשאפטלעכע לעבעדיקע מענטשנ פונ געדאנק אונ טאט, וואָס פאר זײער טעאטראלישער געשטאלטונג איז, פריִער פאר אלצ, נײטיק פולבלוטיקע, אידײיִש אָנגעזעטיקטע ווערטער אונ האנדלונגענ.

אָט פארוואָס אינ די פריִערדיקע פאָרשטעלונגענ פונ מאָסקווער יידישנ מעלוכע־טעאטער איז די מוזיק געווענ א צענטראלער שפּיל־פאקטאָר, אנ אומפארמײַדלעכער טײל פונ דער גאנצער ספּעקטאקל־סטרוקטור, אונ אָט פארוואָס אינ די נײַע ספּעקטאקלענ מיט א סאָוועטישער טעמאטיק האָט זיכ די מוזיק א ביסל אָפּגערוקט אָנ א זײַט, אונ פונ א פּירערנ איז זי געוואָרנ א באגלײטערנ פונעם ספּעקטאקל.

אזא „יורעד“, ווי די מוזיק, זײַנענ איצט געוואָרנ א סאך פונ די אמאָל אָנגעוועזענסטע שפּיל־פאקטאָרנ אינ דער סיסטעם פונ מאָסקווער ייִדישנ מעלוכע־טעאטער. די נײַע סאָוועטישע טעמאטיק האָט געפאָדערט אונ פאָדערט דעם פאנאנדערפאל פונעמ פאנטאסטישנ גראָטעסק־מעטאָד, זי פאָדערט דעמ מעטאָד פונ סאָציאליסטישנ רעאליזם.

דאָס באטײַט אָבער ניט, אז אינ דער סיסטעם פונ סאָציאַליסטישנ רעאליזם קאָנ ניט אויסגענוצט ווערנ דער אָזער יענער עלעמענט, שפּיל־מיטל פונ פאנטאסטישנ גראָטעסק־מעטאָד, וואָס דער מאָסקווער ייִדי־מעלוכע־טעאטער האָט געשאפנ. דאָס באטײַט אויכ ניט, אז דער גראָטעסק־מעטאָד ווערט אינגאנצנ אראָפגענומענ. דער גראָטעסק־מעטאָד קאָנ אונ וועט פארבלײַבנ ווי א זשאנר־מעטאָד, ווי א שפּיל־מעטאָד פאר קאָמעדיעס אונ מעלאָדראמעס מיט א נײַער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער טעמאטיק. פונקט ווי דער הומאָר־זשאנר ווערט ניט אויסגעשלאָסנ פונ דער סאָוועטישער ליטעראטור, אזוי ווערט אויכ די קאָמעדיע אונ דער גראָטעסק־מעטאָד ניט אויסגעשלאָסנ פונ דער סאָוועטישער טעאטער־קונסט.

דאָס באטײַט נאָר, אז דער גרונט־מעטאָד פונ דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער טעאטער־קונסט קאָנ מער דער פאנטאסטישער גראָטעסק ניט זײַנ. דער גרונט־מעטאָד איז דער סאָציאַליסטישער רעאליזם.

אָט אינעם ווידערשפּרוכ צווישנ דעם אלטנ שעפערישנ מעטאָד, וואָס דער טעאטער האָט אָנגעווענדט צומ יערושע־רעפּערטואר, אונ צווישנ דער טעמאטיק פונ דער סאָציאַליסטישער ווירקלעכקײַט איז דעריקער באשטאנענ דער קריזיס פונ מאָסקווער ייִדישנ מעלוכע־טעאטער.

* *
*

דער קער פונעם מאָסקווער ייִדישנ מעלוכע־טעאטער צו שעקספּירנ איז ווירקלעכ אנ ערנסטער שריט פאָרויס.

שעקספּירס דראמאטישע געשטאלטנ זײַנענ פולקומע כאראקטער־געשטאלטנ אונ די טיפּסטע לויט זייער רעאליסטישנ דערקענטעניש־ווערט אינ דער דראמאטורגישער יערושע. אינ שעקספּירס כאראקטערנ ווערט אפּ א האַרמאָניש־קינסטלערישנ אויפנ צונויפגעגאָסנ דאָס אלגעמײנע מיט דעם אינדיווידועל־קאָנקרעטנ. שעקספּירס כאראקטערנ זײַנענ געבויט ניט נאָר אפּ טיפּישע האנדלונגענ אונ סיטואציעס, נאָר אויכ אפּנ טיפּישנ וואָרט. דער פילאָסאָפיש־אידײיִשער רעפלעקטער שפּילט א צענטראלע, פירנדיקע ראָליע אינ שעקספּירס דראמעס. שעקספּירס דראמאטישע קונסט צייכנט זיכ אויס מיט דער צונויפגיסונג פונ געדאנק, טאט אונ סיטואציע, פונ דיִאלאָג אונ האנדלונג.

אזוי, אז שעקספּירנ קאָנ מענ ניט בלויז „אויסטאנצנ“ אָדער אויסזינגענ,

פונקט ווי מע קאָנ ניט העגעלס פילאָסאָפיע אויסדריקנ מיט אקראָבאטישע אָדער פאנטאָמימישע מיטלענ.

שעקספירנ קאָנ מענ טעאטראליש אויסדריקנ, אויסשפילנ נאָר דורכנ מעטאָד פונ רעאליזם. קלאָר, אז מיטנ פאנטאסטישנ גראָטעסק־מעטאָד קאָנ מענ שעקספירנ ניט שפילנ. אפנ וועג פונ שאפנ נײַע טעאטראל-פאנטאסטישע שעקספיר־מאסקעס קאָנ מענ ניט גיינ. אפ דעם דאָזיקנ געפערלעכנ וועג האָט שוינ דער וואכטאנגאָוו-טעאטער געבראָכנ דעם קאָפ.

דער מאָסקווער ייִדישער מעלוכע־טעאטער איז אוועק אפנ ריכטיקנ וועג, אפנ וועג פונ אײַנשפאנענ אלע סצענישע מעגלעכקײַטנ אונ שפיל-מיטלענ אפ דער רעאליסטישער אויספאָרמירונג פונ שעקספירס דראמאטישע כאראקטערנ. מיט דער פאָרשטעלונג „קיניג ליר” האָט דער מאָסקווער ייִדישער מעלוכע-טעאטער געמאכט אנ ערנסטנ פרווו צו ברעכנ זײַנ אלטנ שעפערישנ מעטאָד אונ צום ערשטנ מאָל אינ זײַנ גאנצער גרייס אונ אינ זײַנ אמאָליקנ שעפערישנ פארנעם געפרווט אָנווענדנ דעם מעטאָד פונ רעאליזם.

די דערפארונג פונעם שעקספירישנ דראמאטישנ רעאליזם וועט פיל מיטהעלפנ דעם מאָסקווער ייִדישנ מעלוכע-טעאטער אריבערגיינ אפ די רעלסנ פונ רעאליזם, אפ די רעלסנ, וואָס וועלנ אים פירנ צו נײַע גרויסע ספעקטאקלענ מיט נײַע דראמאטישע געשטאלטנ פונ אונדזער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט. דאָס וועט אים פירנ צו דער טעמאטיק פונ דער הײַנטצײַטיקער סאָציאליסטישער ווירקלעכקײַט אונ צום שעפערישנ מעטאָד פונ סאָציאליסטישנ רעאליזם.

אויכ דער נײַסטער עטאפ פונעם מאָסקווער ייִדישנ מעלוכע-טעאטער האָט זײַנ געשלענגלטנ וועג: די ייִדישע קלאסיקער־ירושע האָט אים געפירט צום גראָטעסק־מעטאָד, דער אָפגאנג פונעם גראָטעסק-מעטאָד איז באצייכנט מיט דער ארבעט איבער דער קלאסישער שעקספיר-ירושע. דער ייִדישער קלאסישער רעפערטואר האָט דעם טעאטער שפעטער פארשטעלט דעם וועג צום סאָציאליסטישנ רעאליזם, די קלאסישע שעקספיר־ירושע העלפט אים צו גיינ אפנ וועג, וואָס פירט צום סאָציאליסטישנ רעאליזם.

פערעצ מארקיש

מיכאָעלס און די ייִדישע קלאסיקער

1

ווענ מיכאָעלס זיצט בא זיכ אינ ארטיסטנ-צימער אונ שרײַבט מיט זײַנע גרימ-בלײַערס אונ פענדזלענ אפ זײַנע בוילעטע שארפע געזיכט־צוגנ דעמ עפאָס פונ דער ייִדישער אָרעמקײַט אינ איר טרוימעריש־טראַגישער פארגאנגענהײַט, קאָנ זיכ אויסדוכטנ, אז פונ איינ זײַט שטול זיצט בא אימ צוגאסט מענדעלע, פונ דער צווייטער זײַט — שאָלעמ-אלייכעמ, אונ מיט אנ עטאוש העכער, אפ די לייטערס, פרעגט זיכ אפ דעמ קליינעמ אונ באשיידענעמ ארטיסטנ־צימער י. ל. פערעצ, וואָס זאָל האָבנ פונ עקספאנסיווער צעטראָגנקײַט אריבערגעהיפערט אנ עטאוש אונ קלאפט אלע ווײַלע אָנ אינ אנ אנדער טיר.

זיי זיצנ, די קלאסיקער, אונ קוקנ — איינער מיט בייזער גוטמוטיקײַט, דער אנדערער — מיט טרויעריקנ שמייכל, — נאָר ביידע — פארוווּנדערט, פונ דעמ, וואָס אופגעשטאנענע טכיעס-האמייסימ זײַנענ זיי דאָרט, ווו זיי האָבנ אמווייניקסטנ געטרוימט, וואָס די רעקוויזיטנ פאר זייערע טעקסטנ געפינענ זיכ צוזאמענ מיט די רעקוויזיטנ פאר די טעקסטנ פונ א גאנצער פאלאנגע יונגע סאָוועטישע דראמאטורגנ.

זיי קוקנ אפ זייערע קרעאטורנ אינ דער אינטערפרעטאציע פונעמ ערשטנ סאָוועטישנ יאָרצענדליק. אונ מיכאָעלס דרייט זיכ אלע ווײַלע אויס צו זיי מיט דער גרעסטער פארערונג אונ גרימירט זיכ ווײַטער.

אינ שפיגל קוקט מיכאָעלס, ווי אינ דער געשיכטע.

ער זעט דאָרטנ דעמ נײַנצנטנ יאָרהונדערט. אינ דער צווייטער העלפט.

ער זעט אימ אפ זײַנ אָנגעגרימירטנ פאָנעמ.

ער זעט אימ פארקערפערט אינ זײַנ אייגענער קולטור־יערושע.

ער זעט זיכ אליינ — א גייענדיקנ אפ די שפיצ פינגער איבער די דעכער פונ יענער קולטור. ווײַל ביז איבער די פענצטער איז — פינצטערניש אונ אומעט.

— וועט ער אראָפפאלנ?

— ניינ!

— וועט ער זיכ אויסרײַסנ?

— אויכ ניט!

די רעוואָליוציע וועט א פּלייצ טאָן ווי א יאַם-אויסגוס ביז איבער די דעכער פון אַט דער אַלטער קולטור און ער וועט מיט דעם בעסטן טייל קינסטלערישער אינטעליגענץ זיך אַפּלאָזן שווימען און באַלייבט ווערן מיט א נײַעם פּלאַסט אינטערנאַציאָנאַלער קולטור.

אין דער פאַרגאַנגענהײַט האָט ער געזעלשאַפטלעך באַלאַנסירט איבער די דעכער פון דעמלטיקן שטייגער. פּונקט ווי שאַגאַל — מאַ-לעריש.

עפּשער איז דערפאַר — אי ער אי שאַגאַל — עפּשער זײַנען זיי ביידע דערפאַר אַרײַנגעטראָטן דעמלט אין דער קינסטלערישער קולטור מער אלס גײַסטיקע פאַרמאַציעס, איידער מאַטעריעל-לײַבלעכע, שטייגערישע. זיי זײַנען ביידע אַרײַן אין דער קי.סטלערישער קולטור, ווי אין א נאַציאָנאַל-ראָמאַנ-טישער געסיע; זיי זײַנען אַרײַן „ביניאָמינדיק", — אָבער מיט דעם אונטער-שייד, וואָס שאַגאַל האָט זיך געלאָזט אונטערכאַפּן אַף א שליפּקע פון דער בורזשואַזער קולטור און מיכאָעלס האָט אויפגענומען די גרויסע געסיע פון דער רעוואָליוציע און פון איר נײַער קולטור.

דאָך האָט מיכאָעלס געיאַרשנט פון יענער „גײַסטיקײַט" די פּאַראַלגע-מיינערנדיקע אַבסטראַקטקײַט.

זי פּילט זיך גלײַך אין זײַן גרים.

ער איז זייער לאַקאָניש אין זײַן גרים, מיכאָעלס.

קימאַט ווי מיט געציילטע שטריכן.

קיין איין צוג, וואָס זאָל פאַרשווערן די הויפּט-אידיי פון זײַן גרימען-שריפט.

און זײַן גרים איז קיינמאָל ניט קיין אָפּשפּיגלערישער. ער איז שטענ-דיק — א פאַראַלגעמיינערטע אידיי.

ווען איין אויג איז שוין בא אים אינגאַנצן פאַרגרימירט, גיט ער מיט דעם א קוק אַף די געסט, וואָס בא אים אין אַרט-סטן-צימער.

די פּענדזלען זײַנען ווי פּינצעטן.

ניט נאָר זיי נעמען דעם קאָליר פון דער פאַרב, נאָר אויך די נערוון פון דער פאַרב.

און ניט נאָר אין פאַרבן-שאָלעכלעך גראָבן זיי זיך.

ווען די קלאַסיקער לייגן פאַר מיכאָעלסן עפּעס א שטריך צו דער געשטאַלט, וואָס ער פאָרעמט, הייבט ער זיך אויף פון זײַן שטול מיט גרויסן אָפּשײַ און מיט געדירטקײַט. ער ענטפערט זיי אָבער פּעסט און אַנטשלאָסן מיט זייערע אייגענע טעקסטן:

— לעמײַ זאָלט איר זיך מאַטריען זײַן?

דער גרים איז געענדיקט.

די געשטאַלט הייבט אָן לעבן.

די געשטאַלט רײַסט זיך באַדינגלעך אָפּ פון דעם איצט, ווי אַפּ א שיפּ פונעם ברעג און הייבט אָן איר קינסטלערישן רייס,

די אויבערשטע הויכע שאַרבנ-דעק זייַנע לאָזט מיכאָעלס פרייַ פונ יעטווידנ גרים.

ער לאָזט זי רייִנ, ווי א צייכנ פונ זייַנ אינטעלעקטועלער אומבאַריר-לעכקייַט.

אינ אָט דעמ סאַמע העכסטנ עטאַזש פונ זייַנ קינסטלערישנ וועזנ וועט מיכאָעלס אייַנגאַנצנ בלייַבנ אויסער דער ווירקונג פונ זייַנע גרויסע געסט — די קלאַסיקער.

דאָ איז ער — דער מענטש פונ אונדזער עפּאָכע.

דאָ בלייַבט ער — קאַלטער דענקער, קעדיי צו זייַנ וואַכ אונ קאָנטראָלירנ דאָס האַרצ בעשאַס דער קינסטלערישער פאַרוואַנדלונג.

דאָ איז מיכאָעלס אייַנגאַנצנ טרייַ דעמ טעאַטראַלישנ פּרינציפּ פונ דידראָ. דאָ הערשט דער פּרימאַט פונעמ אַקטיאָרס דיסציפּלינירנדיקנ אינטעלעקט איבער דער עמאָציאָנעלער אידענטיפיקאַציע מיט דער קלאַסישער ראָל — צוליב דעמ נייַעמ אינהאַלט.

2

ס'איז אַגעוו ניט קיינ צופעליקייַט, וואָס מיכאָעלס באַניצט זיכ באַ דער געלעגנהייַט מיט רעב אַלטערס פּראַזע פונ „מאַזלטאָוו“.

באַ יעדנ גרויסנ קינסטלער זייַנענ שטענדיק פאַראַנענ טענדענצנ צו שעפּנ פאַרבנ פאַר זייַנע קינסטלערישע פאַרוואַנדלונגענ פונ דער קינדהייַט. ביז צו דער סאַמע העכסטער רייַפקייַט גייענ זיי נאָכ, ווי געטרייַסטע באַגלייטער — די ליכטיקע זעונגענ פונ דער קינדהייַט.

אונ מיכאָעלסעס גליקלעכע קינדהייַט אינ זייַנ קינסטלערישער אויספאָרמירונג איז אָנ צווייפל — דער ספּעקטאַקל „מאַזלטאָוו“.

זי גייט אימ נאָכ די קינסטלערישע קינדהייַט אונ רעפלעקטירט אַפ אימ מיט דער וואַרעמסטער ליכטיקייַט איבער דער גאַנצער גאַלעריי כאַראַקטערנ, וואָס ער האָט אופגערופנ צומ לעבנ אַפ דער סצענע פונעמ מאָסקווער יידישנ מעלוכע-טעאַטער.

אינ יעדער געשטאַלט האָט ער זיכ געלאָזט א קליינ קעמערל פאַר דער לירישער טראַגישקייַט, וואָס ער האָט אַראָפּגענומענ אינ דעמ פּאַראַלעמיינערטנ רעב אַלטער. אַפילע אינ „האָצמאַכ“ אונ אינ „טוביִ“, וואָס שטייענ ערגעצ אַפ די סאַמע עקסטע פלאַנגענ פונ די פאַרשיידענע וואַריאַציעס איבער דער רעב אַלטער-געשטאַלט — איינער מיט אַנ אויסגעלאָשענעמ אויסזיכט צומ מאַרק אונ דער אַנדערער — מיט אָנגעצונדענע אויגנ פונ אופברעכנדיקנ מאַסנ-צאָרנ, — אַפילע אינ די דאָזיקע פאַרשיידענע סאָציאַל-קעגנגעזעצטע געזעלשאַפטלעכע קאַטעגאָריעס, האָט מיכאָעלס אויכ געפונענ אַנ אָרט פאַר רעב אַלטערס לירישער טראַגיק.

מיכאָעלס איז דאָכ אָנ סאָפעק א קינסטלער מיט אַנ אויסגעשפּראָכענער וועלט-אָנשויונג, וואָס גייט בולעט דורכ אַלע זייַנע קינסטלערישע

פאַרוואַנדלונגען. און דורך רעב אַלטערן הייבט מיכאָעלס שוין אויף דער ערשטער אַפּן טעאַטער די סאָציאַל-קינסטלערישע רעוויזיע פון שאָלעם־אַלייכעמען, און נאָך מער, פון דער גאַנצער יידישער קלאַסיק. פון רעב אַלטערן הייבט ער זיי אָן אידעאָלאָגיש לאָקאַליזירן. זייער טאַקטפּול. זייער סובטיל. מיט זייער אַ גרויסן כוש פאַר קאָנען קריטיש אופנעמען ירושע.

שוין אין רעב אַלטערן הייבט מיכאָעלס אָן קינסטלעריש ניט דעריידן... פּונקט ווי ער וואָלט, זייענדיק אַפּ דער בינע, אָפּגעהיט שאָלעם־אַלייכעמען פון אַן איבעריק וואָרט... ער בייט עס קינסטלעריש אויס, דאָס וואָרט, אַפּ דער שפּראַך פון זיינע אייגנטימלעכע פּלאַסטישע פאָרמען און דורך די פּלאַסטישע טראַנספאָרמאַציעס אָטעמט ער אַריין אין דעם אַ נייע אידעאָלאָגיע...

און מיר באַקומען אין רעב אַלטערן מיכאָעלסעס ערשטע סאָציאַל־פּלאַסטישע אינטערפּרעטאַציע פון שאָלעם-אַלייכעמען. — דעם אויסגאַנג־פּונקט פאַר מיכאָעלסעס פּלאַסטישער אינטערפּרעטאַציע פון דער גאַנצער יידישער קלאַסיק, וואָס האָט זיך אונדז נאָכאַמאָל אַנטפּלעקט דורך דער סצענע פונעם מאָסקווער יידישן מעלוכע־טעאַטער.

3

ווען מיכאָעלס לייענט די טעקסטן אָדער, ריכטיקער געזאָגט, ווען ער לייענט די צייכנס פון זיינע דראַמאַטורגישן שטאָף, איז פּונקט אַזוי וויכטיק דאָס, וואָס ער לייענט פון זיי אַרויס — ווי דאָס, וואָס אין זיי איז געשטאָ.

דאָס וויכטיקסטע איז דאָס, וואָס ער ברענגט אַריין מיט זיינע אייגע־נער סאָציאַל־פילאָסאָפישער און קינסטלערישער באַציונג צום שטאָף — זיין קלוגן און דורכדרינגלעכן שטריך מיט אים.

אַלציינס — צי איז דער דאָזיקער שטאָף מענדעלעס אַ נאַיווער סאָציאַלער צאָרן, צי שאָלעם־אַלייכעמס גוטמוטיקער טראַגיזם, צי איז דער דאָזיקער שטאָף — פון דער וועלט־קלאַסיק.

ער מישט זיך אַריין אין די געגעבענע טעקסטן מיט זיינע אייגנאַר־טיקער קינסטלערישער דייע, מיט זיינע אייגענער סאָוועטישער וועלט־עמפּינדונג.

ער שטעלט אָן דעם אָביעקטיוו אַפּ די קעגנשטאַנדן אַזוי, אַז זיי זאָלן באַקומען דעם אָפּגלאַנץ פון זיינע באַציונג צו זיי. און קיינמאָל ניט צוליב דעם, אַז ער זאָל ווערן זייער פּינקטלעכער „רעאַליסטישער“ אָפּ־שפּיגלער.

און ס'איז קלאָר:

אויב אַן עכטער קינסטלער קומט אין באַרירונג מיט קינסטלערישן שטאָף אין זיין שעפערישער אַרבעט איבער אים, מוז פון אַזאַ באַרירונג קומען אינעם שטאָף אַ נייע קינסטלערישע פאַרוואַנדלונג. אַזאַ, וואָס איז אייגנטימלעך דער אינדיווידואַליטעט פונעם קינסטלער.

עס מוז אנטפלעקט ווערן דער צוגעקומענער קינסטלער.

אָט אזוי איז זיך מיכאָעלס גויעג מיט זײַן דראַמאַטישן שטאָף:

פריִער פאר אלץ לייגט ער זיך צו צום געגעבענעם מאַטעריאַל מיט זײַן אייגענעם קינסטלערישן האָב־און־גוטס.

מיט דעם, וואָס ער האָט וועגן דעם שטאָף צו זאָגן.

דערמיט ווערט דער שטאָף אין א געוויסן זין — זײַנער.

ער לאָזט זיך אין קיין פאל ניט דיקטירן פונעם דראַמאַטורג, נאָר פונעם גאנצן קאָמפּלעקס סאָציאַלע און פּסיכאָלאָגישע באַדינגונגען, אין וועלכע דער שטאָף האָט זיך קינסטלעריש פאָרמירט. ער געפינט פאר אים אויס א גאנצן רעגיסטער עקוויוואלענטן, נאכער באַגייט ער זיך מיט דעם שטאָף אזוי, ווי ס'דיקטירט אים זײַן אינדיווידועלע קינסטלערישע באַציִונג און זײַן געזעלשאפטלעכער באַוווּסטזײַן.

און פון דער דאָזיקער באַציִונג, אָפּשטויסנדיק זיך, ענדערט ער אים, דעם שטאָף, און פאָרמירט אים פונדאָסנײַ.

דער דאָזיקער קאָמפּליצירטער שאפונג־פּראָצעס לאָזט אים דערגרייכן דעם העכסטן גראַד קינסטלערישע זעלבשטענדיקײַט און פרײַהײַט און גיט אים די מעגלעכקײַט צו מאַניפעסטירן דורך דעם אָביעקט זײַן אייגענע קינסטלערישע אינדיווידואַליטעט און די סאָציאַל־פילאָסאָפישע דערפאַרונג פון צײַט און געזעלשאפט, אין וועלכער ער לעבט.

ווען ער דעמאָנסטרירט זי אין זײַן אייגענער קינסטלערישער טראַנספאָרמאַציע, בליאסקעט שוין אף איר די וויזע פון דער צײַט. די וויזע פון יענע אומגעבונגען און פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן פאָרמירט מיכאָעלסן זעלבסט.

זי ווערט שוין א קינסטלערישער פּראָדוקט פון אונדזער עפּאָכע.

ס'וועט ניט זײַן איבערגעטריבן צו זאָגן, אז שימעלע סאָראָקער אין מאָסקווער יִדישן מעלוכע־טעאַטער איז מער א מיכאָעלס-געשטאַלט איידער א שאָלעם-אלייכעמדיקע.

ווען מע זאָל ניט וויסן, אז די אויסערגעוויינלעכע קינסטלערישע דערפינדערישקײַט און טעאַטראַלע כאָכמע, וואָס ליגן אַרײַנגעבראַקט אין דער שימעלע־געשטאַלט געהערן מיכאָעלסן, דעם קינסטלער פון אונדזער עפּאָכע, דעם אידייִש און אידעאָלאָגיש רײַפן צײַט־מענטש אונדזערן, וואָלט מען דאָך געקאָנט מיינען, אז די פּיעסע „200 000", אויב ניט ריידן וועגן דער ספּעציפיק פונעם גענױאלן שאָלעם־אלייכעמישן וואָרט, איז אָנגעשריבן געוואָרן פון א סאָוועטישן דראַמאַטורג.

און דאָ האָט מיכאָעלס באַוויזן אף א וווּנדערלעכן אויפן, וויאזוי עכטע טעאַטראַלע קונסט, וויאזוי עכטע שוישפּילערישע קאָמפּאָזיציע קאָן בא א קינסטלער, וואָס לאָזט ניט אַרויס פון די אויגן דעם סאָציאַל־געזעלשאפטלעכן קאַמף, קאָן לעבן אף איר אייגענעם אידייִשן און אידעאָלאָגישן כעזשבן. און ניט נאָר דאן ווען דער דראַמאַטורגישער שטאָף

קומט איר צו הילף, נאָר אפילו דעמלט, ווען דער דראמאטורגישער טעקסט געפינט זיך אין א דירעקטן ווידערשפרוך צו איר אייגענער קאָנצעפּציע.

פאר א גלענצנדיקן מוסטער קאָן דאָ אילוסטרירט ווערן די בארימטע פראזע פון מיכאָעלס—גרעדאנ אין לאבישעס וואָדעוויל „מיליאָנער, דאנטיסט און אָרעמאנ": „אנטמוטיקט פון די לעבנס-שלאכטנ...", ווי נאַיווער טראַגיזם ווערט בא אימ מײַסטעריש דערפירט — אינ אָנהייב — צו הומאָר און שפעטער — צו אָפענעמ כויזעק.

מיכאָעלס האָט אפ א מוסטערהאפטנ אויפנ דערוויזנ, וויאַזוי דאָס דראַמאטורגישע וואָרט ברעכט זיך אינ זײַנ אויערשטנ אינהאלט, ווי סע ווערט אומשעדלעך און אילוסטראטיוו צו דער אידייִש און אידעאָלאָגיש אָנגעזעטיקטער פלאסטישער באוועגונג, צו דער פארב, צו דעם ריטמ, צו דער צייכענונג, צו דעם גאנצנ קאָמפּלעקס פון דער שוישפּילערישער קונסט.

מיט זײַנ שארפ-אָנגעשליפטנ קינסטלערישנ געווער פון גראָטעסק צעהאקט מיכאָעלס דאָס וואָרט דעמלט, ווענ ס'איז אימ נייטיק, אז ס'זאָל ניט ווירקנ אינ זײַנ גאנצקײַט.

דעמלט הייבט אָנ שפּילנ יעדער זילב באזונדער.

איינ זילב לאכט אויס דעם אנדערנ.

און דער נייטיקער עפעקט איז דערגרייכט.

דאָס זעלבע, ווענ ער באדארפ ארויסציִענ פונעמ וואָרט א פּאָזיטיוו עפעקט אינ גאנג פונ זײַנ שוישפּילערישער אידיי.

דעמלט רײַסט ער עס אויך ארויס פונ יענער נאטור, אינ וועלכער ס'האָט עס געגעבנ דער דראמאטורג און ער גיט עס א טראָג אופ צו דער גרעסטער הייך.

ער צינדט ארומ דעם אָנ דאָס גאנצע פײַער פונ זײַנ בושעווענדיקנ טעמפעראמענט. ער ווארפט זיך אפ דעמ. און אויב מע דארפ עס אויסטאנצנ, דאָס וואָרט, איז — אויסגעטאנצט! אויב מע דארפ עס אויסזינגענ, איז — אויסגעזונגענ!

און דאָס וואָרט — אנ אויסגעגליטס אינ זײַנ טעמפעראמענט, וואָס שטראלט פונ זיך ארויס מוזיק, געזאנג, פלאסטיק און גרעסטע אופרײַסנדיקע שטילקײַט, — באקומט א נײַעמ אויסדרוק און סע ווערט — זײַנס.

דאָס האָט א שײַכעס ניט נאָר צו דער פּאָליפאָנישער קאָמפּאָזיציע פונ „200 000", נאָר אויך צו דער מענאכעמ-מענדלשער גראָטעסק-געשטאלט אינ „לופט-מענטש".

אויך דאָ איז פריִער פאר אלצ אינטערעסאנט פעסטצושטעלנ, אז אינ דער דאָזיקער גראָטעסקאָווער געשטאלט זעצט מיכאָעלס פאָר די טראדיציע און דעם הויפּט-קינסטלערישנ פּרינציפּ, וואָס איז בא אימ אָנגעמערקט געוואָרנ אינ רעב אלטערנ.

נעמלעך: —

אויך דאָ לאָקאַליזירט ער פריִער פאַר אַלץ שאָלעמ-אַלייכעמענ, פונקט ווי אינ „מאזלטאָוו".

אָבער מיט אַנדערע מיטלענ.

אינ „מאזלטאָוו" לאָזט ער אָפּט ניט קומענ שאָלעמ-אַלייכעמענ אינגאַנצנ צומ וואָרט דורכ ניט-דער־ידנ... דורכ זײַנ פּלאַסטישנ ארופּוואַלגערנ זיכ אַפנ וואָרט אונ עס מאַכנ אומבאַוועגלעכ... אונ אינ מענאַכעמ-מענדלענ — פאַרקערט — דורכ פאַריידנ שאָלעמ-אַלייכעמענ, דורכ מולטיפּליצירנ דעמ טעקסט.

סע הייבט בוכשטעבלעכ אָנ שווינדלענ אינ די אויערנ, אויב מע קאָנ זיכ אַזוי אויסדריקנ, ווענ מיכאָעלס בינדט פאַנאַנדער דאָס וואָרט.

מע דערפילט; אַז דאָס רעדט ניט קיינ איינ מענטש, נאָר אַ גאַנצער פאָלק־שיכט. אונ דערצו — אַ ספּעציפישער.

דאָס איז ביכלאַל איינע פונ די גלענצנדיקסטע אייגנשאַפטנ אינ מי־כאָעלסעס שוישפּילערישער קונסט:

אופהייבנ די געשטאַלט צו דער גרעסטער פאַראַלגעמיינערונג — וואָס העכער אונ ברייטער — סײַ דעמלט, ווענ ער דאַרפ דעמאַסקירנ, סײַ דעמלט, ווענ ער וויל עס דערהייבנ אונ באַשטעטיקנ.

אונ דאָרט, ווו דאָס וואָרט, אַלס אויסדרוק-מיטל, קאָנ דורכקלינגענ ווידערשפּרעכלעכ, איז בלויז — אַנ אָנדײַטונג פונ וואָרט, דעמ שאָטנ פונ וואָרט. דער שווער-פּונקט ווערט אריבערגעטראָגנ אינ דער פּלאַסטיק.

אונ פאַרקערט:

ווענ ס'איז קינסטלעריש מעגלעכ אופרײַסנ די „אָביעקטיווע ווירקלעכ־קײַט" דורכנ וואָרט, איז ווערט דעמלט דעמ אויער שווער זיכ נאָכיאָגנ נאָכ דעמ.

דעמלט גייט בא אימ דאָס וואָרט, ווי אַ האָגל.

ס'איז קעדײַ דערמאָנענ דאָס אָרט אינ „לופטמענטש", ווענ מענאַכעמ־מענדל, באַגײַסטערט פונ זײַנע נײַע פאַרנאָסעס אונ פּלענער, טראָגט זיכ איבער דער בינע ווי אַ בליץ, וואָס אַפ אימ האָט זיכ פאַרשטאָכנ אַ אַ שוואַרצער קאַפּעליוש אונ אַ גרינ כאַלאַטל אונ שרײַט:

— איכ לויפ! איכ פלי! איכ קנאַק!

מיט יעדנ וואָרט דערלאַנגט מיכאָעלס איבער זײַנ געשטאַלט, ווי מיט אַ שטיינ.

יעדעס וואָרט גיט אַ בלישטש אינ דער לופט, ווי אַ האַק אַ פאַר־מאָסטענע אַפ זיכ אַליינ.

אַזויאַרומ דערגרייכט ער מיט גראָטעסק-מיטלענ, צווישנ אײנ לידישער מוזיק אונ דער צווייטער, דעמ העכסטנ גראַד סאָציִאַלע באַזיניקטקײַט אונ אָנגעזעטיקטקײַט.

4

דורכ דעמ זעלביקנ קינסטלערישנ פּרינציפּ איז מיכאָעלס געקומענ צו דער סינטעטישער, אויסערגעוויינלעכ-לירישער געשטאַלט פונ ביניאָמינ דעמ דריטנ.

צומ סינטעז פונ זײַנע טעאַטראַל-קינסטלערישע זשאַנרענ אינ דער ייִדישער קלאַסיק.

אויב אינ „200 000” אונ אינ „מענאַכעמ-מענדלענ” באַלאַנסירט ער מיט ווירטואָזער מײַסטערשאַפט צווישנ גראָטעסק, ראָמאַנטיק אונ ליריק, איז אינ „ביניאָמינ דעמ דריטנ” דערגרייכט ער דעמ געלײַטערטנ, קימאַט מײַסטערישנ שוישפּילערישנ עפּאָס.

דאָ אינ זײַנ זעניט אינ דער ייִדישער קלאַסיק.

דאָ איז זײַנ מיט פונ העלנ טאָג.

דאָ איז גרויסע קינסטלערישע דערפאַרונג אונ קינסטלערישע כאָכמע.

דאָ איז די רו פונ א ליכטיקנ באַרג-שפּיצ.

דאָ דערצײלט זײַנ יעדע באַוועגונג מיט אַזאַ מינ אופרײַסנדיקער רויִקײַט, אַז מע דערהערט דעמ פאַרטויבטנ ראַש אונ געוויינ פונ גוראָלעס, וואָס גייענ פונ דער טיפ פונ יאָרהונדערטנ...

דאָ טרעפט זיכ זײַנ קינדהײַט מיט זײַנ גרויסער קינסטלערישער רײַפקײַט אונ ביידע צוזאַמענ, ווי אינ א וווּנדערלעכער סימפאָניע, גייענ זײ — איינס אַרויסדרינגענדיק קינסטלעריש פונ צווייטנ.

אינ דער דאָזיקער געשטאַלט האָט מיכאָעלס געבראַכט די רײַפע פרוכטנ פונ זײַנ גאַנצנ אַקטיאָרישנ וועג אונ אויפגעשטעלט א גראַנדיעזנ דענקמאָל דעמ קלאַסישנ פּעריאָד פונ דעמ מאָסקווער ייִדישנ מעלוכע-טעאַטער.

מערקווירדיק, ווי קימאַט דעמ גאַנצנ ספּעקטאַקל „מאַסאָעס ביניאָמינ האַשלישי” שפּילט ער אינ פּראָפיל.

די לאַקאָנישקײַט פונ דער דאָזיקער גרעסטער קאָמפּאָזיציע זײַנער — אָנגעהויבנ פונ דעמ וואָרט, פונ דער באַוועגונג אונ פונ דער שטימ, מיט וועלכער ער אָפּערירט ווי דער גרעסטער גראַפיקער, דערפילט מענ שוינ אינ גרימ.

א האַלב-לענגלעכ בערדעלע. פאַר איינ העלפט פּאָנעמ.

פאַר א פּראָפיל.

דער דאָזיקער פּראָפיל וועט זײַנ פיל אויסדריקלעכער ווי דער אַנפאַס.

ס'וועט אַלעס קלאָר זײַנ בלויז פונ אַנ אָנדײַטונג.

פונ דעמ דאָזיקנ הויכ-באַזיניקטנ פּראָפיל דרינגט אַרויס דער עטוואָס גערונדיקטער טאָרס אונ פונ דעמ דאָזיקנ פּראָפיל דרינגט אויכ אַרויס די סימבאָלישע פּראָפּאָרצ צו דעמ שטעקנ, וואָס מיט אימ זעט מיכאָעלס אויס — ניט אַליינ...

דאָס שפּילנ אַנפאַס וואָלט אינ דער דאָזיקער הויכער סימפאָנישער קאָמ-

פּאָזיציע, ווו ס'איז ניט פאראנ קיינ איינ צופעליקייט, ווו יעדע קלענסטע דעטאל איז ארויסגעפירט מיט אזא קינסטלערישנ כעזשבנ, אז ס'זאָל זיכ אונטער איר אויכ פילנ די קייט פונ צייטנ, וואָס אינ איר איז געווענ געקאָוועט דער גייסט פונ די מאסנ אינ די ענגע ווענט פונעם געטאָ, — אינ אזא סינטעטישנ ספּעקטאקל, ווו ניט נאָר די מיזאנסצעניזאציע, אלס הויפּט־שפּראכ פונ דער בינע, נאָר ווו אפילע די פונקטירונג איז דערהייבנ געוואָרנ צו א סימבאָל, וואָלט דאָס שפּילנ אינ אנפאס פונ דער פירנדיקער געשטאלט געווענ אופגעגעסנ די אייגנארטיקע „מאָנומענטאלקייט" פונעם הויקער, וואָס מיכאָעלס האָט זיכ אָנגעצייכנט אויכ מערער אלס אנ אויסדרוק פונ „גייסט", איידער א פּראָסטנ וואָכעדיקנ, א ייִדישנ רוקנביינ אנ אויסגעבויגענעם אונטער דער לאסט פונ נויט אונ דערשלאָגנקייט; ס'וואָלט געווענ צעשטערט געוואָרנ די גאנצע גראפישע ליניע פונ דער געשטאלט אונ ס'וואָלט געווענ פארקלענערט די אויסדריקלעכקייט פונעם לענגלעכנ דאָנ-קיכאָטישנ טרוימער־געזיכט.

אזוי איז אידייִש אונ קינסטלעריש-געזעצמעסיק געבוירנ געוואָרנ די גראפישע צייכענונג פונ „ביניאָמינ".

עס איז צו באווונדערנ, ווי דער מיטל-ווואקסיקער מיכאָעלס, ווי נאָר ער טראָגט זיכ ארייַנ אפ דער בינע אינ גוירל פונ זייַנ געשטאלט, ווערט זייַנ פיזישע מעטריק, די אונטערגעוואָרפענע צו באשטימטע געזעצנ פונ מאָס, — ווערט זי טייקעפ א באדינגלעכע.

ס'עקזיסטירט ניט אפ דער בינע א פיזישע קאָמפּלעקציע, וואָס האָט אינ דער לענג א באשטימטע צאָל סאנטימעטער, נאָר ס'באוועגט זיכ אפ דער בינע א געשטאלט, וואָס צווינגט דעם צושויער זענ זייַנ גרייס לויט דער מאָס פונעם בילד, וואָס ער פארקערפּערט.

מע קאָנ עס אפ א גלענצנדנ אופנ זענ אינ „טויבנ", ווו אפ דער בינע באוועגט זיכ א גאנצער מאסיוו, ווו דער וווקס אונ די פעסטקייט ווערט באשטימט דורכנ אייַנדרוק פונ דער דערוואָרגענער שטימ פונ זייַנער, וואָס רייַסט ערגעצ שלאָגנ מיט דער גאנצער פאסקודנער וועלט.

אָט אזוי גרויס, ווי דער אינערלעכער צושטאנד פונ זייַנ געשטאלט, איז מיכאָעלס שטענדיק אפ דער בינע.

באזונדערס רעליעפ ווערט דאָס באשטעטיקט אינ „ביניאָמינענ".

דורכ דעם גאנצנ ספּעקטאקל צווינגט מיכאָעלס דעם צושויער קקנ ניט אפ זיכ, נאָר אינ יענער „ווייַטער ווייַט", וווהינ ס'זייַנענ געווענדט זייַנע אייגענע אויגנ.

אונ אינ דעם דאָזיקנ קינסטלערישנ אופשטייַג איבערווינדעט ער די באגריפנ פונ וווקס אונ פונ באגרענעצטקייט אינ דער מאָס.

ער איז דאָכ אינ ביניאָמינענ זייער אָפּגעצערט, דאר־גופיק, קימאט דורכזיכטיק אונ דאָכ זעט ער אויס באדייַטנדיקער פאר סענדערל די ייִדע־בע. זייַנ וווקס אינ גאנג פונ ספּעקטאקל לאָזט זיכ ניט אָפּטיש סטאביליזירנ.

זײַנע טרוימען און איבערלעבונגען. פֿון זײַן עקספּרעסיע די לויט גרעסער, נאָך און גרויס ער ווערט אַזאַ

און דאָ איז נײטיק אונטערשטרײַכן, אַז די קאָנגעניאַלע שפּיל פֿון דעם וווּנדערלעכן ארטיסט וו. זוסקין, זײַן גלענצנדיקע קענגעשטעלטקײַט צו דער גײַסטיקער בינימין־געשטאַלט, זײַן ייִדישע ווײכקײַט און צעשמאָלצעוודי־קײַט, די האָריזאָנטאַלע ליניע, אין וועלכער ער האָט זיך אײַנגעפּאַסט, וואָס איז דורכגעטראַכט און דורכגעפירט מיט דעם גרעסטן קינסטלערישן עפעקט פאַר בינימינס ווערטיקאַלער ליניע, שאַפט פאַר מיכאָעלסן די מאַקסימאַל־סטע מעגלעכקײַטן פאַר דער שטרענגסטער גײַסטיקער לאַקאָנישקײַט, ווו יעדעס פינטל מיטן אויג דערצײלט, פאַרלאַנגט, באַגערט מיט דער גרעסטער שטילקײַט, צו וועלכער מיכאָעלס איז געקומען בעהאַדראָגעדיק, וואָס העכער ער האָט זיך אופגעהויבן אין זײַן שוישפּילערישער קונסט אין פּעריאָד פֿון דעם קלאַסישן רעפּערטואַר אין מאָסקווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער.

ביכלאַל איז דער אַזויגערופענער קלאַסישער פּעריאָד פֿונעם טעאַטער געוואָרן אין אַ געוויסן זין מיכאָעלסעס שוישפּילערישע און קינסטלערישע ביאָגראַפיע.

דאָס קינסטלערישע בלוט זײַנס האָט ער זיך געלאָזט פּרווון אין „או־ריעל־אַקאָסטאַ“.

מיט דעם דאָזיקן פּרווו איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דער דיאַגנאָז:

— אַ גרויסער קוואַל פֿון אָנגעזאַמלטע קויכעס און פּאָטענצן.

און ווען דער דאָזיקער גרויסער קוואַל פֿון קויכעס און פּאָטענצן האָט צוליב דעם אײגיקן רעאַליסטישן עמעס אין דער קונסט געמוזט אַ שטראָם טאָן אין דער ווײַט און אין דער הײך און מיט העלע בלאַנקענדע פאַרבן דער־צײלן וועגן אײַנגעפאַלענע שוואַרצע יאָרהונדערטן און וועגן די גרויסע קוי־כעס פֿון רעוואָליוציע, וואָס האָבן יענע יאָרהונדערטן געקעפּט, איז מיכאָ־עלסן פאַר דעם אײנציק־ריכטיקן און בארעכטיקטן רעאַליסטישן אויסדרוק געקומען צו הילף די היפּערבאָלע.

די געקוילטע גרעלע פאַרביקײַט, דער פאַרגרעסערטער פּלאַן, דער פאַר־שאַרפטער זשעסט, דער פאַרשײדנפאַרביק־געמאָלטער קאָסטיום, דאָס זילבאַר־טיק צעטײלטע און אָפּטמאָל אויסגעשריגענע וואָרט, די באַוועגונג פֿון האַנט, וואָס קויפּלט זיך אָפּ אַלץ, וואָס האָט ענלעכקײַט צו אַ האַנט, די ליד דאָרט, ווו לויט דער קלוימערשטער לאָגיק קאָן קלעקן אַ פּראָסטער געשפּרעך — און טענץ, אַלס אָרגאַנישע פּאָרזעצונגען און פאַרשטאַרקונגען פֿון וואָרט, געדאַנק, עקספּרעסיע און פּאַשעטן גאַנג, — דאָס אַלץ איז יענע קינסטלערי־שע היפּערבאָלע, וואָס איז פּופצן יאָר געטראָגן געוואָרן אין מאָסקווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער דורך זײַן גרונט־קינסטלערישן קערן — דורך דעם רעאַ־ליזם, ווי אַ געשיכטלעך־קינסטלערישער ענטפער פֿון דער סאַמע טיפענישׁ פאַר־גאַנצע דוירעס אַרומגײַן מיט אַ שלאָס אפן מויל.

און דורכ דער קינסטלערישער היפערבאָלע פונעם מאָסקווער מעלוכישנ יידישנ טעאַטער איז אפ א גלענצנדיקסטנ אויפנ אנטפלעקט געוואָרנ דער רעאַליסטישער עמעס פונ יענע שיכטנ, און פונ יענער צייַט, וואָס דער טעאַטער האָט אופגערופנ אפ קינסטלערישנ געריכט אינ אונדזער גרויסער סאָציאַליסטישער עפאָכע.

אזויאַרום האָט מיכאָעלס, דער פירער און באַגייַסטערער פונ טעאַטער, מיט א גלענצנדיקער פאָרמ פונ היפערבאָליק, אינ דער סיכטעמ און אפנ באָדנ פונ רעאַליזמ זיכ קינסטלעריש אויסגעשריגנ אינ „200 000“, אינ „לופט-מענטש“, אינ „באַנאַכט אפנ אלטנ מאַרק“ ביז ער האָט זיכ אוועקגעלאָזט אינ זייַנ גרויסער עפישער נעסיע פונ „בינאָמינ דעמ דריטנ“.

אינ אלע פאָרשטעלונגענ, אינ אלע זייַנע געשטאַלטנ, וואָס ער האָט באַשאַפנ, איז אומעטום, בא דער סאַמע שטאַרקסטער עמאָציאָנעלישקייַט, מיכאָעלס געבליבנ — דענקער.

ער האָט זיי אָפגעגראָבנ, זייַנע געשטאַלטנ, ווי מע גראָבט אָפ די קינדהייַט.

ער האָט זיי אופגעשניטנ און פאַנאַנדערגעעפנט, ווי אייגענע טאָג-ביכער.

ער האָט זיי געמישפעט מיט דער העכסטער קינסטלערישער מידע פונ כאָכמע.

און איז אליינ פאַר זיי אָפגעקומענ די שטראָפ...

און ניט צופעליק.

אינ אלע פונ זיי האָט דורכגעבליצט א מעזומענע קלייגנדיקע שטיק פונ זייַנ אייגנ לעבנ, וואָס ער האָט אינ זיי געלאָזט אריינפליסנ.

און אריינגעגאָסנ האָט ער אינ זיי זייַנ ענערגיע מיט דער ברייטסטער מאָס פונ זייַנ קינסטלערישער אשירעס. ער האָט זיי אופגעטראָגנ צו הויכנ פונ פולסטער פאַראַלגעמיינונג. און אופגעטראָגנ האָט ער זיי צוליב דעמ, אז פונ דעמ העכסטנ קינסטלערישנ פונקט זאָל ער זיי קאָנענ אופרייַסנ.

אופרייַסנ — פאַר דורעס.

פונקט ווי זיי האָבנ זיכ אינ מעשעכ פונ דורעס פאַרמירט.

אינ דעמ דאָזיקנ קינסטלערישנ אופשטייַג האָט זיכ מיכאָעלס ארויסגעוויזנ פאַר א געטרייַענ נאָכפאָלגער פונ געטענ, וואָס האַלט, אז יעדער קינסטלער באַדאַרפ אריינברענגענ אינ ווערק — פונ זיכ אליינ — זייַנ אייגענעמ זינ און באַטייַט.

5

פונ דעמ דאָזיקנ שעפערישנ מעטאָד ביז צו אנ אייגענעמ סטיל איז מיכאָעלסנ געבליבנ אזויפיל, וויפל ס׳געדויערט פונעם דריטנ קלונג ביז צום ארויסצוגייַנ פונ הינטער די קוליסנ אפ דער סצענע.

און מיכאָעלס האָט אנ אייגענעמ סטיל אינ דער שוישפילערישער קונסט געשאַפנ.

דער סטיל פון אופריַיסערישער ראָמאנטיק מיט די מיטלען פון פילאָסאָפישער טעאטראַלישקײַט.

טעאטראַלישקײַט ביז די לעצטע גרענעצן.

אָפטמאָל מיט געפאר פאַר פאָרמאַליזם.

און דאָ האָט מיכאָעלס איבערגעלעבט זײַן קינסטלערישע „דראמע" מיטן וואָרט.

מ'וועט ניט זײַן קיין פאראדאָקס צו זאָגן, אז מיכאָעלסעס קינסטלערישער „קאמף" מיטן וואָרט איז געווען דער העכסטער אויסדרוק פון זײַן ליבע און פארערונג צו דעם.

מע מוז נאָכאמאָל באטאָנען, אז די טעקסטן פון דער ייִדישער קלאַסיק האָבן געגעבן מיכאָעלסן די פולשטענדיקע מעגלעכקײַט, אז ער זאָל צוליב דעם אידעאָלאָגישן גלײַכגעוויכט זיך קאָנען באגיין בלויז מיט די אונטערטעקסטן.

זיי האָבן אים געגעבן די מעגלעכקײַט צו שעפן אין דער פולסטער מאָס פון די אָנגעזאמלטע אסאָציאציעס, אין וועלכע ס'איז געוואָקסן זייער וואָרט — מער ווי פונעם וואָרט אליין.

און ווידעראמאָל איז קלאָר, אז ווען מיכאָעלס זאָל זיך געווען לאָזן אפן וועג פון געטרײַען טעאטראַל־קינסטלערישן באדינען די טעקסטן פון דער ייִדישער קלאַסיק אין זייער קלאסישער אומבארירלעכקײַט, אין ריינעם וואָרט־לעבן זײַן זייערן, וואָלט ער עפשער נאָך בא א גרעסערן קינסטלערישן עפעקט געקומען צו זייער צווייפלהאפטע אידעאָלאָגישע רעזולטאטן.

די גרעסטע געפאר אין דעם דאָזיקן זין האָט אים אָן צווייפל געדראָעט אין זײַן קרוין־ראָל פון דער ייִדישער קלאַסיק — אין „ביניאָמינען", ווו ער גייט אפ אזא הויכער קינסטלעריש־אידעאָלאָגישער שארף, אז מאָמענטנווייז קאָן זיך אויסדוכטן, אז דער סוביעקט ווערט באהערשט פונעם אָביעקט.

און דאָס לעצטע האָט מיכאָעלס ניט געקאָנט און ניט געטאָרט אײַנשטעלן.

דעריבער האָט מיכאָעלס, באשעפטיקנדיק זיך מיט זײַנע טעאטראלן אָפּקלײַבן פון די קלאַסישע טעקסטן, ארויסגעפירט פון זיי ניט דאָס סטאבילע קאנאָניזירטע וואָרט, וואָס ס'האָט געקאָנט זײַן א געפאר, אז בא ניט קיין גענוגנדיקער אידעאָלאָגישער אָנגעשארפטקײַט וועט דאָס דאָזיקע וואָרט פירן אים, — נאָר ער האָט זיך קינסטלעריש אָפּגעקליבן די אסאָציאציע.

די אסאָציאציע האָט ער קינסטלעריש באצוווּנגען. האָט ער זי ארויסגעפירט, זי באטרונקען מיט אלע זײַנע אידייאיש־פילאָסאָפישע און קינסטלערישע זאפטן, ווי א קינסטלער אזא, וואָס באהערשט און באפעלט, — האָט זי אים שוין געטראָגן דורך יענע אידעאָלאָגישע וועגן, ווי ס'האָט געפאָדערט זײַן באוווּסטזײַן, דער איבערשלייפטער אין אונדזער צײַט.

אזא פאָרזיכטיקע און קלוג־באלאנסירנדיקע באציִונג צום וואָרט האָט געקאָנט פאסירן בלויז צו די טעקסטן פון דער קלאַסיק, וואָס האָבן אין זייער

הוילער נאַטור געקאָנט האָבנ א גאַנצ ווידערשפּרעכלעכע ווירקונג, אָבער נים צום וואָרט — ביכלאַל.

אינ באַצוג צו די טעקסטנ פונ דער קלאַסיק האָט ער פונ געפאַר פאַר אידעאָלאָגישער שטרויכלונג זיכ געמוזט שאַפנ א ספּעציעל־קינסטלערישע דיסטאַנצ פונעם וואָרט און דאָס האָט בא אים אַרויסגערופנ א נויטווענדיקײַט צו פאַרברייטערנ די פּלאַסטישע שפּראַכ פונ זײַנע ריינ־שוישפּילערישע מיטלענ אפנ כעזשבנ פונ וואָרט.

וויאַזוי זשע האָט ער „געקעמפּט“ מיכאָעלס מיטנ וואָרט?

מיט דער גאַנצער אומגעווייַנלעכ רײַכער נאָמענקלאַטור פונ זײַנע פּלאַסטישע אויסדרוק־מיטלענ, — אָנגעהויבנ פונ זײַנ גוואַלדיק־שטילנ אופרײַסנדיקנ אומרו, ווענ פונ יעדנ קעמערל פונ זײַנעמ שפּאַרט מיט שטורעמדיקנ טעמפּעראַמענט, ווענ זײַנ יעדער געזיכט-צוג לויפט אפ איינעמ און דעמ זעלבנ אָרט אַריבער די ווײַטסטע שטרעקעס, — דאָס, וואָס מע רופט מימיק. — זײַנ אומגעהייערע עקספּרעסיווקײַט און דינסטע גראַפישע צייכענונג פונ זײַנ באַוועגונג און פונ דער שטימ פונ זײַנער, — אָט די אַלע רײַכע מיטלענ האָט ער אָנגעווענדט, ווי אַזא נאַרהאַפטע לופט־אַטמאָספער אַרומ דעמ וואָרט, — די אַלע מיטלענ האָט ער אָנגעווענדט, ווי אַזא מינ איינגאַרטיקנ רייעכ פאַרנעמ וואָרט, אַז פונ אים אַליינ, פונ דעמ דאָזיקנ רייעכ זאָל שוינ דער צושויער וויסנ, וואָס פאַר א וואָרט סע וועט קומענ.

פּונקט ווי לויטנ רייעכ, וואָס טראָגט זיכ אפ שטרעקעס ווײַט אַרומ גערטנער, דערפילט מענ פּינקטלעכ די נאָענטקײַט פונ דעמ אָדער יענעמ פּרוכט אָדער געוויקס.

און אָט דעמ רײַכנ פילפאַרביקנ קינסטלערישנ אַנטוראַזש אַרומ דעמ איינגאַרטיקנ „קאַמפּ“ פאַר דערווײַטערנ דאָס וואָרט, האָט מיכאָעלס דערפירט צו אַזא אויסדריקלעכקײַט, אַז דער צושויער האָט אים שוינ ווירקלעכ געקאָנט פאַרשפּאָרנ אַרויסברענגענ דאָס וואָרט.

מיכאָעלסנ האָט אַזא מעטאָד בענעגייע צום וואָרט א געווויסנ פּעריאָד באַפרידיקט.

ער האָט באַדאַרפט פריער פאַר אַלצ זיכ אויסשעפּנ און זיכ אָנזעטיקנ מיט דער שפּראַכ פונ זײַנ אייגענער און אייגנטימלעכער שוישפּילערישער קונסט.

און אינ זײַנ אייגנטימלעכער שפּראַכ פונ שוישפּיל האָט ער זיכ אויסגעשעפּט אפנ וועג צום דראַמאַטורגישנ וואָרט. אפ אָט יענעמ „אונטערוועגס“ האָט ער זיכ געטראָגנ צומ העכסטנ פּונקט פונ דער שוישפּילערישער קונסט, אַלס א זעלבשטענדיקער און אומאָפּהענגיקער, וואָס האָט אינ איר רעשוס און איר נאַטור אַלע מעגלעכקײַטנ אפ אויספילנ די פונקציעס פונעמ וואָרט אויכ.

אַזא גרויסער קינסטלער, ווי מיכאָעלס, האָט זיכ דעמ דאָזיקנ „קאַמפּ“ מיטנ וואָרט, קעדיי אינ דער גאַנצער גרויס און ברייט אַנטפּלעקנ זײַנ

אייגענע און אייגנאַרטיקע שוישפּילערישע אינדיווידואַליטעט, געקאָנט פאַר־בינען.

אינ דעמ דאָזיקנ „קאמפּ" זײַנענ אימ, אויסער זײַנ גרויסנ אינטעלעקט און זײַנע רײַכע קינסטלערישע מעגלעכקײַטנ, צוהילפ געקומענ די שפּראַכ פונ זײַנ „נאַציאָנאַלער פאָרמ".

די קימאַט געניאַלע שפּראַכ פונ זײַנע הענט.

זײַנ קאָנענ אויפדעקנ מיט דער שפּראַכ פונ זײַנע הענט די דינסטע סאָציאַלע און פּסיכאָלאָגישע ניואַנסנ, וואָס ווערט אינ זײַנ פּלאַסטישער פּאַראַלגעמיינערונג באַ אימ דערפירט קימאַט צו אַ נײַמ קלענערער בוילע־טקײַט, ווי דאָס וואָרט.

ביז צו אַ סימבאָל!

אינ דעמ אַלעמ האָט מיכאָעלסנ געשפּײַזט בלויז די קלאַסיק.

אָבער בענעגייע די טעקסטנ פונ דער יונגער סאָוועטישער דראַמאַטור־גיע זײַנענ אַלע קינסטלעכ־געשאַפענע דיסטאַנצנ פונ דעמ וואָרט באָטל געוואָרנ דורכ די אידעאָלאָגישע נאָרמעס.

דאָ האָט דער אינהאַלט פונ וואָרט דערנענטערט און סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכ באַלוינט.

דער רײַכער צושלאָג פונ נײַע אַסאָציאַציעס, וואָס ס׳טראָגט מיט זיכ דאָס עכט־קינסטלערישע וואָרט פונ דער נײַער רעוואָליוציאָנערער און סאָ־ציאַליסטישער טעמאַטיק, האָט אימ ווידעראַמאָל געפעלט.

ווײַל באַ אַזאַ גרויסנ קינסטלער, ווי מיכאָעלס, האָט דער מעטאָד פונ קושנ זיכ מיטנ וואָרט דורכ אַ טיכעלע, אַפילע ווענ דאָס טיכעלע איז אַ זײַדנס, געקאָנט דויערנ ניט מער ווי אַ פּעריאָד. לאַנג זיכ פאַרהאַלטנ אָפּ אימ האָט ער ניט געקאָנט. און אינ דעמ נײַ־געבוירנווערנדיקנ וואָרט פונ אונדזער גרויסער סאָציאַליסטישער עפּאָכע האָט ער דערפילט דעמ גוירל פונ דעמ אָפּסנײַ געבוירנווערנדיקנ רעאַליזמ אינ אונדזער סאָציאַליסטישנ טעאַטער.

ער האָט אויכ דערפילט, אַז די רײַכע דערפאַרונג פונעמ קלאַסישנ פּע־ריאָד אינ מאָסקווער יידישנ מעלוכע־טעאַטער דאַרפ און מוז ביז צומ גרונט אָפּגעגעבנ ווערנ פאַר דעמ נײַעמ סינטעטישנ אויסדרוק אינ טעאַטער, פאַרנ נײַעמ נאָכ יונגנ וואָרט פונ סאָציאַליסטישנ רעאַליזמ.

און ניט קײנ צופאַל איז דאָס, וואָס נאָכ דעמ, ווי מיכאָעלס איז קינ־סטלעריש אַדורכגעגאַנ איבער אַ גאַנצער רײ פּיעסנ פונעמ יונגנ סאָוועטישנ רעפּערטואַר און אומגעקערט דעמ וואָרט די „בירגערעכט" אָפּ דער בינע פונ יידישנ מעלוכע טעאַטער, נאָכ דעמ, ווי ער אַליינ האָט זיכ אידעאָ־לאָגיש מער פּערפּעסטיקט אינ זײַנ וועלט־עמפּינדונג, — גייט ער איצטער נאָכאַמאָל אינ דער קלאַסיק — צו שעקספּירנ, ווי אַ קינסטלערישער שאָליעכ פונ אונדזער גרויסער סאָציאַליסטישער עפּאָכע, קעדײ מיט נײַע אָפּגע־

פּרישטע מיטלען פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם פונדאַסנײַ אופשנײַדן דעם XVI יאָרהונדערט אין דער געשטאַלט פון קיניג ליר.

6

די ערשטע פּופּצן יאָר פונעם מאָסקווער מעלוכישן יידישן טעאַטער האָבן זיך פאַרענדיקט מיט א גלענצנדיקן קינסטלערישן ניצאָכן. דער טעאַטער האָט נאָכאַמאָל געמאָלדן אפן גאַנצן קאָל וועגן שטאַרקע לעבן־זאַפטן, וועגן הויכער טעאַטראַלער קולטור און וועגן א קרעפטיק־אָר־גאַניזירטן קאָלעקטיוו.

און דאָס וויכטיקסטע:

דער טעאַטער האָט אפן שלוס־ספּעקטאַקל פון זײַנע ערשטע פּופּצן יאָר, אפ „קיניג ליר“, ווי אפ א גרויסער שיפּ, באַוויזן א מוסטער פון גרויסן מײַסטערהאַפטן שווימען.

מע מוז מודיע זײַן, אז צו אָט דער גרויסער שעפערישער נעסיע האָט זיך דער טעאַטער געגרייט לאַנג.

דער טעאַטער האָט מאַקסימאַל קלאָר און פּינקטלעך אויסגערעכנט זײַנע אייגענע קויכעס און די קראַפט פונעם מאַטעריאַל. ער האָט זיך אָנ־געגורט, דער טעאַטער, מיט די בעסטע דערפאַרונגען פון אונדזער נײַער אויסגעוואַקסענער ליטעראַטור. ער האָט זיך אָנגעטאָן אינעם וואָרט פון אונדזער דיכטונג ווי אין א גוטן אויסגעפּרוּווטן פּאַנציר, קעדיי בײַצוש־טיין דעם שטורעם פון שעקספּירס פלאַמיקע לײַדנשאַפטלעכע טעקסטן.

און דער טעאַטער האָט מיט ערע געבראַכט דעם דאָזיקן ניצאָכן אונד־זער נײַער סאָוועטישער קולטור.

צוזאַמען מיט א גאַנצער ריי ניצכוינעס פון אַנדערע קונסט־באַצירקן האָט אונדזער וואַקסנדיקע סאָוועטישע קולטור געקאָנט פאַרצייכענען דעם דאָזיקן לעצטן זיג אפ דער סצענע פונעם מעלוכישן יידישן טעאַטער, ווי א צײַגער פון עכטן וווּקס און פאַנאַנדערבלי פון נאַציאָנאַלע קולטורן אין אונדזער פילפעלקערדיקן סאָציאַליסטישן לאַנד.

מיטן „קיניג ליר“ וועט דער מאָסקווער מעלוכישער יידישער טעאַטער באַשטימט אַרײַן אין דער געשיכטע פון די שעקספּיר־ספּעקטאַקלען, ווי א פּאָלווערטיקער פאַרטײַטשער פונעם גרויסן דראַמאַטורג.

אָבער ניט נאָר אין פּראַכט פונעם קיניגלעכן פּאַלאַץ, ניט נאָר אינעם קלינגענדיקן מעש פון די שלאַכט־אוניפאָרמען, מיט וועלכע ס'זײַנען באַ־האָנגען די הויפּ־לײַט פון שעקספּירס „ליר“, איז געווען פאַרבאָרגן דער גווירל פון אָט דעם גרויסן קינסטלערישן דערפאָלג, וואָס דער טעאַטער האָט אונדז דערלאַנגט. דער דאָזיקער גרויסער דערפאָלג פונעם מאָסקווער ייד. מעלוכע־טעאַטער איז אַרויסגעוואַקסן פון די אָרעמע שטעטלדיקע שטיבלעך, — די אָרעמע שטעטלדיקע שטיבלעך פון דער יידישער קלאַסישער ליטעראַטור.

אַפן אַט די דאָזיקע אָרעמע שטיבלעך האָט דער מאָסקווער מעלו־כישער ייִדישער טעאַטער אויסגעשליפן זײַן געווער.

און דער גרויסער קינסטלערישער דערפאָלג פון „קיניג ליר", זײַן עכטקײַט און דערשיטערנדיקע קראַפט באַשטייט אין דעם, וואָס דער מאָס־קווער מעלוכישער ייִדישער טעאַטער האָט אַף אַ ריכטיקן אופן, מיט קינסטלערישער נויטווענדיקײַט און געזעצמעסיקײַט געקאָנט יאַרשענען זיך אַליין. די גאַנצע פּופּצניאַריקע דערפאַרונג, וואָס האָט זיך באַ אים אָנגע־זאַמלט פאַרן פּעריאָד פון זײַנע גרויסע קינסטלערישע אופשטײַגן אַפן קלאַ־סישן רעפּערטואַר, איז געווען דיסקאָנטירט, און באַוווסטזיניק אָדער אומבאַ־וווסטזיניק אַרײַנגעבראַכט אין אָט דער לעצטער קרוין־אַרבעט פון טעאַטער.

און באַ דער גאַנצער קעגנגעזעצטקײַט פון די טראַגעדיעס, וואָס עס שטעלן מיט זיך פאָר די געטאָ און דער קיניגלעכער פּאַלאַץ, — באַ דער אַבסאָליוטער אומעגלעכקײַט צו שטעלן אין אַוועלכן־ניט־איז פאַרגלײַך דעם גוירל פון ביניאָמין דעם דריטן און פונעם קיניג ליר, קרייצן זיך פאָרמעל, קינסטלעריש דאָך איבער אייניקע ליניעס אין די דאָזיקע צוויי פאַרשיידענע טעאַטראַלע אָביעקטן.

איבערהויפּט אין זיך פון מיזאַנסצענירונג רופן זיך ערטערווײַז איבער אָט די צוויי קעגנגעזעצטע וועלטן, וואָס ווערן קינסטלעריש פאַרבלוטייגנט דורכן דעם סטיל פונעם טעאַטער. זיי ווערן באַזונדערס בולעט אין דער שוישפּילערישער גרונט־קראַפט פונעם טעאַטער — אין מיכאָעלסן און אין זוסקינען.

די פּראַקטיקע צייכענונג פון דעם קיניג מיטן לעץ אין סטעפּ, בע־שאַס דער שטורעם ווערט אַף אַן אויגנבליק פאַרשטילט און אַ ביסל שטרוי־ווײַזט זיך אויס די פאַריאַגטע פאַרן אידעאַל פון מענטשלעכן קאָמפאָרט, איז פּלאַסטיש אַרויסגעוואַקסן פון דער מיזאַנסצענע אין דער קרעטשמע אין „ביניאָמין דעם דריטן", ווו די צוויי „קרוין־זוכער" טרוימען וועגן אַ קאַר־טאָפל. אויך די מיזאַנסצענע פון קיניג באַ די טעכטער אין צווייטן אַקט רופט זיך פּלאַכטיש איבער מיט דער מיזאַנסצענע פון „200 000", ווען שי־מעלע ווערט געוואָר, אַז ער איז אָפּגענאַרט...

אָט די דאָזיקע קרויוועשאַפט פון מיזאַנסצענישע לאַגעס אין אַזעלכע קעגנגעזעצטע ספּעקטאַקלען — אַלס קינסטלערישער צײַגער פון געזעצמעסי־קער זעלבסט־יערושע, האָט געגעבן דעם טעאַטער ביכלאַל און מיכאָעלסן באַזונדערס די מעגלעכקײַט, אַז מיט אָנגעזאַמלטע מיטלען, נאַציאָנאַלע לויט דער פאָרם, זאָל ער אַף אַ גלענצנדיקן אופן קאָנען אויסלאַכן דעם געק־רויִנטן לעץ, וואָס צעשנײַדט די קאַרטע פון די ערדישע גיטער אַף זײַנע אייגנע לײַב, פּונקט ווי אַפן לײַב פונעם אָפּגייענדיקן פעאָדאַליזם.

אַף אויסצוקנעטן די געשטאַלט פון קיניג ליד האָט מיכאָעלס גלענ־צנד אויסגענוצט אַלע קינסטלערישע אָנשיכטונגען, וואָס האָבן זיך אין זײַן קינסטלערישן פאַרמעג אָפּגעלייגט פאַר פופצן יאָר אַקטיאַבערישער אַרבעט.

ער האָט אויסגענוצט די גאַנצע קינסטלערישע קולטור, וואָס ער האָט אין זיכ אריינגעזאַפּט, ביז צו די דערציילונגען פונעם ביבלישן עפּאָס.

ס'איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז אין דער סצענע, ווי ער שילט, זאָל אַפּ אים האָבן געווירקט דער בוכ יִיָעוו.

אָבער די גרונט־פאַרבן פון אָט דער אויסערגעוויינלעכער שעקספּיר-געשטאַלט, האָט ער הויפּטזאַכלעכ געשעפּט פון דער רייַכער דערפאַרונג, וואָס דער מ.י.מ.ט. האָט אָנגעזאַמלט, פון דער ספּעציפיק פון זייַן סטיל און אייגנאַרט; ער האָט זיי געשעפּט די פאַרבן זייַנע אין דער קולטור פון א טעאַטער, ווו ס'זייַנען אַפּראָסטייַ געבוירן געוואָרן די יִדישע קלאַסיקער און, ווו דורכ די לעצטע איז דערהייבן געוואָרן דער טעאַטער אַלס א פולווערטיקער אויסדרוק פון דער סאָוועטישער קונסט, וואָס איז נאַציאָנאַל לויט דער פאָרם און סאָציאַליסטיש לויטן אינהאַלט.

די טראַגעדיע פון „ליר“ אין מיכאָעלסעס טראַקטירונג איז די טראַגעדיע פון א קיניגלעכן קאָפּ, וואָס איז ניט אָראָפּגעפאַלן אינאיינעם מיט דער קרוין.

די טראַגעדיע איז אויסגעוואָקסן דערפון, וואָס דער קיניג, ווען ער האָט פאַנאַנדערגעטיילט די קרוין צווישן די רויבער, וואָס זייַנען פון אים ארויסגעקומען אַלס א נייַע, מער מאָדערנע פאָרמאַציע פון רויב, איז אים ניט אייַנגעפאַלן צעהאַקן די קרוין אַפּ זייַן אייגענעם קאָפּ.

דערפאַר איז ער פאַרמישפּעט געוואָרן צו אויסניכטערונג.

נאָר אין דער זעלבער צייַט איז ער אויכ באַלויכט געוואָרן. ער איז באַלויכט געוואָרן מיט דערזען דעם נאַקעטן עמעס, וואָס ער האָט פריִער אַלײן אָפּגעשטויסן אין געשטאַלט פון זייַן באַליבטער קאָרדעליע. ער איז באַלויכט געוואָרן מיט פאַרזוכן דעם עכטן מענטשלעכן צאַר. אָט דעם דאָזיקן צאַר האָט מיכאָעלס געשפּילט. און מיט דעם דאָזיקן צאַר, אַן אריבערגעוואָרפענעם איבער דער פּלייצע ווי א טאָרבע, שטאַרבט ער, דער קיניג, אין מיכאָעלסעס טראַקטירונג.

און ס'איז קיין וווּנדער ניט, וואָס ניט געקוקט אַפּ דער טראַדיציע ארומצוהענגען דעם קיניג מיט פאַרשיידענער בוטאַפּאָריע פון פאַטריאַרכאַלער גרויסקייַט, ווי צומבייַשפּיל, א באָרד מיט א פּאַריק און אַנד., שפּילט מיכאָעלס די דאָזיקע געשטאַלט קימאַט אָן גרים, אָן דעם געקליִמפּער פון קיניגלעכער און קריגערישע אַטריבוטן, נאָר ער איז אָנגעטאָן אין א גאַנץ באַשיידענער האַלבאָשע, וואָס דורכ איר לויכט זיכ אין צווייטן אַקט דורכ זייַן לייַב.

אָבער גראָד אָט די פּראָסטקייַט מאַכט זייַן טראַגישע געשטאַלט מאַקסימאַל נאַטירלעכ. די דאָזיקע פּראָסטקייַט מאַכט זייַן וואָרט טאָפּלט שאַרפּ און שנייַדנדיק. זי דערלויבט יעדער באַוועגונג זייַן עכט. און דאָס געלעכ-

טערל, וואָס כאַזערט זיך איבער אין אַלע פיר אַקטן אַמאָל פינף—זעקס, ווערט אַ לייטמאָטיוו פון עמעסן וואַנזין און טויט.

און ווען ער טראָגט צו די פינגער צו זײַנע אויגן, פאַרשטעלנדיק דעם וועג פאַר די טרערן און אײַנריידנדיק זיך, אַז ער וויינט ניט, דערפילט זיי דער צושויער, די טרערן, אויף דעם אייגענעם פּאָנעם.

ער האָט ניט באַדאַרפט אָנקומען, מיכאָעלס, צו אויסערלעכע באַהילפיקע זאַכן, וואָס זאָלן דערציילן וועגן זײַן קיניגלעכן וועזן און וועגן דער גרויסקײַט פון זײַן פּײַן. די דאָזיקע „קיניגלעכקײַט" האָט מיכאָעלס אַנטפּלעקט דורכן געשפּילטן וואָרט.

און מיט דעם דאָזיקן מיטל דערהייבט ער זיך צו דער גרויסקײַט פון שעקספּירס געניאַלן דראַמאַטורגישן טעקסט.

ס'פאַרשווינדט זײַן, מיכאָעלסעס ,„ניט-קיניגלעכער" וווּקס. עס שפּילט דער אומבאַגרענעצטער וווּקס פון שעקספּירס לײַדנשאַפטן און טיפקײַט.

און אין דער ערשטער סצענע פון שטורעם אין סטעפּ פילט זיך, ווי ס'וואַקלט און ס'ברעכט זיך דער אַלטער דעמב פון פעאָדאַליזם אונטער דעם דונערן און קנאַלן פונעם אויפשטײַגנדיקן קאַפּיטאַליזם.

און דער אומגעוואַלגערטער בוים ליגט אויף דער בינע ווי דער גוירל פונעם קיניג.

און דעם קיניג בלײַבט איבער צעהאַקן דעם פאַרשטאַנד זײַנעם פונקט ווי ער האָט צעהאַקט זי קרוינ.

דאָ מוז געזאָגט ווערן וועגן טישלערס אַרבעט, ווי וועגן אַ באַדײַטנדיקער קינסטלערישער אַנטפּלעקונג, וואָס וועט פאַר די טעאַטער־קינסטלער זײַן אַזוי באַלערנדיק, ווי בּיכלאַל דער גאַנצער ספּעקטאַקל „ליר".

מיטן אויפירן דעם ספּעקטאַקל „קיניג ליר" האָט דער מאָסקווער מעלוכישער ייִדישער טעאַטער אַנטפּלעקט גרויסע פילבאַרקײַט אין פאַרשטאַנד פאַר קינסטלערישן אָפּקלײַב.

פון אַלע שעקספּיר־טראַגעדיעס האָט זיך „ליר" אַרויסגעוויזן פאַר דער סאַמע אָרגאַניש־צוגעפּאַסטער און נאָענטער צו דעם טעמפּעראַמענט, צו די לײַדנשאַפטן און צו דער גאַנצער פּאַטעטישער פײַערלעכקײַט פונעם מאָסקווער ייִדישן מעלוכע-טעאַטער. ס'איז פאַראַן אַ געשיכטלעכע און קינסטלערישע קאָנסעקווענץ אין דעם, וואָס דער מאָסקווער מעלוכישער ייִדישער טעאַטער האָט פאַרענדיקט זײַן קלאַסישן ציקל מיט שעקספּירס „ליר".

די הויכע פּאַטעטישע לײַדנשאַפט פון דער דאָזיקער טראַגעדיע האָט זיך צוגעכאַפּט צום טעאַטער און זיך וווּנדערבאַר אַסימילירט אין מיכאָעלסעס אָנגעגליטן טעמפּעראַמענט, און —

מיכאָעלס האָט אָפּגעשפּילט דעם קיניג מיט דער זעלבער קויהעלעס־כאָכמע, מיט וועלכער ער האָט געשפּילט אַלע זײַנע געטאָ־פיגורן, ניט פאַרענדערנדיק זײַן פּאָנעם און ניט באַלעסטנדיק אים מיט ספּעציעלן קיניג־

לעכן גרים. ער האָט זיי קינסטלעריש אויפֿגעשטעלט באַנאַנד, ווי ער וואָלט זיי אַלע געוויזן מיט שעקספּירס האַנט, אַז אָן דער קרוין, וואָס ווערט דורך דער געשיכטע אָנגעטאָן און וואָס ווערט דורך איר אַליין אַראָפּגענומען צוזאַמען מיטן קאָפּ, — אונטערשיידן זיי זיך ניט איינער פֿונעם אַנדערן סײַ דער נאַיוו טרוימענדיקער וועגן אַ „קרוין" בעניאָמין דער דריטער סײַ דער נאַיוו טרויערנדיקער נאָך דער פֿאַרלוירענער קרוין — ליר.

אין דעם באַשטייט דאָס וווּנדערלעכע נײַס, וואָס מיכאָעלס האָט מיטלען פֿון אָנגעזאַמלטער נאַציאָנאַלער פֿאָרם אַרײַנגעטראָגן אין דער טראַקטירונג פֿון שעקספּירס טראַגעדיעס.

פֿון געשטאַלט צו געשטאַלט, ווי פֿון טרעפּ צו טרעפּ איבערן לייטער פֿון דער קלאַסישער גאַלעריי, האָט זיך מיכאָעלס אויפֿגעהויבן צו זײַן ליר.

ער איז געגאַנגען צו אים מיט פֿולע הויפּנס ליריק און דראַמאַטישער קראַפֿט, ער איז געגאַנגען צו אים מיטן אויסגעשליפֿטסטן געווער פֿון גראָטעסק און מיט גרויסער עפּישער שטילקײַט, וואָס ער האָט זיך „אָפּגעשפּאָרט" אויף זײַן גאַלעריי געשטאַלטן פֿון דער יידישער קלאַסיק און געמאַכט די ליר-געשטאַלט פֿאַר אַ סומירנדיקער, אַ סאַכאַקלדיקער פֿון אַלע זײַנע פֿריערדיקע אַרבעטן.

דורך דעם דאָזיקן וועג האָט מיכאָעלס צום פֿופֿצניאָריקן יובילײ פֿונעם טעאַטער געקאָנט קומען מיט אַזאַ רייפֿער פֿולקומער אַרבעט, וואָס לויט איר קינסטלערישער קראַפֿט, געדאַנק און מײַסטערשאַפֿט וועט זי אָן צווייפֿל אַרײַן אין דעם גאָלדענעם פֿאָנד פֿון דער טעאַטראַלער קולטור אין גאַנצן פֿאַרבאַנד.

א. גורשטיין

וועגן זוסקינס קונסט

1

צווישן די, וואָס האָבן באַשאַפן די גרויסע קונסט פון מאָסקווער ייִדישן מעלוכע-טעאַטער און זײַנ גרויסן נאָמען, איז פאַראַנ זוסקינ, דער ווונדער-לעכער גרויסער אַקטיאָר זוסקינ. אָבער אויכ אים, האָט באַשאַפן דער מאָס-קווער ייִדישער טעאַטער, ווײַל זוסקינ איז געקומען אַהער א ייִנגל, וואָס האָט מיט זיכ מיטגעבראַכט בלויז באַגאַבטקײַט און קינדערשע דערינערונ-גען, און דאָ איז ער דערצויגנ געוואָרנ אַלס אַקטיאָר, דאָ איז אויסגע-וואַקסן, דאָ איז אויסגעכאַוועט געוואָרנ זײַנ אַקטיאָרישע קונסט. געקומען איז ער אַהער א ייִנגל (כאָטש ער האָט געטראָגנ א סטודענטיש היטל, אַזאַ, ווי עס האָבן געטראָגנ אַלע סטודענטן פון מאָסקווער בארג-אַקאַדעמיע), און דאָ האָט ער געמוזט אָנהייבן פונעם סאמע אָנהייב.

וואָס האָט ער געוווּסט און וואָס האָט ער געקאָנט?

א סאַכ קינסטלער (פון פאַרשיידענע געביטן), אַז זיי ווילנ געפינען אינ זייער קינדהײַט די ערשטע שפורנ פון זייער קונסט, דערמאָנען זיכ, אַז זיי האָבן ליב געהאַט און זיי האָבן געקאָנט נאָכמאַכן. אַזוי דערציילט וועגן זיכ מענדעלע, אַזוי דערציילט וועגן זיכ שאָלעם-אַלייכעם. דער יונגער זוסקינ (יונג איז ער אויכ אַצינד, ווײַל ער איז געבוירנ געוואָרנ אינ יאָר 1899) האָט מיט זיכ מיטגעבראַכט אינ דער סטודיע פון מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן קאַמער-טעאַטער (דער מאָסקווער ייִדישער טעאַטער איז דאָכ אַנט-שטאַנען אַלס קאַמער-טעאַטער און ערשט שפּעטער האָט ער צעבראָכן די ענגע צוימען פון א „קאַמער" און אָנגעהויבן צו שאַפן א טעאַטראַלע מאַסנ-קונסט) אָט די נאַיִווע קינסטלערישע קונסט נאָכצומאַכן, און רײַכע שטייגערשע דערמאָנונגען וועגן א ייִדיש שטעטל אינ דער ליטע מיט זײַ-נע טראַדיציאָנעלע העלדן און פּערסאָנאַזשן. דער טעאַטער האָט באַדאַרפט געבן זוסקינען א טעאַטראַלע קולטור און ווײַזן אים די ריכטונג, דעם וועג, מיט וועלכן ער זאָל גיין צו זײַנ שעפערישער קונסט.

פאַר בינ־יאָמינ זוסקינען האָבן זיכ אָנגעהויבן די שווערע „לערניאָרן". ער איז ארײַנ אינ א טעאַטראַלן קאָלעקטיוו, וואָס האָט פאַרווירקלעכט אינ זײַנ אַרבעט א פעסטן קינסטלערישן ווילן און א באַשטימטע קינסטלערישע פּראָגראַם. אָפ דער שפּראַכ פון זײַנע טעאָרעטיקער האָט דאָס געהייסן (פאָר-מולירט עטוואָס שפּעטער) „אײַזנבעטאָנישער זשעסט" און „עקסטאַטישער ראַציאָנאַליזם". צום גליק פונעם טעאַטער, זײַנען זײַנע ווירקלעכע קינסט-

לערישע מעגלעכקײַטן און דערגרייכונגען געווען א סאך שטארקער און רײַכער פאר זײַנע טעאָרעטישע פאָרמולעס, און דער טעאטער איז גיך אריבער אָט די ענגע גרענעצן, וואָס עס האָט אים געשטעלט טאקע זײַן אייגענער טעאָרעטישער געדאנק. אָבער דעמלט, ווען זוסקין איז געקומען אין מאָסקווער ייִדישן טעאטער (זוסקין איז אָנגעקומען אין דער סטודיע אין יאָר 1922, און אין דעם זעלבן יאָר איז ער שוין אריבער אלס אקטיאָר אינעם טעאטער גופא), האָט די ספעציפישע טעאָרעטישע אײַנשטעלונג פונעם טעאטער געוועלטיקט איבער זײַן קונסט. און זוסקין מיט זײַנע קינדערשע טעאטראלע דערינערונגען האָט זיך באַם אָנהייב פון זײַן אקטיאָרישער ארבעט אָפט געפילט אומבאהאָלפן באַם אָנבליק פון דער אויסטערלישער רעזשיסערישער ליניע און צייכענונג. די דאָזיקע רעזשיסערישע ליניע און די דאָזיקע צייכענונג זײַנען ניט געווען אויסגעטראכט, זיי האָבן געשטרעבט צו פאראלגעמיינערן געוויסע לעבן-דערשײַנונגען, אָבער געגאנגען זײַנען זיי אפן וועג פון ראציאָנאליסטישער אבסטראקציע, אפן וועג פון באדינגלעכער סכעמאטישקײַט, וואָס היפערט איבער די לעבעדיקע רינגען פון דער ווירקלעכקײַט אין נאָמען פון דער קלוימערשטער מאטעמאטישער טיפיזירונג.

דער קינסטלערישער מעטאָד פון מאָסקווער ייִדישן טעאטער האָט זיך געבויט אפן פרינציפ פון דער, אזוי צו זאָגן, אנאליטישער (און ניט סינטעטישער) פאראלגעמיינערונג. אָט דער וועג ציט זיך אין דער מאָדערנער קונסט נאָך פון סעזאנען, און זײַנע לאָגישע קאָנסעקווענצן ברענגען צו דער פולשטענדיקער „אלגעבראיזאציע" און „געאָמעטריזאציע" פון דער ווירקלעכקײַט. לויט דעם „אנאליטיש"-פאראלגעמיינערנדיקן פרינציפ איז געווען געבויט דער זשעסט און די באוועגונג אין מאָסקווער ייִדישן טעאטער, לויט אָט דעם פרינציפ איז געווען געבויט די אלגעמיינע קאָנסטרוקציע און די מיזאנסצענע. אָט דעם פרינציפ איז געווען אונטערגעוואָרפן אויך די ראָליע פונעם קינסטלערישן וואָרט. דאָס איז געווען א טעאטער פון פאָרמולעס און אסאָציאציעס, א טעאטער פון קינסטלערישע „צייכנס". און אין העסקעם מיטן אלגעמיינעם „אנאליטישן" פרינציפ פלעגט דער טעאטער לייזן אויך די וויכטיקסטע פראָבלעם — די פראָבלעם פונעם סצענישן טיפ, די פראָבלעם פונעם סאָציאלן כאראקטער אפ דער בינע. דער טעאטער איז דאָ געגאנגען אפן וועג פון „סאָציאלער סימבאָליק". ברייט אָנווענדנדיק דעם גראָטעסק און די גראָטעסקישע מיטלען, פלעגט דער טעאטער געבן אָנשטאָט סאָציאלן טיפ און כאראקטער די ס אָ צ י א ל ע מ א ס ק ע. דער מאָסקווער ייִדישער טעאטער איז געווען א טעאטער פון סאָציאלע מאסקעס פאר עקסעלאנס.

און זוסקינס וועג אין מאָסקווער ייִדישן טעאטער איז לעכאטכילע געגאנגען אין איין ריכטונג, אין דער הויפט-ריכטונג פונעם טעאטער — צו באַשאפן די סאָציאלע מאסקע. זוסקין דערציילט אליין, ווי שווער ס'איז אים געווען די ערשטע צײַט, ביז ער האָט באנומען די רעזשיסערישע קאוואָנע,

ביז ער האָט באַנומען די פּרינציפּן פונעם טעאַטער. באַם אָנהייב פון זייַן אַקטיאָרישער אַרבעט איז פאַר זוסקינען אָפט געווען נאָר איין אויסוועג: צונויפזאַמלען די גאַנצע מיט זיך געבראַכטע רוי־אַקטיאָרישע קראַפט פון נאָכמאַכן און זי אָנווענדן, קעדיי פּאַשעט טאַקע נאָכצומאַכן די אויסטערלישע רעזשיסערישע צייכענונג-ליניע, וואָס איז די ערשטע צייַט געווען פאַר אים אינהאַלט און אָן לעבן.

אין סענטיאַבער 1921 האָט זוסקין געשפּילט די ערשטע ראָל זייַנע אין מאָסקווער יידישן טעאַטער, די ראָל פונעם ערשטן יידן אין שאָלעם-אַלייכעמס „ס'א ליגן". און שוין אין א יאָר אַרום (אין דעקאַבער 1922) גיט זוסקין זייַן ערשטע גרעסערע אַרבעט, די גאָלדפאַדענישע „קישעפמאַכערן", וואָס האָט אים גלייַך אַרויסגערוקט אין די ערשטע רייען פונעם אַקטיאָרן-באַשטאַנד. און דערנאָך גייט א גאַנצע צעטל קינסטלערישע שאַפונגען זוסקינס, א גאַנצע צעטל קינסטלערישע ניצחונעס און דערגרייכונגען. ער באַשאַפט א ריי שאָלעם־אַלייכעמישע פּערסאָנאַזשן (צווישן זיי די געשטאַלט פונעם שאַדכן סאָלאָווייטשיק אין „200 000", אין יאָר 1923), ער טרעט אַרויס אין פּערעצעס „באַנאַכט אפן אַלטן מאַרק" (1925), ער קערט זיך אום צום גאָלדפאַדענישן רעפּערטואַר („דאָס צענטע געבאָט", 1926), ער דערגרייכט די העכסטע שפּיצן פון זייַן קונסט, באַשאַפנדיק די פיגור פון סענדערל די יידענע (אין מענדעלעס „מאַסאָעס בינימין האַשלישי", 1927). ער גיט א ריי געשטאַלטן אינעם סאָוועטישן רעפּערטואַר (אין די ווערק פון דאָברושין, מאַרקיש, דאַניעל, בערגעלסאָן). און דאָס איז ניט אַלץ, איך האָב דאָ ניט אָנגערופן אַלע געשטאַלטן, וואָס זוסקין האָט געשפּילט און באַשאַפן. און איצט, אַז איך שרייַב אָט די מייַנע שורעס, אַרבעט זוסקין איבער דער געשטאַלט פונעם לעץ אין שעקספּירס „קיניג ליר".

דאָס ערשטע, וואָס זוסקין האָט געלערנט באַם מאָסקווער יידישן טעאַטער, — אפן וועג צו באַשאַפן די סאָציאַלע מאַסקע, — דאָס איז געווען די קאָנדענסירטע אויסערלעכע כאַראַקטעריסטיק פון דער סצענישער געשטאַלט, דאָס איז אויך געווען דער רעגולירטער זשעסט און באַוועגונג, די אַלגעמיינע טרענירונג פונעם אַקטיאָרישן קערפּער. די קאָנדענסירטע אויסערלעכע כאַראַקטעריסטיק פון דער סצענישער געשטאַלט שפּילט זייער א גרויסע ראָליע אינעם טעאַטער פון סאָציאַלע מאַסקעס, אַזא טעאַטער באַשאַפט א גרויסע קולטור פון דער אויסערלעכער געשטאַלט-צייכענונג. און אַז זוסקין איז אויסגעוואָקסן צו א זעלבשטענדיקן אַקטיאָר, האָט ער אַליין אָנגעהויבן זייער פיל אַרבעטן איבער דער אויסערלעכער געשטאַלט-אויספורעמונג, און ער האָט דאָ אַרויסגעוויזן זייער פיל אייגענע איניציאַטיוו און אייַנפאַלערישקייַט. זוסקין מאַכט אַליין עסקיזן צו דער אויסערלעכער געשטאַלט־צייכענונג, און דער קינסטלער דער מאָלער האָט שטענדיק אין זוסקינען דעם בעסטן אייַנצע-געבער מיט א רייַכער פאַנטאַזיע און גרויסער באַאָבאַכטונג־קראַפט. די פּרעכטיקע געשטאַלט פון סענדערל די יידענע, איר אויסערלעכע צייכע-

נונג, דאָס פאָנעם מיט די באָראָדעוועקעס און אָנ דער טראַדיציאָנעלער ייִדישער באָרד (סענדערל איז דאָכ סענדערל די ייִדענע!) האָט באַשאַפנ זוסקינ אַליינ אינעם פּראָצעס פונ זײַנ ארבעט איבער דער אויסערלעכער אויספורעמונג פונ דער סצענישער געשטאַלט.

דער ערשטער גרויסער דערפאָלג זוסקינס אפנ וועג צו באַשאַפנ די סאָציאַלע מאַסקע איז געווענ די געשטאַלט פונעם שאַדכנ סאָלאָווײַטשיק אינ „200 000" (1923). אָבער אַלס אַקטיאָר ביכלאַל האָט זיכ זוסקינ באַשטעטיקט נאָכ פריִער, אינ דער ראָל פונ דער קישעפמאַכערנ (1922). אויסניצנדיק די פאָלקלאָרישע ליניע, וואָס האָט זיכ אָפּגעשפּיגלט אויכ אינ דער אַלטער גאָלדפאַדענישער טראַדיציע (די ראָל פונ דער קישעפמאַכערנ האָט אינעם גאָלדפאַדענישנ טעאַטער אַלעמאָל געשפּילט א מאַנ, און ניט קיינ פרוי), האָט זוסקינ מיט א בעטעמעס קינסטלערישער לײַכטקײַט און באַוועגלעכקײַט פאַרווירקלעכט (וואָס שײַעכ זײַנ געשטאַלט) די אַלגעמיינע איראָניש-שפּילעוודיקע טענדענצ פונעם ספּעקטאַקל (וואָס האָט געהייסנ „א פאָלקשפּיל לויט גאָלדפאַדענענ").

סאָלאָווײַטשיק, דער שאָלעמ-אַליכעמישער שאַדכנ, איז געווענ די ערשטע גרויסע ראָל זוסקינס מיט א באַדײַטנדיקנ סאָציאַלנ אינהאַלט. און דאָ האָט זוסקינ געגעבנ זײַנ ערשטע סאָציאַלע מאַסקע. באַם פאַרווירקלעכנ די דאָזיקע געשטאַלט איז דער טעאַטער געגאַנגענ מיט זײַנ טראַדיציאָנעלנ וועג, מיטנ וועג פונ גראָטעסקירטע פאָרמולעס, פונ „סאָציאַלער סימבאָליק". אינ דעמ פראַט איז כאַראַקטעריסטיש סאָלאָווײַטשיקס ערשטע דערשײַנונג אפ דער בינע (ער לאָזט זיכ אַראָפּ אפ א שירעמ פונ אויבנ). די גאַנצע ראָל איז געבויט אפנ פּרינציפּ פונ באַוועגונג, וואָס באַקומט איר העכסטנ אויסדרוק אינ זוסקינס אַרטיסטישער שפּיל מיט די פינגער. גאַנצע שטיקער האַנדלונג זײַנענ געבויט אפ אָט דער פינגער-שפּיל, וואָס דאַרפ פאַרקערפּערנ די שאָלעמ-אַליכעמישע קראַמפּהאַפטיקע טנוע, דאָס perpetuum mobile אינעמ לופטלאָזנ רוימ. אָבער שוינ דאָ, באַשאַפנדיק זײַנ ערשטע סאָציאַלע מאַסקע (דער מעטאָד פונ מאָסקווער ייִדישנ טעאַטער האָט גראָד געגעבנ א ברייטע מעגלעכקײַט - טעאַטראַל צו דעשיפרירנ די שאָלעמ-אַליכעמישע גראָטעסקיש-אוטרירטע ליניע), האָט זוסקינ ווונדערלעכ באַלעבט די סאָציאַלע מאַסקע (סאָלאָווײַטשיק דער שאַדכנ איז דאָכ בא שאָלעמ-אַליכעמענ א מאָדיפיקאַציע פונ דער אַלגעמיינער „מענאַכעמ-מענדל" - קאַטעגאָריע) מיט זײַנ רײַכער אַרטיסטישער מימיק.

און דאָ ווערנ מיר איידעס פונ ביז גאָר אַנ אינטערעסאַנטער דערשײַנונג, וואָס קאָנ אָנגערופנ ווערנ „די באַלעבונג פונ דער מאַסקע". זוסקינס „מאַסקע" ווערט אַלצ לעבעדיקער און לעבעדיקער, זי באַקומט „בלוט און פלייש", זי ווערט אַלצ מער און מער אינדיווידואַליזירט, זי ווערט פּסיכאָלאָגיש. אזוינס באַמערקנ מיר אינ זוסקינס ראָל פונ שאָלעמ דעמ שאַדכנ אינ שאָלעמ-אַליכעמס „געט" (1924), און זייער דײַטלעכ טרעט דאָס אַרויס

אין זוסקינס פרידל־געשטאלט אין גאָלדפאדענס „צענטן געבאָט" (1926). בא דער גאנצער מאסקנארטיקייט פון אָט דער געשטאלט פונעם טאמעוואטן יעיצעוו־טאָוו (ס'ארא טרעפלעכע אויסערלעכע צייכענונג האָט דאָ זוסקין געפונען פאר זיין געשטאלט מיט די אויסגעצייכנטע שווארצע פינטלעך אונטער די אויגן!), טראָגט דאָ זוסקין בעפיירעש אריין שטייגעריש־פסיכאָלאָגישן אינהאלט פון א קלוימערשט טאמעוואטן פאָלק־מענטשן, וואָס האָט אָבער זיין אייגענע שאצונג פאר דער וועלט און אירע דערשיינונגען. אָט דער שטייגעריש־פסיכאָלאָגישער אינהאלט ווערט זייער כאראקטעריסטיש פאר זוסקינען (אויב נישט זיין לירישקייט, וואָלט עס געווען א מין אייגנארטיקע שווייק־דערשיינונג), און מיר קאָנען מיט פולן רעכט זאָגן, אז זוסקינס פרידל־געשטאלט איז שוין א פאָרבילד פאר זוסקינס בעסטער און גרעסטער שאפונג — סענדערל די יידענע (1927).

זוסקינס וועג האָט זיך שוין צו אָט דער צייט אָנגעצייכנט קלאָר: דער פּרינציפּ פון „מאסקעס־טעאטער", דער פּרינציפּ פון סאָציאלער באדינגלעכקייט איז געוואָרן ביז גאָר ענג פאר זוסקינען, פאר אָט דעם עכטן, פולבלוטיקן און אומיטלבארן — אינעם בעסטן זין פון וואָרט — ר ע א ל י ס ט י ש ן אקטיאָר. און כאָטש אין דער ווייטערדיקער ארבעט טרעפן מיר, אזוי צו זאָגן, „רעצידיוון" פון א מאסקן־שפּיל (די ראָליע פון קאפּאָטע אין שאָלעם־אלייכעמס „לופט־מענטש", 1928; אין א גרויסער מאָס אויך דעם דאָקטער באביצקיס געשטאלט אין בערגעלסאָנס „מידאס האדין", 1933), איז דער שליאך פון זוסקינס גרויסער קונסט געווען דער שליאך פון יעטווידער גרויסער קונסט, דער שליאך פון רעאליזם. און דאָס זעט מען קלאָר און דייטלעך דורך דער גאנצער פאנטאסטיק פון מענדעלעס „מאסאָעס ביניאָמין השלישי", ווו זוסקין האָט באשאפן זיין וואונדערבארע סענדערל־געשטאלט.

2

„מאסאָעס ביניאָמין השלישי" איז א פאָרשטעלונג מיט א רייכן סאָציאלן אינהאלט און פון א גרויסן קינסטלערישן דיאפּאזאָן. מענדעלעס „מאסאָעס" געהערן צו די העכסטע שפּיצן פון דער יידישער בירגערלעכער קלאסיק, און דער טעאטער האָט באשאפן אפן גרונט פון „מאסאָעס" א פאָרשטעלונג, וואָס איז בעפיירעש אדעקוואט צו מענדעלעס שאפונג סיי לויטן סאָציאלן שוווּנג סיי לויט דעם קינסטלערישן פארנעם. מענדעלע איז געקומען אופרייסן אין זיינע „מאסאָעס" די יערושע פונעם פאנטאסמאגאָרישן מיטלאלטער אין דער יידישער קולטור און אין לעבנשטייגער, כאָטש געטאָן האָט ער עס אין נאָמען פון אזא לעבנ־אָרדענונג (אין נאָמען פון דער מאָדערנער בירגערלעכער געזעלשאפט), וואָס האָט געטראָגן אין זיך נייע און נאָך שארפערע ווידערשפּרוכן. דער מאָסקווער יידישער טעאטער האָט

באם אינטערפרעטירנ מענדעלעס ווערק שוינ געהאט פאר זיכ די ברייטע סאָציאַלע פערספעקטיוו פונ אונדזער רעוואָליוציע. אפ זוסקינענ איז אויס־געפאלנ אופצוהייבנ איינע פונ די צוויי גרונט־ראָלנ אינ דער מענדעלע־פאָרשטעלונג. סענדערל די יידענע איז אויכ, ווי בינימינ האשלישי, א פראָדוקט פונ דער מיטלאלטערלעכער ווירקלעכקייט אינ דער יידישער סוויווע, אָבער סענדערל איז מיט טויזנטער פעדעמ פארבונדנ מיטנ האמוינ, מיט דער מאסע, אונ דעריבער, זייענדיק אפילע אונטערגעוואָרפנ דעמ פאנטאסמאגאָרישנ טרוימ פונ זײַנ דערהייבענעמ פרײַנט בינימינ, דעמ העככטנ פאָרשטייער פונ דער „גײַסטיקער“ טונעיאדעווקע, וואָס ער פאר־קערפערט די סארקאסטיש אנטבלויזטע קולטור פונעמ פארצײַטיק-פעאָדאלישנ „היסטאָרישנ יידנטומ“, — פארלירט סענדערל ניט דעמ אינסטינקטיוו-האמוי־נישנ געפיל פאר דער רעאליטעט. סענדערל האָט עס דאָס דאלעסדיקע קניפל מיטנ געלט, סענדערל איז עס דער „פארמיטלער“ צווישנ דעמ דאָנ-קיכאָטישנ בינימינ אונ דער רעאליטעט אינ איר ערדישער „פענאָמענא־לישקײַט“, סענדערל איז עס דער, וואָס קאָנ, מישטיינסגעזאָגט, ריידנ „בעלאאז“, אפ דער שפראכ פונ דער ארומיקער רעאלער אומגעבונג, אונ סענדערל דערמאָנט עס בינימינענ — אינעמ סאמע בלי פונעמ טרוימ — וועגנ דער אָרעמער, אָבער רעאלער היימ. אינ דעמ פראט איז סענדערל ענלעכ צו זײַנ אומשטערבלעכנ ליטערארישנ פאָרגייער, צו סאנכאָ-פאנטשאָ, וואָס איז אינ טאָכ א picaro, א שעלמענ-העלד פונ דער אופקומענדיקער בירגערלעכער רעאלישקײַט. אָבער סערוואנטעס האָט געשאָנקענ די ליריש־קײַט, וואָס ער האָט פארמאָגט, בלויז דעמ „ריטער פונ דער טרויעריקער געשטאלט“, בלויז דאָנ-קיכאָטנ, אונ מענדעלע האָט געהאט א געוויסע לי־רישקײַט (בא דער גאנצער סארקאסטישקײַט פונ זײַנ אנטבלויזונג) פאר זײַנעביידע העלדנ אי פאר בינימינענ אי פאר סענדערלענ. זוסקינ האָט געגעבנ א גלענצנדיקע לייזונג סײַ פונ דער אלגעמיינ-סאָציאלער טעמע, וואָס איז פארקערפערט אינ דער באגעגעניש צווישנ בינימינענ אונ סענדערלענ, אונ סײַ פונ דער לירישער טעמע וועגנ טרוימ (ס'איז גוט, סענדערל! — ס'איז גוט, בינימינ!).

אָט אָ די לירישקײַט אונ הארציקײַט האָט זיכ אפ א נײַעמ, אפ א פרינציפיעל-נײַעמ אופנ צעשפילט אינ די פערסאָנאזשנ, וואָס זוסקינ האָט געשאפנ אפנ גרונט פונ דער נײַער סאָוועטישער דראמאטורגיע. אונ דאָ דארפ מענ פריער פאר אלצ אָנרופנ זוסקינס געשטאלט פונ נאפטאָליע האָז אינ דאָברושינס „דער געריכט גייט“ (1929). אפ צו באשאפנ די כאראקטע־ריסטיק פונ אָט דער געשטאלט (ווי אויכ אינ א גרויסער מאָס פונ דער שפעטערדיקער מענדל־געשטאלט אינ מארקישעס „ניט געדײַגעט“ (1931) האָט זוסקינ געקאָנט אויסניצנ אויכ די קינסטלערישע דערפארונג פונ דער קלאסישער טראדיציע אינ דער שילדערונג פונעמ באלמעלאָכע אונ האָרע־פאשניק. דאָס פרינציפיעל־נײַע אינ זוסקינס שפיל איז דאָ באשטאנענ אינ

דעם, וואָס זוסקינ שטעלט זיך דאָ אײנגאַנצנ אָפּ װעג פונ דירעקטער און ברייטער רעאַליסטישער שילדערונג. אויסניצנדיק דאָס בעסטע, וואָס עס האָט באַשאַפנ מיט זיינ מעטאָד דער מאָסקווער יידישער טעאַטער (און צווישנ אַנדערע מאָמענטנ די קאָנדענסירטע אויסערלעכע אויסדריקלעכקייט פונ זשעסט און מיזאַנסצענע; אָפּ דעם איז אינ אַ גרויסער מאָס געבויט דער עפּיזאָד מיטנ „שאַרפשטיינ"), האָט זיך זוסקינ דאָ געלאָזט פירנ פונ זיינ עכטנ רעאַליסטישנ טאַלאַנט, וואָס גייט מיט זיינע וואָרצלענ טיפ־טיפ אַריינ אינ אַנ עמעסער מאַסנ־קולטור, פונ זיינ טאַלאַנט, וואָס שאַפט די פאָלק־קונסט אינעם סאַמע גרויסנ אוןווירקלעכנ באַטייט פונ אָט דעם וואָרט. און זוסקינ האָט דאָ ניט מוירע פאַר געוויסע סענטימענטאַלע נאָטקעס, וואָס שטרייכנ אינ דעם פאַל בלויז אונטער זיעם האַמויניקשנ אָפּשטאַם פונ זיינ גרויסנ טאַלאַנט. זוסקינס איבערגאַנג פונ דער סאָציאַלער מאַסקע (ווי ראַפינירט עס זאָל ניט זיינ די קונסט פונ דער טעאַטראַלער מאַסקעס־באַדינגלעכקייט, אָפּערירנדיק מיט פאַרט בלויז מיט אָפּגעזעצטע, פאַרגליווערטע אַסאָציאַציעס, ווייל אַנדערש וועט דאָך ניט דעשיפרירט ווערנ די מעכאַנישע „אַלגעבראַישקייט" פונ אָט דער קונסט) צו דער רעאַליסטישער טיפּי־זירונג (און דאָס הייסט אויך — צו אַ פּסיכאָלאָגישער שילדערונג) האָט זיך אײנגאַנצנ אויסקריסטאַליזירט מיטנ אַריבערגיינ פונעם טעאַטער צום נייעם סאָוועטישנ רעפּערטואַר.

צי קאָנענ מיר ריידנ וועגנ זוסקינס „אַמפּלואַ"? דער דיאַפּאַזאָנ פונ זוסקינס מייסטערשאַפט איז צו ברייט, מיר זאָלנ זי קאָנענ איינפּרעסנ אינ די ענגע ראַמענ פונ „אַמפּלואַ". אָבער מיר קאָנענ ריידנ וועגנ זוסקינס טעמע, וועגנ זיינ טעמאַטישנ, אַזוי צו זאָגנ, כאַראַקטער. דאָס איז די טעמע און דער כאַראַקטער פונעם „קליינעמ מענטש" (פונעמ דריבנעמ אונטער־דריקטנ קליינבירגער) אינ זיינע פאַרשיידענע מאָדיפיקאַציעס און פאַרשיי־דענע סאָציאַלע סיטואַציעס אינ דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. דער סאַמע באַגריפ „קליינער מענטש" איז אַנטשטאַנענ אינ דער געזעלשאַפט, וואָס איז געווענ געבויט אָפּ עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג. דאָס איז אַ פּראָדוקט פונ דער פאַרגאַנגענהייט, אָבער מיר באַגעגענענ זיך מיט אים פאָנעם על פּאָנעם אויך באַם ראַנד פונ אונדזער נייער געזעלשאַפט. ווער איז ער, אָט דער „קליינער מענטש"? פאַרצייטנס איז דאָס געווענ דער האַמוינישער סענדערל די יידענע, דער אונטערדריקטער פונ דער גאַנצער פאַנטאַסטישער מיטלאַלטערלעכער ווירקלעכקייט, סענדערל, וואָס טוליעט זיך צו זיינ דערהייבענעמ פרײַנט דעם דאָנ־קיכאָטישנ טרוימער. דערנאָך איז דאָס געוואָרנ דער שאָלעמ־אַליכעמישער פּערסאָנאַזש, וואָס ווערט זיך קעגנ דער פּײַנטלעכער קאַפּיטאַליסטישער ווירקלעכקייט מיט דער הילפ פונ זיינ אויטאָריטעטער האַוויע און פיבערהאַפטער באַוועגונג. אינ דער געשטאַלט פונ יאָסעלע באַבצעס (בערגעלסאָנס „דער טויבער", 1930) איז דער „קליינער מענטש" געגעבנ געוואָרנ אַ צעקוועטשטער און פאַרקריפּלטער פונ דער

גרויזאמער קאפּיטאַליסטישער ווירקלעכקייט. דער האָרעפּאשנער „קליינער מענטש", וואָס האָט פּאַרהיט אין די פּאַרקריפּלענדיקע באַדינגונגען פון דער אַלטער אָרדענונג די פּאַרבאָרגענע לעבנקראַפט, האָט אין דער געשטאַלט פון נאַפּטאַליע האָז (דאָברושינס „דער געריכט גייט") אינסטינקטיוו באַגריסט דאָס נייע, רעוואָלוציאָנערע לעבן. דאָס זיינען דאָך אַלץ מאָדיפיקאַציעס פון איין גרונט־קאַטעגאָריע, פונעם „קליינעם מענטשן", וואָס איז געשטאַנען אַף די אונטערשטע טרעפּלעך פונעם סאָציאַלן לייטער. פאַרשיידענע סאָציאַלע פאָרמאַציעס, פאַרשיידענע סאָציאַלע סוויוועס קענען אַף זייער אויפן אויס דעם קאָנקרעטן אינהאַלט פון אָט דעם „קליינעם מענטשן" און באַשטימען סיי זיין סאָציאַלע פונקציע (אַזוי פאַרקריפּלענדיק זי אין דער געשטאַלט פון יאָסעלע באַבצעס) סיי זיין סאָציאַלע פּערספּעקטיוו. און פאַר אָט דער גאַנצער סאָציאַלער פאַרשיידנקייט פונעם „קליינעם מענטשן" געפינט זוסקין אַ די אויסגעצייכנטע אויסערלעכע אַקטיאָרישע צייכענונג, אַ דעם סאָציאַלן אינהאַלט, אַ די פּסיכאָלאָגישע שילדערונג.

איין פיגור פאַרנעמט אַ באַזונדער אָרט אין דער גאַלעריי כאַראַקטערן, וואָס זוסקין האָט באַשאַפן. דאָס איז די פיגור פונעם אַלטן פּראָלעטאַריער, פונעם באַלשעוויק סטאַניסלאַוו בראָנאָווסקי (דאַניעלס „יולים", 1931). די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט האָט דורך איר דיאַלעקטישער באַוועגונג אויסגעפורעמט אַ גאַנצן קלאַס מענטשן, וואָס זיינען געווען „קליין" בלויז לויט זייער סאָציאַלער לאַגע אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, אָבער וואָס זיינען געוואָרן גרויס און דראָענדיק־קרעפטיק, באַלד ווי זייער אויפגעוואַקסער קלאַסן־באַוווסטזיין האָט פאַר זיי געעפנט די סאָציאַלע פּערספּעקטיוו. דער דאָזיקער קלאַס — דאָס איז דער אַרבעטער־קלאַס, דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז פייגיק אַף אַ העראָישן קאַמף פאַר זיינע אינטערעסן און פאַר די אינטערעסן פון דער גאַנצער אַרבעטנדיקער מענטשהייט. מיט זיין געשטאַלט פון סטאַניסלאַוו בראָנאָווסקי האָט זוסקין באַוויזן, אַז ער האָט פאַרשטאַנד פאַר אָט דעם נייעם מין מענטשן, וואָס אים געהערט די צוקונפט אין דער גאַנצער וועלט.

אונדזער גרויסע אָקטיאַבער־רעוואָלוציע האָט געמאַכט דעם אַרבעטער־קלאַס פאַרן באַלעבאָס פון דער נייער געזעלשאַפט און פונעם נייעם לעבן. אָבער אויך דער „קליינער מענטש", וואָס זיין לעבן־געשיכטע האָט זוסקין אַזוי קינסטלעריש געשילדערט אין אַזויפיל פאַרשיידענע וואַריאַציעס און מאָדיפיקאַציעס, האָט אין אונדזער רעוואָלוציע באַקומען אַ נייעם מאַזל און אַ נייעם גורל. דער דאָזיקער גורל מאַכט פונעם „קליינעם מענטשן" אויס „קליינער מענטש", און ער דערהייבט אים סיי סאָציאַל און סיי קולטורעל. די רעוואָלוציע האָט געעפנט פאַר אים נייע פּערספּעקטיוון, זי האָט אים באַפרייט פון דער צופּאַסונג־האַוויע, פון דער האַכנאָע, טאַקע דערפאַר, ווייל זי האָט אים באַפרייט פונעם גאַנצן דרוק פון דער עקספּלואַטאַטאָרישער געזעלשאַפט. פאַר זוסקינען שטייט ביז גאָר אַ דאַנקבאַרע אויפגאַבע —

באוויַיזנ אפ דער בינע אָט דעמ נײַעמ מאזל פונעמ „קליינעמ מענטשנ“, וואָס שמעלצט זיכ איבער אינעמ מעכטיקנ רעוואָליוציע־קעסל אונ וואָס ווערט פארוואנדלט אינעמ סאָציִאליסטישנ מענטשנ. עס שטייט פאר זוסקינענ די דאנקבארסטע אופגאבע אָנצוווענדנ זײַנ פרעכטיקנ רעאליסטישנ טאלאנט, קעדיי צו באוויַיזנ אפ דער בינע, ווי עס ווערנ פארניכטעט די לעצטע רעשטלעכ קאפיטאליזמ אינעמ באוווסטזײַנ פונ זײַנ העלד, פונ זײַנ „טעמאַטישנ כאראקטער“.

* * *

דער גרויסער גליק פונעמ מאָסקווער יִדישנ טעאטער איז באשטאנענ אינ דעמ, וואָס שוינ פונ די ערשטע זײַנע טריט אָנ האָט זיכ אינ זײַנ וועזנ אונ אינ זײַנ אנטוויקלונג אָנגעצייכנט אנ אינערלעכער ווידערשפרוכ, וואָס האָט ניט דערלויבט דעמ טעאטער זיכ צו פארוואנדלענ אינ א קאַנאָניזירונג פונ א ראציִאָנאליסטיש־עסטעטישער דאָגמע. די נאטור פונ אָט דעמ ווידערשפרוכ איז ווירקלעכ געווענ פונ דעמ מינ ווידערשפרוכ, וואָס פירט פאָרויס. אונ דער אינהאלט פונ דעמ ווידערשפרוכ איז געווענ: א באשטימטע רעאליסטישע שטרעמונג, ניט געקוקט אפ דער „מאטעמאטישער“ אונ „אײַזנבעטאָנישער“ טעאָריע, טראָצ אָט דער טעאָריִע. אונ איצט, אז מיר קוקנ זיכ ארומ נאָכ דעמ פופצניאָריקנ וועג פונעמ טעאטער, דארפנ מיר אָפנ זאָגנ: טאקע מיכאָעלס גופע, דער אינטעלעקט אונ דאָס געוויסנ פונעמ טעאטער, איז געווענ דער טרעגער פונ אָט דעמ גליקלעכנ ווידערשפרוכ (כאָטש ער אליינ האָט דאָס — אינ טעאָרעטישנ פלאנ — אמאָל אָפגעלייקנט). אָנהייבנדיק פונ „מאזל־טאָוו“ אונ וואָס ווײַטער אלצ שטארקער אונ קרעפטיקער, האָט ער באשטעטיקט די גרויסע רעאליסטישע קונסט אפ דער יִדישער טעאטער בינע. ווײַל מיכאָעלס איז ווירקלעכ אנ אקטיאָר פונ א גרויסנ דיאפאזאָנ, אונ זײַנ גאנצ אקטיאָריש לעבנ טרוימט ער וועגנ שילדערנ לײַדנשאפטנ, גרויסע לעבנ־קאָליזיעס. אונ ווי עס זאָלנ זיכ ניט קליגנ פארשיידענע עסטעטנ אונ עסטעטלעכ, גרעסערע אונ גאָר פיצינקע, בלײַבט בא אונדז די אײַנציקע קריטעריִ פאר דער ווירקלעכ גרויסער קונסט, אָט יענע קריטעריִ, וועגנ וועלכער עס האָט געשריבנ לענינ אינ זײַנע בארימטע ארבעטנ וועגנ טאָלסטויענ: „אויב מיר האָבנ פאר זיכ ווירקלעכ א גרויסנ קינסטלער, האָט ער כאָטש אייניקע פונ די וועזנטלעכע זײַטנ אינ דער רעוואָליוציע געמוזט אָפשפיגלענ אינ זײַנע ווערק“. „רעוואָליוציע“ מיינט דאָ בא לענינענ די ווירקלעכקײַט אינ אירע פאָרויס־פירנדיקע פראָצעסנ, אינ איר רעוואָליוציאָנערער אנטוויקלונג. אונ די דאָזיקע שאצונג לענינס איז גילטיק פאר יעטווידער גרויסער קונסט, בא דער גאנצער ספעציפישקײַט פונ אירע אייגנאַרטיקע קינסטלערישע מיטלענ. זאָל מענ אונדז ניט פרווונ פארטויבנ מיט

די געשרייען און גערעדערײַען וועגן דער ספעציפישקײַט פונעם טעאטער און פון דער טעאטראלער קונסט!

און מיכאָעלס האָט געפונען א נאָענטן כאווער און גאָר א גרויסווערטיקן כאווער פון דער בינע. פונקט ווי סענדערל די יִדענע מיט זײַן אינסטינקטיוו־האמויִנישן געפיל פאר דער רעאליטעט, האָט זוסקין שטענדיק דערמאָנט מיכאָעלסן: אָט איז זי, אונדזער ערד, אָט איז זי, אונדזער שטאָט, אָט זײַנען זיי, אונדזערע מענטשן! זוסקינען איז אויסגעקומען ניט איין מאָל צו זײַן אף דער בינע מיכאָעלסעס א באגלייטער, צו זײַן אים, מיכאָעלסן, א „צווייטער", און זוסקינס אינטויִטיווע, ברויזנדיקע רעאליסטישקײַט האָט שטענדיק גענערט מיט אירע זאפטן און ארײַנגעטראָגן „בלוט און פלייש" אינעם אלגעמיינעם טעאטראלן פארטראכט.

און לאָמיר טאקע אָנרופן אלץ באם נאָמען. איין וועג איז פאראן פאר דער גרויסער קונסט אצינד. דאָס איז דער וועג פונעם סאָציאליסטישן רעאליזם. דער וווּנדערבארער, דער גרויסער אקטיאָר זוסקין האָט אין זײַנע בעסטע שאפונגען אינסטינקטיוו באטראָטן דעם רעאליסטישן וועג, האָט באהויכט זײַן שאפן מיטן סאָציאליסטישן אָטעם. און זוסקינס באשיידנקײַט, זײַן אומדערמידלעכע ארבעט איבער זיך, זײַן שטענדיק שטרעבן צום לערנען און צום וויסן, זײַן יונגקײַט און רײַכקײַט, זײַנע ניט-אויסגעשעפטע קינסטלערישע אוצרות זאָגן איידעס, אז זוסקינס וווּנדערלעכער טאלאנט וועט זיך נאָך אופהייבן צו נײַע נאָך העכערע שטופעס, און זוסקין וועט נאָך שאפן אויך א גאנצע גאלעריי בילדער פונעם אופגעוואכטן, פונעם אויסגעוואקסענעם, פונעם נײַעם מענטשן, וואָס איז געוואָרן אין דער רעוואָלוציע גרויס און פרײַ און שטאָלץ.

יאנוואר, 1935.

י. דאָבּרושינ

די פרויענ-געשטאלטנ אינ מאָסקווער ייִדישנ מעלוכע-טעאטער

1

זייַנע ערשטע רייפע טעאטראלע אופירונגענ האָט דער מאָסקווער ייִדישער מעלוכע-טעאטער פארבונדנ מיט די ווערק פונ די ייִדישע קלאסיקער, זייַנ ערשטנ אָוונט אינ מאָסקווע אינ יאָר 1921 — געווידמעט די ווערק פונ שאָלעמ-אלייכעמ. דאָס דאָזיקע האָט באטייַט, אז דער טעאטער האָט דאנ אָנגעהויבנ קומענ אפ זייַנ אויפנ אינ בארירונג מיט וויכטיקע סאָציאלע אופגאבעס, וואָס די ראטנמאכט האָט געשטעלט בענעגייע דער ייִדישער באפעלקערונג, די אופגאבעס פונ איבערבוי, פונ פארוואנדלענ דעמ שאָלעמ-אלייכעמישנ הויפט-טיפאזש, דעמ דעקלאסירטנ לופט-מענטש אונ דעמ פאראָרעמטנ האָרעפאשניק אינ בויער פונעמ פראָלעטארישנ לאנד, וואָס האָט דאנ אָקאָרשט אראָפגעוואָרפנ דעמ יאָכ פונ קאפיטאליסט אונ אייגנטימער אונ גענומענ זיכ מיט בויערישער טאט אונ מיט קולטורעלנ אופשטייַג פארפעסטיקנ דעמ זיג פונעמ גרויסנ אָקטיאבער.

דער ערשטער וויכטיקסטער עטאפ פונ מאָסקווער ייִדישנ מעלוכע-טעאטער איז דער עטאפ פונעמ קלאסישנ רעפערטואר, וואָס דער טעאטער האָט אליינ זיכ אייַנגעשאפנ אונ וואָס האָט אינ א באוווסטנ פראט באהאנדלט דעמ אָביעקט פונ די ערשטע מאָסמיטלענ, וואָס די ראטנמאכט האָט אָנגעווענדט בענעגייע צו די ייִדישע דעקלאסירטע שיכטנ, אריבערפירנדיק זיי אפ ערד אונ אינ דער אינדוסטריע. די געזעלשאפטלעכע אטמאָספער, די סאָציאלע פראָבלעמעס, וואָס האָבנ געהערשט ארומ אָט די דאָזיקע מאָסמיטלענ, האָבנ אויכ, צו גלייבנ, ארויסגערופנ צומ לעבנ אונ באווירקט טיילווייַז די פירנדיקע אידיי פונ דעמ ערשטנ קלאסישנ עטאפ פונ מאָסקווער ייִדישנ מעלוכע-טעאטער, האגאמ דער טעאטער גופע האָט זיכ ניט שטענדיק אייַנגעהיט פונ די אינטערפרעטיר-מיטלענ, וואָס האָבנ געפירט צו דער ראָמאנטיזירונג אונ אפילע אידעאליזירונג פונ דער באוויזענער פארגאנגענהייַט.

ס'איז דאָכ אינטערעסאנט צו באצייכענענ, אז די קלאסישע ייִדישע דראמאטורגיע האָט ניט עקזיסטירט פארנ אלטנ ייִדישנ בירגערלעכנ אונ קליינבירגערלעכנ טעאטער. שאָלעמ-אלייכעמ, דער אווטער פונ דעמ בעסטנ ליטערארישנ מאטעריאל פאר די אויסגעצייכנטע אופירונגענ פונ מאָסקווער

ייִדישנ מעלוכע-טעאטער, האָט ניט געגאָלטנ אלס דראמאטורג פארנ אלטנ פאראָקטיאבערישנ ייִדישנ פראָפעסיאָנעלנ טעאטער. ס׳איז דערפאר, ווײַל דער יעניקער טעאטער האָט ניט געהאט קיינ פארשטאנד פאר די דאָזיקע ווערק. דער נאציאָנאליסטיש-באגרענעצטער בורזשואזער וועלט-באנעמ איז ניט אימ־שטאנד געווענ אויסגעפינענ אינ אופהייבנ פאר דער בינע די פראָבלעמאטיק פונ מענדעלע, פערעצ אונ שאָלעמ-אליי׳כעמ, אופירנ ווי געהעריק אָדער אלייג טעאטראליזירנ זייערע ווערק, וואָס האָבנ אָפגעשפיגלט סאָציאלנ לעבנ, אויספאָרמירונג פונ שיכטנ אונ קלאסנ אינ דער ייִדישער געשיכטע פונ XIX אונ אָנהייב XX יאָרהונדערט.

דאָס דאָזיקע האָט געטאָנ דער טעאטער, וואָס איז געבוירנ אונטער דער ווירקונג פונ דעמ גרויסנ אָקטיאבער, דער טעאטער, פאר וועלכנ די אויבנ דערמאָנטע מאָסמיטלעכע פונ דער ראטנמאכט האָבנ אָנגעהויבנ אופ-עפענענ די נייטיקע פערספעקטיוו אונ סאָציאלע האָריזאָנטנ, אונ געגעבנ אינ האנט א שליסל אפ צוצוטרעטנ נעענטער צו דער סאָציאלער נאטור, צו די סאָציאלע וואָרצלענ פונ דעמ קלאסישנ טיפאזש, ביכדיי צו אָנ-הייבנ פאָרשטעלנ אימ אינ זײַנ ריכטיקער קריטישער שײַנ, אפ דער ליניע פונ איבערבוי אונ אופבוי.

באמ אופירנ די אלטע ייִדישע קלאסישע ליטעראטור האָבנ די עלע־מענטנ פונ קריטיק, פונ אָפלייקענונג פארנומענ דאָס הויפט־אָרט, בעשאס די פאָזיטיווע, די נײַע אידעאָלאָגישע אָפשאצונג זײַנענ ארײַנגעטראָגנ גע-וואָרנ פונ דרויסנ. די נײַע אידעאָלאָגישע אָפשאצונג האָט זיכ ארויסגע־זאָגט מייִנסטנס דורכ דער בלויזער טעאטראלער אויסדריקלעכקײַט, דורכ דעמ געהעריקנ, אזויגערופענעמ, טעאטראלנ דורכלייענענ דעמ ליטעראַרישנ טעקסט, אָנפילנדיק אימ מיט נײַעמ באטײַט, ארויסרוקנדיק אונ פארשטארקנ־דיק דעמ אָדער יענעמ אינהאלט פונ דער רעפליק אונ געשעעניש, אָנלאָדנ־דיק זיי אפילע מיט אנ אנדער פונקציע, אפילע מיט א קעגנזעצלעכער צומאָל פונקציע איידער דער שרײַבער, וואָס האָט געשאפנ דעמ ליטעראַרישנ מא־טעריאל פונעמ ספעקטאקל, איידער דער אלטער דראמאטורג האָט זיכ לע־באטכ־לע פאָרגעשטעלט.

די אייגנשאפט אופצודעקנ דורכ בלויזע טעאטראלע שפיל-מיטלענ דעמ אסאָציאטיוו אונטערטעקסט פונ וואָרט, אונ בײַטנ אפילע דעמ דירעקטנ זינ פונ דער רעפליק, די נײַע סאָציאלע פאראלעלגעמיינערונגענ, וואָס דער מאָסקווער ייִדישער מעלוכע-טעאטער האָט אפ טריט אונ שריט ארײַנגע־געבנ אינ די געשטאלטנ פונ די קלאסיקער, האָבנ געלייגט דעמ הויפט־שטעמפל אפנ פאנאנדערגעארבעטנ סטיל אונ מעטאָד פונ טעאטער, וואָס איז באשטאנענ אינ אויסניצנ אפנ מאקסימאלסטנ אויפנ די פלאסטיק פונ באוועגונג, די מאָלע־ײַ אונ מוזיק. ארײַנפירנדיק די אלע קונסט־געביטנ ניט בלויז ווי א באלייט־עלעמענט, נאָר, דעריקער, ווי א סצענישנ קאָמ־פאָזיט, וואָס דרינגט ארײַנ אינעמ אינהאלט פונ דער פאָרשטעלונג, אינ

דער אקטיאָרן־שפּיל, אין דער שילדערונג פונעם כאראקטער אפילו, האָט דער טעאטער ארײַנגעבראכט אין זײַנע פאָרשטעלונגען דעם שטרענגן ריטם און טאקט, ארויסגעפונענע פאר די אופירונגען די מאָס פון צײַט, וואָס שטאמט פון דער מוזיק, און די אויסגערעכנקײַט פון רוים, וואָס איז א פּרינציפּ פון דער מאָלערײַ.

אין זײַנע ארבעטן איבער דער יידישער קלאסיק האָט דער טעאטער געשטרעבט דעריקער אָנשפּארן זיך ווייניקער אפן דראמאטורגישן וואָרט און מערער אפן דער פארביקער און אויסדרוקפולער מיזאנסצענירונג. ער האָט פיל אכט געלייגט אף די „לעבעדיקע בילדער", וואָס ווערן בא יעדן קער פון דער האנדלונג באשאפן אף דער בינע דורך אקטיאָרישע גרופּן און מאטן אָדער אפילו דורך דעם רוימלעכן קערפּער־שפּיל און פּלאסטישער האלטונג פון דעם איינצלנעם אקטיאָר אף דער בינע. דער באוווסטער אילוסטראטיווער זשעסט, וואָס איז ברייט אָנגעווענדט אין טעאטער, האָט דערבײַ אינטערעסאנט געדינט אף ארויסצוגעפינען די נאציאָנאלע פאָרם פאר די קלאסישע פאָרשטעלונגען פונעם טעאטער.

די דאָזיקע שוישפּילערישע מיזאנסצענירטע בילדערישקײַט איז, זעלבסט־פארשטענדלעך, ניט קיין שפּיל פאר זיך. זי איז אָרגאניש פארבונדן מיטן ארויסגעבראכטן זין און אינהאלט פונעם דראמאטישן ווערק, זי אנטפּלעקט און טײַטשט אויס דאָס וואָרט און די רעפּליק, זי ווערט א רוימלעכע, אָנשוילעכע פאָרזעצונג פון דער האנדלונג און דערטראָגט צום אויג אפן פארשטארקסטן אופן דאָס, וואָס דאָס וואָרט און די רעפּליק דערטראָגן אָדער האָבן באדארפט דערטראָגן צום אויער.

די שטענדיקע זידנדיקע פארפולטקײַט פון די סצענישע פלאכן, וואָס איז מעגלעך בא אזוינע שפּיל־אופאנים, אין די מאסן־סצענעס בפרט, האָבן געוויס געהאָלפן דעם מאָסקווער יידישן מעלוכע־טעאטער אין זײַנע פאָרשטעלונגען פון גאָלדפאדענס און שאָלעם־אליכעמס דעריקער, זיי האָבן אים געהאָלפן ארויסברענגען, אין אלגעמיין, אופגעוואכטע פרייד פון מאסן, דעם פארביק־צעגאָסענעם קארנאוואל־אופברויז פון דעם מאסן־שיכט, וואָס האָט זיך געריסן צום לעבן און איז איצט ארויס אף דער פרײַער וועלט א באפרײַטער דורך דער פּראָלעטארישער רעוואָלוציע.

דערבײַ אָבער האָט דער דאָזיקער, ווי מען קאָן אים אָנרופן, „אויסער־ליטעראַרישער" שפּיל־מעטאָד געפירט צו באוווסטע עלעמענטן פון פאָרמאַליזם, סכעמאטישקײַט און מאסקנארטיקײַט אין דער אויסבילדונג פון דער איינצלנער געשטאלט. די סטאטישע סאָציאלע מאסקע האָט אָפטמאָל געהערשט אין צאָל אף דער בינע אָנשטאָט דעם דינאמיש באוויזענעם אינדיווידואליזירטן טיפּ און כאראקטער.

און דערפאר ווערט באזונדערס דײַטלעך דער אומגעהייערער באטײַט פון מיכאָעלסן, דעם גרויסן, רעאליסטישן אין טאָג, בינע־מײַסטער, וואָס

האָט געפירט נאָך זיך דעם העכסט טאלאנטירטן זוסקינען און נאָך אנדערע שוישפילער פון טעאטער, און געפונען די אייגנארטיקע פארטיפערטע אקטיאָרישע מיטלען אפ אויסצושפילן סאָציאלן כאראקטער, באווייזן דעם לעבעדיקן טיפ, די אינדיווידואליזירטע געשטאלט, ניט צעשטערנדיק דערביי די באדינגלעכע שפיל פון דעם שטרענגן קאָנסטרוקטיוון, ריטמישן און רוימלעכן איינהייטלעכן געוועב פון דעם ספעקטאקל אינגאנצן גענומען. מע וועט נאָך דארפן באזונדער פאָרשן די זייער באלערנדיקע אקטיאָרישע וועגן פון די פירנדיקע שוישפילער פונעם טעאטער, די שוישפילער-באשעפער פון די יעניקע פאָרשטעלונגען, וואָס האָבן געבראכט דעם מאָסקווער ייִדישן מעלוכע-טעאטער צו זיינע גרויסע זיגן, די אקטיאָרן, וואָס האָבן אפ זייער אייגענעם אויפן אויסגעפורעמט און פארפעסטיקט די דערגרייכונגען פונעם טעאטער.

איז אָט. באגלייך מיט די שטארק טאלענטירטע אקטיאָרן, וואָס זיינען געוואקסן אפן סטיל און מעטאָד פון מאָסקווער ייִדישן מעלוכע-טעאטער, האָבן זיך דאָ אויך אויסגעבילדעט א ריי שוישפילערנס, וואָס האָבן אפ איינצלנע ראָלן באוויזן היפשע אייגנארטיקע באגאבטקייט. אין דער גאלעריי פון די גרעסערע און קלענערע סצענישע געשטאלטן, וואָס דער מאָסקווער ייִדישער מעלוכע-טעאטער האָט אופגעשטעלט, פארנעמען אן אייגענעם, א ווירדיק פארדינט אָרט די טעאטראל-אָנשוילעכ באוויזענע און אופגעלעבטע פרויען-פערסאָנאזשן פון דער ייִדישער קלאסישער ליטעראטור, ווי אויך דער סצעניש פארקערפערטער פרויען-טיפאזש פון דער איצטיקער סאָוועטישער דראמאטורגיע.

עטי-מעני (ראָטבוים, מינקאָווא) פון שאָלעם-אלייכעמס „200 000"; סאָרע-כאנצע (ראָטבוים) און עטעלע (מינקאָווא) פון שאָלעם-אלייכעמס „גענט"; מירעלע (ראָזינא) פון גאָלדפאדענס „קישעפמאכערן"; מאטילדא (ראָטבוים) און פרומע (מינקאָווא) פון „צענטן געבאָט"; ראָלאן (ראָטבוים) און זשענעוויעוו (לעוויטאס) פון זשול ראָמענס „טרואדעק"; קיילע (מינקאָווא), כאנקע (לעוויטאס) און נאסטאסיע (ראָטבוים) פון דאָברושינס „דער געריכט גייט"; סאָרצע (לעוויטאס) און מענדעלעכע (ראָם) פון מארקישעס „ניט געדייגעט"; עסטער (ראָטבוים), מאדאם ביק (עפשטיין) און לייקע (ראָזינא) פון בערגעלסאָנס „דער טויבער"; מארקאָ (ראָטבוים) און די שטומע (מינקאָווא) פון אָרלאנדס „הערבליעס"; אנא באָגדאנאָוויטש (ראָטבוים), עסטערקע (מינקאָווא) און זעלדקע (קארטשמער) פון דאניעלס „יולים"; די בלאָנדע (ראָטבוים), פאָקראָווסקאיא (מינקאָווא), נעכע וואָלצים (ראָם), סאשע (אימעניטאָווא) און יאָכעלסאָניכע (בערקאָווסקאיא) פון בערגעלסאָנס „מידאס האדין" — אָט די אלע גרעסערע און קלענערע געשטאלטן זיינען שוין, קאָן מען זאָגן, אָרגאניש פארבונדן מיט די אלע דערמאָנטע נעמען פון זייערע אויספירערנס, ווייל די אלע געשטאלטן האָבן מער אָדער ווייניקער באקומען זייער אינדיווידועלע אויסטייטשונג אפ דער

בינע, די אַלע געשטאַלטן לעבן שוין אינעם געדאַנק און געדעכעניש פונעם ערנסטן צושויער, וואָס האָט די מערהייט פון די אַלע סצעניש־פאַרפורעמטע פּערסאָנאַזשן אַריינגענומען אין זיין קולטור־ און שטייגער־געברויך, באַקומענדיק פון זיי סאָציאַלע דערקענטעניש, סיי אָפּ צו פאַרשטיין און אָפּשאַצן דאָס ליטעראַרישע ווערק און טקופע, פונוואַנען זיי שטאַמען, און סיי אָפּ צו דערלערנען דורך זיי דאָס לעבעדיקע לעבן.

דערביי איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אין די צוויי עטאַפּן, וואָס דעם מאָסקווער יידישן מעלוכע־טעאַטער איז אויסגעקומען דורכצומאַכן אָפּ זיין שאַפונג־וועג: דעם עטאַפּ פון דער קלאַסישער ליטעראַטור און דעם עטאַפּ פון דער סאָוועטישער דראַמאַטורגיע — אין די דאָזיקע צוויי עטאַפּן האָט זיך די פרויען־ראָל מער פאַרשטאַרקט און פּאָ־פּעסטיקט באַגלייך מיט דעם, ווי ס'איז געגאַנגען דער וווּקס און די פאַרפעסטיקונג פון דער יידישער סאָוועטישער דראַמאַטורגיע אָפּ דער בינע פון דעם מאָסקווער יידישן מעלוכע־טעאַטער. וואָרעם נישט געקוקט אָפּ די איינצלנע פּראַכט־פול־אָריגינעלע פרויען־פּערסאָנאַזשן, וואָס די שאָלעם־אליינעם־פאַרשטעלונגען האָבן דערוויקער אַרויסגעטראָגן, האָט דאָך די צאָל און דאָס געוויכט פון די פרויען־ראָלן אין אַלגעמיין זיך פאַרגרעסערט ביים דער טעאַטער האָט אָנגעהויבן שטעלן דעם טראָפּ אָפּ דער רעוואָליוציאָנערער און סאָוועטישער לעבנס־טעמאַטיק.

די סיבעס ליגן אין דעם, וואָס אין די אויפגעפירטע קלאַסישע פּיעסן גופא איז די פרויען־ראָל אונטערטעניק דעם הויפּט העלד פון דער פּיעסע, דער סאָציאַל מער פאַרשאַרפטער און פירנדיקער מענער־פיגור, ביפּראַט, אַז דער מעטאָד פון די קלאַסישע אויפירונגען איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געהאָלפן קאָנצענטרירן די קינסטלעריש־סצענישע אויפמערקזאַמקייט אָפּ די איינע אָדער צוויי פירנדיקע הויפּט־ראָלן, פאַנאַנדערשטעלנדיק די אַלע איבעריקע ווי קאָנצענטריש־באַגלייטערישע כאָר־קרייזן, טוערישנדיק, נאַטירלעך, די פערזענלעכע כאַראַקטעריסטיק פון די באַגלייט־געשטאַלטן, וואָס דאַרפן מיינסטנס דינען אָפּ אויסצוטייטשן און אונטערהאַלטן די איבערלעבונגען, טוּונגען און באַוועגונגען פון דעם אויסגעטיילטן הויפּט־העלד.

ס'דאַכט שוין, אַז ראָבטוימס פּראַכטפול אויסגעבויטע ראָל פון עטי־מעני אין שאָלעם־אליינעמס „200 000" טראָגט אויך אין איקער אַ געהילף־כאַראַקטער, זי ציט דאָך ניט צו זעלבשטענדיקן פאַרטיפערטן כאַראַקטער־אייגנאַרט, זי זוכט ניט קיין אייגענע סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע פאַרמיטלונגען, זי שפּיגלט נאָר אָפּ און פאַרשטאַרקט די אַלגעמיינע שימעלע־סאָראָקער־צייכענונג, זי לייגט אַוועק אַ טאַלאַנטפולסטע פאַרב אין דער שפּיל־גאַמע אַרום דער אידיי פון דעם „באַלעבעסל אין אַדלטום"...

אַנדערש אָבער זעט אויס די פרויען־ליניע אין די פּיעסן פונעם סאָוועטישן רעפּערטואַר. פאַרשטאַרקנדיק אָפּ דעם עטאַפּ די רעאַליסטיש־

פסיכאָלאָגישע שפּיל־עלעמענטן, האָט דער טעאַטער מיט דעם גופא אָפּגעזונדערט און אַרויסגעבראַכט די כאַראַקטער־אייגנשאַפטן פונעם טיפּאַזש, עס זײַנען געוואַקסן אַף אַזאַ אופן די אינדיווידואַליזירטע — שטאַרקערע און שוואַכערע — ראָלן, עס זײַנען גענומען געוואָרן אין אַכט און מערער אינדיווידואַליזירט געוואָרן אויך די פרויען-געשטאַלטן, ביפּראַט אין די פּיעסן, וווּ די פרוי האָט אַ גלײַכבאַרעכטיקטע שײַכעס צום גאַנצן קאָמפּלעקס פון די סאָציאַלע אומשטענדן, אין קאַמף, בײַ דער אַרבעט און אין מישפּאָכע־לעבן. אַזוי זײַנען אויפגעקומען צוזאַמען מיט די גרעסערע אויך די קלענערע אָבער אויסגעשפּראָכן כאַראַקטעריסטישע פרויען־ראָלן אין „ניט געדײַגעט", אין „הרעבליעס", אין „יודיס", אָפּגערעדט שוין פון דאָוויד בערגעלסאָנס פּיעסן „דער טויבער" און „מידאַס האַדין", וווּ די פרויען־ראָלן פאַרנעמען ביכלאַל דאָס הויפּט-אָרט אין דער דראַמאַטישער האַנדלונג און קאָנפליקטן-ליניע.

2

צוואַנציק גרעסערע פאָרשטעלונגען האָט דער מאָסקווער ייִדישער מעלוכע־טעאַטער אויפגעפירט. אין העכער אַ העלפט פון די אַלע פאָרשטעלונגען האָט גענומען אָנטייל די אַקטריסע סאָרע ראָטבוים, וואָס האָט אויפגעשטעלט די גרעסטע צאָל פון די געשפּילטע וויכטיקערע פרויען-געשטאַלטן. דערבײַ אַנטפּלעקט זיך דער דיאַפּאַזאָן פון ראָטבוימס סצענישע מעגלעכקײַטן — פון שאָלעם־אַליכעמס שטייגערישע כאַראַקטער־ראָלן איבער די לײַכט-שפּילעוודיקע אָפּערעטן-פיגורן פון „צענטן געבאָט" און „טרואַדעק" ביז די דראַמאַטיש־דערהייבענע „עסטערקע" און „בלאָנדע" פון בערגעלסאָנס „דער טויבער" און „מידאַס האַדין".

און אין די אַלע ראָלן אַנטפּלעקט זיך קוידעמקאָל פערזענלעכקײַט. ראָטבוים איז אַף דער בינע שפּילנדיקער מענטש. אין אַלע אירע אַרבעטן, מער צי ווייניקער פאַרפולקומטע, איז דאָ אינדיווידואַליטעט. ראָטבוים פאַרמינערט די קונסט פון אַקטיאָרישער פאַרקערפּערונג און פאַרוואַנדלונג צוליב דער קונסט פון אַרײַנשטעלן זיך גופא אין דער געשפּילטער ראָל. ניט זי צעשמעלצט זיך, איר אייגענע כאַראַקטעריסטישע פערזענלעכקײַט, אין דער געשפּילטער געשטאַלט, נאָר זי ברענגט אַרײַן די געשטאַלט אין זיך, זי פאַרוואַנדלט דאָס אויפגעפירטע לעבן אין איר אייגן לעבן, און די מאָמענטן, וווּ ס'איז דאָ האַרמאָנישע צוזאַמענטרעפונג פון די ביידע לעבנס, זײַנען די גליקלעכע אין איר שפּיל; ווען ניט גייט אום ראָטבוים, דער מענטש, אַף דער בינע אויסער דער געשטאַלטן־אויפירונג. אין אַזוינע מאָמענטן כאַזערט זי זיך איבער אין פאַרשיידענע ראָלן, אין אַזוינע מאָמענטן איז צו זען, ווי די אַרטיסטן זוכט קאָמפּענסירן מיט טאַלענטירטער שטים-שפּיל דעם מאַנגל פון באַוועגן איר גאַנצן מענטשן-וועזן אין דער ריכטונג פון דער געשפּילטער געשטאַלט.

ראַטבּוימס סצעניִשע פאַרפאַסונגען פון דעם ערשטן קלאַסישן פּעריאָד זײַנען געווען באַדעקט מיט היפּשער ראָמאַנטישער פאַרב. צוליב דער אײַ־דײַישער פאַראַלגעמיינערונג פון דער אויפגעפירטער געשטאַלט איז זי ניט אַרײַנגעדרונגען אין די איוויניקסטע רעאַליסטיש־פּסיכאָלאָגישע דעטאַלן־איבערלעבונגען, פאַרוואַנדלענדיק די גאָרע קוואַנטיטעט אין נײַער קוואַליטעט, זי האָט גענומען גלײַך איינציקע פאַרטיקע קוואַליטאַטיווע שטריכן און פאַרגרעסערט זיי, אָנקומענדיק דעריבער צו די ראָמאַנטישע פאַרבן. ראַטבּוים האָט ניט דורכגעשפּילט דעם באַוועגונג־פּראָצעס, דעם איבערגאַנג פון פון איין מענטשלעכער איבערלעבונג אין אַ צווייטער, זי האָט אויפגעכאַפּט, פיקסירט און דערהייבן באַזונדערע כאַראַקטער־עלעמענטן פון דער איבערלעבונגס־קייט, פאַרגעדענקט זי זיך דעריבער אין איר, אַזוי צו זאָגן, מאָמענטאַלער גליווער־דינאַמיק, זי פאַרגעדענקט זיך ווי אַ לעבעדיק עקספּרעסיוו בילד, וואָס קומט אויף יעדער מאָל אַפּנ פּאָן פון דער אָדער יענער אויסדרוקספולער מיזאַנסצענירונג.

די סצענע אין „200 000", ווען עטי־מעני זיצט און שיילט קאַרטאָפל, אָדער ווען עטי־מעני שטייט אַ גוילעמיש־פאַרכידעשטע און רעדט אַרויס „די צוויי מאָל טע־טע־טע...", עטי־מעני אין דער שפּיל מיט דער לאָרנעט בעשאַס זי ווערט אַ גווירע, עטי־מעני ווען זי שרײַט אַרויס איר פּלוצעמדיקן „זיצט", וואָס זי האָט פאַרגעסן זאָגן אין דער צײַט — דורך די אַלע און ענלעכע מאָמענטאַלע און סקולפּטורישע פיקסאַציעס און ניט דורך דער חיברירנדיקער פּסיכאָלאָגישער איבערלעבונג־ליניע, שיילט אַרויס ראַטבּוים די סקולפּטורישע פיגור פון דער באַלעבעסלדיקער עטי־מעני, אַ פיגור, וואָס איר סאָציאַלער וועזן איז אונטערגעשטראָכן, אָבער אייניצטיק אונטערגעשטראָכן, ווייניקער אינדיווידואַליזירט און מער טיפּיזירט, פאַרקערפּערנדיק ניט די פּילאַרטיקייט פון דער געשטאַלט, נאָר די טיפּישע שטריכן, וואָס פאַרשטאַרקן, ווי געזאָגט, די ליניע פון דעם „באַלעבעסל אין אַדלטום"...

אין „צעונטן געבאָט" טוט ראַטבּוים אַ הייב אויף די סאַטירישע שפּיל אין דער טפילע-בילד נאָך דעם קלוימערשטן טויט פון איר מאַן, זי אַנטפּלעקט דאָ גרויסאַרטיק דעם פּאַמפּלעטישן כאַראַקטער פון דער פרום געוואָרענער מאַטילדאַ. אָט דער בעסטער מאָמענט פון איר מאַטילדאַ־ראָל איז אויך געבויט אַף דער פאַראַנענער דאָ מאָנומענטאַלער ערנסטקייט, וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ כאַראַדיע אַף אַזויפיל אַף וויפל דער אינהאַלט פון דער היפּערטראָפירטער ערנסטקײַט איז אַ פאַלשער און ליגנערישער...

ראַטבּוימס סאָרע-כאַנצע פון שאָלעם־אַלייכעמס „גענט" איז געוויס איינע פון די שטאַרקסטע סצעניִשע פּרויען־געשטאַלטן אין דער יידישער קלאַסישער ליטעראַטור. אין סאָרע־כאַנצע האָט ראַטבּוים אויפגעשטעלט די טיפּיזירטע און אינדיווידואַליזירטע געשטאַלט פון דער פאַרביטערטער, ביז משוגאַס אויפגערייצטער עקספּלואַטירטער פרוי, וואָס וויל צעשטערן דעם „גליק" פון דער אייגענער טאָכטער מאַכמעס סינע צום „מאַנצביל", צום פאַראוי־

טירנדיקנ וויל־לערנער, פונ וועלכנ זי האָט געליטנ א גאנצ לעבנ, געפאָרנ צוליב אימ אפ יארידנ, פארבראכט אלע יאָרנ אינ מארק-קלייט, געוואָרגנ זיכ „מיט א קארטאָפל פאר א גאנצנ טאָג", ווי זי זאָגט...

ראָטבוימ סאָרע־כאנצע איז כאראקטער אונ פראָבלעמ. ס'איז אויסגעשמידטער אלט־דוירעסדיקער קרעמערשער פרויענ־כאראקטער אונ ס'איז פראָבלעמ פונ דער פרוי אינ דער אייגנטימערישער מישפאָכע אונ געזעלשאפט. סאָרע כאנצע גייט דורכ ווי א שטורעמ איבער דער בינע, ווי א דונער, וואָס לאָדט זיכ פאנאנדער, זי איז ווי א כײַע, וואָס פרעסט איר אייגנ נעסט, ווײַל לעבנ לעבט זי דאָכ אינ די שטיקנדיקע ענגע צאמענ פונ דער בורזשואז־רעליגיעזער געזעלעכקײַט, וואָס דערדריקט אונ דערהארגעט די קלייניטשקע פארקריפלטע לעבנס פונ די אלע פרומע רוונ־הערשס, שאָלעמ שאדכנס, אונ סאָרע־כאנצעס, וואָס העלפנ אליינ אונטערשפארנ די זײַלנ פונ דער דאָזיקער געזעלעכקײַט.

איז מיט וואָסערע סצענישע פארב-מיטלענ דערגרייכט ראָטבוימ אָנצומאָלנ די דאָזיקע גרויסארטיקע סאָרע-כאנצע־צייכענונג? ווידעראמאָל מיט די מיטלענ פונ מאקסימאל אויסניצנ די טעאטראליזירטע לאגע, די מיטלענ פונ עקספרעסיוו אוועקשטעלנ די סטאטיק אפ צו באדינענ, אזוי צו זאָגנ, די דינאמיק. אויכ דאָ ווערט ראָטבוימס ראָל געבויט אפ די איינצלנע אונ באזונדערע קימאט מאָנומענטאליזירטע פארקערפערונגענ, וואָס אנטפלעקנ אפ א קאָנצענטרירטנ אויפנ דעמ כאראקטער אונ לעבנ־ליניע פונ דעמ געשפילטנ פערסאָנאזש. אויכ דאָ פארגעדענקענ זיכ:

די סצענע, ווענ סאָרע-כאנצע זיצט, ציילט די אייגעלעכ, פלעכטנדיק א זאָק אונ ארויספלעכטנדיק, דאכט זיכ, די אויסגעשרייענ „רוונ הערש", אינ וועלכע עס איז צוזאמענ מיטנ וואקסנדיקנ צאָרנ אויסגעדריקט אזויפיל גאליקע פארביטערטקײַט.

די סצענע, ווענ סאָרע־כאנצע קערט אויס מיטנ בעזעמ צוזאמענ מיט דער מיסט די אונטערשפרינגענדיקע רוונ־הערש אונ שאָלעמ שאדכנ.

די סצענע, ווענ סאָרע־כאנצע פארברענגט מיט דער רעבעצנ באמ ראָוו אינ שטוב פארנ געט אָדער, ווענ זי שרײַט ארויס איר שטארקסטע פלעטנדיקע רעפליק „ווער פאָרט אפנ יאריד? — סאָרע כאנצע!..."

אונ אינ די אלע סצענישע מאָמענטנ ווארפט זיכ אינ די אויגנ די געמיינזאמע שפיל-סיסטעמ, די שפיל מיט באוועגונג אונ שטימ אפנ דערהייבענעמ דראמאטיזירטנ גראָטעסק, אפנ פאטעטיש־לײַדנשאפטלעכנ פארגרעסערטנ אויסדרוק, וואָס איז דאָ אפנ בעסטנ פלאצ, ווײַל ס'האנדלט זיכ וועגנ פארייניקנ אינ איינ געשטאלט עלעמענטנ פונ נעגאציע אונ באשטעטיקונג, ס'האנדלט זיכ דאָכ וועגנ ליידנ פונ א פארקריפלט לעבנ, דארפ מענ אָפלייקענענ אינ דער שפיל די לעבנ־אָרדענונג, אָפשפאָטנ דעמ פארדאָרבענעמ געפילנ־גאנג, פארהיטנדיק אָבער די באציִונג צומ לײַדנדיקנ מענטש, וואָס זײַנ פארקריפלונג איז א פראָדוקט פונ דער פארקריפלטער סאָציאלער סיסטעמ.

סאָרע-כאַנצעס אויבּן דערמאָנטער פּראַכטפולער געשפּרעך פּארן געט באַם ראָוו אין שטוב אנטבלויזט טאַקע דורכן דראַמאַטיזירטן גראָטעסק די וואָרצלען פון איר גוואַלדיקער פאַרביטערטקייט. די טראַגיש-אָפּשפּאָטנדיקע שפּיל אַפּ שאָלעם־אַלעכעמס אויסגעצייכנט פּאַראָדירטן אַרכאַיסטישן טכינע-סטיל אַנט-פּלעקט דאָ די טיף פון די ליידן פון דער עקספּלואַטירטער פּרוי, וואָס האָט אין איר קולטור-באַגאַזש אַפּילע פאַרמאָגט בלויז אַ פאַרעלטערט־פּאַקריפּלטן רייד־סטיל, וועלכן זי האָט ניט באַזיניקט. גערעדט האָט זי, הייסט עס, אומ־זיניקע פרעמדע ווערטער, אָט ווי זי האָט געטאָן פרעמדע טוונגען, געלעבט ביכלאַל אין אַ פרעמדער וועלט, פון וועלכער זי האָט ניט גענאָסן ניט גייַסטיק, ניט מאַטעריעל...

צו דער דאָזיקער באַהאַנדלונג פון דער סאָרע-כאַנצע-געשטאַלט האָט געצויגן דער דערמלטיקער כטיל פונעם טעאַטער, וואָס האָט זיך צווישן אַנדערע פּרינציפּן געבויט דאַן אויך אַפּן מאָנומענטאַליזירטן קאַדר, אַפּ דער גראָטעסקירטער פאַראַלגעמיינערונג פון די טיפּישע שטריכן. און ס'דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, אַז בוילעטער און שאַרפער, צו גלייבן, ווי בייַ אַלע אַנדערע אַקטיאָרן, טרעטן אַרויס דאַן די אַלע סטיל־עלעמענטן אין ראָטבוימס געשטאַלטן-סטרוקטור, דערפאַר טאַקע, ווייַל די דאָזיקע גראָטעסק־פּרינציפּן האָבּן געפונען אַן אויסגעצייכנטע אויספירערן אין ראָטבוים, אין אירע מעגלעכקייַטן שפּילן אַפּ דער העכסטער נאָטע, אומגיין אַפּן ראַנד פון טראַגישקייַט, וואָס ווערט עכטער גראָטעסק בעשאַס מע רינגלט עס אַרום מיט אָפּשפּאָט־עלעמענטן, בעשאַס מע מאָנומענטאַליזירט די געשפּילטע פּי־גור, מע פאַרשאַרפט איר סאָציאַלע כאַראַקטעריסטיק, וואָס ווערט דאָ גופע אָפּגעלייקנט.

דערום ווערט באַשיימפּערלעך פאַרשווערט ראָטבוימס וועג נאָך דעם, ווי דער טעאַטער האָט פאַרענדיקט מיטן פּאַר אונדז נעגאַטיווע טיפּאַזש פון דער קלאַסישער יידישער ליטעראַטור און איז אַריבער אַפּ דער רעוואָלוציאָנערער און סאָוועטישער טעמאַטיק. צוליב דער פּאָזיטיווער געשטאַלט, צוליב דעם כאַראַקטער, וואָס דאַרף ניט אָפּגעלייקנט ווערן, נאָר באַשטעטיקט ווערן, האָט ראָטבוים באַדאַרפט איינרייַסן מיט דער מאַסקן-סיסטעם, איינרייַסן מיטן געבוי פון געשטאַלט, וואָס פּירט מיינסטנס צו בלויזער אויסערלעכער טיפּי־זאַציע, און זוכן מיטלען אַפּ אויפצושטעלן די פּערזענלעכקייַט מיט אַלע אירע אינדיווידואַליזירטע אייגנשאַפטן.

אינדיווידואַליזירטער טיפּאַזש הייבט זיך אָן דאָרט, ווו דער שוישפּילער פּילט דורך דער האַנדלונג זייַן פּערזענלעכע פאַרבינדונג מיט אַלע פּאַר־שוינען, טרעגער פון די באַוועג-קרעפטן, וואָס שפּילן מיט אים מיט אַפּ דער בינע. מעג די ראָל זייַן קליינע אַפּילע, דאַרף זי האָבּן איינגעגומענע אין זיך די זיך איבערקרייצנדיקע צווישנבאַציונגען פון אַלע פאַרייניקטע דורך דער האַנדלונג אָנטיילנעמער. די בלויז אויסערלעך טיפּיזירטע געשטאַלט קאָן אָבער אַרומגיין איזאָלירט אַפּ דער בינע, זי בלייַבט מיינסטנס סטאַטיש אַפּ אַזויפיל

אַפ וויפל זי דערשיינט בלויז ווי אַ טרעגערנ פונ איינציקע פאַרסאַכאַקלטע פאַרפיקסירטע כאַראַקטער־שטריכנ, וואָרעם בעעמעסנ, וויבאַלד די דאָזיקע כאַראַקטער־שטריכנ קומענ אינ לעבעדיקער באַוועגונג, זיי באַגעגענענ זיכ דורכ דער האַנדלונג מיט אַנדערע אַרומיקע לעבנס אונ ווילנס הייבנ זיי אָנ זיכ ענדערנ, זיי הייבנ אָנ ווירקנ אונ באַווירקט ווערנ אונ דורכ דעמ גופע אַריבערגיינ אינ נייער קוואַליטעט, אינ נייעמ סאָציִאַלנ כאַראַקטער.

די פאַר אונדז פּאָזיטיווע געשטאַלט איז די געשטאַלט די אַקטיווע, די, וואָס לעבט איבער אונ קעמפט מיט איר אייגענער אָדער אַרומיקער סאָציִאַלער אונ פּסיכאָלאָגישער אינערציע, אַזאַ געשטאַלט קאָנ שוינ דורכויס ניט בלייבנ אינ די גרענעצנ פונ די סטאַטיש פאַרפיקסירטע כאַראַקטער־שטריכנ, אַזאַ געשטאַלט רייסט, אַדעראַבע, אופ דעמ סטאַטישנ גליוועֹ, זי ווערט דער שעפער פונ נייעמ זיכ ענדערנדיקנ אונ וואַקסנדיקנ סאָציִאַלנ כאַראַקטער, זי טוט עס מיט נייע אינדיווידואַליזירנדיקע מיטלענ, זי מאַכט דורכ אַפ אַזאַ אויפנ דעמ וועג פונ סטאַטישנ טיפּ צו דינאַמישער אינדיווידואַליטעט.

איז אָט דער איבערגאַנג פונ דער סאָציִאַלער מאַסקע, אינ רייכסטנ, אַפילע קאָמפּליצירטסטנ זינ פונ וואָרט, צו דער פּאָזיטיוו־איבערלעבנדיקער אינדיווידואַליזירטער געשטאַלט — איז ניט גרינג אָנגעקומענ דער שטאַרק באַגאַבטער אַקטיאָריש געניטער ראָטבוימ. ס'איז דאָכ ניט קיינ צופאַל דאָס, וואָס פאַרנ מאָסקווער יִדיִשנ מעלוכע־טעאַטער איז די דאָזיקע איבערבויונג געוועזנ ביכלאַל פאַרבונדנ מיטנ פאַרשטאַרקנ די ליטעראַרישע ליניע אינ טעאַטער, מיטנ אָנקומ צומ ברייטערנ אונ פאַרטיפערטנ געברויכ פונ ליטעראַרישנ וואָרט. ס'איז ניט קיינ צופאַל דערפאַר, ווייל דאָס ספּעציפיקומ פונ בילד — אונ אינ טעאַטער האָט דאָכ געהערשט דער פּרינציפּ פונ קאָנסטרוקטיוו־מאָלערישנ בילד — שליסט אויס סיוזשעטישע צייט, דאָס בילד פיקסירט אונ סטאַביליזירט דעמ אָביעקט, באַהאַנדלענדיק אימ בלויז אינ רוימ, בעשאַס די סיוזשעטישע ליטעראַרישע עקספּאָזיציע איז פאַרבונדנ גראָד מיט צייט־באַוועגונג אונ דויער. אונ פאַר ראָטבוימ, וואָס האָט אינ יענעמ ערשטנ פּעריִאָד פונ טעאַטער געפונענ אַפילע אייגנאַרטיקע מיטלענ ווי צו מאָנומענטאַליזירנ דאָס וואָרט בעהעסקעמ מיט די קאָנסטרוקטיוו־מאָלערישע פּרינציפּנ, פאַר ראָטבוימ איז דערומ איצט געשטאַנענ די אויפגאַבע מיט אַלצ אונ אַלעמענ איבערשליסנ זיכ אַפ דעמ נייעמ רעוואָליוציִאָנערנ סאָוועטישנ וואָרט, איבערשליסנ זיכ אַפ דער פּאָזיטיווער געשטאַלט, שפּילנ די פּילאַרטיקע אינדיווידואַליזירטע פּערזענלעכקייט.

ראָטבוימס ערשטע ראָלנ אַפנ נייעמ רעפּערטואַר־באָדנ, אירע ערשטע אַרבעטנ איבער דער רעוואָליוציִאָנערער אונ סאָוועטישער פרויענ־געשטאַלט האָבנ נאָכ געוויזנ באַשטימטע ניט־אויסגעלעבטע רעשטנ פונעמ נאָרוואָס דורכגעגאַנגענעמ קלאַסישנ עטאַפּ. אינ „געריכט גייט", אינ „הרעבליעס" אונ אַפילע אינעמ מער געראָטענעמ פאַר איר „יוליס", אינ דער ראָל פונ אַנאַ באָג־

דאנאָוויטש, שפּילט זי נאָך, ראָטבוים, אַף דער ראָמאַנטישער דערהייבנקייט, ניט זי שאפט די געשטאלטן, נאָר זי שפּילט אַף זיי, דערפאר איז זי שטאַרקער אין די מאָמענטן פון ליידנשאַפט און אפעקט: אין „דער געריכטגײט" אין דער סצענע פונעם צוזאַמענשטויס מיטן אַלטן בורמאַנען, אין „יוליס" — בעשאַס זי ווערט באַפּוילעריש. ראָטבוים האָט נאָך דאָ ניט אויסגעמיטן ניט די אויסשטעלערישע קאָדרען־סיסטעם, ניט די פאַרבונדענע מיט דעם דעקלאַמאַציאָנס־איינגנשאַפטן פון וואָרט...

אויסגעמיטן דאָס אַלץ האָט ראָטבוים אין איר עסטער־געשטאַלט פון בערגעלסאָנס „דער טויבער". אויסער דעם, וואָס זי האָט דאָ געהאַט צו טאָן מיט א פאַרטיפערט־קינסטלערישן שעפער־וואָרט, האָט זי אין דער ראָל ווירקלעך אָנגעמערקט דעם וועג, וואָס פירט צום ריכטיקן באַוויַז פונעם לעבעדיקן מענטש אַף דער בינע. אין דער דאָזיקער אַרבעט האָט ראָטבוים באַוויזן ווייניקער שוישפּילערישע „פּראַכט" און מער באַהעפטונג מיטן אינווייניקסטן פּסיכאָ־אידייִשן געוועב פון דעם אויפגעפירטן לעבן. דאָ האָט ראָטבוים געוויס געפונען נייַע שפּיל־עלעמענטן: פאַרטיפערט פאַר אַלעם די באַציִונג צום אונטערטעקסט פון וואָרט, אַרייַנגענומען אין זיך עסטערס גאַנצע ליידנשאַפטפולע לעבנגעשיכטע און אַרויסגעגעבן זי דערנאָכדעם פון זיך אַף דער בינע, אַנטפּלעקט זי דורך אייַנגעהאַלטענע, פּסיכאָלאָגיש־פאַרפונדעוועטע איבערלעבונג־באַוועגונגען, ניט פאַרלירנדיק דערבייַ די איקער־פּרינציפּן פון דער דורכגעגאַנגענער טעאַטער־שול, וואָס האָט זי געלערנט ריטמישע געצאַמטקייַט, קאָנסטרוקטיווע אויסגעכעזשבנטקייַט און פּלאַסטישע אויסדריקלעכקייַט.

פאַראַנען בא ראָטבוים אַן אויסגעצייכנטער מאָמענט אין „טויבן", ווען די דערשלאָגן־איבעראַשטע עסטער לייגט זיך אַרייַן א פּויסט אין מויל, זי טוט עס מיט א באַזונדער עקספּרעסיווער באַוועגונג אַף צו פאַרהאַלטן דעם וויי־געשריי, וואָס רייַסט זיך בא איר פון האַלדז. איז אָט דער פאַרצאַמטער געפיל־אויסדרוק קאָן ווערן, צו גלייבן, דער סימבאָל פון ראָטבוימס נייַער באַציִונג צו איר אַרבעט. די עסטער־געשטאַלט האָט ראָטבוים געבויט ניט מיט עקספּרעסיוועט, ווי ביז אַהער, נאָר מיט אינטענסיווע מיטלען. דורך קאַרגע רעפּליקעס, דורך די דרייַ — פיר מאָל, וואָס זי גייט אַרויס אַף דער בינע, וואַקסט דעריבער אויס בא איר די פול־געשילדערטע געשטאַלט פון עסטערן, די צוויי — דרייַ מאָל זייַנען שוין אַפילו גענוג אַף צו פאָרשטעלן זיך, אַף צו וויסן גענוי, וואָס טוט זי, וואָס לעבט זי איבער, די דאָזיקע עסטער, דאָרטן אינעם הינטערגרונט פון דער האַנדלונג, אין די סצענישע אינטערוואַלן, דאַן ווען די געשעענישן דאָ אַף דער בינע קומען פאָר אָן איר אָנטייל.

די בינע האָט איר אייגענע אַנדערשדיקע צייַט־אויסמעסטונג. אין בעסטן פאַל קאָן אַף דער בינע דער וויכטיקסטער ראָל אַפילו אָפּגעגעבן ווערן נאָר א באַגרענעצטע צייַט, א באַגרענעצטע, הייסט עס, צאָל אויפטריטן

אין מעשׂעכ פון דעם דאָזיקן צײַט־אָפּשניט דאַרף דער שוישפּילער ניט גאָר „טאָן" אַפֿ דער בינע, נאָר אויכ באַווײַזן, אַז ער האָט אַ שײַכעס צו דעם אַלעם, וואָס דאָ איז אָן אים געטאָן געוואָרן. און בלויז די פּולע, אַלזײַטיק פֿאָרגעשטעלטע סאָציאַלע כאַראַקטעריסטיק, בלויז די פולשטענדיקע טיפּיזאַציע און אינדיווידואַליזאַציע פון דער געשטאַלט, גיבן אַ שליסל דעם צושויער אַפ אויפצושטעלן אָנשויילעכ די פּירונגען און טווּנגען פון דעם פּערסאָנאַזש אין די מאָמענטן, ווען דער פּערסאָנאַזש גופע איז דאָ ניט פֿאָרגעשטעלט, נאָר אַרומגערעדט, אין די מאָמענטן, ווען דאָ אַפ דער בינע טרעטן אַרויס אַנדערע פּאַרשוינען און דערציילן בלויז וועגן דעם, וואָס ס׳קומט פאָר מיט זייער מיט־פּאַרשוין. אָט די סצענע־אייגנשאַפטן ווערן דאָכ אַ דיקטירנדיקער פּאַקט פאַר יעדן שוישפּילער, וואָס דאַרף געדענקען, אַז מיט יעדן אויפטריט ברענגט ער מיט זיכ אַפ דער בינע אַלץ, וואָס מיט אים איז פֿאָרגעקומען ניט נאָר צווישן איין אויפטריט און אַ צווייטן, נאָר אַפילע צווישן איין אַקט און אַ צווייטן.

וואָרעם, אָט פאַרמאָגט ראָטבוים זייער אַ אינטערעסאַנטע סצעניש׳ע אַרבעט — די בלאָנדע (באָגוסלאַווסקאַיאַ) פון בערגעלסאָנס „מידאַס־האַדין". די דאָזיקע אַרבעט צייכנט זיכ געוויס אויס מיט די נײַע אויסגעפונענע אַקטיאָרישע מיטלען, וואָס ראָטבוים האָט דאָ אָנגעווענדט אַפ אויפצושטעלן די בערגעלסאָנס געניוג קאָמפּליצירטע געשטאַלט. איר דורכגאַנג איבער דער בינע צו דער גרענעץ מיט דעם פויער וואַקולאַ, די באַגעגעניש מיט פּיליפּאָוון, איר פאַרהער, די סצענע אין טפיסע־קאַמער מיט פּאָקראָווסקאַיאַ — אין די אַלע שטאַרקערע שפּיל־מאָמענטן איז צו מערקן, דעריקער, ווי די סקולפּטורישע סטרוקטור פון די ראָטבוימישע באַוועגונגען ווערט אָן איר פאַרגלייווערטע באַדינגלעכקייט אַפּן וועג צום פּסיכאָלאָגישן איבערלעבונג־אויסדרוק.

און דאָכ — און דאָס האָט שוין אַ שײַכעס צום אויבן געזאָגטן — און דאָכ בלײַבן די דאָזיקע אויסגעצייכנטע אויפטריטן ווי עפּיזאָדן, ווי פאַרציי־כענונגען צום פּאָרטרעט און ניט ווי דער פּאָרטרעט גופע. דער פולער סאָציאַלער פּאָרטרעט פון דער „בלאָנדער" בלײַבט דאָ דאָכ פאַרהוילן. פון די דאָזיקע אַפילע פעסט־שטריכירטע געמעלן איז שווער פּאָרצושטעלן זיכ דעם פולן פאַנאָראַמענוויקלטן אויסזען פון דער געשטאַלט, איז שווער פאָרצושטעלן זיכ די בלאָנדע אַלס סאָציאַלן טיפּ און אינדיווידואַליטעט אין אַלע געלעגנהייטן פון דער גאַנצער דראַמאַטישער קאָמפּלעקס־געשיכטע, וואָס דער טעאַטער האָט דאָ אַפ דער בינע באַוויזן.

עפּשער איז דאָס דערפאַר, ווײַל ראָטבוים האָט דאָ גראָד אינדיווידואַליזירט די „בלאָנדע", געזוכט דעם אייגענעם און אייגנאַרטיקן אויסדרוק פון איר קאָנפּליקטן־ליניע און פאַרגעסן בעשאַסמײַסע טיפּיזירן, פאַרגעסן אַפריער אויפשטעלן די „בלאָנדע" אַלס שטייגער־טיפּ, געפינען אַפריער אָט דאָס שטייגעריש־כאַראַקטעריסטישע, דאָס איינפאַכ און טעגלעכ־טיפּישע, ביכדיי

דאָס דראַמאַטיש־אינדיווידואַליזירטע זאָל אָפּ דער בינע ניט בלײַבן אַבּ־סטראַקט און עפּיזאָדאַרטיק. ס׳קאָן דאָך גרינגלעך זײַן, אַז דער הויך פֿון אידעאַליזאַציע, וואָס קאָן, ווי ס׳דאַכט זיך, מיספֿאַרשטייענדיק געפֿונען ווערן אין אין ראַטבוימס אויסטײַטשונג פֿון דער „בלאָנדער", וואָלטן לאַכלוטן אויסגעמיטן ווערן, ווען ראַטבוים וואָלט פֿאַרפֿונדעוועט די געשטאַלט מיט אירע טיפּיש־קאָנ־קרעטע שטייגעריש־פֿאַרוואָרצלטע קלאַסן־שטריכן, די פֿאַרדאַרבנקײַט פֿון דעם טיפּ וואָלט דאַן שטאַרקער דעמאַסקירט און אונטערגעריסן דעם דראַמאַ־טיזם פֿון איר באַוויזענער מענטשלעכער לאַגע, וואָס טרעט איצט אַרויס אָפּן ערשטן אָרט...

אָבער אויך פֿון דער דאָזיקער אַרבעט איבער דער „בלאָנדער" איז צו זען, אַז ראַטבוימס באַזונדערס קרעפֿטיקער טאַלאַנט האַלט אין שטײַגן. פֿון ראָל צו ראָל, פֿון געשטאַלט צו געשטאַלט גייט די באַשײַמפּערלעכע אָנזאַמ־לונג פֿון אירע קינסטלערישע קרעפֿטן, פֿון אירע פֿאַרווירקלעכטע מעגלעכ־קײַטן. איר סצעניש ער וועג איז פֿול מיט אָנגעשטרענגטע זוכענישן און געפֿינסן, איר וועג — דער גליקלעכער וועג פֿון איינער פֿון די ערשטע און בעסטע יידישע שוישפּילערנס, וואָס דער סאָוועטישער יידישער טעאַטער האָט אַרויסגערופֿן צום אַקטיוו־שעפֿערישן לעבן.

3

דער מאָסקווער יידישער מעלוכע־טעאַטער האָט אָפּ זײַן שטרענגן סטיל און מעטאָד געוויס דערצויגן אַקטיאָרן מיט אויסגעשפּראָכענע שוישפּילע־רישע אייגנשאַפֿטן, וואָס זײַנען געווענדט אָפּ צו פֿאַרשטאַרקן די ווירקונג פֿון דעם אויפֿגעפֿירטן ווערק דורך דעם קאָנסטרוקטיוון אָנשוילעך־באַווײַזלעכן כאַראַקטער פֿון דער שפּיל און פֿאָרשטעלונג. אָבער דער מאָסקווער יידי־שער מעלוכע־טעאַטער האָט ניט ניוועלירט זײַן אַקטיאָרן־באַשטאַנד. אין די גרענעצן פֿון איינעם און דעם זעלבן טעאַטראַלן גרונט־סטיל זײַנען אויך צווישן די פֿרויען געוואַקסן אַקטריסעס, וואָס זײַנען אויפֿגעקומען מיט אייגענע סצענישע גענג, מעטאָדן און אינטערפּרעטאַציע־מיטלען. באַגלײַך מיט דער אַרטיסטן ראַטבוים, אין די זעלבע יאָרן און אָפּ די זעלבע ווערק, איז געוואַקסן די אַרטיסטן מינקאָווא, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט גאָר אין אַן אַנ־דער ריכטונג, אַרויסבאַווײַזנ אירע אייגענע באַזונדערע שוישפּילערישע אייגנשאַפֿטן.

מינקאָוואַס סצענישע געשטאַלטן זײַנען, פֿאַר אַלעמען, געבויט לויט דער ליניע פֿון געפֿיל, זיי זײַנען עמאָציאָנעל געזעטיקט, פֿון זיי שלאָגט מיט ברויז, מיט לעבנס־גיריקײַט, וואָס געפֿינט ניט, עמעס, גאַנץ אָפּט די נייטיקע אויספֿורעמונג, די געהעריקע נעטע אויסדריק־צייכענונג. דער באַרימט געוואָ־רענער „אייזנבעטאָנישער זשעסט" פֿון מאָסקווער יידישן מעלוכע־טעאַטער ווערט בײַ מינקאָווא טושירט און פֿאַרשלונגען. איר איז ליבער פֿאַרוואַנד־

לען אים אין א שטייגער־טנוע איידער אופדעקן זיין אייגענעם קאָנסטרוקטיוו־באדינגלעכן באטייט פאראלעל צום וואָרט און צו דער האנדלונג.

געוויס שילדערט מינקאָווא אירע סצעניש פאָרטרעטן שטייגעריש, אָבער דאָך — ניט עמפּיריש. פון עמפּירישער פאָטאָגראפיע פארהיט זי טאקע די טאלאנטפולע שפּיל אפן געפיל, דער פארשטארקטער טעמפּעראמענט, מיט וועלכן זי באשענקט יעדערן פון אירע אופגעפירטע געשטאלטן. אדאנק דעם גופע פלייצן זיי ארויס פון די רוימען פון קליינלעכער שטייגערישקייט: אז זיי פארמאָגן געפילן־אימפּעט, פארמאָגן זיי כאראקטער, האָבן זיי מענטשלעכן ווילן, אופשטייג, דראנג צו עפּעס, האגאם די צילגעווענדטקייט פון דעם דאָזיקן דראנג איז בא מינקאָווא ניט אומעטום אויסגעקלאָרט, ווייל ניט אומעטום פארבינדט מינקאָווא איר געשאַפענעם טיפּ מיט דעם אלגעמיינעם אידייען־גאנגן פון דער פאָרשטעלונג אינגאנצן גענומען. די באזינונג פון דער געשטאלט אין איר צווישנפארבינדונג מיט אלע איבעריקע באוועג־קרעפטן פון דער פאָרשטעלונג — דאָס איז דאָס שוואכע אָרט אין מינקאָוואס ארבעט איבער דער ראָל.

מינקאָווא הייבט אָן בויען איר ראָל פון זיך, אזוי צו זאָגן, און אין זיך. די באוועגונגען און טאטן פון די אופגעפירטע פערסאָנאזשן, וואָס גייען בא איר מיינסטנס פון סוביעקטיוו־פּסיכאָלאָגישער מאָטיווירונג דערגרייכן ניט טאָמעד צו ווערן אָביעקטיוו סאָציאלע. זי שטרייכט דעריבער אָפטמאָל אונטער מער דעם געפילנגאנג און געפילן־צושטאנד איידער דעם געדאנקען־אינהאלט פון דעם סצעניש פארקערפערטן מענטשן. אין דער מיט סצעניש טאלאנט און טעמפּעראמענט אופגעפירטער געשטאלט פון פאָקראָווסקאיא אין „מידאס האדינ״ פעלט דאָך בא מינקאָווא די געהעריק סאָציאלע אָפּשאצונג פון דער דאָזיקער פיגור, ס'פעלט די אָפּשאצונג, וואָס טיילט אָפּ דעם אקטיאָרישן סוביעקט פון דעם אופגעפירטן אָביעקט, און גראָד אין דעם פאל וואָלט דאָס געווען באזונדערס וויכטיק און נייטיק.

מינקאָווא האָט געוויס דערגרייכט אופשטעלן די פעסט־באלעגופישע, פאראקשנט־פארביטערטע פיגור פון פאָקראָווסקאיא, אָבער איר קלאסעווע פארדאָרבנקייט, אירע מענטשן־פיינטלעכע געניג ווערן דעמאסקירט דורך דער אויסערלעכער אנטוויקלונג פון דער האנדלונג און ניט דורך איר אייגענעם סאָציאלן כאראקטער און קלאסן־מעווע. מינקאָווא גייט דאָ מיט צו גלייכן וועג, זי ציט א צו דירעקטע ליניע, זי מיט זיך ניט צו וויזן די קאָמפּליצירט־זיגזאגישע אינוויינקסטע דיסהארמאָנישקייט פון א מענטשן, וואָס גייט ארויין אין א פארברעכערישן קאמף קעגן ארומיקן געשיכטלעכן עמעס...

אין „געריכט גייט״ שפּילט מינקאָווא אן עלטערע פרוי, א מילדע, א באגרענצט־נאָכגיביקע יידישע באלעבאָסטע. פאר דער הארציקייט און נאָכגיביקייט געפינט מינקאָווא שיינע ווייכע טאלאנטפולע אקטיאָרישע פארבן — די געשטאלט איז אין איר אינטערפּרעטאציע ארויס פולשטענדיק. אָבער די

דאָזיקע טראַקטירונג איז אינ טאָכ ווידעראמאָל א פּאָזיטיווע, זי גייט אפּ דער איינארטיקער ליניע פונעמ פּסיכאָלאָגישנ סענטימענט אונ פארשטרייכט אינ אלגעמיינ דעמ נעגאטיווג סאָציאַלנ באטייט פונ דער בירגערלעכער פרוי מיט איר נארישער סענטימענטאלער טעמפּקייט אונ אומבאהאָלפנקייט. אינ מינקאָוואס אָריגינעלער אינ אלגעמיינ סצענישער פארקערפּערונג פונ עטעלע אינ „געט", אויכ אינ דער טעמפּעראמענטפולער פרויענ-געשטאלט פונ דעמ „ערשטנ פינטעלע" איז דאָכ שוינ געזעגנ צו זענ, אז אינ מינקאָוואס ארט שפּילנ פעלט די איראָניע-פארב, די מעגלעכקייט ביפראט א קוק צו טאָנ אליינ אפּ זיכ פונ דער זייט, אָפּשאצנ, הייסט עס, דעמ איפּגעפירטנ פּערסאָנאזש פונ אייגענעמ שטאנדפּונקט טאקע אינ פּראָצעס פונ שפּילנ...

מינקאָוואס גראָדליניקייט, איר מאָנאָדראמאטישקייט, אזוי צו זאָגנ, אנטפּלעקט זיכ דעריבער גאנצ אינטערעסאנט אינ די פּאָזיטיווע פאר אונדז געשטאלטנ, אינ די סצענישע פּערסאָנאזשנ, ווו ס'דארפ ניט זיינ קיינ איינרייס צווישנ דעמ שוישפּילער אלס סוביעקט מיט דעמ פארפּאסטנ סצענישנ אָביעקט, דאָרט, ווו ס'פאָדערט זיכ אדערבע פולע איינשטימיקייט פונעמ אקטיאָר מיטנ כאראקטער אונ טאט פונ דעמ אופגעפירטנ טיפּ.

פאראנענ בא מינקאָווא א ראָל אינ דער פּיעסע „הרעבליעס", איינע פונ די איינגעגעבנסטע ראָלנ פונ דער דאָזיקער פאָרשטעלונג. די ראָל איז גראָד אנ עפּיזאָדישע — א געשטאלט פונ א קליינשטעטלדיקער שטומער פרוי, וואָס איז צוזאמענ מיט א כעווריע יידנ געקומענ דורכמאכנ דעמ איבערבוי-פּראָצעס אפּ דער ערד-ארבעט באמ טריקענענ די פּאָליעסער בלאָטעס. איז אינ אָט דער דאָזיקער שטומער האָט מינקאָווא בעפּיירעש באוויזנ שוישפּילערישע קראפט אונ פייִקייט מיט א צוויי — דריי כאראקטערשטריכנ אופשטעלנ א פאראלגעמיינערטנ טיפּ. אינ מינקאָוואס שפּיל ווערט באוויזנ ווי דאָס שטעטלש דערדריקטע, דורכ דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט דערשלאָגענע אונ עקספּלואטירטע ביז אהער שטומ-לעבנ פלאמט מאמעש אופ, באקומט שעפערישע אקטיווימעט אונ באוווסטזיינ דורכ דעמ, וואָס סע ווערט צוגעצויגנ צו דער בויונג פונ סאָציאליזמ. אינ אירע באוועגונגענ, אינ איר שטומ-לאָשנ, אינעמ אייגנארטיקנ טאנצ — אפּ א קליינעמ האנדלונג-שעטעכ באווייזט מינקאָווא א פארבקע פריידיקע געפילנגאמע, וואָס דערהייבט די פיגור פונ דער שטומער, פלעכט זי ארייִנ אינעמ קאָנ פונ די אלע זיכ איבערבויענדיקע, צומ באוווסטזיינ געקומענע שטעטלשע פארשוינענ.

א צווייטע ראָל פונ דעמ ארט איז מינקאָוואס „עסטערקע" פונ דאַניעלס „יוליס". די אָרעמע מאמע פונ די הינטערגעסלעכ, וואָס באגלייט ארויס מיט פרייד איר זונ דעמ רויטארמייער אפּנ שלאכט-פראָנט, האָט באקומענ בא מינקאָווא א פארגעדענקלעכע סצענישע פארקערפּערונג. זי לעבט אפּ דער בינע מיט איר אופגעעפנטנ אופגעריכטנ קוואל פונ לירישע

איבערלעבונגען, מיט איר געזונטן פאַרשטאַנד פון א האָרעפּאַשניק, וואָס האָט זי פאַרבונדן מיט דער רעוואָליוציאָנערער באַפרייונג־באַוועגונג. מינקאָווא פאַרמאָגט שטאַרקע מיטלען אַף אַרויסצוברענגען דעם פאַרבאַהאַלטענעם מאַסן־טעמפּעראַמענט אַפילע אין דעם געמעל פון דעם קלענערן פאָלקטימלעכן טיפּאַזש.

ווי ראָטבוים, ווייַזט אויך מינקאָווא אַרויס א נייגונג צו דער אָפּטימיסטישער געשטאַלט, זיי ביידע האָבן נאָך אָבער בעעמעסן ניט באַקומען דעם נייטיקן און געהעריקן ליטעראַרישן שטאָף, וואָס זאָל זיי געבן א מעגלעכקייַט אָפּשפּיגלען אין דראַמאַטישן פּלאַן די סאָוועטישע שעפערישע רישע פרויען־פיגור אין איר פולן וווקס, מיט איר טיפער אָפּטימיסטישער וועלט־אָנשויונג, מיט אירע ראַנגלענישן און זיגן אַפן פראָנט פונעם נייַעם סאָציאַליסטישן לעבנסבוי. די צען סאָוועטישע פּאָזיטיווע פרויען־ראָלן, וואָס דער מאָסקווער יידישער מעלוכע־טעאַטער האָט פאַר דער צייַט באַוויזן אַף דער בינע, דערווייַזן דאָך ביכלאַל, אַז די שוישפּילערנס פון טעאַטער פאַרמאָגן שוין אָנגעזאַמלטע דערפאַרונג אַף דעם געביט און האָבן דעריבער פולע רעכט אַף דער ווייַטערער פאַרגרעסערונג, פאַרטיפערונג און דערהייבונג פון דער דאָזיקער געשטאַלט.

דעם טראָפּ אַף דער סצענישער פאַרקערפּערונג פון דער סאָוועטישער לעבנפולער און בויערישער פרויען־פיגור האָט אויך געשטעלט די פריפאַרשטאַרבענע אַקטריסע זשעניע לעוויטאַס, אירע צוויי הויפּט־ראָלן, וואָס זי האָט באַשאַפן אין טעאַטער — כאַנקע פון „דער געריכט גייט“ און סאָרצע פון „ניט געדייַגעט“ — די ביידע סצעניש־אויפגעשטעלטע יונגע קאָמיוגיסטנס פאַרנעמען געוויס זייער גלייַכבאַרעכטיקט אָרט אין דער ערשטער ריי צווישן די בעסטע אַפן טעאַטער באַשאַפענע סאָוועטישע פרויען־געשטאַלטן.

דאָס, וואָס לעוויטאַס האָט פאַר א קורצער צייַט, לעבעך, באַאַרבעט צוויי ראָלן פון איינעם און דעם זעלבן אַרט, די ביידע אינטערפּרעטירט מיט באַזונדערע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן — איז שוין א באַווייַז, אַז די דאָזיקע שוישפּילערן האָט פאַרמאָגט פאַרשטאַנד פאַר דער אינדיווידואַליזאַציע פון דער געשטאַלט. בא דער אַרבעט איבער די ראָלן האָט לעוויטאַס די הויפּט־אַכטונג געלייגט טאַקע אַף אַרויסצוברענגען דאָס, וואָס מע רופט דעם אינוויניקסטן „צויבער“ פון דער געשטאַלט, דאָס, וואָס ס׳האָט צוגעצויגן צום פּערסאָנאַזש אַפריער דעם דראַמאַטורג און שפּעטער דעם צושויער. לעוויטאַס האָט ליב געהאַט באַשענקען איר טיפּאַזש מיט קלוגשאַפט, מיט שטייגערישער מענטשלעכער קלוגשאַפט. זי האָט געהאַט א געשמאַק צו דער קלוגער זשאַנר־שפּיל אינעם מענטשן, צו דער באַזונדערער טעווע, צי קאַפּריז אַפילע פון דעם באַשאַפענעם טיפּ. אָט אַזוי האָט לעוויטאַס אויסגעפונען די קינדיש־ליבלעכע „שיגאָענ“־כאַראַקטעריסטיק פון כאַנקען, אָט אַזוי אויך אויסגעפונען די סימפּאַטיש־צוציענדיקע מיידלש־קלוגע ערנסטקייַט פון סאָרצע. די ביידע, אַזוינע פאַרשיידנאַרטיקע, פאַרמאָגן בא לעוויטאַס

איינ מײַלע — זיי בינדנ זיכ אָנ דעמ צושויער, דער צושויער האָט זיי ליב באַקומענ אַלס כאַראַקטער אונ מאכמעס דעמ אויכ געטרויט, מיט הארצ אונ געדאנק געטרויט.

כאנקעס פונ צײַט צו צײַט אופוואכנדיקער ברוסטיק־רײַצנדיקער געלעכטער, אירע אינ קאָמישנ פלאנ פאנאנדערגעארבעטע גענג, סאָרצעס עקסטאטישער אופלאם אינעמ אויסגעצייכנטנ געשפרעכ מיט ראָנדעלנ, די שטעטלשע קלוגע אומיטלבארקײַט פונ דער ערשטער אונ די דאָרפישע געזונטע ערדישקײַט פונ דער צווייטער, די אויסגעצאָסטענע רייארטיקע איבערגאנגענ פונ שפיל צו ערנסט אינ דיביידע — דאָס אלצ מאכט קלאָר, אז לעוויטאס איז אימשטאנד געווענ פאנאנדערארבעטנ א ראָל מיט אינטערעסאנטנ פארשטאנד פאר דער קלאוויאטור, אזוי צו זאָגנ, אונ אינסטרומענטירונג פונ די שוישפיל־מיטלענ. דערצו איז איר געקומענ צוהילפ איר געוויסע מוזיקאלישקײַט, דער אינוויייניקסטער אויסגעשפראָכענער געפיל צו ריטמ, וואָס האָט זי טאקע געבראכט צו בויענ די ראָלנ אפ אויסגעכעזשבנטע שפיל־אינטערוואלנ, אפ אזוינע רייג־מוזיקאלע מעדקבארע איבערגאנגענ פונ „שטיל" צו „לוסטיק", פונ „פלינק" צו „לאנגזאמ", דורכ דעמ דאָזיקנ אינטערעסאנט געברויכטנ פרינציפ האָט דאָכ דאָ די שוישפילערנ אויסער אלעמענ איבערגעגעבנ די ביאָלאָגישע מיידלשע אינסטינקטנ-שפיל פונ אירע אופגעפירטע פערסאָנאזשנ, פארוואנדלענדיק דערבײַ דאָס אלצ אינ פארב אפ אָנצומאָלנ דעמ סאָציאלנ פאָרטרעט אונ כאראקטער פונ די ביידע, פארקאָמפליצירטע אפ אזא אויפנ, אופגעשטעלטע קאָמיוגישע פרויענ-געשטאלטנ.

ס'פארגעדענקט זיכ דאָכ דאָס בילד פונ „ניט-געדײַגעט", ווענ סאָרצע גייט ארויס מיט א לוסטע ברויט אינ דער האנט, — איז אָנשטאָט צו גיינ צו דער מעגלעכער דאָ אקטיאָריש־טראפארעטער געמעל פונ דער דאָרפישער פארפראָסטערטקײַט, פארוואנדלט לעוויטאס דעמ דאָזיקנ אויסערלעכנ מיטל אינ א קאָנטראסטירנדיקנ אויסגאנג-פונקט פאר כאָרצעס פײַנערנ קולטורעלנ געפילנ-אויסדרוק. אינ די באציונגענ צו טומינענ, צו דעמ אידעאָלאָגיש פרעמדנ דזשוינטישנ אגראָנאָמ, איז לעוויטאס ווידעראמאָל ניט אוועק אפ דער אקטיאָריש-פארלײַכטערטער ליניע פונ אָפענער פאראכטונג, זי האָט זיכ פארפאנצערט מיט א הומאָר-באציונג בענעגייע צומ דאָזיקנ אײַנגעליבטנ אינ איר אגראָנאָמ אונ דאָ אויכ פארקאָמפליצירט מיט זשאנר-עלעמענטנ דעמ כאראקטער פונ איר שפיל.

אינ דער פיעסע „טרואדעק" פונ זשול ראָמענ, וואָס דער מאָסקווער יידישער טעאטער האָט אופגעפירט, האָט לעוויטאס געשפילט די יונגע זשענעוויעוו. אינ דער דאָזיקער ערשטער ארבעט אירער האָט לעוויטאס אָפגעגעבנ איר גאָב דער מאסקנ-אינטערפרעטאציע פונ דער געשטאלט. אונ אינ יענער גראָטעסקארטיקער אויסטײַטשונג פונ דער ראָל האָט לעוויטאס שונ באוויזנ א אינטערעסאנטע נייגונג צו שילדערנ כאראקטער דורכ אייגנארטיקע שפיל־עלעמענטנ, וואָס טרעטנ אויס א וועג

פונ אויסערלעכער באוועגונג אונ אויסערלעכער שטימ־ענדערונג צומ אינערלעכנ אינהאלט אונ געפילנ־אויסדרוק. אזוינס איז די שפּיל אפ דער פלוצלינג בא אייניקע ווערטער געהעכערטער שטימ אינ דער סצענע פונ זשענעוויעווס ליבע־דערקלערונג. אזוינס איז די ליניישע טריט־באוועגונג בייס זי פארברענגט מיט טרואדעקנ. די שטרענגע עקסצענטריק פונ דער רעזשי־אופגאבע האָט לעוויטאס דאָ אינטימיזירט אונ באלעבט, פארוואנדלט די אויסערלעכע צייכענונג פונ דער באוועגונג אינ אויסדרוק פונ טיפ אונ כאראקטער. דער אופגעפירטער פערסאָנאזש פונ דער זשענעוויעוו איז דערומ אריבער טיילוויַז פונ מאסקע אינ טיפּ אונ מענטש. אינ איר ערשטער גרעסערער טעאטראלער ארבעט האָט לעוויטאס אזויארומ באשאפנ א גאנצ אָריגינעלע פרויענ־געשטאלט, וואָס האָט זיכ פארגעדענקט. פארגעדענקלעכ איז אויכ איר באשאפנע מאסקנ־געשטאלט אינ „באנאכט אפנ אלטנ מארק“. די שארפע רעזשי-צייכענונג פונ דער „אויסגעלאסענער“ האָט לעוויטאס געקריצט אינ דער טיפ, אופגעשטעלט בלויז דורכ דער שטומער פיגור דעמ עראָטישנ קאָשמאר פונ דעמ בורזשואזנ דעגענערירטנ באנאכט־לעבנ...

עמעס, די יונגע שטימ, דאָס, וואָס לעוויטאס האָט זיכ ניט איַנגעגעבנ ביַיטנ איר יונגע שטימ בעשאס זי האָט באדארפט שפּילנ ראָלנ פונ עלטערע פרויענ, אָט דער דאָזיקער מאנגל האָט געוויס געשטעמפּלט אייניקע ארבעטנ פונ דער באגאבטער ארטיסטנ. צומ אלעמערשטנ איז איר דעריבער ניט געראָטנ די פּאסיקע פאר איר זשאנר־ראָל פונ „פרומענ“ אינ „צענטנ געבאָט“, אונ דערנאָכ האָט עס איר ביכלאל געשטערט נעמענ אפ זיכ אויספילנ פרויענ-ראָלנ פונ פארשיידענעמ עלטער, פארברייטערנ אפ אזא אויפנ דעמ דיאפּאזאָנ פונ אירע אופגעפירטע געשטאלטנ.

אונ נאָכ. לעוויטאס איז געווענ א יונגע שוישפּילערנ, וואָס האָט נאָכ ניט באהערשט דעמ פולנ מימיק-אויסדרוק, ס׳האָט איר געפעלט די טעכניק פונ דער קלענערער אונ גאָר קליינער שפּיל־דעטאל, וואָס עס פאָדערט זיכ גראָד פאר דער זשאנר־שפּיל. דערצו האָט זי נאָכ ערטערוויַז סכעמאטיזירט, לעוויטאס, דאָרטנ דעריקער, ווו די ראָל פלעגט אריבער פונ איר ריינעמ שפּילפלאנ אינ פלאנ פונ גרעסערע סאָציאלע טאטנ אונ ליַידנשאפטנ. אָט אינ דער ריכטונג זיַינענ געגאנגענ דער שוישפּילערנס אָנגעשטרענגטע זוכענישנ בא דער ארבעט איבער דער ראָל פונ וואָלינא אינ דער פּיעסע „ספּעצ“. אינטערעסאנטע זוכעניש, וואָס זיַינענ באשטאנענ אָט אינ וואָס: דעמ מאנגל פונ סאָציאלער פארוורזאכטקיַיט אינ דער אופירונג פונ דער וואָלינא אינ דער פּיעסע האָט לעוויטאס געפּרווט קאָמפּענסירנ מיט שוישפּילערישע מיטלענ, באוויַזדיק פונ איַנוויַיניק, ווי די וואָלינא לעבט אויס אינ זיכ אונ פונ זיכ, אינ פּראָצעס פונ איר אייגענעמ פארטראכטנ זיכ, ווי זי לעבט אויס די איַינגעוואָרצלטע אינ איר רעשטלעכ פונעמ „ספּעציפישנ“ באוווסטזיַינ. צוליב דעמ טאקע האָט דאָכ לעוויטאס אליינ דערפונדנ די שפּיל מיט דער „קוקלע“, ווו די וואָלינא

האָט געזאָלט דיאַלאָגיזירן אַליין מיט זיך, דורכריידן זיך מיט איר אייגענעם אויפגעוואַכטן געוויסן...

אין דער פּערזאָן פון דער פאַרשטאָרבענער לעוויטאַס האָט דער מאָסקווער ייִדישער מעלוכע-טעאַטער געווים פאַרלאָרן אַ היפּש באַגאַבטע אַקטריסע, וואָס האָט אין די בעסערע ראָלן אירע געהאָלפן געפינען דעם וועג צום קינסטלערישן בילד און געשטאַלט. אירע בעסערע סצעניש פאַרקערפּערונגען בלייבן שוין דאָך אינעם אַקטיוו פון טעאַטער, זיי בלייבן פאַרשריבן אין דער געשיכטע פון דער כאַראַקטער-אויספאָרמירונג, אין דער שאַפונגס-געשיכטע פון מאָסקווער ייִדישן מעלוכע-טעאַטער.

4

מענדעלעכע פון מאַרקישעס „ניט געדיינגט" און נעכע פון בערגעלסאָנס „מידאַם האַדינ" — דאָס זיינען צוויי גרעסערע טעאַטראַלע אַרבעטן פון דער אַרטיסטן ל. ראָם, וועגן וועלכע ס'דאַרף גיין אַ רייד, ווען מע באַהאַנדלט די כאַראַקטער-פּערסאָנאַזשן פון דער פרויען-גאַלעריי, וואָס דער מאָסקווער ייִדישער מעלוכע-טעאַטער האָט אויפגעשטעלט. מענדעלעכע און נעכע — אין דיביידע אויפגעפירטע פיגורן, האָט ראָם פאַרווירקלעכט איר דראַנג פאַרצושטעלן דעם אַזויגערופענעם פאָלקס-טיפּ, געבן די שטייגער-פרוי סיי אין איר פּאָזיטיווער היימיש-לירישער פאָרמאַציע סיי אין איר נעגאַטיוון אויסזען פון אַ פאַרדאָרבענער מאַרק-ייִדענע...

ראָם איז אַן אויסגעצייכנטע אויספירערין פון פאָלקס-לידער. זי שפּילט זיי נאָך מער ווי זי זינגט זיי און דעם דאָזיקן געפיל פאַר דער פאָלקלאָר-שפּיל, פאַר דער פאָלקס-ליריק און פאָלק-הומאָר, האָט ראָם אַריינגעבראַכט אין אירע ביידע בעסערע אויפגעפירטע געשטאַלטן. איר איז געלונגען איבערגעבן סיי די אינטימע האַרציקע פּראָסטקייט פון דער האָרעפּאַשנער מענדעלעכע סיי די גראָטעסקירטע שטעלשע שלאַק-פיגור פון דער נעכע וואָלצעס. פון די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיש-שטריכירטע פּערסאָנאַזשן קאָן גיין, צו גלייבן, די אַנטוויקלונג פון ראָמס ווייטערדיקע אַרבעטן און ניט פון די פריערדיקע אויפגעפירטע מערערע ראָלן פון דעם קלאַסישן רעפּערטואַר. דאָרט איז פאַרראָם פונדעסטוועגן שווער געווען אַריינפּאַסן אירע פאָלקלאָריסטישע שטייגער-טענער אין דער שטרענגער ריטמיק און צייכענונג פון די קאָנסטרוקטיווע טעאַטער-פּרינציפּן. איר האָט זיך דעריבער ניט איינגעגעבן אַפּ אַ נייעם אויפן מיפּיזירן די מאַסקע פון דער באַוווסטער „באַבקעלעך-פאַרקויפערין" אין דער „קישעפמאַכערן", איר האָט זיך אָבער יאָ איינגעגעבן די עפּיזאָדישע פיגור פון דער ייִדענע אינעם „טויבנ".

אינעם זעלבן „טויבנ" איז דער אַרטיסטן עפּשטיין פולשטענדיק געלונגען צו שאַפן די גראָטעסקישע טעאַטראַליזירטע פיגור פון דער געליימטער מאַדאַם ביק. עפּשטיין האָט געהאַט אַ גאַנץ שווערע אויפגאַבע: אַריינ-

אָטעמענ לעבנ אינ דער האמעטנע־גרויסער מאָנומענטארטיקער מאסע, דורכ וועלכער די רעזשי אונ דער קינסטלער האָבנ פארטראכט פאָרצושטעלנ די שווערגופיקע אונ פאָרמלאָז־צעשוווּמענע שטעטלשע גווירע. דעמ דאָזיקנ אייגנארטיקנ פארטראכט האָט עפשטיינ פארווירקלעכט, באשאפנ אנ אויסדריקלעכ־סאָציאלע באלעבאטישע פרויענ־מאסקע, וואָס קאָנ אונ דארפ פארצייכנט ווערנ.

אייניקע אינטערעסאנטע ארבעטנ איבער דער פאָרמירונג פונ געשטאלט האָט אויכ באוויזנ די אקטריסע ל. ראָזינא. אינ איר עפיזאָדישער ראָל פונ „טויבנ" (די דינסט לייקע) האָט זי באוויזנ אריינטראָגנ א פרישנ שפילעוודיקנ טאָנ, באוויזנ אריינשניידנ זיכ אינ דער ארומיקער אָנגעשטרענגט־דראמאטישער אטמאָספער מיט איר הילכנדיקנ מיידלש-יונגנ געלעכטער, מיט איר ליבלעכ־לירישער באציונג צו דער ליידנדיקער כאווערטע. אונ נאָכ אינטערעסאנטער איז בא ראָזינא ארויסגעקומענ איר סצענישע ארבעט איבער דער ראָל פונ מוישקע קאָפאטש אינ „יוליס". די דאָזיקע ראָל פונ דעמ יונגנ אונטערערדישנ רעוואָליוציאָנער האָט ראָזינא אויסגעפירט אויסגעצייכנט, איבערגעגעבנ דעמ יונגנ טעמפעראמענט אונ די מאסנטימלעכע פירונג פונ דעמ דאָזיקנ רעוואָליוציאָנערנ יאטל. אינ די ביידע ארבעטנ האָט זיכ ראָזינא אופגעהויבנ אפ א העכערער שטופע איידער אינ איר ערשטער גרעסערער ארבעט אינ דער „קישעפמאכערנ". שפילנדיק דאָרט מירעלענ, האָט די אקטריסע, אלס אָנפאנגערנ דאנ, ניט געקאָנט איבערווינדנ דעמ אָוגענומענעמ טראפארעטנ סענטימענט פונ דער דאָזיקער געשטאלט אונ שאפנ די געפלאנירטע סאָציאלע מאסקע, וואָס זאָל טראָגנ אינ זיכ אנ איראָניע איבער דער דאָזיקער באלעבאטיש־סענטימענטאלער גאָלדפאדנ-באשעפעניש.

צווישנ די עפיזאָדישע ניט שלעכט אויסגעפירטע סצענישע ארבעטנ דארפ דאָ פארצייכנט ווערנ קארטשמערס זעלדקע, די יונגע ארבעטערנ פונ „יוליס". די אקטריסע קארטשמער האָט אויכ געגעבנ אנ אייגענעמ אונ אייגנארטיקנ וואריאנט פונ כאנקענ אינ „געריכט גייט". איר כאנקע איז נאיווער, קליינשטעטלדיקער, אָבער זי איז פול מיט יוגנט־שפיל אונ צוציענדיקער כיינעוודיקייט.

א רעוואָליוציאָנערע פרויענ-פיגור פונ דער צייט פונ בירגערקריג האָט אופגעפירט די אקטריסע אימעניטאָווא אינ „מידאס האדינ". שפילנדיק סאָשענ די סעקרעטארנ פונ רעווקאָמ, האָט די ארטיסטנ קלאל ניט אויסגעמיטנ „ריטאָרישע עלעמענטנ", אונ דאָכ האָט זיכ איר איינגעגעבנ ערטערווייז אופכאפנ די איבערגאנגענע פונ רעוואָליוציאָנערער פארנומענקייט צו לירישער פרויענ־מילדקייט, וואָס זי האָט געלייגט אינ גרונט פונ איר געשטאלטנ־צייכענונג.

א העכסט געלונגענע קאָמיגישע פרויענ־געשטאלט האָט באשאפנ די ארטיסטנ בערקאָווסקאיא אינ „ספעצ". די שוּפ פונ פלאסניק, וואָס די דאָ־

זיקע יונגע ארטיסטן האָט דורכגעמאכט, איז איר, אפּאָנעם, בײַגעשטאנען נים נאָר בא דער טעאטראַלער ריטמישער באוועגונג, נאָר אויך באם זוי־בערן, אויסדריקלעכ־פּלאסטישן איבערגעבן דעם געפילן-צושטאנד פון דעם אופגעפירטן פּערסאָנאזש, איבער וועלכן די אקטריסע ארבעט מיט פאר־שטאנד און באוווסטזײַן.

דאָס קאָמיוגישע מיידל פון „ספּעצ" באקומט זיך בא בערקאָווסקאיא וואָרהאפטיק און איבערצײַגנד. בערקאָווסקאיא האָט אין איר ארײַנגעגעבן א באזונדערע אינווייניקסטע רירנדיקע אופריכטיקײַט. אין שטים, אין גאנג, אין זשעסט און איבערלעבונג — אזא אָנגענעמע איינפאכקײַט, א לעבנס־איינפאכקײַט. פון אזא ארט שפּילן איז נים צו זען די זשאנר־עלעמענטן, די אָנשוילעכע כאראקטער־אויסבילדונג פון דער נײַער אופקומענדיקער גע־שטאלט ביפראט. אזא ארט שפּילן דערלאַנגט אָבער צומאָל דעם נײַעם גע־פילנגאנג, ער איבערצײַגט, אז דער נײַער סאָוועטישער מענטש טראָגט שוין אין בלוט און אינסטינקט וויכטיקע כאראקטער־שטריכן פונעם סאָציאַליס־טישן מענטש, אנדערש וואָלט דאָך זײַן נײַע אופירונג נים באקומען זיך אזוי איינפאכ אף דער בינע, אזוי עמעסדיק איינפאכ...

אין „מידאס האדינג" האָט בערקאָווסקאיא באקומען די ראָל פון יאָ־בעלסאָניכע. פאר דער ספּעציפיק פון דער דאָזיקער געשטאלט פעלן נאָך אויס בא בערקאָווסקאיא די נייטיקע שפּילעוודיקע מיטלען, אָבער די מענטשלעכ־לירישע מאָמענטן גיבן זיך געוויס אײַן דער ארטיסטן, וואָס איז נאָך יונג אף דער בינע און איז צוזאמען מיט נאָך יונגע אקטריסעס פון טע־אטער גרייט ארבעטן און דערגרייכן...

צענדליקער אינטערעסאנט אינטערפּרעטירטע פרויען-ראָלן, פילע געש־טאלטן, דעריקער, פון דער אונדזעריקער סאָוועטישערווירקלעכקײַט — דאָס איז דער סאכאקל פון פופצן יאָר ארבעט, וואָס די פרוי די אקטריסע האָט ארײַנגעבראכט אין מאָסקווער ייִדישן מעלוכע־טעאטער. דער אופקום און וווקס פונעם טעאטער איז איינער פון די פילע וווּנדערלעכע רעזולטאטן פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. דער איצטערדיקער ייִדישער שוישפּילער איז א נײַגעבוירענער, א סאָוועטישער, ער האָט דאָך אזוי ווייניק געהאט צו יארשענען פון דער פאר אים געוועזענער בירגערלעכער און קליינ־בירגערלעכער ייִדישער טעאטער-קולטור, ביפראט אפן געביט פון דער גע־שטאלטן־אויסבילדונג. אף דעם געביט איז דעריבער אזוי וויכטיק און ווערטפול אלץ, וואָס דער מאָסקווער ייִדישער מעלוכע־טעאטער האָט ארײַנ־געבראכט און אופגעזאמלט.

מאָסקווע, דעקאבער 1934.

פ. מאַרקיש, י. דאָבּרושינ

אקטיאָרישע וועגנ

(שטריכנ צו פּאָרטרעטנ)

אינ קײנ אײנעמ פונ די סאמע געלונגענסטע ספּעקטאקלענ האָט זיכ אזוי קינסטלעריש-רײפ אונ אינדיווידועל-אײגנארטיק ניט אנטפּלעקט דער אקטיאָרישער קאָלעקטיוו פונ מ.י.מ.ט. ווי אינעמ „קיניג ליר".

אָנגעהויבנ פונ די אזויגערופענע „טראנזיטע" ראָלנ אינ דער געניאַלער טראגעדיע ביז די סאמע אומיטלבארסטע פּארטניאָרנ, וואָס קרײצנ זיכ דורכ דירעקט דורכ דעמ פּערזענלעכנ גורל פונ דעמ קיניג אונ פונ גאנצנ הויפ, — האָט דער קאָלעקטיוו, אײנגאנצנ גענומענ, באוויזנ גרויסע סאכאקלענ פונ קינסטלערישנ וווקס, פונ שטײַגערונג אונ פונ אָנגעזאמלטע קויכעס, אינ אזא מאָס, אז ס'זאָל קאָנענ אנטפּלעקט ווערנ א גאנצע רײ פארשײדנארטיקע אקטיאָרישע אינדיווידואליטעטנ.

אינ אלגעמײנ איז אײנע פונ די וויכטיקסטע גרונט-אײגנשאפטנ, וואָס האָט באוועגט דעמ טעאטער אונ אימ געגעבנ די מעגלעכקײט קומענ צו אזעלכע גרויסע קינסטלערישע הײכנ, ווי די, מיט וועלכע ער איז געקומענ צו זײַנ פופצניאָריקנ יובילײ — די קינסטלערישע אָרגאניזירטקײט אונ דער צוזאמענשמעלצ פונעמ קאָלעקטיוו.

אינ יעטווידנ ספּעקטאקל פונ מ.י.מ.ט. איז שטענדיק געווענ דאָס סאמע איבערראשנדיקע דאָס, וואָס דער גאנצער קאָלעקטיוו האָט אפ דער בינע אינ אלע ספּעקטאקלענ געלעבט מיט אײנ צוזאמענגענומענעמ אונ קינסטלעריש-אָרגאניזירטנ אָטעמ. מע קאָנ זיכ אבסאָליוט ניט פאָרשטעלנ אינ „200 000" שטײמאנענ, גערטנערנ, גאָלדבלאטנ, נײענ אָפּגעטײלט אײנעמ פונעמ אנדערנ אינ אוועלכע־ניט-איז באזונדערע קינסטלערישע גויראָלעס, פונקט ווי זײ אלעמענ לאָזט זיכ ניט אָפּטײלנ פונ מיכאָעלסנ אונ זוסקינענ, ווײַל אינעמ אנסאמבל איז געוואָקסנ אונ האָט זיכ פאנאנדערגעבליט דער טעאטער. ס'איז שווער זיכ פאָרצושטעלנ פינקלקרויטנ, שידלאָנ, טשעטשיקנ, באסלאווסקינ, לוריענ, זילבערבלאטנ, לוקאָווסקינ, ראָגאלערנ אונ כאזאקנ אינ „לופט-מענטש" אָדער אינ דער „קישעפמאכערנ", — ניט ווי אָרגאנישע באשטאנדטײלנ פונ אײנ גרויסנ קינסטלערישנ מאסיוו. זײ זײַנענ נאָכ דאָ ניט אומעטומ גענוג אינדיווידואליזירט. ערשט אינ די שפּעטערדיקע סאָוועטישע פּיעסעס הײבט זיכ אָנ דער פּראָצעס פונ קינסטלערישער אינדיווידואליזירונג בא יעדנ באזונדער. אונ צו פארפולקומונג איז די דאָזיקע אינדיווידואליזירונג געקומענ אינ „קיניג ליר".

אפילע בא אזא אייגנארטיקנ ארטיסט, וואָס האָט גלענצענדיק אָנגע־הויבנ פונ דער קאָפּל־ראָל אינ „200 000“, ווי גאָלדבלאט, אונ וואָס זײַנ גאנצע גרונט־ענערגיע אינ קלאסישנ רעפּערטואר איז געווענדט אפ איבער־כאזערנ די מיכאָעלס־געשטאלטנ, אינ וועלכע ער האָט אָנ סאָפעק דער־גרייכט מוסטערהאפטע רעזולטאטנ, — איז שוינ אינ זשול־ראָמענס סאטירע „טרואדעק“, פאָרמירט ער אויס זייער א קאָלאָריטפולע אונ אינטערעסאנטע געשטאלט, וואָס ווערט דער געלונגענער אָנהייב פונ זײַנ שפּעטערדיקער סאָוועטישער אייגנארטיק־געקנאָטענער אונ פאָרמירטער טיפּנ־סעריע. אינ הענאכנ פונ „צענטנ געבאָט“, אינ דרויבקינענ פונ „דער געריכט גייט“, אינ ביקס זונדל, מענדל—פונ בערגעלסאָנס „דער טויבער“ — ביז צו דער שארפ געצייכנטער געשטאלט פונ פּעפּעסניק אינ „יוליס“, איז גאָלדבלאט געגאנ־גענ מיטנ וועג פונ רעאליסטישנ באנעמענ אונ אופאסנ זײַנ מאטעריאל, צײַטנווײַז מיט אנ אָפּנייג אינ דער זײַט פונ גראָטעסק. אינ אלע זײַנע געשטאלטנ האָט ער ארויסגעוויזנ שארפנ כוש פאר דער קולטור פונ וואָרט אונ ראפינירטקײַט פאר זײַנ קינסטלערישנ אָביעקט. ער איז אָנ סאָפעק איינער פונ די געציילטע, וואָס האָבנ ארויסגעהיט אפנ טעאטער עכטע זויבערקײַט צום ליטעראַרישנ טעקסט — אנ איניענ, וואָס איז אינ די ער־שטע יאָרנ פונעם טעאטער געשטאנענ בא אייניקע אפנ צווייטנ פלאצ. ביכלאל איז גאָלדבלאט אנ אקטיאָר פונ מאקסימאלער פּינקטלעכקײַט. זײַנ באגאבונג ווייסט ניט דעם טאם פונ פארשווענדערישער פלאפּלערישקײַט. זײַנ באוועגונג, זײַנ וואָרט, זײַנ זשעסט איז שטענדיק אָפּגעוויגנ מיט דער שטרענגסטער שפּאָרזאמקײַט. אונ אינ דער דאָזיקער קינסטלערישער אָפּגעוויגנקײַט סטא־ביליזירט ער זיכ פונעם ערשטנ ספּעקטאקל אָנ, אזוי אז ער לאָזט זיכ קי־מאט ניט איבער קיינ פרײַע רעזערווּנ פאר אנטפלעקונגענ אינ די ווײַטער־דיקע פאָרשטעלונגענ פונעם זעלבנ ספּעקטאקל. דאָס, פארשטייט זיכ, קאָנ אמאָל ארויסגעטײַטשט ווערנ ווי א באשטימטע באגרענעצטקײַט, אינעמעסנ איז דאָס א פעסטער אייגנס, מיט וועלכנ דער ארטיסט פאנצערט זיכ ארומ, — זיכ אונ אלע זײַנע שוישפּילערישע מיטלענ. זײַנ מעטאָד פונ שפּיל איז א ווערטפולער צושטײַער אינ דעם קינסטלערישנ אייגנס פונעם גאנצנ מ.י.מ.ט.

זײַענדיק איינע פונ די סאמע אָרגאניזירסטע שוישפּילער אינעם קאָ־לעקטיוו פונ מ.י.מ.ט., פארטיפנדיק זיכ שטענדיק אינ שעפערישנ זוכנ אלצ נײַע מעגלעכקײַטנ אונ מיטלענ, איז ער געקומענ צו זעלבשטענדיקער רעזשיסערישער ארבעט אינ ראָמענישנ טעאטער, ווו ער האָט זײַנ טעאט־ראלע קולטור, אָנגעזאמלט אינ מ.י.מ.ט., געקאָנט ארייבערטראָגנ מיט דער־פאָלג אונ ווערנ דער גרונט־לייגער פונ א נאציאָנאלנ טעאטער.

אנדערש איז דער וועג פונ שטיימאנ, וואָס האָט זײַנ גאנצע דערפא־רונג ארויסגעהיט צוליב פארברייטערנ זײַנ שוישפּילערישע גאמע, אָנ קיינע אָפּווײַכונגענ, ניט ארייבערשליסנדיק זיכ אינ ערגעצ ניט, אויסער די ברע־טער פונ דער סצענע.

פונ מארקוסנ אינ דער „קישעפמאכערנ" ביז קענטנ אינ „קיניג ליר" — דאָס איז דער וועג, וואָס דער אקטיאָר שטיימאנ האָט דורכגעמאכט אינ מאָסקווער ייִדישנ מעלוכע־טעאטער, א וועג — א מעהאלעכ מיט וויכטיקע אָפּשטעלנ: אינ „200 000", אינ „יוליס", אינ „מידאס האדינ" אונ אינ „דאנטיסט אונ מיליאָנער". אויסער „דאנטיסט אונ מיליאָנער" בעהערנ אלע שטיימאנס געשאפענע געשטאלטנ בעעצעם צו איינ קאטעגאָריע, צומ טיפּאוש, וואָס האָט א שײַכעס צומ אזויגערופענעמ פאָלק־מענטש, צומ מענטשנ, וואָס שפּיגלט אָפּ די מאסנטימלעכע אונ האמוינישע נאטורנ אונ כאראקטערנ.

ס'איז דאָכ צו באמערקנ, אז די אייגנארט פונ שטיימאנס מארקוס־אינטערפּרעטאציע איז אויכ באשטאנענ אינ דעמ, וואָס ער האָט בעעצעמ זײַנ מארקוס ארויסגענומענ פונ דער גאָלדפאדעניש־מאסקילישער הויט אונ האָט אימ פארקליידט פאר א מאסנ־מענטש, מיט אלע טנועמ אונ שפּיל־אויפאנימ, אונ אזויארומ געשאפנ אינ טאָכ א גוטמוטיקע פאָלקסטימלעכע מאסקע, ווײַל אלנפאלס שטעלט ער מיט זיכ פאָר דעמ מאסקל, וואָס די פאָלק־שפּיל האָט פאראָדירט ווי אנ אייגענעמ, א פונ איר קלוימערשט אויסגעוואקסענעמ.

אינ אָט די דאָזיקע מאסנטימלעכקײַט האָט שטיימאנענ דערנאָכדעמ געוויס געהאָלפנ שאפנ די צוויי בעסטערע ראָלנ פונ זײַנ טיפּנ־סעריע: אמדורנ פונ „יוליס" אונ שמועל וואָלציס פונ „מידאס־האדינ". די ביידע קעגנזעצלעכע פערסאָנאזשנ שטעמענ דאָכ פונ איינע אונ די זעלבע מאסנ־עלעמענטנ. אינ אמדורנ געווענדט מיטנ פּאָנעמ צו די פּאָזיטיווע אייגנשאפטנ, אונ אינ שמועל וואָלציס — צו די נעגאטיווע. אינ אמדורנ האָט שטיימאנ ארײַנגעטראָגנ די אומיספּבארע בונטארישקײַט, די פאָלקס־אָרנטלעכקײַט, באשאפנ די פארטיזאנישע נאטור, פונ וועלכער די באָלשעוויסטישע פארטיי האָט געשמידט דאנ דעמ שפּעטערדיקנ רויטארמייער, אונ אינ שמועל וואָלציס האָט שטיימאנ, פארקערט, ארויסגערוקט דאָס האמויניש־פארגרעבטע, דאָס קליינבירגערלעכ־פארדאָרבענע, דעמאסקירנדיק די אייגנטימערישע מיִעסקײַט אונטער טמימעסדיקער פארקליידונג פונ א מאסנ־מענטש.

אונ אָט די אלע פערסאָנאזשנ פירנ שטיימאנענ צו זײַנ קענט־אופאסונג אינ „קיניג ליר". א גוטע אופאסונג, וואָס גיט שעקספּירס טיפּ אויסדריקלעכע הארציק־פאָלקסטימלעכע כאראקטער־שטריכנ. אונ ס'איז גראָד אינטערעסאנט צו פארגלײַכנ שטיימאנס וועג צומ „קיניג ליר" מיט גערטנערס, אנ אקטיאָר, וואָס האָט אויכ אָנגעהויבנ פונ דער אויסגעשפּראָכענער פאָלק־מאסקע, פונ דער עליאָקומ־פיגור אינ דער „קישעפמאכערנ". אָבער שוינ דאָ אפּ דעמ „גרויזאמענ באנדיטוס" פונ דער פאָלק־שפּיל איז געווענ צו זענ, ווי פארשיידנ איינע אונ די זעלבע טיפּנ־קאטעגאָריע ווערט אופגעפאסט אונ אינטערפּרעטירט, ווענ אקטיאָרנ קומענ מיט פארשטאנד פאר אינדיווידועלנ טעאטער־שפּיל, בעשאס מע האָט ביכלאל צו טאָנ מיט אקטיאָרישע פערזענ־

לעכקײַטן, וואָס קומען אַפ דער בינע ניט בלויז פאָרשטעלן, נאָר אויך אופדעקן, באַווײַזן און אויסטײַטשן.

גערטנער לייגט אין זײַן עליאָקום-געשטאַלט דעם טראָפּ אַפ דער אויסגעשפּראָכענער סכעמע, אַפ די שנײַדנדיק פאַרשאַרפטע באַוועגונגען, וואָס גיבן דעם מאַסקנאַרטיקן אַנאַליז פון דער געשטאַלט. גערטנער פאַרמאָגט הייסע שוישפּילערישע בלוטן, טעמפּעראַמענט און פײַנע פּלאַסטישע מעגלעכקײַטן, און די אַלע עלעמענטן פון זײַן באַגאַבטקײַט האָט ער אָנגעווענדט אין זײַן עליאָקום־אופפירונג. געוויס האָט זיך אים אײַנגעגעבן פאַרשאַרפן אַפ אַזאַ אופן די אַלגעמיינע אויסערלעכע כאַראַקטער־שטריכן, וואָס באַצייכענען די דאָזיקע שפּילעוודיקע פיגור פון דער פאָלק-מײַסע, אָבער אָט די סכעמאַטישקײַט, די אופאַסונג, וואָס צענעמט דעם מענטשן, ווי אַ מעכאַניזם, אַפ איינצלנע צעגלידערטע באַוועגונגען, איז גערטנערן אויסגעקומען אויסצולעבן אין איניקע שפּעטערדיקע געשאַפענע געשטאַלטן.

אין דער מאָטל־ראָל פון „200 000", ווו גערטנערס טעמפּעראַמענט און פּלאַסטישקײַט זײַנען אָנגעווענדט אַפ אַ גלענצנדן אופן, פעלט דאָך די ניטיקע לירישקײַט, און לירישקײַט האָט דאָ באַטײַט אופנעמען די סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע האַנדלונג-מאָטיוו פונעם טיפּ און זיי אַרײַנטאָן אין געפיל און איבערלעבונג.

גערטנער האָט ניט דורכגעמאַכט מיטן מ.י.מ.ט. זײַן אַרבעט איבער דער סאָוועטישער דראַמאַטורגיע און דעריבער איז אים אויסגעקומען דעם וועג פון דער מאַסקע צום רעאַליסטישן טיפּ דורכצומאַכן אָקאָרשט איצט אַפ „דאַנטיסט און מיליאָנער" און אין שעקספּירס „קיניג ליר", אָבער גראָד אין די ביידע פאָרשטעלונגען האָט גערטנער באַוויזן דעם וווּקס פון זײַנע היפּשע אַקטיאָרישע פייִקײַטן, דעריקער אינעם „קיניג ליר", אין דער ראָל פון עדגאַר. טעמפּעראַמענט, הייסע אַקטיאָרישע בלוטן האָבן זיך דאָ פאַרייניקט מיט ריכטיקן אַרײַנטראַכטן זיך אין דער סאָציאַלער לאַגע פונעם געשאַפענעם טיפּ. גערטנערס עקסצענטרישע נייגונגען זײַנען דאָ קאָנטראָלירט געוואָרן און אופגעהויבן געוואָרן צו דער מאַדרייגע פון סאָציאַלע אויסדרוק-מיטלען. דער קלוימערשטער משוגענער עדגאַר ווערט ערטערווײַז די פירנדיקע פיגור אין דער סצענע, וואָס קומט פאָר אין סטעפּ, ווײַל זײַן קאָמפּליצירטע פאַרשטעלעניש, דער אופן, ווי ער ווערט בא גערטנערן „אויס מענטש", שפּיגלט דאָך אָפּ אַן איקער פון שעקספּירס טראַגעדיע, ווו ס'האַנדלט זיך וועגן אַ וועלט, וואָס האָט אָפּגעלייקנט דאָס מענטשלעכע, פאַרטונקלט און פאַרשוואַרצט דאָס מענטשלעך־קלאָרע און אָפענע...

אָבער אין דער דאָזיקער געשטאַלט, וואָס אין איר האָט גערטנער סומירט זײַן גאַנצן אַקטיאָרישן וועג, האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן אַ וויכטיקע אייגנשאַפט פונעם גאַנצן קאָלעקטיוו—געפיל פאַר אייגענעם סטיל.

און דאָ גלײַך בוז מען זיך אָפּשטעלן אַפ אַזאַ אייגנאַרטיקן טאַלאַנטירטן

אקטיאָר, ווי פינקלקרויט, וואָס באזיצט די דאָזיקע אײגנשאפט אינ זײער א דײַכער מאָס, כאָטש ער האָט נאָכ ניט געהאט די געלעגנהײַט זיכ פולשטענדיק באווײַזנ אזוי, ווי ס'דערלויבנ אימ זײַנע מעגלעכקײַטנ.

פינקלקרויט איז דורכגעגאנגענ דעמ פופצניאָריקנ וועג אינ מ.י.מ.ט. קימאט ווי בא דער זײַט. ער האָט קימאט ווי מיט אנ אויסנאמ פונ קיוועג אינ „ניט געדײַגעט" ניט געהאט אזעלכע ראָלנ, וואָס שטעלנ דעמ אקטיאָר גלײַכ אינ פאָדערפלאנ פונ אויפמערקזאמקײַט. אָבער אדאנק זײַנע אויסדרוקפולע מיטלענ, האָט ער יעדע ניט-אָנזעעוודיקע אונ ניט-באדײַטנדיקע ראָל קינסלעריש ארויסגערוקט. ער געפינט זיכ נאָכ אָפטמאָל אינ געפענקעניש באמ נאַיִוונ פרימיטיוו. אָבער פונ א פאָלק-פרימיטיוו, אינ אימ איז ער פארוואָרצלט, אונ פונ אימ ציט ער זײַנע זאפטנ, אונ ווענ ער דירט זיכ צו צו א פאָלק-מענטש, צו א מאסנ-מענטש, שפארט פונ אימ געזונטע אומיטלבארקײַט, וואָס איז אָפטמאָל שטארקער פונ זײַנע מעגלעכקײַטנ זי צו פארצוימענ. אָט האָט ער קימאט פונ עטלעכע פראזנ אינ „לופט-מענטש" ארויסגעקנאָטנ רעב אָשערנ, אונ די גאנצ קלײנינקע סצענע, וואָס ער פירט דורכ אינעמ ספעקטאקל, שנײַדט זיכ אײַנ אינעמ ספעקטאקל ווי א פרעכטיק-אויסגעפורעמטע סקולפטאָרישע דעטאל.

ביכלאל האָט פינקלקרויט נײגונגענ זיכ צו באגײנ מיט זײַנ וואָרט-מאטעריאל ווי מיט אנ אָנשוילעכנ אָביעקט. ער קנעט עס, דאָס וואָרט, אונ פורעמט עס ווי אזא מינ געדיכטע מאסע. דעריבער טרעפט זיכ, אז ער איז אמאָל ניט גענוג באוועגלעכ. אָבער אָט די צומאָל ניט-גענוגנדע באוועגלעכקײַט באווײַזט קראפט, עקספרעסיווקײַט אונ כאראקטער. אונ ווענ זײַנ סקולפטאָרישע בײזקײַט אונ הארטנעקיקײַט באגעגענענ זיכ בא אימ מיט זײַנ פרימיטיווננ פאָלקסטימלעכנ ליריזמ, גיט עס אימ א טראָג אופ צו זײער אינטערעסאנטנ, פאראלגעמײנערנדיקנ שפיל. אזא האָט ער זיכ באוויזנ אינ „יולים", אינ דער ראָל פונעמ פארטיזאנ גריגאָרי איוואנאָוויטש. דער כיסאָרנ איז אָבער אינ דעמ, וואָס אָט די אלע אינטערעסאנטע אײגנשאפטנ לעבנ בא פינקלקרויטנ בלויז אפנ כעזשבנ פונ זײַנ אָרגאניק אלײנ, אונ ניט פונ קולטור-דערפארונג. דעריבער שפארט פונ אימ אָפט ארויס א שרײַענדיקער ביאָלאָגיזמ, אָנ א געהעריקנ קאָנטראָל פונ געדאנק. דאָכ האָט זײַנ אָרגאניש ניט-פארטראָגנ קײנ שטאמפ אימ געגעבנ די מעגלעכקײַט צו שאפנ אזא קאָלאָריטע באלעגופישע געשטאלט, ווי קיווע אינ „ניט געדײַגעט". די דאָזיקע געשטאלט איז פאר פינקלקרויטנ געווענ אנ ערנסטער פרווו, ווײַל אינ טעאטער, פונקט ווי אינ דער ליטעראטור, איז דער באלעגופ געווענ פארשטאמפעוועט פונ אלע זײַטנ, אונ באפרײַענ זיכ פונ אָט דעמ „שטאמפ-צויבער" האָט מענ ווירקלעכ באדארפט האָבנ א סאכ קינסטלערישנ טאקט. פינקלקרויטנ האָט דער דאָזיקער טאקט ניט פארלאָזט אונ ער האָט געגעבנ א גלענצנדיקנ קיווע, מיט דעמ זעלבנ טאקט, אָדער „אינטויִטיווקײַט" איז פינקלקרויט געקומענ צו זײַנ קענענ אינ „קיניג ליר".

א ספעקטאקל, ווו ס'האָבנ זיכ באגעגנט אלע. דער גאנצער קאָלעקטיוו. אלע זײַנע אייגנשאפטנ דעם קאָלעקטיווס, אלע זײַנע פארשיידנארטיקע באגאבונגענ, כאראקטערנ, אינדיווידואליטעטנ — יעדער איז אפ דעם דאָזיקנ ספעקטאקל געקומענ זיכ נאָכאמאָל קינסטלעריש לעגיטימירנ.

אזוי איז מיט זײַנ ראציאָנאליסטישער דורכגעטראכטקײַט און געדאנקלעכער סובטילקײַט, ווי אינ אלע זײַנע געשטאלטנ, אויכ צו דער שעקספּירישער געשטאלט געקומענ דער געשולטער און געצוימטער שידלאָ.

אווראמצע פונ דער „קישעפמאכערנ“, בורמאנ פונ „געריכט גייט“, ראָנדער פונ „ניט געדײַגעט“, יאנוקאָווסקי פונ „יוליס“, פיליפּאָוו פונ „מידאס-האדינ“ און גלאָסטער פונ „קיניג ליר“ — דאָס זײַנענ די הויפּט-געשטאלטנ, וואָס שידלאָ האָט אויפגעשטעלט אינעם מאָסקווער יידישנ מעלוכע-טעאטער, פיגורנ פולבלוטיקע און פולווערטיקע.

ס'איז ניט צופעליק דאָס, וואָס שידלאָס שאפונגענ גייענ אפ דער ליניע פונ די פארוואָרצלטע שטאמ-פיגורנ אינ דער טיפנ-סעריע, וואָס דער מאָסקווער יידישער מעלוכע-טעאטער האָט אויפגעשטעלט. שידלאָ איז אנ אקטיאָר. אנ עכטער דראמאטישער אקטיאָר, פאר וועמענ שפילנ באטײַט: מיטנ גאנצנ ערנסט, מיטנ פולנ געוויכט אפילע פונעם קערפער ארײַנטרעטנ און באזעצנ זיכ אינ דער סאָציאלער און פסיכאָלאָגישער היימ פונ דעם פאָרגעשטעלטנ טיפאזש.

נאָכ אווראמצענ, נאָכ דער גאָב, וואָס שידלאָ האָט אָפּגעגעבנ דער מאסקנ-שפיל, האָט ער, וואקסנדיק פונ געשטאלט צו געשטאלט, געזוכט אינ טאָכ די יעניקע רעאליסטישע אויסדרוק-מיטלענ, בא וועלכע דער שוישפילער זאָל פארוואנדלט ווערנ אינ מענטש, און דאָס טעאטראלע, די אינ טאָכ באדינגלעכע און איליוזיאָניסטישע בינע-אייגנשאפטנ זאָלנ אָפּגעווישט ווערנ און אפ דער סצענע זאָל הערשנ ניט דאָס „ווי אינ לעבנ“, נאָר טאקע דאָס לעבנ גופע, ניט דאָס געשפילטע מענטשלעכע, נאָר דער לעבעדיקער מענטש אליינ, איינער פונ די, וואָס זיצנ אינעם צושויער-זאל, אפ די בענק פונ טעאטער.

דער אומיטלבארער שיגאָענ-פולער בורמאנ, דער וויסנדיקער „טוויאָרדי בעכאראקטער“ ראָנדעל, דער אויסגעפאָרמירטער אינעם אונטערערד פוילישער רעוואָליוציאָנער יאנוקאָווסקי, פיליפּאָוו מיט זײַנ גאנצער אינערלעכער באָלשעוויסטישער קאָנצענטרירטקײַט, דער אנטפלעקטער אינ זײַנ שטאָלצ און געבראָכנקײַט גלאָסטער — די אלע זײַנענ ווײַניקער פונ אלצ טעאטראלע שפיל-פארבנ פאר שידלאָ, דאָס זײַנענ סצעניש פארקערפערונגענ, אינ וועלכע שידלאָ שטרעבט אפ אנ אינטערעסאנטנ אופנ געבנ דעם דראמאטיש-רעאליסטישנ אדעקוואט אפ דער בינע. און די מאָמענטנ פונ זײַנ שוואכקײַט הייבנ זיכ אָנ אינ דער רעגע, ווענ ער קאָנ ניט איבערצײַגנ — דער מאנגל פונ טעאטראלער איליוזיע לאָזט דאָכ אימ ניט צודעקנ זיכ מיט שוישפיל — ווערט ער דאנ אומבאהאָלפנ און אייגנפאכ-עמפּיריש ביז — ביז ער געפינט ווידער

די קראפט אינ זיכ אפ צו דערהייבנ זיכ אפ זײַנ אייגענעמ אויפנ צו טיפּיזירונג אונ פאראלגעמיינערונג.

דעמ וועג פונ דער רעאליסטישער שפּיל האָבנ אויכ פונ לעכאטשילע אָנ באטראָטנ די צוויי באגאבטע אקטיאָרנ ניי אונ כאזאק. ניי שפּילט שטענדיק יוליסנ, ער צייכנט אימ מיט אינערלעכנ טאקט אונ אויסגעהאלטענער כאראקטער־שטײַפקײַט. ניי האָט באוויזנ א לעבנספולע זשאנער־שפּיל אינ וויערמאנ פונ „געריכט גייט”. זײַנ ארבעט אינ „קיניג ליר” איז געשטעמפּלט מיט יענער טעאטער־קולטור אונ געשולטקײַט, וואָס איז געוואָרנ די אייגנשאפט פונ דעמ גאָסעטישנ אקטיאָרישנ אנסאמבל.

כאזאק האָט געגעבנ א גוטע פארקערפּערונג פאר ביקנ אינ בערגעלסאָנס „טויבנ”. זײַנ קאסריעל פונ מארקישעס „ניט געדײַגעט” פארגעדענקט זיכ, אדאנק דער קרעפטיקער כאראקטעריסטיק פונ דעמ דאָזיקנ שטעטלשנ טיפּאזש. כאזאק פארמאָגט א סאכ שטייגער־זאפטנ אונ איז גענייגט צו הומאָר אינ שפּיל. זײַנע אמפּלוא־אייגנשאפטנ פאָדערנ נאָכ אויסקלאָרונג אונ פארקערפּערונג.

דער אקטיאָר לוקאָווסקי האָט זיכ אויסגעצייכנט אינ די אזויגערופענע שטומע ראָלנ, געשאפנ דעמ פערד פונ „ביניאָמינ דעמ דריטנ”, דעמ שטומענ אינ „מידאס־האדינ”, דעמ באָי פונ „צענטנ געבאָט” — אומעטומ ארויסגעוויזנ אייגנארטיקע שפּיל אפ זשעסט אונ באוועגונג, וועלכע ער פארוואנדלט אינ פארב אונ כאראקטער אפּילע.

ראָגאלער, באסלאווסקי, לוריע, טשעטשיק, זילבערבלאט זײַנענ געוואָקסנ אונ האָבנ זיכ אנטוויקלט אפ די עפּיזאָדישע ראָלנ פונ מ.י.מ.ט. עפּיזאָדישע ראָלנ אינ דער שפּיל־סיסטעמ פונעמ יידישנ מעלוכע־טעאטער באטײַטנ דאָכ אָרגאנישע זייער וויכטיקע אונ ווירקנדיקע דעטאלנ. די אלע אויספירער פונ די דעטאלנ פארווירקלעכנ א זייער פאראנטוואָרטלעכע אָנלאָדונג. זייער ארבעט קאָנ אינ א פולער מאָס אָפּגעשאצט ווערנ נאָר בא געהעריקער טעאטראלער אויספאָרשונג פונ יעדנ ספּעקטאקל, ווי א גאנצנ קאָמפּלעקס.

אינטערעסאנט איז צו באצייכענענ דעמ מערקבארנ וווקס פונ די יונגע ארטיסטנ־קאדרענ, וואָס זײַנענ פונעמ מאָסקווער טעכניקומ געקומענ אינ טעאטער. קארטשמער אינ „מידאס־האדינ” אינ ראָל פונעמ מעשאָרעס, זײַנ ארבעט אינ „קיניג ליר”, פּוסטילניק אינ דער ראָל פונ עדמאָנדנ אינ „קיניג ליר” אונ דער רויטארמייער פונ „מידאס־האדינ” אינ דער אויספירונג פונ הוקײַלאָ — דאָס זײַנענ קלאָרע דערגרייכונגענ פונ א יוגנט, וואָס האָט באקומענ אלע מעגלעכקײַטנ פונ וווקס אונ אנטוויקלונג.

בא דער סומארישקײַט פונ די דאָזיקע פארצייכענונגענ, וואָס פּרעטענדירנ אינ קיינ פאל ניט אפ וועלכער־ניט־איז אויסשעפּנדיקער ארבעט וועגנ דער פּראָבלעמ פונ אנסאמבל אינ גאָסעטישנ קאָלעקטיוו אונ וועגנ

דער שעפערישער כאראקטעריסטיק פונ יעדנ אקטיאָר באזונדער, לאָזט זיכ דאָכ אינ א געוויסער מאָס איינשטעלנ דער אלגעמיינער כאראקטער פונעם דאָזיקנ אויסגעצייכנטנ אנסאמבל, דער פארהעלטניסמעסיקער אינדיווידועלער וווּקס פונ יעדערנ באזונדער און די קינסטלערישע א יי נ ה יי ט, וואָס האָט זיי געגעבנ די מעגלעכקייט דורכצומאכנ אזא וויכטיקנ שעפערישנ וועג פונ דער „קישעפמאכערנ" ביז צום „קיניג ליר".

די דאָזיקע איינהייט אינגאנצנ גענומענ האָט געהאָלפנ אומוואלגערנ די נאציאָנאלע דאלעדאמעס און מיט קינסטלערישע רעכט זיכ ארייננרייסנ אינ דער מישפּאָכע פונ אונדזערע גרעסטע סאָוועטישע טעאטערס, וואָס זיינענ נאציאָנאל לויט דער פאָרם און סאָציאליסטיש לויטנ אינהאלט.

מ. ליטוואקאָוו

אורקוואלנ

דער מאָסקווער מעלוכישער ייִדישער טעאַטער האָט אינ די ערשטע יאָרנ פונ זײַנ גלענצנדיקער עקזיסטענצ זייער פיל שעפערישע אופמערקזאמקײַט אונ לײַדנשאַפט אָפּגעגעבנ דעמ אַלטנ ייִדישנ טעאַטער. ער האָט דעמ דאָזיקנ טעאַטער ניט נאָר געווידמעט די ערשטע פונ זײַנ גרויסער סעריע בראַכטפולע, קלאַסיש געוואָרענע פאָרשטעלונגענ — די „קישעפמאַכערנ", אינ וועלכער ער האָט דאָס ווערטפולע, וואָס עס איז געווענ אינעמ גאָלדפאַדנ-טעאַטער, קריטיש איבערגענומענ, איבערגעאַרבעט, דאָס אופגעהויבנ אַפ א גאָר הויכער מאַדרייגע, אונ דאָס נישטיקע, דאָס באַלעבאַטישע אינ אימ אָנ ראַכמאָנעס אַרונטערגעריסנ; — ער האָט אָט דעמ טעאַטער אינ זײַנ ווײַטערדיקער שונד-מאָדיפיקאַציע דערלאַנגט א טויט-קלאַפּ אינ די „דרײַ פינטעלעכ" אונ האָט זיכ דערנאָכ ווידער געווענדט צו זײַנ גאָלדפאַדענישנ אורקוואַל אינ „צענטנ געבאָט".

מע וואָלט אַפילע געקאָנט דעמ ערשטנ גרויסנ פעריָאָד פונעמ מאָסקווער מעלוכישנ ייִדישנ טעאַטער (1921—1928) אָנרופנ פעריָאָד פונ סאָוועטישנ איבעראַרבעטנ א טאָפּלטע ייִדישע קולטור-ירושע: סצעניש געשטאַלטנ אונ אַנטפּלעקנ די ירושע פונ מענדעלע — שאָלעמ-אַלייכעמ — פערעצ, פונ איינ זײַט, אונ פונ אופהייבנ די גאָלדפאַדענישע טעאַטער-ירושע פונעמ ראַנד פונ שונד, אַפ וועלכנ זי האָט זיכ צוליב געוויסע היסטאָרישע באַדינגונגענ א געוויסע צײַט געפונענ, צו דער מאַדרייגע פונ ייִדישער טעאַטער-קלאַסיק. דער מאָסקווער מעלוכישער ייִדישער טעאַטער האָט מיט זײַנ אַרבעט, אַזוי צו זאָגנ, אויסגעגליכנ דעמ פראָנט פונ ליטעראַטור אונ טעאַטער — זיי בײדע אוועקגעשטעלט אַפ איינ גאָר גרויסער הייכ.

ריידנדיק וועגנ דעמ אַלטנ ייִדישנ טעאַטער, מיינ איכ די גאַנצע צײַט דעמ גאָלדפאַדנ-טעאַטער אונ זײַנע ווײַטערדיקע ביז גאָר פאַרשונדעוועטע מאָדיפיקאַציעס אינ דער פאָרמ פונ דעמ לאַטײַנער (קאַצ אונ אַנדערע)-טעאַטער. דאָס איז אינעמ פריִציש-בורזשואַזנ רוסלאַנד געווענ די איינציק הערשנדיקע, עפעקטיווע ייִדישע טעאַטער-טראַדיציע. אינ אַמעריקע איז געווענ נאָכ א טראַדיציע — די גאָרדינישע (דער טעאַטער פונ דער „בעסערער פּיעסע" אַפנ באַנאַל-„פינקטלעכנ" לאָשנ פונ גאָרינענ אונ אַנדערע); — אינ רוסלאַנד האָט מענ נאָכ דער רעוואָליוציע פונעמ יאָר 1905 שטאַרק געקעמפט פאַר באַשאַפנ א וואַריאַנט פונ אַזא מינ טראַדיציע, נאָר ס'האָט זיכ ניט אויסגעקעמפט... די אָקטיאַבער-רעוואָליוציע האָט דעריבער

געטראָפן אין געביט פון יידישן טעאַטער קימאַט אויסשליסלעך די גאָלד-פאַדן-טראַדיציע, און דאָפּקע אין איר ערגסטער מאָדיפיקאַציע. מיט איר האָט עס זיך צוזאַמענגעשטויסן דער מאָסקווער מעלוכישער יידישער טעאַטער בא זיין אופקום.

וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דער גאָלדפאַדן-טעאַטער אין זיין „ריינער", אזוי צו זאָגן, אורשפּרינגלעכער פאָרמאַציע?

לאָמיר לאָזן רעדן גאָלדפאַדענען אַליין.

„איר מוזט וויסן, מיינע ליבע לעזער, — שרייבט גאָלדפאַדן אין זיינעם אַן אויטאָביאָגראַפישן אַרטיקל אין 1907 יאָר,[1] — אַז געבאָרן אין רוסלאַנד, שטודירט אין רוסלאַנד, באַלעזן מיט דער רוסישער ליטעראַטור, האָט מיך אַלס יונגערמאַן אויך באַהערשט דער רוסישער קולטור-גייסט. — דער געבילדעטער רוס, וואָס ער איז דער איינציקער טעאַטער-באַזוכער, האָט בעטעווע אַן עקל פאַר דייטשע און פראַנצויזישע נאַרישע בורלעסקע, אָפּערעטן, ציניש̇ע „שוואַנקען", „פאָסאַס" און מיוזיק-האָל אַטראַקשענס. זיין געזונטע לאָגיק פאָדערט ערנסטע, נאַטור-טרייע לעבנס-בילדער, ווי אין די ראָמאַנען, אויך אין די דראַמען. ווער עס האָט געהאַט אַמאָל די געלעגנהייט צו לייענען דעם ערשטן בארימטן קריטיקער „בעלינסקי", האָט זיך געקאָנט איבערצייגן, ווי שטרענג דער געבילדעטער רוס איז צו זיין פּרינציפּ און ווי שטאַרק ער פאַרדאַמט יעדע איבערטרייבונג און באַלאַגאַנשטשינע. ווען איך האָב אָנגעפאַנגען צו שרייבן פאַר דער יידישער בינע, האָב איך אויך געוואָלט גיין אַפ דעם זעלבן וועג, ווי מיינע לאַנדסלייט, און האָב פּרובירט אָנצושרייבן צוויי נאַטור-טרייע לעבנס-דראַמען".

איז וואָלט אים, — דערציילט ער ווייטער, — געווען באַשערט צו גרינדן זיין טעאַטער אין רוסלאַנד, „ווו עס זיינען דאָ פיל מעווינים אַפ וואָרע דראַמען", וואָלט עס אים געגעבן מוט צו אַרבעטן אַפ דעם זעלבן זשאַנר, און עס וואָלט זיך געשאַפן גאָר אַן אַנדער רעפּערטואַר. „דער צופאַל האָט אָבער געוואָלט, איך זאָל לייגן דעם גרונט-שטיין פונעם יידישן טעאַטער אין רומעניע, אין אַ לאַנד און פאַר אַ פעבל, וואָס צוריק מיט 30 יאָר האָט עס ניט קיין באַגריף געהאַט פון טעאַטער-ליטעראַטור". איז ווען גאָלדפאַדן האָט פאַר דעם עולעם אופגעפירט זיין ערשטע לעבנס-דראַמע „ריין, אַן קאָמיקער, אַן געזונגע", האָט מען זיך צו אים געווענדט מיט טענעס:

„מיר קומען ניט אין טעאַטער, מע זאָל אונדז אָנווייגען אַ קאָפּ!... מיר האָבן אונדזערע אייגענע צאָרעס אין דער היים פון ווייב און קינדער! מיר קומען אין טעאַטער, איר זאָלט אונדז אונטערהאַלטן, און פאַר אונדזער פראַנק ווילן מיר, איר זאָלט אונדז פריילעך מאַכן, און מיר זאָלן זיך גוט אָנלאַכן!"

1 ציטירט לויטן „אַרכיוו פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און דראַמע", ערשטער באַנד, ז. 267—269, אויסגאַבע פון ייוואָ, ווילנע — ניו-יאָרק 1930.

„און פון דעם פראנק פון אזוינע באזוכער,— דערציילט גאָלדפאדן,— איז דאן אָפגעהאנגען די עקזיסטענץ פונעם יונגן יידישן טעאטער — איך האָב מיך געמוזט דערווײַל בייגן נאָך דעם ווילן פונעם פובליקום און האָב מיך געטראכט: „לאָז נאָר דערווײַל דאָס קינד האָבן יאָרן, לאָז נאָר דאָס יידישע טעאטער אויסוואקסן און גרעדייען, און דאן, שפּעטער, ווען עס וועט שוין שטיין אפ א פעסטן באָדן, וועלן געוויס זיך יאווען נײַע טאלאנטפולע אווטאָרן, וועלכע וועלן אויסארבעטן פאר דער יידישער בינע ספּעציעלע יידישע נאטור-טרײַע לעבנס-דראמען".

„און איך האָב מיך געמוזט דערווײַל א וואָרפ טאָן קעגן מײַן ווילן אפ מוזיקאלישע מעלאָדראמען און אָפּערעטן".

קלאָגנדיק זיך ווײַטער, וואָס אים, „א מענטשן, וואָס האָט קיין נאָטן ניט געלערנט", איז אויסגעקומען צו שרײַבן מוזיקאלישע מעלאָדראמען און אָפּערעטן, שרײַבט ער: „איך ווייס, אז יעדער איז נײַגעריק צו וויסן און אפ יעדנס ליפּן זע איך שוועבן די רעטןלהאפטע פראגע: פונוואנען קומט צו מיר די מוזיק פון די יידישע אָפּערעטן?" און ער דערקלערט:

„עס איז א פאקט, אז אלע יידישע פאָלקס־דיכטער, וועלכע האָבן אפילע ניט געהאט קיין הויכע מוזיקאלישע בילדונג, פלעגן פון נאטור באנוצן די פייִקײַט צו שאפן אליין אייגענע מעלאָדיען צו זייערע לידער, ווי זבארזשער, צונזער און אלע אנדערע — ווי די מעלאָדיע איז בא זיי אויסגעפארבט, צי ערהאבן, צי פּראָסט, האָט זי געהײט די מײַלע, וואָס זי איז געווען צוזאמענגעקלעפט און אָנגעזאָסן מיט דעם וואָרט און מיט דער אידייע פונעם ליד אזוי פעסט, אז ס'האָט געווירקט מאגנעטיש אפ די געפילן פון פאָלק. אלס יונגער פאָלקס־דיכטער האָב איך, ווי עס ווײַזט אויס, אויך געהאט דעם זעלבן טאלאנט, און, שפּילנדיק אפ דער פּיאנאָ פון געהער, פלעגט זיך ארויסליִשן בא מיר דורך די פינגער שיינע יידישע געשמאקע ניגונימלעך, — איך ווייס אליין ניט פונוואנען! — וועלכע האָבן מיך באגײַסטערט צו א געוויסער אידיי פון א ליד, און ווערטער, וואָס האָבן זיך הארמאָניש צוזאמענגעגאָסן און האָבן שטארק געווירקט אפ דעם געפיל פון יעדן ניגון, וואָס האָט זיי געזונגען".

ווײַטער דערציילט ער, אז לעכאטכילע האָט ער געפּרוווט שאפן ספּעציעלע „בינע־מוזיק", „וואָס באשטייט פון מערשע, טענצע, כאָרן, דועטן אאוו., און די סאָרטן געפינט מען נאָר בא אומעס האָוילאָם". האָט ער געהאט געפּרוווט נעמען פון אלע אָפּערעטן און אָפּערעס, „אפילע בא וואגנערן" פארשיידענע מעלאָדיען, „קעדיי איך זאָל מיט דעם לײַטערן דעם מוזיקאלישן געשמאק פונעם יידישן פאָלק און לאנגזאם צוגעווינען זײַן אויער צו אייראָפּייִשער קלאסישער מוזיק". האָט עס אָבער דעם אוילעם ניט געגומען.

„איך האָב עס באמערקט — איך בין געווען געצוווּנגען צו פארבעסערן מײַן ווירקונג... איך בין באלד ארויס בא מײַן „קאָלדוניע" מיט דעם „הע-

קער" און „הייסע באבקעלעך, יידעלעך הייס", מיט מײַנע עכט-אָריגינעלע יידישע מאָטיוון.

„הא-הא-הא! דער ייִד האָט זיך מאמעש מעכײַע געווען און האָט געשלונגען די „הייסע באבקעלעך", און פון דעמלט אָן האָב איך מיך גע־מוזט נעמען צו דער פרישער „פריגישער טאָנארט" און מיט הילפע פון מײַנע קאפעלמײַסטערס און כאָר־דיריגענטן אויסצואַרבעטן פונדײַנעטסטעגנ יידישע נאציאָנאל-מוזיק.

„איך האָב געמוזט איבערלאָזן דאָס פעלד פון יידישע רעאליסטישע קאָמעדיען אן לעבנס-דראמען פאר אנדערע טאלאנטפולע יידישע אחטאָרן, און איך האָב געמוזט אָנעמען דעם וועג צו יידישע מוזיקאלישע מעלאָ-דראמען, אָפערעטן (אויב איר ווילט זיי אזוי אָנרופן), און די סעריע האָט דעם אָנפאנג גענומען פון „שמענדריק".

„נאָך אלעמען איז „שמענדריק" ניט קיין קאריקאטור, נאָר א טיפ פון דעם יידישן קרעטשמע־און דאָרפס־לעבן. אלע אומעט האָרלאָם האָבן איך זייער בינע־רעפערטואר יעדערע איר „שמענדריק"—פאָנוויזינ „בעדאָראָסל", די רוטענער האָבן זייער „סטעצקא", די רומענער האָבן זייער „וולאדוצו מאמא", קאָצעבו האָט מאסן פון זײַנע „באנזעלס" און „ווינצילס" אאוו."

מיר האָבן געבראכט אזא לאנגן אויסצוג פון גאָלדפאדנס ארטיקל, ווײַל מיר האָבן דאָ די געשיכטע און די כאראקטעריסטיק פונעם גאָלדפאדנ-טעאטער, נאָך אויסדערציילט און געשילדערט פון זײַן שעפער אליין. א קליינבירגערלעכער פאָלקס-אינטעליגענט, וואָס אונטער א שטארקער ווירקונג פון דער רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראטישער רוסישער ליטעראטור (בעלינסקי) נעמט ער אוף אפ א דעמאָקראטישן אויפן די אידייען פון דער האסקאָלע און שטעלט זיך פאר א ציל אופצוהייבן דעם קולטור-צושטאנד פון די אימ־פאָענטע מאסן, צו לײַטערן און דערציִען זייער געשמאק און שטרעבט דורכן טעאטער, וועלכן ער גייט שאפן און שאפט, אָפצוטאָן די מיסיע, וואָס עס האָט זיך דאן געשטעלט די ליטעראטור אין געשטאלט פון מענדעלע מוי־כער-ספאָרים און אנדערע. ער שטעלט די אופגאבע צו שאפן פאראלגע־מיינערנדיקע סצענישע געשטאלטן, וואָס זאָלן העלפן דעם „פעבל" (די מאסן) צו באנעמען די ווירקלעכקײַט, און אלס מאטעריאל און ניט־אויס־שעפלעכן קוואל פאר זײַן שעפערישער באגײַסטערונג ניצט ער דעם פראָג־רעסיוון פאָלקלאָר. פראָגרעסיוו געזעלשאפטלעכע ציל-געווענדטקײַט (קולטורעל דערהייבן און דערציִען די מאסן), די שטרעבונג צו שאפן פאראלגעמיי־נערנדיקע סצענישע געשטאלטן (שמענדריק, האָצמאכ, קלאסיש געוואָרענע פארשיידענע גאָלדפאדן-מאסקעס), פראָגרעסיווער פאָלקלאָר אלס אורקוואל פאר זײַן שאפונג,—דאָס זײַנען די גרונט־יעסוידעס, אף וועלכע עס האָט געזאָלט און געדארפט אופקומען דער גאָלדפאדן-טעאטער. אָבער די קליינבירגערלעכע ניט שטאנדהאפטיקײַט, וואקלדיקײַט, קליינבירגערלעכער באציאָנאליזם, וואָס איז געניגט אפילע אין דער סאָציאלער נויט אײַנצוזען דעם ספעציעלן

נאַציאָנאַלן ייִדישן „גאָלעס“, די נאָכגיביקייט דער סטיכיע פֿון די באַלעבעסלעך, וואָס ווילן ניט, אַז מע זאָל זיי אָנווייזן אַ קאָפּ“, דאָס הייסט, וואָס האָבן מוירע פֿאַר רעאַליזם אין דער קונסט—פֿאַרן קריטישן רעאַליזם פֿון דער גרויסער בורזשואַזער קונסט,—דאָס אַלץ האָט דעם טעאַטער אַראָפּגעפֿירט פֿון וועג, האָט פֿאַר אים געשאַפֿן פֿיל ניסיוינעס. גאָלדפֿאַדן איז אַוועק אָפּן וועג פֿון פֿאָלקלאָריסטישן ראָמאַנטיזם, וועלכער האָט זיך בא אים שטענדיק געפֿונען אָפּן ראַנד פֿון איבערגעבוירן ווערן אין נאַציאָנאַליסטישן ראָמאַנטיזם און האָט זיך טאַקע אָפּט אין אַזוינעם איבערגעגאָסן („שולאַמיס“, „באַר־קאָכבע“, „דאָקטאָר אַלמאַסאַדאַ“ און פֿיל אַנדערע פּיעסן זײַנען).

דער קליינבירגערלעכער קינסטלער, אָן אָנפֿירונג, אונטערן שטענדיקן דרוק פֿון די אָפּגעשטאַנענע מאַסן און באַלעבעסלעך, פֿון איין זײַט, פֿון דער סינע פֿון די באַלעבאַטישע פּײַנשמעקער און אָבסקוראַנטן, פֿון דער צווייטער זײַט, האָט זיך אונטערגעגעבן, אַליין אָפּט פֿאַרדאָרבן זײַן שאַפֿונג, איבערלאָזנדיק פֿאַר „בעסערע צײַטן“ און „בעסערע מענטשן“ („פֿאַר אַנדערע טאַלאַנטפֿולע ייִדישע אַוטאָרן“) דערטאָן די אַרבעט.

אַזוי אַרום איז באַשאַפֿן געוואָרן די אָנשטעקעוודיקייט פֿונעם גאָלדפֿאַדן־טעאַטער. צילגעוועגרטקייט, פּאַראַלגעמיינערנדיקע טיפּן און מאַסקעס, ברויזנדיקער פֿאָלקלאָר און... נאָכגיביקייט דער קליינבירגערלעכער צושויער־סטיכיע מיט איר „פֿינטעלע ייִד“־יעיִצערהאָרע...

די גאָלדפֿאַדן־טראַדיציע איז געוואָרן אַ קוואַל פֿאַר עכטער טעאַטער־באַגײַסטערונג און אַ ניסאָיען, אַ יעיִצערהאָרע צו פֿאַרשונדעוועט ווערן, צו ווערן דער אויסדרוק און דורכפֿירער פֿון נאַציאָנאַליסטישער רעאַקציע. דער ייִדישער טעאַטער איז דערנאָך אַוועק מיטן שונד־וועג.

אין אַמעריקע האָט זיך דער גאָלדפֿאַדן־טראַדיציע אין איר פֿאַרשונדעוועטער מאָדיפֿיקאַציע געפּרוּווט קעגנשטעלן דער גאָרדינישער „רעאַליסטישער“ טעאַטער — ס'איז אָבער געווען באַלעבאַטיש־באַגרענעצטער, פּויזנדיק־עספּירישער רעאַליזם, דורכגעזאַפּט מיט העכסט־פּרימיטיווער פּסיכאָלאָגיזירונג און עסטעטערײַ. אָט דער טעאַטער, דער טעאַטער פֿון דער „בעסערער פּיעסע“, האָט געהאַט די מײַלע, וואָס ער האָט פֿאַרן ייִדישן בורזשואַזן און קליינבירגערלעכן טעאַטער צום ערשטן מאָל ערנסט געשטעלט די פֿראַגע וועגן *רעפּערטואַר*, און שטעלן די פֿראַגע וועגן רעפּערטואַר הייסט אויך שטעלן די פֿראַגע וועגן אידעאָלאָגישער אָריענטאַציע. די מײַסע איז אָבער, וואָס אַפֿילע די רעפּערטואַר־פֿראַגע האָט מען זיך געקליגט צו שטעלן „ביכאַלי“, אין דער פֿאָרם פֿון אַ נאַציאָנאַל־עסטעטישן געמיש, מיט דער שטרעבונג צו פֿאַרהיטן די ייִדישע באַלעבאַטישע אָנשטענדיקייט, צו דעמאָנסטרירן די פֿײַנע געפֿילעכצן און איבערלעבעכצן, די מעלאָדראַמאַטישע נעשאָמע־„טיפֿקייט“ פֿונעם ייִדישן באַלעבאָס. איז דער דאָזיקער טעאַטער ניט בלויז ניט געווען אימשטאַנד צו באַזיגן דעם יעיִצערהאָרע פֿון שונד, נאָר ער

פלעגט זיך אים אַליין אָפּט אונטערגעבן, פאַרלירנדיק אַפילו זײַן אייגענע, גאַנץ אָרעמע, ספּעציפיק, און ניט געווינענדיק קיין אויסגעלאָסענעם „כיין" פון די שונדישע שטיק. דער דאָזיקער טעאַטער האָט קיין פעסטע טראַדיציע ניט געקאָנט ווערן אַפילו אין אַמעריקע.

אין רוסלאַנד האָט מען אָנגעהויבן קעמפן פאַר אַ „ליטעראַרישן" טעאַטער נאָך דער רעוואָלוציע פון 1905 יאָר. אויפגעקומענע אין דער צײַט פון נאַציאָנאַליסטישער, יידישיסטישער רעאַקציע, האָט דער דאָזיקער „לאָזונג"—„ליטעראַרישער טעאַטער"—ניט נאָר ניט געקאָנט אָפּרישן דעם דעמאָלטיקן יידישן טעאַטער און אים שטויסן אויף נײַע שעפערישע וועגן, נאָר ער האָט נאָך פאַרטיפערט זײַן קריזיס-צושטאַנד. ביפראַט נאָך, אַז אין דער באַוועגונג פאַרן „ליטעראַרישן טעאַטער" האָבן זיך געהאַט אײַנגעשפּאַנט צוזאַמען „אַ פערד און אַ צאַפּלדיקע אינד"—ווי ווײַטער, מוקדויני און... פּערעץ. נאָר ווי האָט געקאָנט אַרופירן דעם יידישן טעאַטער אויף נײַע שעפערישע וועגן אַפילו פּערעץ, וועלכער איז שוין געווען פאַרזונקען אין סימוואָליזם און יידישקײַט? אָדער וואָס פאַר גוטס האָט געקאָנט ברענגען דעם טעאַטער ווײַטער, וועלכער האָט מיט „וועכי"-כיינדלעך גערופן צוריק אין שול אַרײַן? הירשביינ, וועמעס שאַפונג האָט פאַרגעשטעלט אַ פריקרע געמיש פון קלייןבירגערלעכן סאַצימוואָליזם און גראָבן נאַטוראַליזם? אָדער עפּשער מוקדויני, וועלכער האָט אין קלאַרא יונגס קומען קיין רוסלאַנד אײַנגעזען אַ שריט פאָרויס אין דער אַנטוויקלונג פונעם נײַעם יידישן טעאַטער? עס איז דאָך זייער כאַראַקטעריסטיש, ווי מוקדויני דערציילט נאָך אין 1929-טן יאָר אין זײַנע „זיכרוינעס פון אַ טעאַטער-קריטיקער" וועגן דער „אַנטפּלעקונג", וואָס די טאַלאַנטפולע סוברעטן קלאַרא יונג האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט פאַר דעם יידישן טעאַטער. ער דערציילט אויספירלעך די געשיכטע, ווי זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יעיצערהאָרע אין „הויזנ". ער זעט אין דעם אַ גרויסע דערגרייכונג אין דעם, וואָס, זײַענדיק אין מאָסקווע, האָט קלאַרא יונג געווינט אין אַ רײַכסטן האָטעל: „מיך האָט בעעמעס געפּרייט צו זען אַ יידישע שוישפּילערן, וואָס פאַרשטייט ווי צו לעבן. זי איז געוואָרן אַ פײַנע דאַמע, אַ דאַמע מיט אַ פײַנעם טאָן אין ריידן און האַלטונג, אַ דאַמע מיט ווירדע און גוטן טאַקט"[1], — און דאָס האָט, נאַטירלעך, געהאַט אַ גרויסן באַטײַט פאַר דער אַנטוויקלונג פונעם יידישן טעאַטער...

דער קאַמף פאַר אַ נײַער טראַדיציע אינעם יידישן טעאַטער האָט, עמעס, אַרויסגערוקט די אַרטיסטקע עסטער ראָכל קאַמינסקי, אָבער טאַקע אָט די טיפע רעאַקציאָנערישקײַט און דערמיט פאַרבונדענע שעפערישע אומפּרוכטבאַרקײַט פון דער „באַוועגונג" פאַר אַ „ליטעראַרישן" טעאַטער האָט ניט געגעבן די מעגלעכקײַט דער דאָזיקער טאַלאַנטפולער אַרטיסטקע אויסצוּוואַקסן אין אַ באַטײַטפולער דערשײַנונג.

---

[1] ז. „אַרכיוו פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און דראַמע", ז. 389—391.

* * *

דער מאָסקווער מעלוכישער ייִדישער טעאַטער האָט זיכ אינעמ ערשטנ מאָמענט פונ זייַנ אופקומ אוועקגעלאָזט מיטנ נאַציאָנאַליסטיש-ייִדישיסטישנ שטראָמ אונ האָט זיכ געהאַט אייַנגעשלאָסנ אינ דער „באַוועגונג״ פאַר א „ליטעראַרישנ״ טעאַטער. דאָס איז געווענ דער ערשטער, דער אזויגערופע־נער פעטערבורגער פעריאָד אינעמ לעבנ אונ שאַפנ פונ אָט דעמ טעאַטער. מיכאָעלסעס „פּראָלאָג״, מעטערלינקס „בלינדע״, שאָלעמ אשס „אומ ווינטער״ אדג. זייַנענ געווענ דער אויסדרוק פונ קאמפ פאַר א „בעסערער פּיעסע״,— גאָכווייעניש נ פונ נאַציאָנאַליסטישער רעאַקציע. פאַרשפּעטיקטע אָפּקלאַנגענ פונ אָט דעמ „קאמפ״ פאַר א טעאַטער פונ א „בעסערער פּיעסע״ האָבנ מיר נאָכ דערנאָכ אינ די פאָרשטעלונגענ „גאָט פונ נעקאָמע״ שאָלעמ אשס אונ ווייַטערס „פּאַרטאָג״.

עמעס, דאָס זייַנענ געווענ שול־יאָרנ פונעמ מאָסקווער טעאַטער, אונ ער האָט געהאַט די מייַלע, וואָס הירשביינס אָרט האָט דאָרט פאַרנומענ מע-טערלינק — אנ אָנדייַטונג אפ א העכערנ קולטור-ניוואָ, אָבער אינ גרונט איז דאָס נאָכ געווענ ציִנז דער ייִדישיסטישער רעאַקציע, אונ דער טעאַטער האָט בעשום אויפנ ניט געקאָנט ציִענ ווייַטער אָט די „גאָלדענע קייט״ פונ ייִדישיס־טישע טעאַטער-טרוימענ. די פּראָלעטאַרישע רעוואָליוציע האָט אימ געשטויסנ אפ נייַע וועגנ. אפ וועלכע?

פונ איינ זייַט, האָט דער מאָסקווער מעלוכישער ייִדישער טעאַטער פאַר זיכ געהאַט די אייַנגעבירגערטע גאָלדפאַדנ־טראַדיציע פונעמ ייִדישנ טעאַ־טער — דעמ פאָלקלאָריסטישנ ראָמאַנטיזמ, וואָס, אָפּגעריייניקט פונעמ נאַציאָנא-ליסטיש-שונדישנ שלאַק, אנטהאַלט ער אינ זיכ קרויווישנ דראַנג צומ אל־פאָלקישנ כאַראַקטער פונ דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע. פונ דער צווייַ-טער זייַט, האָט ער פאַר זיכ געהאַט א גרויסנ מוסטער פונ רעאַליזמ אינ טעאַטער — פונעמ קריטישנ רעאַליזמ אינ דעמ פּראַכטפולנ מאָסקווער קינסט-לערישנ טעאַטער, וועלכער האָט זיכ אָבער דאַנ באַצויגנ קריטיש אינ דער ערשטער רייי צו דער פּראָלעטאַרישער רעוואָליוציע. אונ פאַראַלעל דערמיט האָט ער פאַר זיכ געהאַט דעמ מייערכאָלד-טעאַטער, וועלכער האָט מיט רע-וואָליוציאָנערנ ברויז אפ אנ עקספּערימענטאַלנ אויפנ געזוכט נייַע, רעוואָליו־ציאָנערע וועגנ צו טעאַטראַלנ רעאַליזמ.

דער מאָסקווער מעלוכישער ייִדישער טעאַטער האָט זיכ געווענדט צו דער גאָלדפאַדנ־טראַדיציע אינ איר אורשפּרינגלעכער, לעכאַטכילע פאַרטראַכ-טער, אָפּגערייניקטער פאָרמ, ער האָט זי קריטיש איבערגעאַרבעט, אונ אזוי־ארומ איז אופגעקומענ דער רעוואָליוציאָנערער פאָלקלאָריסטישער ראָמאַנטי־שער גראָטעסק אלס גרונט-סטיל פונעמ מאָסקווער מעלוכישנ ייִדישנ טעאַ־טער אינעמ פעריאָד 1921 — 1928. דער דאָזיקער סטיל האָט זיכ אנטפּלעקט שוינ אינעמ ערשטנ ספּעקטאַקל פונ דעמ פעריאָד — אינ דער שאָלעמ-אליי־

כעמ־פאָרשטעלונג, באזונדערס אינ „מאזלטאָוו", ווו מיכאָעלס האָט אזוי וווּנדערלעכ איבערגעוואָרפנ א בריק פונ שאָלעמ-אליינכעמענ צו גאָלדפאדענענ, אָנזאָגנדיק די פאָרשטייענדיקע דערהייבונג גאָלדפאדנס אונ די גלענצנדיקע טעאטראליזירונג שאָלעמ־אליינכעמס.

נאָר, ווי געזאָגט, שטעלט מיט זיכ פאָר די גאָלדפאדנ־טראדיציע א גרויסנ ניסאָיענ, א געפאר. פונ הויכער קונסט ביז „מיוזיק-האָל־אטראקשנ" אונ פונ פאָלקלאָריסטישנ ראָמאנטיזמ ביזנ נאציאָנאליסטישנ ראָמאנטיזמ איז דאָ אָפט ניט מער ווי איינ שפאנ. באזונדערס איז אינ דער הינזיכט די געפאר געווענ גרויס פריער, בעשאס דער גראנאָווסקי-אָנפירונג פונעמ טעאטער. דער מיוזיק־האָל־יעיצערהאָרע, דע־ביי אינ א נאציאָנאליסטישער פארפארבונג, איז באזונדערס שטארק געווענ בא גראנאָווסקינ, אונ ער האָט זיכ טאקע ניט איינ מאָל דורכגעריסנ אינ דער ארבעט פונעמ טעאטער, — צי איז דאָס געווענ אינעמ סמאקעווענ מאָמענטנ פונ „יעיצערהאָרע אינ הויזנ" אינ „סארא וויל א נעגער", צי איז דאָס געווענ אינ באטראכטנ וועלט-געשעענישנ מיט די אויגנ פונ א שאנסאָנעטקע אָדער אינעמ בילדיק „פריידענקערישנ" „מא טויוו אויהאָלעכאָ יִיזראעל" פונ ראבי רעב מאָריצ אינ „צענטנ געבאָט", אָדער אינ נאציאָנאל-ראָמאנטישע דורכרייסנ אינ „ביניאָמינ דעמ דריטנ".

נאָר דער עמעסער, אונדז אייגענער יעסאָד פונעמ טעאטער איז געווענ ניט גראנאָווסקי, נאָר מיכאָעלס, — דאָס איז ערשטנס. אונ, צווייטנס, די געפארנ פונעמ גאָלדפאדנ־ניסאָיענ האָט פאראליזירט די קאָמוניסטישע אויפזיכט אונ מיטארבעט־אינ טעאטער, אונ דער טעאטער האָט אזוי שעפעריש אויפגעברויזט, אז ער האָט געשאפנ ניט נאָר געניאלע מוסטערנ פונ קאָמעדיע, ווי די „קישעפמאכערנ", „דאָס גרויסע געווינס", נאָר אויכ וווּנדערלעכע טראגישע מאסקעס, ווי „באנאכט אפנ אלטנ מארק", „געט" אונ באזונדערס אינ „ביניאָמינ". ארבעטנדיק קלאסיש איבער קלאסיק לעכאטכילע אינ איר נאציאָנאלער טעמאטיק אונ אנטפלעקנדיק איר אינטערנאציאָנאלע באטייטעכקייט, איז דער טעאטער — דורכ א ריי פרוכטבארע ארבעטנ איבער ווערק פונ דער יידישער סאָוועטישער אונ רעוואָליוציאָנערער דראמאטורגיע — געקומענ צו באהערשנ די גרעסטע ווערק פונ דער וועלט־קלאסיק („קיניג ליר") מיט די מיטלענ פונ זיינ נאציאָנאלער פאָרמ.

* * *

נאָר דער מאָסקווער מעלוכישער יידישער טעאטער האָט געיארשנט אונ קריטיש איבערגעארבעט, פארפולקומט אונ סאָפקאָלסאָפ אפסנייע באשאפנ ניט נאָר א טעאטער־סטיל, נאָר אויכ א שול פונ אקטיאָרישער שפיל. אונ דאָ דארפ מענ אנערקענענ, אז אינ זינ פונ אקטיאָרישער שפיל האָט דעמ יידישנ טעאטער פיל געגעבנ ניט נאָר די גאָלדפאדנ־שפיל, נאָר אויכ דער אזויגערופענער טעאטער פונ דער „בעסערער פיעסע". אויב די גאָלדפאדנ־שול האָט דער־

צויגנ שוישפּילערישע דינאמיק, טעמפּעראמענט, די פֿייִקייט צו שאפנ מאסקעס, האָט דער טעאטער פֿונ דער „בעסערער פּיעסע“ סטימולירט די שוישפּילערישע פּסיכאָלאָגישע צייכענונג, אופגעצויגנ אקטיאָרנ מיט א דראנג אויסצושיילנ פֿונ די מאסקעס מער קאָנקרעטע טיפּנ, געשטאלטנ.

דער מאָסקווער מעלוכישער יידישער טעאטער האָט אינ זינ פֿונ אקטיאָרישער קולטור אופגעטאָנ קאָלאָסאל. ער האָט געשאפֿנ אנ אייִנהייטלעכנ טיפּ אקטיאָר, וועלכער האָט אינ זיכ אייִנגעזאפּט דעמ ברויזנדיקנ טעמפּעראמענט פֿונעמ גאָלדפֿאדנ־אקטיאָר, די פֿארביקייט און דינאמיק פֿונ זיינ מאסקנשפּיל מיט דער פּסיכאָלאָגישער פּארטיפֿטקייט פֿונ א געשטאלטנ־אקטיאָר.

די גרונט-אקטיאָרנ פֿונעמ מאָסקווער מעלוכישנ יידישנ טעאטער, די, וואָס דריקנ אימ אמבעסטנ און אמפֿולסטנ אויס, צייכענענ זיכ אויס דערמיט, וואָס זיי ניִיטיקנ זיכ, זיי פֿאָדערנ אָרגאנישע מיזאנסצענירונג. זייער שפּיל איז ניט אנ און פֿאר זיכ, אנ אָפּגעטיילטע האנדלונג, זי שטעלט מיט זיכ פֿאָר א קאָמפּלעקס, זי זעצט פֿאָרויס סאָציאלע פֿארבינדונגענ, קאָרעליאציעס. באזונדערס באציט זיכ דאָס צו מיכאָעלסנ. און די פֿארשיידענע מערקווירדיקע מיזאנסצענעס, אינ וועלכע ס׳קומענ פֿאָר מיכאָעלסעס אופטריטנ אינ אלע פּיעסנ, אינ וועלכע ער באטייליקט זיכ, ווערנ דעריבער ניט אזוי אויסגעדיכטעט פֿונעמ רעזשיסער, ווי קימאט דיקטירט פֿונעמ אקטיאָר. דאָס זעלבע, עמעס, שויִנ ניט אינ אזא מאָס, באציט זיכ צו זוסקינענ און, פֿארשטייט זיכ, אינ א סאכ א קלענערער מאָס, צו אלע גרונט־אקטיאָרנ פֿונעמ מאָסקווער מעלוכישנ יידישנ טעאטער.

זוסקינ איז אנ אקטיאָר פֿונ דער, אזוי צו זאָגנ, גאָלדפֿאדנ-שול, אופגעצויגנ, איבערדערצויגנ און דערהייבנ דורכנ מאָסקווער מעלוכישנ יידישנ טעאטער. ער איז אָרגאניש דורכ זיינע נאציאָנאלע געשטאלטנ און פֿונ זיי דערוואקסנ ביז זיינ שעקספּירישער שאפֿונג דעמ לעצ אינ „קיניג ליר“. ניט אומזיסט האָט זיכ זוסקינ אזוי פֿאָרזיכטיק באצויגנ צו זיינ אָנטייל אינ פּיעסנ מיט א ניט־יידישער טעמאטיק און האָט, לעמאָשל, דורכגעלאָזנ „טרואדעק“ אָנ זיינ אָנטייל. ער האָט גאנצ פֿאָרזיכטיק א פּרווו געטאָנ זיינע קויכעס אינ לאבישנ, אינ וועלכנ ער האָט סינטעזירט פֿיל מאָמענטנ פֿונ זיינע פֿריערדיקע שאפֿונגענ, און ערשט דערנאָכ זיכער זיכ גענומענ פֿארנ שעקספּירישנ לעצ.

מיכאָעלס האָט א פֿיל ברייטערנ קולטורעלנ דיאפּאזאָנ. גערעכנ האָט זיכ אויסגעדריקט וועגנ בעלינסקינ, אז ער, בעלינסקי, איז א „פֿארהארצטער מויעכ“. מיכאָעלס שטעלט מיט זיכ פֿאָר אינטעלעקטואליזירטע עמאָציע אָדער אנ עמאָציאָנעלנ אינטעלעקט, — ער גייט אקטיאָריש פֿונ גאָלדפֿאדענענ, ליטעראריש פֿונ פּערעצנ, — אָבער ניט נאָר פֿונ זיי. ער האָט געיארשנט אָנשיכטונגענ פֿונ דער רוסישער טעאטראלער קולטור, דעריקער, מייערכאָלדישע, דורכ פֿארשיידענע פֿארמיטלונג-רינגענ (נאָכ פֿונ די צייטנ פֿונ „באלאגאנטשיק“, „ליבע צו דריי אפּעלסינענ“ אדג.). אָבער די אלע עלעמענטנ אָר-

גאניש צונויפגעהעפט אונ צעמענטירט דורכ דער שול פונ „גאָסעט“, וואָס איינער — דער גרעסטער — פונ אירע גרונטלייגער אונ באשעפער איז מיכאָ־עלס אליינ.

פונ די ארטיסטקעס איז באזונדערס באוויזלעכ ר אָ ט ב ו י ם, וועלכע האָט געהאט אָנגעהויבנ מיט ציִענ ווייטער דעם פאָדעם פונ ע. ר. קאמינסקי, נאָר איז איבערגעבוירנ אונ איבערדערצויגנ דורכ דער גאָלדפאדנ-שול אינ איר מאָס. מעל. י. ט.-ישער אנטוויקלונג אונ דערהייבונג.

* * *

פארשטייט זיכ, אז עס איז נאָר שטריכנ צו דער כאראקטעריסטיק פונ אונדזער גרויסנ יובילאר, ניט אלע באשטאנד־טיילנ זיינענ דאָ באריִרט (ס׳פעלט כאראקטעריסטיק פונ דער מוזיק, פונ דער קינסטלערישער אויספורעמונג), ס׳איז געזאָגט געוואָרנ נאָר א פּאָר ווערטער וועגנ דעם „גאָסעט“ישנ אקטיאָר,— איכ האָב דאָ נאָר געוואָלט שטעלנ די פראגע וועגנ די אורקוואלנ פונ דער „גאָסעט“ישער קונסט.

אינהאלט

זײַט

ד. בערגעלסאָנ — באמ דניעפּער (קאַפּיטלענ פונעמ צווייטנ בוכ) . . . 3
א. קושניראָוו — דער אורטייל קומט (פּיעסע, צווייטער טייל) 36
ה. דאָבינ — טונזע (דערציילונג) 59
ש. האלקינ — אפ בירעבידזשאנער סאָפּקע (לידער) 72
ד. קליאצקינע, מ. ליסאק — אופלי (דערציילונג) 78
ב. מילער — גאָלד (דערציילונג) 90
פּערעצ מארקיש — אופגאנג אפנ דניעפּער (קאַפּיטלעכ פונ א פּאָעמע) 117
ש. גאָדינער — מוטערלאנד (דערציילונג) 214
ש. ראָסינ — אינ אָנהייב יאנוואר (לידער) 269
מ. ווינער — באמ מיטללענדישנ יאמ (פראגמענטנ פונ א היסטאָרישנ ראָמאנ) 277

פופצנ יאָר מאָסקווער יידישער מעלוכע-טעאטער:

י. נוסינאָוו — פופצנ יאָר 327
א. כאשינ — דער שעפערישער וועג פונעמ מאָסקווער יידישנ מעלוכע-טעאטער 349
פּערעצ מארקיש — מיכאָעלס אונ די יידישע קלאסיקער 371
א. גורשטיינ — וועגנ זוסקינס קונסט 390
י. דאָברושינ — די פרויענ-געשטאלטנ אינ מאָסקווער יידישנ מעלוכע-טעאטער 400
פּערעצ מארקיש אונ י. דאָברושינ — אקטיאָרישע וועגנ . . . 421
מ. ליטוואקאָוו — אורקוואלנ 429

РЕДКОЛЛЕГИЯ: Д. Бергельсон, М. Винер, С. Годинер, И. Добрушин, А. Кушниров, М. Литваков, П. Маркиш, И. Нусинов, И. Рабин.

Технический редактор — М. Погостер. Корректор — М. Иткович. Сдано в набор 1/IV 1935 г. Подписано к печати 26/IV 1935 г. Форм. бум. 62×94 1/16. 27 1/2 п. л. „Эмес“ № 53. Уполн. Главлита Б—4227. Тираж 3.000.

Типография изд-ва „Дер Эмес“, Москва, Покровка, 9. Зак. № 426.